STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06937

ALGEMEYNE IDISHE GESHIKHTE

Simon Dubnow

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמעון דובנאָוו.

אַלגעמיינע
אידישע געשיכטע

פון די עלטסטע צייטען ביז דער נייער צייט

איבערגעזעצט פון ה. קאַלמאַנאָוויטש.

זיבעטער טייל.

דער תלמודישער און מיטעלאַלטערליכער פעריאָד (ב).

די העגעמאָניע פון ארץ־ישראל־בבל און בבל־אַראַביען.

ווילנע, תר"ף—1920.

דרוקעריי ב. ציונסאָן און קאָמפּ., טראָקער גאַס, 13.

אינהאלט פון זיבעטען טייל.

דער תלמודישער און מיטעלאַלטערליכער פעריאָד (ב).

דריטע אָבטיילונג

די העגעמאָניע פון ארץ־ישראל־בבל (395—628).

זייט

אַלגעמיינער איבערבליק . . . .

די אידען פון סיריען און ארץ־ישראל אונטער דער ממשלה פון ביצאַנץ (קאַפּיט. I) 5

די אידען אין דער פערסישער בבל און אין אַראַביען. די עפּאָכע פון חתימת־התלמוד. (קאַפּיט. II) 29

די אידישע קאָלאָניע אין מערב־אייראָפּע אינ'ם V—VI יאָהרהונדערט (קאַפּיט. III) 50

פערטע אָבטיילונג.

די העגעמאָניע פון בבל־אַראַביען (628—950).

אַלגעמיינער איבערבליק 66

די אידען אין כאַליפאַט. זייער פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע לאַגע (קאַפּיט. I) 71

די שפּאַלטונג פון די קראים (קאַפּיט. II) 89

די קולטור און דאָס גייסטיגע לעבען פון די אידען אינ'ם כאַליפאַט (קאַפּיט. III) 103

די אידען אין מערב־און־מזרח־אייראָפּע אין VIII—X יאָהרהונדערט (קאַפּיט. IV) 126

דריטע אפטיילונג.

די פּאַלעסטיניש־באַבילאָנישע העגעמאָניע.

(628—395).

אַלגעמיינער איבערבליק.

§ 40. פון סוף 4־טען יאָהרהונדערט אָן, ווען די דעצענטראַליזאַציע פון דער רוימישער אימפּעריע האָט געבראַכט צו איר ענדגילטיגען צעפאַלען זיך אויף צוויי העלפט: אויף דער מזרח׳דיגער און אויף דער מערב׳דיגער, אויף ביצאַנץ און איטאַליע (395), איז דער גורל פון די אידען אין סיריען און ארץ־ישראל פאַרבונדען מיט ביצאַנץ, דער הערשערין פון אַזיע. איבער די אָריענטאַלישע אידען האָבען צו זאָגען די מלכים און די גלחים אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דער אידענטום קומט אין אַ צוזאַמענשטויס מיט דעם ביזאַנטיזם, דער קומענדיקער מאַכט פון מיטעלאַלטער, וואָס דריקט צונויף דאָס לעבען אין די צוואַנגען פון דאָגמאַטישען פאַנאַטיזם און רעכטליכער אונטערדריקונג. דער וועלט־הערשערי־שער געצענדינערישער רוים האָט (אַחוץ בשעת די שאַרפע מאָמענטען פון אַ רעוואָלוציע) נאָך געקענט שלום ווערען מיט דער אינווייניגסטער אַווטאָנאָמיע פון דעם אידענטום, אויף וויפיל די דאָזיגע אַווטאָנאָמיע האָט זיך ניט פאַר־מאָסטען אויף פּאָליטישער אומאָפּהענגיגקייט; אָבער דער נייער רוים אויף די ברעגעס פון באָספאָר, איינגאַנצן דורכגעזאַפּט מיט קאָנסערוואַטיוו־קירכליכע טענדענציעס, האָט ניט געקענט סובל זיין די אידישע זעלבסטפאַרוואַלטונגען, בפרט נאָך אין ארץ־ישראל. אויף ארץ־ישראל, אויף דעם היסטאָרישען פאָטער־לאַנד און דעם נאַציאָנאַלען צענטער פון דעם אידענטום, האָט ביצאַנץ געהאַט באַזונדערע פּרעטענזיעס: פאַר ביצאַנץ איז ארץ־ישראל געווען ניט סתם אַ אַזיאַטישע פּראָווינץ, נייערט זי איז געווען „דאָס הייליגע לאַנד“, דאָס לאַנד פון די מופתים פון דער עוואַנגעליע, דאָס לאַנד פון „גאָטס קבר“, פון טבילות אין ירדן, פון נוצרת און פון בית־לחם. די הערשערישע קירך פאַרטראָגט דאָ ניט די שכנות פון דער סינאַגאָגע, בפרט נאָך איר גלייכבערעכטיגונג. די געזעצליכע יורשטע פון דער משפּחה איז אומבעקוועם פאַר דער, וואָס דורך אַ גליקליכען צופאַל האָט זי באַקומען די אומבעוועגליכע גיטער פון דער געוועזענער יהודה. דער אידישער נשיא פון טבריה און דער קריסטליכער ביסקופּ אין ירושלים זיינען עפּעס ווי צוויי פיינדליכע קרעפטען — און דער נשיא מוז זיך

בעהאַלטען אין שאָטען און שפּעטער אינגאַנצען פאַרשווינדען, אַנזאָגענדיג דערמיט די ירידה פון דעם נאַציאָנאַל־אידישען צענטער אויף דער היימי־שער ערד.

געגען דעם אידענטום ווערט געפירט אַ מלחמה אי פון אויבען אי פון אונטען. די פרומע קריסטליכע פּיליגרימען און די מאָנאַכען די פאַנאַטיקער ברענען און מאַכען חרוב די אידישע בתי־מדרשים אין ארץ־ישראל, און אונ־טער דער דיקטירונג פון די ביסקופען גיט די ביזאַנטישע רעגירונג אַרויס גע־זעצען, אַז אידען טאָרען ניט בויען קיין נייע בתי־מדרשים. טיילמאָל רייסט זיך די רעגירונג אַריין אפילו אין דעם גייסטיגען לעבען פון די אידען: זי צווינגט זיי צו לייענען די תורה אין דער גריכישער איבערזעצונג, זי פאַרווערט זיי לערנען גמרא, זי בעדריקט די טעטיגקייט פון די ישיבות. צוגלייך מיט אַזעלכע גזירות אין דעם גייסטיגען צענטער פון אידענטום ווערן סיסטעמאַטיש בעגרע־ניצט די רעכט פון די אידען אין אַלע פּראָווינצען פון ביצאַנץ. די געזעצגעבונג פון קיסר טעאָדאָסיוס II און זיינע יורשים ביז יוסטיניאַנוס (ועד בכלל), שאַפט פאַר די אידען די לאַגע פון אַ „טאָלערירטער" נאַציאָנאַליטעט, וואָס שטייט אונטער דער אפּוטרופּסות פון אַ באַזונדערן שוץ־רעגלאַמענט. נאָך ניט אינגאַנצן פאַרגעסען די טראַדיציעס פון פרייהייט, זיינען די אידען אָפט מורד געגען די דאָזיגע נגישות'ן פון אונטען און געגען דער אונטערדריקונג פון אויבען. אויף דעם מאַסען־פּאָגראָם ענטפערען זיי אויך מיט אַ פּאָגראָם; זייערע אונטערדריקער ווערען געשלאָגען פון זיי אויף די גאַסן פון קיסריה, אַנטיוכיה און אלכסנדריה; זיי זיינען זיך נוקם פאַר דער פאַרשוועכונג פון די בתי־מדרשים און פאַר דער שענדונג פון די ספרי־תורות. סוף־כל־סוף זיינען זיי מורד גע־גען דער ביזאַנטישער רעגירונג גופא: זיי שטייען־צו צו די פערסישע חיילות פון כּוזראַי II, וואָס האָבען זיך אַריינגעריסען אין ארץ־ישראל, און העלפען זיי איינצונעמען דאָס לאַנד (614). אַ ביסעל צייט טרייסטען זיך די אידען מיט דער דערנידערונג פון זייערע אונטערדריקער, ביז דער קיסר הערַאַקליוס שטעלט ווידער צוריק די ביזאַנטישע ממשלה אין ארץ־ישראל (628). אָבער דער דאָזיגער ממשלה דראָהט שוין אַ אונטערגאַנג פון אַן אַנדער זייט — מצד'ן בּצחונ'דיגען חייל פון איסלאַם, וואָס אין עטליכע יאָר אַרום וועט ער פאַר־נעמען דאָס הייליגע לאַנד און וועט אין ירושלים אויפשטעלען אַ מעטשעט, אַלס סימבאָל פון הערשאַפט סיי איבער דער קירך, סיי איבער דער סינאַגאָגע.

טרויעריג וואָלט געווען דער גורל פונ'ם אידישען פאָלק, ווען ביצאַנץ זאָל געווען זיין די הערשערין פון מזרח. צום גליק אָבער האָט ביצאַנץ גע־מוזט טיילען איהר ממשלה מיט פּערסיען, וועלכע האָט אָפּגעהאַלטען דעם דרום מצד ביצאַנץ אויף די שכנישע טעריטאָריעס. טיילמאָל האָט פּערסיען גע־געבען ביצאַנץ גאַנץ שטאַרק צו פיהלען די קלעפּ אין סיריען און ארץ־ישראל.

דובנאָוו, VII.

אין דער פּערסישער בבל, וואו עס האָט שוין עקסיסטירט אַ אידישער אווטאָנאָמער צענטער, פלעגען אוועקגייהן יענע קרעפטען, וואָס האָבען ניט געקאָנט פונאַנדערבליהען אין דער היים. אַהין, אין דאָס לאַנד פון די רישי-גלותא און פון די ישיבות, האָט זיך אַריבערגעקליבען די נאַציאָנאַלע העגעמאָניע פון אידישען פאָלק. מיט דריי יאָהרהונדערטען צוריק האָבען די פיהרער פון אידישען פאָלק אין פּאַלעסטינע נאָך געקאָנט מבטל זיין זייערע קאָנקורענטען אין בבל דורך דער איראָנישער בעמערקונג: „מבבל (אָנשטאָט: מציון) תצא תורה" (§ 19), — איצט אָבער איז די איראָניע געוואָרען אַן אמת'ער פאַקט. ארץ-ישראל, וואָס איז געוואָרען אַרומגערינגעלט מיט אַ היסטאָרישער הייליגקייט, האָט איצט געמוזט טיילען איהר העגעמאָניע מיט בבל. דאָרט איז די געוועזענע פאָלקס-אווטאָנאָמיע ביסלעכווייז אויסגעלאָשען געוואָרען, אָבער דאָ האָט די פרייהייט פון זעלבסטפערוואַלטונג געגעבען די מעגליכקייט צו ענטוויקלען אַ גאַנצע און פולע אייגענאַרטיגע קולטור, הגם זי איז געווען איינגעשלאָסען אין בעשטימטע זעלבסטבעגרעניצענדיגע ראַהמען.

אויך אין פּערסיען זיינען אויסגעפאַלען אויפ'ן חלק פון די אידען שווערע טעג: ס'איז אויסגעקומען צו ליידען סיי פונ'ם פאַנאַטיזם פון די מאַגיער, די כהנים פונ'ם מאַזדאַאיזם, סיי פונ'ם ווילדווילען פון די מלכים און פון זייערע סאַטראַפּען. נאָר דאָס זיינען געווען בלויז צופעליגע רדיפות, וואָס פלעגען צייטענווייז אויפרודערן בלויז דעם אויבערפלאַך פון אידישען לעבען; ס'איז ניט געווען קיין סיסטעמאַטישער געזעצגעבערישער דרוק, ס'זיינען ניט געווען קיין ערנסטע פּרובען אָנצופאַלען אויף דער זעלבסטפערוואַלטונג פון די אידישע קהלות, אויף זייער גייסטיגער פרייהייט, אויף דעם פּרינציפּ גופא פון דער ממשלה פון די רישי גלותא. אָרטיגע און צופעליגע רדיפות האָבען די אידען פון בבל געקאָנט אויסהאַלטען און טיילמאָלס אַרויסווייזען קעגען זיי אַן אַקטיווען ווידערשטאַנד דורך זייער גאַנצער קאָמפּאַקטער מאַסע, דורך זייער שטאַרקער אינעווייניגסטער אָרגאַניזאַציע.

און אין דער דאָזיגער עפּאָכע ווערט מעגליך אויפצוטון אַזאַ ריזיגע גייסטיגע אַרבייט, ווי די צונויפקלייבונג און שליסונג פונ'ם תלמוד בבלי, פון דעם דאָזיגען קרעפטיגען פונדאַמענט, וואָס אויף איהם וועט אין משך פון יאָהרהונדערטען ווערען געבויט דער בנין פון דער יהדות.

אַזוי ווי נאָך דער גאָלדענער צייט פון די תנאים איז געקומען די זילבערנע צייט פון די אמוראים, אַזוי ווערט איצט די לעצטע פּעריאָדע דורך דער „קופּערנער צייט" פון די „רבנן סבוראי", די קריטיקער און רעדאַקטאָרען פון די תלמודישע טעקסטען. די איצטיגע געלערנטע זיינען קלענערע בר-סמכא'ס, איידער די עלטערע, זיי שטייהען אויף אַ נידעריגער מדרגה אין פערגלייך מיט די פריהערדיגע. ס'קומט פאָר אַ שנוי אין דער גייסטיגער אַרבייט אין זינען פון איכות, און זי ווערט אויך טיילמאָלס פערקלענערט אין כמות. נאָר עס גרייט זיך אַ געגרעטעניש פאַר דער צוקונפט, וואָס איהר שטייהט פאָר צו בעאַרבייטען

די אוצרות, וואָס זיינען אָנגעקליבען געוואָרען אין די פריהערדיגע יאָהר־הונדערטען.

אין אָנהויב פון דער קומענדיגער עפּאָכע בעדאַרף איבער דער פּערסישער אימפּעריע זיך דורכטראָגען אַ פּאָליטישער שטורעם, וואָס בעדאַרף אוועקשליידערן די דינאַסטיע פון די סאַסאַנידען און איבערגעבען דעם מזרח אין די הענד פון די אַראַבער, — נאָר דער אַוטאָנאָמער אידישער צענטער אין בבל וועט בלייבען שטייהן פעסט, „ווי אַ פעלזען־שטיין אין מיטען הארץ פון ים״, און וועט אפילו זיך אָנהויבען ברייטער און פולער צו ענטוויקלען.

אָן אַ זייט פון ביידע שטאַם־לענדער פון אידישען פאָלק — ארץ־ישראל און בבל, וואַכט אויף דאָס לעבען אין די קאָלאָניעס. אין טיעף אַזיען, אין אַראַביען, רוקט זיך אַרויס אַן אייגענאַרטיגע אידישע קאָלאָניע, עס פלאַקערט אויף און ווערט גיך אויסגעלאָשען דער מעטעאָר פון אַ „אידישער מלוכה״. דער פועל יוצא פון דער אידייען־אויפרודערונג, וואָס די יהדות האָט אַרויסגערופען צום לעבען, איז געוועזען דאָס, וואָס עס טרעט אַרויס אַלס וועלט־רעליגיע דער איסלאַם און מאַכט אַן איבערקעהרעניש אין דער גאַנצער געשיכטע פונ׳ם מזרח.

און אין אַן אַנדער ווינקעל פון דער אַלטער וועלט, אין אייראָפּייאישען מערב, בילדען זיך נייע קהלות. די מערב־רוימישע אימפּעריע, וואָס פאַלט אונטער די קלעפּ פון די „באַרבאַרען״, גיט אָב דעם גרעסטען טייל פון איהרע אידען די ביי־געגרינדעטע מלוכות פון די גאָטען, גאַליער און פראַנקען.

די אידען פון איטאַליען לעבען איבער אין V און VI יאָהרהונדערט אַלע צעטרייסלונגען, וואָס זיינען אויסגעפאַלען אויפ׳ן גורל פון דער אַמאָליגער הערשערין איבער די פעלקער און וואָס האָבען אוועקגעשטעלט אַ גרעניץ צווישען אַלטערטום און מיטעלאַלטער. רוים גייהט איבער כסדר אין די הענד פון די וועסט גאָטען, וואַנדאַלען, הערולען, אָסטגאָטען, ביזאַנטיער און לאָנגאָבאַרדען.

אין די געוועזענע פּראָווינצען פון רוים, אין שפּאַניען און גאַליען — וואָס איז איצט אַ מלוכה פון די פראַנקען — ווייזען זיך אַרויס בעדייטענדע אידישע קאָלאָניעס, וואָס האָבען עקזיסטירט דאָ שוין פון לאַנג. דאָס ליכט פון דער געשיכטע פאַלט אויף די דאָזיגע קאָלאָניעס פונ׳ם ווייטען מערב, — אַ שוידערהאַפטעס ליכט, וואָס זאָגט אָן אַ שרפה. דער שאָטען פונ׳ם מיטעלאַלטער שוועבט שוין איבערן וויג פון אידישען פאָלק אין אייראָפּאַ. די קריסטליכע גייסטליכקייט, וואָס נעמט אַן אָנטייל אין דער בילדונג גופא פון די נייע מלוכות, לייגט אונטער אין זייער פונדאַמענט דעם ברען־מאַטעריאַל פון רעליגיעזער שנאה.

פון דער נייער רוים ווערט אַהין אַריבערגעטראָגען דער גיפטיגער זאָמען פון רעליגיעזער פיינדשאַפט. עס ווערט אַרויסגעלאָזען אויף דער וועלט די שרעקליכע לעגענדע, וואָס שרעקט דערוואַקסענע קינדער, די לעגענדע וועגען אַ פאָלק, וואָס האָט גאָט דער׳הרג׳עט, וואָס איז נע־ונד אויף דער וועלט מיט קינ׳ס צייכען אויפ׳ן שטערן, וועגען אַ פאָלק, וואָס איז פיינדליך אַנטקעגען דעם אמת׳ן גלויבען און דער טריאומפירענדער קירך.

אויף דעם דאָזיגען זויער-טייג פון קירכליכען פאַנאַטיזם און פון ווילדען אָבערגלויבען גייהט אויף די ציוויליזאַציע פונ׳ם אייראָפּייאישען מערב; אויף איהם וואַקסט אויס דער געדאַנק פונ׳ם ניי-געטויפטען באַרבאַר, וואָס ווענדט זיינע בליקען פונ׳ם אומגעוואָרפענעם הילצערנעם געצענבילד צום הייליגען בילד פון דער קרייציגונג און וואָס פערשטייהט ניט די תורה, וואָס דאָס דאָזיגער הייליגער בילד סימבאָליזירט. ער הערט רייד פון פריינדשאַפט פונ׳ם מויל פון די, וואָס פריידיגען „די רעליגיע פון ליעבע״; ער פיהלט אפשר אומקלאָר די סתירה צווישען דער „דרשה אויפ׳ן באַרג״ און צווישען די מעשים פון די פאַנאַטיקער, ווי למשל אַ קלערמאָנער ביסקופ אַוויטוס אָדער די פּאָרשטייהער פון דער קאַטוילישער גייסטליכקייט, וואָס בענשען די וועסטגאָטישע מלכים פון שפּאַניען, זיי זאָלען פערטיליגען די יהודות; די דאָזיגע דרשות פון פיינדשאַפט ווערען גיכער אָנגענומען, איידער די דרשות פון ליעבע. די זאָמען פון אומטאָלעראַנץ און געוואַלדטאַט, וואָס זיינען אַריינגעוואָרפען אין דער ערד, גיבען גיך שפּראָצונגען, וואָס פערשטיקען דעם פאַמעליכדיגען וואוקס פון די הומאַנע געפיהלען. די רדיפות קעגען אידען אין דער וועסטגאָטישער שפּאַניען און אין קיניגרייך פון די מעראָווינגער דיענען אַלס בייזע סימנים פאַר דער צוקונפט.

אַזוי קומט פאָר אין דער עפּאָכע, וואָס ווערט דאָ בעשריבען, דער היסטאָרישער פּראָצעס אין דריי פּונקטען: אין געוועזענעם צענטער פון אידישען פאָלק— אין ארץ-ישראל, אין זיין איצטיגען צענטער—אין בבל, און אין זיין צוקונפטיגען צענטער—אין מערב-אייראָפּאַ.

דריטע אפטיילונג.

ערשטער קאַפּיטעל.

די אידען פון סיריען און ארץ־ישראל אונטער דער ממשלה פון ביצאַנץ.

טעאָדאָסיוס II און די אָפּשאַפונג פון דער נשיאות.

§ **41.** די מזרח־רוימישע, אָדער די ביזאַנטישע אימפעריע, וואָס האָט כולל געווען די מיט אידען געדיכט באַפעלקערטע פּראָווינצען סיריען, ארץ־ישראל און מצרים (פון יאָהר 395 אָן), האָט בנוגע אידען איינגעפירט אַ בעזונדער רעזשים. דער דאָזיגער רעזשים האָט זיך סומך געווען אויפן פּרינציפּ, אַז לייט פון אַ ניטקריסטליכער אמונה דאַרפען ווערען געשטראָפט פאַר זייער רעליגיעזען סעפּאַראַטיזם, און מ'דאַרף ביי זיי אָוועקנעמען געוויסע בירגערליכע רעכט. אין דער געזעצגעבונג בנוגע די אידען פון די ערשטע קריסטליכע קיסרים, פון קאָנסטאַנטין ביז טעאָדאָסיוס I, האָבען זיך נאָך געמערקט וואַקלענישען אָפטמאָל אפילו האָט די העכסטע רעגירונג אַרונטערגענומען אונטער איהר שוץ די רעכט פון די אַנדערשגלויביגע, וואָס די שוין צופיל פלייסיגע קנאים פון דער קירך האָבען זיי געטראָטען מיט די פיס. די דאָזיגע וואַקלעניש אין דער רעפּרעסיווער פּאָליטיק בנוגע אידען איז קענטיג אויך ביי די נאָענטסטע יורשים פון טעאָדאָסיוס I. ביסלעכווייז אָבער פאַרשווינדען די דאָזיגע וואַקלענישען און די פּאָליטיק פון גזירות ווערט אַלץ איינגעוואָרצעלטער און ברייטער. געהייליגט מיטן אַוטאָריטעט פון דער אַלמאַכטיגער קירך, ווערט די דאָזיגע פּאָליטיק דער אומבאַוירליכער יסוד פאַר דער רעכטליכער אָרדענונג פון דער קריסטליכער מלוכה.

אונטער קייזער אַרקאַדיוס I (די יאָהרען: 395—408) איז דער ביזאַנטישער רעגירונג אויסגעקומען צו שיצען די אידען געגען די גגישות'ן מצד דער פיינדליכער קריסטליכער געזעלשאַפט. די קייזערליכע דעקרעטען האָבען די שטאַטהאַלטער פאַרגעשריבען, אַז זיי זיינען מחוייב ניט צו דערלאָזען, אַז דער המון זאָל בעפאַלען די בתי־מדרשים. אויך זיינען זיי מחויב אָפּצוהיטען די אומבערירליכקייט פון דער זעלבסטפערוואַלטונג פון די אידישע קהילות און זעהן צו שיצן זייער „דורכלויכטיגען נשיא", מ'זאָל אים ניט באַליידיגען. אין

דער זעלביגער צייט אָבער איז דער פּאַרנעם פון דער אידישער זעלבסטפער־וואַלטונג שטאַרק פאַרשמעלערט געוואָרען. לויטן געזעץ פון יאָהר 398, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען אין דיביידע העלפטען פון דער רוימישער אימפעריע, האָבען די אידען געמוזט זייערע משפטים פּסקענען לויטן אַלגעמיינעם רוי־מישן דין; אפילו וועגען סיכסוכים, וואָס האָבען געהאַט אַ שייכות צו זייער אמונה, אָדער צו זייער „אַבערגלויבן" (דער געזעץ דריקט זיך אויס מיט פאַר־אַכטונג: ad superstitionem eorum), האָבען די אידען געמוזט זיך קערען צום אַלגעמיינעם בית־דין. אויב אָבער ביידע צדדים זיינען מרוצה געווען, אַז זייערע ציווילע מחלוקת'ן זאָלען ווערען געפּסקענט ביי אַ בוררים־משפט, דאַן מע־גען זיי זיך וועגען דעם קערען צו זייער נשיא אָדער צו אַנדערע חשובע אי־דען; אָבער דער פּסק פון אַזאַ געריכט ווערט ערשט בעשטעטיגט דורך דעם אָרטיגען אָפיציעלען טריבונאַל.

די טענדענץ פון בעגרעניצונגען אין דער געזעצגעבונג וועגען אידען האָט זיך געשטאַרקט אונטער'ן קייזער טעאָדאָסיוס II (די יאָהרען 423—450), וואָס איז געשטאַנען אונטער דער השפעה פון די קירכליכע פּאָליטיקער. אין דער זעלביגער צייט, וואָס דער קריסטליכער המון, אויפגעהעצט פון די מאָ־נאַכען, האָט אין אַ סך ערטער חרוב געמאַכט די בתי־מדרשים, האָט טעאָדאָ־סיוס II אַרויסגעגעבען אַ ריי דעקרעטען (די יאָהרען: 417, 423 און 439), וואָס האָבען פאַרבאָטען די אידען צו בויען נייע בתי־מדרשים; מ'האָט נאָר געמעגט רעמאָנטירען די אַלטע בתי־מדרשים, אויב זיי זיינען שוין געווען איינגאַנצען חרוב מחמת אַלטקייט; די אידען איז געווען שטרענג פאַרווערט איינצושאַפען זיך קריסטליכע קנעכט; פאַר מגייר זיין אַ קריסטליכען קנעכט האָט געקומט מיתה; אַ אידען, וואָס האָט זיך געשמד'ט, האָבען די קרובים זיינע ניט געטאָרט מעביר־נחלה זיין; אויף רעגירונגס־פּאָסטענס אָדער אויף חשובע געזעלשאַפטליכע שטעלעס האָט מען אידען ניט אָנגענומען. די אידישע שופטים האָבען ניט גע־טאָרט פּסקענען קיין שום סיכסוך צווישען אידען און קריסטען.

אונטער טעאָדאָסיוס II זיינען בטול געוואָרן די לעצטע רעשטלעך פון דער אידישער אַווטאָנאָמיע אין ארץ־ישראל, וואָס האָבען געהאַט אַ שייכות צו דער נשיאות. אין אָנהייב פונ'ם 5־טען יאָהרהונדערט איז נשיא געווען ג מ ל י א ל VI, פון היללס משפחה. דער דאָזיגער נשיא האָט געהאַט דעם טיטול „פּרעפעקט" און אַ עהרענדיפּלאָם פון קייזער. דאָס איז אָבער געווען אַ טיטעל אָהן שליטה, און אַ עהרע אָהן רעכט. די געזעצען, וואָס האָבען בעגרעניצט די רעליגיעזע פרייהייט און די אַווטאָנאָמיע פון די אידישע קהילות, האָבען דעם נשיא אַזוי שטאַרק געבונדען, אַז ער האָט ניט געקענט אַרויסווייזען קיין שום זעלבשטענדיגקייט. און ווען גמליאל האָט זיך דערוועגט עובר צו זיי אויף אייניגע פון די דאָזיגע שענדליכע גזירות, איז ער געוואָרען בעשולדיגט אין „אומגעזעצליכע מעשים".

דובנאָוו, VII.

דער דאָזיגער נשיא האָט ערלויבט צו בויען נייע שולען, פלעגט פונאַנדערקלייבען פראָצעסען צווישען אידען און קריסטען און האָט זיך ערלויבט צו טון נאָך עטליכע פרייע שריט קעגען די בעגרעניצונגס-געזעצען. דערפאַר האָט טעאָדאָסיוס דער II-טער אָבגענומען ביי איהם זיינע עהרען-טיטלען (§ 415). אַז ר׳ גמליאל איז געשטאָרבען אין עטליכע יאָהר אַרום און האָט ניט געלאָזען נאָך זיך קיין זיהן, איז די נשיאות אינגאַנצען אָבגעשאַפט געוואָרען (אַן ערך אין יאָהר 425).

אָבגעשוואַכט דורך די קלעפּ, וואָס די אידישע זעלבסטפערוואַלטונג האָט בעקומען, איז די נשיאות אויסגעגאַנגען פון אויסצעהרונג פון איהרע כחות. די אווטאָנאָמע אַנשטאַלט, וואָס האָט געווירקט מעהר איידער צוויי יאָהרהונדערטען אונטער דער ממשלה פון דער היידנישער רוים, איז פערטריקענט געוואָרען אין דער טויטענדער אַטמאָספער פון דער „נייער רוים", וואָס האָט ניט געקאָנט אריבערטראָגען, אַז עס זאָל זיין אַ סימן פון אַ זעלבשטענדיגען לעבען אין דער יהדות, וואָס האָט זי אַזוי פיינד געהאַט.

אויף די חורבות פון דער אידישער נשיאות האָט זיך אין ארץ-ישראל איינגעפעסטיגט דער קריסטליכער פּאַטריאַרכאַט. לויט דער החלטה פון דער כאַלקעדאָנישער קירכען-פערזאַמלונג (451) האָט דער ירושלם׳ער ביסקופ בעקומען דעם טיטעל „פּאַטריאַרך" און איז געוואָרען איינער פון די פינף פּאַטריאַרכען פון דער רומיש-ביזאַנטינישער אימפּעריע, וואָס מען האָט זיי צוגעגליכען צו די פינף חושים אין דעם אָרגאַניזם פון דער קירך. די טריאומפירענדע קירך האָט זיך געאיילט איבערצושמידען לויט איהר מוסטער די גאָלד פון דער בעזיגטער סינאַגאָגע.

אויפ׳ן שוועל פון מיטעלאַלטער.

§ 42. אונטער דעם דאָזיגען פּאָליטישען אויבערפלאַך פון לעבען האָט געקאָכט אין די טיפענישען פון די פאָלקס-מאַסען אָהן אויפהער אַ קאַמף פון ליידענשאַפטען, אַ קאַמף פון ראַסען און רעליגיאָנס-גרופּעס. דער דאָזיגער קאַמף האָט אָנגעצייכענט דעם וועג פאַר דער מיטעלאַלטערליכער קאַסטען-אָרדענונג, וואָס איהר מאָדעל איז איצט געמאַכט געוואָרען אין ביזאַנץ. קריסטען, היידען, אידען האָבען זיך געפונען כסדר אין אַ צושטאַנד פון בירגער-קריג. די אָנהייגער פון דער הערשענדער קירך האָבען אומעטום אונטערדריקט זייערע מיטבירגער אַנדערשגלויב׳יגע אָדער אַנדערשדייטענדע, און האָבען זיי געבראַכט ביז צו אויסערסטער ערביטערונג. אין אייניגע ערטער האָבען די אידען געפּרובט זיך אליין צו שיצען, און דאָרט, וואו זיי האָבען זיך אַרויסגעוויזען שטאַרקער, האָבען זיי זיך נוקם געווען אָן זייערע אונטערדריקער.

אינ׳ם אַלטען נעסט פון אידען-פיינדשאַפט, אין אַלכסנדריא של מצרים, האָבען די קריסטען גלייך גע׳רודפט די אידען און היידען, וואָס האָבען איצט, נאָך

זייער אמאָליגען קריג, געשלאָסען שלום צווישען זיך קעגען דעם בשותפישען פיינד. דער בעגייסטערטער פון די אַלכּסנדרינער פאנאטיקער איז געווען דער אָרטיגער אַרכיביסקופ קירילוס, איינער פון די „קירכען-פאָטערס“, וואָס איז געוואָרען בעריהמט דורך זיינע רדיפות קעגען אפיקורסים און אַנדערש-גלויביגע.

די רדיפות פון קירילוס'ען האָבען אַרויסגעבראַכט די אידען פון זייער געדולד, און זיי האָבען זיך גענומען פאַר עקסטרעמע מיטלען. אז אַ המון אידען האָבען איינמאָל דערזעהן אין טעאַטער איינעם פון דער דאָזיגער פאַרטיי, דעם אַגיטאַטאָר היעראַקאַס'ן, האָבען זיי אויפגעהויבען אַ געשריי, אז ער איז געקומען אַהער, בכדי אַרויסצורופען אַ פּאָגראָם. דער אַלכּסנדריגער פּרעפעקט אָרעסטעס, וואָס האָט, משמעות, געהאַט אַ גרונד צו גלויבען דער דאָזיגער בעשולדיגונג, האָט געהייסען אַרעסטירען דעם אַגיטאַטאָר און אָנטון איהם ענויים. באַלד נאָכ-דעם האָבען די אידען ביי-נאַכט אַרויסגערופען אַ טומעל, דורכדעם וואָס זיי האָבען פונאַנדערגעשפּרייט אַ קלאַנג, אז עס ברענט אַ קלויסטער אין אַלכּסנדריא; אז די קריסטען זיינען זיך צונויפגעלאָפען, האָבען זיי זיך אַ וואָרף געטאָן אויף זיי און האָבען זיי געשלאָגען. דעמאָלט האָט דער דערצאָרנטער אַרכיביסקופּ בעשלאָסען צו בעשטראָפען די אידען ווי געהעריג. ער האָט אָנגערייצט אַ המון קריסטען צו בערויבען די אידישע הייזער און שולען און האָט אַרויסגעטריבען די בערויבטע, האַלב-נאַקעטע אידען פון שטאָדט (415). דער פּרעפעקט אָרעסטעס, וואָס האָט מיטגעפיהלט די אידען, האָט גאָרנישט ניט געקאָנט טון קעגען דעם אַלמעכטיגען אַרכיביסקופ; ער האָט פערקלאָגט קירילוס'ן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, נאָר דאָרט האָט מען געלויבט דעם פאַנאַטיקערס אויפפיהרונג. פאַנאַטישע מאָ-נאַכען פון קירילוס'עס העלפערס זיינען אָנגעפאַלען אויפ'ן פערטיידיגער פון די אידען אָרעסטעס, און איין מאָנאַך האָט איהם פערוואונדעט אין קאָפּ.

פון דער דאָזיגער סביבה, וואָס איז געווען אָנגעזאָפּט מיט רעליגיעזען פאַנאַטיזם, זיינען אַרויסגעקומען אויך די מערדער פון דער בעריהמטער היפּאַ-טיאַ, וואָס האָט געלייענט אין דער אַלכּסנדרינער אַקאַדעמיע לעקציעס וועגען גריכישער פילאָסאָפיע: דיווילדע פאַנאַטיקער האָבען אַראָבגעשלעפּט די „מכשפה“ פון וואָגען, געשלעפּט נאַקעטערהייד איבער'ן גאַס און לסוף זי געטויט אין אַ קלויסטער.

אַזוי האָבען דער העלעניזם און די יהדות, נאָך אַ לאַנגער געגענזייטיגער מחלוקת אין משך פון פיעל דורות, געליטען פון איין און דעמזעלביגען שונא— פון דער קריגערישער קירך. דער העלעניזם האָט געהאַלטען ביי דער לעצטער גסיסה—ס'איז אָבגעשטאָרבען אין איהם ניט בלויז דער היידנישער קולט, נאָר אויך עפּיס בעסערס: די שאַפונג פונ'ם פרייען פילאָסאָפישען געדאַנק, פון דער פרייער קונסט. די יהדות האָט אָבער ניט נאָכגעגעבען: זי האָט געקעמפט פאַר איהר קיום מיט אַ נייעם שונא, אַ געפעהרליכערן, איידער דער אַלטער היידענטום, און זי וועט פיהרען דעם דאָזיגען אומגלייכען קאַמף ווייטער, אין משך פונ'ם גאַנצען מיטעלאַלטער...

אין אַן אַנדער גרויסען העלעניש-אידישען צענטער, אין אַנטיוכיאַ פון סיריען, איז פערשאַרפט געוואָרען דער קאַמף צווישען קריסטען און אידען. די אידען פון דער שכנות'דיגער שטאָדט אימנעסטאַר האָבען איין מאָל געפּרובט בקמה נעמען פון זייערע אונטערדריקער דורך אַ סימבאָלישער דעמאָנסטראַציע: אום פורים האָבען זיי געמאַכט „המנ'ס תליה״ אין דער פאָרם פון אַ קרייץ, האָבען דערויף אויפגעהאַנגען עפּיס אַ הילצערנע פיגור און האָבען די דאָזיגע פיגור געשלאָגען. צווישען פאָלק איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז די אידען זאָלען האָבען געקרייציגט אַ קריסטליך קינד. דער קייזער טעאָדאָסיוס דער II-טער האָט געהייסען שטריינג בעשטראָפען די אידען, וואָס האָבען גענומען אַן אָנטייל אין דער דעמאָנסטראַציע, און האָט בכלל פערבאָטען די אידען אויף להבא צו מאַכען דעמאָנסטראַציעס „אין המנ'ס יום טוב״ (415). די קריסטען פון אַנטיוכיאַ אָבער האָבען זיך נוקם געווען אָן זייערע אידישע מיטבירגער אויף זייער אייגענעם שטייגער: זיי האָבען פערכאַפּט די אָרטיגע שולען און האָבען ניט אַריינגעלאָזען אַהין די אידען. דער סירישער פּרעפעקט האָט זיך אָנגענומען פאַר די וואָס האָבען געליטען און האָט געמעלדעט דעם קייזער וועגען די געוואַלדטאַטען פון די איינוואוינער פון אַנטיוכיאַ. האָט דער קייזער געהייסען צוריקגעבען די אידען זייערע שולען. נאָר קעגען דעם דאָזיגען בעפעהל איז אַרויסגעטראָטען דער מאָנאַך-אַסקעט שמעון דער „זיילען-הייליגער״, וואָס איז געווען בעריהמט דורך די ענויים, וואָס ער פלעגט זיך אַליין אָנטון, און וואָס האָט געהאַט אַ שם פון אַ קדוש. דער דאָזיגער מאָנאַך האָט אַוועקגעשיקט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אַ גרימצאָרנדיגען בריעף, אין וועלכען ער האָט געפאָדערט, מען זאָל אָבשאַפען דעם זינדיגען בעפעהל וועגען אָבגעבען צוריק די אידען זייערע שולען, — און דער פרומער קייזער האָט נאָכגעגעבען; דער בעפעהל איז געוואָרען אָבגעשאַפט, און דער פּרעפעקט, וואָס איז ניט געווען בעקוועם פאַר דער גייסטליכקייט, איז דערוויטערט געוואָרען פון שטעל (423).

די צרות פון די אידען אין דער ביזאַנטינישער אימפּעריע האָבען אַרויסגעררופען צווישען זיי אַ משיחישע בעוועגונג. אויפ'ן אינזעל קרעטאַ, וואו די גריכען-קריסטען האָבען מורא'דיג געררודפ'ט די אידען און האָבען אפילו געפּרובט זיי אָרויסצוטרייבען פון דאָרט, האָט זיך בעוויזען אַ פאַלשער משיח, מיט'ן נאָמען משה, וואָס האָט צוגעזאָגט צו בעפרייען בדרך נס דאָס אידישע פאָלק פון קנעכטשאַפט און צו פיהרען עס אינ'ם הייליגען לאַנד. דער פאַלשער משיח האָט בעקומען אַ סך אָנהייננגער. די אידען פון קרעטאַ האָבען אַוועקגעוואָרפען זייערע הייזער און נחלאות און האָבען זיך געגרייט צו גייהן קיין ארץ-ישראל. אין בעשטימטען טאָג האָט משה, בראש פון אַ גרויסען המון גלויביגע, זיך געלאָזט גייהן צום ברעג ים און געהייסען זיינע אָנהייגער זיך אַריינוואַרפען אין ים, און דערביי האָט ער פערזיכערט, אַז די וואַסערן וועלען זיך פונאַנדערטיילען, ווי אַמאָל ביי יציאת מצרים, און אַלע וועלען גייהן אויפ'ן טרוקענעם גרונד פון ים. אַ סך לייכטגלויביגע האָבען ערפילט דעם בעל-מופת'ס בעפעהל. אייניגע זיינען דערטרונקען געוואָרען, אַנדערע האָט מען געראַטעוועט אין שיפלעך. ס'איז פערשוואונדען אויך דער פאַלשער משיח (אַן ערך

אין יאָהר 440). פון גרויס צער און האַרצווייהטאָג, האָבען אַ סך אידען פון קרעטאַ (אויב מען זאָל גלויבען דעם קריסטליכען כראָניקען-שרייבער) אָנגענומען דעם קריסטליכען גלויבען.

אין די צרות פון די אידען האָבען די פאַנאַטיקער איינגעזעהן אַ דער-נידעריגונג פאַר דער יהדות. ביי אַזאַ ווילדער מיינונג האָבען זיך געהאַלטען ניט בלויז די בלינדע קנאים, נאָר אַפילו אַזעלכע טיעפזיניגע טעאָלאָגען פון יענער צייט, ווי די קירכען-פאַטערס היעראָנימוס און אווגוסטינוס (געשט. אין יאָהר 420 און 430).

דער הייליגער היעראָנימוס, וואָס האָט פערבראַכט פערציג יאָהר אין ארץ-ישראל, האָט געשעפּט זיין טעאָלאָגישע בילדונג פון אידישע מקורים. צו איהם זיינען בעהאַלטענערהייד געגאַנגען געלערנטע תּלמודיסטען פון טבריה און לוד, האָבען איהם בעקאַנט געמאַכט מיט דער העברייאישער שפּראַך און האָבען מיט איהם געלערנט דעם טעקסט פון תּנ"ך. דער דאָזיגער לערנען האָט דערנאָך געגעבען היעראָנימוס'ן די מעגליכקייט צו מאַכען די בעריהמטע „וואולגאַטאַ"— די לאַטיינישע איבערזעצונג פון תּנ"ך, וואָס האָט אַרויסגעשטופּט פון געברויך די גריכישע סעפּטואַגינטאַ און איז געווען אין משך פון מיטעלאַלטער דער איינציגער טעקסט פון די כתבי הקדש, וואָס די קאַטוילישע קירך האָט אָנער-קענט. פון דער תּלמודישער ליטעראַטור און פון די דעמאָלטיגע אידישע דרשנים האָט היעראָנימוס אויך אַריבערגענומען זיין אַגדה-מעטאָד אײַנצוטייטשען דעם תּנ"ך.

פונדעסטוועגען האָט היעראָנימוס, — לויט ווי ער איז זיך אַליין מודה, — „געפּיהלט אַ גרויסע שנאה צו די אידען, וואָס פערשילטען נאָך עד היום אונזער גאָט אין זייערע שולען". מיט אַ געפּיהל פון פולער בעפרידיגונג בעשרייבט ער יענע בזיונות און זלזולים, וואָס עס שטייהען אויס די אידען, וואָס מיט גרויס מיה קומען זיי אַריין קיין ירושלים איין מאָל אין יאָהר, תּשעה באב, בכדי צו בעוויינען דעם חורבן בית-המקדש:

„ביז דער איצטיגער צייט — שרייבט היעראָנימוס, — איז די פאַלשע איינ-וואוינער (די אידען), נאָך דער טויטונג פון גאָטס קנעכט, און בעזונדערס פון גאָטס זוהן, פערבאָטען אַריינצוגייהן אין ירושלים; מען לאָזט זיי אַריין אַהין בלויז צום וויינען. זיי קומט אויס פאַר געלד צו קויפען זיך די ערלויבעניש צו בעוויינען דעם חורבן פון זייער מלוכה. יענע, וואָס האָבען אַמאָל געקויפט קריסטוס'עס בלוט, צאָהלען איצט פאַר זייערע אייגענע טרערען, און אַפילו קיין געוויין קומט זיי ניט אָן אומזיסט. אין יענעם טאָג, אַז ירושלים איז איינגענו-מען געוואָרען און צעשטערט דורך די רוימער, זעהסטו, ווי עס גייהט דאָס טרויעריגע פאָלק, ס'קלייבען זיך צונויף אָבגעלעבטע ווייבער און זקנים, בעדעקט מיט שמאַטעס, וואָס גאָטס צאָרן האָט אַרויסגעשיינט אַפילו אין זייער אויסווי-ניגסטען אויסזעהן און אין זייער קליידונג. ס'קלייבט זיך צונויף אַ המון אומ-גליקליכע, און דאָרט, וואו אויפ'ן ליכטשטראַהלענדען קרייץ האָט ווידער אויפ-

געלעבט גאָט, וואו פון הר הזיתים לייכט זיך דער פּאָהן פון קרייץ, בעווײנט די חורבות פון זיין בית-המקדש אַן אומגליקליך פּאָלק, וואָס איז אָבער ניט ראוי, מען זאָל אויף איהם רחמנות האָבען. נאָך שטייהען ביי זיי טרערען אין די אויגען, די הענד ציטערן, און די האָר זיינען צעשויבערט, — און דער סאָלדאַט (פון דער וואך) פאָדערט געצאָהלט, בכדי צו ערלויבען זיי נאָך צו וויינען... זיי שרייען איבער די אַש פון'ם הייליגטום, איבער'ן חרוב'ען מזבח, איבער אַנומעלט בעפעסטיגטע שטעדט, איבער די הויכע טורעמס פון בית-המקדש, וואָס פון זיי האָבען זיי אַנומעלט אַראָבגעוואָרפען יעקב'ן, גאָטס ברודער".

אַן אומגליקליך פּאָלק, וואָס איז אָבער ניט ראוי, מען זאָל אויף איהם רחמנות האָבען" — אָט דאָס איז דער אַכזריות'דיגער לאָזונג פון'ם נייעם רוים וועגען די אידען. די שרעקליכע לעגענדע וועגען פּאָלק, וואָס האָט אַ גאָט גע-טויט, גייהט איבער דער וועלט, וועקט שנאה אין די הערצער, מאַכט געדיכטער דעם נעפּיל אין די גייסטער און פערדרייהט אינגאַנצען די היסטאָרישע פּער-ספּעקטיוו. דאָס פּאָלק, וואָס האָט שטענדיג געטראָגען גאָט אין האַרצען, איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ פּאָלק פון גאָט-מערדער. דאָס אייביגע פּאָלק פון גייסט, וואָס שטרעבט מיט אַלע זיינע רעיונות צום הימעל, איז דערקלערט גע-וואָרען פאַר אַ מורד קעגען הימעל, פאַר פערשאָלטען און פערוואָרפען. דאָס איז אַ ביטערע איראָניע פון דער געשיכטע, אָבער אויף איהר באָדען שפּיעלט זיך פונאַנדער די שרעקליכסטע טראַגעדיע פון דער געשיכטע: די ווילדע טענץ פון'ם מיטעלאַלטער, די צרות און יסורים פון די שפּעטערדיגע יאָהר-הונדערטען...

דער הייליגער אַווגוסטינוס פון אַפריקא, היעראָנימוס'עס אַ בן-דור, וואָס איז געוואָרען דער עמוד התוך פון דער קאַטוילישער קירך, האָט אויך פּאָלע-מיזירט אין זיינע ווערק קעגען די אידען. אין דער ביבעל האָט ער אַרויס-געפונען אַ נבואה, וואָס, לויט זיין אַיינטייטשונג, האָט זי כלומרשט אָנגעזאָגט, אַז גאָט וועט פערוואַרפען „דאָס הויז יעקב", דאָס הייסט, די אידען, און וועט אויסדערווייהלען „דאָס הויז ישראל" — דאָס מיינט דער פּסוק די קריסטען. הגם ער האָט אַ סך זאַכען אַריבערגענומען פון דער אידיש-העלענישער פילאָסאָפיע (פילון'ס) און אַפילו פון דער תלמודישער אַגדה, פונדעסטוועגען האָט אַווגוסטינוס'עס שיטה, וואָס איז געגרינדעט אויפ'ן פּרינציפּ, אַז דעם מענשענס טבע איז אַ זינדיגע, ווינציג בעריהרונגס-פונקטען מיט דער תורה פון דער יהדות.

רדיפות קעגען אידען און שמרוגים; יוסטיניאַנוס'עס בעזעצען.

§ 43. אויב אין דעם קייזער טעאָדאָסיוס דעם II-טענס צייטען פלעגט די ביזאַנטינישע רעגירונג טיילמאָלס נאָך אַרויסטרעטען קעגען די מאַסען-אָנפאַלען אויף אידען, זיינען אָבער זיינע יורשים געווען פולקום איינשטימיג

מיט דער אידענפיינדליכער געזעלשאַפט בנוגע צו די אידען. „די אידען־פראַגע" פלעגט ווערען פערענטפערט אין דער פאָרם פון גאַסען־געשלעגען און פּאָגראָמען. דערמיט פלעגען זיך טיילמאָלס פערנעמען די פאַרטייען פון צירק, די „גרינע" און די „בלויע", וואָס האָבען געהאַט דעמאָלט אַ רעליגיעז־פּאָליטישען כאַראַקטער. אינ'ם קייזער זענאָנ'ס צייטען (זינט דעם יאָהר 474) האָט די פאַרטיי פון די „גרינע" אין אַנטיוכיא פערברענט די שול, אויסגע'הרג'עט אַ סך אידען און אַריינגעוואָרפען די קערפּערס פון די געטויטע אין פייער. אַז דער קייזער האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם, האָט ער אויסגעדריקט זיין אומצופרידענקייט מיט'ן פּאָגראָם דורך פאָלגענדע ווערטער: „די גרינע בעדאַרפען ווערען בע־שטראָפט דערפאַר, וואָס זיי האָבען פערברענט בלויז טויטע אידען, און ניט לעבעדיגע". ביי אַזאַ אונטערשטיצונג פון אויבען האָט דער קריסטליכער המון־עם געקאָנט פריי זיך לאָזען פיהרען פון זיינע ווילדע צעשטערונגס־אינסטינקטען. אין אַנטיוכיא האָט זיך איבער'גע'חזרט אַ פּאָגראָם אויף אידען, ווען אַהין איז אָנגעקומען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל אַ פאָרשטייהער פון דער פאַרטיי גרינע, דער צירק־רייטער קאַליאָפּאַ. אין פאָרשטאָדט פון אַנטיוכיא, דאַפנע, האָבען די גרינע אַרומגערינגעלט אַ שול און האָבען אַכזריות'דיגע דער'הרג'עט די מתפּללים (507).

די פערברענונג פון שולען און הריגות פון אידען זיינען אַריינגעגאַנגען אין פראָגראַם פון דער מיסיאָנערישער פּראָפּאַגאַנדע. מען האָט געהאַט בדעה אויף אַזאַ אופן צוצוציהען צו דער קירך די „אומגלויביגע". די אידען האָבען זיך אָבער ניט געלאָזט איינבעמען דורך אַזאַ מין פּראָפּאַגאַנדע — און דעריבער האָט מען זיך גענומען פאַר די האַלבע אידען, פאַר די שומרונים. דערביי האָבען די מיסיאָנערען געהאָפט, אַז דאָ וועלען זיי בעגעגענען אַ קלענערן ווי־דערשטאַנד, און זייער אַרבייט וועט זיין מיט מעהר הצלחה.

אָבער אומגעריכטערהייד האָבען די מיסיאָנערען אויך דאָ אָנגעשטויסען זיך אויף אַ שטאַרקען ווידערשטאַנד. די שומרונים זיינען געווען אויפגערייצט דורך די אונטערדריקונגען מצד דער קריסטליכער גייסטליכקייט און מצד דער אַדמיניסטראַציע, וואָס האָט זיך נאָך איהר נאָכגעשלעפּט, און זיי זיינען דעריבער אָנגעפאַלען אין זייער הויפּטשטאָדט נאַבלוס (נעאַפּאָליס, שכם) אויף די קריסטען, האָבען אויסגעהרג'עט אַ סך פון זיי און צערויבט די קלויסטערס. דערפאַר זיינען די שומרונים, אויף דעם קייזער זענאָנס בעפעהל, אַרויסגעטריבען געוואָרען פון נאַבלוס; אויף זייער הייליגען באַרג גריזים האָט מען אויסגעבויט אַ קירך אין נאָמען פון גאָטס מוטער (490).

אין פיער יאָהרצעהנדליג אַרום איז צווישען די שומרונים ווידער אַמאָל אויסגעבראָכען אַן אויפשטאַנד (530). אונטער דער אָנפיהרונג פון זייער עלט־סטען אָדער „קעניג" יוליאַנוס בן סבר, זיינען זיי אין פערשיידענע ערטער פון פּאַלעסטינע אָנגעפאַלען אויף די קריסטען, האָבען גע'הרג'עט און בערויבט זיי, צעשטערט קלויסטערס. די ביזאַנטינישע רעגירונג איז געווען געצוואונגען אַרויסצושיקען קעגען די מורדים אַ חייל. ביים איינשטילען דעם אויפשטאַנד

זיינען אומגעקומען זיינע אָנפיהרער און אַ סך שומרונים; אַ סך האָבען זיך גע-ראַטעוועט דורכדעם, וואָס זיי האָבען אָנגענומען לפנים די קריסטליכע אמונה.

דאָס איז געשעהן שוין אין דער צייט פון קייזער יוסטיניאַנוס (527—565), בשעת די אונטערדריקונג פון אַנדערשגלויביגע און אַנדערשדיינקענדע הערעטיקער, (קריסטליכע סעקטירער, אַפיקורסים), איז אין ביזאַנץ איינגעפיהרט געוואָרען אַלס סיסטעם. די היידען, שומרנים און אידען זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרען אויסער דעם שוץ פון די אַלגעמיינע געזעצען. דורך אַ גאַנצער רייה פון נייע דערנידעריגענדע געזעצען זיינען די בירגערליכע רעכט פון די אַנדערש-גלויביגע געוואָרען בעגרעניצט ביז גאָר. יוסטיניאַנוס'עס דעקרעט פון יאָהר 531 האָט אָבגענומען ביי די אידען און ביי די סעקטירער דאָס רעכט צו זאָגען עדות אין געריכט קעגען רעכטגלויביגע קריסטען. אידישע עדות פלעגען קענען אַרויסטרעטען בלויז אין פּראָצעסען צווישען אידען גופא. די שומרונים זיינען אין דעם פּרט אַוועקגעשטעלט געוואָרען נאָך נידעריגער: זייערע בע-ווייזען אַלס עדות אין געריכט פלעגט מען גאָרניט גלויבען. ביי זיי האָט מען אַפילו אָבגענומען דאָס רעכט צו מאַכען אַ צוואה וועגען זייער אייגענס לויט זייער ווילען. דאָס איז געווען אַ שטראָף פאַר דער מרידה, וואָס איז ניט לאַנג פאָרגעקומען, און דערפאַר, וואָס אַ סך פון די שומרונים, וואָס זיינען מיט געוואַלד אַריינגעטראָטען אין דער קירכס שויס, האָבען זיך דערנאָך צוריק אָבגעזאָגט פון קריסטענטום.

הגם יוסטיניאַנוס האָט בעזייטיגט די אַנדערשגלויביגע און סעקטירער פון אַלע געזעלשאַפטליכע עהרען-שטעלעס, פונדעסטוועגען האָט ער אַרויפגעלייגט אויף די אידען אַ חוב צו נעמען אַן אָנטייל אין דער שטאָדטישער פערוואַלטונג, נאָר אַזוי, אַז זיי זאָלען טראָגען אַלע שווערקייטען און הוצאות, וואָס זיינען פערבונדען מיט דער דאָזיגער פערוואַלטונג, אָבער זיי זאָלען ניט געניסען קיין שום זכיות. „זאָלען קרעכצען די דאָזיגע לייט — האָט דער קייזער געשריבען אין זיין דעקרעט — אונטער דער שווערקייט פון די שטאָדטישע אָבצאָהלונגען, נאָר זאָלען זיי ניט געניסען פון קיין שום עהרען-טיטלען: זיי מוזען בלייבען אין דעם אייגענעם פעראַכטען צושטאַנד, ווי זיי גופא לאָזען איבער זייערע „אייגענע נשמות" (נאָוועל 45).

די דאָזיגע אַלע דערנידעריגענדע געזעצען וועגען אידען זיינען געוואָרען פעראייביגט אין יוסטיניאַנוס'עס „באַדענס", און אינאיינעם מיט'ן גאַנצען געזעץ-בוך זיינען זיי אַריבער אין דאָס ציווילע רעכט פון דער מיטעלאַלטערליכער צייט.

נאָר יוסטיניאַנוס האָט זיך ניט בעגנוגענט מיט דער בעגרעניצונג פון די בירגערליכע רעכט, ער האָט אויך געשטיקט די רעליגיעזע פרייהייט פון די אידען. ער האָט זיי זייהר פיעל צרות אָנגעטאָן ביים אָבהיטען פסח. איטליכס מאָל, ווען דער אידישער פסח פלעגט לויט'ן לוח אויספאַלען אין דערזעלביגער צייט, וואָס די קריסטליכע פסחא, האָבען די אידען געמוזט אָבלייגען זייער יום-טוב, בכדי מען זאָל ניט מיינען, אַז די קריסטען פיהרען זיך לויט דעם

אידישען לוח (איין סעקטע קריסטען, מיט'ן נאָמען קוואַרטאָדעקימאַני, האָט געהאַלטען דעם ביבלישען כלל, אַז מען מוז פייערן פסח 14 טעג אין ניסן, אין איין צייט מיט די אידען).

יוסטיניאַנוס האָט זיך ערלויבט אויך אַיינצורעגולירען די אָרדענונג פונ'ם גאָטעסדיענסט אין די שולען. און אין דער אידישער קהלה איז געוואָרען אַ מחלוקת וועגען דעם, צי מען זאָל ביים דאַווענען לייענען חומש בלויז אין העברייאיש, אָדער דערצו נאָך די גריכישע איבערזעצונג. וועגען דער דאָזיגער מחלוקת און וועגען פאַרטייען-קאַמף, וואָס זי האָט אַרויסגערופען, האָט מען געמעלדעט דעם קייזער. האָט ער בעשטימט, אַז אין אַלע שולען זאָל מען אומבעדינגט ביים לייענען אום שבת די תורה בענוצען אַ גריכישע אָדער לאַטיינישע איבערזעצונג. דאָס איז געווען אַ גראָבע פערגעוואַלטיגונג איבערן געוויסען פון טויזענדער מענשען, וואָס האָבען געהאַלטען פאַר אַ חלול הקדש צו געברויכען אין אַ מקום קדוש די שפּראַך פון די אונטערדריקער פון דער יהדות.

יוסטיניאַנוס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט אין פּרט פון רעליגיעזע רדיפות, אַז ער האָט איינגאַנצען פערבאָטען די אידען צו האַלטען די תורה שבעל-פה. אין דער נאָוועלע 146 פון יאָהר 553 שטייהט געשריבען: די אַזוי אָנגערופענע „דויטעראָזיס" (משנה) פערבאָטען מיר איינגאַנצען, ווייל „זי איז ניט בכלל אין די הייליגע ספרים און איז ניט איבערגעגעבען פון אויבען דורך די נביאים, נאָר זי איז בלויז די ערפינדונג פון מענשען, וואָס ריידען אויפ'ן סמך פון ערדישע סברות און האָבען אין זיך ניט קיין שום געטליכעס. זאָלען זיי (די אידען) לייענען די כתבי הקדש גופא, זאָלען זיי אַנטפּלעקען די ספרים גופא, אָבער זאָלען זיי ניט האַלטען פערבאָרגען דאָס, וואָס איז אין זיי געזאָגט געוואָרען, געברויכענדיג די פוסטע פּלוידעריי, וואָס איז גענומען געוואָרען פון אויסווייניג און איז ניט פערשריבען געוואָרען, אויף צו שעדיגען די פשוט'ע געמיטער". די דאָזיגע טעאָלאָגישע פּאָלעמיק, וואָס איז געוואָרען אַריינגעפיהרט אין דעם געזעץ-בוך פון דער מלוכה, איז געווען געווענדעט אָדער קעגען די פירושים אויף דער תורה און די דרשות אינ'ם גייסט פון דער תלמודישער אַגדה, אָדער קעגען שטודיום גופא פון משנה און תלמוד אין די ישיבות.

ס'פלעגען אויך פאָרקומען צופאַלען, וואָס מען האָט איבערגעוואַלד אָבגעשמד'ט אידען. ביים איינעמען די שטאָדט באָריאָן אין צפון-אַפריקע בשעת דעם קריגסצוג פונ'ם ביזאַנטינישען קריגספיהרער בעליזאַריוס קעגען די וואַנדאַלען, האָט מען די אידען פון דער דאָזיגער שטאָדט איבערגעוואַלד געשמד'ט און זייער שול געמאַכט פאַר אַ קלויסטער. ס'קאָן זיין, אַז דאָס איז געווען אַ שטראָף פאַר'ן ווידערשטאַנד, וואָס די אַפריקאַנער אידען האָבען אַרויסגעוויזען קעגען בעליזאַריוס'ן.

דער ווילדקייט פון דער דעספּאָטישער רעגירונג האָט אויף ס'ניי אַרויסגערופען אַ רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג צווישען די אידען אין ארץ-ישראל און ביי די שומרונים. אין קיסריה, בשעת אַ געוועט-קאַמף אין צירק, האָבען די שומרונים

זיך אַוועקגעטאָן אויף די קריסטען; צו די אָנפאַלער איז צוגעשטאַנען אויך די אידישע יוגענד. דער געשלעג האָט זיך געענדיגט טרויעריג פאַר די קריסטען. דער קייזערליכער פּראָוואַלטער סטעפאַנוס, וואָס איז געשווינד געקומען זיי צו הילף, איז געווען געצוואונגען אָבצוטרעטען מיט זיין אָבטיילונג אין „פּרעטאָריום" (פּאָליצאַי-הויז) און איז דאָרט דער׳הרג׳עט געוואָרען (אין יולי 556). דעם פּראָוואַלטערס פרוי איז געשווינד אַוועק קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל מיט אַ מעלדונג וועגען דעם, וואָס איז געשעהן. יוסטיניאַנוס האָט געהייסען דעם הויפּט-פּראָוואַלטער איבער די מזרח-לענדער אַמאַציוס׳ן, וואָס האָט געוואוינט אין אַנטיוכיה, ער זאָל דערשטיקען דער בירגער-קריג דורך אַ בעוואָפענטער מאַכט. דער בעפעהל איז אויסגעפיהרט געוואָרען מיט דער גאַנצער אַכזריות, וואָס האָט געשטעקט אינ׳ם דעמאָלטיגען רעזשים. די אויפטוער פון די אונאָרדענונגען זיינען געטויט געוואָרען; אייניגע האָט מען אָראָבגעהאַקט די קעפּ, אַנדערע האָט מען אויפגעהאַנגען און ביי די דריטע האָט מען אָבגעהאַקט די הענד.

פאַר די צייטען פון די נאָהענטע קיסרים נאָך יוסטיניאַנוס׳ן (יוסטינוס II, טיבעריוס און מאַווריקיוס) איז דער רעליגיעזער בירגער-קריג עפּיס ווי שטילער געוואָרען; נאָר ער האָט זיך ווידער אָנגעהויבען פון דאָס ניי אין דער צייט פונ׳ם בלוטדאָרשטיגען קעניג פאָקאָס, וואָס האָט פערכאַפּט דעם טרון דורכ-דעם, וואָס ער האָט דער׳הרג׳עט זיין קרוב מאַווריקיוס׳ן.

בשעת די מהומות, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין סיריען אין דער צייט פונ׳ם דאָזיגען קייזער, וואָס איז געווען פערהאַסט ביים פאָלק, האָבען די אידען פון אַנטיוכיה ווידער אַמאָל געהאַט אַ בלוטיגע צוזאַמענשטויסונג מיט זייערע קריסטליכע מיטבירגער, וואָס פון זיי האָבען זיי געמוזט אויסשטייהן כל׳ערליי זלזולים. די אידען זיינען געווען מעהר אין צאָהל און שטאַרקער און זיי האָבען דער׳הרג׳עט אַ סך קריסטען, צווישען זיי דעם פּאַטריאַרך פון אַנטיוכיה אַנאַס-טאַסיוס (608). דער ביזאַנטינישער חיל, וואָס איז געוואָרען אַרויסגעשיקט קעגען די מורדים, האָט פון אָנהויב ניט געקאָנט מיט זיי פאַרטיג ווערען. נאָר דערנאָך ערשט, ווען ס׳זיינען צוגעקומען פרישע חיילות, זיינען די אידען געווען גע-צוואונגען אַנידערצולייגען די געוועהר. טויט-שטראָפען, קאָנפיסקאַציעס און אַ גירוש זיינען געווען דער סוף פונ׳ם דאָזיגען נייעם פרוב פון די אומגליקליכע צו נעמען נקמה פון זייערע אונטערדריקער.

די פערסער אין ארץ-ישראל און דער אויפשטאַנד אין העראַקליוס׳עס צייט.

§ 44. אין אָנהויב VII-טען יאָהרהונדערט איז אָנגעקומען אַן אומגליקס-צייט פאַר דער הערשערין איבער פעלקער, פאַר ביזאַנץ. איהר קאָנקורענטין אין די מזרח-לענדער, פּערסיען, האָט זיך אַריינגעריסען אין איהרע אַזיאַטישע פּראָווינצען. דער פּערסישער קעניג כוזרו III האָט אַריינגעפיהרט זיין חיל אין די ביזאַנטינישע גרעניצען מיט׳ן אויסרייד צו נעמען נקמה פונ׳ם קרוין-רויבער

פאָקאַס דערפאַר, וואָס ער האָט גע׳הרג׳עט דעם קייזער מאַוריקיוס, כּוזרוס׳עס פערבינדעטען. דער פערסישער חיל האָט שוין געהאַט איינגענומען קליין-אַזיען און סיריען און איז געגאַנגען אַלץ ווייטער, הגם פאָקאַס איז שוין דערווייל דער׳הרג׳עט געוואָרען און קייזער איז געוואָרען הערַאַקליוס (610). די אַרמיי פון די פערסער, אונטער דער אָנפיהרונג פון שאַראַבאַרזעס, האָט זיך אַראָבגעלאָזען פון באַרג לבנון אין גליל.

די אידישע בעפעלקערונג איז אויפגערודערט געוואָרען. פאַר׳ן אונטערדריקטען פאָלק האָט אַ שיין געטאָן די האָפענונג צו ווערען בעפרייט פון די ביזאַנטינער, זיינע אונטערדריקער, און צו בעקומען צוריק ביי זיך אין לאַנד די אַלטע אַווטאָנאָמיע אונטער דער אויבערהערשאַפט פון פערסיען. אין דער גאַנצער אידישער פאַלעסטינע האָט אַ קלונג געטאָן דער רוף: שטייהט צו צו די פערסער, די אויסלייזער פון דער ביזאַנטינישער טיראַניע! אין גליל האָבען זיך געבילדעט צאָהלרייכע אידישע אָבטיילונגען. צו אָרגאַניזירען אַזעלכע אָבטיילונגען האָט מיטגעהאָלפען אַ רייכער און איינפלוסרייכער מאַן, בנימין פון טבריה, וואָס האָט געגעבען די מיטלען אויף צו בעוואָפענען זיינע פאָלקסברידער.

אין יאָהר 614 זיינען די פערסער אין דער בעגלייטונג פון אידישע הילפס-אָבטיילונגען אָנגעקומען פאַר ירושלים. דאָס איז געווען אַ פייערליכער היסטאָרישער מאָמענט. די אוראייניקלעך פון די קנאים זיינען געשטאַנען אונטער די מויערן פון דער געוועזענער הויפטשטאָדט, וואָס איז צוויי מאָל אָבגענומען געוואָרען ביי די אידען — דורך די געוועהר פון דער הייד׳נישער רוים און דורכ׳ן פאַנאַטיזם פון דער קריסטליכער, דער שטאָדט, וואָס איז פערוואַנדעלט געוואָרען צוערשט אין עליאַ קאַפיטאָלינאַ און דערנאָך — אין דער שטאָדט פונ׳ם „הייליגען קבר”, וואו אהין די אומגליקליכע אידישע עולי-רגל האָבען געקאָנט נאָר דורכגנב׳ען זיך איין מאָל אין יאָהר, בכדי זיך אויסצוויינען איבער די טייערע חורבות. איצט האָבען די אידישע קריגסלייט אינאיינעם מיט די פערסער געשטורעמט די דאָזיגע שטאָדט. אין יולי איז ירושלים איינגענומען געוואָרען. די זיגער האָבען אויסגע׳הרג׳עט דאָרט אַ סך קריסטען (די קירכען-טראַדיציע איז מגזם די צאָהל פון די אומגעקומענע ביז נײַנציג טויזענד); די קלויסטערס — צווישען דעם אויך דער קלויסטער פונ׳ם „הייליגען קבר” — זיינען פערברענט געוואָרען. דער כּעס פון דער אונטערדריטער-נאַציע, וואָס האָט זיך אָנגעקליבען אין משך פון יאָהרהונדערטער, האָט געפונען אַן אויסגאַנג אין ווילדע סצענעס. אין ירושלים און אַנדערע שטעדט האָבען אידישע אָבטיילונגען געטויט אָדער פערטריבען די מאָנאַכען, צעשטערט קירכען און קלויסטערס מיט׳ן זעלביגען ווילדען כּעס, ווי פריהער האָט דער ביזאַנטינישער המון-עם צעשטערט די שולען.

איינע פון אַזעלכע אָבטיילונגען איז צוגעטראָטען צו דער שטאָדט צור מיט דער דעה אָנצופאַלען אויף די קריסטען אין דער נאַכט אויף פּסח; נאָר די איינוואוינער פון צור האָבען געכאַפּט די אידען, וואָס האָבען געוואוינט צווישען זיי, און האָבען געשראָקען זיי אויסצו׳הרג׳ען, אויב דער שונא וועט

צוגייהן צום שטאָדט. די אָבטיילונג האָט אָנגעהויבען צו צעשטערען די קיר־כען אין דער אומגעגענד פון צור. אַז די קריסטליכע איינוואוינער פון צור זיינען דאָס דערגאַנגען, האָבען זיי גענומען אויס׳הרג׳ען צו הונדערט געפאַנגענע אידען פאַר איטליכער צעשטערטער קירך און וואַרפען זייערע קעפּ איבער דער שטאָדטישער מויער. דעמאָלט האָבען די קריגסלייט געמוזט אָראָבנעמען די בע־לעגערונג און אַוועקגייהן.

וועגען דעם, אַז מען זאָל האָבען געצוואונגען קריסטען אָנצונעמען דעם אידישען גלויבען, איז קיין ידיעות ניטאָ. ס׳זיינען נאָר פאָרגעקומען צופאַלען, אַז עס האָבען זיך מגייר געווען מיט׳ן גוטען ווילען אַזעלכע קריסטען, וואָס האָבען אַיינגעזעהן אין די אידענס נצחונות אַ סימן, אַז די קירך פאַלט. דער בעריהמטער אין יענער צייט „מתבודד פון סיני”, אַ קריסטליכער מאָנאַך, וואָס האָט געלעבט אַ לאַנגע צייט אין אַ קלויסטער אויפ׳ן באַרג סיני — איז געקומען קיין טבריה, האָט אָנגענומען די אידישע אמונה און איז געוואָרען איינער פון איהרע געטרייסטע אָנהיינגער. דאָס, וואָס ער האָט זיך מגייר געווען, האָט ער דערקלערט דערמיט, וואָס עס האָבען זיך געוויזען איהם אין חלום די ליכטיגע געשטאַלטען פון משה און פון די נביאים און האָבען איהם בעוויזען דעם אמת׳ען וועג.

העכער צעהן יאָהר האָבען די פּערסער און אידען געבעלי־בת׳עוועט אין ארץ־ישראל. נאָר צולעצט האָט דער קייזער הערקליוס, נאָכדעם ווי ער האָט זיך פריי געמאַכט פון די פּאָלטישע שוועריגקייטען אין איירופּאַ (די מלחמה מיט די אוואַרען), זיך גענומען ענערגיש פאַר דער פערטיידיגונג פון זיינע אַזיאַטישע לענדער. אין ארץ־ישראל האָט דעם קייזער געשראָקען דער בונד צווישען די אידען און די פּערסער, און ער האָט זיך געמיהט אָבצורייסען די אידען פונ׳ם דאָזיגען בונד, דורכדעם וואָס ער האָט זיי צוגעזאָגט פערשיידענע הנחות. דער דאָזיגער פּרוב איז געמאַכט געוואָרען אין יענעם מאָמענט, בשעת די אידען האָבען אָנגעהויבען צו ווערען ענטטוישט אינ׳ם נוצען פונ׳ם בונד מיט די פּערסער. די האָפענונגען פון די אידען, אַז די פּערסער וועלען זיי אָבגעבען צוריק ירושלים און ווידער אויפריכטען זייער זעלבסטפערוואַלטונג, זיינען ניט מקוים געוואָרען. די ערזבערער האָבען ווינציגער פון אַלץ געזאָרגט וועגען די אינטערעסען פון די איינגעבאָרענע איינוואוינער פון לאַנד. די פּער־סישע קריגספיהרער, לא די וואָס זיי האָבען ניט אָבגעגעבען ירושלים זייערע פערבינדעטע, נאָר זיי זיינען זיך בעגאַנגען מיט זיי, ווי מיט אַן איינגענומענעם פאָלק: זיי האָבען אַרויפגעלייגט אויף די אידען שווערע אָבצאָהלונגען, און די אומצופרידענע האָבען זיי פּערשיקט קיין פּערסיען.

די אומצופרידענקייט פון די אידישע פּאַטריאָטען, וואָס האָבען געפונען זיך אָבגענאַרט אין זייערע ערוואַרטונגען, איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבען בעשלאָסען זיך צו דערנעהענטערן צו הערקליוס׳ן, וועלכער האָט זיי צוגעזאָגט, אַז ווי נאָר דער שונא וועט פערטריבען ווערען, וועט ער זיי געבען אַ פולע אַמניסטיע און אויסבעסערן די בירגערליכע לאַגע פון זייער פאָלק־

בנימין פון טבריה איז אויך אַריבער אויף הערַאַקליוס'עס צד. דערווייל האָט דער קייזער געהאַט גליק: ער האָט אָבגעהאַלטען אַ רייה נצחונות איבער די פערסער און האָט זיי געצוואונגען צו פערלאָזען ארץ-ישראל. דאָס לאַנד איז אויפ'ס ניי אַרונטער אונטער דער ממשלה פון ביזאַנץ, און הערַאַקליוס איז מיט טריאומף אַריינגעטראָטען אין ירושלים (628).

דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די הבטחות פון די ביזאַנטינער האָבען נאָך מעהר אָבגענאַרט, ווי די האָפענונגען אויף די פערסער. ווי נאָר דער קייזער האָט זיך בעוויזען אין ירושלים, האָבען דער פּאַטריאַרך און די מאָנאַכען אָנגע-הויבען פּאָדערן ביי איהם, ער זאָל ווי געהעריג בעשטראָפען די אידען פון ארץ-ישראל פאַר זייער בונד מיט'ן שונא און פאַר די אָנפאַלען אויף די קריסטען. האָט הערַאַקליוס אַרויסגעשטעלט דאָס, וואָס ער האָט צוגעזאָגט די אידען אמניס-טיע; נאָר די אויפגערייצטע מאָנאַכען האָבען געטענה'ט, אַז עס איז ניטאָ קיין זאַך, וואָס זאָל זיין מעהר געפעלען גאָט, ווי די פערטיליגונג פון די שונאים פון דער קירך, און אַז די זינד דערפאַר, וואָס דער קייזער וועט עובר זיין אויף זיין שבועה, נעמען זיי אויף זיך. בכדי מכפר צו זיין די דאָזיגע זינד, ווילען זיי איינשטעלען, אַז מען זאָל מעהר אָבהאַלטען זיך פון צו עסען אין דער ערשטער וואָך פון די גרויסע פאַסט-וואָכען. הערַאַקליוס'עס געוויסען האָט זיך בערוהיגט — און קעגען די אידען אין ארץ-ישראל האָבען זיך אָנגעהויבען גרויסע רדיפות. דורך אַ קייזערליכען עדיקט איז די אידען ווידער אַמאָל גע-וואָרען פערבאָטען צו בעווייזען זיך אין ירושלים אָדער אין איהר אומגעגענד, אונטער שטרייגע שטראָפען. אין אַנדערע שטעדט פון ארץ-ישראל האָט מען די אידען אויסגעהרג'עט אָדער פערטריבען מאַסענווייז. אַ סך האָבען זיך בע-האַלטען אין בערג-שפּאַלטען אָדער זיינען אַנטלאָפען קיין מצרים.

אָבער ניט לאַנג האָבען אויך די ביזאַנטינער טריאומפירט. פון מזרח-זייט זיינען אָנגעקומען אומרוהיגע בשורות. אין פאָדער-אזיען האָט שוין געקלונגען מחמד'ס וואָרט, און אויפ'ן הייליגען לאַנד האָבען זיך אָנגערוקט די זיגרייכע חילות פון די אַראַבער.

דאָס גייסטיגע לעבען. די מדרש-ליטעראַטור.

§ 45. אויב די געשעהענישען פונ'ם פּאָליטישען לעבען פון די אידען אין דער ביזאַנטינישער עפּאָכע זיינען מעהר אָדער ווייניגער בעוואוסט, איז אָבער דאָס אינעווייניגסטע לעבען פון דער אידישער פּאַלעסטינע אין יענער עפּאָכע בעדעקט מיט אַ געדיכטען נעפּיל. אויפ'ן סמך פון די קאַרגע ידיעות, וואָס זיינען פערבליבען, קאָן מען בעקומען בלויז אַ שוועכע אומדייטליכע פאָרשטעלונג וועגען די דעמאָלטיגע סדרים פון דער אידישער קהלה און וועגען דער גייס-טיגער שאַפונג פון פאָלק.

די הויפּט-מאַסע פון פאָלק איז, אַזוי ווי פריהער, געווען קאָנצענטרירט אין גליל; נאָר אָנשטאָט דער פריהערדיגער היידנישער סביבה האָט געהערשט

די קריסטליכע. די גליל'ער אידען פלעגען אָפטמאָלס קומען אין צוזאַמענשטויס סונג מיט דער מאַסע קריסטליכע פּילגערס, וואָס האָבען זיך פערשפּרייט איבער די ברעגעס פון ירדן און ים גינוסר, נעבען נוצרת און די אַנדערע ערטער, וואָס זיינען הייליג פאַר די קריסטען.

איינער פון אַזעלכע פרומע פּילגערס, וואָס האָט בעזוכט ארץ-ישראל צום סוף פון VI יאָהרהונדערט (דער הייליגער אַנטאָניוס), דערמאָנט אין זיין „וועג-פיהרער” וועגען בעגעגענישען מיט גליל'ער אידען. אין נצרת — זאָגט ער — פלעגען די אידישע פרויען זיך גוט בעגייהן מיט די פּילגער-קריסטען און זיי אויפנעמען, ווי גוטע אורחים. די אידישע פרויען פון נוצרת האָבען זיך גערע-כענט פאַר די שענסטע אין גאַנץ ארץ-ישראל. די דאָזיגע שיינקייט האָבען זיי צו פערדאַנקען דער הייליגער יונגפרוי מרים — איז נאַאיוו מוסיף דער ערציילער. אין אַנדערע ערטער אָבער, אין סקיטאָפּאָליס, למשל, פלעגען די אידען זיך בע-ציהען פיינדליך צו די קריסטען. ביי האַנדעלס-געשעפטען פלעגען אַנדערע אַפילו ניט נעמען קיין געלד גלייך פון די קריסטענס הענד: די לעצטע האָבען געמוזט אַריינוואַרפען די מטבעות אין וואַסער, און די אידען פלעגען זיי פון דאָרט אַרויסנעמען.

דער אונטערשייד אין די עיקרים פון דער אמונה האָט געבילדעט אַ תהום צווישען די אָנהייגער פון דיביידע נאָהענטע רעליגיעס, און די קירכען-פּאָליטיק האָט פערענדיגט דאָס איבעריגע.

דער גייסטיגער צענטער פון די אידען איז נאָך אַלץ געווען טבריה, הגם זי האָט אָנגעוואָהרען איהר אַמאָליגע גרויסקייט פון די צייטען, ווען ס'זיינען געווען נשיאים און גרויסע ישיבות. דאָ איז נאָך, משמעות, געבליבען אַ רעשט פונ'ם סנהדרין אָדער פון דער קאָלעגיע געלערנטע און עס האָבען נאָך עק-זיסטירט ישיבות. די וואָס זיינען געשטאַנען בראש פון דער קאָלעגיע געלערנטע אין טבריה, האָבען געטראָגען דעם טיטעל רישי פירקי, ד. ה. די אָנפיהרער פון די שיעורים אָדער לעקטאָרען. אונטער זייער פיהרונג האָבען יונגע לייט געלערנט תלמוד. נאָכ'ן ענדיגען פלעגען די דאָזיגע יונגע ווערען רבנים, לעהרער אין שולען, דרשנים אין פערשיידענע שטעדט. אַז ניט, פלעגען זיי זיך פערנעמען מיט ווייטערדיגער וויסענשאַפטליכער אַרבייט.

אין דער היסטאָריע זיינען ניט פערבליבען קיין נעמען פון גרויסע טוער פון יענער עפּאָכע, און מסתמא זיינען זיי אויך געווען זייהר ווינציג אין ארץ-ישראל. נאָך דער חתימה פון „תלמוד ירושלמי” איז די אָריגינעלע גייסטיגע שאַפונג אָבגעשטעלט געוואָרען. מען האָט דער עיקר געזעהן בעקומען אַ ידיעה אין די וויסענשאַפטליכע אוצרות, וואָס זיינען פון פריהער צונויפגעקליבען גע-וואָרען. מען האָט שטודירט, אָבער מען האָט ווייטער ניט געפיהרט די אַרבייט פון די פריהערדיגע תלמידי חכמים — פון די אמוראים. די צייט איז ניט געווען קיין גינסטיגע פאַר אַ ברייטער שאַפונגס-אַרבייט. דעם פּאָליטישען דרוק, וואָס האָט גאַנץ אָפט זיך פערשפּרייט אויך אויפ'ן גייסטיגען לעבען פון די קהלות (דאָס

וואָס יוסטיניאַנוס האָט פערבאָטען די תורה שבעל-פה וכדומה), און דאָס, וואָס עס זיינען שמעלער געוואָרען די גרעניצען פון דער געזעלשאַפטליכער זעלבסט-פערוואַלטונג (וואָס מען האָט פערבאָטען אַ בעזונדערן אידישען בית-דין א. אַז. וו.)— האָט אָבגענומען דעם באָדען פון אונטער דער תלמודישער וויסענשאַפט; וואָרום איהר וואוקס איז געווען אין אַ בעדייטענדער מאָס אָבהייניגיג דערפון, ווי ס'האָבען זיך ענטוויקעלט די אויטאָנאָמע קהלה-איינריכטונגען. דאָס, וואָס עס איז איינגע-שמעלט געוואָרען די אַדמיניסטראַטיוו-געריכטליכע פּראַקטיק פון די רבנים און דיינים— האָט אַרויסגערופען אַ שטילשטאַנד אין דער תלמודישער יוריספּרודענץ. לפי ערך פריי איז נאָך געבליבען דער געביט פון רעליגיעזע מנהגים און עטיק. און גראָד דערין האָבען זיך קאָנצענטרירט איצט די בעסטע אינטעלעקטועלע קרעפטען פון אידישען פאָלק אין ארץ-ישראל.

אַגדה און מדרש — דאָס איז די הויפּט-פאָרם פון דער ליטעראַרישער שאַפונג אין ארץ-ישראל אין V און VI יאָהרהונדערט. רעליגיעזע דאָגמאַטיק, היסטאָרישע לעגענדעס, מאָראַלישע מימרות — דאָס איז דער הויפּט-אינהאַלט פון דער דעמאָלטיגער ליטעראַטור; איהר הויפּט-פאָהרם — איז די דרשה.

די ברייטע ענטוויקלונג פון דער קריסטליכער טעאָלאָגיע, וואָס האָט איהרע ראיות גענומען פון תנ"ך, האָט געצוואונגען די אידישע חכמים צו פערטיידיגען זייער טעאָלאָגישע פּאָזיציע און צו לערנען פשט און אויסטייטשען די פסוקים פון תנ"ך אינ'ם היסטאָרישען און דאָגמאַטישען גייסט פון דער יהדות. קעגען די קירכליכע דרשות, וואָס האָבען געשאָטען פעך און שוועבעל אויף דער „פאַלשער שיטה פון דער יהדות", איז אַרויסגעשטעלט געוואָרען די דרשה פון שול, וואָס האָט פערטיידיגט די גרויסע נאַציאָנאַלע און עטישע אידעאַלען פון דער יהדות פון דער אידישער בימה האָט זיך אויך געלאָזט הערען אַ פּראָטעסט קעגען דעם קירכען-פּאָלישען דרוק און קעגען דעם דעספּאָטיזם פון דער רעגירונג. אָבקלאַנ-גען פונ'ם דאָזיגען בעשיידענעם, פערשטיקטען געשריי לאָזען זיך הערען אין די דעמאָלטיגע דרשות, אין דער פאָרם פון ריהרענדע טענות אויפ'ן יאָך פון אדום (רוים) און פון מלכות יון (דאָס גריכישע קעניגרייך, ד. ה. ביזאַנץ).

די דרשות, וואָס זיינען שטענדיג געווען אוועקגעשטעלט אויף אַ פסוק פון תנ"ך, פלעגען ווערען פערשריבען אָדער דורך די מחברים גופא אָדער דורך אידען לומדים פון די צוהערער, און מען פלעגט זיי צוגעבען צו די זאַמלונגען פון די אַלטע אַגדות אָדער דרשות, וואָס זיינען געווען פערשריבען אין פער-שיידענע מגלות. ווען ס'פלעגען זיך אָנקלייבען אַ גרויסע צאָהל דרשות, פלעגען די געלערנטע זיי בריינגען אין אָרדענונג און זיי צונויפקלייבען אין אַ סיסטעמאַ-טישער פאָרם אין בעזונדערע זאַמלונגען, וואָס האָבען געהייסען מדרשים.

געוויהנליך האָט מען דעם מאַטעריאַל פונאַנדערגעטיילט לויט די סדרות פון חומש, וואָס מען פלעגט לייענען אַלע שבת אין די שולען, און די סדרות — לויט די פרשיות און פסוקים. די דרשות האָבען זיך אויך בעצויגען אויף די „חמש מגלות", די פינף מגלות, וואָס מען פלעגט זיי לייענען אום יום-טוב אָדער אין אַנדערע געדעכעניש-טעג: „שיר השירים" — אום פסח, „רות" —

אום שבועות, „קהלת" — סוכות, „איכה" — תשעה באב, „אסתר" — פורים. נאָך יעדען פסוק ווערען פריהער געבראַכט די מימרות פון די אַלטע חכמי התלמוד — די תנאים און אמוראים (וואָס צום טייל זיינען זיי שון אַריין אין דער אגדה פון תלמוד ירושלמי), און דערנאָך ערשט מימרות פון די נייע דרשנים, וואָס ווערען געוויינליך ניט אָנגערופען מיט די נעמען. אויף אַזאַ אופן איז בעשאַפען געוואָרען דער יסוד פון דעם נייעם מין דרשות-ליטעראַטור. די נייעסטע דרשות פון די שפּעטערדיגע צייטען פלעגט מען אַריינטראָגען בהדרגה יעדעס מאָל אינ'ם געהעריגען אָרט.

אויף אַזאַ אופן איז די מדרש-ליטעראַטור דער פועל-יוצא פון אַ זאַמלונגס-אַרבייט, וואָס איז געמאַכט געוואָרען אין משך פון עטליכע יאָהרהונדערטען; מדרגות'וויז זיינען די שיכטען אָנגעוואַקסען. די גרונד-שיכטען האָבען זיך גע-בילדעט אין V און VI יאָהרהונדערט און טראָגען אויף זיך דעם חותם פון דער עפּאָכע פון דער ביזאַנטינישער ממשלה. די אַרבייט פון די וויטערדיגע יאָהר-הונדערטען איז נאָר דער וויטערדיגער בנין אויף'ן דאָזיגען פונדאַמענט.

צו דער ליטעראַטור פון די מדרשים, וואָס זיינען געוואָרען צונויפגעשטעלט אין דער עפּאָכע, וואָס ווערט דאָ בעשריבען, געהערען אויך פערשיידענע טיילען פון דער גרויסער קאָלעקציע, וואָס איז בעוואוסט אונטער'ן נאָמען „מדרש רבה". אַלס די עלטסטע טיילען פון דער דאָזיגער ליטעראַטור ווערען גערעכענט די מדרשים צו „בראשית" און צום טייל אויך צו „שמות", „ויקרא", „איכה" און „שיר השירים". אַלס שפּעטערדיגע, ד. ה. אַלס אַזעלכע, וואָס זיינען צונויפ-געשטעלט שפּעטער, איידער אין VI יאָהרהונדערט רעכענען זיך די מדרשים צו די איבעריגע טיילען פון חומש און פון די מגלות.

אין איין שורה מיט דער קאָלעקציע „מדרש רבה" שטייהט אַן אַנדער זאַמלונג מדרשים צום חומש, מיט'ן נאָמען „מדרש תנחומא" (איין נוסח פון איהם איז בעוואוסט אויך אונטער'ן נאָמען „מדרש ילמדנו"). דער מחבר פונ'ם דאָזיגען ספר, וואָס האָט געלעבט אין VIII אָדער IX יאָהרהונדערט, האָט איהם אַ נאָמען געגעבען נאָכ'ן אמורא-דרשן פונ'ם סוף פון IV יאָהרהונדערט, ר' תנחומא בר אבא, וואָס זיינע מימרות זיינען צעוואָרפען איבער פערשיידענע מדרשים. אין יענער צייט איז אויך צונויפגעשטעלט געוואָרען אַ דריטע זאַמלונג פון דרשות — „פסיקתא", וואָס איז פערבליבען אין צוויי נוסחאות: אַ קליינער (פסיקתא דרב כהנא) און אַ גרויסער (פסיקתא רבתי). אינ'ם ערשטען נוסח ווערט איבערגעגעבען דער אינהאַלט פון די דרשות, וואָס מען פלעגט האַלטען אין פערשיידענע שבתים אויף די ענטשפּרעכענדע פסוקים פון דער תורה; אין צווייטען נוסח זיינען, חוץ דעם, נאָך פאַראַן אַזוי דרשות אויף פערשיידענע טעמעס.

היות ווי ס'איז ניט געווען קיין בעשטימטער סדר אינ'ם זאַמלען די אגדות דעריבער געפינען זיך אין די דריי קאָלעקציעס מדרשים — „רבה", „תנחומא" און „פסיקתא" — אָפטמאָלס איינע און די זעלביגע מימרות אָדער משלים, וואָס די

מאספים האָבען זיי גענומען אָדער פון אַ געמיינזאַמען אַלטען מקור, אָדער איינער ביים אַנדערן.

די מדרשים זיינען אָנגעשריבען אויף אַ העברייאישער שפּראַך, וואָס איז נאָהענט צום דיאַלעקט פון דער משנה; אין איהר געפינען זיך אויך אַ סך אַראַמישע אויסדרוקען און אויך גריכישע און רוימישע ווערטער. פאָלגענדע קורצע מאמרים קאָנען געבען אַ געוויסע פאָרשטעלונג וועגען אינהאַלט און סטיל פון דער דאָזיגער אייגענאַרטיגער דרשות-ליטעראַטור.

ויאמר אלהים: יהי אור! (בראשית א ז׳). רבי יהודה זאָגט: פריהער פון אַלץ איז בעשאַפען געוואָרען די ליכטיגקייט. גאָט האָט געטאָן פּונקט אַזוי ווי אַ קיניג, וואָס האָט געוואָלט אויסבויען אַ פּאַלאַץ, נאָר דער אָרט איז געווען אַ פינסטערער. וואָס-זשע האָט ער געטאָן? האָט ער אָנגעצונדען ליכט און לאָמטערנעס, בכדי צו ויסען, וואו אָוועקצושטעלען די זיילען. אַזוי איז אויך די ליכטיגקייט בעשאַפען געוואָרען פריהער פאַר אַלץ. — ר׳ נחמיה זאָגט: די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען פריהער פאַר אַלץ, וואָרום אַזוי וואָלט אויך געטאָן אַ מלך, וואָס פריהער בויט ער אויס אַ פּאַלאַץ, און ערשט דערנאָך פערזאָרגט ער איהם מיט ליכט און לאָמטערנעס.

(בראשית רבה, ג, א).

... האָט נמרוד געזאָגט צו אברהם אבינו: „לאָמיר דיענען צום צום פייער. האָט אברהם געענטפערט: לאָמיר בעסער שוין בוקען זיך צום וואַסער, וואָס פערלעשט דעם פייער. האָט צו איהם נמרוד געזאָגט: לאָמיר זיך בוקען צום וואַסער. האָט אַברהם געענפערט: איז שוין בעסער צו בוקען זיך צום וואָלקען, וואָס טראָגט די וואַסער. האָט נמרוד געזאָגט: לאָמיר זיך בוקען צום וואָלקען. האָט אברהם געענטפערט: איז שוין ניט בעסער צו בוקען זיך צום ווינט, וואָס יאָגט פונאַנדער די וואָלקענס? האָט נמרוד געזאָגט: לאָמיר זיך בוקען צום ווינט. האָט אַברהם געענטפערט: לאָמיר בעסער בוקען זיך צום מענשען, וואָס האַלט אין זיך ווינט (לופט). האָט נמרוד אויסגערופען: פּוסטע רייד רעדסטו. איך בוק זיך נאָר צום פייער און אין פייער וועל איך דיך אַריינוואַרפען; זאָל קומען גאָט, צו וועמען דו דיענסט, און זאָל ער דיך מציל זיין פון פייער!“...

(דאָרט גופא, ל״ח, י״ט)

שמן תורק שמך (שיר השירים, א, 3)... פּונקט אַזוי ווי בוימל ווערט בעסער, ווען מען שאָקעלט עס דורך, אַזוי ווענדט זיך אויך ישראל צום אויבערשטען נאָך שווערע צעפּרייסלונגען. אַזוי ווי בוימל מישט זיך ניט אויס מיט אַנדערע פליסיגקייטען, אַזוי מישט זיך ישראל ניט אויס מיט אַנדערע פעלקער... אַזוי ווי בוימל שווימט פון אויבען אויף איטליכער פליסיגקייט, אַזוי איז ישראל העכער פון אַנדערע פעלקער.

(שיר השירים רבה, א, כ״א)

די אידישע געשיכטע

האָט הקב״ה געזאָגט צו די מלאכי השרת: לאָמיר גייהן אַ קוק טון, וואָס האָבען די שונאים אָנגעטאָן אין מיין הויז (אין בית-המקדש). איז הקב״ה אַוועק מיט די מלאכי השרת, און פאָראויס איז געגאַנגען ירמיהו הנביא. ווי נאָר דער אויבערשטער האָט דערזעהן דעם בית-המקדש, האָט ער געזאָגט: אָט דאָס איז מיין הויז, דער אָרט פון מיין רוה, וואו עס זיינען געקומען די פיינד און האָבען געטאָן, וואָס זיי האָט זיך געוואָלט! אין יענער שעה האָט דער אויבערשטער כביכול זיך פונאַנדערגעוויינט און געזאָגט: ווייה איז צו מיר פאַר מיין הויז! וואו זייט איהר, קינדער מיינע? וואו זייט איהר כהנים מיינע? וואו זייט איהר, גוטע פריינד מיינע? וואָס זאָל איך טון: איך האָב אייך דאָך מתרה געווען, און איהר האָט ניט תשובה געטאָן און האָט זיך ניט צוריקגעקעהרט צו מיר.

(איכה רבתי, פתיחא כ״ד)

אַזעלכע לעגענדעס און לירישע שטימונגען האָבען געדיענט פאַר דער אידישער פאָלקס-מאַסע אי אַלס מוסר-השכל, אי אַלס טרייסט. די דרשות אין די שולען האָבען געוועקט דעם נאַציאָנאַלען געפיהל. זיי פלעגען אַמאָל אַרויסרופען ביי די צוהערער טרערען און דורכדעם דערלייכטערן די שווערע געמיטער. זיי פלעגען אַמאָל וועקען מונטערקייט און געהויבענקייט; זיי זיינען געווען ווי וואַרימע ליכטיגע שטראַלען פון גלויבען און ליעבשאַפט אין חושכ׳דיגען פאָלקס-לעבען. אין די דאָזיגע דרשות שמועס׳ט זיך אַליך מכח גאָט, מכח זיינע בעציהונגען צו ישראל און צו די אַנדערע פעלקער, מכח די ביבלישע העלדען און געשעהענישען, וואָס פלעכטען זיך צונויף מיט די עסקנים און מיט געשעהענישען פון דער שפּעטערדיגער צייט, היסטאָרישער אמת ווערט צונויפגעמישט מיט אויסגעטראַכטע פּאָעטישע מעשיות, ווירקליכקייט — מיט פאַנטאַזיע; נאָר אַלע די דאָזיגע אויסגעטראַכטע מעשיות און פאַנטאַזיעס האָבען אַ הויכען ציעל — צו בעלעהרען, איינצופליסען זיטליכע פּרינציפּען, טרייסטען דאָס פאָלק אין זיין טרויער, פערגייסטיגען די געגענוואַרט דורך דער פערבינדונג מיט׳ן עבר, בכלל — שאַפען אַזאַ מין רעליגיעז-נאַציאָנאַלע אַטמאָספער, וואו די ליידענדע אידישע נשמה זאָל קאָנען געפינען טרייסט און רוה. דער מדרש האָט געערדט צום האַרץ פון פאָלק, בשעת דער תלמוד (איינ׳ם טייל פון דער הלכה) האָט זיך געווענדעט צו זיין שכל. און עס קאָן זיין, אַז די היסטאָרישע ראָל פון׳ם ערשטען איז געווען ניט ווינציגער וויכטיג, איידער די ראָל פון׳ם לעצטען.

צווייטער קאפּיטעל.

די אידען אין דער פּערסישער בבל און אראַביען (די עפּאכע פון חתימת התלמוד).

די פּאָליטישע לאַגע — די אידישע קאָלאָניעס אין אראַביען — רב אשי און די צונויפשטעלונג פון תלמוד בבלי. — חתימת התלמוד. — די היסטאָרישע ראָלע פונ'ם תלמוד. — די רבנן סבוראי.

די פּאָליטישע לאַגע.

§ 46. וואָס מעהר עס איז געפאַלען דער אידישער צענטער אין דער ביזאַנטינישער פּאַלעסטינע, אַלץ מעהר האָט זיך אַרויסגערוקט אויבענאַן דער צענטער פון די גלות-לענדער אין בבל, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער ממשלה פון פּערסיען. אויך דאָ איז די אידען ניט גרינג אָנגעקומען זייער אַווטאָנאָמיע און זייער קולטורעלע זעלבשטענדיגקייט, נאָר דאָ איז לכל-הפּחות געווען אַ מעגליכקייט צו קעמפען, צו פערטיידיגען זייערע אינטערעסען. אין מאָמענטען פון פּאָליטישע מהומות אָדער רעליגיעזע רדיפות איז די טעטיגקייט פון די אידישע אַווטאָנאָמע אַיינריכטונגען — ריש-גלותא, די זעלבסטפערוואַלטונגען פון די קהלות, די ישיבות — אַ ביסעל פערשמעלערט געוואָרען. נאָר ווען די קריזיסען זיינען פאַרבייגעגאַנגען, איז דאָס אינעווייניגסטע לעבען ווידער געוואָרען פול און רייך.

נאָכ'ן דריטען פאָרשטייהער פון דער דינאַסטיע סאַסאַנידען, שבור דעם II-טען (§ 30), — פלעגט זיך די בעציהונג פון די פּערסישע מלכים אָפּטמאָלס בייטען, אָבהייגגיג פון פערשיידענע פּאָליטישע שטרעמונגען און פון דעם, אויף וויפיעל די מאַזדאַאיטישע גייסטליכקייט אָדער די מאַגיער האָבען געהאַט אַן איינפלוס ביים הויף. דער קעניג יעזדעגערד דער I-טער (399—420), וואָס האָט זיך ניט אונטערגעגעבען אונטער'ן אַיינפלוס פון דער גייסטליכקייט (דערפאַר האָט ער בעקומען פון די מאַגיער דעם צונאָמען „זינדיגער"), האָט זיך בעצויגען טאָלעראַנט צו די אַנדערשגלויביגע אין פּערסיען: צו די אידען און קריסטען. אין אַ יומא דפּגרא פלעגען קומען צום הויף די רישי גלותא און די ראשי ישיבות. ס'ווערט דערצייהלט, אַז איין מאָל האָט דער קעניג גופא פערריכט דעם

גאַרטעל ביים ריש-גלותא הונא בר נתן, מיט די ווערטער: „איהר זייט פון אַ פאָלק פון כהנים און מוזט טראָגען דעם גאַרטעל, אַזוי ווי כהנים".

די לאַגע האָט זיך אומגעביטען צום שלעכטען אין דער צייט פונ'ם דאָזיגען קיניגס אייניקעל, יעזדעגערד דעם II-טעם (438 — 457) (איזגדר). אין פערסיען איז דעמאָלט שטאַרק געוואָרען דער קאַמף צווישען די פערשיידענע רעליגיעזע קולטען און סעקטעס. עס האָט זיך פערשפרייט די סעקטע פון די מאַניכייער (מינים), וואָס איהר שיטה איז געווען צונויפגעמישט פון קריסטליכע און פערסישע אָנשויאונגען. די פאָרשטייהער פון דער הערשענדער רעליגיע — פאַרסיזם אָדער מאַזדאַאיזם — האָבען איינגעזעהן אַ סכנה פאַר זיך אין דער פראָפּאַגאַנדע פון דער יהדות, פון קריסטענטום און פון דער מאַניכייאישער סעקטע.

די קאָנקורענץ צווישען די סעקטעס און קולטען האָט אַרויסגערופען רעליגיעזע וכוחים, וואו ס'פלעגען אַמאָל זיך בעטייליגען אויך די אידישע חכמים. איין מאַגיער האָט מיט היץ בעוויזען דעם ראש ישיבה אין נהרדעא, אמימר'ן, די ריכטיגקייט פונ'ם גרונד-פרינציפּ פון פאַרסיזם וועגען דער צווייאיגקייט פון דער גאָטהייט, וועגען די קיניגרייכען פון הורמיז און אחרימון, וואָס פערקערפּערן די יסודות פון ליכט און פינסטערניש. „דער אויבערשטער טייל פון דיין קערפּער — האָט דערקלערט דער מאַגיער — געהערט צו הורמיזן, ווייל דאָרט געפינט זיך דער ליכטיגער שכל; דער אונטערשטער טייל אָבער, וואָס אין איהם געפינען זיך די אָרגאַנען פון זינליכקייט, גייהט אַריין אין אחרימונ'ס רשות". דערויף האָט אמימר געענטפערט איראָניש: „אויב יאָ אַזוי, טאָ ווי אַזוי-זשע האָט אַחרימון ערלויבט הורמיז'ן דורכצופיהרען אַ קאַנאַל (פון די געדערים) דורך זיין גבול?" די וכוחים האָבען אודאי ניט געבראַכט צו אַ רעליגיעזען שלום, נאָר זיי האָבען נאָך מעהר פערשאַרפט די מחלוקת. די פערסישע גייסטליכקייט האָט געווירקט אויף יעזדעגערד דעם II-טען, אַז ער זאָל רודפ'ן די אידען, קריסטען און מאַניכייער. די אידען האָט מען פערבאָטען צו האַלטען שבת, אַזוי ווי אין דער צייט פון אַרדאַשיר דעם I-טען.

די רדיפות זיינען פערשאַרפט געוואָרען אין דער צייט פונ'ם קעניג פּירוז (459 — 486), וואָס די אידען האָבען איהם געגעבען אַ צונאָמען „דער רשע" (פירוז רשיעא). אין דער פערסישער שטאָדט איספּאַהאַן איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענשטויסונג צווישען מאַגיער און אידען, און דערביי זיינען צוויי מאַגיער דער'הרג'עט געוואָרען. דערפאַר האָט פירוז געהייסען אויס'הרג'ען אַ העלפט פון דער אידישער בעפעלקערונג פון איספּאַהאַן, און די אידישע קינדער האָט ער אוועקגעגעבען אין פערסישע טעמפּלען, בכדי אויפצוהאָדעווען זיי פאַר'ן פייער-קולט. שרעקליכע רדיפות זיינען אויך געקומען אויף די אידען פון בבל. דעם ריש גלותא הונא מרי און עטליכע אמוראים האָט מען אַריינגעוואָרפען אין תפיסה און דערנאָך געטויט (468 — 474). דאָס זיינען געווען די ערשטע אידען, וואָס זיינען געפאַלען אויף קדוש-השם אין בבל. לויט פירוז'ס בעפעהל, האָט מען די אידישע שולען פערמאַכט, די עפענטליכע פערזאַמלונגען פון די ישיבות

פּערבאָטען, דעם אידישען בית-דין אָבגעשאַפט, און אידישע קינדער האָט מען מיט געוואַלד גענויט אָנצונעמען די רעליגיע פון די מאַגיער. אַ סך אידען האָבען זיך דעמאָלט אַרויסגעקליבען פון בבל קיין אַראַביען און אינדיען.

אין גיכען זיינען צום רעליגיעזען קאַמף אין פּערסיען נאָך צוגעקומען סאָציאַל-עקאָנאָמישע עלעמענטען. אין דער צייט פון'ם קעניג קאַוואַד (490—531), האָט זיך בעוויזען דער רעפאָרמאַטאָר פון'ם פּאַרסיזם מאַזדאַק און האָט אָנגעהויבען צו פּריידיגען, אַז צוליעב דעם, בכדי די ליכטיגקייט — הורמיז — זאָל גובר זיין די פינסטערניש—אַהרימון,— מוז מען איינשטעלען פולקומע גלייכקייט צווישען די מענשען; דאָס קאָן מקוים ווערען נאָר דעמאָלט, ווען מען וועט מבטל זיין פּריוואַט-אייגענטום און איינפיהרען שותפות פון אייגענס און אפילו פון פרויען. עס איז אויפגעשטאַנען אַ גרויסע קאָמוניסטישע סעקטע, וואָס צו איהר איז צוגעשטאַנען אויך דער קיניג קאַוואַד, וואָס האָט געהאָפט אויף אַזאַ אופן אָבצושוואַכען די מאַכט פון דער ערד-אַריסטאָקראַטיע און פון דער גייסטליכקייט. דער פועל-יוצא דערפון איז געווען אַ סאָציאַל-עקאָנאָמישער בירגער-קריג, וואָס פון איהם האָבען געליטען ניט ווינציג אויך די אידען. סיי זייער אייגענס, סיי דער כבוד פון זייערע ווייבער און טעכטער זיינען ניט איין מאָל געשטאַנען אין סכנה מצד די צעלאָזענע מאַזדאַקיטען-קאָמוניסטען.

ס'קאָן זיין, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט די דאָזיגע געשעהענישען אָדער מיט זייערע רעזולטאַטען האָט זיך געפונען די רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג צווישען אידען, וואָס וועגען איהר דערציילט אַן אומקלאָרע אידישע כראָניק. אין אָנהויב פון VI יאָהרהונדערט איז געווען ריש-גלותא אַ געוויסער רב הונא, און ראש ישיבה (מסתמא, אין סורא) איז געווען זיין שוועהר רב חנינא. איין מאָל איז צווישען דעם איידעם און דעם שוועהר אַרויסגעקומען אַ סכסוך. רב חנינא האָט אין זיין שטאָדט ניט דערלאָזען צו האַלטען אַ דרשה אַ מענשען, וואָס דער ריש גלותא האָט איהם געהאַט בעשטימט פאַר אַ דיין. דער דערצאָרענטער רב הונא האָט געשיקט רופען דעם שוועהר, האָט געהייסען איהם אָבהאַלטען אַ גאַנצע נאַכט הינטער די טויערן פון שטאָדט און דערנאָך ערשט בעפוהלען שטריינג בעשטראָפען.

אין גיכען — איז מוסיף די טראַדיציע — זיינען אין איין נאַכט געשטאָרבען דער ריש גלותא און אַלע מיטגלידער פון זיין הויזגעזינד; לעבען געבליבען איז נאָר זיין טראָגעדיגע ווייב, רב חנינא'ס טאָכטער. זי האָט געהאַט אַ זוהן, וואָס האָט בעקומען דעם נאָמען מר זוטרא. בשעת מר זוטרא איז נאָך געווען קליין, האָט איינער פון זיינע קרובים, רב פחדא, בעקומען פון דער פּערסישער רעגירונג פאַר געלד די שטעל פון ריש גלותא. נאָר ווען מר זוטרא, וואָס האָט זיך געהאָדעוועט ביי זיין זיידען רב חנינא, איז אַלט געוואָרען 15 יאָהר, האָט ער בעקומען צוריק זיין פאָטערס שטעל. ער האָט פערנומען די שטעל פון ריש-גלותא צוואַנציג יאָהר. אין דער צייט פון זיין פערוואַלטונג האָבען די אידען אַ סך געליטען פון'ם פאַנאַטיזם פון די מאַגיער און פון'ם ווילדווילען פון די פּערסישע סאַטראַפּען. זייער לעבען און אייגענס איז שטענדיג געשטאַנען אין

סכנה. דעמאָלט האָט מר זוטרא אָפּגעהויבען אַ מרידה און איז אָנגעפאַלען בראש פון אַ אידישער אָבטיילונג פון 400 מאַן אויפ׳ן פּערסישען גאַרניזאָן אין איין שטאָדט (מחוזא?), האָט איהם אַרויסגעטריבען און איז געוואָרען אַן אונאָבהייגיגער רעגירער פון אַ קליינער פּראָווינץ, וואָס איז געווען בעזעצט דער עיקר פון אידען. זיבען יאָהר האָט דער ריש גלותא מר זוטרא געגאָכען די ממשלה פון אַ זעלבשטענדיגען סאַטראַפּ, האָט אויפגעמאָנט שטייערן, גע׳משפט און געשטראָפט זיינע אונטערטאַנען. נאָר צולעצט איז ער אַרייגעפאַלען אין די הענד פון דער פּערסישער רעגירונג. מען האָט איהם אָבגע׳משפט אויף טויט-שטראָף, אַלס אַן אָרגאַניזאַטאָר פון אַן אויפשטאַנד, און אויפגעהאַנגען איהם ביים בּריק פון מחוזא. אינאיינעם מיט׳ן ריש-גלותא האָט מען אויפגעהאַנגען זיין אַלטען זיידען, דעם ראש-ישיבה רב חנינא. דעם ריש גלותא׳ס משפחה האָט זיך געראַטעוועט דורך אַנטלויפען. זיין זוהן, מר-זוטראָ דער אינגערער, איז אַנטלאָפען געוואָרען קיין ארץ-ישראל און האָט דאָרט דערגרייכט צו דער מדרגה פון אַ פּאָרזיצענדען אין דער קאָלעגיע געלערנטע („ריש-פרקא״).

אַלע די דאָזיגע געשעהענישען, וואָס מיר ווייסען ניט גענוי און קלאָר זייער כראָנאָלאָגיע, זיינען פּאָרגעקומען אין דער ערשטער העלפט פון דעם VI-טען יאָהרהונדערט (אַן ערך 510—540). מר זוטרא׳ס אויפשטאַנד, וואָס איז געווען פּערבונדען מיט די מהומות, וואָס זיינען געוואָרען אַרויסגערופען דורך דער בעוועגונג פון די מאַזדאַקיטען, איז אַפּנים אויסגעקומען אין איין צייט מיט די לעצטע יאָהרען פון קאָוואַדס רעגירונג און האָט אפשר נאָך פּערכאַפּט דעם אָנהויב פון דער רעגירונג פונ׳ם שפּעטערדיגען קעניג כוזרו דעם I-טען, נושירוואַן (531—578).

אין כוזרו׳ס צייט איז די פּערסישע מלוכה געווען פון אויסוויינינ שטאַרק און אין לאַנד גופא איז געווען רוהיג. ביזאַנץ פון איין זייט און אַראַביען פון דער אַנדער זייט—האָבען זיך געבויגען פּאַר דער מלוכה פון די סאַסאַנידען. די אידען האָבען בעוויזען צו קומען צו זיך נאָך די מהומות פון דער פריהער־דיגער עפּאָכע און אויפצוריכטען זייער זעלבסטפערוואַלטונג.

נאָר באַלד האָט זיך ווידער אָנגעהויבען פּאַר זיי אַן אומגליקליכע צייט. אין די צייט פון כוזרו דעם I-טענס יורש, הורמיז VI, זיינען אויפ׳ס ניי אויפגע־פרישט געוואָרען די רדיפות קעגען אידען און קריסטען אין פּערסיען. די ישיבות אין סורא און פומבדיתא זיינען פּערמאַכט געוואָרען, און די אמוראים האָבען געמוזט זיין נע-ונד אין פּערשיידענע ערטער. די אומצופרידענע אידען זיינען צוגעשטאַנען צום אויפשטאַנד, וואָס דער קריגס-אָנפיהרער באַהראַם האָט אויפגעהוי־בען קעגען זיין דעספּאָטישען קעניג. זיי האָבען אונטערגעהאַלטען באַהראַמען מיט געלד און מיט מיליטער און האָבען איהם געהאָלפען צו פּערכאַפּען די ממשלה (589). דערפאַר האָט דער נייער קעניג אָבגעגעבען זיי צוריק אַלע פריהערדיגע רעכט. נאָר באַהראַם האָט ניט לאַנג געקיניגט. דער געזעצליכער קרוין-יורש כוזרו II האָט אַראָבגעזעצט דעם קרוין-רויבער מיט דער הילף פון זיין פּער־בינדעטען, דעם ביזאַנטינישען קעניג מאַווריקיוס. די אידען זיינען בעשטראָפט

געוואָרען דערפֿאַר, וואָס זיי האָבען געהאָלפען באַהראַמען: כּוזרו'ס חיל האָט אומגעבראַכט דעם גרעסטען טייל פון דער אידישער בעפעלקערונג פון דער שטאָדט מחוזא (590). נאָר אַז די אָרדענונג איז ווידער געוואָרען איינגעשטעלט אין פּערסיען, האָבען די רדיפות אויפגעהערט. היות ווי כּוזרו II איז בכלל געווען אַ גערעכטער רעגירער, בכן האָט ער אין משך פון זיין לאַנגער רעגירונג (ביז'ן יאָהר 628) ניט אונטערדריקט די אידען. בשעת זיין קריגסצוג אין ארץ-ישראל קעגען העראַקליוס'ן האָבען די אידען, ווי עס איז שוין דערציילט געוואָרען אויבען (§ 44), געטאָן וויכטיגע טובות די פּערסער ביים איינעמען די לאַנד, מחמת זיי האָבען געהאָפט, אַז די פּערסישע אויבערהערשאַפט וועט זיין בעסער, איידער די ביזאַנטינישע.

נאָר די דינאַסטיע פון די סאַסאַנידען האָט שוין איבערגעלעבט איהרע לעצטע טעג. אין עטליכע יאָהר אַרום נאָך כּוזרו דעם II-טענס טויט, זיינען אין פּערסיען אַריינגעדרונגען די חילות פון איסלאַם, און די גרויסע מלוכה פון די סאַסאַנידען איז אין גיכען אַריבערגעגאַנגען צו דער ממשלה פון די אויסוואַנדערער פון דער שכנישער אַראַביען.

די אידישע קאָלאָניעס אין אַראַביען.

§ 47. אין די צייטען פון די גזרות אויף די אידען אין בבל, ווען די אידען פלעגען איבערוואַנדערען מאַסענווייז אין אַנדערע לענדער, — איז איינער פון די הויפּט-פונקטען פאַר אימיגראַציע געווען די שכנישע אַראַביען. דער גרויסער האַלב-אינזעל אַראַביען, וואָס ליגט צווישען אַזיען און אַפריקא, צווישען בבל, סיריען און עגיפּטען, איז געווען דער נאַטירליכער רעזערוואואַר, וואָס האָט געקאָנט אין זיך אַריינעמען די מותרות פון דער בעפעלקערונג, וואָס איז געוואָרען אַרויסגעשטופּט פון די דאָזיגע לענדער. די צייט, ווען עס האָט זיך געבילדעט דער קערן פון דער אידישער בעפעלקערונג אין אַראַביען — איז גענוי ניט בעוואוסט. היסטאָריש קאָן מען פעסטשטעלען, אַז דאָרט האָט עקזיסטירט אַ אידישע קאָלאָניע אין צווייטען יאָהרהונדערט פון דער קריסטליכער צייט. זי האָט זיך מסתמא געבילדעט פון די אַנטלאָפענע פון יהודה, וואָס זיינען אַנטרונען געוואָרען אַהינצו נאָכ'ן חורבן-ירושלים און נאָך בר-כּוכבא'ס אויפשטאַנד. זינט דעם V-טען יאָהרהונדערט ציהט זיך קיין אַראַביען אַ צווייענדיגער שטרוים פון וואַנדערער — פון ביזאַנץ און פון פּערסיען, און דורכדעם ווערען אַריינגעטראָגען אין לעבען פון די אָרטיגע אידען די יסודות פון דער נאַציאָנאַלער קולטור אין ארץ-ישראל און אין בבל.

הגם אַראַביען איז אויף אַזאַ אופן אויפגעבונדען מיט די שכנישע קולטור-צענטרען, פונדעסטוועגען האָט די אָרטיגע אידישע קאָלאָניע זיך געלעבט אַ גאַנץ אייגענאַרטיג לעבען און האָט זיך געפונען אונטערן איינפלוס פון די אַרומיגע שבטים. ביי די אַראַבער, וואָס זיינען נאָהענטע קרובים פון די אידען לויט זייער ראַסע און שפּראַך, איז פערבליבען שפּעטער, ווי ביי אַנדערע סעמיטישע שבטים,

דער פּאַטריאַרכאַלער לעבענס-סדר. זיי זיינען געווען איינגעטיילט אין צוויי גרופּעס שבטים, אין אַ צפון׳דיגער און דרום׳דיגער. די איינוואוינער פון צפון-אַראַביען אָדער העדזשאַס האָבען געפיהרט אַ וואַנדער-לעבען פון בעדואינען; די איינוואוינער פון דרום-אַראַביען אָדער יעמען (תימן) האָבען געלעבט אַ ישוב-לעבען און זיינען געווען קולטורעלער, איידער די איינוואוינער פון צפון. אונטער דער השפּעה פון די ביבלישע לעגענדעס, וואָס האָבען זיך שפּעטער פערשפּרייט צווישען די אַראַבער, האָבען די צפון׳דיגע אַראַבער גערעכענט, אַז זיי קומען אַרויס פון ישמעאל׳ן, אברהם אבינו׳ס זוהן, און די דרום׳דיגע — פון יקטן בן עבר, דעם עלטערפאָטער פון די העברייער. דורך אַזעלכע לעגענדעס פלעגט מען דערקלערען דעם פאַקט פון דער ראַסען-קרובעשאַפט צווישען אידען און אַראַבער אויפ׳ן באָדען פון סעמיטיזם.

זיי זיינען אָבער געווען נאָהענט צו אַנאַנד אויך לויט׳ן אויסווייניגסטען אַרט לעבען. אין צפון-אַראַביען האָבען די אידען, פּונקט אַזוי ווי די אָרטיגע איינוואוינער, געלעבט אין בעזונדערע פאַמיליען-גרופּעס, אונטער דער אָנפיהרונג פון זייערע עלטסטע אָדער שייכען. די גרעסטע פון די דאָזיגע פאַמיליען-גרופּעס זיינען געווען די באַנו-קורייזאַ, באַנו-נאַדיר און באַנו-קיינוקאַא. דער הויפּט-צענטער פון די אידען אין צפון-אַראַביען איז געווען די שטאָדט יתריב (יאַטריב, מעדינאַ), וואָס ליגט אויף אַ פּרוכטבאַרען אָאַזיס, וואָס איז בעדעקט מיט פּאַלמען. איינצעלנע אידישע ישובים האָבען זיך געפונען אויך אין צפון׳דיגען געביט חייבאַר (חבר). די ישובים האָבען זיך געפונען טיילמאָלס אויף בערג, אַרומגערינגעלט דורך בעפעסטיגונגען און הויכע שלעסער, כדי זיך צו שיצען פון די רויבערישע אָנפאַלען פון די בעדואינען. ערד-אַרבייט, האָדעווען בהמות, קאַראַוואַנען-האַנדעל — דאָס זיינען געווען די הויפּט-פּרנסות פון די אידען אין צפון-אַראַביען. אין דרום-אַראַביען אָדער אין דער „גליקליכער“ אַראַביען האָט די פּאַטריאַרכאַלישע פאַמיליען-אָרדענונג אָבגעטרעטען איהר אָרט דער אינדוסטריעל-קולטורעלער. דאָ האָבען די אידען געלעבט ניט אין איינצעלנע שבטים, נאָר אינאיינעם מיט די אַראַבער און האָבען זיך פערנומען דער עיקר מיט דעם, וואָס זיי פלעגען האַנדלען מיט פּערסיען, אינדיען און ביזאַנץ.

דער לעבענס-פיהר פון די אידען אין אַראַביען האָט זיך דעמאָלט אויסגעצייכענט דערמיט, וואָס אין איהם זיינען געווען אויסגעמישט אידישע און אַראַבישע שטריכען. ליעבשאַפט צו אַ פרייען לעבען, קריגסמוט, פּאַטריאַרכאַלישע הכנסת-אורחים, נטיה צו פּאָעזיע — דאָס איז געווען אייגענטימליך סיי פאַר די אַראַבער, סיי פאַר די אידען. סיי ביי די און סיי ביי יענע פלעגען אָפטמאָלס פאָרקומען מחלוקת׳ן צווישען די שבטים; די קליינע שבטים פלעגען אַמאָל פיהרען מלחמה מיט אַנאַנד, און אַמאָל פלעגען זיי זיך פעראייניגען צוזאַמען. די אידען האָבען אַרויסגערוקט זייערע גבורים און פּאָעטען, וואָס דער אַראַבישער פאָלקס-עפּאָס בעזינגט זיי.

פון די פּאָעטען האָט זיך קונה שם געווען שמואל אבן-עדיה (אַן ערך 500—550), אַן אָנפיהרער פון אַ קליינעם אידישען שבט ניט ווייט פון יתריב.

שמואל׳ס ריטערליכער כאַראַקטער און זיין עהרליכקייט זיינען געוואָרען אַ שם-דבר: „געטריי, ווי שמואל״ — פלעגען זאָגען די אַראַבער. אין די אַראַבישע פאָלקס-לידער איז פערבליבען אַזאַ ערציילונג. דער פרינץ אימראולקייס, וואָס זיינע שונאים האָבען זיך געיאָגט נאָך איהם, האָט אָבגעגעבען זיינע כלי-זין אויף צו היטען זיין פריינד און פערבינדעטען שמואל׳ן. אין גיכען האָבען דעם פרינצ׳ס שונאים בעלעגערט שמואל׳ס שלאָס און געפאָדערט, מען זאָל זיי אַרויסגעבען אימראולקייס׳עס כלי-זין. אַז שמואל האָט זיי אָבגעזאָגט, האָבען זיי געשראָקען, אַז זיי וועלען טויטען שמואל׳ס קליינעם זוהן, וועלכען זיי האָבען געכאַפּט, אין פאַל, ווען מען וועט זייער פערלאַנג ניט בעפרידיגען. „טוט, וואָס איהר ווילט — האָט געענטפערט שמואל — נאָר איך וועל מיין וואָרט ניט ברעכען, וואָרום בגידה דאָס איז אַזאַ האַלז-קייט, וואָס ווערט קיין מאָל ניט פעררעאָסט״. די באַרבאַרען האָבען געטויט דעם זוהן פאַר׳ן פאָטערס אויגען, נאָר דער לעצטער איז געבליבען פעסט ביי זיין דעה.

די אידען האָבען אמת אַריבערגענומען אַ סך מנהגים פון די אַראַבער, נאָר אין דערזעלביגער צייט זיינען זיי געבליבען געטריי די מנהגים פון זייערע עלטערן. אין IV יאָהרהונדערט האָט אין יתריב עקזיסטירט אַ אידישע שול; דאָרט האָבען אויך געלעבט תלמידי חכמים — וואָס זיינען מסתמא געקומען פון בבל. די תלמודישע דינים זיינען, ווי עס ווייזט אויס, געווען בלויז צום טייל בעוואוסט די אַראַבישע אידען; בכלל פלעגט זייער גייסטיגעס לעבען זיך פיהרען לויט די חוקים פון דער תורה. שבת-רוה פלעגען זיי שטריינג אָבהיטען; פיהרענדיג אָפטע מלחמות מיט די אַרומיגע שבטים, פלעגען די אידישע שבטים שטענדיג אָבשטעלען די מלחמה אום שבת. זיי פלעגען אָבהיטען הייליג אויך די ימים-טובים, בעזונדערס יום-כפור, וואָס האָט ביי זיי געהייסען ע ש ו ר א. ביים דאַוונען פלעגען זיי, פונקט אַזוי ווי אַלע אידען אין די גלות-לענדער, זיך ווענדען מיט׳ן פנים צו ירושלים. אַז מען פלעגט דאַרפען פערענטפערן האַרבע רעליגיעזע שאלות, פלעגען זיי זיך ווענדען, אפנים, אין בבל. די אַראַבישע אידען האָבען געהאַט אַ ידיעה אין דער תורה. די ביבלישע ערציילונגען זיינען זיי געווען בעוואוסט אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ סך צוגעלייגטע פאָעטישע לעגענדעס פון דער תלמודישער אגדה אָדער פון די אַראַבישע טראַדיציעס.

ביי דער איינגער בעריהרונג, וואָס האָט עקזיסטירט צווישען אַראַבער און אידען, האָט זיך געמוזט אַרויסווייזען דער איינפלוס פון די אידישע רעליגיעזע אַנשויאונגען אויף די אָרטיגע איינוואוינער, די היידען. אַ סך אַראַבער האָבען געפיהלט אַ חשק צו דער אידישער רעליגיע, און גאַנצע משפחות אָדער שבטים פלעגען זי אָננעמען. אויב דער עלטסטער פון דער משפחה פלעגט זיך מגייר זיין, פלעגט איהם נאָכטון די גאַנצע גרופע פאַמיליעס, וואָס האָבען צו איהם געהערט. זיך מגייר צו זיין איז געווען פאַר די אַראַבער נאָך גרינגער דערפאַר, וואָס ביי זיי איז די מלה געווען איינגעפיהרט, נאָך איידער זיי האָבען זיך בעקענט מיט די אידען.

אין אָנהויב פון VI יאָהרהונדערט האָט אין דרום-אַראַביען עקסיסטירט

אַפילו אַ גאַנצע מלוכה, וואו די אידישע רעליגיע איז געווען די הערשענדע. דער יעמענער קעניג אַבו-קאַריבאַ, פונ׳ם שבט חימיאַריטען, האָט זיך בעקענט בשעת זיין קריגסצוג קעגען יתרב מיט אידישע חכמים און האָט בע-שלאָסען זיך מגייר צו זיין און צו מאַכען פאַר אידען אַ סך חימיאַריטען (500).

אין די אַראַבישע טראַדיציעס איז דער דאָזיגער פונקט בעפּוצט מיט אויסגע-טראַכטע פּאָעטישע מעשיות. מען דערציילט, אַז אַבו-קאַריבאַ האָט פּרוּווט די אומגעגענדען פון יתריב, אויסגעהאַקט די פּאַלמען-וועלדלעך אַרום און אַרום, געטויט די עלטסטע פון די שבטים, וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען צו איהם פון שטאָדט, בכדי צו פיהרען אונטערהאַנדלונגען וועגען שלום, און האָט צולעצט בעלעגערט די שטאָדט. בשעת דער בעלעגערונג איז ער קראַנק געוואָרען און האָט אָנגעהויבען טראַכטען וועגען אַ צייטווייליגען שלום. אין יענער צייט זיינען אַריין צו איהם אין געצעלט צוויי אידישע חכמים, אַאַב, און אַסאַד, און האָבען געפּועל׳ט ביי איהם, ער זאָל אַראָבנעמען די בעלעגערונג. אין דערזעלביגער צייט האָט זיך זיי איינגעגעבען צו איבערצייגען דעם קעניג דעם הייד, אַז די אידישע רעליגיע שטייהט העכער, פון אַנדערע, — און דעמאָלט האָט זיך מגייר געווען דער קעניג מיט זיין חייל.

אין גיכען איז אַבו-קאַריבאַ געשטאָרבען, און נאָך לאַנגע מהומות איז דער יעמענער אָדער חיאַמיאַריטישער טרוין אָנגעקומען דעם שיינעם יונגלינג יוסף דו-נואַס, וועלכער האָט אויך אָנגענומען די אידישע אמונה און איז געווען איהר זייהר איבערגעגעבען (אַן ערך אין יאָהר 515).

יוסף דו-נואַס האָט זיך ניט בעגענוגענט מיט דער פּראָפּאַגאַנדע פון דער אידישער רעליגיע אין יעמען: ער האָט זיך שטאַרק פּעראינטערעסירט מיטן גורל פון זיינע נייע גלויבענס-ברידער, וואָס זיינען געווען צעשפּרייט אין פער-שיידענע לענדער, און איז געוואָרען זייער הייסער בעשיצער. זיין שוץ האָט ער אַרויסגעוויזען דורכדעם, וואָס ער פלעגט זיך אָננעמען פאַר די אידען, אַלס „גואל הדם". אַז דו-נואַס האָט זיך דערוואוסט, אַז אין דער ביזאַנטינישער אימפּעריע אונטערדריקען די קריסטליכע מלכים און גייסטליכקייט די אידען, האָט ער בע-שלאָסען צו נעמען נקמה דערפאַר פון די קריסטען, וואָס האָבען געוואוינט אין זיין מלוכה. ער האָט געהייסען כאַפּען עטליכע ביזאַנטינישע סוחרים, וואָס זיינען געפאָהרען קיין אינדיען דורך יעמען, און טויטען זיי. די איבערגעשראָ-קענע ביזאַנטינער האָבען אויפגעהערט צו פאָהרען נאָך סחורות קיין אינדיען, און דער טראַנזיט-האַנדעל דורך אַראַביען איז אָבגעשטעלט געוואָרען.

דאָס האָט אַריינגעצויגען דו-נואַס׳ן אין אַ קאַמף מיט׳ן שכנישען קעניג אייזדוג, וואָס האָט ניט געהאַלטען פאַר נויטיג בדלות צו שטעלען דאָס לאַנד צו-ליעב די צרות פון די אידען אין פרעמדע לענדער. ער האָט דערקלערט דו נואַס׳ן קריג און האָט איהם מנצח געווען (521).

נאָר דער קעניג פון יעמען האָט אינגיכען ווידער צונויפגעקליבען זיינע כחות און האָט אָנגעהויבען צו רודפ׳ן די קריסטען, וואָס האָבען געוואוינט אין

אַראַביען גופא. די טראַדיציע דערציילט, אַז דו-נואַס איז אָנגעפאַלען אויף דער שטאָדט נאַדזשראַן, וואו עס האָבען זיך געפונען אַ סך קריסטען, און האָט זיי פאָרגעלייגט אויסצוקלייבען איינס פון דיביידע: אָדער אָננעמען דעם אידישען גלויבען, אָדער שטאַרבען; אַז מען האָט איהם ניט געוואָלט הערען, האָט ער געהייסען טויטען 340 חשוב'ע בירגער. ער האָט אַרויפגעלייגט אויף די קריסטען פון זיין קיניגרייך שווערע אָבצאָהלונגען און האָט זיי אונטערגעדריקט, פונקט ווי די ביזאַנטינער האָבען אונטערגעדריקט די אידען.

די ידיעות וועגען די ליידען פון די קריסטען אין יעמען האָבען אויפגערודערט ביזאַנץ. די קאַטוילישע גייסטליכקייט האָט געפריידיגט, אַז מען בעדאַרף פיהרען אַ קרייץ-צוג קעגען דעם אונטערדריקער פון קריסטענטום. ס'האָבען זיך געלאָזט הערען אַפילו שטימען, וואָס האָבען געפאָדערט, מען זאָל אַרייגזעצען אין תפיסה די אידישע אמוראים אין ארץ-ישראל און האַלטען זיי אַזוי לאַנג פאַר משכנות, ביז וואַנען דו-נואַס וועט אָבשטעלען זיינע רדיפות קעגען די קריסטען אין אַראַביען. דער ביזאַנטינישער קייזער יוסטינוס דער I-טער, וואָס איז געווען דעמאָלט פערנומען אין דער מלחמה מיט פערסיען, האָט ניט געקאָנט שיקען קיין חיל אין דער וייטער אַראַביען. דעריבער האָט ער אָנגעשריבען אַ בריעף דעם אַבעסינישען אָדער עטיאָפּישען נעגוס, וואָס איז געווען אַן אָנהייגער פון דער קריסטליכער אמונה, און האָט איהם געבעטען, ער זאָל שיקען אַ חיל קיין יעמען, בכדי צו בעשטראָפען דעם אידישען קעניג. דער נעגוס אַל-אַצבאַחאַ, וואָס האָט פיינט געהאַט זיין שכן דו-נואַס, איז געווען גערן ממלא צו זיין די דאָזיגע בקשה. ער איז אַריבער מיט אַ גרויסען חיל אויף שיפען איבער'ן ים-סוף צו די ברעגען פון אַראַביען. צו די עטיאָפען זיינען צוגעשטאַנען די אַראַבישע קריסטען — און דו-נואַס איז געוואָרען אַרומגערינגעלט פון אַ גרויסער פיינדליכער מאַסע, וואָס האָט שוין געהאַט איינגענומען די שטאָדט צאַפאַר. אַז דו-נואַס האָט דערזעהן, אַז ס'איז ניט אויסצומיידען אַ מפלה, און היות ווי ער האָט ניט געוואָלט אַריינפאַלען אינ'ם שונא'ס הענד, האָט ער בעשלאָסען צו שטאַרבען ווי אַ העלד: רייטענדיג אויף אַ פערד, האָט ער זיך אַראָבגעוואָרפען פון אַ הויכען פעלז אין ים אַריין און איז דערטרונקען געוואָרען (אַן ערך אין יאָהר 550). די זיגער האָבען געווילדעוועט אין יעמען, האָבען אויסגעהרג'עט אַ מאַסע אידען און אַ סך פון זיי אַוועקגעפיהרט אין געפאַנגענשאַפט. די אידיש חימיאַריטישע מלוכה איז אונטערגעגאַנגען, און יעמען איז אַרונטערגעפאַלען אונטער דער ממשלה פון די עטיאָפען. אין צוויי צעהנדליג יאָהר אַרום האָט דער פערסישער קעניג כוזרו דער I-טער אַרויסגעשטופט פון דאָרט די עטיאָפען און האָט אַרונטערגעוואָרפען דרום-אַראַביען אונטער דער איבערהערשאַפט פון פערסיען.

נאָכ'ן פאַלען פונ'ם אידיש-חימיאַריטישען קעניגרייך האָבען אַ סך אידען זיך אַריבערגעקליבען פון דרום-אַראַביען אין צפון-אַראַביען. זיי האָבען זיך בעזעצט אין דער שטאָדט יתרב און אין איהר סביבה. נאָר אין גיכען זיינען אויך פאַר די יתריב'ער אידען אָנגעקומען אומרוהיגע צייטען. זיי זיינען געוואָרען אַריינגעצויגען

אין די רייסערייען צווישען די שבטים, וואָס האָבען דעמאָלט אָנגעפילט דאָס גאַנצע לעבען פון די קריגערישע אַראַבער אין די צפון-לענדער. די אידישע שבטים באַנו-קורייזא און באַנו-נאַדיר, וואָס זיינען געווען פריהער די הערשענדע אין יתריב, האָבען געמוזט אָבטרעטען די הערשאַפט די אַראַבישע שבטים באַנו-אוס און האַזראַדזש, וואָס האָבען זיך פערשטאַרקט. אין די רייסערייען צווישען די אַראַבער פלעגען די אידען טיילמאָלס בלייבען נייטראַל, טיילמאָלס אָבער פלעגען זיי העלפען איין שבט קעגען אַנדערן. אַ געוויסע צייט זיינען די שבטים קורייזא און נאַדיר געשטאַנען אויפ׳ן צד פון די אוס, און דער אידישער שבט באַנו-קאַנוקאַא — אויפ׳ן צד פון די האַזראַדזש, — און אויף אַזאַ אופן איז די אידען אויסגעקומען זיך צו שלאָגען מיט זייערע אייגענע פאָלקס-ברידער.

דער דאָזיגער צושטאַנד פון אַנאַרכיע, וואָס האָט געדויערט ביז׳ן אָנהויב פון VII יאָהרהונדערט, האָט ניט דערלאָזט פיהרען קיין סיסטעמאַטישע פראָפּאַגאַנדע פון דער יהדות אין צפון-אַראַביען. דאָ זיינען ניט געווען אַזעלכע ביישפילען, אַז גאַנצע מאַסען זאָלען אָננעמען די אידישע אמונה, ווי אין דרום-אַראַביען נאָר די אידישע רעליגיע האָט אומגעזעהענערהייד געווירקט אויך דאָ אויף דער וועלט-אָנשויאונג פון די מדבר-קינדער. די דאָזיגע ווירקונג פון די אידישע אָנשויאונגען אויף די אַראַבער, וואָס האָט געדויערט דורות-לאַנג, האָט צוגעגרייט אַ באָדען פאַר מחמד׳ס טעטיגקייט און פאַר יענער רעליגיעזער בעוועגונג, וואָס האָט אין צווייטען פערטעל פון זיבעטען יאָהרהונדערט אַרומגעכאַפּט גאַנץ אַראַביען און דערנאָך דעם גאַנצען מזרח אונטער׳ן נאָמען איסלאַם.

רב אַשי און די צונויפשטעלונג פונ׳ם תלמוד בבלי.

§ 48. אין רעש פון פאָליטישען און רעליגיעזען קאַמף האָט דער אידישער קולטורעלער צענטער אין בבל ניט אויפגעהערט צו ענטוויקלען זיך. דער מרכז פון דער נאַציאָנאַלער העגעמאָניע איז וואָס ווייטער אַלץ מעהר אַריבער פון ארץ-ישראל קיין בבל. דער פאַסטען פונ׳ם ריש-גלותא אין בבל האָט אין אַ געוויסער מאָס פערביטען די אָבגעשאַפטע נשיאות אין ארץ-ישראל, און די אמוראים פון סורא און פומבדיתא האָבען נאָך געווירקט, בשעת אין טבריה און אין צפורי האָט געהאַלטען ביים אויסלעשען זיך דאָס לעבען אין די ישיבות. און בשעת דער תלמוד ירושלמי, וואָס איז אין איילעניש צונויפגעשטעלט געוואָרען, איז אויפגעשטאַנען ווי אַ מצבה אויף דער גייסטיגער טעטיגקייט פון די פערגאַנגענע יאָהרהונדערטען, די מאַסע גייסטיגע ענערגיע, וואָס עס האָבען אַריינגעטראָגען אין לעבען אמוראים פון בבל אין III און IV יאָהרהונדערט, האָט געטראָגען רייכע פירות אין V יאָרהונדערט.

אין די ישיבות פון בבל, וואו עס האָט געהערשט דער פלפול, איז צו בעמערקען עפּיס נייעס. עס בייט זיך אום דער פראָצעס פון דער אַרבייט: אינאיינעם מיט׳ן פריהערדיגען צעברעקלענדיגען אַנאַליז אין דער יוריספּרודענץ הייבט זיך אָן אַרויס אַ שטרעבונג צו אַ סינטעזיס, צו סיסטעמאַטיזירען דעם מאַטע-

יר אַל. ס'איז געקומען די צייט צונויפצוקלייבען און צו ברייַנגען אין אָרדענונג די גאַנצע אומגעהייערע מאַסע דינים, פירושים און אויספיהרונגען, וואָס עס האָבען אויסגעאַרבייט עטליכע דורות אַמוראים. קיין איין זכרון, אַפּילו דער גרע־סטער, האָט שוין ניט געקאָנט בעוועלטיגען אַזאַ גאַנצע מאַסע ידיעות שבעל־פּה אין די געביטען פון רעליגיע, קולט, מאָראַל, דיני ממונות און דיני נפשות און אַ סך אַנדערע הילפס־וויסענשאַפטען. אין בבל איז צייטיג געוואָרען די אייגענע בעדערפעניש, וואָס האָט אַנומעלט אַרויסגערופען די צונויפקלייבונג פונ'ם תלמוד אין ארץ־ישראל.

נאָר צווישען די דאָזיגע צוויי מאָמענטען איז געווען אויך אַ גרויסער חלוק. אין ארץ־ישראל איז די צונויפקלייבונג פון די פירושים פון די אמוראים אָדער פון דער גמרא געווען אַרויסגערופען דורך אַ גאַנצער רייה אויסווייניגסטע פּורעניות, דורך דער ירידה פון דער אַווטאָנאָמיע און פונ'ם לעבען אין די ישיבות, און מחמת דעם איז אויסגעקומען אויף דער גיך צו ליקווידירען די תלמודישע אַר־בייט. דער זאַמעלבוך, וואָס איז בעוואוסט אונטער'ן נאָמען תלמוד ירושלמי, דאָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרען ניט גאָר סיסטעמאַטיש און פול, איז געווען די פּרוכט פון דער דאָזיגער געאיילטער אַרבייט (§ 39). גאָר אַנדערש איז גע־ווען די זאַך אין בבל. דאָ איז די נויטווענדיגקייט צונויפצוקלייבען די גמרא אַרויס־גערופען געוואָרען דער עיקר דורך איינעווייניגסטע סבות: דורך דער אומגע־הייער גרויסער מאַסע פונ'ם וויסענשאַפטליכען מאַטעריאַל, וואָס האָט זיך געהאַט אָנגעקליבען, וואָס איז געווען ניט אין אַן ערך גרעסער, איידער דער פּאַלעס־טינישער. די פּאָליטישע מהומות און פּורעניות האָבען געטראָגען אין בבל אַ צופעליגען כאַראַקטער און האָבען געקאָנט בלויז צייטווייליג פערהאַלטען די טעטיגקייט פון די ישיבות, וואָס האָבען בעדאַרפט פערשפּרייטען די תלמודישע וויסענשאַפט. אָט פאַרוואָס דאָ איז די צונויפקלייבונג פון דער גמרא און די פעראייניגונג פון איהר מיט דער משנה אין דער פאָרם פון „תלמוד" פּאָרגע־קומען לפי ערך רוהיגער און פּלאַנמעסיגער. די אַרבייט איז געווען אַן אומגע־הייער גרויסע, אַ סך אַ שווערערע, איידער ביי דער צונויפשטעלונג פון דער משנה אין רבי יהודה הנשיא'ס צייטען. די צונויפשטעלונג פונ'ם תלמוד בבלי איז ניט געווען נאָך די כחות פון איין אַמורא אָדער אַפּילו פון איין דור אַמוראים: דאָס האָט געפאָדערט אַן איבערגעבענע אַרבייט פון אַ גאַנצער רייה ספּעציאַליסטען אין משך פון צוויי־דריי דורות.

דעם אָנהויב פון דער דאָזיגער ריזען־אַרבייט האָט געמאַכט דער געניאַלער אמורא **רב אשי** (370–427), דער פאָרשטייהער **פונ'ם פערטען דור אמוראים פון בבל** (§ 34). רב אשי איז געשטאַנען בראש פון דער ישיבה אין סורא. אין זיינע צייטען האָט די דאָזיגע ישיבה דערגרייכט צו יענעם בליהענדיגען צושטאַנד, אין וועלכען זי האָט זיך געפונען אין די טעג פון רב איהר גרינדער (§ 32). די ישיבה פון סורא האָט דעמאָלט פערנומען דעם ערשטען אָרט אין בבל, און איהר ראש־ישיבה איז געווען דער ערשטער צווישען די אמוראים פון זיין צייט. אַליין אַ רייכער און איינפלוסרייכער מאַן און צוגלייך

אַלמדן אַ בר-סמכא, איז רב אשי געווען עהנליך אויף רבי יהודה הנשיא. ביי איהם זיינען אויך געווען „תורה וגדולה במקום אחד"; פונקט אַזוי ווי רבי יהודה, אַזוי האָט רב אשי דורך זיין גרויסער פערזענליכקייט פערשטעלט די איבעריגע אמוראים פון זיין צייט. אַפילו די שטאָלצע רישי-גלותא האָבען זיך געבויגען פאַר'ן גייסטיגען אַווטאָריטעט פונ'ם ראש ישיבה אין סורא. זיי פלעגען קומען צו פאָהרען קיין סורא אויף די האַרבסטיגע ימים-טובים. נאָך יום-טוב פלעגט מען דאָ אַלע יאָהר אָבגעבען כבוד דעם ריש-גלותא, ווי דאָס איז געווען איינגעשטעלט לויט אַן אַלטען מנהג. אויף דעם דאָזיגען יום-טוב פון ריש-גלותא (רגלא) פלעגען זיך צונויפפאָהרען דעפּוטאַציעס פון אַלע קהלות אין בבל. רב אשי'ס רעזידענץ, סורא, איז דעמאָלט געווען דער בעלעבּטסטער צענטער פון דער אידישער בבל.

די גאַנצע לאַנגיאָהריגע טעטיגקייט רב אשי'ס איז געווען דורכגעדרונגען מיט איין שטרעבונג — צו ברייגנען אין אָרדענונג און צו פעראייניגען דעם גאַנצען געזעצגעבערישען מאַטעריאַל, וואָס האָט זיך געהאַט אָנגעקליבען אין די ישיבות פון בבל, און צונויפבינדען עס מיט דער משנה, וואָס איז דער יסוד פון דער תורה שבעל פה. צוליעב דעם האָט רב אשי אין זיינע שיעורים זיך געהאַלטען אָן אַ בעשטימטער סיסטעם: ער פלעגט לערנען דעם טעקסט פון די משניות אין צוזאַמענהאַנג מיט פירושים און אויסטייטשונגען פון די אמוראים פון בבל, וואָס זיינען געווען שייך דערצו, ד. ה. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער גמרא. אין משך פון דרייסיג יאָהר איז מען אויף אַזאַ אופן דורכגעגאַנגען אויף די שיעורים די גאַנצע משנה מיט דער גמרא — און די אידישע געלערנטע האָבען דערזעהן פאַר זיך, אָנשטאָט אַן אומגעאָרדענטע מאַסע פונאַנדערגעוואָרפענע פירושים און וכוחים, אַ גאַנצע סיסטעם, וואָס לויט איהר האָט מען געקאָנט זעהן, ווי איטליכער דין האָט זיך מדרגות'ווייז ענטוויקעלט דורך דריי סטאַדיעס — תורה, משנה און גמרא.

ס'איז פאַרהאַן אַ השערה, אַז רב אשי האָט אויסגעאַרבייט די דאָזיגע סיסטעם פון תלמוד ניט אַליין, נאָר מיט דער הילף פון אַ גאַנצער קאָלעגיע געלערנטע פון ביידע ישיבות, פון סורא און פון פומבדיתא; דאָס איז אַ השערה, וואָס האָט אַ סך פאַר זיך, וואָרום אַזאַ גרויסע און פעראַנטוואָרטליכע אַרבייט האָט געפאָדערט ניט בלויז הילף, נאָר אויך די הסכמה פון אַן אַווטאָריטעטער פערזאַמלונג. אין די מקורים איז ניטאָ קיין ראיות דערויף, צי איז רב אשי גופא צוגעטראָטען צום איבערשרייבען זיין זאַמעלבוך, אָדער ער האָט זיך בעגענוגענט מיט אַ מינדליכער סיסטעמאַטיזירונג. מען בעדאַרף אָננעמען, אַז שוין אין זיינע צייטען איז פערשריבען געוואָרען אַ בעדייטענדער טייל פונ'ם תלמודישען מאַטעריאַל, וואָרום עס איז ניט לייכט צו גלויבען, אַז אַזאַ קאָמפּליצירטע זאַמלונג זאָל פערבלייבען אין זכרון אין דער פאָרם פון אַ מסורה שבעל-פה. אין יעדען פאַל, האָט רב אשי אַוועקגעלייגט אַ פעסטען פונדאַמענט פאַר'ן בנין פון „תלמוד בבלי", וואָס איז פערענדיגט געוואָרען אין זיבעציג יאָהר אַרום נאָך זיין טויט.

רב אשי׳ס פערדיענסטען האָבען אָבגעשאַצט סיי די מענשען פון זיין דור און סיי די שפּעטערדיגע דורות. איהם, דעם זאַמלער פון דער גמרא, האָט מען געשטעלט אויף איין מדרגה מיט׳ן מחבר פון דער משנה, רבי יהודה הנשיא: יענער האָט אויסגעבויט איבער דער תורה אַ צווייטען גאָרען—די משנה, און רב אשי האָט אויסגעבויט אַ דריטען גאָרען – די גמרא, וואָס אינאיינעם מיט דער משנה האָט זי געבילדעט דעם „תלמוד בבלי״.

חתימת התלמוד.

§ 49. די לעצטע יאָהרצעהנדליגען פון רב אַשי׳ס טעטיגקייט זיינען אויסגעקומען אין איין צייט מיט יעזדעגערד דעם I-טענס רעגירונג. ווי עס איז שוין געזאָגט געוואָרען, האָט דער דאָזיגער קיניג זיך בעצויגען מיט אַכטונג צו די אידישע רישי-גלותא און געלערנטע, און רב אַשי, וואָס איז געווען דער ראש ישיבה אין סורא, האָט געקאָנט זיין צווישען די אַמוראים, וואָס האָבען געהאַט אַ צוטריט צום הויף.

ביי וויניגער גינסטיגע תנאים איז אויסגעקומען צו אַרבייטען רב אַשי׳ס יורשים. אין דער אומגליקס-צייט פון יעזדעגערד II און פירוז דעם רשע, בשעת עס זיינען גליין גע׳רודפ׳ט געוואָרען הן די זעלבסטפערוואַלטונג און הן די ישיבות, הן די רישי גלותא און הן די אַמוראים – האָבען ניט געקאָנט זיך אַרויסרוקען קיין גרויסע טוער אין דער וויסענשאַפט. דער זוהן פון׳ם בעריהמטען מחבר פון דער גמרא, מר בר רב אַשי און די אַמוראים פון זיין צייט, וואָס זיינען געשטאַנען בראש פון די ישיבות אין סורא און פומבדיתא („דער פינפטער דור אַמוראים״, 427 – 467), זיינען געשטאַנען נידעריגער פאַר די פריהערדיגע אַמוראים אין כמה פּרטים. נאָר די זאַמלונגס-אַרבייט, וואָס רב אַשי האָט אָנגעהויבען, האָט ניט אויפגעהערט אויך אין זייער צייט. די אַמוראים פלעגען צו-בויפשטעלען און פערשרייבען תלמודישע טעקסטען לויט דער סיסטעם פון זייער גרויסען רבי׳ן.

צו ענדיגען די דאָזיגע אַרבייט איז אויסגעפאַלען אויפ׳ן חלק פון׳ם זעקסטען און צוגלייך לעצטען דור אַמוראים (467 – 500). נאָך פירוז׳עס טויט, אַז די רדיפות האָבען אויפגעהערט, זיינען ווידער אויפגעריכט געוואָרען די ישיבות אין סורא און פומבדיתא. דער ראש ישיבה פון דער ערשטער איז געווען רבינא בר הונא, וואָס האָט זיך גערעכענט פאַר׳ן הויפּט-פאָרשטייהער פון די געלערנטע אין זיין צייט. מיט דער הילף פון זיינע חברים איז רבינא צוגעטראָטען צו דער חתימת התלמוד (שליסונג פון׳ם תלמוד). אונטער זיין פיהרונג האָט די קאָלעגיע געלערנטע פערענדיגט דעם צונויפקלייבען פון די פירושים און מסקנות, די הוספות צו דער משנה, לויט רב אַשי׳ס סיסטעם, און האָט מודיע געווען, אַז דער צונויפגעשטעלטער קאָדעקס „ווערט געשלאָסען״, דאָס הייסט, אַז קיין ווייטערדיגע הוספות צו איהם אָדער שנויים אין עצם ענין טאָרען מעהר ניט געמאַכט ווערען. די גמרא איז געוואָרען פונאַנדערגעטיילט לויט די ענשפרע

כענדער סדרים פון דער משנה און אינאיינעם מיט דער לעצטער האָט זי געבילדעט דעם אומגעהייער גרויסען שריפטליכען דיינקמאָל — דעם „תּלמוד בבלי". די שפּעטערדיגע דורות געלערנטע, וואָס זיינען געווען באַלד נאָך איהם, האָבען געענדיגט פערשרייבען דעם תּלמוד, אָבער זיי האָבען ניט געטאָרט מאַכען אין איהם קיין שום שנויים, חוץ פאָרמאַלע, רעדאַקציאָנעלע. די דאָזיגע געלערנטע האָבען שוין ניט געטראָגען דעם טיטעל אמוראים. פאַר'ן לעצטען אמורא רעכענט זיך רבינא; דער יאָהר פון זיין טויט (499 אָדער 500) ווערט גערעכענט פאַר'ן מאָמענט פון חתימת התלמוד.

דער תּלמוד בבלי בעשטייהט פון זעקס סדרים און 65 מסכתות, לויט דער צאָהל פון די סדרים און מסכתות פון דער משנה. נאָך איטליכער קורצער משנה, וואָס פערנעמט עטליכע שורות, קומען די לאַנגע פּירושים פון דער גמרא, וואָס ציהען זיך געוויהנליך אויף עטליכע עמודים. גמרא איז פאַרהאַן בלויז אויף 37 מסכתות פון דער משנה. אָהן אַ פּירוש פון דער גמרא זיינען געבליבען דער גרעסטער טייל מסכתות און די ספּעציעלע סדרים „זרעים" און „טהרות", וואָס זיינען כּולל אין זיך די אָבגעשאַפטע דינים וועגען די אַגראַרישע ענינים, וועגען די מתּנות פון בית-המקדש און ריטועלער ריינקייט. נאָר די גאַנצע עקסיסטירענדע געזעצגעבונג — רעליגיעזע, ציווילע, קרימינעלע (און אפילו געוויסע זאַכען פונ'ם געוועזענעם סדר עבודה אין בית-המקדש און פון די דינים וועגען די כּהנים) —געפינען זיך אין תּלמוד פולקום בעאַרבייט.

אַ דאַנק זיין פאָלשטענדיגקייט און לפי ערך סיסטעמאַטישער פאָרם, האָט דער תּלמוד בבלי אינגאַנצען פערשטעלט דעם תּלמוד ירושלמי, וואָס איז געבליבען פראַגמענטאַריש (§ 39). דער תּלמוד ירושלמי האָט געהאַט בלויז אַ טעאָרעטישע אָדער היסטאָרישע בעדייטונג, אין דער צייט וואָס דעם תּלמוד בבלי האָט מען אָנגענומען אומעטום צו לערנען אין די שולען און ישיבות, אין איהם האָט מען שטודירט די אידישע געזעצען און איהם האָט מען אויסגענוצט צוליעב פּראַקטישער געזעצגעבונג.

די שפּראַך פונ'ם תּלמוד-בבלי איז העברייאיש-אַרמיש. די אַרמישע פאָרמען טרעטען מעהר אַרויס אין די פאָלקסטימליכע טיילען פון דער אַגדה, וואָס ווערען איבערגעגעבען אין אַ דיאַלעקט, וואָס איז, אפּנים, זייהר נאָהענט צו דער דעמאָלטיגער געברויכס-שפּראַך פון די אידען אין בבל.

די היסטאָרישע ראָל פונ'ם תּלמוד.

§ 50. דער תּלמוד איז אַן אומגעהייער גרויסע ענציקלאָפּעדיע פון דער נאָכביבלישער יהדות אין איהרע רעליגיעז-צערעמאָניעלע, יורידישע, טעאָלאָגישע און עטישע טיילען. אין איהם איז קאָנצענטרירט דער גרעסטער טייל דערפון, וואָס דער זעלבשטענדיגער אידישער געדאַנק האָט בעשאַפען, זינט עס איז געשלאָסען געוואָרען די ביבלישע ליטעראַטור ביז'ן פינפטען יאָהרהונדערט פון דער קריסטליכער צייט. דעם תּלמוד קאָן מען ניט אָנרופען אַ „געזעץ-בוך" אין גע

חייהנליכען פשט פון וואָרט, וואָרום אין איהם איז פאַרהאַן, חוץ די געזעצען און די פירושים צו זיי, נאָך אַ סך ידיעות וועגען דער טעאָריע פון יוריספרודענץ און וועגען אַנדערע צווייגען פון וויסענשאַפט, פילאָסאָפיע און מאָראַל, — און אַפילו די פירושים צו די געזעצען זיינען על-פי-רוב איבערגעגעבען אין דער גמרא ניט אין דער געשטאַלט פון בעשלוסען אָדער גענויע מסקנות, נאָר אין דער פאָרם פון אַ שקלא-וטריא אָדער לעבעדיגע ויכוחים צווישען די אמוראים. אין תלמוד זיינען פערבליבען סיי די רעזולטאַטען פון דער גייסטיגער שאַפונג פון אַ גאַנצער רייה דורות, און סיי דער פראָצעס גופא פון דער דאָזיגער שאַפונג, מחמת דער טעקסט טראָגט דעם כאַראַקטער פון אַ פראָטאָקאָל.

דער תלמוד, לויט ווי עס בעדייט זיין נאָמען גופא („לערנען”, וויסענשאַפט), איז לכתחילה געוואָרען צונויפגעשטעלט ניט אַזוי אַלס פראַקטישער קאָדעקס, ווי אַלס כל-בו-לעהרבוך, וואָס אין איהם האָט איטליכער איד בעדאַרפט לערנען, שלייפען זיינע אינטעלעקטועלע פייהיגקייטען און וואו איטליכער זאָל קאָנען געפינען אַלע ידיעות, וואָס ער האָט נויטיג. דאָס איז דער ספר, וואו עס זיינען געוואָרען צונויפגעקליבען אַלע ספעציעלע און אַלגעמיין-מענשליכע ידיעות, וואָס אידען האָבען געקאָנט האָבען אין יענער צייט. אינאיינעם מיט רעליגיעזע און יורידישע מאמרים געפינט מען אין תלמוד ידיעות וועגען אַסטראָנאָמיע, מעדיצין, נאַטור-וויסענשאַפט, מאָראַל, פילאָסאָפיע, געשיכטע, און צוגלייך מיט דעם — אַנעקדאָטען, מעשיות פון לעבען, גלייכווערטלעך, לעגענדעס און אויסטערלישע מיינונגען, וואָס זיינען בעשיינפערליך אויסגעאַרבייט געוואָרען אונטער דער השפעה פונ'ם פאָלקס אָבערגלויבענס אָדער פון דעמאָלטיגע גלויבונגען פון די פערסער אין חלומות, כישוף-מאַכערס און מזיקים.

בכלל ווערט דער תלמוד לויט זיין אינהאַלט צונויפגעשטעלט פון צוויי בעשטאַנד-טיילען: פון הלכה, וואָס איז דער פראָדוקט פון רעליגיעז-געזעצגעבערישער טעטיגקייט, און פון אַגדה, וואָס איז דער פראָדוקט פון פרייער טעטיגקייט פונ'ם שכל, געפיהל און כח הדמיון. די הלכה בעאַרבייט די געזעצען און יורידישע נאָרמען דורך שאַרפזיניגע פירושים און פלפוליסטישע חקירות; זי טייטשט איין די משנה, פערבינדט איהרע הנחות מיט די ענטשפרעכענדע חוקים פון דער תורה, גלייכט אויס די סתירות, וואָס ווערען אין איהר אָנגעטראָפען, און דער עיקר — זי דרינגט אַרויס פון דער משנה אַ סך נייע מסקנות, וואָס ווערען פון זייער זייט קאָמבינירט מיט אַנאַנד און בעשאַפען אַ צווייטע רייה מסקנות, דערנאָך — אַ דריטע, און אַזוי כסדר, וואָס ווייטער, אַלץ מעהר. די אַגדה פערנעמט זיך אויך זייהר אָפט מיט'ן אויסטייטשען די תורה און די משנה, אָבער די דאָזיגע פירושים ווילען ניט שטעלען וואָסערע עס איז יורידישע אָדער געזעצגעבערישע כללים, נאָר זיי ווילען דערוועקען אַ רעליגיעז-זיטליכע שטימונג: דאָס איז אַ פראַגמענטאַרישע דרשה אויף פערשיידענע פסוקים פון תנ"ך, אַ רייה מאַמרי-מוסר, קלוגע שמועסען וועגען הויכע אָדער וואָכעדיגע ענינים. דאָ איז ניטאָ קיין אָרט פאַר דער לאָגיק: דער מעטאָד פון איינטייטשען די תורה איז אין דער אַגדה אַן אַלעגאָרישער, טיילמאָלס אַ מיסטישער. די הלכה נעמט אַרום

דעם געביט פון דער פאָרמאַלער, אויסוויינינגסטער רעליגיע, פון די צערעמאָניעס און יוריספּרודענץ. איטליכען געזעץ מוז זי אַרויסדרינגען אָדער פון דער תּורה אָדער פון דער משנה; אומעטום מוז זי זיך סומך זיין אויף אויטאָריטעטען. אָבער די אַגדה נעמט אַרום דעם געביט פון אינעווייניגסטען גלויבען, פון די רעליגיעז-נאַציאָנאַלע געפיהלען; זי טרעט אַרויס אין דער פאָרם פון קלוגע מימרות, אַלעגאָריעס, בילדליכע פערגלייכונגען, שיינע לעגענדעס, פאַנטאַסטישע און טיילמאָלס צו נאַאיווע מעשה׳לעך; זי פערטיפט זיך אין׳ם עטישען און נאַציאָנאַלען זין פון דער יהדות; זי מישט אויס די געשיכטע מיט דער לעגענדע, בכדי דערפון אַרויסצודרינגען אַ מוסר-השכל. דאָס איז אַ ריכטיגער שפּיגעל פון׳ם אידישען פאָלקס-געדאַנק אין אַ משך פון העכער פינף יאָהרהונדערטען. אויב די הלכה איז די פאָרמאַלע געזעץ-לעהרע פון׳ם תּלמוד, איז די אַגדה זיין דאָגמאַטישע טעאָלאָגיע, עטיק און געשיכטע, הגם זיי זיינען ניט איבערגעגעבען אין אַזאַ סיסטעמאַטישער פאָרם, ווי די הלכה. אין תּלמוד גופא זיינען די הלכה און אַגדה צונויפגעגאָסען און איבערגעמישט מיט אַנאַנד, נאָר שטענדיג קאָן מען זיי אונטערשיידען לויט זייער אינהאַלט און זייער מעטאָד.

אויף אַזאַ אופן האָט זיך געבילדעט נאָך דער ביבלישער ליטעראַטור אַ נייע הייליגע ליטעראַטור — די משנה און גמרא, וואָס זיינען פעראייניגט געוואָרען אין תּלמוד בבלי. מחמת די אויבען אָנגעוויזענע תּכונות זיינע האָט דער תּלמוד געהאַט אַ דרייפאַכיגע בעשטימונג: ער האָט בעדאַרפט דינען א) אַלס רעליגיעזער און בירגערליכער געזעץ-בוך, ב) אַלס לעהר-און ערציהונגס-בוך און ג) אַלס מקור פאַר ידיעות און בעלעהרונג פאַר דער מאַסע. אין אַלע די דאָזיגע דריי פונקציעס, וואָס ער האָט אויסערפילט אין משך פון׳ם גאַנצען שפּעטערדיגען פעריאָד פון דער אידישער געשיכטע, האָט דער תּלמוד געבראַכט צו זייער וויכטיגע פועל-יוצא׳ס, אי פּאָזיטיווע, אי נעגאַטיווע.

אַלס רעליגיעזער געזעץ-בוך (גענויער: מאַטעריאַל פאַר אַ געזעץ-בוך), האָט דער תּלמוד אינגאַנצען אויסערפילט דעם פערלאַנג פון די ערשטע בעשעפער פון דער תּורה שבעל-פה: ער האָט אויפגעבויט „אַ פעסטען סיג לתּורה״ — און ניט איין סיג, נאָר אַ גאַנצע רייהע סיגים אָדער, לויט דעם תּלמודישען אויסדרוק, אַ „סיג לסיג״. די חוקים פון דער תּורה זיינען אַרומגערינגעלט געוואָרען דורך אַ מאַסע פערהיטונגס-כּללים אין דער משנה, די דינים פון דער משנה האָבען בעקומען הוספות און זיינען בעדייטענד פערברייטערט געוואָרען אין דער גמרא. דער געביט פון געזעץ און רעגלאַמענט איז אַזוי ווייט פערברייטערט געוואָרען, אַז ער האָט אַרומגענומען אַלע ערשיינונגען פון׳ם אידענס פּערזענליכען און געזעלשאַפטליכען לעבען. אַלע די דאָזיגע דינים און צערעמאָניעס אינאיינעם גענומען האָבען געהאַט דעם ציעל פעסטצושטעלען אַ שטרייגגע איינאַרטיגקייט אין דער לעבענס-אָרדענונג פון דער אידישער נאַציע, פעראייניגען איהרע צעזייהטע און צעשפּרייטע גלידער דורך לעבענס-פאָרמען, צערעמאָניעס און מנהגים, וואָס זאָלען זיין אַ חוב פאַר אַלעמען זיי צו היטען.

דער תּלמוד האָט טאַקע דערגרייכט צום דאָזיגען נאַציאָנאַלען ציעל: אַדאַנק דער שטריינגער דיסציפּלין, מיט וועלכער ער האָט איינרעגולירט דאָס לעבען, האָט ער טאַקע מיטגעהאָלפען דער פעראייניגונג פון אידישען פאָלק און דער איינהייטונג פון יהדות. ער האָט פערהיט דאָס אידישע פאָלק, עס זאָל ניט צע-שמאָלצען ווערען צווישען די אַנדערע פעלקער, האָט געמאַכט, עס זאָל זיך ניט אונטערגעבען דער ווירקונג פון פרעמדע רעליגיעס, פרעמדע קולטורען און מנהגים.

נאָר פעראייניגענדיג דאָס אידישע פאָלק אַלס גאַנצעס, האָט דער תּלמוד אין דערזעלביגער צייט איינגעשמידט דאָס לעבען פון איטליכען איינצעלנעם אידען, האָט איהם איינגעבונדען אין אַ נעץ פון דינים, כּללים און צערעמאָניעס, האָט אַרויפגעלייגט אויף איהם אַ צו שטריינגע דיסציפּלין, האָט איהם געצוואונגען צוצופּאַסען איטליכע טועכץ זיינע, אַפּילו די אומשולדיגסטע און גלייכגילטיגסטע, צו די געבאָטען פּינ׳ם געזעץ. איטליכע גרונד-צערעמאָניע פון דער ביבעל ווערט פונאַנדערגעטיילט אין תּלמוד אויף אַ סך צערעמאָניעס, וואָס פלעגען אָפטמאָלס דערגייהן ביז צו דער אויסערסטער קליינליכקייט. אַזוי, למשל, האָט מען צו דער מצוה פון שבת-רוה אין תּלמוד מוסיף געווען, אַז מען טאָר ניט אום שבת אָבריסען אַ גרעזעל, אַנריהרען געוויסע חפצים פון דער בעל-הבּתישקייט אָדער טראָגען מיט זיך אַפילו דעם קלענסטען חפץ. דעם אייגענעם כאַראַקטער האָבען געהאַט אויך די אומצייהליגע דינים וועגען מאכלות אסורות, וואָס די חכמי התּלמוד האָבען איינגעשטעלט, און די דינים וועגען אַלע איבעריגע טיילען פון פריוואַטען, הויזליכען לעבען. אַזעלכע מיני דינים האָבען אויף איטליכען שריט פעראיינגט די פערזענליכקייט און האָבען חוץ דעם אַריינגעטראָגען אַן אויסער-סטען פאָרמאַליזם אין דער רעליגיע, מחמת זיי האָבען געצוואונגען די לעצטע צו קאָנטראָלירען אַזעלכע קליינליכע ענינים פון וואָכעדיגען לעבען, וואָס גייהען בשום אופן ניט אַריין אין איהר רשות.

אַלס לעהר-און ערציהונגס-בוך האָט דער תּלמוד אויך געהאַט סיי גוטע און סיי שלעכטע זייטען. אין מיטעלאַלטער איז די תּלמודישע הלכה געוואָרען דער הויפּט-למוד, כמעט דער איינציגער למוד אין די אידישע שולען; אַלס אַזעלכע האָט זי דורך איהר שאַרפען און שפּיציגען פּלפּול מיטגעהאָלפען צו פערשאַרפען דעם אידישען שכל און צו ענטוויקלען דעם לאָגישען דיינקען; זי האָט געהאַלטען דעם שכל שטענדיג אָנגעשטריינגט, ניט געלאָזען איהם איינשלאָ-פען, האָט איהם בעלעבט און געשטופּט צו טעטיגקייט. נאָר פון דער אַנדער זייט האָט די הלכה, דורכדעם וואָס זי האָט איינגעשלונגען די הויפּטליכע אינ-טעלעקטועלע קרעפטען פון אידישען פאָלק אין משך פון אַ לאַנגער שורה יאָהר-הונדערטען, געגעבען דעם שכל אַ צו-פיעל איינזייטיגע ריכטונג. זי האָט צוגע-וויהנט די לומדים צו אַ קליינליכער פּלפּוליסטישער פאָרשונג, וואָס איז אָפטמאָלס געווענדט ניט אויפ׳ן עצם מהות פון די פראַגען, וואָס מען בעדאַרף זיי אויס-פאָרשען, נאָר אויף זייער פאָרמאַלער זייט. מען שטרעבט כּסדר קינסטליך אויסצוגלייכען סותר׳דיגע מיינונגען, אויסצוטראַכטען אַלץ נייע פראַגען מיט׳ן

איינציגען צוועק צו געבען אויף זיי שארפזיניגע ענטפערן. די דאָזיגע געקינ־צעלטע, סכאָלאַסטישע וויסענשאַפט צוליעב וויסענשאַפט, וואָס האָט צוגעוויהנט צו אַן אינטעלעקטועלען ספּאָרט, האָט אָבגעצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון דער לעבעדיגער וויסענשאַפט, וואָס גיט אידעאַלען, וואָס בילדעט אויס דעם מענשענס וועלט־אַנשויאונג.

די לעצטע פונקציע — פערזאָרגען דאָס פאָלק מיט שפייז פאַר'ן גייסט, און ניט בלויז פאַר'ן מח — האָט געמוזט אויסערפילען די אַגדה, וואָס זי איז דער מאָראַל־פילאָסאָפישער און פּאָעטישער טייל פון תלמוד. די אַגדה האָט טאַקע זאויסערפילט די דאָזיגע אויפגאַבע: זי האָט געגעבען דעם פאָלק געהויבענע זיטליכע כללים, האָט איהם געלערנט לעבענס־חכמה, געטרייסט איהם אין אַ שעת צרה דורך האָפענונגען אויף אַ בעסערן חלק אין דער איצטיגער אָדער צוקונפטיגער וועלט, האָט אונטערגעהאַלטען אין איהם דעם נאַציאָנאַלען געפיהל, האָט איהם פעראינטערעסירט דורך היסטאָרישע אָדער פּאָעטישע לעגענדעס — מיט איין וואָרט, זי האָט געגעבען דעם פאָלק אַ געוויסע וועלט־אנשויאונג. נאָר די דאָזיגע וועלט־אנשויאונג, וואָס איז רייך מיט הויכע מאָראַלישע אמת'ען, האָט געהאַט אין זיך ניט ווינציג טעות'ען און פּאָראורטיילען. אויף דער וועלט־אנשויאונג פון דער אַגדה ליגט אַ חתימה פון איינגעשלאָסענקייט און צו־גרויסער אָבגעזונדערטקייט. די כנסת ישראל ווערט דאָ פאָרגעשטעלט ווי דער מיטעלפּונקט פון דער וועלט, וואָס אַרום איהם דרייהט זיך אַלצדינג. דאָס איז אַ מין יו־דיצענטרישע סיסטעם אין דער געשיכטס־פילאָסאָפיע, וואָס געפינט זיך אין אַ געוויסער אַנאַלאָגיע מיט דער אַלטער געאָצענטרישער סיסטעם אין דער אַסטראָנאָמיע, וואָס האַלט, אַז אונזער קליינע ערד איז דאָס דער צענטער פון דער וועלט. די איינזייטיגקייט פון דער היסטאָרישער פערספעקטיוו דערגייהט טיילמאָלס ביז צו עקסטרעמיטעטען.

נאָר מען בעדאַרף ניט פערגעסען, אַז דער דאָזיגער שמאָלער אידייען־קרייז איז געוועזן צוגעפּאַסט אַזוי, אַז מען בעדאַרף ניט בעסער, צו דער גאַנצער מיטעלאַלטערליכער לעבענס־אָרדענונג, מיט איהר רעליגיעזער אומטאָלעראַנץ און קאַסטען־גייסט. דאָס איז געוועזן די איינגעשלאָסענקייט פון מענשען געראָדפ'טע, וואָס ווערען בעלעגערט דורך אַ שונא און וואָס האָבען זיך בעפעסטיגט אין זייער גייסטיגער ציטאַדעל. מען קאָן זאָגען, אַז דער תלמוד אַלס גאַנצעס האָט געבילדעט פאַר די אידען אַ שוץ־וואַל קעגען די סכנות, וואָס זיינען געהאַנגען איבער דער נאַציע מצד די מיטעלאַלטערליכע גזרות רעות.

מיט אַן ערך 50 יאָהר פאַר דער חתימת התלמוד איז אין ביזאַנץ צונויפ־געשטעלט געוואָרען „טעאָדאָסיוס'עס געזעץ־בוך" (קאָדעקס טהעאָדאָסיאַנוס, 438), און אין עטליכע יאָהרצענדליג אַרום נאָך חתימת התלמוד איז פערעפענטליכט געוואָרען דער גרעסערער „קאָדעקס יוסטיניאַנוס", וואָס דערצו זיינען צוגעקומען דעם זעלביגען קייזערס „נאָוועלען" (529 — 556). אָט דיביידע קאָמפּילאַציעס, וואָס האָבען פעראייניגט דאָס רעכט און די געזעצגעבונג פון דער היידנישער און קריסטליכער רוים — בילדען אַן אינטערעסאַנטע פאַראַלעל צו די ענטשפרע־

כענדע טיילען פונ׳ם תּלמוד. און וואָס-זשע זעהען מיר אינ׳ם דאָזיגען גריכיש-רוימישען תּלמוד, אין די קריסטליכע שיכטען פון זיין געזעצגעבונג, זינט קאָנ-סטאַנטין דעם גרויסענס צייטען ביז יוסטיניאַן? — אַ רייה דערנידעריגענדע רעכט-ליכע בעגרעניצונגען פאַר אידען, און בכלל פאַר אַנדערשגלויביגע „כופרים", און די דאָזיגע בעגרעניצונגען ווערען בעגרינדעט אויפן סאַמע בעליידיגענדען אופן פאַר די בעגרעניצטע (אויבען, § 43). די אידען ווערען דאָ בעצייכענט מיט נעמען, ווי אַ שטייגער „נידעריגע", „שענדליכע", „מנוולים" (אינפעריאָרעס, איג-נאַמעס, טורפעס), זייערע פערזאַמלונגען אין די שולען צום דאַווענען ווערען אָנגערופען „כנופיות פון מחללי הקדש" (סאַקריליעגי קעטוס).

די שטרעבונג אַרויסצושטעלען די אידען ווי אַ נידעריגע ראַסע, בכדי צו פערענטפערען דערמיט זייער רעכטלויזיגקייט — ציהט זיך ווי אַ רויטער פאָדעם סיי אין דער „הלכה" פונ׳ם „קאָרפּוס יוריס ציוויליס", סיי אין דער „אַגדה" פון דער דעמאָלטיגער קירכען-ליטעראַטור. מיר האָבען שוין געזעהן די בעציהונגען פון די גרעסטע קירכען-פאַטערס צו אידען. אין זייערע דרשות און שריפטען ווערען די אידען אַרויסגעשטעלט, ווי אַ פערוואָרפען פאָלק, וואָס מוז אייביג ליידען יסורים, דערפאַר, וואָס זיי האָבען ניט אָנערקענט קריסטוס׳ן, און די אידישע רעליגיע — ווי אַ שעדליכע פאַלשע שיטה, וואָס איז אַן אמת׳ע מעשה שטן.

קעגען דער דאָזיגער שנאה פון דער אַרומיגער וועלט האָט דער תּלמוד געקאָנט דיענען די אידען פאַר אַ שילט און אַנהאַלט. אויף דער אידייע וועגען דער „פערוואָרפענקייט" האָט ער געענטפערט דערמיט, וואָס ער האָט מגזם געווען די אידייע וועגען דעם, אַז דאָס פאָלק ישראל איז אַן „עם סגולה"; ער האָט איינגעפלאַנצט אין פאָלק אַ שטאָלצע פעראַכטונג צו די פעראַכטער און יענעם געפיהל פון פערשטאַרקטער זעלבסטאַכטונג, וואָס איז נויטווענדיג, בכדי אונטערצוהאַלטען די פעסטיגקייט פון געמיט ביי גע׳רודפ׳טע, ניט אָנערקענטע.

דערין בעשטייהט די היסטאָרישע בעדייטונג פונ׳ם תּלמוד. ביי אַלע זיינע חסרונות האָט ער פונדעסטוועגען געקאָנט איינהאַלטען די אידישע פאָלקס-מאַסע אויף אַזאַ אינטעלעקטועלער הויך, וואָס צו איהר האָבען בשום אופן ניט געקאָנט דערגרייכען די נידעריגע און מיטעלסטע קלאַסען פון אַנדערע פעלקער אין יענע פינסטערע צייטען. דער תּלמוד האָט אַרויפגעלייגט אַ בולט׳ע חתימה פון רוחניות אויפ׳ן גאַנצען אידישען לעבען: ער האָט פערענדיגט דעם פּראָצעס, וואָס האָט אויסגעאַרבייט פון אידישען פאָלק אַ „גייסטיגע נאַציע", ד. ה. אַזאַ נאַציע, וואָס אַלע איהרע מיטגלידער זיינען פערבונדען צווישען זיך דורך דער שותּפות פון די אידעאַלען און שטרעבונגען. מיט דער הילף פון אַ רעליגיעזער דיסציפּלין, וואָס האָט איהר גלייכען ניט, האָט ער פערפעסטיגט דעם גייסט פון דער נאַציע און האָט איהר געגעבען די קראַפט אויסצוהאַלטען אַזעלכע צעטריי-לונגען, וואָס אַן אַנדער פאָלק וואָלט זיי ניט אַריבערגעלעבט. דער תּלמוד האָט איינגעהיט די אייניגקייט פון אידישען פאָלק, ער האָט איינגעהיט די יהדות, הגם אונטער אַ צו האַרטער שאָלעכץ; איהם האָט זיך איינגעגעבען אָפּצוהיטען ריין

דעם קערן פון דער יהדות, אפשר גראָד דערפאַר, וואָס ער האָט איינגעשלאָסען דעם קערן אין אַזאַ האַרטער שאָלעכץ. אין אונזער ווייטערדיגער ערציילונג וועגען דעם גורל פון אידישען פאָלק וועלען מיר איטליכען שריט בעגעגענען די דאָזיגע גרויסע היסטאָרישע קראַפט, וואָס ווערט אָנגערופען „תלמודישע יהדות".

די רבנן סבוראי.

§ 51. נאָך דער חתימת התלמוד איז די אָריגינעלע גייסטיגע שאַפונג צייטווייליג געבליבען שטייהן. זעלבשטענדיג אויסטייטשען די משנה האָט מען ניט געטאָרט, ווייל די גמרא האָט שוין פאָראויסגעזעהן אַלע פאַלען פונ'ם רעכט און געזעצגעבונג פון דער משנה, און די אַרבייט פון די אמוראים אָדער „אויס-טייטשער" האָט זיך גערעכענט פאַר געענדיגט. עס איז געבליבען מעהר ניט צו מאַכען אַ פירוש אויפ'ן טעקסט פונ'ם תלמוד און צו פערענדיגען זיין רעדאַקציע. דערמיט האָבען זיך פערנומען אין VI יאָהרהונדערט די חכמים, וואָס ווערען אָנגערופען רבנן סבוראי, דאָס איז טייטש די וואָס דערקלערען, זאָגען אַ סברא.

די רבנן סבוראי זיינען געווען פאַר'ן תלמוד דאָס אייגענע, וואָס די „סופרים" נאָך עזרא'ס צייטען זיינען געווען פאַר דער תורה: זיי האָבען פערגליכען די טעקסטען, געקליבען נוסחאות, איבערגעשריבען די תלמודישע ביכער, און דערביי פלעגען זיי טיילמאָלס אַריינשטעלען אין טעקסט זייערע דערקלערענדע הערות. זיי זיינען געווען די פערמיטלער צווישען די בעשעפער פונ'ם תלמוד און צווישען די שפּעטערדיגע דורות געלערנטע. די סבוראים האָבען פערענדיגט די פעראייביגונג פון דער תורה שבעל-פה אין אַ שריפטליכען דיינקמאָל און האָבען צוגעגרייט דעם באָדען פאַר דער תלמודישער שול אין דער צוקונפט.

די פּרטים וועגען דער טעטיגקייט פון די סבוראים זיינען ניט בעוואוסט. זייער טעטיגקייט קומט אויס אין איינער פון די פינסטערסטע עפּאָכעס פון דער אידישער געשיכטע. די ערשטע יאָהרצעהנדליג פון VI יאָהרהונדערט האָבען זיך אויסגעצייכענט אין פערסיען דורך די מהומות פון קאָוואַדס רעגירונג און פון דער בעוועגונג פון די מאַזדאַקיטען, און די לעצטע יאָהרצעהנדליג — דורך הורמוז דעם IV-טעס רדיפות און באַהראַם'ס אויפשטאַנד (§ 46). די הויפּט-ישיבות אין סורא און פומבדיתא זיינען אַמאָל פערמאַכט געוואָרען און אַמאָל ווידער געעפענט, און קיין רעגעלמעסיגע וויסענשאַפטליכע טעטיגקייט איז ניט מעגליך געווען. די ראשי-ישיבות פון ביידע ישיבות און די קאָלעגיע געלערנטע, וואָס אַרום זיי, האָבען זיך פערנומען מיט דער איינטיילונג און בעאַרבייטונג פון די תלמודישע טעקסטען, מיט דער „סברא", וואָס פון איהר האָבען די חכמים פון יענער צייט בעקומען זייער נאָמען.

די טראַדיציע ציילט עטליכע גרופּעס אָדער דורות סבוראים, וואָס גייהען

איינער נאָכ'ן אַנדערן. צום ערשטען דור (אַן ערך 500 – 520) געהערען: רב יוסי, וואָס איינאיינעם מיט'ן לעצטען אמורא רבינא האָט ער גענומען נאָך אַן אָנטייל אין דער חתימת התלמוד, און רב אחאי פון בי-חתים, וואָס האָט גע-האַט אַ שם פון אַ גרויסען למדן ניט בלויז אין בבל, נאָר אויך אין ארץ-ישראל. די פאָרשטייהער פונ'ם צווייטען דור זיינען געווען: דער ראש-ישיבה פון סורא רב עינא און פון פומבדיתא – רב סימונא (520 – 550), דערנאָך גייהען רב רבאי אין פומבדיתא, רב גיזא און רב הונא (אָדער ר' שמא).

די לעצטע צוויי האָבען איבערגעלעבט די פורעניות פון הורמוז IV-טענס צייטען, וואָס דעמאָלט זיינען ביידע ישיבות פערמאַכט געוואָרען און די גע-לערנטע איז אויסגעקומען צו זיין נע-ונד אין פערשיידענע ערטער. אין דער-זעלביגער צייט איז געגרינדעט געוואָרען אַ צייטווייליגע ישיבה אין דער שטאָדט פרוז-שאבור, ניט ווייט פון נהרדעא. ערשט נאָכדעם ווי די מהומות האָבען אויפגעהערט, איז ווידער בענייט געוואָרען די טעטיגקייט פון די הויפט-ישיבות אין סורא און פומבדיתא. בראש פון דער לעצטער איז געשטאַנען רב חנן פון אישקיא, וואָס האָט זיך צוריק אומגעקעהרט פון פרוז-שאבור.

די וויטערדיגע כראָנאָלאָגיע פון דער „תקופה פון די סבוראים“ איז זייהר פערפלאָנטערט. די טעטיגקייט פון די סבוראים, וואָס האָבען געלעבט אין די לעצטע יאָהרצעהנדליגען פון דער פערסישער ממשלה, גיסט זיך צונויף מיט דער טעטיגקייט פון דער נייער סעריע חכמים, וואָס זיינען אַרויסגעטראָטען אין אָנהויב פון דער עפּאָכע פון דער אַראַבישער איבערהערשאַפט אונטער'ן נאָמען „גאונים“. אינ'ם נעפּעל פון דער איבערגאַנגס-צייט שוועבען אַרום אומקלאָרע סילועטען, עס גיסען זיך צונויף די קאָנטורען פון פערזאָנען און געשעהענישען, ביז וואַנען עס טרעט אַרויס פון כאַאָס פון דער געשיכטע אַ נייער, ליכטיגערער פּאַס.

דריטער קאפּיטעל.

די אידישע קאלאניעס אין מערב־אייראפּע V—VI (יאהרה.)

איטאַליען—די מלוכה פון די פראנקען אונטער די מעראָווינגער.—די קאָלאָניעס אין די גערמאַנישע לענדער.—שפּאַניען אונטער די וועסטגאָטען.

איטאַליען.

§ 52. אידישע קאָלאָניעס האָבען זיך בעוויזען אין מערב־אייראָפּע נאָך אין דער צייט פון דער קריסטליכער רוים. אין דער מעטראָפּאָל פון דער אימפּעריע, איטאַליען, און בעזונדערס אין דער שטאָדט רוים בעגעגענט מען אידישע געמיינדעס אין ערשטען יאָהרהונדערט פאַר דער קריסטליכער צייט (II טייל, § 108), און אין די ווייטערדיגע יאָהרהונדערטען זיינען זיי נאָך גרעסער געוואָרען, ווייל עס זיינען צוגעקומען נייע עמיגראַנטען פון יהודה, וואָס איז צוויי מאָל פערוויסט געוואָרען—דורך טיטוס'ן און הדריינוס'ן.

פון איטאַליען זיינען די אידישע איינוואַנדערער אַריינגעדרונגען ווייטער אין טיעף אייראָפּע, אין די מערב'דיגע פּראָווינצען פון דער רוימישער אימפּעריע—גאַליען, גערמאַניען און שפּאַניען. אין אַלע די דאָזיגע לענדער האָבען די אידען געבילדעט גרעסערע אָדער קלענערע אינדוסטריעלע קאָלאָניעס, האָבען גענאָסען די רעכט פון רוימישע בירגער און האָבען, ווי עס ווייזט אויס, געלעבט בשלום מיט דער אַרומיגער בעפעלקערונג.

אין די ערשטע יאָהרהונדערטען פון דער קריסטליכער צייט ווייס די געשיכטע כמעט גאָרנישט ניט וועגען לעבען פון די אידישע קאָלאָניעס אין אייראָפּע. זיי טרעטען אַרויס אויף דער היסטאָרישער אַרענע ערשט פון V־טען יאָהרהונדערט, בשעת „דער גרויסער פעלקער־וואַנדערונג". דער חורבן פון דער מערב־רוימישער אימפּעריע און די פערשפּרייטונג פונ'ם קריסטענטום האָבען אינגאַנצען אומגעביטען דעם גורל פון אייראָפּע, דורכדעם וואָס זיי האָבען גורם געווען דערצו, עס זאָלען זיך בילדען נייע מלוכות, נייע עטנישע און רעליגיעזע גרופּעס.

די דאָזיגע וועלט־קריזיסען האָבען זיך פריהער פון אַלץ אָבגעשפּיגעלט

אויף איטאַליען, דעם געוועזענעם צענטער פון דער גאַנצער רוימישער אימ-פעריע, און זינט זי איז צעטיילט געוואָרען — דעם צענטער פון דער „מערב-רוימישער אימפעריע". אין דער צייט וואָס די מזרח'דיגע העלפט פון דער אימ-פעריע, ביזאַנץ, איז שטאַרקער געוואָרען און איז געבליבען ביי איהרע אַזיאַטישע און אַפריקאַנישע פּראָווינצען, איז אין דער מערב'דיגער העלפט גיך פאָרגעקומען דער צעפאַלונגס-פּראָצעס. שוין אין דער צייט פון איהר ערשטען קייזער, האָ-נאָריוס (395 — 423), האָבען די כסדר'דיגע אָנפאַלען מצד די „באַרבאַרען" בעוויזען, אַז דער אונטערגאַנג פון דער מלוכה איז נאָהענט.

פונקט אזוי ווי זיין ברודער, דער ביזאַנטינישער קייזער אַרקאַדיוס, איז אויך האָנאָריוס בנוגע צו זיין פּאָליטיק קעגען די אידען געווען ניט פעסט ביי דער דעה. אין איינינע עדיקטען פערזאָגט ער שטריינג די אידען, זיי זאָלען ניט קלייבען די ספּעציעלע אָבצאָהלונגען לטובת זייערע נשיאים, און בעפעהלט, מען זאָל ניט צונעמען קיין אידען און שומרונים אויף מלוכה- און געזעלשאַפט-ליכע שטעלעס און אין מיליטער-דיענסט (399, 404, 418); אין אַנדערע עדיק-טען ווידער ערלויבט ער אויפ'ס ניי צו קלייבען דעם אָבצאָהל פאַר'ן נשיא, בעפרייט די אידען פון צו קומען אין געריכט אום שבת, פערזאָגט, מען זאָל ניט מאַכען קיין אָנפאַלען אויף שולען און ניט שטערען דעם גאָטעסדיענסט, און דערלאָזט אַפילו, אַז אידען זאָלען האַלטען קריסטליכע שקלאַפען, בתנאי זיי זאָלען זיי ניט מגייר זיין (404, 409, 412).

נאָר צי דען האָט געקאָנט זיין פעסט די געזעצגעבונג פון אַ מלוכה, וואָס איז געווען צעטרייסעלט אין איהרע יסודות? די באַרבאַרען האָבען שוין געקלאַפּט אין די טויערן פון רוים. די וועסטגאָטען האָבען צעראַבירט די „איי-ביגע שטאָדט" (אַלאַריך, 410); אין די פּראָווינציעס גאַליען און שפּאַניען זיינען געגרינדעט געוואָרען די קיניגרייכען פון די בורגונדער און וועסטגאָטען; דערנאָך האָבען די וואַנדאַלען פערוויסט רוים (גייזעריך, 455), און אין צוואַנציג יאָהר אַרום האָט דער פיהרער פון די גערולען אָדאָאַקר אַראָבגעוואָרפען פון טרוין דעם לעצטען רוימישען קייזער ראָמולוס אַווגוסטולוס (476). דאָס אידישע פאָלק האָט זיך דערוואַרט די מפּלה פון דער וועלט-מאָנאַרכיע, וואָס האָט חרוב גע-מאַכט יהודה; עס האָט געזעהן, ווי דער וואַנדאַל גייזעריך האָט אַוועקגעפיהרט פון רוים קיין אַפריקאַ די הייליגע כלים, וואָס טיטוס האָט אַנומעלט אַוועקגערויבט פון בית-המקדש אין ירושלים *).

פאַר דער צייט, וואָס די אָסגאָטען האָבען געוועלטיגט אין איטאַליען (493 — 554), האָבען די אידען דאָרט געלעבט אין בעדייטענדע קהלות סיי אין

*) אין 80 יאָהר אַרום, בעת דער ביזאַנטינישער קייזער יוסטיניאַנוס האָט חרוב געמאַכט די אַפריקאַנישע מלוכה פון די וואַנדאַלען (534), האָט מען די הייליגע כלים אַריבערגעפיהרט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. פון דאָרט האָט מען זיי אָבגעפיהרט אין אַ קירך פון ירושלים, ווארום עמיצער האָט איינגערעדט יוסטיניאַנוס'ן, אַז די דאָזיגע כלים קאָנען ברייננען אַן אומגליק פאַר דער הויפּט-שטאָדט פון ביזאַנץ, אויב מ'וועט זיי ניט ברייננען צוריק קיין ירושלים.

צפון-זייט און סיי אין דרום-זייט: אין רוים, מילאַן, ראַווענאַ, גענואַ, וועראָנאַ, אויף די אינזלען סיציליען און סאַרדיניען. דער קיניג פון די אָסגאָטען טעאָדאָריק דער גרויסער, וואָס האָט געהאַט אָנגענומען דעם קריסטענטום אין דער אַריאַנישער פאָרם, האָט אָנערקענט פאַר אַלע די דאָזיגע קהלות זייער רעכט אויף זעלבסטפערוואַלטונג. „היות ווי די אידען לעבען לויט זייערע געזעצען, — ווערט געזאָגט אין עדיקט פון יאָהר 512 — בכן מוזען זיי האָבען דיינים פון צווישען זייערע רעליגיעזע לעהרערס". טעאָדאָריק האָט בעשטעטיגט עטליכע אַלטע פּריווילעגיעס פון די אידען און האָט ניט דערלאָזט דער קאַטוילישער גייסטליכקייט זיי צו רודפ'ן. בשעת דער המון איז איינמאָל אין רוים אָנגעפאַלען אויף די הייזער פון אידען, אויסגערויבט זייער אייגענס און פערברענט אַ שול, האָט טעאָדאָריק בעפוילען דעם רוימישען סענאַט אויפצוזוכען די שולדיגע אין די אונאָרדענונגען און צו צווינגען זיי צו בעצאָהלען פאַר די היזקות. עטליכע פאַנאַטיקער, וואָס האָבען זיך אָבגעזאָגט פון צו פאָלגען דעם בעפעהל וועגען אָבצאָהלען פאַר די היזקות, זיינען עפענטליך בעשטראָפט געוואָרען מיט שמייך דורך אַ תליון.

דאָס, וואָס טעאָדאָריק האָט זיך איינגעשטעלט פאַר אידען, דערקלערט זיך איבעריגענס ניט דורכדעם, וואָס ער האָט זיי בעזונדערס ליעב געהאַט, נאָר וויילע ער האָט געוואָלט איינהיטען די אָרדענונג אין לאַנד און איינצאַמען דעם פאַנאַטיזם פון די קאַטוילי קען, וואָס האָבען זיך פערהאַלטען פיינדליך צום קיניג גופא, וואָס איז געווען אַן אַריאַנער. טעאָדאָריק האָט געוואָלט מאַכען די אידען פאַר קריסטען, נאָר ער האָט ניט געקאָנט פועל'ן ביי זיך אָנצווענדען צוליעב דעם געוואַלד-מיטלען. בשעת ער האָט בעפרידיגט די השתדלות פון די אידען פון גענואַ, אַז מען זאָל זיי ערלויבען אויפצופרישען דעם בנין פון דער אַלטער שול, האָט ער געהייסען אָנשרייבען זיי: „הגם מיר גיבען אייך די ערלויבעניש, פונדעסטוועגען טאַדלען מיר אייער פערלאַנג, וואָס פליסט אַרויס פון אַ פער-בלאָנדזשעניש. איבעריגענס, קאָנען מיר ניט אָנבינדען עמיצען אַ רעליגיע און צווינגען אַנדערע צו גלויבען קעגען זייער געוויסען". צו בויען נייע שולען און אויך אויסצופוצען די אַלטע איז די אידען געווען פערבאָטען; זיי האָבען גע-האַט בלויז דאָס רעכט אונטערצוהאַלטען און צו פעררי כטען די שולען, וואָס זיינען אַלט געוואָרען.

טעאָדאָריק'ס געוועזענער בעל-יועץ און מיניסטער, קאַסיאָדאָר וואָס האָט אין זיינע לעצטע לעבענס-יאָהרען אָבגעזאָגט זיך פון זיין שטעל און איז געוואָרען אַ מאָנאַך, האָט אָנגעשריבען אַ פּירוש אויף תהלים, וואו ער רעדט צו שטאַרק די אידען, זיי זאָלען אָננעמען דעם קריסטליכען גלויבען און טאַדעלט זיי שאַרף פאַר זייער „פער'עקשנ'טער אומגלויביגקייט". „הערט צו, אידען, — שרייבט ער — פערנעמט, קשי עורף, וואָס דער משורר אסף זאָגט וועגען קריס-טוס'עס קומען! וועמען גיט איהר אָב כבוד, אַז איהר ווייסט אפילו ניט די ווערטער פון אייערע נביאים? גייהט צו די קאַטוילישע פאַסטאָרס: זיי וועלען עפענען אייערע אויערן, און איהר וועט מיט גאָטס הילף אויסגעלייזט ווערען

פון אייביגער טויבקייט!" חוץ אַזעלכע „איבערצייגענדע טענות" געפינען מיר אין קאַסיאָדאָר'ס שריפטען אַ גאַנצע רייה פשוט'ע זידל'ווערטער: ער רופט אָן די אידען „סקאָרפּיאָנעס", „ווילדע אייזלען", „איינהאָרנס" און „הינט".

ניט געקוקט אויף דער דאָזיגער קירכליכער אומטאָלעראַנץ, האָבען דאָך די אידען אין דער אָסטגאָטישער איטאַליען זיך געפיהלט אַ סך בעסער, איידער אין דער דעמאָלטיגער ביזאַנץ, וואו זייערע פאָלקס-ברידער האָבען געקרעכצט אונטערן יאָך פון בעליידיגענדע בעגרעניצונגען אין זייערע רעכט. זיי האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען, בשעת דער ביזאַנטינישער חיל איז אונטער דער אָנפיהרונג פונ'ם בעריהמטען קריגס-פיהרער בעליזאַריוס אַריינגעדרונגען אין איטאַליען, בכדי זי אָבצונעמען ביי די אָסטגאָטען (536). די אונטערטעניגקייט אונטער דעם קייזער יוסטיניאַנוס, וואָס דערויף האָבען זיי זיך בעדאַרפט ריכטען, האָט פאַר די אידען קיין גוטס ניט געקאָנט ברייגגען. און דעריבער איז בשעת די ביזאַנטינער האָבען שוין געהאַט איינגענומען סיציליען און זיינען צוגעטראָטען צו נעאַפּאָל, האָבען די אָרטיגע אידען אַרויסגעוויזען קעגען זיי אַ האַרטנאַקיגען ווידערשטאַנד. בשעת בעליזאַריוס האָט בעלעגערט נעאַפּאָל, האָט די גריכישע בעפעלקערונג געוואָלט עפענען די טויערן דעם ביזאַנטינישען ערָאָבערער, נאָר די אידען האָבען בעשלאָסען צו פערטיידיגען די שטאָדט ביז דער לעצטער מעגליכקייט. זיי האָבען פערזאָרגט די בעלעגערטע מיט פּראָוויאַנט, האָבען מוטיג פערטיידיגט די שטאָדטישע מויערן און דורך זייער ביישפּיעל האָבען זיי צוגעגעבען מוט די איבעריגע בירגער. ערשט נאָך אַ סך אָנגוועהרען האָט זיך בעליזאַריוס'ן איינגעגעבען איינצונעמען נעאַפּאָל.

נאָך לאַנגע מלחמות מיט די אָסטגאָטען איז געקומען אַ סוף צו זייער ממשלה אין איטאַליען. איטאַליען איז געוואָרען אַ פּראָווינץ פון ביזאַנץ, אונטער'ן נאָמען „עקזאַרכאַט פון ראַווענאַ" (554). זינט עס האָט זיך בעפעסטיגט די ממשלה פון די ביזאַנטינער, איז אויף די אידען אין איטאַליען אַרויפגעלייגט געוואָרען דער שווערער יאָך פון די בעגרעניצונגס-געזעצען פון יוסטיניאַנוס'עס געזעץ-בוך.

איבעריגענס, האָט די אַבסאָלוטע הערשאַפט פון די ביזאַנטינער אין איטאַליען ניט לאַנג געדויערט. אין יאָהר 568 איז ביזאַנץ געווען געצוואונגען אָבצוטרעטען צפון-איטאַליען די לאָנגאָבאַרדען. די לאָנגאָבאַרדישע פירשטען, צום טייל היידען, צום טייל אַריאַנער, האָבען ניט גערודפט די אידען. זיי האָבען נאָך ניט בעוויזען צו ווערען דורכגעדרונגען מיט דער קירכליכער אומטאָלעראַנץ אפילו דעמאָלט, בשעת דער גרעסטער טייל פון די לאָנגאָבאַרדען האָבען אָנגענומען דעם קאַטוילישען גלויבען, אַדאַנק די בעמיהונגען פונ'ם פּויפּסט גרעגאָר דעם גרויסען.

גרעגאָר גופא (590—604) האָט זיך געהאַלטען בנוגע צו אידען פאַר אַ פאָרזיכטיגער פּאָליטיק. דעם פּרינציפּ פון דער דאָזיגער פּאָליטיק האָט דער בעגרינדער פון דער פּויפּסטליכער ממשלה אויסגעדריקט אין פאָלגענדער פאָרם:

„פונקט אַזוי ווי טאָר ניט דערלאָזען, אַז די אידען זאָלען אין זייערע רעליגיעזע געמיינדעס (אין סינאַגאָגיס סואיס) זיך אָנאייגענען מעהר רעכט, איידער עס איז זיי געשאָנקען, אַזוי בעדאַרף מען אויך ניט שטערען יענע רעכט, וואָס זיי איז שוין געגעבען געוואָרען". דער פּויפּסט האָט געהאַלטען פאַר גערעכט צו בעגרעניצען די אידען אין בירגערליכע רעכט, אָבער דעם מינימום רעכט, וואָס זיי איז געגעבען געוואָרען, האָט ער אונטערגעהאַלטען. דורכדעם האָט ער גע-האָפט צו געווינען זיי פאַר'ן קריסטענטום גיכער, איידער דורך רדיפות פאַר'ן גלויבען. פיינט האָבענדיג די יהדות, וואָס ער פלעגט זי אָנרופען „אָבערגלויבען", „פערדאָרבענקייט", „פאַלשקייט", האָט גרעגאָר געוואָלט ראַטעווען פאַר דער קירך די „שארית ישראל". ער האָט געוואָלט איינריידען די אידען, זיי זאָלען אָננעמען דעם קריסטענטום, דורכדעם וואָס ער האָט געגעבען די משומדים כל'ערליי הנחות און מאַטעריעלע פערגינסטיגונגען. דערביי האָט דער פּויפּסט גוט געוואוסט, אַז די וואָס וועלען אויף אַזאַ אופן ווערען קריסטען, וועלען ניט זיין אמת'ע זיהן פון דער קירך, נאָר ער האָט געהאָפט אויף זייערע קינדער. „מיר בעקומען פאַר דער קירך — האָט ער געשריבען — אויב ניט די משומדים גופא, איז לכל הפחות זייערע קינדער". ביי אַזאַ מיסיאָנערישער בעציהונג צו אידען האָט גרעגאָר דער גרויסער געהאַלטען אַ צו אַכזריות'דיגע בעציהונג צו זיי פאַר שעדליך פאַר די אינטערעסען פון דער קירך. אין זיינע בריעף צו די בּיסקופּען האָט דער פּויפּסט זיי פאַרגעוואָרפען, פאַרוואָס זיי אונטערדריקען אידען, האָט פערזאָגט ניט צו בעלעסטיגען זיי מיט אָבצאָהלונגען מעהר, וויפיעל עס איז איינגעשטעלט, און ניט צו בעגרעניצען זייערע קנאַפּע רעכט. ער האָט מעהר ניט אויפגעפּאַסט, מען זאָל ניט ערלויבען די אידען צו האַלטען קריסט-ליכע שקלאַפען, וואָרום ער האָט דאָס בעטראַכט פאַר אַ זינד קעגען קירכליכען פּרינציפּ, אַז דער „אומגלויביגער" טאָר ניט האָבען קיין מאַכט איבער'ן גלויביגען.

די מלוכה פון די פראַנקען אונטער די מעראָווינגער.

§ 53. דער פּאָרהיסטאָרישער פּעריאָד אין'ם לעבען פון די אידען אין גאַליען, בשעת זי איז געווען אַ רוימישע פּראָווינץ, ציהט זיך ביז'ן V יאָהר-הונדערט פון דער קריסטליכער צייט. מען מוז משער זיין, אַז דער עיקר האָבען עקאָנאָמישע סבות געטריבען די אידישע וואַנדערער אין די מערב'דיגע גרעניץ-לענדער פון דער רוימישער אימפּעריע. זיי האָבען דאָ איינגעפּלאַנצט אינדוסטריע און האָבען בעזונדערס מיטגעווירקט דער ענטוויקלונג פון'ם עקספּאָרט-האַנדעל אויפ'ן ים און אויף דער יבשה. אין יענעם פּעריאָד זיינען אין פער-שיידענע ערטער פון גאַליען ענטשטאַנען אידישע קאָלאָניעס, וואָס די אָרטיגע איינוואוינער האָבען ניט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישען זיי און צווישען די רוימישע. די אידען האָבען געהאַט די רעכט פון רוימישע בירגער און האָבען געלעבט בשלום מיט די אָרטיגע איינוואוינער. אין V יאָהרהונדערט

בעגעגענט מען אידישע קאָלאָניעס אין מאַרסעל, אָרלעאַן, אַרל, פּאַריז און אין עטליכע אַנדערע שטעדט פון גאַליען.

די ענטשטייהונג פון דער פראַנקישער מאָנאַרכיע אונטער דער ממשלה פון דער דינאַסטיע מעראָווינגער (אין קלאָדוויגס צייט, צום סוף פון V-טען יאָהרה.) דיענט אַלס ווענד-פונקט אין דער געשיכטע פון די גאַלישע אידען. זינט יענער צייט האָבען איבער זיי געהאַט צו זאָגען די קאַטוילישע מלכים און די גייסטליכקייט. די ערשטע מלכים, וואָס זיינען נאָך ניט גענוג געווען דורכגענומען מיט'ן גייסט פון קירכליכער אומטאָלעראַנץ, האָבען ניט אַרויסגע-וויזען קיין פיינדליכע געפיהלען צו אידען. נאָר די קאַטוילישע גייסטליכקייט, וואָס איז געווען שטאָלץ מיט איהרע מיסיאָנערישע נצחונות אין לאַנד, וואָס איז נאָך ביז ניט לאַנג געווען אַ היידנישע, האָט זיך בעצויגען פיינדליך צו די אידען, וואָס זיי אַליין זיינען נאָך געווען פער'עקשנ'ט אין זייערע „פערבלאָנדזשעטע“. בשעת גאַנצע שבטים און געביטען פלעגען מאַסענווייז אָננעמען דעם קריסטענ-טום, איז די אומגעוויינליכע שטאַנדהאַפטיגקייט פון די אידען געווען אַ שאַרפער דיסאָנאַנס, וואָס האָט פערשטערט די קנאים פון דער קירך די פרייד איבער זייער נצחון.

די קירכען-פערזאַמלונגען האָבען אָנגענומען אַ גאַנצע רייה מיטלען, בכדי פון איין זייט אָבצוהונדערן די קריסטען, וואָס זיינען נאָך ניט געווען פעסט אין זייער נייער אמונה, פון די אידען, אַלס אַ געפעהרליכען עלעמענט, און פון דער אַנדער זייט — אַוועקצושטעלען די אידען אין דער לאַגע פון בירגער פון אַ צווייטער קאַטעגאָריע, פונקט אַזוי ווי אין ביזאַנץ. די קירכען-פערזאַמלונגען אין וואַן און אַגד (אין יאָהר 465 און 506) פערזאָגען גייסטליכע פערזאָנען און וועלטליכע מענשען ניט צו נעמען קיין אָנטייל אין אידישע מאָלצייטען אָדער אייגלאַדען אידען צו זיך אויף אַ מאָלצייט, ווארום „עס פּאַסט ניט, אַז אין דער צייט וואָס די אידען עסען ניט קיין קריסטליכע שפּייזען, ווייל זיי רעכענען עס פאַר אומריין, זאָלען די קריסטען נעמען אַן אָנטייל אין זייערע סעודות, און זאָלען דורכדעם זיך האַלטען נידעריגער פאַר די אידען“. די קירכען-פערזאַמ-לונגען אין אָרלעאַן (אין יאָהר 533, 538 און 541) האָבען שטרייננ פערבאָטען שדוכים צווישען קריסטען און אידען, סטראַשענדיג אַרייַנצוואַרפען די ערשטע אין חרם; די אידען האָט מען ניט ערלויבט צו בעוויזען זיך אין די גאַסען צווישען די קאַטוילקען אין משך פון פיער טעג, אָנגעהויבען פון דאָנערשטאָג, וואָס פאַר פסחא. פאַר מגייר זיין קריסטען האָט דער געזעץ אַרויפגעלייגט אַ האַרבע שטראָף. אַ אידענס אַ שקלאַף, וואָס האָט אָנגענומען דעם קריסטענטום, האָט בע-קומען פרייהייט פאַר אַ בעשטימטען אויסקויף; אויב אַ איד האָט בעוואויגען זיין קריסטליכען שקלאַף אָנצונעמען די אידישע אמונה, דורכדעם וואָס ער האָט איהם צוגעזאָגט פרייהייט, האָט דער געזעץ ניט צוגערעכענט דעם גר צום פרייען שטאַנד, ווארום „ס'איז אומגערעכט צו געבען פרייהייט דעם יעניגען, וואָס הגם ער קומט אַרויס פון קריסטליכע עלטערן, וויל ער פונדעסטוועגען אָבהיטען די אידישע מנהגים“. די קירכען-פערזאַמלונג אין מאַקאָן (581) האָט פערבאָטען צו

בעשטימען אידען פאַר ריכטערס אָדער חוכּרים פון קרוינישע אָבצאָהלונגען, „וואָרום אויף אַזאַ אופן וועט זיך אַרויסווייזען, אַז די קריסטען געפינען זיך אונטער דער ממשלה פון אַזעלכע, וואָס גאָט האָט זי פערוואָרפען"; די אידען מוזען אָבגעבען כּבוד די פאַרשטייהער פון דער קריסטליכער גייסטליכקייט און טאָרען זיך ניט זעצען אין זייער געגענוואַרט. די קירכען פערזאַמלונג און נאַרבאָן האָט פערבאָטען די אידען צו זאָגען תּהלים ביים מקבר זיין זייערע מתים (589).

די קאַטוילישע גייסטליכקייט האָט זיך ניט בעגנוגענט מיט אַן אומדירעקטען דרוק אויף די אידען, דורכדעם וואָס זי האָט אַרויסגעפונען געזעצען, דערנידעריגענדע פאַר זיי. זי האָט אָפּטמאָלס אָנגעווענדט אויך דירעקטע מיטלען, צווינגענדיג „די „פער'עקשנ'טע" איבערגעוואַלד: זיך צו שמד'ען. אַן ענטשלאָסענער אָנהייגער פון אַזעלכע מיני דירעקטע מיטלען איז געווען דער קלערמאָנער ביסקופּ אַוויטוס. לאַנג האָט ער צוגערעדט די אידען פון קלערמאָן, זיי זאָלען זיך אָבזאָגען פונ'ם גלויבען פון זייערע עלטערן און קומען אין די אָרעמס פון דער קירך. זיינע דרשות האָבען קיין ערפאָלג ניט געהאַט, נאָר איין איד האָט זיך געשמד'ט אום פּסחא. דעם משומד האָבען פיינט געהאַט אַלע זיינע פריהערדיגע גלויבענס-ברידער. איין מאָל, בשעת ער איז געגאַנגען אין גאַס אין אַ רעליגיעזער פּראָצעסיע, האָט אַ איד איהם אויסגעגאָסען אויפ'ן קאָפּ שטינקענדיגע אייל. דעמאָלט האָט אַ צעווילדעוועטער המון קריסטען הגא-צייט, אין דער געגענוואַרט פונ'ם ביסקופּ, צעשטערט די שול ביז'ן יסוד און געשראָקען אויסצוהרג'ען אַלע אידען. אויפ'ן אַנדער טאָג האָט דער ביסקופּ געלאָזט רופען צו זיך די אידען פון קלערמאָן און האָט זיי פאָרגעלייגט: אָדער זיך שמד'ען, אָדער פערלאָזען די שטאָדט. נאָך דריי טעג ישוב הדעת האָבען אַן ערך 500 אידען מסכּים געווען אָנצונעמען דעם קריסטליכען גלויבען,—פערשטייהט זיך, בלויז לפנים, און די איבעריגע זיינען אַנטלאָפען געוואָרען קיין מאַרסעל (576).

די קאַטוילִיקען האָבען טריאומפירט, און דער דעמאָלטיגער פּאָעט ווענאַנטוס פאָרטונאַטוס האָט בעזונגען די גבורה פונ'ם קלערמאָנער ביסקופּ אין לאַטיינישע העקזאַמעטרען. פאָלגענדע שורות פון דער דאָזיגער פּאָעמע גיבען אַ קלאָרע כאַראַקטעריסטיק פון די דעמאָלטיגע אָנשויאונגען אויף די מיטלען פון דער קירכליכער פּראָפּאַגאַנדע:

אָנגעקומען איז דער טאָג צולעצט, אין וועלכען עס איז אַרויף אויפ'ן הימעל
דער מענשען-זוהן, פערזיכערנדיג די מענשען דורכדעם זייער אויסלייזונג.
פון פלאַמענדיגען גלויבען אַרומגענומען, האָט דאָס פאָלק צעשטערט
אַ סינאַגאָגע
פון די אידען, געמאַכט גלייך מיט דער ערד דעם זינדיגען בנין.
אַזוי איז אין יענער צייט, בשעת צום הימעל האָט אַרויפגעשוועבט
דער אויסלייזער פון מענשען-געשלעכט, דער שבט פון די אומגלויביגע אידען

געפאַלען. נאָר אין דער גוטסקייט פון זיין נשמה האָט דער פאַסטאָר
דעמאָלט געווענדט זיך
מיט אַזאַ רעדע צו די פער'עקשנ'טע, פון צאָרן פערבּרענטע אידען:
„זעה, וואָס דו טוסט, אַלט אידיש פאָלק, דו אומפערשטאַנדיגס!
„דיין לעבּען בּעניי, לערן זיך אויס כאָטש אויפ'ן עלטער צו גלויבּען!
„נאָר ריידען איז צו לאַנג, צייט איז ווינציג. בּכן הער זשע:
„נעם אָן אונזער גלויבּען, אויבּ ניט, טראָג זיך אָבּ פון דאַנען.
„די בּרירה איז פריי פאַר דיר: אומגעזאַמט טו לויט מיין עצה
„און בּלייבּ צווישען אונז; די פער'עקשנ'טע זאָלען אַוועקגייהן".
ווייך און ליעבּליך האָט זיך געווענדט אַזוי צו די אידען אונזער
פאַסטאָר,
איבּערלאָזענדיג זיי זיך אויסצוקלייבּען דעם וועג פון אונטערגאַנג
אָדער רעטונג.
נאָר זייער פערבּלענדט פאָלק בּושעוועט ווילד און צעלאָזען;
כּנופיות האָט עס צונויפגעקליבּען, די זיכערע טירען האָבּען פערמאַכט זיך.
זעהענדיג ווי די בּאַנדעס מנוולים זיינען פערעקשנט, האָבּען קריסטוס'עס
דיענער
געשווינד זיך צונויפגעקליבּען אינאיינעם, פיהלענדיג אַ זינדיגע פאַלשקייט.
„בּורא האָט איהר פאַר'ן שווערד! טאָ שטאַרבּ זשע, זינדיגער שבט,
„דאָרט, וואו דו וואָלסט לעבּען געקאָנט, אויבּ דעם גלויבּען וואָלסטו
אָנגענומען!"
מיט אַמאָל בּעקומט אונזער פאַסטאָר אַן אייליגע ידיעה: „מיר זיינען
גרייט —
בּעטען זיך די אידען — „צוצושטייהן צו דער טשערעדע פון דיינע זיהן,
די געטרייע.
„נאָר שטאַרבּען ניט לאָז אונז; לעבּעדיגע נעם אונז צו פאַר גאָט.
„איטליכע רגע פון זאַמען בּריינגט אונז דעם טויט. אָנוועהרען וועסטו,
„אויבּ דו וועסט זיך ניט איילען, געטרייע זיהן, און עס וועט אויסקומען
„צו וויינען דיר, אונזער פאָטער, איבּער די קינדער, וואָס דער טויט
האָט אַוועקגערויבּט".

די מיסיאָנערישע טענדענצען פון דער גייסטליכקייט זיינען אַריבּער צו בּיסלעכווייז אויך צו דער וועלטליכער מאַכט. פון אָנהויבּ ווערען אַריינגעצויגען אין דער פאָליטיק פון רדיפות די בּורגונדישע מלכים און דערנאָך די פראַנקישע (די מעראָווינגער). אייניגע בּעשטעטיגען די החלטות פון די קירכען-פערזאַמ-לונגען וועגען אידישען פאָלק, דורכדעם וואָס זיי מאַכען זיי פאַר מלוכה-גע-זעצען; אַנדערע אונטערשטיצען די גייסטליכקייט אין דעם ענין פון שמד'ען אידען און רודפ'ען די „אומגלויביגע".

דער קיניג פון בּורגונד גונדאָבּאַד בּעשטעטיגט דעם פערבּאָט פון גע-מישטע שדוכים צווישען קריסטען און אידען און אָנערקענט אַזעלכע שידוכים פאַר אומגעזעצליך, זיך שטיצענדיג אויפ'ן בּיזאַנטינישען געזעץ-בּוך טעאָדאָסיוס'עס

(אַן ערך אין יאָהר 500). לויט די בורגונדער געזעצען איז אַ איד, וואָס האָט אויפגעהויבען אַ האַנד אויף אַ קריסט, בעשטראָפט געוואָרען מיט אָראָבהאַקען ביי איהם אַ האַנד אָדער מיט אַ גרויסער געלד-שטראָף, אַ קריסט אָבער האָט פאַר בעליידיגען אַ אידען בעדאַרפט צאָהלען בלויז אַ קליינעם קנס. דער קיניג קילדבערט דער I-טער פון פאַריז האָט בעפויהלען שטריינג אויפצופאַסען, אַז מען זאָל ניט עובר זיין אויף דער החלטה פון דער קירכען-פערזאַמלונג, וואָס האָט פערבאָטען אידען צו בעווייזען זיך אויף די גאַסען און פלעצער אין משך פון פיר טעג זינט דעם דאָנערשטאָג, וואָס פאַר פסחא (אַן ערך אין יאָהר 511).

צום סוף פון IV יאָהרהונדערט זיינען די מעראָווינגישע מלכים געווען שוין אַזוי איינגעשטירט דורך דער גייסטליכקייט, אַז עס איז שוין מעגליך געוואָרען, זיי זאָלען העלפען איבערגעוואַלד אָב׳שמד׳ען אידען. אַ גרויסע התמדה האָבען בעוויזען אין אַזעלכע ענינים דער קיניג ק י ל פ ע ר י ק און זיין מיטהעלפער, דער בעריהמטער ביסקופ ג ר ע ג אָ ר פון ט ו ר, דער מחבר פון דער „געשיכטע פון די פראַנקען". פאָלגענדע מעשה, וואָס דער בעל-דבר גופא, גרעגאָר פון טור, דערציילט וועגען איהר בפרוטרוט, בעלייכט די דעמאָלטיגע בעציהונגען צו אידען אין דער מלוכה פון די פראַנקען.

דעם קיניג קילפעריק׳ס אַגענט אָדער קאָמיסיאָנער איז געווען אַ פאַריזער איד פריסקוס, אַ רייכער און געבילדעטער מאַן. דער קיניג האָט זייער הויך געשאַצט פריסקוס׳ן און האָט אַפילו טיילמאָל׳ס געהאַלטען זיך מיט איהם אַן עצה וועגען וויכטיגע ענינים; נאָר ער האָט ניט געקאָנט שלום מאַכען מיט׳ן געדאַנק, אַז דער דאָזיגער מענש האַלט „די פאַלשע אידישע אמונה". אַלע רייד דעם קיניגס און דעם ביסקופס גרעגאָר פון טור האָבען ניט געקאָנט פועל׳ן ביים אידען, ער זאָל זיך אָבזאָגען פונ׳ם גלויבען פון זיינע עלטערן.

איין מאָל, בשעת פריסקוס און דער ביסקופ פון טור זיינען געווען אין באַזשאַן ביים קיניג, האָט דער לעצטער מיט אַ געלעכטער גענומען פריסקוס׳ן פאַר׳ן קאָפּ, איינגעבויגען איהם און האָט געזאָגט צום ביסקופ: „קום, גאָטס דינער, און לייג אַרויף אויף איהם די הענד." דער איד האָט מיט שרעק זיך אַרויסגעמאַכט פונ׳ם אַקט, וואָס פאַר איהם איז ער געווען אַ סימבאָל, אַז ער זאָגט זיך אָב פון זיין גלויבען. האָט דער דערצאָרענטער קיניג אויסגערופען: „אָ דו אומגעטריי פאָלק, וואָס דו אָנערקענסט ניט גאָטס זוהן, וואָס וועגען איהם האָבען די נביאים אָנגעזאָגט!" דערויף האָט פריסקוס געענטפערט: „גאָט האָט קיין מאָל קיין חתונה ניט געהאַט און האָט ניט געקאָנט האָבען קיין זוהן. ער טיילט זיך מיט קיינעם ניט אין זיין מאַכט. ער האָט אַליין געזאָגט דורך משה׳ס מויל: „איך בין גאָט, און ס׳איז ניטאָ קיין אַנדערער חוץ מיר". האָט זיך אָנגעהויבען אַ הייסער רעליגיעזער ויכוח צווישען פריסקוס׳ן און גרעגאָר׳ן פון טור. דער ביסקופ האָט בעוויזען, אַז די קריסטליכע דאָגמע איז אמת, דורכדעם וואָס ער האָט איינגעטייטשט פערשיידענע פסוקים פון תנ"ך, און דער איד האָט זיינע ראיות אָבגעפרעגט דורך סברות פונ׳ם שכל הישר. „ס׳קאָן ניט זיין, — האָט ער

בעזאָגט — אַז גאָט זאָל ווערען אַ מענש, געבאָרען ווערען פון אַ פרוי, איבערלײדען יסורים און ווערען געטויט. און צוליעב וואָס בעדאַרף ער זיך דערנידעריגען און ווערען פלײש? צי דען האָט ער ניט געקאָנט שיקען נײַע נביאים און אַפּאָס־טעלן, וואָס זאָלען אַרויספיהרען דעם מענשען אויפ׳ן וועג פון אויסלײזונג?״ בײַ אַזאַ פער׳עקשנ׳טען ראַציאָנאַליזם פריסקוס׳עס, האָט דער ביסקופ אַגו־אַי ניט געקאָנט איהם איבערצײגען מיט קײן שום מיסטישע אײַנרײדענישן און קונציגע אויסטײַטשונגען פון די פסוקים. דער קיניג האָט אָבגעלאָזט פריסקוס׳ן, נאָר ער האָט ניט אויפגעהערט צו טראַכטען וועגען דעם, ווי אַזוי אַרײַנצוציהען די אידען אינ׳ם שויס פון דער קירך (581).

אין אַ יאָהר אַרום, בשעת קילפעריק איז געווען אין פאַריז, האָט ער אָנגענומען אַ גאַנצע רײה מיטלען אויף אָבצו׳שמד׳ען איבערגעוואַלד די אידען. אַ סך האָבען מחמת מורא געלאָזט זיך שמד׳ען, און דער קיניג גופא איז געווען זײער טויפפאָטער. נאָר נאָכדעם ווי זײ האָבען אָנגענומען דעם קריסטליכען גלויבען בלויז לפנים — אָדער, ווי גרעגאָר פון טור דריקט זיך אויס, „נאָכדעם ווי זײ האָבען אויסגעבאָדען בלויז דעם גוף, אָבער ניט די נשמה״, — האָבען די גע׳שמד׳טע ווידער אָנגעהויבען זיך צוריק אומצוקעהרען צו אידישקײט; אַנדערע פלעגען פײַערן סײ שבת און סײ זונטאָג (582). פריסקוס איז געווען צווישען די, וואָס זײַנען געבליבען שטאַנדהאַפטיג און האָבען אַפילו לפנים ניט געוואָלט אָבזאָגען זיך פון זײער רעליגיע. האָט דער דערצאָרענטער קיניג אויסגערופען: „אויב דער איד וויל ניט גלויבען מיט׳ן גוטען ווילען, וועל איך איהם צווינגען צו גלויבען איבערגעוואַלד!״ — און האָט געהײסען אַרײַנזעצען פריסקוס׳ן אין תפיסה. דער מצב איז געווען אַ געפעהרליכער, און דער תפוס האָט אָנגעווענדט אַ קונץ: ער האָט געבעטען דעם קיניג, ער זאָל איהם אָבלאָזען אויף אַ געוויסער צײַט קײן מאַרסעל אויף זײַן זוהנס חתונה, און האָט צוגעזאָגט דערנאָך אַ טראַכט צו טון וועגען שמד׳ען זיך. פריסקוס׳ן האָט מען בעפרײַט. נאָר ער האָט אַלץ ווײַטער געהאַלטען אידישקײט און האָט גאָר פערגעסען וועגען זײַן צוזאָג.

אײן מאָל אום שבת, בשעת פריסקוס איז געגאַנגען, אָנגעטאָן אין אַ טלית, אין שול אַרײַן, וואָס האָט זיך געפונען אין אַן אָבגעלעגענעם טײל פון פאַריז, איז אויף איהם אָנגעפאַלען אַ אידישער משומד פאַטיר מיט בעוואָפענטע דיענערס און האָט איהם געטויט. צי איז דאָס געווען אַן אַקט פון פערזענליכער נקמה מצד דעם משומד צו זײַן פאָלקס־ברודער, וואָס האָט ניט אָנגעטאָן אויף זיך די חרפה פון בגידה — דאָס איז ניט בעוואוסט. די מערדער זײַנען אַרײַנגעלאָפען אין דער באַזיליק פון הײליגען יוליאַן. דער אויפגעבראַכטער המון האָט אַרומגערינגעלט די קירך און האָט געפאָדערט, מען זאָל בעשטראָפען די מערדער מיט טויט. האָט דער קיניג געהײסען טויטען פאַטיר׳ס דיענער, נאָר איהם גופא, אַלס זײַנעם אַ טויפזוהן, האָט ער בעגענאָדיגט און ערלויבט איהם אָבצופאָהרען אין דער מלוכה פונ׳ם קיניג גונטראַם, קײן בורגונד. דאָרט האָבען פאַטיר׳ן געכאַפּט פריסקוס׳עס קרובים און האָבען איהם געטויט, לויט׳ן מנהג פון דער בלוטיגער נקמה.

צום סוף פון VI יאָהרהונדערט זיינען די איבערגעוואַלדיגע שמד׳ען פון אידען אין דער פראַנקישער מלוכה געוואָרען אַזוי פיעל, אַז דער פויפּסט גרע-גאָר דער I-טער האָט געהאַלטען פאַר נויטיג זיך אַריינצומישען. אַז דער פויפּסט האָט זיך דערוואוסט פון די איטאַליענישע אידען, וואָס זיינען געפאָהרען קיין מאַרסעל, וועגען דער אומגליקליכער לאַגע פון זייערע גלויבענס-ברידער אין יענעם קאַנט, האָט ער אָנגעשריבען צו די ביסקופען פון אַרל און מאַרסעל, אַז בעסער און זיכערער איז צוצוציהען די אידען צום קריסטענטום דורך גוטע רייד, איידער איבערגעוואַלד (591).

נאָר געטריי צו זיין פּאָליטיק, האָט דער פּויפּסט ניט דערלאָזט, מען זאָל מקיל זיין די בעגרעניצונגס-געזעצען קעגען אידען. ער האָט געמאַכט שאַרפע פאָרוואורפען דער קיניגין ברונהילד דערפאַר, וואָס זי האָט ערלויבט אידען צו האַלטען ביי זיך קריסטליכע שקלאַפען און דיענער (599). „וואָס זשע זיינען אַזוינס קריסטען, אויב ניט איברים פון קריסטוס׳עס גוף? און אַ חידוש איז, וואָס בעת איהר גיט אָב כבוד דעם קאָפּ, געפינט איהר פאַר מעגליך אָבצוגעבען די שונאים אויף אונטערדריקונג די איבעריגע איברים פון גוף!״ —

אַרויסגייהענדיג פון אַזעלכע מאָטיווען, האָט די פּאַריזער קירכען-פער-זאַמלונג בעשטימט: ניט צוצולאָזען די אידען צו קיין געזעלשאַפטליכע אָדער מיליטערישע שטעלעס, וואָס גיבען זיי אַ דעה איבער קריסטען, און דער קיניג קלאָטאַר דער II-טער האָט בעשטעטיגט די דאָזיגע החלטה (614).

זיין זוהן, דער קיניג דאַגאָבערט, האָט אַרויסגעוויזען אַ בעזונדערע קנאות צו דער קירך. אין יענער צייט האָבען די וועסטגאָטישע מלכים אין שפּאַניען שטאַרק גע׳רודפ׳ט די אידען. אַ סך פון די גע׳רודפ׳טע זיינען אַנטרונען געוואָרען אין די שכנישע געגענדען פון דער פראַנקישער מלוכה. דער קיניג דאַגאָבערט, וואָס האָט געוואָלט זיין ניט קיין קלענערער קנאי פאַר די וועסט-גאָטישע מלכים, האָט אָהן רחמנות געטריבען די פּליטים (615). אַן ערך אין יאָהר 609 האָט ער מיט דער הסכמה פון די ביסקופען אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז אַלע אידען, וואָס ווילען ניט אָננעמען דעם קריסטענטום, זאָלען ווערען אַרויס-געטריבען פון די גרעניצען פון דער פראַנקישער מלוכה. די כראָניקען-שרייבער בעהויפּטען, אַז צו אַזאַ שריט האָט בעוואויגען דאַגאָבערט׳ן אַ בריעף פון׳ם ביזאַנטינישען קייזער הערַאקליוס, וואָס האָט אין יענער צייט אויפגעהויבען רדיפות אויף די אידען אין זיין מלוכה (§ 44). הערַאקליוס זאָל זיך האָבען דערוואוסט פון די שטערנזעהער, אַז ביזאַנץ וועט ווערען פערוויסט דורך אַ „פאָלק פון גע׳-מל׳טע״; רעכענענדיג, אַז די דאָזיגע סכנה וועט אויפשטייהן מצד די אידען, האָט דער קייזער געגעבען אַן עצה דעם קיניג פון די פראַנקען, ער זאָל זאָרגען וועגען אָב׳שמד׳ען די אידען, ווייל זיי זיינען אַ פאָלק, וואָס איז געפעהרליך פאַר איטליכער קריסטליכער מלוכה. אַ „פאָלק פון גע׳מל׳טע״ איז טאַקע באמת אין גיכען אָנגעפאַלען אויף ביזאַנץ, נאָר דאָס זיינען געווען ניט אידען, נאָר אַראַבער.

דאַגאָבערט׳ס בעפעהל איז געוואָרען אויסערפילט, ווי עס ווייזט אויס,

בלויז צום טייל: פון עטליכע פראַנקישע פּראָווינצען זיינען די אידען געוואָרען אַרויסגעטריבען. נאָר די ממשלה פון די מעראָווינגישע מלכים האָט שוין אָנגעהויבען צו פאַלען, און די פערוואַלטונג פון דער מלוכה איז אַלץ מעהר אַריבער אין די הענד פון די ענערגישע „מאַיאָרדאָמען" (די פערוואַלטער פונ'ם קיניגליכען הויף). וואָס האָבען הויך געשאַצט דעם אונטערנעמונגס-גייסט פון די אידען אין האַנדעל, און האָבען זיי דעריבער געשיצט.

די קאָלאָניעס אין די גערמאַנישע לענדער.

§ 54. ס'איז ניט בעוואוסט, ווי ווייט ס'האָט זיך אָבגעשפּיגעלט די פּאָליטיק פון די מעראָווינגישע מלכים אויפ'ן מצב פון די אידען אין די דייטשע פּראָווינצען פון דער פראַנקישער מלוכה, וואָס האָבען דעמאָלט געהייסען אַוסטראַזיאַ. אין דעם פריהערדיגען פּעריאָד, אונטער דער רוימישער אויבערהערשאַפט, האָבען אין גערמאַניען עקזיסטירט עטליכע אידישע קאָלאָניעס. אין אָנהויב פון IV-טען יאָהרהונדערט האָט זיך געפונען אין דער שטאָדט קעלן ביים ריין אַ גוט איינגעאָרדענטע אידישע קהלה מיט פערשיידענע ממונים, וואָס האָבען געטראָגען אָפיציעל די טיטלען: „היערײ, אַרכיסינאַגאָגי, פּאַטרעס סינאַגאָגארום" (כהנים, עלטסטע איבער די שולען). דער ערשטער קייזער פון דער קריסטליכער רוים קאָנסטאַנטין האָט אַרויסגעלייגט אויף די קעלנער אידען אַ חוב צו טראָגען דעם מוניציפּאַלען דיענסט על פּי וואַהל, וואָס איז געווען פערבונדען מיט גרויסע הוצאות, נאָר ער האָט בעפרייט פונ'ם דאָזיגען חוב און פון אַנדערע פּערזענליכע דיענסטען מענשען פון גייסטליכען שטאַנד און אָנגעשטעלטע אין דער אידישער געמיינדע-פערוואַלטונג (321, 331).

אונטער דער ממשלה פון די בורגונדער און פראַנקען האָט די לאַגע פון די אידען אין דייטשלאַנד געמוזט ערגער ווערען; נאָר זי איז מסתמא ניט געווען אַזוי שווער, ווי אין גאַליען אָדער נייסטריען, וואָרום אויסטראַזיאַ האָט ניט גערן געפאָלגט איהרע מעראָווינגישע מושלים און האָט גענאָסען אַ בעדייטענדע אַוטאָנאָמיע. לכל הפּחות, ניט אין דער קירכליכער און ניט אין דער שטאַטליכער געזעצגעבונג פון יענער עפּאָכע געפינען מיר ניט קיין אַקטען, וואָס זיינען שייך צו די אידען פון די דייטשע אָדער אויסטראַזישע פּראָווינצען. און די ביטערע ערפאַהרונג פון דער אידישער געשיכטע לערנט אונז, אַז אין יענע עפּאָכעס, בשעת אין די אָפיציעלע אַקטען איז ניטאָ קיין ידיעות וועגען אידען, איז זייער מצב אַ בעסערער, איידער אין די עפּאָכעס, ווען די מלוכה און די קירך דאַג'ען שטאַרק וועגען זיי.

שפּאַניען אונטער די וועסטגאָטען.

§ 55. די גרעסטע און אפשר עלטסטע אידישע קאָלאָניע אין מערב־אייראָפּע האָט זיך געפונען אין שפּאַניען. אויב מען זאָל אַפילו אָבוואַרפען די פאָלקס־טראַדיציעס, וואָס דערציילען, אַז אידען האָבען זיך בעזעצט אויפ׳ן פּירענייאישען האַלב אינזעל נאָך אין יענער צייט, בשעת עס האָט נאָך עקזיסטירט די אידישע מלוכה,—בלייבט דאָך אָבער בלי ספק דער פאַקט, אַז די אידען האָבען דאָ געוואוינט אונטער דער רוימישער אויבערהערשאַפט אין די ערשטע יאָהרהונדערטען פון דער קריסטליכער צייט. זיי האָט פערטראָגען אַהין די איי־גענע היסטאָרישע כוואַליע, וואָס האָט אומעטום פערברייטערט די גרעניצען פונ׳ם אידישען גלות. פליטים פון יהודה, וואָס איז פערוויסט געוואָרען דורך די רוימער, פּאָליטישע עמיגראַנטען, קריגסגעפאַנגענע, צולעצט אויסוואַנדערער פון פערשיידענע לענדער פון אַזיען און צפון־אַפריקע, וואָס האָבען געזוכט אין די נייע געגענדען בעסערע מאַטעריעלע בעדינגונגען — פון זיי איז בעשטאַנען דער לכתחילה׳דיגער קערן פון דעם אידישען קבוץ אין שפּאַניען.

אונטער דער אויבערהערשאַפט פון די רוימער האָבען די שפּאַנישע אידען געהאַט אַלע בירגערליכע רעכט און האָבען זיך געפונען אונטער׳ן שוץ פון די אַלגעמיינע געזעצען פון דער אימפעריע. דער דאָזיגער מצב איז בכלל ניט אומגעביטען געוואָרען אַפילו דעמאָלט, בשעת אויפ׳ן פּירענייאישען האַלב־אינזעל האָט זיך אָנגעהויבען צו פערשפּרייטען דער קריסטענטום. ס׳איז געווען נאָר איין פּרוב מצד דער גייסטליכקייט, אויף דער קירכען־פערזאַמלונג אין איללעבעריאַ אָדער עלווירא (אַן ערך אין יאָהר 320), ניט צו דערלאָזען קיין מגע־ומשא צווישען קריסטען און אידען און צו בעשאַפען פאַר די לעצטע אַן אויסנאַמליכע לאַגע. נאָר דער דאָזיגער פּרוב האָט קיין גרויסען ערפאָלג ניט געהאַט.

נאָכ׳ן אָנפאַל פון די באַרבאַרען און דער גרויסער פעלקער־וואַנדערונג האָבען אין שפּאַניען זיך איינגעפעסטיגט אויף לאַנג די וועסטגאָטען, וואָס האָבען דאָ אין V־טען יאָהרהונדערט געגרינדעט אַ זעלבשטענדיג וועסטגאָטיש קי־ניגרייך. די ערשטע וועסטגאָטישע מלכים זיינען געווען געטויפט לויט דעם אַריאַנישען נוסח. היות ווי זיי גופא זיינען געווען „הערעטיקער”, אַפּיקורסים, פונ׳ם שטאַנדפּונקט פון דער קאַטוילישער קירך, דעריבער האָבען זיי ניט געמאַכט קיין אָנפאַלען אויף די בירגערליכע רעכט פון די אידען. די אידען האָבען גע־וואוינט אין שטעדט און דערפער, האָבען זיך פערנומען מיט ערד אַרבייט, וויין־פלאַנצונג און האָבען געהאַט פּלאַנטאַציעס פון איילבירטען־בוימער, וואָס זיי האָבען זיי בעאַרבייט אָדער אַליין אָדער מיט דער הילף פון זייערע שקלאַפען. זיי האָבען זיך אויך פערנומען מיט מלאכות און האַנדעל, בעזונדערס האָבען זיי אונטערגעהאַלטען די האַנדעלס־בעציהונגען מיט די שכנישע געגענדען פון צפון־אַפריקע. אין דער דרום־גאַלישער פּראָווינץ נאַרבאָנאַ, וואָס איז געווען פער־איינינגט מיט די וועסטגאָטישע לענדער, האָבען די אידען געהאַט בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג. די אידען, וואָס האָבען געוואוינט ביים פוס פון די פּירעניי־

אישע בערג, אויפ'ן גרעניץ צווישען שפּאַניען און גאַליען, האָבען זיך אויסגעצייכענט דורך זייער קריגערישען גייסט און האָבען פערטיידיגט די גרעניצען קעגען די אָנפאַלען פון די בורגונדער און פראַנקען,—דערפאַר האָבען די וועסטגאָטישע מלכים זיי בעזונדערס הויך געשאַצט. מיט די אָרטיגע איינוואוינער די קריסטען האָבען די אידען געלעבט בשלום און פלעגען טיילמאָלס אפילו זיך מתחתן זיין מיט זיי. די קריסטליכע דאָרפס-לייט, וואָס זיינען געווען פשוט'ע מענשען און פרעמד פון פאַנאַטיזם, פלעגען אָפטמאָלס איינלאַדען צום הייליגען זייערע פעלד-פּראָדוקטען אידישע כלי-קודש, אָנשטאָט גלחים. ס'זיינען פאַרהאַן ראיות דערויף, אַז די שפּאַנישע אידען האָבען דעמאָלט אונטערגעהאַלטען בעציהונגען מיט זייערע פאָלקס-ברידער אין בבל, וואָס פלעגען מסתמא זיי שיקען לעהרער און כלי-קודש.

אַ שאַרפע אומבייטונג אין די בעציהונגען צו אידען איז אָנגעקומען זינט יענער צייט, בשעת דער קיניג רעקאַרעד דער I-טער האָט אויף דער קירכען-פערזאַמלונג אין טאָלעדאָ זיך אָבגעזאָגט פייערליך פון דער אַריאַנישער שיטה און האָט בעפעסטיגט די אַבסאָלוטע ממשלה פון דער קאַטוילישער קירך אין שפּאַניען. מיט דער הילף פון דער גייסטליכקייט האָט רעקאַרעד זיך גענומען אויסוואָרצלען אַלצדינג, וואָס האָט מיטגעווירקט צו די בעציהונגען צווישען קריסטען און אידען. געמישטע שידוכים צווישען פערזאָנען פון פערשיידענע אמונות זיינען געוואָרען פערבאָטען; די קינדער, וואָס זיינען געבאָרען געוואָרען פון אַזעלכע שידוכים, האָט מען בעפוילען צו טויפען איבערגעוואַלד. ביי די אידען האָט מען אָבגענומען דאָס רעכט צו פערנעמען געזעלשאַפטליכע שטעלעס און צו האַלטען קריסטליכע שקלאַפען (589).

נאָר די דאָזיגע בעגרעניצונגס-געזעצען זיינען שוואַך אָבגעהיט געוואָרען, וואָרום די וועסטגאָטישע מלכים זיינען ניט געווען קיין אומבעגרעניצטע מושלים, נאָר זיי זיינען געווען אָבהיינגיג פון זייערע שררות אָדער פעאָדאַלען, וואָס האָבען געהאַט דאָס רעכט אויסצוקלייבען די מלכים. היות ווי די וועסטגאָטישע פעאָדאַלען זיינען געווען גאַנצע בעלי-בתים אין זייערע בעזיצונגען, דעריבער האָבען זיי געשטיצט די אידען, קעגען די קיניגליכע און קירכליכע בעפעהלען.

אין דער צייט פון רעקאַרעד'ס נאָהענטסטע יורשים האָט מען די אידען ניט אָנגעריהרט. נאָר אין דער צייט פון קיניג סיזעבוט (612 — 620) האָבען די רדיפות זיך אָנגעהויבען מיט אַ גרעסערער קראַפט. די גייסטליכע און וועלטליכע בעאַמטע איז בעפוילען געוואָרען שטרייגג אויפצופּאַסען, אַז קריסטען זאָלען ניט דינען ביי אידען. די לעצטע האָט מען בעשטימט אַ געוויסען טערמין, וואָס ביז דעמאָלט האָבען זיי געמוזט פריילאָזען אַלע זייערע שקלאַפען, אויב ניט, האָט מען געשראָקען אָבצונעמען ביי זיי זייער אייגענס. דער דאָזיגער בעפעהל איז עלול געווען איינגאַנצען בדלות צו שטעלען די אידען, וואָס האָבען בעאַרבייט זייערע פעלדער און פּלאַנטאַציעס מיט דער הילף פון שקלאַפען, און

די פעראינטערעסירטע פערזאָנען זיינען געצוואונגען געווען ניט אָבצוהיטען דעם געזעץ.

די רעכטליכע און עקאָנאָמישע בעגרעניצונגען זיינען געווען בלויז אַ פּאָר-שפּיעל צו אַן ענטשיידענערער מלחמה קעגען אידען. דער קיניג סיזעבוט איז געווען בענומען פון איין הערשענדער אידייע — איינצופלאַנצען אין גאַנץ שפּאַניען איין איינציגע קאַטוילישע רעליגיע. און היות ווי אין די אידען האָט ער געזעהן די איינציגע שטערעניש דערצו, דעריבער איז ער געפאַלען אויף דער פשוטער המצאה, וואָס איז געווען זייהר פערשפּרייט אין יענע צייטען, בשעת מען פלעגט שמד'ן איבערגעוואַלד גאַנצע מאסען. ער האָט אַרויסגעגעבען אַ דעקרעט, וואָס אין איהם איז געוואָרען אַוועקגעשטעלט פאַר אַלע שפּאַנישע אידען די ברירה: אָדער אָננעמען דעם קריסטליכען גלויבען, אָדער אַרויסגייהן פון לאַנד.

די אידען האָט אָנגעכאַפּט אַ יאוש. אַ סך האָבען אין יענעם צושטאַנד פון פערלאָזענקייט זיך אָבגעזאָגט לפנים פון זייער גלויבען און האָבען דערלאָזט, מען זאָל זיי שמד'ן. אַנדערע, וואָס האָבען אַפילו לפנים ניט געוואָלט אָננעמען דעם קאַטוילישען גלויבען, האָבען עמיגרירט קיין פראַנקרייך און קיין אַפריקע (613). די פון אויסוויינינג אָבגע'שמד'טע אידען האָבען ניט אויפגעהערט בעהאַלטענערהייד צו האַלטען דעם גלויבען פון זייערע עלטערן, און אַז די רדיפות פלעגען ווערען שטילער — האָבען אַ סך אָפען זיך אָבגעזאָגט פון דער קירך.

סיזעבוט'ס דעספּאָטישע גזרות זיינען אָבגעשאַפט געוואָרען דורך זיין יורש, דעם הומאַנעם קיניג סווינטילאַ, וואָס די אידען האָבען איהם אַ נאָמען גע-געבען „אַ פאָטער פון פאָטערלאַנד". די אומגליקליכע פערטריבענע האָבען זיך אומגעקעהרט צוריק קיין שפּאַניען, און די איבערגעוואַלד גע'שמד'טע האָבען אָנגעהויבען דרייסטער צו האַלטען זייער פריהערדיגע רעליגיע (621—631).

נאָך די מלכים, וואָס האָבען געקיניגט נאָך סווינטילאַ, זיינען ווידער אַמאָל געוואָרען בלינדע געצייג פון דער קירכען-פּאָליטיק, וואָס די אַל-וועלטליבע קירכען-פערזאַמלונגען פון דער קאַטוילישער גייסטליכקייט האָבען בעשאַפען. די קירכען-פערזאַמלונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין טאָלעדאָ, אין דער צייט פונ'ם קיניג סיזענאַנד (633), האָט בעשלאָסען, אַז „הגם מען בעדאַרף ניט אָב'שמד'ען די אידען דורך סטראַשונקעס אָדער איבערגעוואַלד, פונדעסטוועגען אַזעלכע אידען, וואָס זיינען שוין אויף אַזאַ אופן אָבגע'שמד'ט געוואָרען, בעדאַרף מען צווינגען צו בלייבען קריסטען, בכדי דער גלויבען זאָל קיין חרפות ניט ליידען". די קירכען-פערזאַמלונג האָט איינגעשטעלט אַ רייהע האַרטע שטראָפען פאַר גע'שמד'טע אידען, וואָס מען וועט אויפווייזען וועגען זיי, אַז זיי היטען אָב בעהאַלטענערהייד שבת, אידישע ימים-טובים, די דינים וועגען עסענוואַרג און אַנדערע אידישע מנהגים. ביי אַזעלכע פערשטעלטע אידען האָט דער געזעץ געהייסען אָבנעמען די קינדער און אָבגעבען זיי אין קלויס-טער'ס, אָדער צו פרומע קריסטען. ביי די, וואָס זיינען געוואָרען אָפען אידען,

האָט מען אָפּגענומען דאָס רעכט צו זאָגען עדות פאַר געריכט, וואָרום „יענער קאָן ניט זיין עהרליך בנוגע צו לייטען, ווער עס איז געווען פאַלש בנוגע צו גאָט". ס'איז שטרייננ פערבאָטען געוואָרען איטליכע מגע-ומשא צווישען גע'שמד'טע אידען און ניט גע'שמד'טע אידען. די וואָס פלעגען עובר זיין אויף די דאָזיגע פערבאָטען, האָט מען בעשטראָפט מיט שלאָגען מיט שטעקענס אָדער מען פלעגט זיי אָפּגעבען פאַר קנעכט צו קריסטען.

דער אָנפיהרער פון דער דאָזיגער (IV-טער) קירכען-פערזאַמלונג אין טאָלעדאָ, דער סעוויליער אַרכיבּיסקופ איסידאָר, האָט געפּרובט צו צעשלאָגען די יהדות אויך אין אַ ליטעראַרישער פּאָלעמיק. ער האָט אָנגעשריבען צוויי ביכער „קעגען די אידען", וואו ער האָט דורך געוויסע אויסטייטשונגען פון די פּסוקים פון תנ"ך, אין'ם גייסט פון די קירכען-פּאָטערס, בעוויזען די טעות'ן פון דער יהדות.

ס'האָבען זיך אָבער געפונען געלערנטע אידען, וואָס האָבען געענטפערט שריפטליך איסידאָר'ן. אויף איסידאָר'ס טענה, אַז די נבואה: „לא יסור שבט מיהודה" (ס'וועט ניט אָפּגעטאָן ווערען קיין קיניגליכע רוט פון יהודה) איז ניט מקוים געוואָרען אין פּאָליטישען זין, לויט ווי די אידען ווילען האָבען,—האָבען די אָפּאָנענטען געענטפערט, אָנווייזענדיג דערויף, אַז נאָך פאַר קורצען האָט עקסיסטירט אַ זעלבשטענדיגע אידישע מלוכה אין די ווייטע מזרח-לענדער (דע-רונטער האָבען זיי מסתמא פערשטאַנען דאָס חימיאַרישע קיניגרייך אין דרום-אַראַביען).

דער קיניג כינטילאַ (638—42) האָט איבּגעפרישט סיזעבוט'ס אַכזריות'-דיגען בעפעהל, אַז די אידען זאָלען זיך אָדער שמד'ען אָדער עמיגרירען. און די נייע קירכען-פערזאַמלונג אין טאָלעדאָ (די VI, אין יאָהר 638) האָט בעשטימט אַז איטליכער קיניג זאָל ביים בעשטייגען דעם טרוין זיך שווערען, אַז ער וועט שטריינג אָבּהיטען די קאַנאָנישע געזעצען קעגען די אידען; אויב ניט, וועט ער ברענען אין אייביגען פייער פון גיהנום. ס'האָבען זיך ווידער אָנגעהויבען מאַסען-גירושים פון אידען פון שפּאַניען. די משומדים, וואָס זייגען געבליבען אין לאַנד, האָבען געמוזט אונטערשרייבען דעם „אַקט פון הסכם" (פּלאַציטום) וועגען דעם, אַז זיי וועלען כשר אָבּהיטען אַלע צערעמאָניעס פון דער קריסט-ליכער רעליגיע.

פערטע אבטיילונג.

די באבילאניש-אראביש העגעמאניע (628–950) *).

אלגעמיינער איבערבליק.

§ 56. דער קריסטענטום האָט נויטיג געהאַט עטליכע יאָהרהונדערטער, בכדי איינצונעמען מערב-אייראָפּע, און די נייע רעליגיע פון די אראבער—דער איסלאַם—האָט איינגענומען מערב-אַזיען אין עטליכע יאָהרצעהנדליג. מחמד'ס שווערד האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר זיגרייכער, איידער קאָנסטאַנטין דעם גרויסענס פאָהן.

דער נצחון פון דער נייער רעליגיע האָט געבראַכט דעם אידישען פאָלק פונקט אַזוי ווינציג טרייסט, ווי דער טריאומף פון איהר עלטערער שוועסטער: די קירך און דער מעטשעט האָבען צעטיילט צווישען זיך די ירושה פון דער סינאַגאָגע און האָבען ביידע גלייך געהאַלטען איהר ווייטערדיגע עקסיסטענץ פאַר אומבעקוועם. נאָר דער מוסעלמאַנישער פאַנאַטיזם האָט ניט אָנגעטאָן דעם אידישען פאָלק אַזוי פיעל צער, וויפיעל דער קאַטוילישער. אויב די מימרות פון קאָראַן און די אַרטיקלען פון „עומאַר'ס געזעץ", וואָס זיינען פיינדליך צו אַנדערשגלויביגע, האָבען זיך ווינציג וואָס אָבגעשיידט פון די קירכליכע קאַנאָנס וועגען אידען, זיינען זיי אָבער אין די מָסעלמאַנישע מלוכות ניט דורכגעפיהרט געוואָרען אין לעבען מיט אַזאַ קאָנסעקווענץ, ווי דאָס קאַנאָנישע רעכט — אין די קריסטליכע.

נאָך דער עפּאָכע פון די ערשטע חאַליפען (632—660) און זייערע זיג-רייכע רעליגיעזע מלחמות, וואָס אין זיי האָט געפונען איהר אויסגאַנג די קאָכיגע יונגע ענערגיע פון די אַראַבער, האָט זיך אין די מזרח-לענדער איינגעפעסטיגט דער חאַליפאַט פון די אומאַיידען (660—750). צו איהם האָבען געהערט, חוץ

*) פאַרן אָנהויב פון דער דאָזיגער תקופה דאַרף מען בעצם רעכענען דעם יאָהר 638, ווייל דעמאָלט איז בעפעסטיגט געוואָרען די ממשלה פון די אראבער אין די צוויי הויפּט-צענטרען פונ'ם אידישען ישוב — אין ארץ-ישראל און בבל. דער דאַטום 628 איז דאָ געבראַכט געוואָרען נאָר צוליעב דעם, בכדי דער כראָנאָלאָגישער סדר זאָל ניט ווערען איבערגעריסען. גראַד אין דעם מאָמענט איז ענדגילטיג בעשטימט געוואָרען מחמד'ס טעטיגקייט און זיין בעציהונג צו אידען.

די אייגענטליכע אַראַבישע לענדער, די גאַנצע טעריטאָריע פון דער געוועזענער פערסיען, סיריען, פּאַלעסטינע און די צפון-אַפריקאַנישע פּראָווינצען, וואָס זיינען אָבגענומען געוואָרען ביי די ביזאַנטינער, — דאָס הייסט אַלע די מזרח-לענדער, וואו אידען האָבען געוואוינט.

נאָכ׳ן קריגערישען חאַליפאַט פון די אומאַיידען קומט דער קולטורעלער חאַליפאַט פון די אַבאַסידען (אין באַגדאַד, זינט דעם יאָהר 750); ס׳הויבט זיך אָן אַ פרידליכע תקופה, וואָס דעמאָלט האָבען געבליהט אינדוסטריע, וויסענשאַפטען און קונסט. די אידען, וואָס האָבען גענומען אַ טעטיגען אָנטייל אין דער דאָזיגער אַלגעמיינער קולטורעלער אויפלעבונג פונ׳ם אָריענט, ענטוויקלען אין דער זעלביגער צייט אויך זייער אייגענע נאַציאָנאַלע קולטור, פערברייטערן די גרעניצען פון זייער אינעווייניגסטער אַוטאָנאָמיע.

שוין אין דער צייט פון די אומאַיידען ווערט אויפגעריכט די הערשאַפט פונ׳ם ריש גלותא אין בבל, וואָס איז דער סימבאָל פון דער אידישער געמיינדע-זעלבסטפערוואַלטונג און וואָס אין דער לעצטער עפּאָכע פון דער פערסישער אויבערהערשאַפט איז ער דערנידעריגט געוואָרען. צו גלייכער צייט ווערט איינגעשטעלט די גאונות, אַ נייער גייסטליכער יסוד, וואָס איז בערופען צו פערבייטען דעם אַלטען סנהדרין אין ארץ-ישראל. די גאונים, אָדער ראשי-ישיבות פון סורא און פומבדיתא, זיינען די יורשים פון די תנאים און אַמוראים. זיי שטייהען בראש פון דער קאָלעגיע געלערנטע, וואָס איז אין אַלע גלות-לענדער געווען אָנערקענט פאַר דער העכסטער אינסטאַנץ אויף צו פערענטפערן די פראַגען פון תלמודישען רעכט. די גאונים פיהרען איין ענדגילטיג די תלמודישע געזעצגעבונג אין פראַקטישען לעבען. פּאָליטיש פעראייניגט דורכ׳ן חאַליפאַט, זיינען די צעזייהטע אידען אין די מזרח-לענדער פעראייניגט געווען דורך דער ממשלה פון די רישי-גלותא און גאונים אין בבל.

אין יענער עפּאָכע קאָנצענטרירט זיך די נאַציאָנאַלע העגעמאָניע כמעט אויסשליסליך אין בבל. פּאַלעסטינע, וואָס די אַראַבער האָבען זיי איינגענומען (638), איז פערלאָרען, אַלס גייסטיגער צענטער, סיי פאַר אידען און סיי פאַר קריסטען. דאָרט האָבען זיך נאָך געפונען אידישע קהלות; עס פלעגען זיך טרעפען דאָרט אויך לומדים, נאָר ס׳איז ניט געווען קיין גרויסע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל שפּיעלען אַ פיהרענדע ראָל אויך אויסערהאַלב דעם דאָזיגען לאַנד, וואָס איז געווען נאָר אַ קליינע פּראָווינץ פונ׳ם חאַליפאַט. בבל האָט איינגאַנצען צוגענומען דעם „שבט יהודה". ניט בלויז די אידען פון די מזרח-לענדער, נאָר אויך די אידען פון מערב, פון אייראָפּע, האָבען זיך אונטערגעגעבען דער גייסטיגער אָנפיהרונג פונ׳ם סנהדרין, וואָס אויף די ברעגען פון פרת, אין דער פערזאָן פון די גאונים׳ס קאָלעגיע.

שטאַרק איז געווען דער תלמודישער רעזשים, נאָר אַנדערע רעליגיעזע און קולטורעלע בעוועגונגען האָבען בעשטריטען די אַליינהערשאַפט ביי איהם. דאָס אידישע פאָלק, וואָס איז געווען מסוגל צו בענעמען כל׳ערליי גייסטיגע

שטרעמונגען, פאַלט גיך אַרונטער אונטער׳ן איינפלוס פון דער נייער אַראַבישער קולטור. צום טייל אונטער׳ן איינפלוס פון די רעליגיעז־סעקטאַנטישע בעוועגונ־גען, וואָס זיינען געוואָרען אַרויסגערופען דורכ׳ן איסלאַם, צום טייל איבער אינעווייניגסטע סיבות, — ווערט געבאָרען אין בבל, אין דער צווייטער העלפט פון VIII יאָהרהונדערט, די סעקטע פון די קראים, די אָדער קאַראַאימען. די קאַראַאימען פראָטעסטירען שאַרף קעגען תלמוד, לייקענען אָב דעם אויטאָריטעט פון דער תורה־שבעל־פה און דערקלערען זיך פאַר אָנהייגער בלויז פון דער תורה־שבכתב, פון דער מקרא (תנ״ך). אין דער אמת׳ען אָבער נעמען זיי אריבער ביי די תלמודיסטען דעם מעטאָד פון דער תורה־שבעל־פה און מאַכען זייע׳רע איי־גענע נייע געזעצען אַלס הוספות צו דער תורה, אין דער געשטאַלט פון פירושים.

אין ערשטען יאָהרהונדערט פון איהר עקסיסטענץ האָט די שיטה פון די קראים, וואָס האָט נאָך ניט געהאַט בעוויזען זיך איינצושליסען אין די שמאָלע גרעניצען פון אַ סעקטע, אַרויסגעבראַכט צווישען די אידען אַ פערשטאַרקטע געדאַנקען־אַרבייט גראַד אַדאַנק איהר פּראָטעסט. אויף אַ געוויסער צייט האָט זי אָבגעווענדעט די גייסטער פון צו פערנעמען זיך אויסשליסליך מיט׳ן תלמוד און האָט געעפענט פאַר זיי אַנדערע שאַפונגס־געביטען. דער דעוויז פון די קראים: „חפישו באורייתא שפיר!“ (פאָרשט גוט די תורה), בעוועגט אויך די תלמודיסטען צו נעמען זיך פאַר דער אויספאָרשונג פונ׳ם פשט פון דער תורה, וואָס פריהער האָט זי געדינט פאַר זיי בלויז צו דרש׳ענען זי אין הלכה אָדער אגדה.ביידע פאַרטייען זוכען אַריבערצושטייגען איינע די אַנדערע אין דער בעאַרבייטונג פון דער גראַמאַטיק און לעקסיקאָלאָגיע פון תנ״ך. דאָס ברייגגט צו דער אויפלעבונג פון דער העברייאישער שפּראַך, וואָס איז פריהער אין דער ליטעראַטור געוואָרען אַרויסגעשטופּט דורכ׳ן אַראַמישען דיאַלעקט, און לייגט אַ סוד פאַר דער בעגייסטער פּאָעזיע.

די מחלוקת׳ען, וואָס זיינען אַרויסגעקומען צווישען די קאַראַאימען און תלמודיסטען, גיבען אַ שטאַרקען שטויס דעם רעליגיעז־פילאָסאָפישען געדאַנק. גע־פינענדיג זיך גלייכצייטיג אונטער׳ן איינפלוס פון דער אַראַבישער קולטור און פון קאַ־ראַאימישען פּראָטעסט, איז דאָס אידישע פאָלק, אליין דאָס גיט בעמערקענדיג, אַרויס פון די „ד׳ אמות של הלכה“ און האָט פערברייטערט זיין אויסקוק. צווי־שען די גייסטיגע פאָרשטייהער פון פאָלק בעווייזען זיך מענשען, וואָס חוצ׳ן תלמוד פערנעמען זיי זיך נאָך מיט גרויס התמדה מיט וועלטליכע וויסענשאַפטען, שפּראַך־פאָרשונג, סינאַגאָגאַלער פּאָעזיע און פילאָזאָפיע. רבי סעדיה גאון פון סורא (892 — 942), אַ גרויסער ענציקלאָפּעדישער אינטעלעקט, נעמט אליין אַרום אַלע די דאָזיגע געדאַנקען־ריכטונגען און בעשאַפט אַ מערקווירדיגע רעליגיעז־פילאָזאָפישע סיסטעם, וואָס איהר צוועק איז וויסענשאַפטליך צו בעגרינדען די עיקרים פון דער יהדות און אויסצולייטערן איהר׳ע רעליגיעזע השגות.

צום סוף פון דער תקופה קומט אָן אַ קריזיס אין דער געשיכטע פון דער

באַציאָנאַלער העגעמאָניע. מחמת דער חאַליפאַט פון באַגדאַד האָט אָנגעהויבן פונאַנדערצופאַלן, און אויך מחמת אינעווייניגסטע סבות הויבט אָן דער אידישער צענטער אין בבל אַראָפּצוקומען. ס'ווערט קלענער די רעכטליכע און עקאָנאָמישע זיכערקייט; ס'ווערט שוואַכער סיי די טעטיגקייט פון די גאונים'ס קאָלעגיע און סיי די מאַכט פון די רישי-גלותא. עס ווערט צעפאַלן די אַוטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אין משך פון דריי יאָהרהונדערטען פעראייניגט די אידען אין די גלות-לענדער. בבל הערט אויף צו זיין דער הויפּטליכער גייסטיגער צענטער פונ'ם אידישען פאָלק. זינט דער העלפט פון X-טען יאָהרהונדערט ווערט דער צענטער אַריבערגעטראָגען קיין מערב-אייראָפּע, אין אַראַבישען חאַליפאַט, וואָס זיך פעסטיגט אין שפּאַניען.

פאַר דריי יאָהרהונדערטען (650 — 950) האָבען די אידישע קאָלאָניעס אין מערב-אייראָפּע בעוויזען צו פערמעהרען און צו בעפעסטיגען זיך. דער אַראַבישער אָנפאַל האָט געמאַכט אַ סוף צו די ענויים פון די אידען אין דער וועסט-גאָטישער שפּאַניען. אָנשטאָט ד'עם פינסטערן קיניגרייך פון די פאַנאַטישע וועסט-גאָטען שטייהט אויף דער ציוויליזירטער „עמיראַט", און דערנאָך דער „חאַליפאַט" פון די אומאייַדען, וואָס האָט געבילדעט אַ בעזונדער צווייג פונ'ם מזרח'דיגען חאַליפאַט. עס ווערט אויף אַזאַ אופן איינגעשטעלט אַן איינגער בונד צווישען די מזרח'דיגע און מערב'דיגע אידען. פאַמעליך ווערט איבערגעגעבען צו די אידען אין שפּאַניען דער קולטור-אייגענס פון דער אידישער בבל, און צולעצט בעקומט די קאָלאָניע די גאַנצע ירושה פון דער מעטראָפּאָל.

גלייכצייטיג ווערט פעסטער דער מצב פון די אידען אויך אין דער גרויסער מאָנאַרכיע פון קאַרל דעם גרויסען. אונטער די קאַראָלינגער וואַקסט די צאָהל אידען אין פראַנקרייך, דייטשלאַנד און איטאַליען, זייער עקאָנאָמישער וואוילשטאַנד ווערט גרעסער אַדאַנק דער ענטוויקלונג פון האַנדעל. די קאַטוילישע גייסטליכקייט (אַגאָבאַרד, אַמאַלאָ און אַנד.) פּרובט זיך ניט איינמאָל ווידער אויפצופרישען די רעליגיעזע רדיפות פון די צייטען פון די מעראָווינגער. וואו-ניט-וואו ג'יט זיך איהר דאָס איין; נאָר על-פּי-רוב פערטיידיגט די וועלטליכע מאַכט די אידען קעגען דער אַגיטאַציע פון דער גייסטליכקייט און קעגען די געוואַלדטאַטען פונ'ם המון, וואָס ווערט אויפגעהעצט דורך איהר.

בלויז אין איין ביזאַנץ האַלט זיך נאָך פעסט דער קירכליכער רעזשים — און די אידען, וואָס ווערען דאָרט גע'רודפ'ט, עמיגרירען מאַסענווייז אין צפונ'דיגען ברעג-לאַנד פון שוואַרצען ים, קיין קרים און קאַווקאַז, וואו עס האָבען שוין זינט לאַנג עקסיסטירט קאָלאָניעס פון אידישע עמיגראַנטען פון ביזאַנץ און פון פּערסיען. אין VIII-טען יאָהרהונדערט חזר'ט זיך איבער דאָ, אין איינעם פון די פונקטען פון דרום-רוסלאַנד, אַן ערשיינונג, וואָס איז גלייך צו דער, וואָס האָט געטראָפען מיט צוויי יאָהרהונדערטען צוריק אין אַראַביען. אין קיניגרייך פון די כאַזאַרען (כוזרים), אין דער געגענד פון דער

אונטערשטער שטרעמונג פון וואָלגאַ און ביי די ברעגען פון קאַספּישען ים, האָבען די מושלים (כאַגאַנען) און אַ טייל פון פאָלק אָנגענומען די אידישע אמונה. די אידישקייט בעקומט די הערשאַפט אין דער קריגערישער כאַזאַריען, וואָס איהר צאָהלען צינז די סלאַווישע שבטים און אפילו די ערשטע פירשטען פון קיעוו. דאָס האָט געמוזט פערשטאַרקען די אידישע איינוואַנדערונג קיין מזרח-אייראָפּע, — און אויף אַזאַ אופן ווערט בעשאַפען דער ערשטער קערן פון אידישען קיבוץ אין די לענדער, וואָס זיינען שפּעטער אַריין אין דער רוסישער מלוכה.

ערשטער קאַפּיטעל

די אידען אין חאליפאט: זייער פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע לאגע.

מחמד און די אידען אין אראביען. — ארץ-ישראל און בבל אונטער די ערשטע חאליפען. — דער חאליפאט פון די אומיידען און אבאסידען. — די זעלבסטפערוואלטונג; די רישי-גלותא. — די גאונים און די קאָלעגיע געלערנטע.

מחמד און די אידען פון אראַביען.

§ 57. אין זיבעטען יאָהרהונדערט פון דער קריסטליכער צייט איז געשעהן אַ גרויסע איבערקעהרעניש אין דער רעליגיעזער און פּאָליטישער געשיכטע פון די מזרח-לענדער. די פעלקער פון פאָדער-אַזיען, וואָס זיינען ביז אַהער געוועזען איינגעזונקען אין דער פינסטערניש פונ'ם הייךענטום, זיינען אויפגעקלערט געוואָרען דורכ'ן גלויבען אין איינאיינציגען גאָט, אין דער פאָרם פון „איסלאַם".

אויף דער ענטשטייהונג פון דער נייער וועלט-רעליגיע האָט געהאַט אַ השפעה די יהדות, וועלכע דער מקור פון די מאָנאָטעאיסטישע רעליגיעס. דאָס, וואָס די אַראַבער זיינען אין משך פון כמה יאָהרהונדערטען געשטאַנען אין מגע-ומשא מיט די אידען אויפ'ן אַראַבישען האַלבאינזעל (§ 47), האָט צוגעגרייט דעם באָדען פאַר'ן בעשעפער פונ'ם איסלאַם: מחמד'ן. „דער נביא פון מעקאַ און יתרב" האָט אַ לאַנגע צייט געהאַט צו טון מיט אידען אין אַראַביען, און זינט דער פריהסטער יוגענד האָט ער געקאָנט זיך אָננעמען מיט די אידישע השגות וועגען איינאיינציגען גאָט. די ביבלישע ערציילונגען, וואָס זיינען דורכגעדרונגען מיט'ן גייסט פון דער אָריענטאַלישער פּאָעזיע, האָבען אָנגעצונדען דעם כח הדמיון פונ'ם דאָזיגען זוהן פון מדבר, וואָס האָט לכתחילה דערקלערט, אַז ער וויל אויפריכטען די אַלטע געטליכע אַנטפּלעקונג, וואָס איז געגעבען געוואָרען צו אַברהם אבינו. אין ערשטען פעריאָד פון זיין טעטיגטייט איז מחמד געשטאַנען נאָך זייהר נאָהענט צו דער יהדות. די יהדות האָט איהם אַיינגעפליסט סיי דעם דעוויז: „ס'איז ניטאָ קיין גאָט, חוץ גאָט" (וואָס דערצו האָט ער מיט גאוה מוסיף געווען די ווערטער: „און מחמד איז זיין נביא"), און סיי דעם פּראָטעסט קעגען

דער געצענדיענריי, קעגען דער פערמענשליכונג פון דער גאָטהייט, קעגען שלעכטע מדות און אכזריות.

דער דאָזיגער לכתחילה׳דיגער רייגער קערן פונ׳ם איסלאַם איז אין ווייטערדיגען פעריאָד פון מחמד׳ס טעטיגקייט בעדייטענד אומגעענדערט געוואָרען; דאָס קאָן ווערען דערקלערט צום טייל דורך די חסרונות פון מחמד׳ס פערזענליכען כאַראַקטער, צום טייל דורכ׳ן קאַמף, וואָס איהם איז אויסגעקומען צו פיהרען מיט פערשיידענע שבטים פון אַראַבי׳ען (620—632).

מחמד׳ס בעציהונגען צום אידישען פאָלק זיינען אויך בעדייטענד ערגער געוואָרען, נאָכדעם ווי די אַראַבישע אידען האָבען זיך אָבגעזאָגט אונטערצוהאַלטען איהם און אָנערקענען איהם פאַר אַ געטליכען נביא. אַנגעקומען פון מעקאַ קיין יתריב, וואָס איז שפעטער געוואָרען אָנגערופען מעדינאַ („דעם נביא׳ס שטאָדט״), האָט מחמד לכתחילה געמיהט זיך אַריבערצוציהען אויף זיין צד די אָרטיגע אידען. ער האָט געהייסען זיינע אָנהייגער אָבהיטען דעם אידישען תענית „עשוראַ״ (יום-כפור) און זיך ווענדען בשעת דער תפילה מיט׳ן פנים קיין ירושלים („קיבלאַ״). מחמד גופאַ האָט ניט פערשטאַנען צו שרייבען, און דעריבער האָט ער אַ געוויסע צייט געהאַלטען ביי זיך אַלס סעקרעטאַר אַ אידען, וועמען ער האָט דיקטירט זיינע נבואות.

נאָר בלויז ווינציג אידען האָבען אָנגענומען די תורה פונ׳ם נייעם נביא און זיינען געוואָרען זיינע העלפערס („אַנסאַרען״). די אַנדערע האָבען געקוקט אויף איהם, ווי אויף אַ פאַלשען נביא, וואָרום זיינע מאָראַלישע חסרונות — ניט-געוויינליכע אייגענליעבע, גאוה און תשוקה נאָך תענוגים — האָבען בשום אופן ניט געפּאַסט פאַר׳ן הויכען אידישען אידעאַל פון אַ נביא. אייניגע האָבען אַפילו אויסגעלאַכט מחמד׳ס רעליגיעזע דרשות. אַז מחמד האָט פאָרגעלייגט דעם אידישען שבט באַנו קיינוקאַ, זיי זאָלען אָננעמען דעם איסלאַם, און האָט געברויכט אין זיין ברייף דעם אויסדרוק: „ברייגגט צו גאָט אַ מתנה״, האָט איינער פון די פאָרשטייהער פונ׳ם דאָזיגען שבט, פינחס בן עזורה, געהייסען איהם ענטפערן: „שוין זשע איז גאָט אַזוי אָרים, אַז ער נויטיגט זיך אין מתנות?״

די דאָזיגע בעציהונג פון פעראַכטונג מצד די אידען האָט שטאַרק צערייצט מחמד׳ן, וואָס האָט גערעכענט, אַז די „לייט פון דער שריפט״ (אַהל-אל-כתאַב) וועלען אָנערקענען זיין מיסיע און וועלען איהם העלפען ביים בעקעהרען די היידען צום גלויבען אין אייננאייגציגען גאָט. בכדי אונטערצוהאַלטען זיין אַווטאָריטעט אין די אויגען פון די גלויביגע, האָט מחמד געמוזט איצט אומבייטען זיינע בעציהונגען צו אידען און דערקלערען זיי פאַר אָבטריניגע פון אמת׳ען גלויבען. ער האָט בעהויפטעט, אַז אין תנ״ך זיינען געווען עטליכע נבואות וועגען זיין געטליכער שליחות, נאָר די אידען זאָלען, כלומ׳רשט, האָבען אויסגעמעקט די דאָזיגע ערטער. אין יענער צייט האָט מחמד אויסגעאַרבייט פאַר די „אמת׳ע מאמינים״ („מוסלעמין״) אַ בעזונדער סיסטעם פון צערעמאָניעס. ער האָט אָבגע-

שאַפט דעם תענית „עשורא" און האָט איהם פערביטען דורכ'ן ראַמאַדאַן; ביי דער תפלה האָט ער געהייסען זיך ווענדען מיט'ן פנים ניט צו ירושלים, נאָר צו דער הייליגער מעקאַ (624). ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגען אידישען שבת און האָט געהייסען אָנשטאָט שבת פייערן פרייטאָג. פון די אידישע דינים וועגען עסענוואַרג האָט ער איינגענומען נאָר דעם פערבאָט פון צו עסען נבלה און חזיר-פלייש, וואָס איז געווען בהסכם מיט די אָרטיגע מנהגים.

מחמד'ס פרעטענזיעס זיינען אַלץ מעהר געוואַקסען. ער האָט זיך שוין ניט בענוגענט מעהר מיט דער ראָל פון אַ נביא ביים פאָלק אַראַבער, נאָר ער האָט זיך דערקלערט פאַר'ן בעשעפער פון אַ וועלט-רעליגיע, וואָס איז פון אויבען געשיקט געוואָרען צו דער גאַנצער מענשהייט, צו אַלע פעלקער, „צו די שוואַרצע און רויטע". דערפון נעמט זיך דער אָנהויב פונ'ם קאַמף קעגען „די אומגלויביגע". די אומגלויביגע זיינען געוואָרען איינגעטיילט אין צוויי קלאַסען: א) היידען, וואָס מחמד האָט געהייסען בעקעהרען זיי צום ריכטיגען גלויבען דורך דער קראַפט פון געוועהר, „דורכ'ן שווערד", און ב) „די לייט פון דער שריפט", ד. ה. אידען און קריסטען, וואָס זיי קאָן מען לאָזען לעבען אין אַ מוסעלמאַנישער מלוכה, בתנאי זיי זאָלען צאָהלען שטייערן און אָנערקענען די פּאָליטישע איבערהערשאַפט פון די מוסעלמאַנער.

נאָר מחמד גופא האָט אין דער היץ פונ'ם רעליגיאָנס-קאַמף ניט בעזונדערס שטרייננג אָבגעהיט די דאָזיגע איינטיילונג. אויפגעמונטערט דורך די ערשטע נצחונות פון זיינע אָנהייבגער איבער די היידען פון אַראַביען, איז ער אַריינגעטראָטען אין אַן אָפענער מלחמה מיט די אָרטיגע אידען, ווייל ער האָט געוואָלט נקמה נעמען פון זיי דערפאַר, וואָס די יהדות האָט ניט געוואָלט פערהייליגען דעם איסלאַם דורך איהר אויטאָריטעט. היות ווי די אידישע בעפעלקערונג פון צפון-אַראַביען איז בעשטאַנען פון צעוואָרפענע קליינע שבטים, וואָס פון זיי האָט איטליכער געזאָרגט נאָר פאַר זיינע אייגענע פאַמיליען-אינטערעסען, דעריבער איז דעם נביא'ס קריגסלייט ניט שווער געווען זיי גובר צו זיין איינעם נאָכ'ן אַנדערן.

צוערשט האָט געהאַט אויסצושטייהן דעם אָנפאַל מצד די „רעכטגלויביגע" אַראַבער דער אידישער שבט באַנו-קײנוקאַא, וואָס איז געווען געצוואונגען נאָך אַ פערצווייפעלטען ווידערשטאַנד צו עפּענען דעם שונא די טויערן פון זיינע קליינע פעסטונגען אויף די בערג. דער בעזיגטער שבט איז אויסגעוואַנדערט קיין פאַלעסטינע. נאָכ'ן דאָזיגען נצחון האָט מחמד אַרויסגעזאָגט פאָלגענדע אַנטפּלעקונג, וואָס איז אַריין אין קאָראַן: „אָ, גלויביגע, ניט קלייבט זיך אויס פאַר פערבינדעטע ניט קיין קריסטען, ניט קיין אידען! זאָלען זיי אַליין זיך פערטיידיגען! ווער עס איז מיט זיי בעפריינדעט, דער געהערט צו זיי, און גאָט קאָן ניט ליידען קיין זינדיג פאָלק".

מחמת דער סכנה, וואָס איז פאָרגעשטאַנען, האָבען די אידישע שבטים באַנו-נאַדיר און באַנו-קורייסאַ געשלאָסען אַ בונד מיט די קוריישיטען פון מעקאַ

און מיט אַנדערע אַראַבער, וואָס זיינען געווען פיינדליך קעגען מחמד׳ן, בכדי זיך צו פערטיידיגען אינאיינעם קעגען דעם נביא׳ס חיילות. די פערבינדעטע זיינען שוין צוגעטראָטען צו בעלעגערן מעדינא, נאָר אין דער לעצטער מינוט האָבען זיי אָנגעוואָהרען דעם מוט, און דער בונד איז צעפאַלען געוואָרען. מחמד האָט צעשלאָגען די באַנו-נאַדיר און באַנו-קורייזא און האָט זיך האַרט נוקם געווען אָן זיי פאַר׳ן בונד מיט די אַראַבער די יידען (625 — 627). אַן ערך 700 אידישע קריגסלייט זיינען, לויט זיין בעפעהל, געטויט געוואָרען אויפ׳ן שטאָדטישען מארק-פלאַץ אין מעדינא.

אין יאָהר 628 האָט מחמד בראש פון אַ חייל פון אַ סך טויזענד מענשען געמאַכט אַן אָנפאַל אויף די אידען פון דער געגענד חייבאר. די אידען פון חייבאַר האָבען מוטיג געקעמפט קעגען שונא און האָבען אויפגעטאָן אַ סך גבורות, נאָר צולעצט זיינען זייערע פעסטונגען געוואָרען איינגענומען.

פון׳ם קריגסצוג אין חייבאַר האָט מחמד מיטגעבראַכט צוויי געפאַנגענע שיינע אידישע מיידלאַך. די אַראַבישע כראָניקען-שרייבערס דערציילען, אַז איינע פון זיי זיינאב, אַ שוועסטער פון׳ם אידישען גבור מאַרהאַב, האָט געוואָלט נקמה נעמען פון׳ם שונא פון איהר פאָלק. צוליעב דעם האָט זי איין מאָל דערלאַנגט מחמד׳ן אַ שטיק פער׳סמ׳טע פלייש. איינער פון׳ם נביא׳ס מקורבים, וואָס האָט געגעסען די דאָזיגע פלייש, איז געשטאָרבען; דער נביא גופא אָבער, וואָס האָט בעוויזען אַרויסצושפייען די סם, איז ניצול געוואָרען פון טויט. אַז מחמד האָט געפרעגט ביי זיינאַב׳ן, וואָס איז די מעשה, וואָס זי האָט דאָס געטאָן, האָט זי רוהיג געענטפערט: „דו האָסט פערשאַפט מיין פאָלק אומגלויבליכע ליידען — און דעריבער האָב איך זיך געטראַכט, ממה נפשך: ביסטו נאָר אַ פּשוט׳ער ער-אָבערער, וועל איך בריינגען מיין פאָלק רוה, דורכדעם וואָס איך וועל דיך פער׳סמ׳ען; טאָמער זשע ביסטו אַ נביא, וועט גאָט דיר לאָזען וויסען וועגען מיין פלאַן — און דו וועסט בלייבען אומבעשעדיגט״. האָט מחמד געהייסען זי טויטען.

וועדליג אַזעלכע פערזענליכע בעציהונגען צווישען דעם גרינדער פון׳ם איסלאַם און צווישען די אידען, איז קיין וואונדער ניט, וואָס אין קאָראַן זיינען פערבליבען בנוגע צו אידען זייהר פיינדליכע רייד, וואָס האָבען אין שפּעטער-דיגע צייטען געגעבען שפּייז פאַר׳ן מוסלמאַנישען פאַנאַטיזם. אויף די אידען ליגט, לויט די ווערטער פון קאָראַן, „גאָטס צאָרן״; מען טאָר מיט זיי ניט פיהרען קיין פריינדשאַפט, ווייל זיי האָבען פיינט די „רעכטגלויביגע״; די אידען האָבען ניט קיין ריכטיגען גלויבען: זיי האַלטען כלומר׳שט עזרא׳ן (עוזיירא) פאַר גאָטס זוהן, פונקט אַזוי ווי די קריסטען ישו׳ן.

נאָר די פערשפּרייטונג פון׳ם איסלאַם, אַלס אַ רעליגיע, וואָס איז פאַרט בעגרינדעט אויף דער ביבלישער וועלט-אָנשויאונג, האָט אויך געבראַכט טובות די אידען: דער איסלאַם האָט אויפגעוועקט די דרעמלענדיגע כחות פון׳ם אָריענט און האָט בעשאַפען אַ נייע אַלגעמיין-מענשליכע קולטור, וואָס אין איהר האָבען

גענומען אַן אָנטייל אויך די אידען; ווייטער די פּאָליטישע נצחונות און טערי-טאָריאַלע ערמבערונגען פון די מוסולמאַנער פלעגען אָפּטמאָלס ברייגען די אידען אויסלייזונג פונ׳ם דרוק און רדיפות, וואָס זיי האָבען געהאַט אויסצושטייהן אין די דעמאָלטיגע קריסטליכע מלוכות.

ארץ-ישראל און בבל אונטער די ערשטע חאַליפען.

§ 58. באַלד נאָך מחמד׳ס טויט (632) האָט זיך פון אַראַביען אַ גאָס גע-טאָן אַ שטראָם פון איסלאַמישע קריגסלייט און האָט איבערגעקעהרט די גאַנצע רעליגיעזע און פּאָליטישע אָרדענונג אין פאָדער-אַזיען. אומעטום האָט געקלונגען דער קאַמפּס-רוף פון די זיגרייכע אַראַבער: „ס׳איז ניטאָ קיין גאָט חוץ גאָט—און מחמד איז זיין נביא!" דער איסלאַם איז לויט׳ן געבאָט פון זיין בעשעפער פערשפּרייט געוואָרען דורכ׳ן שווערד. די גרויסע פּערסישע מלוכה און די אַזי-אַטיש-אַפריקאַנישע ביזאַנץ האָבען אַ ציטער געטאָן פאַר דער בייער מעכטיגער קראַפט, וואָס איז אויפגעשטאַנען אין די מזרח-לענדער. די ערשטע אַראַבישע חאַליפען (מחמד׳ס שטעל-פערטרעטער): אַבו-באַכר, עומאַר און, עותמאַן (632 — 656) האָבען איינגענומען כמעט גאַנץ פּערסיען, אָנהויבענדיג פון דער באַבילאָנישער פּראָווינץ, און האָבען אָבגענומען ביי ביזאַנץ סיריען און פּאַלעס-טינע און עגיפּטען.

ארץ-ישראל איז איינגענומען געוואָרען דורכ׳ן חייל פונ׳ם חאַליף עומאַר, וואָס איז געווען דער גרעסטער אָרגאַניזאַטאָר פונ׳ם איסלאַם נאָך מחמד׳ן. די אידען פון ארץ-ישראל, וואָס האָבען געקרעכצט אונטערן דרוק פון ביזאַנץ, האָבען בעגעגענט די אַראַבער, ווי אויסלייזער, און אינאיינעם מיט די שומרונים האָבען זיי זיי גרינגער געמאַכט איינצונעמען דאָס לאַנד. דעם קייזער הערַאקליוס׳עס חייל האָט געליטען אין דער מלחמה מיט די אַראַבער, פּונקט אַזוי ווי ניט לאַנג ביים אָנפאַל פון די פּערסער (§ 44), איין מפּלה נאָך דער אַנדערער. ס׳איז געפאַלען די שטאַרק בעפעסטיגטע קיסריה, וואָס איז אַמאָלט געווען די רעזידענץ פון די רוימישע פּערוואַלטער אין יהודה. ס׳האָט זיך אויך אונטערגעגעבען ירושלים נאָך אַ בעלעגערונג פון פיער חדשים (637 — 38). דאָ האָט דער חאַליף עומאַר בעפויהלען אויסצובויען אַ מעטשעט אויף יענעם אָרט, וואו עס איז פריהער געשטאַנען דער בית-המקדש. די פריהערדיגע בעלי-בתים פון שטאָדט, די קריסטליכע גלחים, האָבען געמוזט אָבטרעטען די אויבערהער-שאַפט די מוסעלמאַנער, וואָס אויך פאַר זיי ווערט ירושלים זינט יענער צייט אַ הייליגע שטאָדט. מען דערצייהלט, אַז ביים איבערגעבען די שטאָדט זאָל דער קריסטליכער ביסקופּ סאָפראָניוס האָבען געבעטען ביי עומאַר׳ן צווישען אַנדערע זאַכען, אַז ער זאָל איבערלאָזען דעם אַלטען געזעץ, אַז אידען טאָרען ניט וואוי-נען אין ירושלים. ס׳איז ניט בעוואוסט, ווי ווייט די דאָזיגע ערצייהלונג איז ריכטיג, און צי האָט עומאַר טאַקע בעשטעטיגט אַזאַ מין פערבאָט. על-כל-פנים אונטער די שפּעטערדיגע חאַליפען איז ער ניט אָבגעהיט געוואָרען, און פּאַקטיש

האָט די מוסעלמאַנישע עראָבערונג געעפענט פאַר די אידען דעם צוגאַנג צו זייער געוועזענער הויפטשטאָדט.

ס'זיינען נאָר איינגעשטעלט געוואָרען סיי פאַר אידען און סיי פאַר קריסטען אייניגע רעכטליכע בעגרעניצונגען, אינ'ם גייסט פון קאָראַן. מען רעכענט, אַז עומאַר זאָל האָבען אַרויסגעגעבען אַ בעזונדערן גזעצגעבערישען אַקט („עומאַר'ס געבאָט"), וואָס אין איהם געפינט זיך עטליכע דערנידעריגענדע כללים פאַרביידע „פעלקער פון דער שריפט": ס'איז פערבאָטען געוואָרען צו בויען נייע שולען און קירכען און זינגען אין זיי הויך; די אומגלויביגע זיינען אויך געוועזען מחויב צו טראָגען אַ בעזונדער קליידונג, בכדי מען זאָל זיי אונטערשיידען פון רעכטגלויביגע; זיי האָבען ניט געהאַט קיין רעכט צו פערנעמען קיין געזעלשאַפטליכע שטעלעס אָדער זיין קאָמאַנדירען איבער מוסעלמאַנער, און אויף זיי האָט מען אַרויפגעלייגט שווערע שטייערן — אַ קאָפּ-שטייער און אַן ערד-שטייער. נאָר ניט אַלע די דאָזיגע בעגרעניצונגען, וואָס זיינען געשאַפען געוואָרען אין דער היץ פונ'ם רעליגיעזען פאַנאַטיזם, זיינען געוואָרען אָנגעווענדעט אין דער פּראַקטיק. די אַנדערשגלויביגע, נאָכדעם ווי זיי האָבען אָבגעצאָהלט די שטייערן „דזשיזיא" און „חאַראַדזש" (קאָפּ- און ערד-שטייער), האָבען זיי זיך געפיהלט גאַנץ פריי אין די מוסעלמאַנישע מלוכות און האָבען געהאַט אַ בעדייטענדע אינעווייניגסטע אויטאָנאָמיע.

ביי זייערע עראָבערונגען האָבען די אַראַבער אָנגעטראָפען אומעטום די אידען אַלס נוצליכע פערבינדעטע. ביים אייננעמען פּערסיען און בבל, וואָס איז געוועזען אונטער איהר ממשלה (638), האָבען עומאַר'ן געגעבען הילף די אידען און די קריסטען, וואָס האָבען געליטען גרויסע אונטערדריקונגען מצד די לעצטע סאַסאַנידישע מלכים (§ 46). עומאַר האָט דערפאַר געגעבען די געמיינדעס פון ביידע רעליגיעס דאָס רעכט אויף זעלבסטפערוואַלטונג אין בבל, וואָס האָט געטראָגען ביי די אַראַבער דעם נאָמען א י ר אַ ק. דער אָנפיהרער אָדער „קאַטאָליקאָס" פון דער נעסטאָריאַנישער קירך האָט בעקומען אַן אַדמיניסטראַטיווע און געריכטליכע מאַכט איבער די קריסטען פון זיין געגענד. פאַר די אידען פון בבל איז אויפגעריכט געוואָרען די אויטאָנאָמע הערשאַפט פון די רישי-גלותא, וואָס איז געווען אַראָבגעקומען אין לעצטען יאָהרהונדערט פון דער פּערסישער איבערהערשאַפט. עומאַר האָט בעשטימט פאַר'ן ראש פון די אידען אָדער ריש-גלותא אַ מיטגליד פון בית דוד, מיט'ן נאָמען ב ו ס ת נ א י.

אַ לעגענדע דערציילט וועגען בוסתנאי פאָלגענדעס. איין קיניג האָט געהייסען פערטיליגען די גאַנצע הויזגעזינד פונ'ם ריש גלותא אין בבל. דער בעפעהל איז שיער ניט אויסגעפיהרט געוואָרען; ס'זיינען געבליבען לעבען בלויז די אלמנה פונ'ם דער'הרג'עטען ריש גלותא חנינאי, נאָר איהר איז אויך פאַר-געשטאַנען דערזעלביגער סוף. דעמאָלט האָט זיך דעם קיניג געחלומ'ט אַ חלום, אַז ער האָט אויסגעהאַקט אַלע בוימער פון אַ גרויסאַרטיגען לוסטגאָרטען (בוסתן), נאָר אַז ער האָט אויפגעהויבען זיין האַק אויפ'ן לעצטען צווייגעל פון לעצטען בוים, האָט זיך [פלוצלונג בעוויזען פאַר איהם אַ גרייזגראָהער זקן, וואָס האָט

איהם אַ קלאַפּ געטאָן מיט'ן האַק איבער'ן פּנים אַזוי, אַז דער קיניג איז אַ נידער-געפאַלען, זיך בעגיסענדיג מיט בלוט. האָט דער קיניג אָנגעהויבען בעטען זיך ביים זקן, ער זאָל איהם פערשוינען, און האָט זיך געשוואָרען, אַז ער וועט ניט אָנריהרען דעם לעצטען צווייגעל און וועט איהם היטען, ווי אַ שוואַרצאַפּעל פון אויג. אַז דער קיניג האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער בעמערקט ביי זיך אויפ'ן שטערן סימנים פון בלוט. דעמאָלט האָט ער גלעלאָזט רופען צו זיך אַ אידישען חכם, וואָס האָט איהם פּותר חלום געווען אויף אַזאַ אופן: דער אויסגעהאַקטער גאָרטען—דאָס איז בית-דוד; דער גאַנץ געבליבענער צווייגעל—דאָס איז אַ קינד, וואָס עס וועט אין גיכען האָבען דעם דער'הרג'עטען ריש גלותא'ס אַלמנה. האָט דער קיניג געהייסען זאָרגען פאַר דער אַלמנה אויפ'ן פיינסטען אויפן, און אַז זי האָט געבאָרען אַ זוהן, האָט ער איהם געגעבען אַ נאָמען בוסתנאי, נאָכ'ן גאָרטען, אָדער „בוסתן", וואָס ער האָט געזעהן אין חלום. בוסתנאי איז אויסגעוואַקסען אויף פריידען פון אַלע אידען אין בבל און איז געוואָרען אַ גרויסער קענער אין דער תורה. האָט דער קיניג ליעב בעקומען דעם בעשיידענעם און איידעלען יונגען מאַן, בעשטימט איהם פאַר אַ ריש-גלותא און האָט איהם געגעבען אַ בעזונדערן זיגעלרינג מיט אַ וואַפען (גערב). איינער פון די ערשטע אַראַבישע חאַליפען (עומאַר אָדער עלי) האָט געגעבען בוסתנאי'ן פאַר אַ פרוי די שיינע דאַראַ, דעם פערסישען קעניג כוזרו'ס טאָכטער, וואָס איז אַריינגעפאַלען אין געפאַנגענשאַפט, נאָכדעם ווי די אַראַבער האָבען איינגענומען פערסיען.

די געזעלשאַפטליכע לאַגע פון די אידען אין בבל איז, ווי עס ווייזט אויס, פעסטער געוואָרען אין דער צייט פונ'ם פערטען חאַליף (656—660). אינ'ם קאַמף פונ'ם דאָזיגען חאַליף מיט זיין קאָנקורענט מואַוויאַ האָבען די אידען געהאַלטען דעם ערשטענס צד. בשעת עלי האָט איינגענומען די שטאָדט פירוז-שאַבור—דערציילט די מסורה—זיינען אַרויס איהם אַנטקעגען טויזענדער אידען, בראש מיט'ן אָרטיגען ראש-ישיבה מר-יצחק, און האָבען וואַרים בעגריסט דעם זיגער. עלי, וואָס האָט געהאַט אַזוי פיעל שונאים צווישען די אַראַבער, האָט זייהר טייער געהאַלטען די דאָזיגע סימנים פון איבערגעבענקייט מצד די אידען. ער האָט, ווי עס ווייזט אויס, אויפגעהויבען דעם ראש-ישיבה אויף דער זעלביגער מדרגה, ווי דעם ריש-גלותא, און האָט איהם געגעבען בעדייטענדע רעכט. זינט יענער צייט איז דער ראש-ישיבה פון דער העכסטער ישיבה אין בבל, וועלכער האָט געטראָגען דעם טיטעל „גאון", געשטאַנען אין איין רייהע מיט'ן ריש-גלותא בראש פון דער אידישער זעלבסטפערוואַלטונג.

חאַליפאַט פון די אומאַיידען און אַבאַסידען.

§ 59. נאָך די מלחמות, וואָס האָבען געדויערט דרייסיג יאָהר, האָט זיך אין פאָדער-אזיען איינגעפעסטיגט אַ מוסעלמאַנישע מלוכה (חאַליפאַט) אונטער דער ממשלה פון די אומאַיידען (מואַוויאַ׳ס דינאַסטיע, 661—750). פאַר די אָריענטאַלישע פעלקער איז אָנגעקומען אַ נייע קולטור-תקופה, וואָס קאָן ווערען אָנגערופען אין דער געשיכטע די „אַראַבישע”.

די חאַליפען פון דער דינאַסטיע אומאַיידען, וואָס האָבען געהאַט זייער רעזידענץ אין דמשק, האָבען אויך געפיהרט מלחמות און פערברייטערט זייערע לענדער דער עיקר אין מיטעל-אזיען, וואו עס האָבען געוואוינט די טערקישע שבטים. אויך האָבען די אַראַבער זיך געשטעלט אויף אַ פעסטען פוס אין צפון-אַפריקע, אינ׳ם לאַנד פון די בערבערען, און זיינען אפילו אריינגעדרונגען אין איירָאפּע, וואו זיי האָבען זיך איינגעפעסטיגט אויפ׳ן פירענייאישען האַלב-אינזעל. נאָר דאָס זיינען שוין געווען פאָליטישע, און ניט קיין רעליגיעזע מלחמות. הגם די מושלים פונ׳ם הויז פון די אומאַיידען האָבען געטראַגען דעם טיטעל „חאַליפען”, דאָס איז טייטש: דעם נביא׳ס פערטרעטער, פונדעסטוועגען זיינען זיי על-פי-רוב געווען פריי פונ׳ם רעליגיעזען פאַנאַטיזם פון די ערשטע חאַליפען, מחמד׳ס חברים און די פערשפרייטער פונ׳ם איסלאַם. מואַוויאַ, יאַזיד I, אַבדול-מאַליק, וואַליד און אַנדערע אומאַיידישע חאַליפען זיינען געווען וועלטליכע רעגירער, וואָס פלעגען זיך געלאָזט פיהרען מעהר דורך די סברות וועגען דעם, וואָס עס איז נוצליך פאַר דער מלוכה, איידער דורך די פאָדערונגען פון קאָראַן. די אידען האָבען אין זייערע צייטען קיין בעזונדערע בעגרענעצונגען ניט געפיהלט.

מעהר ניט עומאַר דער II-טער (717—720), וואָס האָט זיך געפונען אונטער׳ן איינפלוס פון מוסעלמאַנישע פאַנאַטיקער, האָט ווידער איינגעפיהרט די בעגרעני-צונגס-געזעצען פאַר אַנדערשגלויביגע. ער האָט געשריבען צו די פערוואַלטער פון די פראָווינצען: „צעשטערט ניט קיין קירכען און ניט קיין שולען, נאָר לאָזט ניט בויען קיין נייע”. ער האָט צוגערעדט און טיילמאָלס געצוואונגען איבערגעוואַלד די קריסטען און אידען, זיי זאָלען אָננעמען דעם איסלאַם.

אין דער העלפט פון VIII יאָהרהונדערט האָט אָנשטאָט דער קריגערישער דינאַסטיע פון די אומאַיידען בעקומען די ממשלה איבערן מזרח׳דיגען חאַליפאַט די פרידליכע דינאַסטיע פון די אַבאַסידען. אין זייערע צייטען האָט די אַראַבישע ציוויליזאַציע דערגרייכט צו איהר העכסטער בליהונג. אין דעם חאַליף אַל-מאַנסור׳ס צייט (754) איז די הויפּט-שטאָדט געוואָרען איבערגעטראָגען קיין באַגדאַד. דורכדעם איז בבל געוואָרען דער צענטער פון פאָליטישען לעבען אין דער דאָזיגער אומגעהייער גרויסער אַראַבישער מאָנאַרכיע, וואָס האָט אַרומ-גענומען האַלב אַזיען און צפון-אַפריקע.

דער אידישער אַקאַדעמישער צענטער פומבדיתא איז געלעגען בלויז עט-ליכע מייל פון באַגדאַד. אין דער הויפטשטאָדט גופא האָט זיך אויך געבילדעט אַ בעדייטענדע אידישע קהילה, וואָס איהרע פאָרשטייהער האָבען געשפילט די

ראָל פון פערמיטלער צווישען די פּראָווינציעלע קהלות און דער רעגירונג פונ'ם חאַליפאַט. די בירגערליכע לאַגע פון די אידען אין באַגדאַדער חאַליפאַט איז געוועז בכלל בעסער, איידער זייער לאַגע אין די קריסטליכע לענדער. טיילמאָלס מעהר-ניט איז זיי אויסגעקומען צו ליידען פון מוסעלמאַנישען פאַנאַטיזם און פונ'ם ווילדווילען פון די רעגירער. אַ גאַנץ הויכע קולטור איז דאָ געווען פעראייניגט מיט אַ רעגירונגס-אַבסאָלוטיזם, און דעם טרוין האָבען ניט איין מאָל פערנומען „אויפגעקלערטע דעספּאָטען". דער בעריהמטער הארון-אַל-ראַשיד (786—809) האָט ווידער אַיינגעפיהרט עומאַר'ס געזעצען (§ 58) קעגען די קריסטען. ער האָט, משמעות, דערביי ניט געמאַכט קיין אויסנאַם פאַר די אידען. די לאַגע איז געוואָרען בעסער אין דער צייט פונ'ם חאַליף אַל-מאַמון (813—833), וואָס האָט געשטיצט די פריידיינקערישע מוסולמאַנישע פּאַרטיי.

אין יענער צייט, בשעת עס האָט אויפגעבליהט די אַראַבישע קולטור, האָט זיך אַיינגעשטעלט צווישען אַראַבער און אידען אַ פעראייניגונג אויפ'ן געביט פון קונסט און וויסענשאַפטען. די אידען זיינען מיטגעריסען געוואָרען דורך דער אַלגעמיינער גייסטיגער בעוועגונג, וואָס האָט געהערשט אין באַגדאַדער חאַליפאַט. צווישען זיי האָבען זיך אויסגעצייכענט גרויסע דאָקטוירים, מאַטעמאַטיקער און אַסטראָנאָמען.

נאָר די פעראייניגונג פון די אינטעלעקטועלע קרעפטען קאָן קיין מאָל ניט פערהיטען דערפון, עס זאָל זיך ניט אַרויסווייזען קיין נאַציאָנאַלע פיינדשאַפט אין די רעגירענדע ספערען. אין אַ געוויסער צייט אַרום האָבען ביים הויף ווידער אַמאָל גובר געווען די טעאָקראַטישע שטרעבונגען. אין דער צייט פונ'ם חאַליף אַל-מוטאַוואַקיל זיינען ווידער אויפגעפרישט געוואָרען עומאַר'ס געזעצען קעגען ניט-מחמדאַנער (849—856). בכדי צו האַלטען די „אומגלויביגע" אין אַ נידעריגען צושטאַנד, האָט מען זיי בעפויהלען צו טראָגען אַ בעזונדער קליידונג: די מאַנסבילען — אַ געלען גאַרטעל אָדער אַ שטריק און די וויבער — געלע טיכער. אַנדערשגלויביגע איז געווען ערלויבט צו רייטען אויף אייזלען אָדער מוילאייזלען, אָבער ניט אויף פערד. די אויפ'ס ניי אויסגעבויטע שולען און קירכען האָט מען בעפויהלען צו מאַכען פאַר מעטשעטען, און די בית-עלמינ'ס, וואָס זיינען געלעגען נעבען זיי,—אַראָבטראָגען. אַ צעהנט חלק פונ'ם חערט פון זייערע הייזער האָבען די אומגלויביגע געמוזט צאָהלען לטובת דעם חאַליף. אַזאַ אומגערעכטער רעזשים האָט, פערשטייהט זיך, ניט געקאָנט לאַנג האַלטען זיך, און אין דער צייט פון די שפּעטערדיגע חאַליפען זיינען די רעכט פון די אַנדערשגלויביגע, צווישען דעם אויך פון די אידען, ווידער אויפגעריכט געוואָרען.

בכלל, ווערליג דער צעוואָרפענקייט פון דער טעריטאָריע פונ'ם חאַליפאַט און ווערליג דער פערשיידענאַרטיגקייט פון דער בעפעלקערונג, האָבען אַלע טעאָקראַטישע קאָנסטיטוציעס געמוזט בלייבען בלויז אויפ'ן פּאַפּיר. די רעכטליכע לאַגע פון די אידען אין די פערשיידענע פּראָווינצען פונ'ם חאַליפאַט איז געוואָרען בעשטימט מעהר דורך די אָרטיגע פערהעלטענישען און מנהגים, איידער

דורך די בעפעהלען פון דער צענטראַלער רעגירונג. איינינע ווייטע פּראָווינצען פלעגען בעקומען אפילו אַן אַדמיניסטראַטיווע אָדער פּאָליטישע אומאָבהענגיגקייט אונטער דער פערוואַלטונג פון זייערע „עמירען". צפון־אַפריקע מיט דער הויפּט־שטאָדט קיירואַן (די געוועזענע קירענע) האָט זיך אָבגעטיילט פון׳ם באַגדאַדער חאַליפאַט אין פרט פון אַדמיניסטראַציע נאָך אין האַרון־אַר־ראַשיד׳ס צייט. שפּע־טער האָט זיך דאָרט איינגעפעסטיגט אַ בעזונדערע דינאַסטיע פון די פאַטימידען (909), וואָס האָט פעראייניגט מיט׳ן געביט פון קיירואַן עגיפּטען און סיריען און האָט געגרינדעט דעם פאַטימידישען חאַליפאַט.

צום סוף פון דער עפּאָכע, וואָס ווערט דאָ בעשריבען, פאַלט דער חאַליפאַט פון די אַבאַסידען געשווינד פונאַנדער אויף זעלבשטענדיגע פּראָווינצען, און די אַנומעלט מעכטיגע „הערשער פון די גלויביגע" ווערען פערוואַנדעלט אין פיר־שטען פון דער קליינער באַגדאַדער פּראָווינץ.

די זעלבסטפערוואַלטונג; די רישי־גלותא.

§ 60. אונטער אַלע די דאָזיגע פּאָליטישע שינויים, וואָס האָבען אָבגעשפּי־געלט די בעציהונגען פון די פערשיידענע רעגירער און קלאַסען צו די אידען, איז געבליבען פעסט און שטענדיג נאָר איין זאַך: די אידישע אינעווייניגסטע זעלבסטפערוואַלטונג. די אַראַבישע איבערהערשאַפט האָט פערגרעסערט און פערפעסטיגט די אַווטאָנאָמיע פון די אידישע קהלות, וואָס איז צעטרייסעלט געוואָרען אין דער לעצטער אומרוהיגער צייט פון דער פערסישער איבער־הערשאַפט. זינט דעם מאָמענט, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרען דער אומאַיידי־שער חאַליפאַט, איז די אידישע זעלבסטפערוואַלטונג אין בבל לא די וואָס אויפ־געריכט געוואָרען אין איהרע פאָרמעס, נאָר זי איז אויך בעדייטענד פערברייי־טערט געוואָרען אין היקף. צוויי יסוד׳ען שטייהען זינט יענער צייט בראש די זעלבשטענדיגע קהלות: די אויפגעפרישטע פערוואַלטונג פון׳ם רישׁ־גלותא און די פון דאָס ניי איינגעפיהרטע גאונות.

די רישי־גלותא (ראַס־אַל־דזשאַלות — אויף אַראַביש) פון דער נייער די־נאַסטיע פון בוסתנאי (§ 58) זיינען געווען, פונקט ווי די פריהערדיגע רישי־גלותא, די אָפיציעלע פאָרשטייהער פון אַלע אידישע קהלות אין בבל. זיי זיינען געווען דער עיקר די פיסקאַלישע פערמיטלער צווישען די אידען און די אַראַ־בישע חאַליפען; זיי פלעגען צונויפקלייבען די שטייערן פאַר דער מלוכה, בע־שטימען אָדער בעשטעטיגען אין די קהילות אַדמיניסטראַטאָרען און דיינים און אונטערהאַלטען די השתדלות׳ען פון פערשיידענע אנשטאַלטען פאַר דער הערכ־סטער רעגירונג.

די רישי־גלותא זיינען ניט געווען די איינציגע אָנפיהרער פון דער זעלבסטפערוואַלטונג; זיי איז אויסגעקומען צו טיילען זייער מאַכט מיט די הערכ־סטע גייסטליכע פאָרשטייהער פון׳ם פאָלק, די גאונים, אָדער ראשי־ישיבות. אַזעל־

כע פאַרשטייהער זיינען געווען צוויי: איינער אין סורא, דער אַנדערער אין פומבדיתא—דאָס זיינען די צוויי שטעדט, וואָס אין דער תקופה פון די אמוראים זיינען זיי געווען די הויפט-צענטרען פון דער תלמודישער וויסענשאַפט. דער גאון פון סורא האָט לויט זיין מדרגה זיך גערעכענט העכער פאַר׳ן גאון פון פומבדיתא. בנוגע צו די גייסטליכע ענינים האָבען ביידע גאונים געהאַט צו זאָגען זעלבשטענדיג, נאָר די בעפעהלען פונ׳ם ריש-גלותא האָבען זיך גענויטיגט אין דער בעשטעטיגונג פון די גאונים דאָרט, וואו די געמיינדע-אָרדענונג איז גע-קומען אין בעריהרונג מיט דער רעליגיעזער אָרדענונג. אַזוי פלעגען די דיינים אין די שטעדט ווערען בעשטעטיגט מיט׳ן הסכם סיי פונ׳ם ריש-גלותא און סיי פון די גאונים. אַפילו דער ריש-גלותא גופא האָט געקאָנט איבערנעמען זיין שטעל (הגם די שטעל פלעגט איבערגייהן בירושה אין דער משפחה פון בוסתנאי) ניט אַנדערש, סיידען עס זאָלען בעשטייהן דערויף די ביידע גאונים און די קאָלעגיעס געלערנטע פון ביידע ישיבות.

מיר ברייגגען דאָ בקיצור אַ בעשרייבונג פונ׳ם צערעמאָניאַל ביים בעשטימען דעם ריש-גלותא, פון זיין אַרט לעבען און פון זיין געזעלשאַפטליכע ראָל — ווי דאָס איז פערבליבען אין די שריפטען פון ר׳ נתן הבבלי, וואָס האָט גע-לעבט אין יענער צייט.

„אַז דער-דעת הקהל האָט זיך אַרויסגעזאָגט דערפאַר, אַז מען זאָל בע-שטימען (בעשטעטיגען) דעם אָדער יענעם פאַר אַ ריש-גלותא, קלייבען זיך צונויף די מיטגלידער פון ביידע ישיבות (סורא און פומבדיתא) מיט די ראשי-ישיבות (גאונים), איינאיינעם מיט די פאַרשטייהער פון די קהילות און די עלטסטע—אין הויז פון אַ חשוב׳ען מענשען. דערנאָך קומט פאַר אַ פערזאַמלונג אין שול, דאָנערשטאָג. דאָרט בעגריסט מען דעם ריש גלותא און מען בלאָזט שופר, בכדי אָנצוזאָגען דעם גאַנצען פאָלק פון גרויס ביז קליין. הערענדיג דאָס, שיקט איטליכער דעם ניי אויסגעקליבענעם ריש-גלותא אַ מתנה לויט זיין פערמעגען נאָך; די פאַרשטייהער פון דער קהילה און די גבירים שיקען איהם שיינע קליידער, טייערע חפצים, זילבערנע און גאָלדענע כלים. ער ווידער (דער ריש גלותא) מאַכט דאָנערשטאָג און פרייטאָג גרויסע סעודות מיט אַלערליי מאכלים, משקאות און ממתקים.

„שבת אין דער פריה גייהט ער אין שול, אין דער בעגלייטונג פון די בכבוד׳סטע מיטגלידער פון דער קהילה. דאָרט איז שוין צוגעגרייט פאַר איהם אַ הילצערנע בימה, איינגעגצען אויסגעשלאָגען מיט שיינע טעפּיכער פון זיידענס און פורפור-וואָל; אונטער איהר געפינט זיך אַ כאָר פון איידעלע יונגע-לייט, וואָס האָבען שיינע שטימען. דער ריש-גלותא גופא געפינט זיך אין דער טי-פעניש פון דער בימה איינאיינעם מיט די ראשי-ישיבות. דער חזן הויבט אָן די תפילה, און דער כאָר פון די יונגע-לייט האַלט אונטער. נאָך דער תפילה טוט דער ריש-גלותא, וואָס איז געווען ביז דעמאָלט בעהאַלטען אין דער טיפעניש פון דער בימה, אַרויסטרעטען פון פאָרענט; דעמאָלט שטייהען אַלע אויף פון די ערטער. דער ריש-גלותא זעצט זיך אויפ׳ן אָרט, וואָס פאַר איהם איז בעשטימט,

נאָך איהם גייהט אַרויס דער ראש-ישיבה פון סורה, און פערבויגט זיך פאַר איהם. דער ריש-גלותא ענטפערט איהם מיט אַ פערבויגונג, און ער זעצט זיך אויך אַוועק אויף דער בימה; דאָס אייגענע טוט דער גאון פון פומבדיתא. דער עולם שטייהט אויף די פיס, ביז אַלע דריי זעצען זיך אַוועק: דער ריש-גלותא אין מיטען, דער גאון פון סורא אין רעכטער האַנד, דער גאון פון פומבדיתא אין לינקער האַנד... דער חזן, איינגעהילט אין טלית און געוועגדט מיט'ן פנים צו דער בימה, בענשט שטילערהייד דעם ריש-גלותא מיט בעזונדערע ברכות, וואָס זיינען צוגעפּאַסט לעניגא דיומא, און דער כאָר פון די יונגע לייט ענטפערט פון אונטען: אמן! דערנאָך זאָגט דער ריש-גלותא גופא אַ דרשה אויף דער סדרה, וואָס מען לייענט דעם שבת, אָדער ער גיט דאָס איבער דעם גאון פון סורא. דער גאון פון סורא גיט דאָס איבער דעם גאון פון פומבדיתא, און אַזוי לאָזען זיי איבער איינער דעם אַנדערן דעם דאָזיגען כבוד. צולעצט הויבט אָן דער גאון פון סורא די דרשה, און דער מתורגמן שטייהט נעבען איהם און חזר'ט איבער הויך אויפ'ן קול זיינע רייד פאַר'ן פאָלק. דערנאָך זאָגט דער חזן קדיש, און אַז ער קומט צו די ווערטער „בחייכון וביומיכון" (אין אייערע צייטען), איז ער מוסיף: „ובחיי נשיאנו ראש גולת ישראל" (אין דער צייט פון אונזער פירשט, דעם ריש-גלותא). נאָכ'ן קדיש מאַכט ער „מי שברך" דעם ריש-גלותא, די ראשי-ישיבות, די פאָרשטייהער פון די קהלות און חברות, וואָס האַלטען אונטער מיט זייערע נדבות די ישיבות פון בבל *). דערנאָך נעמט מען אַרויס אַ ספר תורה און מען רופט אויף אַ כהן און אַ לוי; דערנאָך טראָגט דער כהן צו די תורה צום ריש-גלותא. וועלכער נעמט זי אין האַנד און לייענט; נעבען איהם שטייהען ביידע גאונים, און דער גאון פון סורא לייענט תרגום (די אַראַמישע איבערזעצונג). דער דאַווגען ענדיגט זיך מיט דער תפלת מוסף.

„אַז דער ריש-גלותא גייהט אַרויס פון שול, גייהען נאָך איהם מאַסען עולם און מען זינגט איהם לויב-לידער, ביז ער גייהט אַריין אין זיין שטוב. די ראשי-ישיבות גייהען ניט מיט איהם, נאָר די תלמידים בעלייטען איהם ביז'ן שטוב און בלייבען ביי איהם זיבען טעג. זינט יענער צייט גייהט דער ריש-גלותא ניט אַרויס פון שטוב, און דער עולם קלייבט זיך צונויף צום דאַווגען ביי איהם סיי אום דער וואָכען סיי אום שבת און יום-טוב. אַז ער האָט נויטיג אַרויסצוגייהן מכח די צרכי הכלל, דעמאָלט פאָהרט ער אַרויס אין אַ קאַרעט, אַזוי ווי די קעניגליכע שררות, שיין אָנגעטאָן און אין דער בעגלייטונג פון 15 מאַן און פון אַ קנעכט, וואָס לויפט הינטערן קאַרעט; די וואָס בעגעגענען איהם, פערבויגען זיך און בעגריסען איהם. און שטענדיג פאָהרט ער אַרויס, אַרומגערינגעלט פון אַ סוויטע, ווי אַ שררה.

„אַז דער ריש-גלותא בעדאַרף זיך פאָרשטעלען פאַר'ן קיניג (חאַליף), בכדי איהם צו זעהן אָדער צו בעטען איהם וועגן עפּיס, דעמאָלט בעט ער אַן

*) אַן אָפּקלאַנג פון דער דאָזיגער ברכה איז דערגאַנגען צו אונז אין דער אַראַמישער תפילה „יקום פורקן", וואָס מען זאָגט אַלע שבת אין שול לויטן נוסח אשכנז.

אוידיענץ דורך די הויפּישע שרים. אַז ער גייהט אַריין אין פּאַלאַץ, לויפען פאַר איהם אַלע דינער דעם קיניגס, און ער טיילט פונאַנדער צווישען זיי גאָלדענע מטבעות. קומענדיג פאַר'ן קיניג, שטעלט זיך דער ריש-גלותא אויף די קניה, און דער קיניג גיט אַ צייכען אַ דיענער אויפצוהויבען איהם און אוועקצוזעצען אויפ'ן בעשטימטען אָרט. דער קיניג פרעגט דעם גאַסט וועגען זיין געזונדהייט און צוליעב וואָס פאַר אַן ענין ער איז געקומען, און דער ריש-גלותא, נאָכדעם ווי ער האָט געבעטען אַן ערלויבניש צו ריידען, הויבט אָן פון די געגרייטע בעגריסונגען און לויברייד, דערמאָנט די מנהגים פון די פריהערדיגע מלכים און בעט איהם מיט גוטע רייד, ביז וואַנען דער קיניג איז ממלא זיינע בקשות. נאָכדעם ווי דער ריש גלותא בעקומט אַ שריפטליכע ערלויבעניש דערויף, וואָס ער בעדאַרף האָבען, גייהט ער אַוועק רוהיג און מלא שמחה".

אויף אויסצוהאַלטען דעם ריש גלותא און זיין „הויף" זיינען געוועזען בע-שטימט די הכנסות פון די אידישע קהלות פון די פּראָווינצען נאַהאַרוואַן, האָלוואַן און פאַרסיסטאַן, סך הכל ביז 700 גאָלדענע רענדלעך (דינרים); חוץ דעם פלעגט ער בעקומען נדבות און מתנות פון פערשיידענע חברות און פּריוואַט-פּער־זאָנען.

די גרעסטע שטראָף, וואָס דער ריש גלותא האָט געקאָנט מיט זיין איי-גענער מאַכט אַרויפלייגען אויף די, וואָס האָבען איהם ניט געפאָלגט, איז געוועזען דער חרם; בשעת מען פלעגט עמיצען אַריינלייגען אין חרם, פלעגט מען בלאָזען שופר. האַרבערע קרימינעלע שטראָפען האָבען געמוזט בעשטעטיגט ווערען דורכ'ן אַלגעמיינעם געריכט. דעם אייגענעם כח הרשאה בנוגע צו פּראָצעסען האָט אויך געהאַט דער קריסטליכער קאַטאָליקאָס אין חאַליפאַט.

די נעמען פון די רישי גלותא פון דער משפחה פון בוסתנאי זינט דער העלפט פון VII ביז דער העלפט פון X יאָהרהונדערט זיינען בעוואוסט בלויז צום טייל. אין איין אַלטער כראָניק איז פערבליבען פאָלגענדער רייסטער פון די רישי גלותא פאַר'ן אַראַבישען פעריאָד ביז'ן סוף פון IX יאָהרהונדערט: בוסתנאי, חנינא בן אדא, חסדי I, שלמה, יצחק I, יהודה זכאי, משה, יצחק II, דוד בן יהודה, חסדאי II. נאָך חסדאי II זיינען געוועזען אין דער ערשטער העלפט פון X יאָהרהונדערט עוקבא און דוד בן זכאי. בוסתנאי'ס מצבה אין פומבדיתא איז געבליבען נאָך ביז'ן XII יאָהרהונדערט, אַלס אַ מערקווירדיגער דיינקמאָל.

וואו האָט זיך געפונען די רעזידענץ פון די רישי גלותא—דאָס איז שווער צו בעשטימען. אין דער צייט פון די אומאַיידען האָט זי זיך געפונען מסתמא אין דער געגענד פון דמשק, וואָס איז געווען די הויפּט-שטאָדט פונ'ם דעמאָל-טיגען חאַליפאַט. אין דער צייט פון די אַבאַסידען בעגעגענט מען אָפטמאָלס די רישי גלותא אין דער נייער הויפּטשטאָדט—אין באַגדאַד. זיי פלעגען, משמעות, אָפטמאָלס קומען צו פאָהרען אין די רעזידענצען פון די גאונים, סורא און פומבדיתא, וואו מען פלעגט פון זייער כבוד וועגען מאַכען פערזאַמלונגען אין בעשטימטע צייטען.

די רישי-גלותא אַלס אָפּיציעלע בעאַמטע, האָבען זיך ווינציג וואָס אונטערשיידט איינער פון אַנדערן, און דורכדעם קאָן ווערען דערקלערט, פאַרוואָס אין דער געשיכטע זיינען ניט פערבליבען קיין ידיעות כאָטש וועגען איין אָריגינעלער פּערזענליכקייט צווישען זיי. זיי זיינען געשטאַנען נעהענטער צו דער רעגירונג, איידער צום פאָלק, און דאָס פאָלק האָט בעהאַלטען אין זכרון ניט אַזוי די טעטיגקייט, ווי דעם גרויסאַרטיגען לעבען פון די רישי גלותא. אין די כראָניקעס ווערען די נעמען פון עטליכע רישי-גלותא דערמאָנט, דער עיקר, אין צוזאַמענהאַנג מיט די מחלוקת'ען צווישען די פערשיידענע פּרעטענדענטען אויף דער דאָזיגער שטעל, אָדער צווישען די רישי-גלותא און די גאונים. אין דער העלפט פון VIII יאָהרהונדערט איז אַזאַ מחלוקת געווען איינע פון די סיבות פון דער שפּאַלטונג פון די קאַראַאימען, ווי עס וועט ווערען דערציילט ווייטער.

שפּעטער פלעגט ניט איין מאָל טרעפען, אַז די גאונים, אַלס אַוטאָריטעטע גייסטליכע אָנפיהרער פון פאָלק, פלעגען אַראָבזעצען די רישי-גלותא, וואָס האָבען ניט געפּאַסט פאַר זיי. אין סוף פון X יאָהרהונדערט האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט אַ מחלוקת צווישען דעם ריש-גלותא מר עוקבא און דעם גאון פון פומבדיתא כהן-צדק איבער די הכנסות פון דער פּראָווינץ כאָראַסאַן, וואָס דערויף האָבען געהאַט תביעות אי דער ריש-גלותא אי די ישיבה פון פומבדיתאָ. מיט דער הילף פון דער איינפלוסרייכער אַריסטאָקראַטיע האָט זיך דעם גאון איינגעגעבען אַראָבצוזעצען מר-עוקבא'ן פון שטעל און איהם צו פערטרייבען. מר עוקבא האָט זיך בעזעצט אין קאַרמאַסאַן, אין מזרח-באַבילאָניען, וואו עס פלעגט צייטענווייז זיך אויסרוהען דער חאַליף, צווישען גרויסאַרטיגע לוסטגערטנער און פאָנטאַנען. בשעת דער חאַליף פלעגט גייהן שפּאַצירען, פלעגט דער אַראָבגעזעצטער ריש-גלותא איהם אָפטמאָלס בעגעגענען און בעגריסען מיט קלינגענדיגע שירים. אַלס דאַנק דערפאַר האָט דער חאַליף ווידער אַרויפגעזעצט עוקבא'ן אויף זיין שטעל (918). נאָר אין גיכען האָט דעם גאונ'ס פּאַרטיי ווידער געפּועלט ביים חאַליף, ער זאָל אַראָבזעצען מר עוקבא'ן און פערטרייבען איהם פון בבל. מר עוקבא איז אַוועק קיין אַפריקע און האָט זיך בעזעצט אין קיירואַן, וואו מען האָט איהם אָבגעגעבען גרויס כבוד, ווי אַ מענשען, וואָס שטאַמט אָב פון בית-דוד.

נאָך דער מעשה איז די שטעל פונ'ם ריש-גלותא געבליבען עטליכע יאָהר ניט פערנומען, ביז עס האָט זי פערנומען מר עוקבא'ס פלימעניק, דוד בן זכאי, וואָס איז בעריהמט געוואָרען דורך זיין קאַמף מיט'ן גרויסען גאון פון סורא, דעם פילאָזאָף ר' סעדיה (ז. ווייטער, קאַפּיטעל III).

די גאונים און די קאָלעגיע געלערנטע.

§ 61. אַ סך נעהענטער צום פאָלק, איידער די רישי-גלותא, זיינען געשטאַנען די גייסטליכע פיהרער פון אידישען פאָלק — די גאונים. היות ווי די גאונים האָבען אָפיציעל פערנומען די שטעלעס פון ראשי-ישיבות אין סורא און פומ-

בדיתא, בכן האָבען זיי פאַקטיש קאָנצענטרירט ביי זיך אין די הענד די העכסטע געזעצגעבערישע מאַכט. די קאָלעגיע געלערנטע בראש מיט, די גאונים איז געווען פאַר אַלע גלות-לענדער אַ מין סענאַט אָדער סנהדרין, וואָס זיינע החלטות בנוגע צום רעליגיעזען און בירגערליכען רעכט האָבען זיך גע-רעכענט פאַר אָבליגאַטאָריש.

די ראשי-ישיבות פון סורא און פומבדיתא פלעגען, געוויינהנטליך, אויסגע-קליבען ווערען דורך די ישיבות און פלעגען ווערען בעשטעטיגט אויף זייערע שטעלעס דורך די רישי-גלותא. ס׳פלעגען פאָרקומען אַ מאָל סיכסוכים צווישען דעם ריש-גלותא מיט די ישיבות, בשעת איטליכער צד פלעגט אַרויסשטעלען זיין קאַנדידאַט אויף אַ גאון. דער ריש-גלותא פלעגט טיילמאָלס אייגענוויליג בעשטי-מען ראשי-ישיבות, ניט אַכטענדיג אויפ׳ן וואהל פון דער קאָלעגיע געלערנטע. טיילמאָלס פלעגען צייטוויייליג פונקציאָנירען אין איין און דערזעלביגער שטאָדט צוויי גאונים, די קאַנדידאַטען פון פערשיידענע פאַרטייען. נאָר אין זייער טעטיקייט זיינען די גאונים געווען אונאָבהייננגיג פונ׳ם ריש-גלותא. זיי פלעגען מעהר ניט אָבגעבען איהם כבוד אין פייערליכע פערזאַמלונגען, אַלס אָפיציעלע פאָרשטייהער פון דער זעלבסטפערוואַלטונג, און אין בעזונדערס וויכ-טיגע פאַלען פלעגט דער ריש-גלותא בעקרעפטיגען די גאונים׳ס החלטות דורך זיין חתימה. פון דער אַנדער זייט, איז דער ריש-גלותא אין געוויסע פרטים געווען אָבהייננגיג פון די גאונים: זיי פלעגען בעשטעטיגען זיין איינטריט אין דער ממשלה; אָהן זייער הסכם האָט דער ריש-גלותא, ווי עס איז שוין געזאָגט, ניט געטאָרט בעשטימען אָדער אַראָבזעצען אין די שטעדט קיין דיינים.

דער גאון פון סורא האָט זיך גערעכענט לויט זיין ראַנג העכער פאַר׳ן גאון פון פומבדיתא, און לויט דעם איינגעשטעלטען עטיקעט האָט מען איהם אין עפענטליכע פערזאַמלונגען אָבגעגעבען מעהר כבוד. אין דער צווישענצייט נאָכ׳ן טויט פון איין ריש-גלותא, בשעת זיין יורש האָט נאָך ניט בעוויזען צו פערנעמען זיין שטעל, פלעגט דער גאון פון סורא זיין דער ממלא-מקום פונ׳ם ריש-גלותא און פלעגט בעקומען זיינע הכנסות.

אויף אויסצוהאַלטען די גאונים און די ישיבות זיינען געווען בעשטימט בעזונדערע שטייערן, וואָס מען פלעגט צונויפקלייבען אין פערשיידענע קהלות. דערויף זיינען אויך געגאַנגען פריוואַטע נדבות און די סומעס, וואָס קהילות אָדער איינצעלנע מענשען פלעגען שיקען צו די גאונים בצירוף מיט דער בקשה צו פערענטפערן זייערע שאלות בנוגע צו רעליגיעזער אָדער יורידישער פּראַקטיק.

די גאונים האָבען זיך גערעכענט פאַר די גרעסטע בר-סמכא׳ס בנוגע צום אויס-טייטשען דאָס תלמודישע רעכט ניט בלויז אין בבל, נאָר אויך אין אַנדערע לענדער. זיי האָבען ווייטער געפיהרט דירעקט די אַרבייט פון די אַמוראים און סבוראים. די אַמוראים פון בבל, האָבען דורך זייערע פירושים אויף דער משנה געשאַפען דעם מאַטעריאַל פונ׳ם תלמוד; די סבוראים האָבען איבערגעשריבען די ספרי-התלמוד און זיי פערשפּרייט, און די גאונים האָבען איינגעפיהרט דאָס תלמודישע רעכט

אין לעבען, אָנווייזענדיג די אופנים, ווי אַזוי פּראַקטיש אָנצווענדען איהם אין אַלע מעגליכע פאַלען. צוגלייך האָבען זיי ווייטער געפיהרט די אַרבּייט פון די אמוראים אויך אינ׳ם זין פון פערשפּרייטען די תּלמודישע וויסענשאַפט. אין דיזעלביגע ישיבות פון סורא און פומבדיתא, וואו אַמאָל האָבען געווירקט די גרויסע בעשעפער פונ׳ם תּלמוד — רב, רב אַשי, ר׳ יהודה בר יחזקאל און אַביי, — האָט איצט ווידער געקאָכט דאָס אינטעלעקטועלע לעבען און עס האָבען זיך אַרויסגערוקט גרויסע געלערנטע. אַרום די ישיבות האָבען זיך גרופּירט סיי די בעסטע וויסענשאַפטליכע קרעפטען און סיי די פּראַקטישע געזעלשאַפטליכע טוער; נאָר צווישען די און יענע איז קיין אונטערשיידונגס-ליניע ניט געווען. די קאָלעגיע פון דער ישיבה פלעגט אַרויסטרעטען אַמאָל ווי פערזאַמלונגגעלערנטע און אַמאָל ווי אַ סענאַט אָדער העכסטע געזעצגעבעריש-געריכטליכע אינסטאַנץ.

די אָרגאַניזאַציע פון די ישיבות אונטער דער פיהרונג פון די גאונים שטעלט זיך פאָר, לויט ווי די בני-הדור זאָגען עדות, אויף פאָלגענדען אופן. חוץ די געוועהנליכע פערזאַמלונגען אויף צו הערען די שיעורים פון תּלמוד־ פלעגט מען צוויי מאָל אין יאָהר מאַכען אין די ישיבות צוזאַמענפאָהרען פון געלערנטע און תּלמידים. דאָס זיינען די זעלביגע כלה-פערזאַמלונגען, וואָס זיינען נאָך איינגעפיהרט געוואָרען אין דער צייט פון די אמוראים, צו האַלטען זיי אַלע האַלב-יאָהר (§ 32), נאָר מיט אַ ברייטערער פּראָגראַם.

סוף ווינטער (אין חודש אדר) און סוף זומער (אין חודש אלול) פלעגען זיך צונויפפאָהרען קיין סורא אָדער פּומבדיתא די תּלמודיסטען פון פערשיידענע שטעדט פון בבל. אין משך פון פיער וואָכען פלעגען פאָרקומען זיצונגען. דער פאָרזיצענדער פלעגט זיין דער גאון, ווי דער ראש-ישיבה. פאַר איהם זיינען אין זיבען שורות געזעסען די מיטגלידער פון דער קאָלעגיע, צו צעהן מאַן אין אַ שורה, איטליכער אויף אַ בעשטימטען אָרט לויט זיין מדרגה. פון די, וואָס זיי־ נען געזעסען אין דער ערשטער רייה, האָבען זיבען געטראָגען דעם עהרען־ טיטעל „רישי כלה". די דאָזיגע גרופּע פון זיבעציג געלערנטע איינאיינעם מיט׳ן גאון דעם פאָרזיצענדען פלעגט טיילמאָלס אָנגערופען ווערען „סנהדרין הגדולה". אין די הינטערשטע רייהען פלעגען זיצען די תּלמידים, וואָס זייער צאָהל האָט דערגרייכט ביז 400. בשעת דער זיצונג פלעגט עמיצער פון די געלערנטע פון דער ערשטער שורה אַוועקשטעלען אַ פראַגע פון דער מסכת, וואָס מען איז דורכ־ געגאַנגען דעם זמן. די פראַגע פלעגט בעהאַנדעלט ווערען דורך די געלערנטע פון דער ערשטער שורה, און דערנאָך פלעגט דער פאָרזיצענדער רעזומירען די ויכּוחים און דערקלערען די זאַך. טיילמאָלס פלעגט ער אַליין פרעגען אַ קשיה ביי עמיצען, ווי אַזוי אויסצוטייטשען די אָדער יענע הלכה, און דער, וועמען ער פלעגט אַרויסרופען, האָט געמוזט ענטפערן; דער פאָרזיצענדער פלעגט ממלא זיין, און די מיטגלידער פון דער ערשטער שורה פלעגען בפרטרוט פונאַנדער־ קלייבען די אַוועקגעשטעלטע הנחה. אין דער לעצטער וואָך פונ׳ם כלה-חודש פלעגט דער גאון אָדער ראש-ישיבה אויספרעגען די תּלמידים, צי זיי ווייסען די למודים, וואָס מען איז דורכגעגאַנגען פאַר׳ן זמן. דער וואָס האָט ניט אויסגע־

האַלטען דעם עקזאַמען, פלעגט בעקומען אַ שטריינגע אויסריידעניש פאַר זיין פוילקייט, אָדער מען פלעגט ביי איהם אַראָבנעמען פון דער תמיכה, וואָס ער פלעגט בעקומען. פאַר'ן פונאַנדערלאָזען דעם צוזאַמענפאָהר פלעגט דער פאָר-זיצענדער גאון לאָזען צו וויסען די צוהערער, וואָס פאַר אַ מסכת מען וועט לערנען דעם קומענדיגען זמן.

בשעת די דאָזיגע זיצונגען פלעגט מען אויך בעהאַנדלען די שאלות, וואָס מען פלעגט צושיקען צום גאון פון פערשיידענע ערטער. די שאלות זיינען געווען זייהר פערשיידענאַרטיג: וועגען רעליגיעזע צערעמאָניעס, דיני ממונות, גטין און זעלבסטפערוואַלטונג פון די קהילות. נאָכדעם ווי מען פלעגט אַרומקלערען פון אַלע זייטען די אָוועקגעשטעלטע שאלה אויפ'ן סמך פון תלמודישען רעכט און נאָכדעם ווי זי פלעגט ווערען אויפגעקלערט דורך די ויכוחים צווישען די מיט-גלידער פון צוזאַמענפאָהר, פלעגט דער פאָרזיצענדער אַרויסזאָגען זיין החלטה, וואָס אַ שרייבער פלעגט זי דאָ אויפ'ן אָרט פערשרייבען. אין משך פון אַ חודש'-דיגער סעסיע פלעגט מען אויף אַזאַ אופן פערענטפערן אַלע שאלות פון פער-שיידענע קהילות און פריוואַט-מענשען, און צום סוף פון דער סעסיע פלעגט מען די שאלות מיט די תשובות לייענען פאַר אַלע מיטגלידער פונ'ם צוזאַמענ-פאָהר, דער פאָזיצענדער פלעגט זיי אונטערשרייבען און אָבשיקען זיי דורך די שלוחים, וואָס האָבען געוואַרט אויפ'ן ענטפער.

ביי ביידע ישיבות האָבען זיך געפונען אויבערשטע בתי-דינים אויף פונאַנדערקלייבען פראָצעסען, דער עיקר אַפעלאַציעס. ביים פונאַנדערקלייבען די וויכטיגסטע פראָצעסען פלעגט דער גאון אַליין זיין דער פאָרזיצענדער, און ער פלעגט בעשטעטיגען אָדער מבטל זיין די החלטות פון די אָרטיגע דיינים. די ווינציגער וויכטיגע ענינים פלעגען בעהאַנדעלט ווערען אונטער'ן פאָרזיץ פונ'ם גאונ'ס געהילף, וואָס האָט געטראָגען דעם טיטעל אב בית-דין.

צו די גאונים פון סורא און פומבדיתא פלעגט מען זיך ווענדען מיט יורידישע און רעליגיעזע שאלות ניט בלויז פון בבל, נאָר אויך פון די ווייטע קהלות פון אַפריקע און איירָאָפּע. די דאָזיגע שטענדיגע פעבינדונגען מיט'ן גייס-טיגען צענטער פון אידישען פאָלק האָבען מיטגעהאָלפען דערצו, עס זאָלען זיך דערנעהענטערן צווישען זיך די טיילען פון צעזייהטען און צעשפּרייטען פאָלק, וואָס מעהר עס האָבען זיך פערברייטערט די גרעניצען פון אַראַבישען חאַליפאַט, אַלץ לעבהאַפטיגער זיינען געוואָרען די פערבינדונגען צווישען די פאָרשטייהער פון די ישיבות אין בבל און צווישען די אידען פון די ווייטע לענדער. די גייסטליכע מאַכט פון די גאונים איז געווען אויסגעשפרייט איבער די אידישע קהלות פון פער-סיען, ארץ-ישראל, ביזאַנץ, צפון-אַפריקע, און שפּעטער אויך איבער די קהילות פון שפּאַניען, וואו עס האָט זיך זינט דעם סוף פון VIII-טען יאָהרהונדערט איינגע-פעסטיגט די אַראַבישע אויבערהערשאַפט. אומעטום זיינען איינגעפיהרט געוואָרען אין לעבען די כללים פון תלמודישען רעכט.

אויף אַזאַ אופן איז די פערשפּרייטונג פונ'ם תלמוד געגאַנגען שריט אויף

שריט נאָכ'ן איסלאַם. די איבערהערשאַפט פון די אַראַבער, וואָס האָט דערבעהענטערט אַזיען און אַפריקע מיט אייראָפּע, האָט אומעטום געמאַכט אַ וועג פאַר דער תורה, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון די ישיבות פון בבל. אָהן דער דאָזיגער פערמיטלונג פון די אַראַבער וואָלט דער תלמוד בבלי נאָך אַ לאַנגע צייט געבליבען אומבעוואוסט די ווייטע אידישע קהילות אין אייראָפּע, און די געשיכטע פון דער יהדות וואָלט אפשר גאָר אַנדערש אויסגעזעהן.

אין משך פון דער תקופה פון דער אַראַבישער איבערהערשאַפט, וואָס ווערט דאָ בעשריבען, זיינען אין סורא און פומבדיתא געווען העכער 30 פאַרען גאונים, וואָס זיינען געשטאַנען בראש פוןביידע ישיבות. הגם דעם טיטעל „גאון" האָט מען געברויכט שוין זינט דעם סוף פון VI-טען יאָהרהונדערט, פונדעסטוועגען, וואָס איז שייך צו דער אָפיציעלער טעטיגקייט פון די גאונים אלס אָנפיהרער פון דער קאָלעגיע געלערנטע אָדער פונ'ם „סנהדרין" אין בבל, הויבט זי זיך אָן ערשט זינט דער צווייטער העלפט פון VII-טען יאָהרהונדערט. ס'קאָן זיין, אַז מר יצחק, וואָס האָט בעגריסט דעם חאַליף עלי אין פירוז-שאבור (§ 58), איז געווען איינער פון די ערשטע אָפיציעלע גאונים אין סורא.

דער גרעסטער רוב פון די וויכטיגע גאונים זיינען בעוואוסט בלויז לויט זייערע נעמען, וואָס זייער רייסטער געפינט זיך אין דער „אגרת ר' שרירא גאון", אינ'ם בריעף פונ'ם פאַרלעצטען גאון פון פומבדיתא רב שרירא (968). באַר ס'זיינען געווען צווישען זיי אויך גרויסע טוער, וואָס האָבען איבערגעלאָזען אַ רושם אין תלמודישען רעכט, ליטעראַטור און וויסענשאַפט. וועגען די גאונים אַלס שריפטשטעלער וועט זיין די רייד ווייטער, ביי דער שילדערונג פונ'ם גייסטיגען לעבען פון די אידען אין בבל. דערווייל איז גענוג אָנצורופען די נעמען פון די גרעסטע גאונים, וואָס וועגען זייער גייסטליך-געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט איז עפּיס וואָס בעוואוסט. אין סורא: מר הוגאי (680), מר ששנא אָדער משרשיא (690), ר' יהודאי גאון (760), ר' חנינאי כהנא (769), ר' נטרונאי בר הילאי (853), ר' עמרם גאון (850), ר' צמח בן חיים (882), ר' יעקב בר נטרונאי (911), און דער גרויסער דיינקער ר' סעדיה בן יוסף (928). אין פומבדיתא: ר' נטרונאי בר נחמיה (מר ינקא, 719), ר' אברהם בן שרירא (816), ר' יוסף בר חייא (828), ר' צמח בר פלטוי (872), מר כהן צדיק בר יוסף (926).

צווייטער קאפיטעל:

די שפאלטונג פון די קראים.

די פארלויפער פון דער סעקטע קראים. — די שפאלטונג. — די ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון דער סעקטע קראים.

די פארלויפער פון דער סעקטע קראים.

§ 62. דאס, וואס די גרעניצען פון אראבישען חאליפאט זיינען פערברייטערט געווארען, האט דערנעהענטערט די אידען, וואס האבען געוואוינט אינ'ם צענטער פון חאליפאט, אין בבל, מיט די ווייטע קהלות פון מזרח און מערב און האט מיטגעהאלפען דורכדעם, אז עס זאל זיך אומעטום פערשפרייטען דער תלמוד בבלי. די אידען פון פערשיידענע לענדער האבען אנערקענט איבער זיך די גייסטליכע מאכט פון די גאונים און פלעגען זיך ווענדען מיט זייערע שאלות אין רעליגיעזע ענינים צו די קאלעגיעס פון די ישיבות אין סורא און פומבדיתא. די געזעצגעבונג פונ'ם תלמוד אין איהר גאנצען היקף איז איינגעפיהרט געווארען אין פראקטישען לעבען.

נאר ניט אהן מניעות האט זיך פערפעסטיגט די הערשאפט פונ'ם תלמוד אין אידישען פאלק. אין א געוויסען טייל פון פאלק האט די איינפיהרונג פון דער קאמפליצירטער סיסטעם פון די תלמודישע דינים און מנהגים ארויסגערופען אן ענערגישען ווידערשטאנד. אין אנהויב פון VIII יאהרהונדערט איז אויפגעשטאנען א ריכטונג, וואס האט דערמאנט אן דער אלטער שיטה פון די צדוקים. עס האבען זיך געלאזט הערען שטימען, אז א חוב אבצוהיטען איז בלויז תורת משה און די אלטע מסורות, און ניט די דינים פון דער תורה שבעל-פה, וואס מען האט שפעטער מוסיף געווען.

אן עהנליכע רעליגיעזע בעוועגונג, צונויפגעבונדען מיט פאליטישע שטרעמונגען, איז פארגעקומען דעמאלט אויך אין דער איסלאמיטישער וועלט: די סוניטען האבען אנערקענט חוץ דעם קאראן נאך א סך מסורות שבעל פה, וואס זאלען זיין גענומען געווארען פון מחמד'ן און פון זיינע נאהענטסטע יורשים; די שיאיטען האבען געלייקענט א סך זאכען פון די מסורות שבעל פה און האבען אויסגעטייטשט דעם קאראן אויף זייער שטייגער.

די אידישע „סונאַ"—די תּלמודישע ליטעראַטור—איז אויסגעוואַקסען אין אַזאַ מאָס, אַז זי איז עלול געווען אײַנצושלינגען דעם ביבלישען עיקר־יסוד פון דער יהדות. די קאָמפּליצירטע גזעצגעבונג פונ'ם תּלמוד, וואָס האָט אַרומגענומען דעם גאַנצען געביט פון פּערזענליכען און געזעלשאַפטליכען לעבען, האָט אָב־געשראָקען דורך דער שטרײַנגקייט פון איהר דיסציפּלין אַ סך אידען, בעזונדערס די געבירטיגע פון אַראַביען און מזרח־פּערסען, וואָס זײַנען געווען צוגעוויינט צו אַ פרייען לעבען. דער תּלמוד בבלי, וואָס איז געווען אונטערשטיצט דורכ'ן אַוטאָריטעט פון די גאונים, האָט זיך אויסגעדוקט אַזעלכע מענשען ווי אַ פּראָ. דוקט פון גלות, פון דער אונטערדריקטער לאַגע פון אידען אין פרעמדע לענדער. די צוקונפטיגע אויפגעריכטע אידישע מלוכה אין ארץ־ישראל, וואָס עס בעדאַרף בעשאַפען דער געהאָפטער משיח, וועט ניט וויסען פון דער דאָזיגער שווערער משא פון דער „תורה שבעל פה", פונ'ם דאָזיגען שטעכעדיגען „צאַם" אַרום דער תּורה. בכן טרעטען די ערשטע אַנטי־תּלמודישע שטרעבונגען אַרויס אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פּאָליטישער אָדער משיחישער בעוועגונג.

אין אָנהויב פון VIII יאָהרהונדערט, אין דער צייט פונ'ם חאַליף פון דער דינאַסטיע אומאַיידען אַבדול־מאַליק אבן־מאַרוואַן (685—705), האָט זיך בעוויזען אין קרייז איספּאַהאַן, אין פּערסיען, אַ געוויסער א ב ו־ע י ס י (יצחק עובדיה), וואָס האָט זיך אַרויסגעגעבען פאַר אַ נביא און פאַר אַ משיח. אַלס „נביא" האָט אבו־עיסי גענומען זיך דאָס רעכט צו מאַכען אַ רייה שנויים אין די אידישע דינים. צווישען אַנדערע זאַכען האָט ער אינגאַנצען פערבאָטען צו געניסען פלייש און וויין, כּל זמן די אידען געפינען זיך אין גלות. ער האָט אָנערקענט ישו הנוצרי און מחמד פאַר אמת'ע נביאים, וואָס גאָט האָט זיי געשיקט, בכדי צו בעקעהרען די היידען צום מאָנאָטעאיזם, און האָט אַרויפגעלייגט אויף זײַנע אָנהייגער אַ חוב צו לייענען, חוץ דעם תּנ"ך, אויך די עוואַנגעליע און דעם קאָראַן. אַלס „משיח" האָט אבו־עיסי מודיע געווען, אַז ער איז בערופען צו בעפרייען דאָס אידישע פאָלק פון קנעכטשאַפט.

נאָכדעם ווי ער האָט געקראָגען אַ סך אָנהייגער צווישען די פּערסישע אידען, האָט ער בעשלאָסען צו בעווייזען, אַז ער איז טאַקע אַ נביא און אַ משיח־ דורך אַ בעוואָפענטען אויפשטאַנד. אַזוי פלעגען זיך נוהג זיין אין יענע צייטען אויך די אָנפיהרער פון די מוסעלמאַנישע סעקטעס, וואָס פלעגען פערטיידיגען זייער שיטה מיט געוועהר אין די הענד. בראש פון אַן אָבטיילונג פון 10 000 אָנהייגער איז אבו־עיסי אַרויסגעטראָטען קעגען דעם חאַליפ'ס חיל, נאָר ער איז געוואָרען בעזיגט און איז אומגעקומען אין שלאַכט. נאָר אַפילו דערנאָך זײַנען געבליבען אַ סך אָנהייגער פונ'ם פאַלשען משיח, וואָס האָבען בעהויפּטעט, אַז אבו־עיסי איז ניט דער'הרג'עט געוואָרען, נאָר ער בעהאַלט זיך אין אַ הייהל, בכדי צו קומען מיט דער צייט אויסצולייזען דאָס פאָלק.

אבו־עיסי'ס אָנהייגער האָבען געבילדעט אַ בעזונדער סעקטע מיט'ן נאָמען א ב ו־ע י ס י י ם. אַן עהנליכע סעקטע איז געגרינדעט געוואָרען אין צעהן יאָהר אַרום דורך אבו־עיסי'ס אַ תּלמיד יודגאַן, וואָס זײַנע אָנהייגער פלעגען איהם

אָנרופען „אַר-ראַעי“ (דער פּאַסטוך). די יודגאַניטען האָבען זייהר שטאַרק געהאַלטען פון תפילות און תעניתים, נאָר זיי האָבען מבטל געווען די שטרייגגע דינים וועגען שבת און מאכלות אַסורות און אַ סך אַנדערע מנהגים. אַ בעדייטענדער טייל פון די אַבו-עיסיים און יודגאַניטען איז אין גיכען אַריין אין דער סעקטע קראים און האָט זיך צונויפגעגאָסען מיט איהר. נאָר ס'זיינען געבליבען אויך רייגע אָנהייגגער פון אַבו-עיסי און יודגאַן; קליינע רעשטען פון זיי האָבען עקזיסטירט אין פּערסיען נאָך אין אָנהויב פון X-טען יאָהרהונדערט.

אַן ערך אין יענער צייט איז אויפגעקומען אַ משיחישע און אַנטי-תלמודישע בעוועגונג אויך אין סיריען. אַ באַדען פּאַר דער דאָזיגער בעוועגונג איז געווען צוגעגרייט ניט בלויז דורך אינעווייניגסטע, נאָר אויך דורך אויסווייניגסטע סיבות: דער דרוק, וואָס די אידען האָבען געהאַט אויסצושטייהן אין דער צייט פון'ם פאַנאַטישען חאַליף עומאַר II (§ 59), האָט פערשטאַרקט צווישען זיי די שטרעבונגען זיך צו בעפרייען. אין יענער צייט (אַן ערך אין יאָהר 720) האָט אַ סירישער איד שריני זיך אויסגעגעבען פאַר אַ משיח און האָט צוגעזאָגט אומצוקעהרען די אידען ארץ-ישראל, וואָס איז געווען פערשקלאַפּט דורך די מחמדאַנישע חאַליפען. צום פאַלשען משיח איז צוגעשטאַנען אַ גרויסע מאַסע. שריני און זיינע אָנהייגגער האָבען מבטל געווען אַ סך פון די גרונדגעזעצען פון'ם תלמוד: זיי האָבען ניט געהאַלטען די דינים וועגען שפּייז, פלעגען ניט אָבהיטען די אַיינגעשטעלטע תפילות, האָבען ניט געפייערט די „צווייטע טעג“ יום-טוב, האָבען מתיר געווען אַזעלכע שידוכים, וואָס דער תלמוד האָט גע'אסר'ט וכדומה. אויפ'ן רוף פון'ם סירישען משיח האָבען זיך אָבגערופען אַפילו די אידען פון דער ווייטער שפּאַניען, וואָס איז פאָר קורצען אַרונטער אונטער דער ממשלה פון די אַראַבער. אייניגע האָבען מפקיר געווען זייער אייגענס און האָבען זיך אַריבערגעקליבען אין אָריענט.

נאָר שריני'ס אַגיטאַציע איז אין גיכען אָבגעשטעלט געוואָרען: מען האָט איהם געכאַפּט און געבראַכט צום חאַליף יאַזיד, וועלכער האָט איהם איבערגעגעבען דער אידישער אַדמיניסטראַציע איהם צו בעשטראָפען. אַ סך אָנהייגגער פון'ם פאַלשען משיח האָבען עפענטליך תשובה געטאָן דערויף, וואָס זיי זיינען אָבגעטראָטען פון די תלמודישע דינים. און זייגען ווידער צוגעשטאַנען צו די אָרטאָדאָקסישע קהילות, וואָס זיי האָבען געהאַט פריהער זיך אָבגעטיילט פון זיי. נאָר אַנדערע זיינען געבליבען פער'עקשנ'ט אין זייער אָפּאָזיציאָנעלער ריכטונג, דערביי זיינען אַנדערע אַוועק אַזוי ווייט, אַז זיי האָבען עובר געווען אַפילו אויף דינים פון דער תורה.

ענן, דער גרינדער פון דער סעקטע קראים.

§ 63. די אַנטי-תלמודישע בעוועגונג, וואָס איז געוואָרען אַרויסגערופען דורך אַבו-עיסי און שריני, האָט קיין לאַנגען קיום ניט געקאָנט האָבען שוין דערפאַר אַליין, וואָס זי איז געווען פערבונדען מיט משיחישע שטרעבונגען. נאָר זי האָט עדות געזאָגט, אַז עס איז פאַרהאַן אין פאָלק אַן עלעמענט, וואָס איז

אומצופרידען דערמיט, וואָס דער תלמוד איז אײַנגעפיהרט געוואָרען אין רעליגיעזען לעבען. די דאָזיגע אומצופרידענקייט האָט אויסגענוצט אַ מענש, וואָס לויט זיין מעמד אין דער געזעלשאַפט און לויט זיינע ידיעות איז ער געווען מעהר בערופען צו שטעלען זיך בראש פון אַ רעליגיעזער בעוועגונג, איידער די פריהערדיגע בני בלי שם. דאָס איז געווען ע נ ן ב ן ד ו ד, פון דער משפחה פון׳ם ריש-גלותא.

ענן האָט גרונדליך אויסגעשטודירט סיי די תורה און סיי די תלמודישע ליטעראַטור און איז געווען בע׳הבי׳נ׳ט אויך אין דער אַראַבישער ליטעראַטור. קעגען אַ סך דינים פונ׳ם תלמוד איז ער שוין פון לאַנג אָן געווען אײַנגענומען, און ווי עס ווייזט אויס, האָט ער געהאַט אויך געזינונגס-חברים. נאָר אַן אָפּען אָפּאָזיציאָנעלע שטעלונג צו דער עקזיסטירענדער אָרדענונג האָט ער אָנגענומען ערשט נאָכדעם, ווי די פאָרשטייהער פון דער קאָלעגיע גאונים האָבען איהם, לויט זיין מיינונג, פערזענליך שווער בעליידיגט. וועדליג די האַלב-לעגענדאַרישע ידיעות פון די אידישע און אַראַבישע שריפטשטעלער, איז די מעשה אַזוי געווען.

אַן ערך אין יאָהר 750 איז געשטאָרבען דער אַלטער ריש-גלותא (יצחק, און לויט אַן אַנדער נוסח—שלמה) און האָט ניט איבערגעלאָזען קיין זוהן, וואָס זאָל טויגען צו פערנעמען זיין שטעל. דאָס רעכט צו ירש׳ען דעם דאָזיגען הויכען פּאָסטען האָבען געהאַט דעם פערשטאָרבענעם ריש-גלותא׳ס קרובים (לויט איין נוסח — פּלימעניקעס), צוויי ברידער — ענן און חנניה. ענן האָט לויט זיין עלטער און קענטשאַפט זיך גערעכענט פאַר אַ פּאַסיגערן קאַנדידאַט. איז ער געקומען אין דער נייער הויפּטשטאָדט פון חאַליפאַט, באַגדאַד, און האָט אַרויסגעשטעלט זיינע תביעות, נאָר ער האָט זיך אָנגעשטויסען אויף אַ ווידערשטאַנד. די גאונים און די קאָלעגיע געלערנטע, וואָס האָבען געוואוסט וועגען אַפּיקורסישען אַרט דיינקען ענן׳ס, האָבען ניט געוואָלט איהם אויסקלייבען און האָבען בעשטימט פאַר אַ ריש-גלותא זיין איינגערן ברודער חנניה, וואָס איז געווען אַ קלענערער למדן, נאָר אַ גרעסערער ירא שמים און עניו, איידער ענן. דער לעצטער האָט זיך געפיהלט טיעף בעליידיגט. זיין צד האָט אָנגעווענדט אַ סך מיה, בכדי מבטל צו זיין די החלטה פון די גאונים און איבערצוגעבען די ממשלה זייער קאַנדידאַט, נאָר אומזיסט: דער חאַליף אַל-מאַנסור איז געווען אויף חנניה׳ס צד.

דעמאָלט האָבען ענג׳ס אָנהייגער בעהאַלטענערהייד דערקלערט זייער אָנפיהרער פאַר אַ ריש-גלותא. נאָר אין גיכען איז דער דאָזיגער סוד אַנטפּלעקט געוואָרען: ס׳איז געוואָרען בעוואוסט, אַז חוץ דעם אָפיציעלען „ראַס אַל-דזשאַלותא", וואָס איז דער פאָרשטייהער פון די אידען פאַר׳ן חאַליף, איז פאַרהאַנאָך אַן אַנטי-ריש-גלותא. די רעגירונג האָט דאָס בעטראַכט פאַר אַ פּאָליטישען פערברעכען. מען האָט ענג׳ען אַרײַנגעזעצט אין תפיסה, און איהם איז פאָרגעשטאַנען טויט-שטראָף

אין תפיסה האָט ענן זיך צונויפגעטראָפען מיט אַ געלערנטען מוסעלמאַן,

וואָס איז געזעסען פאַר פערשפּרייטען אַפּיקורסישע אידייען (לויט געוויסע ידיעות, איז דאָס געווען דער בעריהמטער אבו-חאַניפאַ, דער בעגרינדער פון דער גרויסער מחמדאַנישער סעקטע „חאַניפיטען"). האָט דער מוסעלמאַנישער אַפּיקורס געגעבען דעם אידישען אַ קלוגע עצה. זעה — האָט ער געזאָגט צו ענג'ען — צו בעקומען אַן אוידיענץ ביים חאַליף, בוק זיך פאַר איהם ביז צו דער ערד און זאָג: „הערשער, צי האָסטו געמאַכט מיין ברודער פאַר אַ פערוואַלטער איבער מענשען פון איין אמונה אָדער פון צוויי?" אַז דער חאַליף וועט ענטפערן: „איבער מענשען פון איין גלויבען" — זאָלסטו צו איהם זאָגען: „איך און מיין ברודער האַלטען דאָך פערשיידענע אמונות, און אונזערע אָנהייגער גלויבען אויך אַנדערש". דעמאָלט וועט דער חאַליף, אויב דו וועסט איהם דערקלערען דעם אונטערשייד צווישען דיין שיטה און דער שיטה פון תלמוד, דיך בעפרייען. ענן האָט טאַקע אַזוי געטאָן; ער האָט נאָך בעוויזען איינצורייידען דעם חאַליף, אַז אין געוויסע פּרטים גייהט די אַנטי-תלמודישע שיטה זיך צונויף מיט די אַנשויאונגען פון קאָראַן. ענן איז געוואָר'ען בעפרייט — און איז אָפען אַרויסגעטראָטען אַלס אָנפיהרער פון די אַנטי-תלמודיסטען, וואָס האָבען איהם געהאַלטען פאַר זייער געזעצליכען ריש-גלותא.

פונקט אַזוי ווי די אַלטע צדוקים, האָט ענן געהאַלטען, אַז מן השמים זיינען נאָר די חוקים פון דער תורה; אָבער די גאַנצע געזעצגעבונג, וואָס איז אונטער'ן נאָמען פון „תורה שבעל פה" אויסגעאַרבייט געוואָרען זינט די צייטען פון די סופרים, פרושים און משנה, האָט ער גערעכענט פאַר אַ שאַפונג פון מענשען. די דינים פון די תלמודיסטען — האָט ער געלערנט — זיינען לחלוטין ניט קיין חוב-זאַך, ווארום אַ סך זאַכען האָט מען מוסיף געווען צו דער תורה, עפּיס וואָס האָט מען אָבגענומען (קעגען דעם אַלטען לאו — אַז מען טאָר קיין זאַך ניט מוסיף זיין צו תורת משה און קיין זאַך ניט אָבנעמען פון איהר) און אַ סך זאַכען האָט מען אייגענוויליג אויסגעטייטשט און אומגעמאַכט. ענן'ס דעוויז איז געווען: „חפישו באורייתא שפיר"! (פאָרשט גוט אין דער תורה).

די אָנהייגער פון דער דאָזיגער שיטה האָבען לכתחילה זיך אָנגערופען ע נ נ י ם, נאָך זייער רבי'ן, נאָר דערנאָך האָבען זיי אָנגענומען דעם נאָמען ק ר א י ם אָדער ב ע ל י מ ק ר א, דאָס איז טייטש אָנהייגער פון „מקרא" (חומש). זייערע מתנגדים האָבען זיי געגעבען אַ נאָמען „רבנים" — דאָס הייסט אָנהייגער פון די חכמי התלמוד, וואָס האָבען געטראָגען דעם טיטעל „רבי".

היות ווי ענן'ס אָנהייגער האָבען מורא געהאַט פאַר רדיפות אין בבל, וואו עס איז געווען שטאַרק די מאַכט פון ריש-גלותא און פון די גאונים, האָבען אַ סך פון זיי זיך אַריבערגעקליבען קיין ארץ-ישראל. אַן אומקלאָרע קאַראַאימישע אַגדה דערציילט, אַז ענן גופא האָט זיך אויך אַריבערגעקליבען קיין ארץ-ישראל, אָרגאַניזירט דאָרט זיין קהילה און אַפילו אויסגעבויט אַ שול אין ירושלים. אין ארץ-ישראל זאָלען די סעקטאַנטען האָבען געפיהרט אַ לעבען פון מתבודדים, „האָבען געקלאָגט אויף ציון" און געוואַרט אויף משיח'ן.

ענן האָט מחבר געווען דעם „ספר המצוות". אינ'ם דאָזיגען ספר איז איבער

עגעבען די עיקרים פון דער נייער שיטה אין דער פאָרם פון אפירוש אויף דער תורה. פונ'ם דאָזיגען ספר זיינען פערבליבען בלויז אומבעדייטענדע פראַג-מענטען אין כתב-יד און עטליכע ציטאַטען אין דער שפּעטערדיגער קאַראַאימי-שער ליטעראַטור.

דער גרינדער פון דער סעקטע קאַראַאימען איז געשטאָרבען, ווי מען מיינט, אין ארץ-ישראל, אַן ערך צום סוף פון VIII-טען יאָהרהונדערט. אַן אומגלויבליכע קאַראַאימישע טראַדיציע דערציילט, אַז ענג'ען האָבען דער-הרג'עט פאַנאַטיקער פון די תלמודיסטען). ענג'ס אָנהייגער האָבען געהאַלטען הייליג זיין געדעכעניש און האָבען שפּעטער אַריינגעשטעלט אין זייערע תפילות אַ בעזונדער הזכרת נשמות וועגען איהם. די דאָזיגע תפילה ווערט נאָך איצטער געלייענט אין די קאַראַאימישע שולען; דאָרט שטייהט פאָלגענדעס: „אונזער גאָט און דער גאָט פון אונזערע עלטערן וועט לייטזעליגען אונזער רבי'ן, דעם נשיא ענן, דעם געטליכען מאַן, דעם ראש-הגולה, וואָס האָט אויסגעגלייכט דעם וועג פון דער תורה, ליכטיג געמאַכט די אויגען פון די בני-מקרא, אַסך אָבגע-צויגען פון זינד און פון עבירות און געפיהרט אונז אויפ'ן ריכטיגען וועג. דער גאָט פון ישראל זאָל איהם לאָזען רוהען אין אַ גוטער רוה, אין אַ געלוסטיגער רוה מיט די זיבען כתות צדיקים, וואָס ירש'ען דעם גן-עדן".

די שפּאַלטונג.

§ 64. די רעליגיעזע שיטה פון די קאַראַאימען, ווי זי האָט זיך צונויפ-געשטעלט אין די צייטען פון ענן און שפּעטער, האָט זיך אָבגעשיידט פון דער שיטה פון די תלמודיסטען ניט אין די עיקרי הדת, נאָר אין די אופנים, ווי אַזוי איינצוטייטשען און פּראַקטיש אָנצווענדען אַסך וויכטיגע דינים און מנהגים פון דער תורה. די קאַראַאימען פלעגען אויסטייטשען די תורה אות באות אפילו דאָרט, וואו דאָס איז געגאַנגען קעגען די פאָדערונגען פון לעבען, אַזוי אַז אָפט-מאָלס האָבען זיי ניט פערגרינגערט, נאָר נאָך שווערער געמאַכט דעם רעלי-גיעזען יאָך.

די דינים וועגען שבת-רוה האָבען זיי אין אַסך פּרטים אָבגעהיט נאָך שטרייגער, איידער די תלמודיסטען. היות ווי די קראים האָבען זיך געהאַלטען אין זייער אויסטייטשען די תורה ביים פשוט'ען פשט פון פסוק, דעריבער פלעגען זיי ניט אָנצינדען קיין פייער אין די הייזער פרייטאָג צו נאַכט און פלעגען צו-ברייגגען דעם גאַנצען אָוועגד אין דער פינסטער, פלעגען ניט איבערלאָזען פון פרייטאָג אויף שבת קיין עסענוואַרג אין די אויווענס, נאָר זיי פלעגען עסען קאַלטע שפּייז, פלעגען זיך געבען די מיה ניט אַרויסצוגייהן אַ גאַנצען טאָג פון שטוב און פלעגען ניט טון אַפילו די נויטיגסטע אַרבייטען (די שפּעטערדיגע קאַראַאימישע געלערנטע האָבען געמוזט מקיל זיין די דאָזיגע חומרות בנוגע צו שבת).

דער אידישער לוח, וואָס איז אַיינגעשטעלט געוואָרען אין IV-טען יאָהרהונ-

דערט און וואָס איז געווען געגרינדעט אויף אַסטראָנאָמישע חשבונות (§ 36), האָבען די קאַראַאימען אָבגעשאַפט און האָבען זיך ווידער אומגעקעהרט צום אַלטען אופן, ווי צו בעשטימען דעם טאָג פון ראש-חודש און די צייט פון די ימים-טובים לויט דירעקטע בעאָבאַכטונגען אויף די פאַזיסען פון דער לבנה. דאָס האָט אַריינגעבראַכט אין זייער קאַלענדאַר-סיסטעם אַ גרויסע אונאָרדענונג און פלאָנטער.

די מנהגים פון די ימים-טובים און תעניתים האָבען די קאַראַאימען בעדייטענד אומגעענדערט. די מצות צו פסח פלעגען זיי באַקען ניט פון ווייצענע מעהל, נאָר פון גערשטענע, בכדי צו דערמאָנען אָן דעם „לחם עני", ווי עס שטייהט געשריבען אין חומש. שבועות האָבען די קאַראַאימען, פונקט ווי די צדוקים, געפייערט אויף'ן פופציגסטען טאָג נאָכ'ן ערשטען פסח'דיגען שבת (און ניט נאָכן צווייטען טאָג פסח, ווי ביי די תלמודיסטען), אַזוי אַז דער דאָזיגער יום-טוב פאַלט אויס ביי זיי אַלע מאָל אום זונטאָג. אום סוכות פלעגען די קאַראַאימען ניט געברויכען דעם לולב מיט'ן אתרוג ביים דאַווענען, נאָר זיי פלעגען דערמיט אויספוצען זייערע סוכות. חנוכה אָדער דעם נאַציאָנאַלען יום-טוב פון די חשמונאים האָבען זיי גאָרניט געפייערט, ווייל וועגען איהם ווערט אין תנ"ך גאָרניט דערמאָנט („ספר חשמונאים" איז אַריין צווישען די ספרים חיצונים), נאָר פורים פלעגען זיי פייערן צוויי טעג. פאַר'ן תענית איבער'ן חורבן בית-המקדש איז ביי זיי געגאַנגען אַ גאַנצער חודש טרויער, פון 9 תמוז ביז 10 אָב. בכלל איז די צאָהל פון תעניתים און טרויער-טעג בעדייטענד פערגרעסערט געוואָרען ביי די ערשטע קאַראַאימען.

די דינים וועגען חתונות האָבען די גרינדער פון דער סעקטע קראים אומגעענדערט אין דעם זין, אַז מען האָט געאַסר'ט שידוכים אַפילו צווישען ווייטע קרובים, וואָס לויט'ן תלמוד זיינען זיי מותר. די שפּעטערדיגע רביים פון דער סעקטע האָבען געמוזט מבטל זיין אָדער בעגרענעצען די דאָזיגע חומרות, ווייל זיי האָבען בעשאַפען גרויסע שוועריגקייטען ביים שליסען שידוכים, ווערליג די סעקטע איז געווען קליין, און מיט די תלמודיסטען האָבען זיי ניט געטאָרט זיך משדך זיין. ביי דער צערעמאָניע פון מל זיין די קינדער האָבען די קאַראַאימען איבערגעאַנדערשט מעהר ניט די פרטים פון דער אָפּעראַציע (ניט אַנדערש נאָר מיט אַ שער, און ניט מיט קיין מעסער). בנוגע צו די דינים וועגען מאכלות אסורות זיינען זיי זיך אַזוי ווייט פונאַנדערגעגאַנגען מיט די תלמודיסטען, אַז ס'איז געוואָרען אוממעגליך פאַר די קראים און תלמודיסטען צו עסען צוזאַמען. פון איין זייט האָבען די קאַראַאימען אָנגענומען די שחיטה, וואָס איז געווען געגרינדעט אויף דער תלמודישער מסורה, און האָבען אָבגעהיט אַ סך פון איהרע כללים נאָך שטרייגער, איידער די תלמודיסטען; זיי האָבען געקוקט אויף דער שחיטה ווי אויף אַ זכר פון די קרבנות, וואָס מען פלעגט ברייגען אין בית-המקדש, און האָבען דעריבער זי אַרומגעשטעלט מיט פייערליכע צערעמאָניעס. אַזוי, למשל, האָט דער שוחט געדאַרפט פריהער אָבזאָגען ודוי. די ערשטע אָנפיהרער פון דער סעקטע האָבען ערלויבט צו געניסען, ביז משיח וועט קומען,

נאָר די פלייש פון אַ הירש און פון עטליכע פויגלען. פון דער אַנדער זייט האָבען די סעקטאַנטען זיך מתּיר געווען אין אַ סך פאַלען צו עסען פליישיגס מיט מילכיגס אינאיינעם, וואָס איז אַ האַרבע עבירה לויט׳ן תּלמוד.

בכלל האָבען די גרינדער פון דער סעקטע קראים ניט אַרויסגעוויזען געניג קאָנסעקווענץ אין זייערע רעפאָרמעס. ענן און די געלערענטע נאָך איהם האָבען ניט אויסגעאַרבייט קיין בעשטימטע פּאָזיטיווע פּרינציפּען, קעגען די פּרינציפּען פון׳ם תּלמוד. זייער אויסגאַנגס-פּונקט האָט געטראָגען בלויז אַ נעגאַטיווען כאַראַקטער: זיי האָבען אָבגעלייקענט דעם אַווטאָריטעט פון דער מסורה שבעל-פּה בנוגע צו דער אויסטייטשונג פון דער תּורה און האָבען געלאָזען פאַר זיך דאָס רעכט איינצוטייטשען זי, לויט זייער אייגענער השגה. נאָר דורכדעם וואָס זיי האָבען אָבגעוואָרפען די טראַדיציע, האָבען די קאַראַאימען געלאָזען אַ ברייט פעלד פאַר פּערזענליכע מיינונגען בנוגע צום אויסטייטשען די תּורה. דער גאַנצער געבוי פון׳ם רעליגיעזען לעבען איז געוואָרען אויף אַזאַ אופן אָבהייניגיג דערפון, צי דער אָדער יענער געלערנטער טעאָלאָג וועט מאַכען אַ בעסערן אָדער ערגערן פּירוש אויף דער תּורה. אָט דאָס איז די סיבה, פאַרוואָס עס האָט זיך אין משך פון דער צייט ביי די קאַראַאימען, וואָס האָבען לכתּחילה זיך געהאַט געשטעלט פאַר אַ ציל ווידער אויפצוריכטען די ריינקייט פון דער ביבלישער תּורה און מבטל צו זיין דעם תּלמוד, געבילדעט אַן אייגענער תּלמוד, וואָס בעשטייהט פון אַ סך בעזונדערע פּירושים און הוספות צו תּורת משה. אייניגע פון זיי זיינען דירעקט אַריבערגענומען פון די תּלמודיסטען, און די אַנדערע זיינען אַן אויסמישונג פון פערשיידענע, און צום טייל סותר׳דיגע, יסודות.

די שיטה פון די קאַראַאימען האָט ניט איינגעפיהרט קיין נייע ריכטונג אין דער יהדות, האָט ניט אַרויסגערופען קיין שום רעליגיעזע רעפאָרם, זי האָט מעהר ניט בעשאַפען אַ קליינע גרופּע סעקטאַנטען. זי האָט זיך איינגעשלאָסען אין די שמאָלע רעהמלעך פון אַ סעקטע, וואָס האָט זיך אַלץ מעהר דערווייטערט פון די אָרטאָדאָקסישע אידען און איז צום גרעסטען טייל געשטאַנען אָן אַ זייט פון די נאַציאָנאַל-היסטאָרישע אינטערעסען פון אידישען פאָלק.

די ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון דער סעקטע קראים

§ 65. נאָך ענן׳ס טויט זיינען בראש פון דער סעקטע ענניים אָדער קראים געשטאַנען, לויט ווי עס דערצייהלט די טראַדיציע, זיין זוהן שאול און זיין אייניקעל יאשיהו. ענן׳ס נאָהענטסטע יורשים האָבען אויך געטראָגען דעם טיטעל ריש-גלותא אָדער נשיא; נאָר וועגען זייער טעטיגקייט איז גאָרנישט ניט בעוואוסט. די סעקטע האָט, ווי עס ווייזט אויס, געהאַט צוויי צענטרען: בבל און ארץ-ישראל. די סעקטאַנטען, וואָס האָבען געוואוינט אין ארץ-ישראל, האָבען געהאָפט צו פערהייליגען זייער תּורה דורכדעם, וואָס זי וועט זיך פערשפּרייטען איבער׳ן הייליגען לאַנד. נאָר בכדי צו פּראָפּאַגאַנדירען מיט ערפאָלג די נייע תּורה, האָט מען בעדאַרפט לכתּחילה בעפעסטיגען זי אויף זיכערע יסודות, איינ-

פאַסען זי אין אַ בעשטימטער סיסטעם. אַזאַ סיסטעם האָבען די קראים די ערשטע צייטען ניט בעשאַפען, און דאָס איז געווען איינע פון די הויפּט-סיבות פאַרוואָס די שיטה פון די קראים האָט זיך ניט פערשפּרייט.

די שיטה פון די קראים האָט אַרויסגערופען בלויז אַ געוויסע אינטעלעקטועלע בעוועגונג צווישען איהרע אָנהייגער. דורכדעם וואָס זי האָט זיי אָבגעריסען פון דעם תלמודישען פּלפּול, האָט זי געמאַכט אַן אָרט פאַר נייע פאָרמעס פון אינטעלעקטועלען שאַפען, וואָס די תלמודיסטען האָבען ניט שטאַרק געהאַלטען פון זיי, ווי למשל: אויספאָרשען דעם תנ"ך און די שפּראַך פון תנ"ך, בעאַרבייטען די רעליגיעזע פילאָסאָפיע אָדער טעאָלאָגיע. דער פאָרשטייהער פון'ם דאָזיגען גייסט פון פרייער פאָרשונג אין די רייהען פון די קאַראַאימען איז געווען דער דיין בנימין נהונדי אין פּערסיען (אַן ערך אין די יאָהרען 800 — 830).

בנימין נהונדי האָט געשריבען פירושים צו פערשיידענע ספרים פון תנ"ך, און אויך זאַמלונגען פון געזעצען („ספר מצוות", „ספר דינים") אויפ'ן יסוד פון חומש. ער האָט זיך גערעכענט ביי די קאַראַאימען פאַר אַ גרויסען בר-סמכא אין רעליגיעזע ענינים, אויף איין מדרגה מיט ענג'ען.

בנימין איז געווען דורכגעדרונגען מיט רעליגיעז-פילאָסאָפישע אָנשויאונגען פון די דעמאָלטיגע אַראַבישע ראַציאָנאַליסטען, וואָס זיינען בעוואוסט אונטערן נאָמען מוטאַזיליטען. ער האָט געלערנט, אַז גאָט טאָר מען ניט צושרייבען קיין שום קערפּערליכע תכונות, און אַז אַלע אויסדרוקען אין תנ"ך, וואָס שילדערן גאָט אין אַ מענשליכער געשטאַלט, בעדאַרף מען פערשטייהן בדרך משל. ער האָט בעהויפּטעט, אַז גאָט, אַלס אַ ריין רוחניות'דיגער עצם, האָט ניט געקאָנט נעמען קיין דירעקטען אָנטייל אין דער בעשאַפונג פון דער גשמיות'דיגער וועלט אָדער אין מעמד הר סיני, נאָר ער האָט דאָס געטאָן דורך אַ בעזונדערן מלאך (אַן ערך ווי דער „לאָגאָס" אין פילון אַלכּסנדרוני'ס שיטה). די דאָזיגע רעליגיעז-פילאָסאָפישע אָנשויאונגען האָבען ניט געקאָנט אַריין אין דער דאָגמאַטיק פון די קאַראַאימען, און בלויז עטליכע פון בנימינ'ס תלמידים האָבען זיי אָנגענומען.

בנימין נהונדי האָט ווייטער געפיהרט ענג'ס שטה אין פּראַקטישער הינזיכט — בנוגע צום אויסטייטשען די חוקים פון דער תורה. אין זיין „ספר הדינים", וואָס איז אָנגעשריבען אויפ'ן דיאַלעקט פון דער משנה, האָט בנימין אָבגעטראָטען אין אַ סך פּרטים פון די פירושים פון די פריהערדיגע קאַראַאימישע געלערנטע און האָט אפילו רעקאָמענדירט זיינע גלויבענס-ברידער אייניגע בעשטימונגען פון'ם תלמוד. ער האָט למשל איינגעפיהרט דעם חרם אַלס אַ שטראָף פאַר די, וואָס זיינען עובר אויפ'ן געזעץ; ער האָט אויך אַרויפגעלייגט אַ חוב אויף די קאַראַאימען, זיי זאָלען זיך ווענדען מיט זייערע פּראָצעסען צו קאַראַאימישע דיינים, און ניט צום וועלטליכען געריכט פון די אַנדערשגלויביגע. איבעריגענס, האָט ער קיינעם ניט געוואָלט צווינגען איבער-געוואַלד אָננעמען זיינע אָנשויאונגען און האָט פערטיידיגט דעם פּרינציפּ פון פרייער פאָרשונג אין דער תורה.

דאָס, וואָס אין דער שיטה פון די קאַראַאימען האָט געפעהלט אַ בעשטימטע סיסטעם און אַן אַווטאָריטעטע טראַדיציע, האָט געפיהרט צו אונאויפהערליכע מחלוקת׳ען צווישען די סעקטאַנטען. צווישען די געלערנטע האָט איטליכער פערטיידיגט זיין, אופן ווי איינצוטייטשען די ביבלישע דינים, וואָס פלעגט אָנ-גענומען ווערען בלויז אין אַ געוויסען קרייזעל. אַזוי האָבען זיך געבילדעט פער-שיידענע פראַקציעס און כּתּות אין דער סעקטע פון די קראים גופא, אייד׳ער זי האָט נאָך צייט געהאַט זיך צו בעפעסטיגען און צו בעשטימען איהר פאָרם.

אין דער ערשטער העלפט פון IX יאָהרהונדערט איז ניט ווייט פון באַגדאַד אויפגעקומען די סעקטע ע כ ב ר יי ם, וואָס איהר גרינדער א י ס מ ע י ל (ישמעאל) א ל-ע כ ב ר י האָט איינגעשטעלט בעזונדערע כללים וועגען היטען שבת און וועגען געניסען געוויסע מינים שפייז. נאָך איהם איז געווען מ ש ו י (משה) פון דער סירישער שטאָדט בעל-בעק. ער האָט אָנגעמאַכט אַ גרויסע פּלאָנטערניש אין דער אויסטייטשונג פון דער תורה און האָט איבערגעביטען דעם אופן, ווי אַזוי מען בעדאַרף אָבהיטען געוויסע צערעמאָניעס. יום-כּפּור האָט ער געהייסען פייערן דוקאָ אום שבת, וואָרום אין חומש ווערט דער דאָזיגער טאָג אָנגערופען „שבת שבתון”, פון דער אַנדער זייט איז ער אָבגעטראָטען פונ׳ם קאַראַאימ׳שען כלל, אַז שבועות דאַרף שטענדיג אויספאַלען אום זונטאָג, וואָרום עס איז שווער צו בעשטימען, אין וואָס פאַר אַ זונטאָג עס קומט אויס דער 50-סטער טאָג, זינט עס הויבט אָן צייטיג צו ווערען די תבואה (אביב) אין ארץ-ישראל. ביים דאַווענען האָט משוי געהייסען ווענדען זיך ניט צו מזרח, נאָר צו מערב, אַפילו ווען דער דאַוונער וואוינט אין מערב-זייט פון ירושלים. משוי, וואָס ביי די קאַראַאימען איז ער דערקלערט געוואָרען פאַר אַן אַפּיקורס, האָט אָבגעשאַפט אָדער אומגע-ביטען אויך אַ סך אַנדערע דינים בנוגע צו שבת און ימים טובים, שפייז און געטראַנק, ווי אויך אין ענין פון גע׳אסר׳טע שידוכים.

אַלס גרינדער פון אַ דריטער אַפּיקורסישער סעקטע אין יענער צייט (אַן ערך אין יאָהר 850) רעכענט זיך מוסי-אַז-זאַפראַני, וואָס איז בעוואוסט אונטערן נאָמען אַ ב ו - ע י מ ר אַ ן אַ ט - ט י פ ל י ס י. ער איז געווען אַן איינוואוינער פון באַגדאַד און האָט זיך אַריבערגעקליבען אין דער אַרמענישער שטאָדט ט י פ ל י ס (וואָס נאָך איהר האָט ער בעקומען זיין צונאָמען) און האָט דאָרט געגרינדעט אַ בעזונדערע קאַראַאימישע סעקטע. אין זיינע אָבטרעטונגען פון געזעץ איז ער, אַפנים, געגאַנגען נאָך דער שיטה פון די עכבריים — איסמעיל און משוי.

ווי ווייט עס איז דערגאַנגען די פּלאָנטערניש אין די השגות און מנהגים פון די קאַראַאימען, בעווייזט פאָלגענדע ידיעה, וואָס ווערט געבראַכט אין די שריפטען פונ׳ם קאַראַאים י ע ק ב אַ ל - ק י ר ק י ס אַ נ י, וואָס האָט געלעבט אין בבל; די ידיעה בעציהט זיך אויפ׳ן יאָהר 937. הערענדיג וועגען די פיעל סעקטעס און כּיתות צווישען די קאַראַאימען פון פערשיידענע פּראָווינצען, שרייבט קירקיסאַני:

„אַ טייל פון זיי (פון די סעקטאַנטען) האַלט, אַז מען טאָר זיך ניט טובל

זיין אום שבת; אַנדערע ערלויבען ניט צו וואַשען דעם פּנים; אַנדערע ווידער פערבאָטען צו דערלאַנגען אַ טאַץ (אָדער אַ קליינעם טישעל) מיט עסענס און אויסבעטען די בעט אום שבת, און אַז זיי ווילען עסען, גייהען זיי אַוועק אַהין, וואו די מאכלים שטייהען, און עסען דאָרט; ווידער אַנדערע זיינען מתיר צו דערלאַנגען אַ טאַץ און אויסלייגען קישענס, נאָר אַסר'ן צוצוגעמען אי דאָס אי יענץ, וואָרום דערלאַנגען דאָס — איז צוליעב צרכי שבת; אַוועקטראָגען אָבער איז ניט צוליעב צרכי שבת. אייניגע פון זיי האַלטען, אַז מען טאָר ניט אָנטון קיין גאַרטעל אום שבת. אַ טייל פון די באַגדאַדער קאַראַאימען זיינען מתיר צו טון אום שבת צוליעב דער צוקונפטיגער וואָך אַלצדינג, וואָס עס איז מותר צו טון צוליעב שבת גופא, דהיינו אָפּקיהלען וואַסער וכדומה. אַ טייל פון די קאַראַאימען פון טוסטער אסר'ן צו לאָזען הייסע עסענס אויף שבת, נאָר זיי פאָדערן, מען זאָל זיי לאָזען אָפּקיהלען, ביז עס ווערט שבת, ווייל זיי טענ'ען, אַז די וואַרימקייט מאַכט אָן אין די מאכלים שינויים, פערגרעסערט אָדער פער-קלענערט זייער סכום, שוין נאָכדעם אַז עס איז געוואָרען שבת. אַנדערע זיינען דערמיט ניט מסכים און זיינען מתיר אַפילו צו בעהאַלטען אין שטרוי די הייסע עסענס, וואָס זיינען בעשטימט צוליעב שבת. אייניגע קאַראַאימען אסר'ן צו באַקען און צו קאָכען אין אַלע ימים טובים, חוץ פסח, וואָס בילדעט, לויט זייער מיינונג, אַן אויסנאַם אין דעם פּרט; און אין טוסטער האָבען זיך בעוויזען, לויט ווי מען האָט מיר דערציילט, קאַראַאימען, וואָס אסר'ן צו טון אום יום-טוב אַלצדינג, וואָס מען טאָר ניט טון אום שבת. אייניגע קאַראַאימען ערלויבען ניט אַרויסצוגייהן אום שבת פון דירה; אַנדערע ערלויבען ניט אַריבערצוטראָגען עפּיס פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערן אַפילו אין שטח פון אַ תחום שבת, און אַפילו ווען צווישען ביידע ערטער איז קיין מחיצה ניטאָ; אַנדערע ערלויבען דאָס. אייניגע פון זיי זיינען מתיר אָנצוטון אום שבת אַ זיגעלרינג; אַנדערע אסר'ן דאָס סיי אום שבת און סיי אום יום-טוב. אייניגע האַלטען, אַז ביים קדוש-החודש איז געגוג איין עדות; אַנדערע ווייטער פאָדערן צוויי עדות. אייניגע קאַראַאימען האַלטען מיט'ן ריש-גלותא (ענן) בנוגע צום עיבור-טאָג סיי אום פסח און סיי אום סוכות; אַנדערע האַלטען דאָס נאָר אום פסח, אָבער ניט אום סוכות. אייניגע פון זיי גייהען נאָך ענב'ען אַפילו דערין, וואָס זיי אסר'ן מל צו זיין אום שבת, נאָר דער גרעסטער רוב איז יאָ מל.

„אייניגע קאַראַאימען האַלטען, אַז עס איז ניט קיין חוב צו עסען מצה אַלע זיבען טעג פסח, אבי נאָר ניט צו עסען קיין חמץ; אַנדערע האַלטען פאַר אַ חוב צו עסען מצה אַלע טעג פון פסח. אייניגע קאַראַאימען האַלטען, אַז די גאַנצע צייט פון בין-השמשות געהערט צום פערגאַנגענעם טאָג, אַנדערע רע-כענען עס צו צום קומענדיגען טאָג; די דריטע בעהויפּטען אינאיינעם מיט ענב'ען, אַז די אָנגעוויזענע צייט געהערט צו ביידע טעג. אַ טייל פון זיי האַלט, אַז דער שבת ענדיגט זיך מיט זונען-אונטערגאַנג; אַנדערע ווידער האַלטען, אַז שבת ציהט זיך, ביז וואַנען עס פערשווינדט די ליכטיגקייט. אַ טייל פון די קאַראַאימען איז מתיר צו לייענען אום שבת אַלערליי

כתבים, חוץ העברייאישע; אַן אַנדער טייל אַסר׳ט צו לייענען אַלע כתבים, חוץ העברייאישע; אַן אַנדער טייל אַסר׳ט צו לייענען אַלע כתבים. אייניגע פון זיי זיינען מתיר צו עסען אין גלות (נאָכ׳ן חורבן בית־המקדש) די פליש פון בהמות, אַנדערע זיינען דאָס ניט מתיר. אייניגע קאַראַאימען ערלויבען צו קויפען פון אַנדערשגלויביגע טויטע פיש, און אַנדערע אַסר׳ן. אייניגע פון זיי עסען אַ שעפּס, וואָס איז אויסגעבראָטען אינגאַנצען; אַנדערע אַסר׳ן דאָס, מחמת די פלייש האָט זיך געבראָטען אינאיינעם מיט׳ן חלב. אַ טייל פון די קאַראַאימען ערלויבען צו עסען פון דער שחיטה פון אַ תלמודיסט; אַן אַנדער טייל ערלויבט דאָס ניט. אייניגע קאַראַאימען זיינען מתיר צו עסען היהנער, אַנדערע אַסר׳ן, און די דריטע זיינען מסופק. אייניגע פון זיי געברויכען די אייער פון כשר׳ע פויגלען, אַנדערע געברויכען ניט. אַ טייל פון די קאַראַאימען פון באַסראַ און פּערסיען אַסר׳ן צו עסען אינאיינעם מיט די אַנדערע חלב אויך די חלב פון בויך, פון דער מיטעלסטער קישקע און פון די לונגען, און אַן אַנדער טייל אַסר׳ט דאָס ניט.

„אייניגע פון זיי ערלויבען צו קורירען זיך ביי אַנדערשגלויביגע, בשעת זיי היילען (גרייטען צו די רפואות אין זיין (דעם חולה׳ס) געגענוואַרט; אַנדערע ערלויבען דאָס ניט. אייניגע האַלטען, אַז מנחה צו דאַווענען איז אַ חוב אַלע טאָג; אַנדערע בעהויפּטען, אַז מנחה איז אַ מוז־זאַך נאָר אין אַ תענית. אייניגע פון זיי בעהויפּטען, אַז אויב ערב פּסח פאַלט אויס אום שבת, בעדאַרף מען אַבלייגען פּסח אויפ׳ן קומענדיגען חודש. אייניגע פון זיי ערלויבען צו טובל׳ען זיך אין הייסע וואַסער; אַנדערע ערלויבען דאָס ניט. אייניגע פון זיי בעהויפּטען, אַז טובל׳ען זיך קאָן מען נאָר אין זיסע וואַסער; אַנדערע בעהויפּטען, אַז צוליעב דעם איז נויטיג קוואַל־וואַסער. די אַלטע קאַראַאימען פון באַסראַ האָבען בעהויפּטעט, אַז שבועות מוז זיין דוקא אום זונטאָג, נאָר זיי איז ניט בעוואוסט, אום וואָס פאַר אַ זונטאָג. צווישען זיי זיינען געווען אייניגע, וואָס האָבען בעהויפּטעט, אַז דער דערמאָנטער יום־טוב איז אין איצטיגער צייט ניט אָבליגאַטאָריש; ווידער אַנדערע פון זיי האָבען בעהויפּטעט, אַז אַלע ימים־טובים זיינען אין איצטיגער צייט ניט אָבליגאַטאָריש, מען פייערט זיי מעהר ניט צוליעב אַ זכר. אייניגע פון די קאַראַאימען אין ארץ־ישראל האָבען איינגעשטעלט, אַז אין די תעניות של רשות טאָר מען געוויסע מאכלים ניט עסען (און די איבעריגע מעג מען יאָ). אַ טייל פון די כוראַסאַנער קאַראַאימען אָנערקענען ניט קיין כתיב וקרי (די אויסבעסערונגען אינ׳ם טעקסט פון תנ״ך), נאָר זיי לייענען אַזוי, ווי עס שטייהט געשריבען; אַנדערע פון זיי בעהויפּטען דאָס בנוגע צו גאָטס נאָמען, וואָס ווערט געשריבען מיט די אותיות י׳ און ה׳, און זאָגען, אַז דער וואָס לייענט איהם מיט אותיות א׳ און ד׳ — דער איז ניט קיין רעכטגלויביגער. אייניגע פון די קאַראַאימען אין כוראַסאַן און דזשעבאַל בעהויפּטען, אַז דער צוגעזאָגטער משיח איז שוין געקומען און פערשוואונדען; דאָס אייגענע איז אויך דער בית־המקדש (וואָס די נביאים האָבען צוגעזאָגט) — האָט מען געמיינט דעם בית־המקדש פון זרובבל׳ן, און קיין אַנדערער וועט שוין ניט זיין.

„ס׳איז פאַרהאַן צווישען זיי אַזעלכע, וואָס גלויבען ניט אין תחית־המתים

און בעהויפטען, אַז די תחית־המתים, וואָס ווערט דערמאָנט אין תנ״ך, בעדייט די אויפלעבונג פון דער אידישער אומה (דורכדעם וואָס זי וועט אויסגעלייזט ווערען) פון גלות און דערנידעריגונג. א טייל פון די באַגדאַדער קאַראַאימען האָט בעהויפטעט, אַז חנוך און אליהו הנביא זיינען געשטאָרבען, וואָרום מען קאָן ניט אָננעמען, אַז לעבעדיגע קערפּער זאָלען אַרויף אויפ׳ן הימעל. אייניגע פון די איצטיגע קאַראַאימען פון באַסראַ און טוסטער אַסר׳ן אָנצוטאָן אום שבת שיך און שטיוועל אָהן אַ בעזונדער הכרחיות, און דאָסזעלבע איז אויך בנוגע צו אַלע אַנדערע מלבושים, אָהן וועלכע מען קאָן זיך בעגייהן, ווי אַ גאַרטעל וכדומה. אייניגע פון זיי זיינען מתיר אויסצולעשען פייער אום שבת אין פאַל, ווען מען האָט פערגעסען אויסצולעשען פאַר שבת, און לא די וואָס זיי זיינען מתיר, נאָר זיי האַלטען עס פאַר אַ מוז־זאַך. דאָס אייגענע האַלטען זיי פאַר אַ חוב צו פערשטאָפּען די וואַסער, וואָס בעגיסט אַ פערזייהטע פעלד, אין פאַל ווען מען האָט פערגעסען צו פערשטאָפּען דאָס ערב־שבת. דאָס אייגענע רעכענען זיי פאַר אַ חוב צו פערהאַלטען אַ מיהל, בכדי זי זאָל ניט מאַהלען אום שבת״.

בכדי צו מאַכען אַ סוף פון אַזאַ תוהו ובהו אין די מוחות, האָבען די ווייט־זיכטיגערע קאַראַאימישע געלערנטע בעשלאָסען צו בעגרעניצען דעם פּרינציפּ פון דער פרייער אויסטייטשונג פון תנ״ך, וואָס ענן האָט איינגעשטעלט, און זיך האַלטען ביי געוויסע כללים, וואָס זיינען צום טייל גענומען פון דער מהמדאַני־שער טעאָלאָגיע. עס זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרען דריי הויפּט־כללים ביים אויסטייטשען די תורה: א) לויט׳ן פשט פון די כתבי־הקודש (כתב), ב) על־פּי אַנאַלאָגיע אָדער על־פּי־שכל (היקש), ג) על־פּי־הסכם אָדער לויט דעם אָנגענו־מענעם מנהג (קבוץ). די איינטייטשונג לויט׳ן פשט קאָן מען אָנווענדען, לויט דער מיינונג פון די קאַראַאימען, ניט נאָר צום חומש, נאָר אויך צו די פסוקים פון די שפּעטערדיגע ביבלישע ספרים, וואָס זיינען געשריבען אין דער פאָרם פון אַ בעפעהל אָדער געבאָט. דורכ׳ן מעטאָד פון אַנאַלאָגיע ווערען אַרויסגע־דרונגען פון די חוקים פון דער תורה נייע דינים בנוגע צו פאַלען, וואָס זיינען גלייך צו די, וואָס וועגען זיי גייהט די רייד אין תנ״ך. נאָר עס זיינען פאַרהאַן געזעצען, וואָס זיינען אין תנ״ך ניט פאָראויסגעזעהן ניט דירעקט, ניט אומדירעקט, נאָר וואָס מען קאָן זיי פאָרט ניט אָבוואַרפען, ווייל זיי זיינען שוין לאַנג פער־הייליגט געוואָרען דורכ׳ן מנהג, למשל די אופנים פון שחיטה אָדער דער מנהג אָנצוהויבען דעם חודש פונ׳ם מולד. אַזעלכע דינים דאַרפען בלייבען גילטיג, ווי אַ „גע׳ירש׳עטע משא״.

אויף אַזאַ אופן האָבען די געלערנטע פון די קראים געמוזט מאַכען אַ הנחה דעם תלמודיזם און מודה זיין אין דער נויטיגקייט פון אַ מסורה שבעל־פּה אין דער רעליגיע. נאָר צוגלייך האָבען זיי זיך געלאָזען דאָס רעכט אייניגע טראַדיציעס אָנצונעמען און אַנדערע, ניט ווינציגער וויכטיגע, אָבצוואַרפען. אַ דאַנק אַזעלכע פשרות האָט די שיטה פון די קראים זיך אַלץ מעהר דערווייטערט פון איהר לכתחילה׳דיגען ציעל — ווידער אויפצוריכטען די ביבלישע יהדות, און האָט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון געמישטער, עקלעקטישער שיטה אָהן לאָגישער קאָנסעקווענץ און פעסטע גרונד־יסודות.

די תלמודיסטען האָבען זיך בעצויגען צו די קאַראַאימען, ווי צו אמת'ע כופרים בעיקר. די גאונים האָבען מחרים געווען אַלע אָנהייגגער פון ענג'ס „פּאַלשער שיטה" און האָבען ניט ערלויבט זיי צו דאַוונען אינאיינעם מיט די כשר'ע אידען. די קאַראַאימען פון זייער זייט האָבען זיך אָבגעזאָגט פון די תלמודיסטען: האָבען זיך מיט זיי ניט משדך געווען, האָבען ניט געגעסען זייערע עסענס, און אום שבת פלעגען זיי ניט בעזוכען זייערע הייזער, בכדי ניט צו זעהן, ווי מען איז דאָרט „מחלל שבת". די רעליגיעזע ויכוחים צווישען די רעכט-גלויביגע און קאַראַאימען האָבען נאָר פערשטאַרקט די געגענזייטיגע שנאה צווישען די צדדים. דער גאון פון סורא ר' נטרונאי בר הילאי (אַן ערך אין יאָהר 869) דערמאָנט וועגען די קאַראַאימען אין פאָלגענדע אויסדרוקען: „דאָס זיינען אַפּיקורסים, וואָס פערשפּאָטען און זיינען מבזה די רייד פון די חכמים, די תלמידים פון ענן, ימח שמו, — פון יענעם ענן, וואָס האָט געזאָגט צו אַלעמען, ווער עס האָט זיך געלאָזט איבעררייידען דורך זיינע זינדיגע רייד: וואַרפט אַוועק די משנה און דעם תלמוד, און איך וועל בעשאַפען פאַר אייך אַן אייגענעם תלמוד. און זיי האַלטען זיך נאָך פאַר זייערע בלאָנזשעגישען, און זיינען געוואָרען אַזוי ווי אַ בעזונדער אומה". אַנדערע גאונים האָבען פּאָלעמיזירט אין זייערע חיבורים מיט די קאַראַאימען. דעם שטאַרקסטען געגנער האָט די שיטה פון די קראים בעגעגענט אין דער פּערזאָן פון'ם פילאָסאָף ר' סעדיה גאון אלפאיומי, אין דער ערשטער העלפט פון דעם X-טען יאָהרהונדערט.

דריטער קאפיטעל.

די קולטור און דאס גייסטיגע לעבען פון די אידען אין חאליפאט (VIII — X יאהרהונדערט).

דער תלמודיזם. — גאונים-שריפטשטעלער. — מדרש און סינאגאגאלע פאעזיע. — דער ניקוד און די מסורה. — אלגעמיינע קענטעניסען. — די נסיעות. — מיסטיק און די ראציאנאליסטען. — דאס לעבען פון רב סעדיה גאון. — רב סעדיה גאונ'ס פילאסאפיע פון דער יהדות. — די ירידה פון די רישי-גלותא און פון דער ישיבה אין סורא.

דער תלמודיזם; די גאונים אלס שריפטשטעלער.

§ 66. די אויפריכטונג פון די ישיבות אין בבל אין דער תקופה פון אראבישען חאליפאט האט געגעבען א שטארקען שטויס דער אינטעלעקטועלער טעטיגקייט פון די אידען אין די מזרח-לענדער. די ראשי-ישיבות אין סורא און פומבדיתא, די גאונים, זיינען גלייכצייטיג געשטאנען בראש פון דער געזעצגעבענדער קאלעגיע, און דאס האט גורם געווען דערצו, אז ס'זיינען דערנעהענטערט געווארען צווישען זיך וויסענשאפט און לעבען, טעאריע און פראקטיק. דער תלמוד איז געווארען שטודירט אין די צוויי הויפט-ישיבות, און די גאונים און די געלערנטע פלעגען בעשליסען אויפ'ן סמך פון די בעקומענע וויסענשאפטליכע רעזולטאטען די פראקטישע פראגען פון רעליגיעזען און בירגערליכען רעכט. א סך פון דאזיגע החלטות „פון די גאונים און פוןביידע ישיבות" פלעגען ווערען פונאנדערגעשיקט, ווי עס איז שוין געזאגט געווארען (§ 61), אין די אידישע קהילות פון פערשיידענע לענדער. זיי פלעגען ווערען פערשפרייט אין איינצעלנע בריעף אדער אין דער געשטאלט פון זאמעלביכער, וואס רעשטען פון זיי זיינען בלויז אין דער לעצטער צייט געווארען ארויסגעגעבען אונטערן נאמען „תשובות הגאונים".

אין זייערע החלטות האבען די גאונים זיך בעגענוגענט דערמיט, וואס זיי האבען אויסגעטייטשט געוויסע פרטים פון תלמודישען טעקסט, נאר אפטמאלס פלעגען זיי אויך אומענדערן די געזעצען און מוסיף זיין נייע, זיך צופאסענדיג צו די פאדערונגען פון דער צייט. בעזונדערס וויכטיגע שינויים האבען זיי

געמאַכט אינ׳ם געביט פון בירגערליכען און פאַמיליען־רעכט (אַזוי למשל איז פערגרינגערט געוואָרען צו מאַכען אַ גט, בשעת די פרוי וויל לחלוטין ניט לעבען מיט׳ן מאַן, מען האָט האַרבער געמאַכט די שטראָפען פאַר וואָכערער, די מלוה׳ס האָט מען געגעבען דאָס רעכט איינצומאָנען זייער געלד אַפילו פונ׳ם אייגענס פונ׳ם בעל־חוב׳ס יתומים). אין געביט פון רעליגיעזע מנהגים און צערעמאָניעס אָבער האָבען געהערשט קאָנסערוואַטיווע טענדענצען: די געלערנטע האָבען ניט געקענט פועל׳ן ביי זיך מבטל צו זיין ניט בלויז דעם אָדער יענעם אָבגעלעבטען דין פון תלמוד, נאָר אַפילו ניט וואָסער עס איז אָרטיגען פאָלקס־מנהג, וואָס שטאַמט פון אַן אָבערגלויבען. דעם גאון שר־שלום (859) האָט געענטפערט מיט „יאָ" אויף דער שאלה, צי בעדאַרפען די, וואָס קומען צוריק פון אַ לויה, זיך צוזעצען אויף דער ערד זיבען מאָל, מחמת דער אָבערגלויבען, אַז דורכדעם ווערען אָבגעטריבען די בייזע רוחות, וואָס גייהען פון בית־עלמין. און ר׳ נטרונאי בר הילאי גאון, וואָס איז געווען נאָך איהם, האָט בעשטעטיגט דעם פאָלקס־מנהג צו קוילען הענער און היהנער פאַר כפרות ערב יום־כפור. די שטריינגע דינים וועגען מאכלות אַסורות און שחיטה זיינען געבליבען גילטיג; מען האָט נאָר מקיל געווען די דינים וועגען יין־נסך (וויין פון געצענדיענער), היות ווי ד׳ מוסעלמאַנער גלויבען אין איין איינציגען גאָט און געהערען ניט צו די געצענדינער, וואָס זיינען מטמא וויין דורך זייער בעריהרונג.

אַלס דעם גרעסטען אויפטו פון די גאונים בעדאַרף מען בעטראַכטען דאָס, וואָס זיי האָבען געבראַכט אין אָרדענונג דעם גאָטעסדיענסט אין די שולען און האָבען איינגעשטעלט בעשטימטע תפילות פאַר אום־דער־וואָכען און פאַר ימים־טובים. דער ס י ד ו ר, וואָס צו איהם האָט מען מוסיף געווען אַ סך נייע תפילות, איז געוואָרען אויסגעאַרבייט גראָד אין יענער תקופה.

היות ווי פאַר ניט־ספּעציאַליסטען איז דער שטודיום פון תלמוד געווען זייהר שווער, דעריבער האָט מען געמאַכט פּרובען אַרויסצולאָזען פאַרן ברייטערן עולם פערשיידענע טיילען פון דער תלמודישער געזעצגעבונג, אָדער אין צוזאַמענהייגענדער פאָרם אָדער אין דער געשטאַלט פון קורצע הלכות. דעם ערשטען פּרוב אַזעלכען האָט געמאַכט ר ב אַ ח א י מ ש ב ח א (אַן ערך אין יאָהר 730). אַלס אויסגעצייכענטער תלמודיסט און מיטגליד פון דער אַקאַדעמישער קאָלעגיע, האָט ער געהאַט דאָס רעכט צו פערנעמען דעם פּאָסטען פון גאון אין פומבדיתא. נאָר דער ריש־גלותא האָט איהם געשטערט דערין און אויף דעם דאָזיגען פּאָסטען איז אָנגעקומען אַ קלענערער למדן — ר׳ נטרוי פון באַגדאַד. דעמאָלט איז דער בעליידיגטער ר׳ אַחאי אַוועק קיין ארץ־ישראל. ער האָט אָנגעשריבען אַ ספר מיט׳ן נאָמען „ש א ל ת ו ת", וואָס האָט אַן ערך צוויי הונדערט קאַפּיטלען איבער הלכה און אַגדה, וואָס זיינען פונאַנדערגעטיילט לויט די סדרות פון חומש. איטליכער קאַפּיטעל איז אָדער אַן ערקלערונג פון ערגיץ אַ פראַגע פון געזעצגעבונג, אָדער אַ דרשה אינ׳ם סטיל פון מדרש און אַגדה.

אַן ערך אין דער זעלביגער צייט האָבען זיך בעוויזען נאָך צוויי זאַמלונגען פון הלכות, וואָס איינע פון זיי האָט צונויפגעשטעלט דער געלערנטער ר׳

שמעון קאַהיראַ (741), און די אַנדערע ר׳ יהודאי גאון פון סורא, וואָס האָט געלעבט אין איין צייט מיט ענן׳ען, דעם גרינדער פון דער סעקטע קראים (אַן ערך אין יאָהר 760).ביידע זאַמלונגען, וואָס זיינען שפּעטער צונויפגעגאָסען געוואָרען אין איין זאַמעלבוך אונטער׳ן נאָמען „הלכות גדולות״, ענטהאַלטען אין זיך אַ סך קורץ פאָרמולירטע החלטות פון תלמודישען רעכט.

די לומדים, וואָס זיינען געווען איינגאַנצען איבערגעגעבען דעם לערנען, איז ניט געווען געפעלען די דאָזיגע שטרעבונג צו געבען דעם פאָלק גרייטע אויספיהרונגען פון תלמוד, וואָרום דאָס וואָלט געקאָנט ווירקען אויף אַזעלכע מענשען, וואָס האָבען חשק צום לערנען, אַז זיי זאָלען זיך בעגנוגענען מיט די גרייע ספרים, און ניט וועלען שטודירען די ערשטע מקורים. ר׳ פלטוי גאון (842) האָט מען געשטעלט אַזאַ שאלה: „צי בעדאַרף מען זיך פערטיעפען אין תלמוד אָדער מען קאָן זיך בעגנוגענען מיט אָבגעהאַקטע הלכות (הלכות קטועות)? דער גרעסטער רוב איז נוטה צו אָבגעהאַקטע הלכות און זאָגט: צוליעב וואָס בעדאַרפען מיר זיך פערנעמען מיט די פלוגתות פון תלמוד?״ דערויף האָט דער גאון געענטפערט: „יענע מענשען טוען ניט גוט, זיי פערקלענער׳ן די גרייס פון דער וויסענשאַפט״.

נאָר די גאונים פון זייער זייט האָבען וויפיעל געטאָן צוליעב דעם פערגרינגערן דעם שטודיום פונ׳ם תלמוד אויסערהאַלב די ישיבות. דעם פאָלק איז די דאָזיגע אומגעהיירע ענציקלאָפעדיע ניט געווען צוטריטליך, ווייל די פאָרם איז זייהר אַ שווערע. בכדי צו קענען פערשטייהן תלמוד דורך זעלבסטבילדונג, האָט מען בעדאַרפט האָבען אַ גוטען פירוש אויף איהם, וואָס זאָל דערקלערען די האַרבע ווערטער און דעם פשט פון אַ סך ערטער. קיין פירוש צום תלמוד האָט די תקופה פון די גאונים ניט געגעבען (אַזעלכער איז געוואָרען געשאַפען ערשט שפּעטער אין אייראָפּע, דורכ׳ן בעריהמטען רש״י); נאָר אַ פרוב צונויפצושטעלען אַ ווערטערבוך פונ׳ם תלמודישען דיאַלעקט איז געמאַכט געוואָרען. דער גאון ר׳ צמח בר פלטוי פון פומבדיתא (872) רעכענט זיך פאַר׳ן בעשעפער פונ׳ם ערשטען „ערוך״, אָדער אַ רעיסטער פון תלמודישע ווערטער און אויסדרוקען מיט ערקלערונגען נאָכ׳ן אַלף-בית. דער דאָזיגער הילפס-בוך האָט אביסעל פערגרינגערט דעם שטודיום פונ׳ם הויפּט-מקור פון דער געזעץ-לעהרע. ר׳ צמח׳ס „ערוך״ איז שפּעטער פערלאָרען געגאַנגען; איהם האָבען אַרויסגעשטופּט די שפּעטערדיגע, פערבעסערטע לעקסיקאָגראַפישע אַרבייטען.

ר׳ עמרם גאון פון סורא (856) האָט פעראייביגט זיין נאָמען אין דער געשיכטע פון דער אידישער ליטורגיע. ער האָט צונויפגעשטעלט אַ זאַמלונג פון אַלע תפילות, וואָס מען זאָגט זיי אום-דער-וואָכען און אום-יום-טוב, און האָט אַריינגעשטעלט דאָרט אַלע כללים, וואָס זיינען שייך צום גאָטעסדיענסט. דאָס איז דער „סידור רב עמרם״. דער דאָזיגער סידור איז גיך פערשפּרייט געוואָרען אין כתב-יד׳ען צווישען די אידען פון אַזיען, אַפריקע און אייראָפּע און האָט געדיענט פאַר׳ן יסוד סיי פון נוסח אַשכנז און סיי פון נוסח ספרד. אין משך פון דער צייט האָט מען אין רב עמרמ׳ס סידור אַריינגעטראָגען בעדייטענדע

שינויים און הוספות, און די סינאַגאָגאַלע ליטורגיע איז בערייכערט געוואָרען מיט אַסך נייע תפילות, וואָס געהערען צו די פיוטים.

מדרש און סינאַגאָגאַלע פּאָעזיע.

§ 67. פּונקט אַזוי ווי אין דער פריהערדיגער צייט, פלעגען אויך איצט זיך ווענדען די מענשען, וואָס האָבען זיך ניט בעגענוגענט מיט דער טרוקענער שפּייז פון דער תלמודישער הלכה, צו דער אַגדה אָדער צום מדרש, וואָס זיינען ניט קיין פּראָדוקטען פון רעליגיעזער וויסענשאַפט, נאָר דער אויסגאָס פון הייסען רעליגיעזען געפיהל (§ 45). די דרשות אין די שולען פאַר'ן פאָלק און די ליטעראַטור פון די מדרשים האָבען זיך ענטוויקעלט אויך אין דער עפּאָכע פון די גאונים. נייע דרשות אויף די פּסוקים פון דער תורה פלעגען ווערען פערשריבען און צום גרעסטען טייל אַריינגעשטעלט אין די פּאַסענדע אָבטיילונגען פון די פריהערדיגע זאַמלונגען, ווי „מדרש רבה" און „פּסיקתא".

חוץ די מדרשים צו די פינף חומשים און צו „חמש מגילות", זיינען פערפאַסט געוואָרען דרשות צו אַנדערע ספרים פון תנ"ך — תהלים און משלי („מדרש שוחר טוב", מדרש משלי"). די אָבשטאַמונג פון אַזעלכע קאָלעקטיווע ווערק און די נעמען פון די מחברים איז ניט מעגליך צו בעשטימען. מען בעדאַרף משער זיין, אַז זיי פלעגען ערשיינען סיי אין בבל און סיי אין ארץ-ישראל.

ס'בעגעגענען זיך אויך פּסעוודאָגראַפישע ספרי אגדה, דאָס הייסט אַזעלכע ספרים, וואָס פאַר זייערע מחברים האָט מען גערעכענט אַלטע חכמים. אַזעלכע ספרים זיינען „פּרקי דרבי אליעזר" און תנא דבי אליהו", וואָס דער ערשטער פון זיי טראָגט דעם נאָמען פון'ם תנא רבי אליעזר בן הורקנוס, און דער נאָמען פון'ם לעצטען גיט אַן אָנצוהערעניש אויף ערגיץ אַ סודות-פולען „בית מדרש פון אליהו". די דאָזיגע צוויי ספרים, וואָס זיינען אָנגעשריבען אויף אַ שיינער שפּראַך פון'ם משנה-דיאַלעקט, געהערען צו דער עפּאָכע פון דער אַראַבישער איבערהערשאַפט, ווי דאָס איז צו זעהן פון עטליכע ערטער פון'ם טעקסט.

טיילמאָלס פלעגען פראַגמענטען פון דרשות אַריינגעשטעלט ווערען אין זאַמלונגען, וואָס דער גרעסטע טייל פון זיי בעשטייהט פון הלכות, אַזוי ווי אין די אויבענדערמאָנטע „שאלתות דרב אחאי".

דאָס זיינען אַלץ געווען נאָכגעמאַכטע ווערק לויט אַלטע מוסטערן. נאָר די תקופה פון די גאונים האָט אַרויסגעוויזען אויך עפּיס וואָס נייעס אין געביט פון דער רעליגיעז-פּאָעטישער שאַפונג. אין איין שורה מיט דער דרשה אין די שולען שטעלט זיך די סינאַגאָגאַלע פּאָעזיע, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט דעמזעלביגען גייסט, נאָר וואָס ווייזט זיך אַרויס אין אַן אַנדער פאָרם. דער ליריזם פון די נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע געפיהלען איז אַריבער פון די דרשות, וואָס זיינען אַ הוספה צו דער תפילה, אין די תפילות גופא און האָט בעקומען די פאָרם פון אַ רעליגיעזען שיר, פון אַ הימנון.

חוץ די ברכות און תפילות, וואָס זיינען איינגעשטעלט געוואָרען אין אַלטע צייטען און מען מוז זיי זאָגען אין דערהיים און אין שול, האָט מען אָנגעהויבען צו פערפאַסען בעזונדערע רעליגיעזע שירים, וואָס מען פלעגט זיי זאָגען אין די שולען נאָכ'ן דאַוונען אָדער צווישען די תפילות, אַלס הוספה צום דאַוונען. אַזעלכע רעליגיעזע שירים האָבען בעקומען דעם נאָמען פיוטים (פונ'ם וואָרט פּאָעזיע), און זייערע מחברים — פייטנים. פּונקט אַזוי ווי אין די מדרשים, האָבען דאָ אויך געפונען אַן אויסדרוק די ענטציקונג פון דער גלויבענדער נשמה און דער טרויער פונ'ם צעזייהטען פאָלק; דאָס איז אַ האַרציגער שמועס צווישען דער כנסת-ישראל מיט'ן רבונו-של-עולם. די פייטנים בעזינגען די גרויסקייט פונ'ם בורא-עולם און דעם געוועזענעם רוהם פון דער כנסת-ישראל, די גוטע מדות פון די אבות און פון די צדיקים פון אידישען פאָלק, דעם גלאַנץ פון ירושלים און פון בית-המקדש און דעם צער פון גלות. אין ריהרענדע פערזען שילדערן זיי די בעציהונגען פונ'ם אויבערשטען צו זיין „עם-סגולה", די ליידען און האַרצווייהטאָג פון דער אומה, וואָס האָט אָנגעוואָהרען איהר היים און וואָס איז פער'משפט צו זיין נע-ונד.

אַלס דער ערשטער פייטן רעכענט זיך יוסי בן יוסי, וואָס האָט געלעבט, ווי מען איז משער, אין ארץ-ישראל צום סוף פון VII-טען יאָהרהונדערט. איהם שרייבט מען צו אייניגע געהויבענע רעליגיעזע שירים, וואָס זיינען אַריין אין דער תפילת-מוסף פון צווייטען טאָג ראש-השנה („אהללה אלהי", „אפחד במעשי", אנוסה לעזרה") און פון יום-כפור („אַזכיר גבורות" און „אתה כוננת" אין דער עבודה). דער גרונד-מאָטיוו פון דער דאָזיגער רעליגיעזער פּאָעזיע איז אויסגעדריקט אין פאָלגענדע פערזען פון יוסי בן-יוסי:

איך לויף נאָך הילף — און איך געפין
דעם גאָט, וואָס איז נאָהענט צו מיר, אַז איך הויב אויף מיין קול.
ער שטייהט צווישען אונז, אין גאָטס פערזאַמלונג,
און אין „מקדש מעט" פליסטערט צו איהם מיין קול:
אָ קום צו מיר און פרעג נאָך מיר. איך בין אַ פערבלאָנדזשעט שעפעלע,
אַרומגעשאָרען האָט מען מיך, שטום בין איך, און קאָן ניט אויפהויבען קיין קול.

און די וואָס שערען מיך, זאָגען: זי איז פערבלאָנדזשעט,
איהר היטער און בעשיצער וועט ניט דונערן מיט זיין קול...
אָ גיב אַ קוק, דרינג אַריין אין מיין לייד, אין מיין האַרצענס וויה.
ניטאָ ביי מיר קיין נאָהענטער, וואָס איך זאָל קענען רופען צו איהם אויף אַ קול...
דערמאָן זיך אָן דיין אָרים פייגעלע, דערמאָן זיך אָן דיין שטום געוואָרענע טויב,

בלאָז צו איהר אין שופר, פייף מיט אַ קול.
אָט זעהט אַ בעוועגונג אויף בערג און אַ געשריי צווישען פעלזען,
און אויפגעטריקענטע ביינער האָבען אויפגעהויבען פון דער ערד אַ קול.

זעהט: אַ פּאָהן אויף די בערג, און אַ קול פון שופר איבער דער ערד,
און אַ ליעד גייהט אַרויס פון די מיילער אָהן אַ קול...
פאַר ציונ׳ס זיהן בויגען זיך די קינדער יון.
דו האָסט פערטיליגט מיינע אונטערדריקער, געבלאָזען שופר,
און אין די שטורעמען פון דרום שוועבט אַ קול.

יוסי בן-יוסי האָט ניט בענוצט ניט קיין ריטם און ניט קיין גראַמען אין זיינע ווערק, ער האָט זיך בעגענוגענט דערמיט, וואָס ער האָט געשטעלט זיינע פעריזען נאָכ׳ן אַלף-בית און צום סוף פון איטליכען פערז דאָס אייגענע וואָרט. די וויטערדיגע פייטנים האָבען בענוצט סיי אַ ריטם און סיי גראַמען, נאָר דער-פון זיינען זייערע שירים ניט געוואָרען וואויל-קלינגענדיגער, זיי האָבען מעהר ניט בעקומען די געקינצעלטקייט און אומגעלומפּערטקייט פון די אַראַבישע מוס-טערן. ר׳ ינאי האָט פערפאַסט אַ סך אַזעלכע שירים און גראַמען פאַר בע-שטימטע שבתים („יוצרות", „קרובות").

מעהר פּיוטים פון אַלעמען האָט אָנגעשריבען זיין תלמיד, ר׳ אלעזר הקליר, וואָס וועגען זיין צייט און לעבען איז דערוויל גאָרנישט ניט בע-וואוסט (מען איז משער, אַז ער האָט געלעבט אין אָנהויב פון IX-טען יאָהרהונדערט). ער האָט פערפאַסט העכער 150 רעליגיעזע שירים פאַר אַלע ימים-טובים און תעניתים. דער אינהאַלט פון זיינע פּיוטים איז געקומען על-פּי-רוב פון אגדה און מדרש. דער עיקר איז אין זיי ניט אַזויפיל דער לירישער כאַראַקטער, ווי דער מוסר-השכל, וואָס דרינגט פון זיי אַרויס. די פאָרם פון זיינע שירים איז זייהר אַ קאָמפּליצירטע: די פעריזען שטייהען נאָכ׳ן אַלף-בית און נאָך די אותיות פונ׳ם מחבר׳ס נאָמען, און חוץ דעם האָבען זיי נאָך אַ ריטם און גראַמען. מחמת דער דאָזיגער קינסטליכער פאָרם איז דעם הקליר אָפטמאָלס אויסגעקומען צו געברויכען פערדרייהטע אויסדרוקען און בעשאַפען ניט רעגעלמעסיגע רעדענס-אַרטען, און דערפאַר איז זייהר שווער צו פערשטייהן זיינע שירים. ניט קוקענ-דיג דערויף, זיינען ר׳ אלעזר הקליר׳ס פּיוטים געוואָרען אַזוי פּאָפּולער, אַז זיי זיינען אַריין אין דער ליטורגיע פון די מזרח׳דיגע און מערב׳דיגע אידישע קהילות, חוץ די שפּאַנישע, וואָס האָבען שפּעטער געהאַט אַ סך בעגאַבטערע סינאַגאָגאַלע פּאָעטען, איידער הקליר.

דאָס, וואָס עס זיינען אייגעפיהרט געוואָרען לאַנגע פּיוטים אין דאַוונען, האָבען געהאַלטען פאַר גוט ניט אַלע געלערנטע פון יענער צייט. אייניגע גאונים האָבען געטאַדעלט דעם דאָזיגען מנהג, און אַנדערע פלעגען אונטער-שטרייכען, אַז די פּיוטים זיינען ניט קיין מוז-זאַך. פונדעסטוועגען האָבען די פּיוטים מדרגות ווייז זיך איינגעבירגערט אין די שולען און אין אַ סך פאַלען האָבען זיי פערביטען די דרשות. דער חזן האָט אַרויסגעשטופּט פון שול דעם דרשן.

דער ניקוד און די „מסורה".

§ 68. אַ שטאַרקען שטויס האָט געגעבען דער ענטוויקלונג פון אידישען געדאַנק די רעליגיעזע אָפּאָזיציע פון די קאַראַאימען. די כסדר'דיגע שטאַרקע אָנפאַלען פון די קאַראַאימישע געלערנטע אויף דער תּלמודישער יהדות האָבען געצוואונגען די אָנהייגער פון דער לעצטער מעהר צו פערטיעפען זיך אינ'ם זין פון זייער תּורה און זיך צו בעוואָפענען צוליעב איהר פערטיידיגונג מיט אַזעלכע ידיעות, וואָס זיינען געלעגען הוצ'ן בעשטריטענעם תּחום פונ'ם תּלמוד. אָבלייקענענדיג די תּורה שבעל-פּה און אָננעמענדיג נאָר די כּתבי-הקדש אַלס איינציגע נאָרם פון רעליגיעזען לעבען, האָבען די קאַראַאימען גענומען זיך מיט פלייס צו שטודירען די ביבלישע ליטעראַטור און האָבען איינגעטייטשט איהרע אויסדרוקען לויט זייער לאָגישען און גראַמאַטיקאַלישען פּשט. דורכדעם האָבען זיי געצוואונגען די תּלמודיסטען, וואָס ביז איצט האָבען זיי זיך פערנומען מיט דער תּורה שבכתב נאָר אַלס מאַטעריאַל פאַר דרשות אין הלכה און אַגדה, — צו ווענדען זיך אויך צו דער ספּעציעלער אויספאָרשונג פון תּנ"ך, אויסצוטייטשען איהם על-פּי פּשט און נעמען פון איהם טענות אויף אָבצופּרעגען זייערע געגנער. דער אַלגעמיינער באָדען פאַר די קאַראַאימען און פאַר די תּלמודיסטען זיינען געווען די כּתבי הקדש, און אויף דעם דאָזיגען באָדען האָבען זיך געדאַרפט בעפעסטיגען ביידע לאַגערן, בכדי צו פיהרען צווישען זיך אַ רעגעלמעסיגע שלאַכט. זינט יענער צייט ווערט די ראַציאָנאַלע אויספאָרשונג פון דער ביבלישער ליטעראַטור צו ביסלעכווייז אַ זעלבשטענדיגער צווייג פון דער טעאָלאָגישער וויסענשאַפט.

קודם כּל האָט מען בעדאַרפט מגיה זיין און ברייגען אין אָרדענונג דעם טעקסט פון תּנ"ך. דער טעקסט פון די כּתבי-הקדש פלעגט זינט די עלטסטע צייטען ווערען געשריבען אָהן נקודות, וואָס בעצייכענען אין העברייאיש די קלאַנגען (וואָקאַלען), און אויך אָהן אַקצענט-צייכענס און אָהן טראָפּ. די כּללים צום לייענען דעם דאָזיגען טעקסט, וואָס איז בעשטאַנען נאָר פון בייקלאַנג-אותיות (קאָנסאָנאַנטען), פלעגען איבערגעגעבען ווערען דורך בעזונדערע טראַדיציעס, וואָס זיינען אָנגערופען געוואָרען מסורה; זיי זיינען געווען בעוואוסט נאָר געניטע לייענער און סופרים און בכלל לומדים. פאַר'ן פּשוט'ען עולם אָבער איז געווען זייער שווער צו לייענען דעם תּנ"ך.

עס פלעגען אויך אַרויסקומען ניט ווינציג גרייזען און סתּירות אין דער אויסטייטשונג פון די אָדער יענע אויסדרוקען. די כּללים פון דער מסורה פלעגען אויך ניט שטענדיג איבערגעגעבען ווערען ריכטיג אין פערשיידענע קרייזען פון געלערנטע, און שוין דערפאַר אַליין, וואָס זיי זיינען געווען אַ סך, איז מעגליך געווען צו מאַכען טעות'ען. ווערליג מען זעהט אין די תּרגומים (ארמישע איבערזעצונגען פון תּנ"ך) און די ציטאַטען פון תּנ"ך אין תּלמוד און מדרש, קאָן מען אַרויסדרינגען, אַז אַ סך ווערטער פונ'ם ביבלישען טעקסט פלעגען די איבערזעצער און די תּלמודיסטען לייענען פאַלש, און מחמת דעם האָבען די ענטשפּרעכענדע פּראַזעס בעקומען ביי זיי גאָר אַן אַנדער זין. אַזאַ לאַגע האָט

געקאָנט ברייננען דערצו, אַז דער מקור פון יהדות זאָל אינגאַנצען ווערען איבער-געדרייהט און פערוועגדט, און דערפון זאָל אַרויסקומען אַ געפעהרליכע רעלי-גיעזע שפּאַלטונג.

בכדי צו בעזייטיגען די סכנה, האָט מען בעדאַרפט, ערשטענס, אויסאַר-בייטען אַ סיסטעם פון נקודות אָדער צייכענס פאַר די וואָקאַלען, און צווייטענס, אַריינשטעלען די נקודות אין טעקסט פון תנ״ך, און אויף אַזאַ אופן פעסטשטע-לען אויפ׳ן סמך פון דער טראַדיציאָנעלער מסורה אַן איינהייטליכען רעגעלמע-סיגען אופן פון לייענען. דאָס איז טאַקע געטאָן געוואָרען אין ארץ-ישראל און אין בבל אין דער תקופה פון די גאונים.

ווער עס האָט אויסגעטראַכט די נקודות — איז ניט בעוואוסט. גיכער פון אַלץ האָבען דערין געאַרבייט פערשיידענע געלערנטע, פון VIII יאָהרהונדערט אָן. ס׳איז געוואָרען אויסגעאַרבייט אַ סיסטעם פון נקודות, אין דער פאָרם פון אַ קאָמביגאַציע פון פינטעלעך און שטריכעלעך, וואָס מען האָט זיי געשטעלט איבער אָדער אונטער די אותיות און וואָס האָבען בעצייכענט די וואָקאַלען. אין בבל איז אָנגענומען געוואָרען צו שטעלען אַזעלכע צייכענס איבער די אותיות; די דאָזיגע סיסטעם האָט געהייסען „ניקוד אשורי״. אין ארץ-ישראל אָבער, אין איהר געוועזענעם תלמודישען צענטער טבריה, האָבען די געלערנטע אויסגע-אַרבייט אַן אַנדער סיסטעם פון נקודות, וואָס ווערען געשטעלט אונטער די אותיות (חוץ חולם און שרוק). די דאָזיגע סיסטעם, וואָס ווערט אָנגערופען „טבריאַנישע״, האָט צו ביסלעכווייז אַרויסגעשטופּט די באַבילאָנישע און איז פער-בליבען אין אַלגעמיינעם געברויך.

חוץ די נקודות פאַר די וואָקאַלען, זיינען אויך אויסגעאַרבייט געוואָרען צייכענס צו פערטאָפּלען די אותיות (דגש) און צו בעצייכענען די פערשיידענע אופנים פון אויסזאָגען, און פאַר די טראָפּ ביים לייענען די תורה פאַר׳ן עולם (טעמים, נגינה).

נאָכדעם ווי עס איז אויף אַזאַ אופן אויסגעפיהרט געוואָרען די ערשטע העלפט פון דער אויפגאַבע — די איינרעגולירונג פונ׳ם העברייאישען אלף-בית דורך וואָקאַלען, איז געוואָרען מעגליך צו פערווירקליכען אויך די אַנדערע העלפט: פונאַנדערשטעלען די צייכענס אינ׳ם טעקסט פון תנ״ך און אַיינשטעלען דורכדעם אַן איינהייטליכען אופן פון לייענען, וואָס אַלע זאָלען מוזען זיך האַלטען פאַר איהם. דאָ איז געקומען צו הילף די טראַדיציאָנעלע מסורה, וואָס האָט אָנגע-וויזען די אופנים פון לייענען אין אַלע מסופק׳דיגע ערטער.

אודאי האָט זיך ניט מיט אַמאָל איינגעגעבען אויסצוגלייכען צווישען אַנאַנד די סתירות אין די טראַדיציעס גופא פון דער מסורה; ס׳זיינען מסתמא געווען ניט ווינציג פלוגתות צווישען די געלערנטע, וואָס האָבען געהאַט ניט קיין גלייכע טראַדיציעס וועגען דעם אופן, ווי אַזוי מען בעדאַרף לייענען די אָדער יענע ווערטער פונ׳ם ביבלישען טעקסט. נאָר מיט דער צייט איז די זאַך איינגע-אָרדענט געוואָרען: אינ׳ם טעקסט פון תנ״ך האָט מען פונאַנדערגעשטעלט די

בקודות אויפ'ן סמך פון מסורה-סיסטעם. די לעצטע איז אויף אַזאַ אופן געוואָרען פון מסורה שבעל-פה אַ מסורה-שבכתב. זי איז געוואָרען פערפעסטיגט, פערעפענטליכט, פונקט ווי עס זיינען פריהער פערעפענטליכט געוואָרען די משנה און דער תלמוד.

דורכדעם, וואָס עס איז אַיינגעפיהרט געוואָרען דער ניקוד, הויבט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע אין דער ענטוויקלונג פונ'ם ביבעל-שטודיום און פון דער העברייאישער שפּראַך-וויסענשאַפט בכלל. דורכדעם איז דער תנ"ך געוואָרען צוטריטליך פאַר אַלע פאָלקס-שיכטען און עס איז אַ סך אויפגעטאָן געוואָרען פאַר זיין פערשפּרייטונג. דורכדעם איז מעגליך געוואָרען די בעאַרבייטונג פון דער העברייאישער גראַמאַטיק און לעקסיקאָגראַפיע. די דאָזיגע לימודים האָבען זיך אויסגעטיילט צום סוף פון דער תקופה פון די גאונים אין זעלבשטענדיגע וויסענשאַפטען — און זינט יענער צייט האָבען זיי פערנומען אַ חשוב'ען אָרט אין דער אידישער בילדונג אין מיטעלאַלטער. דאָס אַלץ האָט צוגעגרייט אַ באָדען פאַר דער אויפלעבונג פון דער העברייאישער שפּראַך, וואָס איז שוין לאַנג געווען אַרויסגעשטופּט פון לעבען און פון דער ליטעראַטור דורכ'ן אַרמישען און תלמודישען דיאַלעקט.

וואָס איז שייך צו דער מסורה, האָט איהר פערעפענטליכונג געהאַט סיי פּאָזיטיווע און סיי נעגאַטיווע רעזולטאַטען. פון איין זייט האָט זי בעזייטיגט דעם מנהג צו לייענען דעם טעקסט, ווי איטליכען איז געווען געפעלען, וואָס דערפון האָבען געקאָנט אַרויסקומען מיסברויכונגען, און האָט אַיינגעשטעלט אַן איינהייטליכען נוסח. נאָר פון דער אַנדער זייט — האָט די מסורה געקאָנט פעראייביגען אַ ניט-גענויעם נוסח אָדער אַפילו אָרטאָגראַפישע גרייזען אין ערטער, וואו עס איז פאַרהאַן אַ ספק, אָדער וואו די איבערשרייבער האָבען פערגרייזט, וואָרום זי האָט זיך געהאַלטען אָן דער טראַדיציע און ניט אָן דער וויסענשאַפטליכער קריטיק. אָט פאַרוואָס אַ סך ערטער פון ביבלישען טעקסט זיינען עד היום געבליבען אומקלאָר, און דער מאָדערנער קריטיק קומט אויס טיילמאָלס אָבצוואַרפען די טראַדיציע פון דער „מסורה", בכדי אַיינצושטעלען אַן אַנדער נוסח, וואָס שטימט מעהר מיט די כללים פון דער שפּראַך-וויסענשאַפט, מיט'ן לאָגישען פשט אָדער מיט די מסקנות פון דער היסטאָריע.

אַלגעמיינע וויסענשאַפטען; נסיעות.

§ 69. דער אַראַבישער „רענעסאַנס", וואָס האָט געפונען זיין אויסדרוק אין דער ענטוויקלונג פון דער וויסענשאַפט און ליטעראַטור ביי די מוסעלמאַנער פון באַגדאַדישען חאַליפאַט, איז ניט געבליבען אָהן אַ ווירקונג אויף אידען. צוגלייך מיט אַזעלכע, וואָס האָבען זיך אָבגעגעבען אינגאַנצען דער ספּעציעלער טעאָלאָגיע אָדער דער תלמודישער וויסענשאַפט, האָבען זיך בעוויזען מענשען, וואָס זיינען מיטגעריסען געוואָרען דורך דער אַלגעמיינער אינטעלעקטועלער בעוועגונג פון דער עפּאָכע און וואָס האָבען זיך דערנעהנטערט צו די

געבילדעטע אראבער אויפ'ן בֿאדען פון וועלטליכע וויסענשאַפטען. נאָך אַ גייסטיגער איינגעשלאָסענקייט אין משך פון פיעל דורות האָבען זיך די אידען ווידער אַמאָל ביז אַ געווויסען גראַד גייסטיג זיך אָנגעהויבען צוזופצוגייהען מיט דער „אויסווייניגסטער וועלט". עס האָט זיך אַזוי ווי איבערגע'חזר'ט די עפּאָכע פון דער אַלכּסנדרינישער אידיש-העלענישער קולטור. פּונקט ווי דעמאָלט האָבען די געבילדעטע אידען איבערגענומען די גריכישע שפּראַך, אַזוי האָט אויך איצט דער געבילדעטער טייל פון אידישען פאָלק איבערגענומען ביי די אַראַבער די ליטעראַטור-שפּראַך און האָט זיך בעטייליגט אין זייער גייסטיגער טעטיגקייט.

צוערשט בעשיידען און איינגעהאַלטען, און דערנאָך אַלץ דרייסטער און דרייסטער זיינען דיינקענדע אידען אַרויסגעטראָטען פון די „ד' אמות של הלכה" אויף דער ברייטער אַרענע פון דער אַלגעמיין-מענשליכער וויסענשאַפט. ס'איז געוואָרען גרעסער צווישען אידען די צאָהל אַסטראָנאָמען, מאַטעמאַטיקער, מעדיקער, פילאָסאָפען, און אַ סך אויסגעצייכענטע אידישע שרייבער האָבען אָנגעהויבען אַפילו צו שרייבען זייערע ווערק אויף אַראַביש. דער איד מאַשאַלאַ בן-אַטאַרי (813) איז געוואָרען מפורסם ווי אַן אַסטראָנאָם און אַסטראָלאָג. אַן אַנדער איד, סאַהל אַט-טאַבאַרי, אַ געבירטיגער פון טאַבאַריסטאַן ביים קאַספּישען ים (אַן ערך אין יאָהר 830), איז געווען בעוואוסט ווי אַ דאָקטאָר מעדיצין פון ערשטען ראַנג און ווי אַ מאַטעמאַטיקער; ער האָט איבערזעצט פון גריכיש אויף אַראַביש פּטאָלאָמיי'ס בעריהמט ווערק וועגען אַסטראָנאָמיע, וואָס האָט בעקומען ביי די אַראַבער דעם נאָמען „אַל-מעגיסטאַ". זיין זוהן אַבו-סאַהל עלי (835 — 853) האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ גרויסען בר-סמכא אין מעדיצין; נאָר שפּעטער האָט ער אָנגענומען דעם איסלאַם און האָט פערנומען אַ הויכע שטעל ביים הויף פון אַ חאַליף.

עס האָבען זיך מסתמא געטראָפען אויך אַזעלכע פאַלען, ווען אידען פלעגען זיך צו-פיעל אַריינלאָזען אין דער אַראַבישער קולטור, אַזוי אַז דאָס האָט זיי געפיהרט צו אַסימילאַציע און אַפילו צו שמד: דאָס זיינען שוין די אונאויסמיידליכע קרבנות פון די אויפקלערונגס-עפּאָכעס, בשעת פאַר אַ געוויסען טייל פון דער אידישער אינטעליגענץ פערשווינדט דער חילוק צווישען אייגענס און פרעמדס.

שפּעטער האָבען זיך אַרויסגערוקט אויפ'ן פעלד פון דער וועלטליכער וויסענשאַפט פערזאָנען, וואָס געהערען צו די גייסטליכע אַוטאָריטעטען פון אידישען פאָלק. רב סעדיה גאון, וואָס האָט זיך אַריבערגעקליבען פון מצרים קיין בבל, האָט זיך אויסגעצייכענט דורך אַן ענציקלאָפּעדישער בילדונג און האָט געשריבען זיינע בעסטע ווערק אויף אַראַביש (זעה ווייטער, § 71).

אַ וויסענשאַפטליך-פילאָסאָפישע בעוועגונג האָט זיך אַרויסגעוויזען אין אָנהויב פון X יאָהרהונדערט אין מצרים און אין די פּראָווינצען פון צפון-אַפריקע, וואָס האָבען דעמאָלט זיך געהאַט אָבגעטיילט פון באַגדאַדער חאַליפאַט און געבילדעט אַ זעלבשטענדיגע מלוכה (§ 59). די שטאָדט קיירואַן אין טוניס איז געוואָרען

איינער פון די הויפּטליכע גייסטיגע צענטרען פון די אַפריקאַנישע אידען. דאָ האָט געווירקט דער אידישער מעדיקער און פילאָסאָף יצחק ישראלי (אַן ערך צווישען 850 — 940), אַ געבּוירטיגער פון עגיפּטען. ער איז געווען לייבּדאָקטאָר בּיים הויף פוּנ׳ם עמיר אין קיירואַן, און אַז עובייד-אַלאַה, דער ערשטער פון דער דינאַסטיע פאַטימידען, האָט געגרינדעט אין צפון-אַפריקע אַ זעלבּשטענדיגען האַליפאַט (909), איז יצחק ישראלי איבּערגעגאַנגען דיענען צו איהם. ער האָט געהאַט אַ שם פאַר׳ן בּעסטען דאָקטאָר און האָט געהאַט אַסך תּלמידים, וואָס ער האָט פאַר זיי געלייענט לעקציעס וועגען מעדיצין. ער האָט אָנגעשריבּען אויף אַראַבּיש ביין ווערק איבּער מעדיצין, וואָס האָבּען געהאַט אַזאַ וויכטיגע וויסענשאַפטליכע בּעדייטונג (בּפרט דער חיבּור וועגען קדחת), אַז שפּעטער זיינען זיי געוואָרען איבּערזעצט אויף העבּרייאיש, לאַטייניש און צום טייל אויף שפּאַניש און האָבּען געדיענט אַלס לעהר-בּיכער פאַר דאָקטוירים אין מיטעלאַלטער. יצחק ישראלי האָט זיך אויך פערנומען מיט פילאָסאָפיע און האָט אָנגעשריבּען וועגען דעם עטליכע ווערק; פון זיי זיינען געבּליבּען בּעוואוסט אין דער לאַטיינישער און העבּרייאישער איבּערזעצונג צוויי: „וועגען בּעשטימונגען און בּעשרייבּונגען" (ספר הגבולים) און „וועגען די עלעמענטען" (ספר היסודות). אין דער פילאָסאָפיע איז ישראלי געוועזן אַריסטאָטעלעס׳עס אָנהייגער; זיינע ווערק האָבּען שפּעטער אויסגענוצט סיי די אידישע געלערנטע און סיי די מיטעלאַלטערליכע סכאָלאַסטיקער, למשל אַלבּערטוס מאַגנוס. יצחק ישראלי האָט געלעבּט זייהר לאַנג, אַן ערך הונדערט יאָהר.

פון זיינע תּלמידים איז בּעוואוסט דער דאָקטאָר דונש אבן-תּמים (אַן ערך צווישען 900 — 960), וואָס האָט זיך אויך פערנומען מיט פילאָסאָפיע און נאַטור-וויסענשאַפטען. אין דער קלאַסיפיקאַציע פון די וויסענשאַפטען, וואָס דונש האָט צונויפגעשטעלט, פערנעמען דעם נידעריגסטען אָרט מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע און מוזיק; דעם מיטעלסטען — נאַטורוויסענשאַפטען און מעדיצין, און דעם העכסטען אָרט — מעטאַפיזיק און טעאָלאָגיע. פון דונש׳עס ווערק זיינען גאַנץ געבּליבּען בּלויז פראַגמענטען פון אַ פּירוש צום מיסטישען „ספר יצירה", וואָס אַנדערע שרייבּען עס צו זיין רבּי׳ן יצחק ישראלי. די מיטעלאַלטערליכע שריפטשטעלער דערמאָנען אויך וועגען דונש׳עס אַ ווערק איבּער העבּרייאישער גראַמאַטיק.

אַ שוואַכען אָרט אין דער אַראַבּיש-אידישער וויסענשאַפט האָבּען געבּילדעט געאָגראַפיע און עטנאָגראַפיע, וואָס האָבּען בּכלל ניט געהאַט קיין וויסענשאַפטליכען בּאָדען אין מיטעלאַלטער, בּיז עס האָבּען זיך בּעוויזען די נייע אַסטראָנאָמישע און געאָגראַפישע ענטדעקונגען. די פאָרשטעלונגען וועגען ווייטע לענדער און וועגען זייערע איינוואוינער האָבּען זיך דעמאָלט געבּילדעט אויפ׳ן סמך פון ערצייהלונגען פון צופעליגע רייזענדער, וואָס האָבּען אָפטמאָלס צונויפגעמישט דעם אמת מיט אויסגעטראַכטע מעשיות.

צום סוף פון IX יאָהרהונדערט האָט איינער פון אַזעלכע רייזענדער, אלדד הדני, אויפגערודערט זיינע פאָלקסבּרידער דורך זיינע פאַנטאַסטישע

מעשיות וועגען לעבען פון די אידען אין ווייטע לענדער. ער האָט דערציילט, אַז אין מזרח־אַפריקע, אינ׳ם גאָלד־לאַנד חוילה אָדער כוש (עטיאָפּיען), זאָלען לעבען נאָך פיער שבטים פון די עשרת השבטים, וואָס זיינען פערלאָרען געוואָרען נאָכ׳ן אַנפאַל פון אשור: דן, נפתלי, גד און אשר; אַז זיי זאָלען דאָרט האָבען אַ זעלבשטענדיגע מלוכה און אַן אייגענעם קיניג; אַז זיי זיינען זייער מוטיג און פיהרען שטענדיגע מלחמות מיט די אַרומיגע שבטים; אַז זיי זאָלען האָבען די כתבי־הקדש און אַפילו די ספרי התלמוד אויף ריין העברייאיש; אַז זייערע רעליגיעזע מסורות האָבען זיי בעקומען פון יהושע בן־נון; אַז זיי ריידען נאָר אויף העברייאיש. אלדד גופא האָט זיך אַרויסגעגעבען פאַר אַ געבירטיגען פון יענעם צויבער־לאַנד, פון שבט דן, וואָס דערפון נעמט זיך זיין צונאָמען „הדני״. ער האָט גערעדט אויף דער שפּראַך פון זיינע ברידער; נאָר אַ סך ווערטער פון דער דאָזיגער שפּראַך זיינען געווען אומפערשטענדליך פאַר די צוהערער.

ווייטער האָט אלדד דערציילט פאָלגענדעס: הינטער דעם געביט פון די פיער שבטים געפינט זיך אַ לאַנד, וואָס איז אָבגעטיילט פון זיי דורכ׳ן טייך סמבטיון און וואו עס וואוינען לויים, וואָס קומען אַרויס פון משה רבנו, אונטער׳ן נאָמען „בני־משה״. דאָס איז אַ גליקליכע מדינה, און עס וואוינען דאָרט גליקליכע מענשען. די בני־משה וואוינען אין שיינע הייזער, האָבען פעלדער און סעדער, זיינען זיך עוסק אין דער תורה און האָבען אַריכות ימים. זיי זיינען אָבגעשניטען פון אַנדערע מענשען, וואָרום צו זייער לאַנד קאָן מען ניט צוקומען. דער טייך סמבטיון שטורמט און ברויזט זעקס טעג אין וואָך און וואַרפט אַרויס פייער, שטיינער און זאַמד, און נאָר אום־שבת רוהט ער. די שכנישע אייננוואוינער פון די פיער שבטים שמועסען זיך דורך מיט די בני־משה, שטייהענדיג אויפ׳ן ברעג טייך, אָדער שיקען צו זיי בריעף דורך טויבען.

די איבעריגע זעקס פון די עשרת־השבטים זאָל אלדד הדני, לויט ווי ער דערציילט, האָבען געזעהן אין די ווייטע לענדער פון אַזיען: אין קורדיסטאַן, אַרמעניען, אין לאַנד פון די חאַזאַרען, אַראַביען; אייניגע (ראובן, אפרים און דער האַלבער שבט משנה) זאָלען פיהרען אַ וואַנדער־לעבען פון בעדואינען, אַנדערע (ישכר, זבלון, שמעון און דער אַנדער האַלבער שבט מנשה) זאָלען פיהרען אַ פרידליכען ישוב־לעבען.

נאָך אַ סך זאַכען האָט אלדד דערציילט וועגען אַרט לעבען און וועגען די רעליגיעזע צערעמאָניעס פון די סודות־פולע אידען, וואָס וואוינען אין אומבעוואוסטע מדינות, וועגען זייערע אייגענע וואונדערליכע טרעפענישען און גבורות. אומעטום האָבען די אידען מיט חשק צוגעהערט זיך צו זיינע אויסטערלישע אויסגעטראַכטע מעשיות, און אייניגע פון זיי האָבען איהם אינגאַנצען געגלויבט, אַנדערע ווייטער זיינען געווען אַ ביסעל מסופק.

די אידען פון קיירואַן האָבען זיך געווענדעט צום גאון פון סורא ר׳ צמח בן חיים (אַן ערך אין יאָהר 890) מיט אַ שאלה, צי מען בעדאַרף גלויבען אין אלדד׳ס מעשיות וועגען די עשרת השבטים און ווי אַזוי קאָן מען ברייגגען אין הסכם

די דאָזיגע מעשיות מיט דער טראַדיציע. דער גאון האָט געענטפערט, אַז אויף דעם רייזענדערס ידיעות קאָן מען זיך בכלל פערלאָזען.

אלדד האָט געררייזט נאָך איבער בבל און שפּאַניען און דאָ האָט ער אויך דערציילט די אידען וועגען זיינע וואונדערליכע טרעפּעבנישען. זיינע מעשיות וועגען דער סודות-פולער אידישער מלוכה אויף די ברעגען פון טייך סמבטיון זיינען פערבליבען אינ'ם „ספר אלדד הדני", וואָס איז געווען זייהר פּאָפּולער אין מיטעלאַלטער.

מיסטיק און די ראַציאָנאַליסטען.

§ 70. די השפעה פון אַראַבישען געדאַנק אויפ'ן אידישען האָט זיך ענט-פלעקט ניט נאָר אויפ'ן פעלד פון די וועלטליכע וויסענשאַפטען, נאָר זי איז אריינגעדרונגען אסך טיעפער — אין דער טעאָלאָגיע און רעליגיעזער פילאָ-סאָפיע. ווי עס איז בעוואוסט, האָט זיך אין צווייטען יאָהרהונדערט פון דער מוסעלמאַנישער צייט געבילדעט צווישען די געבילדעטע מוסעלמאַנער אַ ראַציאָ-נאַליסטישע בעוועגונג, וואָס איהר צוועק איז געווען צו בעזייטיגען פון דער רעליגיע גראָבע מאַטעריאַליסטישע פאָרשטעלונגען. די דאָזיגע ראַציאָנאַליסטען, וואָס האָבען געהייסען מוטאַזיליטען, האָבען אָנערקענט, אַז גאָט איז אומ-בעדיינגט אַן אַבסטראַקטער עצם, האָבען אָבגעוואָרפען אַלע פיזישע אַטריבוטען (תכונות), וואָס מען שרייבט איהם צו, און די אַנטראָפּאָמאָרפיסטישע אויסדרוקען אין קאָראַן האָבען זיי אויסגעטייטש ווי מעטאַפאָרען. זיי האָבען זיך דערוועגט צו קריטיקירען דעם קאָראַן, וואָס איז אַ ווערק פון מענשען, און האָבען אַנט-קעגענגעשטעלט קעגען דער טעאָריע פון פאַטאַליזם די תורה וועגען פרייען ווילען.

די פריידיינקעריי פון די מוטאַזיליטען האָט אַרויסגערופען אַ שטאַרקע רעאַקציע אין די אָרטאָדאָקסאַלע קרייזען פון די מוסעלמאַנער. די אָרטאָדאָקסען, וואָס האָבען אויסגעטייטשט איטליכס וואָרט פון קאָראַן פשוטו כמשמעו, האָבען אָנגענומען אַלע זיינע אַנטראָפּאָמאָרפיזמען, האָבען צוגעשריבען גאָט מענשליכע תכונות, האָבען פערטיידיגט דעם פאַטאַליזם און האָבען זיך פערזונקען אָפט-מאָלס אין אַן איבערגעשפּאַנטען מיסטיציזם. די דאָזיגע טעאָלאָגישע וויכוחים, וואָס האָבען אַ לאַנגע צייט אויפגערודערט די מוסעלמאַנישע וועלט, האָבען געפונען אַן אָבקלאַנג אויך אין דער אידישער ליטעראַטור.

די אידישע ראַציאָנאַליסטען האָבען געלערנט אַז אַלע אויסדרוקען פון תנ"ך, וואו גאָט ווערען צוגעשריבען מענשליכע תכונות, בעדאַרף מען פערשטייהן נאָר ווי פּאָעטישע פערגלייכונגען אָדער אַלעגאָריעס, ווארום גאָט איז אַן אַב-סטראַקטער עצם, וואָס מען קאָן איהם ניט משיג זיין דורך די חושים. קעגען דער דאָזיגער ריכטונג, וואָס איז אינגאַנצען איינשטימיג מיט'ן אמת'ען גייסט פון דער יהדות, זיינען אַרויסגעטראָטען די שטרייגגע אָנהייגגער פונ'ם אות פון דער תורה, וואָס האָבען מורא געהאַט, אַז אויב מען וועט אויסטייטשען די תורה

אויף אַן אַלעגאָרישען אופן, וועלען אָנגעמאַכט ווערען חורבנות אין די כתבי-הקדש. נאָר בכדי אויסצומיידען דעם פאַרוואורף, אַז זיי זיינען מגשם אָדער פערמעגשליכען דעם בורא, האָבען זיי אייגעהילט זייערע פאָרשטעלונגען וועגען דעם עצם פון גאָט אין אַ געדיכטען נעפּיל פון מיסטיק און סימבאָליק. ס'איז ווידער אויפגעפרישט געוואָרען דער לימוד פון די „סתרי-תורה", וואָס זיין התחלה האָט זיך בעוויזען נאָך אין דער תקופה פון דער משנה (§ 8). די אָנהייגער פון דער דאָזיגער סודות-פולער תורה האָבען פאָרגעשטעלט די גאָטהייט אין אַ קערפּערליכער געשטאַלט, צוגעשריבען איהר אברים פון אַן אומגעהייערער גרייס, געשילדערט אויספיהרליך דעם הימעלשען היכל און דעם כסא-הכבוד פון גאָט, די כתות מלאכים, וואָס רינגלען איהם אַרום, מיט'ן מלאך מטטרון בראש, און האָבען זיך בכלל אַריינגעלאָזט אין די ווילדסטע פאַנטאַזיעס. זייערע ווערק האָבען די דאָזיגע מיסטיקער אַרויסגעגעבען פאַר שאַפונגען פון אַלטע אידישע חכמים, דהיינו פון די תנאים רבי ישמעאל און רבי עקיבא, וואָס זיי זאָלען האָבען די מלאכים ענטפּלעקט די סודות פון הימעלשען לעבען.

אַזוי האָבען אָנגעהויבען אומגייהן אין דער תקופה פון די גאונים די מיסטישע ביכער: „שיעור קומה", „ספר ההיכלות", „אלפא ביתא דרבי עקיבא" און אַנדערע. עטליכע פון זיי האָבען בעהאַנדעלט די סודות פון יענער וועלט, האָבען דערציילט וועגען גן-עדן און גיהנם, וואָס היילגע לייט זאָלען האָבען זיי געזעהן און שפּעטער בעשריבען („חבוט הקבר", „מעשה דר' יהושע בן לוי"). אַזעלכע ספרים האָבען פערשפּרייט אָבערגלויבענס צווישען פאָלק. מענשען, וואָס האָבען געוואוסט די סתרי-תורה, האָבען זיך גערעכענט ביים המון-עם פאַר הייליגע; מען האָט געגלויבט וועגען זיי, אַז זיי קאָנען בעווייזען מופתים, היילען קראַנק דורך השבעות, קמעות, פאָראויסזאָגען די צוקונפט.

פון דער דאָזיגער נאַאיווער ליטעראַטור פון פאַנטאַסטישע זעהונגען צייכענט זיך אויס דורך זיין טיעפערן מעטאַפיזישען אינהאַלט איין ספר, וואָס איז געוואָרען בעזונדערס אָנגענומען ביי די דעמאָלטיגע געלערנטע. דאָס איז דער אַנאָנימער „ספר יצירה" (בוך פון דער שאַפונג), וואָס גיט זיך אַרויס, אַז אין איהם זיינען אויפגעשריבען אַברהם אבינו'ס אַנטפּלעקונגען. אינ'ם „ספר יצירה" געפינט זיך זייהר אַ קאָמפּליצירטע רעליגיעז-מעטאַפיזישע סיסטעם, וואָס איז געגרינדעט אויף דער טעאָריע וועגען די „ספירות" אָדער שאַפונגס-קרעפטען, וואָס גייהען אַרויס פון דער גאָטהייט, און וועגען די 22 אותיות פונ'ם העברייאישען אלף-בית, וואָס פערזאָניפיצירען די „וועגען פון חכמה". איינאיינעם מיט טיעפע טעאָסאָפישע אידייען בעגעגענט מען דאָ גאַנץ טונקעלע פאָרשטעלונגען, וואָס דער שכל קאָן זיי ניט משיג זיין. פילונ'ס „עמאַנאַציע" איז דאָ אויסגעמישט מיט די אידייען פון די גנאָסטיקער. אין תלמודישע קרייזען האָט מען דעם „ספר יצירה" געהאַלטען פאַר זייהר אַלט; דער אויבענדערמאָנטער דונש בן תמים און אפילו דער בעריהמטער דיינקער ר' סעדיה גאון האָבען געשריבען פירושים אויף דעם דאָזיגען ספר. שפּעטער איז ער געוואָרען דער ווינקעל-שטיין פון דער מיטעל-אַלטערליכער קבלה.

אין דערזעלביגער צייט, וואָס די מיסטיקער האָבען פערטונקעלט דעם רעליגיעזען געפיהל דורך נעפּילדיגע פאָרשטעלונגען און אָבערגלויבענס, זיינען זייערע געגנער, די ראַציאָנאַליסטען, וואָס האָבען געשטרעבט צו פעראייניגען דעם גלויבען מיט׳ן פערשטאַנד, דערגאַנגען טיילמאָלס ביז צו פריידיינקעריי, וואָס האָט אַרויפגעיאָגט אַ שרעק אויף די אָרטאָדאָקסען. ס׳האָבען זיך בעוויזען פרייע דיינקער, וואָס האָבען זיך ערלויבט צו קריטיקירען ניט בלויז די בעשטימונגען פון די גאונים און די דינים פון תלמוד, נאָר אפילו אויך די טראַדיציעס פון דער תורה. אייניגע פון זיי האָבען אַפילו ניט געגלויבט, אַז די תורה איז מן השמים.

בראש פון די פריידיינקער איז אין דער ערשטער העלפט פון X יאָהרהונדערט געשטאַנען חוי אל בלכי (פון דער שטאָדט באַלק אין פערסיען), וואָס האָט אין זיין ווערק געבראַכט צוויי הונדערט טענות קעגען די ביבלישע טראַדיציעס. חוי האָט אָבגעלייקענט דעם מעמד הר-סיני, ווייל, לויט זיין מיינונג, פאַסט זיך עס ניט פאַר גאָט גרויסקייט; ער האָט בעהויפּטעט, אַז גאָט האָט ניט געקאָנט פערלאַנגען, מען זאָל איהם בויען מזבחות און ברייגנען קרבנות; ער האָט אויפגעדעקט סתירות אין תנ״ך און האָט דורכדעם בעוויזען, אַז ער איז ניט מן-השמים. די ניסים, וואָס וועגען זיי ווערט דערציילט אין תנ״ך, האָט דער דאָזיגער סקעפּטיקער ערקלערט אויף אַ נאַטירליכען אופן: קריעת-ים סוף האָט ער ערקלערט דורך דער פערפלייצונג און אָבפליצונג פון ים; דאָס, וואָס משה׳ס פּנים האָט געשטראַהלט און עס האָט זיך בעוויזען דער מן פון הימעל — איז אויך געקומען איבער נאַטירליכע סיבות.

חוי׳ס אַפּיקורסישע מיינונגען האָבען געפונען אָנהייגער און זיינען פערשפרייט געוואָרען אַפילו אין עטליכע אידישע עלעמענטאַר-שולען אין בבל. סיי די תלמודיסטען און סיי די קראים האָבען געקעמפט קעגען די דאָזיגע עקסטרעמע ערשיינונגען פון דער רעליגיעזער פריידיינקעריי. צווישען חוי׳ס ליטעראַרישע אָפּאָנענטען איז געווען אויך זיין גרויסער בן-דור ר׳ סעדיה גאון.

דאָס לעבען פון רב סעדיה גאון.

§ 71. רב סעדיה בן יוסף (892 — 942) פון פאַיום אָדער פיתום אין אויבער-עגיפּטען איז דער פאָרבילד פון אַ מיטעלאַלטערליכען אויפגעקלערטען דיינקער. ער האָט אַרומגענומען אין זיין גייסט די גאַנצע וועלטליכע און גייסטליכער בילדונג פון זיין צייט. ער איז געווען אַ גרויסער קענער פון תלמוד און פון דער גאַנצער אידישער ליטעראַטור און צוגלייך אַ בעדייטענדער פאָרשטייהער פון דער דעמאָלטיגער אַראַבישער בילדונג. דער פילאָסאָפישער געדאַנק האָט געלעבט אין איהם אינאיינעם מיט אַן אויפריכטיגען רעליגיעזען געפיהל. אויסגעצייכענט דורך הויכע זיטליכע מעלות, האָט ר׳ סעדיה גאון צוגלייך געהאַט אַ פעסטען כאַראַקטער, וואָס האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט דורכצופיהרען

אין לעבען זיינע רעליגיעזע און זיטליכע פרינציפען, ניט אָבטרעטענדיג אויף רעכטס אָדער אויף לינקס.

אַז ער איז אַלט געוואָרען צוואַנציג יאָהר, האָט ער פערפאַסט אַ קורצען ווערטערבוך פון העברייאיש, וואָס צו איהם האָט ער שפעטער צוגעגעבען די כללים פון דקדוק און דיכטקונסט („אגרון"). אין דריי יאָהר אַרום האָט ער אָנגעשריבען אויף אַראַביש אַ פּאָלעמיש ווערק קעגען די קאַראַאימען. דאָ האָט ר' סעדיה לאָגיש בעוויזען, אַז די ביבלישע יהדות קאָן ניט פערווירקליכט ווערען אָהן דער מסורה שבעל-פה, וואָס איז אַ הוספה צו איהר, וואָרום אַ סך חוקים פון דער תורה זיינען אויסגעדריקט ניט קלאָר, אָדער בלויז אין אַלגעמיינע שטריכען, און אַנדערע הויפּט-עיקרים פון דער רעליגיע (למשל, וועגען שכר-ועונש אויף יענער-וועלט און וועגען תחית-המתים) זיינען צוערשט פעסטגעשטעלט געוואָרען דורך דער תורה שבעל-פה.

דערנאָך האָט ר' סעדיה גאון גענומען אויף זיך נאָך אַ וויכטיגערע אַרבייט— צו איבערזעצען די ספרים פון תנ"ך אויף אַראַביש, מיט אַ גענויעם פירוש. דער צוועק פונ'ם דאָזיגען ווערק איז בעשטאַנען, ערשטענס, דערין, בכדי צו מאַכען דעם תנ"ך פערשטענדליך פאַר אַלע געבילדעטע שיכטען פון פאָלק, וואָס האָבען גערעדט אויף אַראַביש, און צווייטענס — בכדי צו ווירקען דורך אַ פערשטאַנדיגער אויסטייטשונג פון דער תורה-שבכתב סיי קעגען די השגות פון די קאַראַאימען און סיי קעגען די פערקעהרטע פאַרשטעלונגען פון די מיסטיקער.

ר' סעדיה'ס ענערגישע אָנפאַלען אויף דער שיטה פון די קאַראַאימען האָבען שטאַרק אויפגערודערט די גייסטיגע פיהרער פון דער דאָזיגער סעקטע. קעגען דעם יונגען „רבני" איז אַרויסגעטראָטען דער קאַראַאימישער געלערנטער סלמון בן-ירוחם, וואָס האָט געלעבט אין ארץ-ישראל (885 — 960). ער האָט אָנגעשריבען קעגען ר' סעדיה'ן און קעגען דער שיטה פון די תלמודיסטען אַ פּאָלעמישען ספר אין דער פאָרם פון אַ בריעף צו די קאַראַאימישע קהילות אין מצרים. אין איין צייט מיט סלמונ'ען זיינען אַרויסגעטראָטען קעגען ר' סעדיה גאון אויך אַנדערע קאַראַאימישע טעאָלאָגען. ס'האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט אַ פערביטערטער ליטעראַרישער קאַמף. ר' סעדיה גאון איז ניט געבליבען הינטערשטעליג און האָט צעקלאַפּט די טענות פון זיינע געגנער אין זיינע פּאָלעמישע בריעף.

אין דערזעלביגער צייט האָט ער אויך געאַרבייט אונערמידליך אויפ'ן פעלד פון דער וויסענשאַפט: ער האָט געשריבען סיי איבער שפראַך-וויסענשאַפט און סיי איבער תלמודישען רעכט, האָט איבערזעצט די משנה אויף אַראַביש און פערפאַסט אַ מבוא צום תלמוד.

ר' סעדיה'ס ליטעראַרישע ווערק און זיין קאַמף מיט די קאַראַאימען האָבען איהם געמאַכט אַ גרויסען פרסום ווייט אויסערהאַלב די גרעניצען פון מצרים. און דערפאַר, אַז עס איז פריי געוואָרען די שטעל פון ראש-ישיבה אין סורא, האָבען דער ריש-גלותא, דוד בן זכאי, און די קאָלעגיע געלערנטע בעשלאָסען

איינצולאַדען אויף דער דאָזיגער הויכער שטעל דעם בעגאַבטען עגיפּטישען גע-לערנטען, וואָס איז אַלט געווען ערשט 36 יאָהר (928). דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, אַז מען האָט בעשטימט פאַר אַ גאון אַ ניט-געבירטיגען פון בבל.

ר׳ סעדיה איז אָנגעקומען אין בבל מיט דעם אויפריכטיגען פערלאַנג זיך אָבצוגעבען אינגאַנצען צו דיענען דעם כלל-ישראל און מיטצוהעלפען דער הצלחה פון דער אַלטער ישיבה, וואָס צווישען איהרע ווענט האָט נאָך געשוועבט דער גייסט פון די בעשעפער פון תלמוד, דער גייסט פון רב און רב אשי. נאָר ווען ר׳ סעדיה האָט זיך צוגעקוקט נעהענטער צום געזעלשאַפטליכען לעבען פון די אידען אין בבל און צו די מדות פון די פיהרענדע קלאַסען, האָט דער גייסטיגער צענטער אַ סך אָנגעוואָהרען אין זיינע אויגען. די גאונות און די אַקאַדעמישע קאָלעגיעס האָבען לחלוטין ניט בעפרידיגט זייער הויכע בעשטימונג; אין די דאָזיגע אַנשטאַלטען האָבען געהערשט פאַלשקייטען און קליינע אינטריגעס. די רישי-גלותא האָבען געמוזט קויפען זייער ממשלה ביי די בעאַמטע פון באַגדאַ-דער חאַליפאַט און האָבען פון זייער זייט אַרויפגעלייגט אויפען פאָלק שווערע אָבצאָהלונגען, וואָס פלעגען אָפטמאָלס אויפגעמאָנט ווערען אויף אַ צוואַנגס-אופן, מיט דער הילף פון אַראַבישע בעאַמטע. ר׳ סעדיה גאון האָט, פערשטייהט זיך, ניט געקאָנט אַריבערטראָגען מיט אַ רוהיגען הארץ די מיסברויכונגען פון דער וועלטליכער מאכט. אין גיכען איז איהם גופא אויסגעקומען האָבען אַ צוזאַמענ-שטויס מיט׳ן ריש-גלותא דוד בן זכאי.

דער ריש-גלותא האָט געפסק׳עט עפּיס אַ גרויסען פּראָצעס וועגען אַ ירושה ניט לויט׳ן יושר און לויט׳ן געזעץ, נאָר לויט זיינע אייגעננוציגע סברות, און האָט געפאָדערט, אַז ביידע גאונים זאָלען זיך אונטערשרייבען אונטער דעם דאָזיגען פּסק-דין. דער גאון פון פומבדיתא ר׳ כהן-צדק האָט ערפילט דוד בן זכאי׳ס פאָדערונג און האָט אונטערגעשריבען זיין פּסק-דין; ר׳ סעדיה אָבער, אַלס גאון פון סורא, האָט זיך אָבגעזאָגט אונטערצושרייבען דעם ריש-גלותא׳ס פּסק-דין, מחמת ער איז אומגעזעצליך. האָט דער ריש-גלותא אַוועקגעשיקט צום גאון, וואָס האָט איהם ניט געוואָלט פאָלגען, אַ שטרייגען בעפעהל זיך אונטער-צוגעבען אָהן שום טענות, אויב ניט, האָט ער געשראָקען איהם אַראָבצוזעצען פון שטעל,— נאָר אויך דאָס האָט ניט געהאָלפען.

דעמאָלט האָט דער דערצאָרענטער ריש-גלותא ערקלערט, אַז ביי ר׳ סעדיה׳ן ווערט אָבגענומען דער טיטעל גאון, און האָט בעשטימט פאַר אַ ראש-ישיבה אין סורא אַן אַנדער געלערנטען. ר׳ סעדיה ווידער פון זיין זייט האָט אַרויפגעלייגט אַ חרם אויף דוד בן זכאי און איגאַיינעם מיט זיינע אָנהייגער האָט ער אויס-געראָפען פאַר אַ ריש-גלותא זיין ברודער, יאשיה חסאן. אויף אַזאַ אופן האָבען זיך געבילדעט אין בבל צוויי פיינדליכע פּאַרטייען: דוד׳ס און ר׳ סעדיה׳ס, וואָס איטליכע פון זיי האָט זיך געמיהט אַריבערצוציהען אויף איהר צד דעם חאַליף און די איינפלוסרייכע באַגדאַדער בעאַמטע. אַדאַנק אַ גרויסען שוחד האָט דוד בן זכאי׳ס צד גובר געווען ביים באַגדאַדער הויף. רב סעדיה, וואָס האָט אָנגע-

וואָהרען זיין טיטעל, האָט געמוזט פערלאָזען סורא, און דער ריש-גלותא, וואָס ער האָט בעשטימט, איז געוואָרען פערשיקט קיין כאָראַסאַן (933).

ר׳ סעדיה איז אַוועק קיין באַגדאַד און האָט געלעבט דאָרט אין אָבגעזונדערטקייט פיער יאָהר. ער האָט זיך איינגאַנצען אָבגעגעבען זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט: ער האָט געשריבען תלמודישע פאָרשונגען און רעליגיעזע שירים, ער האָט בעאַרבייט די „מסורה״, די טעאָריע פון לוח און פראַגען פון תפלות; ער האָט אָנגעשריבען אַפילו אַ פירוש צום קבלה-ספר „ספר-יצירה״. אינ׳ם דאָזיגען פירוש האָט ער זיך געמיהט צו בעשאַפען אויפ׳ן סמך פון זיינע אומקלאָרע, צווייידייטיגע הנחות אַ קלאָרערע טעאָסאָפיע מיט אַ פאַנטעאיסטישען אונטערשלאַק. צום ליעבסטען האָט ר׳ סעדיה זיך פערנומען מיט רעליגיעזער פילאָסאָפיע. אין די טרויעריגע יאָהרען פון זיין פערשיקונג האָט ער אָנגעשריבען אויף אַראַביש זיין בעסטען חיבור, וואָס האָט געמאַכט זיין נאָמען אומשטערבליך; דאָס איז דער רעליגיעז-פילאָסאָפישער טראַקטאַט „איבער די גלויבונגען און מיינונגען״ (אין דער העברייאישער איבערזעצונג הייסט ער: „ספר האמונות והדעות״), וואָס ענטהאַלט אַ סיסטעם פון דער פילאָסאָפיע פון דער יהדות.

דערוויילע איז געשטאָרבען דער חאַליף, וואָס האָט בעשטעטיגט דעם ריש-גלותא׳ס בעפעהל וועגען אַראָבזעצען ר׳ סעדיה גאון פון זיין שטעל אַלס ראש-ישיבה אין סורא — און ר׳ סעדיה׳ס צד האָט ווידער בעקומען די אויבערהאַנד ביים הויף. עס האָבען זיך געפונען עהרליך געזינטע מענשען, וואָס האָבען בעשלאָסען צו מאַכען אַ סוף פון דער שעדליכער מחלוקת צווישען דעם ריש-גלותא און דעם אַראָבגעזעצטען גאון. צווישען די פאָרשטייהער פון ביידע צדדים האָבען זיך אָנגעהויבען אונטערהאַנדלונגען, וואָס האָבען געבראַכט דערצו, אַז דוד בן זכאי און רב סעדיה גאון האָבען פייערליך געשלאָסען שלום מיט אַנאַנד אין באַגדאַד. ר׳ סעדיה איז ווידער אַרויפגעזעצט געוואָרען אויף זיין שטעל אַלס ראש-ישיבה און האָט זיך אומגעקעהרט צוריק קיין סורא.

נאָר די אויפרעגונגען, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטייהן, און די אָנגעשטרענגטע אינטעלעקטועלע טעטיגקייט האָבען צעשטערט זיין געזונט. רב סעדיה גאון איז געשטאָרבען אין יאָהר 942, 50 יאָהר אַלט.

רב סעדיה גאונ׳ס פילאָסאָפיע פון דער יהדות.

§ 72. דער הויפט-צוועק פון דער רעליגיעז-פילאָסאָפישער סיסטעם, וואָס ר׳ סעדיה גאון האָט געשאַפען, איז בעשטאַנען אין מאַכען שלום צווישען שכל און אמונה. ר׳ סעדיה האָט גענומען אויף זיך די דרייסטע אויפגאַבע, וואָס זינט פילון אַלכּסנדרוני׳ס צייטען האָט זיך קיינער ניט גענומען פאַר איהר — דאָס איז: איינפיהרען דעם פילאָסאָפישען געדאַנק אין דער יהדות. זיין אויפגאַבע איז געווען נאָך ברייטער פאַר פילונ׳ס. דער אַלכּסנדרינישער דיינקער האָט געוואָלט נאָר געפינען דעם פילאָסאָפישען זין פון דער ביבלישער יהדות; ר׳ סעדיה

גאון האָט געוואָלט טון דאָס אייגענע, הגם אין אַן אַנדער פאָרם, אויך בנוגע צו דער תּלמודישער יהדות.

ר׳ סעדיה איז אַרויסגעטראָטן קעגען צוויי עקסטרעמיטעטן, וואָס זיינען גלייך שעדליך פאַר׳ן אמת׳ן רעליגיעזן געפיהל: קעגען אָבערגלויבען פון די מיסטיקער און קעגען אומגלויבען פון די פריידיינקער. ער האָט ניט געהאַלטען פאַר ריכטיג די מיינונג, וואָס עס האָט אַרויסגעזאָגט דער אַראַבישער שריפט-שטעלער אַבול-אַלאַ, וואָס האָט געלעבט אין זיין צייט, אַז „עס זיינען פאַרהאַן נאָר צוויי מינים מענשען: אייניגע האָבען שכל, נאָר זיי גלויבען ניט; אַנדערע גלויבען, נאָר זיי האָבען קיין שכל ניט״. ר׳ סעדיה גאון איז געווען איבערצייגט, אַז אמת׳ע וויסענשאַפט פיהרט צו אמת׳ער פרומקייט און פערקעהרט. „מיין האַרץ טוט וויה — שרייבט ער אין דער הקדמה צו זיין ספר „האמונות והדעות״, — בשעת איך טראַכט וועגען עטליכע מינים פון פערשטאַנדיגע ברואים, און מיין נשמה איז פול מיט זאָרג איבער דעם גורל פון אונזער פאָלק, די קינדער ישראל. איך זעה אין אונזער צייט אַ סך גלויביגע מענשען, וואָס זייער גלויבען איז ניט געלייטערט און זייערע מיינונגען (דאָגמען) האָבען ניט קיין קלאָרקייט; (פון דער אַנדער זייט) זיינען אַ סך כופרים שטאָלץ דערויף, וואָס זיי מאַכען אַלצדינג צונישט, רעכענען זיך העכער פאַר מענשען מיט איבערציינגונגען, און אין דער אמת׳ען לעבען זיי גופא אין טעות. איך האָב געזעהן, ווי אייניגע טריינקען זיך אין אַ ים פון ספקות, און אַנדערע זיינען איינגעזונקען אין אַ שטרוים פון טעות׳ען, און ס׳איז ניטאָ קיין שווימער, וואָס זאָל זיי אַרויסציהען פונ׳ם דאָזיגען תהום. און היות ווי גאָט האָט מיך בעשאָנקען מיט עפּיס אַזוינס, וואָס וואָלט געקאָנט דיענען פאַר אַ שטיצע פאַר די דאָזיגע לייט, בכן האַלט איך פאַר מיין חוב צו זיין זיי נוצליך און אַרויפפיהרען זיי אויפ׳ן ריכטיגען וועג, הגם איך מוז זיך מודה זיין, אַז אויך מיין חכמה איז ניט פולקומען״.

רב סעדיה אָנערקענט דריי מקורים פון קענטעניש: א) דאָס וואָס מען זעהט, אָדער מען קאָן עס משיג זיין מיט די חושים; ב) דאָס אַבסטראַקטע, אָדער וואָס מען קאָן משיג זיין מיט׳ן שכל; ג) די קענטעניש פון אַזעלכע זאַכען, וואָס זייער עקזיסטענץ איז לאָגיש נויטווענדיג (למשל, די עקסיסטענץ פון דער נשמה, פונ׳ם שכל). מאמינים זיינען מוסיף צו די דאָזיגע דריי מקורים פון ער-קענטעניש נאָך אַ פערטען — די אַנטפלעקונג פון דער נבואה און די אמת׳ע מסורה, וואָס גייהט איבער פון דור צו דור. דער גלויבען אין ברייטען זין איז ניט קיין זעלבשטענדיגער מקור פון ערקענטעניש, נאָר אַ טייל פון דער ערקענ-טעניש דורך די חושים און דורכ׳ן פערשטאַנד: מיר גלויבען דערין, וואָס מיר זעהען עס ניט, נאָר וואָס זיין עקסיסטענץ איז נויטווענדיג לויט׳ן געזעץ פון קויזאַליטעט (מסובב און סיבה). ווייבאַלד אַז מיר זעהען די פעולות פון אַן אומבעוואוסטער קראַפט, מוזען מיר גלויבען אין דער עקסיסטענץ פון דער דאָזיגער קראַפט. בלויז אומבעגריגדעטע פאָרשטעלונגען וועגען אומ-זיכטבאַרע סיבות פון ערשיינונגען פיהרען צו אָבערגלויבענס, למשל די פאָר-שטעלונג, אַז לקוי לבנה זאָל קומען דערפון, וואָס אַ גרויסער לינדענוואָרם שלינגט

איין די לבנה. בכדי צו בעזייטיגען אזא לייכטגלויביגקייט, איז נויטיג אַ קלאָרער פילאָסאָפישער דיינקען. בלויז נאַרישע מענשען — זאָגט ר׳ סעדיה — האָבען מורא פאַר דער פילאָסאָפיע, מחמת זי פיהרט כלומר׳שט צו אפיקורסות און כפירה. דער פילאָסאָפישער געדאַנק, וואָס טרעט ניט אַריבער די גרעניצען פון געזונטען מענשען-פערשטאַנד, קאָן נאָר ברייגגען נוצען דעם גלויבען און אונטערהאַלטען די אמת׳ען פון דער תורה. גאָט האָט אונז געגעבען די תורה, און איהרע אמת׳ען זיינען לכתחילה איינגעשטעלט איין מאָל פאַר אַלע מאָל, נאָר אונזער שכל קאָן בעשטעטיגען די דאָזיגע אמת׳ען אויפ׳ן סמך פון לאָגישע מסקנות.

נאָך דער דאָזיגער אַלגעמיינער איינפיהרונג טיילט פונאַנדער ר׳ סעדיה אין צעהן אָבטיילונגען די יסודות פון זיין רעליגיעז-פילאָסאָפישער סיסטעם. אין דער ערשטער אָבטיילונג בעווייזט ער, אַז די וועלט האָט ניט עקסיסטירט אייביג אַדאַנק די קרעפטען, וואָס ליגען בעהאַלטען אין דער מאַטעריע גופא (ווי עס מיינען די מאַטעריאַליסטען), נאָר זי איז געוואָרען בעשאַפען אין אַ בעוואוסטען מאָמענט לויט׳ן רצון פונ׳ם בורא, וועלכער האָט אויך בעשאַפען די מאַטעריע. דער וועלט-בעשעפער איז, ביי דער גאַנצער פערשיידענאַרטיגקייט פון זיינע פעולות, אומבעדינגט א י נ א י נ צ י ג ע ר, אין זיין שאַפונגס-אַרבייט האָט ער געהאַט פאַר זיך אַ בעשטימטען צוועק (די צווייטע אָבטיילונג.)

די קרוין פון דער יצירה איז דער מענש, וואָס איהם איז געגעבען געוואָרען די פייהיגקייט צו דערקענען דעם אמת און אָבצושיידען גוטס פון שלעכטס, אַדאַנק דער פערשטאַנדיגער נ ש מ ה, וואָס ער פערמאָגט. נאָר די נשמה פיהלט בלויז אַ מטושטש׳ע בייגקשאַפט נאָך גאָט, זי איז דער מקור פון רעליגיעזע און זיטליכע בעוועגונגען בכלל, נאָר זי האָט אין זיך ניט קיין גענויע מאָס פאַר׳ן אמת און גוטס אין פראַקטישע טועכצען. דעריבער האָט גאָט בעדאַרפט געבען די מענשען די ת ו ר ה מ ס י נ י, דאָס הייסט, דעם סכום פון מצוות און חוקים, וואָס בעדאַרפען פיהרען די טעטיגקייט פון דער נשמה צו בעשטימטע גוטע רעזולטאַטען (דריטע אָבטיילונג).

דעם מענשען איז געגעבען געוואָרען אַ פ ר י י ע ר ו ו י ל ע ן: ער האָט די ברירה אָבצוהיטען די חוקים פון דער תורה אָדער עובר צו זיין אויף זיי; דערפון נעמען זיך די השגות וועגען פערדיענסט, וועגען מצוה און עבירה (4 — 5 אָבט.)

גוטע מעשים, וואָס זיינען געפעלען גאָט, לויטערן אויס און דערהויכען די נשמה; שלעכטע מעשים פערפינסטערן און פערפלעקען זי (זעקסטע אָבטיילונג).

דער זיטליכער יסוד, וואָס הערשט אין דער וועלט, פאָדערט, אַז די צדיקים זאָלען זיין גליקליך, און די רשעים זאָלען ליידען, דערפאַר וואָס זיי זיינען אַראָב פון אמת׳ען וועג. נאָר היות ווי אויף ד ע ר ו ו ע ל ט קאָן קיינער ניט בעקומען דעם פולען ש כ ר, וואָס איהם קומט, בכן ווערט דער גאַנצער שכר אָוועקגעגעבען ערשט א ו י ף י ע נ ע ר ו ו ע ל ט. דער טויט איז ניט דער סוף פון דער הויה (עקסיסטענץ), נאָר אַן איבערגאַנג צו אַ נייער עקזיסטענץ; די נשמות פון די צדיקים שוועבען אַרויף צו אַן אָרט פון גליק און רוה, און

די זינדיגע נשמות וואָגלען אַרום אין חלל פון דער וועלט. אַ ווייטערדיגע פּאַזיס פונ׳ם מענשענס עקסיסטענץ איז דער מאָמענט פון תחית המתים, וואָס איז פערבונדען מיט משיח׳ס קומען (אבט. 7—8).

תחית-המתים פערשטייהט ר׳ סעדיה גאון פונקט אַזוי, ווי דער תלמוד לערנט, דאָס הייסט, אַז עס וועלען אויפשטייהן אויך די גופים פון די געשטאָרבענע. אַז משיח וועט קומען, וועט אויף דער ערד אַיינגעשטעלט ווערען אַן אידעאַלע לעבענס-אָרדענונג.

דער לעצטער טייל פון רב סעדיה׳ס סיסטעם פערנעמט זיך מיט פראַגען פון עטיק. ס׳ווערט דאָ געמאַכט אַן אַנאַליז פונ׳ם מענשענס הויפּטליכע געפיהלען און תאוות, און עס ווערט בעוויזען, אַז סיי דאָס לעבען פון דער נשמה און סיי דאָס לעבען פונ׳ם גוף בעדאַרפען ווערען רעגולירט דורך בעשטימטע רעליגיעזע געזעצען, וואָס קאָנען אונטערהאַלטען אין זיי דעם גלייכגעוויכט און הארמאָניע.

ר׳ סעדיה גאונ׳ס רעליגיעז-פילאָסאָפישע סיסטעם האָט, פערשטייהט זיך, ניט געקאָנט ברייגגען די יהדות אין אַלע איהרע טיילען אין הסכם מיט׳ן פרייען פילאָסאָפישען געדאַנק; נאָר איהר האָט זיך בלי-ספק אַיינגעגעבען צו בעלייכטען דורכן שכל די גרונד-יסודות פון דער אידישער אמונה. זי האָט אַריינגעטראָגען די קלאָרקייט פון לאָגישען אַנאַליז אין יענעם געביט, וואו פריהער האָבען געהערשט בלויז מטושטש׳ע געפיהלען און שטרעבונגען. אין דער פערזאָן פון רב סעדיה גאון האָט די תלמודישע יהדות דאָס ערשטע מאָל אויסגעשטרעקט די האַנד דער פילאָסאָפיע, יענער „חכמת יונית״, וואָס זי האָט אַנומעלט לחלוטין פערוואָרפען. דאָס, וואָס ס׳איז ערלויבט געוואָרען פריי צו בעקלערען די רעליגיעזע דאָגמעס, האָט שוין פאַר זיך געהאַט אַן אומגעהייערע בעדייטונג פאַר דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון אידישען פאָלק.

ר׳ סעדיה׳ס סיסטעם בילדעט אַ ווענדפונקט אין דער אידישער געשיכטע. ביז יענער צייט פלעגט מען זיך בעגענוגען אָדער מיט׳ן פאַקטישען וויסען די רעליגיע, ד. ה. מיט שטודירען די געזעצגעבערישע טיילען פון תנ״ך און פון תלמוד, אָדער בענעמען זי מיסטיש. זינט רב סעדיה׳ס צייטען אָבער האָבען דיינקענדע מענשען אָנגעהויבען צו האַלטען פאַר אַ חוב אויך די דערקענטעניש פון דער רעליגיע, פון איהרע עיקרים און דינים, — אַ דערקענטעניש, וואָס ווערט דערגרייכט דורכ׳ן לאָגישען און פילאָסאָפישען דיינקען.

ר׳ סעדיה׳ס סיסטעם, נאָכדעם ווי זי איז אַריבערגעטראָגען געוואָרען אין די מערב-לענדער, האָט געגעבען אַ שטאַרקען שטויס דער גייסטיגער ענטוויקלונג פון די אידען אין דער אַראַבישער שפּאַניען. דער ספר „האמונות והדעות״ איז לכתחילה געוואָרען פערשפרייט אין אָריגינאַל, נאָר אין XII יאָהרהונדערט האָט דער שפּאַנישער געלערנטער ר׳ יהודה אבן-תבון איבערזעצט איהם אויף העברייאיש, און ער האָט בעקומען דערנאָך אַ גרויסען פרסום.

די ירידה פונ׳ם אינסטיטוט פון די רישי-גלותא און פון דער ישיבה אין סורא.

§ 73. דוד בן זכאי איז געווען דער לעצטער ריש-גלותא, וואָס האָט געהאַט אַ ברייטע, טיילמאָלס אַפילו אומבעגרעניצטע ממשלה איבער די אידען אין בבל. נאָך זיין טויט (אַן ערך אין יאָהר 940) לאָזט זיך דייטליך זעהן די ירידה פונ׳ם אינסטיטוט פון די רישי-גלותא. זיין זוהן און יורש, יהודה, האָט איבער-געלעבט זיין פאָטער בלויז אויף זיבען חדשים. דוד׳ס יונגען אייניקעל האָט צוגענומען צו זיך אויף האָדעווען רב סעדיה גאון. מיט ריהרענדער צערטליכ-קייט האָט דער גאון פון סורא געהאָדעוועט דעם אייניקעל פון זיין געוועזענעם געגנער און געלערנט מיט איהם. אַז ר׳ סעדיה איז געשטאָרבען, איז דער יונגער פּרעטענדענט געבליבען אָהן אַ שום שוץ.

די שטעל פונ׳ם ריש-גלותא איז, משמעות, געבליבען אַ לאַנגע צייט ליידיג. די שפּעטערדיגע רישי-גלותא, וואָס זיינען קוים בעוואוסט אַפילו לויט׳ן נאָמען, האָבען שוין ניט געשפּיעלט קיין שום ראָל אין אידישען געזעלשאַפטליכען לעבען.

אַז די ממשלה פונ׳ם ריש-גלותא איז שוואַכער געוואָרען, האָט אַ טייל פון זיינע פונקציעס געמוזט אַריבערגייהן צו די גאונים און צו די קאָלעגיעס געלערנטע פוןביידע ישיבות — נאָר אויך דאָ האָבען זיך בעוויזען טרויעריגע סימנים פון ירידה. די עלטסטע פון די ישיבות, די ישיבה פון סורא, האָט אָנגעוואָהרען איהר בעדייי-טונג נאָכ׳ן טויט פון רב סעדיה גאון. דער גאון, וואָס איז געווען נאָך ר׳ סעדיה׳ן, ר׳ יוסף בן יעקב, האָט ניט געקאָנט ראַטעווען די אַלטע ישיבה פון אונטער-גאַנג, וואָס האָט געמוזט קומען. ס׳איז קלענער געוואָרען די צאָהל פון די גע-לערנטע און פון די תלמידים אין סורא, ס׳זיינען ביז צום אויסערסטען קליין געוואָרען די הכנסות פון דער ישיבה, וואָס זיינען בעשטאַנען פון נדבות פון פערשיידענע קהילות. ס׳איז דערגאַנגען צולעצט אַזוי ווייט, אַז די בעריהמטע ישיבה, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען דורכ׳ן גרויסען אמורא רב און וואָס האָט עקסיסטירט מיט עטליכע הפסקות אַן ערך זיבען יאָהרהונדערטען, האָט געמוזט זיך פערמאַכען (אַן ערך אין יאָהר 948). די שטעל פון גאון פון סורא איז אויף אַ לייננגערער צייט אָבגעשאַפט געוואָרען. ס׳איז געבליבען נאָר די צווייטע ישיבה אין פומבדיתא.

די גאונים פון פומבדיתא מיט זייער קאָלעגיע געלערנטע האָבען נאָך אונטערגעהאַלטען אין משך פון איין יאָהרהונדערט דעם געוועזענעם אַווטאָרי-טעט פונ׳ם תלמודישען צענטער, די געוועזענע באַבילאָנישע העגעמאָניע. נאָר די העגעמאָניע איז אַלץ מעהר אַוועק פון דעם אידישען קבוץ אין בבל און איז געוואָרען אַריבערגעטראָגען קיין מערב, אין דער ווייטער אַראַבישער שפּאַניען.

איין טונקעלע לעגענדע פערשפּרייט עפּיס אַ רעטענישפולען ליכט אויף דעם דאָזיגען היסטאָרישען מאָמענט, דעם איבערגאַנגס-מאָמענט פון דער נאַציאָנאַלער

העגעמאָניע. פיער תּלמידי־חכמים זיינען געוואָרען געשיקט (פון בבל ?) צו די ווייטע אידישע קהילות מיט אַ שליחות צונויפצוקלייבען נדבות אויף אויסצוהאַלטען די אַקאַדעמישע פערזאַמלונגען אָדער „כּלה". נאָר דעם שיף, אויף וועלכען עס זיינען געפאָהרען אויפ׳ן מיטעללענדישען ים די דאָזיגע פיער משולחים, האָט געכאַפּט, ניט ווייט פון דער איטאַליענישער שטאָדט באַרי, דער אַראַביש־שפּאַנישער אַדמיראַל אבן־ראָמאַחיך, וואָס האָט דעמאָלט געפיהרט קריג מיט די קריסטען. די משולחים, וואָס זיינען געפאַנגען געוואָרען, זיינען אַוועקגעפיהרט געוואָרען אין פערשיידענע לענדער (אַן ערך אין יאָהר 955). איינעם פון זיי, ר׳ שמריה, האָט מען אַוועקגעשיקט קיין אַלכּסנדריא; דעם אַנדערן, מיט׳ן נאָמען ר׳ חושיאל, האָט אויסגעקויפט פון געפאַנגענשאַפט די אידישע קהילה פון קיירואַן אין צפון־אַפריקע; דעם דריטען ר׳ משה מיט זיין זוהן ר׳ חנוך האָט מען אַוועקגעפיהרט קיין קאָרדאָווא, דער הויפּשטאָדט פונ׳ם שפּאַנישען חאַליפאַט, און די אָרטיגע אידען האָבען איהם אויסגעקויפט; וועגען פערטענס נאָמען, ווי אויך וועגען זיין סוף — איז גאָרנישט ניט בעוואוסט. די דאָזיגע געלערנטע האָבען זיך פערנומען מיט פערשפּרייטען די תּלמודישע וויסענשאַפט אין יענע געגענדען, וואו דער מזל זייערער האָט זיי פערוואָרפען. אַדאַנק זייער טעטיגקייט האָבען די אידישע קהילות פון אַפריקע און שפּאַניען ניט בעדאַרפט זיך ווענדען צו די ישיבות פון בבל מיט זייערע שאלות אין רעליגיעזע ענינים.

דער אונאויסמיידליכער גאַנג פון די געשעהענישען האָט געבראַכט דערצו, אַז בבל, וואָס האָט אין משך פון אַזוי פיעל יאָהרהונדערטען געהאַט די גייסטיגע העגעמאָניע פון אידישען פאָלק, האָט אָנגעהויבען אָפּצוטרעטען דעם ערשטען אָרט פאַר אַנדערע לענדער, וואו די אידישע בעפעלקערונג האָט דערגרייכט צו אַ בעדייטענדער קאָנצענטראַציע. דער ערשטער צווישען די נייע צענטרען איז געוואָרען שפּאַניען, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער ממשלה פון די אַראַבער.

פערטער קאפיטעל.

די אידען אין מערב-אייראפע און מזרח-אייראפע (VII—X יאהרה. מיטעל אייראפע אונטער די קאראלינגער.

מיטעל-אייראָפּע אונטער די קאראָלינגער.—שפּאניען אונטער די וועסטגאָטען און אראבער.—ביזאנץ.—די אידען אין דרומית-מזרחית פון אייראָפּע.—די מלוכה פון די כוזרים (כאזארען).

מיטעל-אייראָפּע אונטער די קאראָלינגער.

§ 74. אין יענער עפּאָכע, בשעת אין די מזרח-לענדער זיינען די אידישע קבוצים פעראייניגט און געשטארקט געוואָרען אין דער אוניווערסאלער מאָנארכיע פון אראבישען חאליפאט, האָבען זיך אין די מערב-לענדער געשטארקט די אידישע קהילות אין דער אימפּעריע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען דורך קארל דעם גרויסען. דער דאָזיגער מאָנארך (768—814), וואָס האָט געשאפען פונ'ם כאאָס פון די האלב-בארבארישע מלוכות פון מיטעל-אייראָפּע אָן אָרגאניזירטע אימפּעריע, האָט געזאָרגט ניט בלויז וועגען דער מיליטערישער מאכט און וועגען „רוהם פון דער קירך", נאָר אויך וועגען אויפהויבען די קולטור און דעם עקאָנאָמישען וואוילשטאנד פון די פעלקער, וואָס ער האָט רעגירט איבער זיי. ער האָט געהאט אַ געניג ניכטערן קוק אויף די אויפגאבען פון דער פערוואלטונג, בכדי זיך ניט אונטערצוגעבען וואָסער עס איז איינזייטיגער פּאָליטיק, אשטייגער—דער קירכען-פּאָליטיק, וועלכע האָט ביז אהער אויסגענוצט אַ סך פון די פריהערדיגע וועסט-גאָטישע און מעראָווינגישע מלכים, ווי בלינדע געצייג. קארל דער גרויסער האָט אויך געמוזט בעמערקען, וואָס פאר אַ גרויסע טובות עס האָט געטאָן דער מלוכה די ענערגישע, ארבייטזאמע און ניכטערע אידישע בעפעלקערונג.

די אידען זיינען דעמאָלט געווען די הויפּט-בעוועגער פונ'ם וועלט-האנדעל; דאָס איז געווען מחמת זייער מצב צווישען די פעלקער און מחמת דעם שטענדיגען פערקעהר, וואָס האָט עקסיסטירט צווישען די אידישע קהילות פון די ווייטע לענדער. לויט ווי עס דערציילט אַן אראבישער שרייבער פון יענער צייט, האָבען די אידישע סוחרים גערעדט אויף לאטייניש, פראנקיש, שפּאניש, אראביש, פּערסיש און סלאוויש. זיי האָבען גערייזט איבער דער יבשה און איבער'ן ים,

פון מערב קיין מזרח און צוריק. פון אייראָפּע פלעגען זיי אַרויספיהרען זיידענס, פעל, געוועהר און שקלאַפען; אויפ׳ן מיטעללענדישען ים פלעגען זיי פאָהרען ביז עגיפטען (דער ערד-פּאַס פון סועץ), דאָרט פלעגען זיי אַרויפלאָדען זייערע סחורות אויף משא-בהמות און פלעגען פאָהרען דערנאָך אויפ׳ן רויטען ים (ים-סוף) ביז אַראַביען און אינדיען. צוריק צוועגס פון אַזיען פלעגען זיי פיהרען אַלאָע, צימערינג, מאָשוס און אַנדערע אָרטיגע פּראָדוקטען און פלעגען פאָהרען — איינע קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און אַנדערע — אין לאַנד פון די פראַנקען.

קאַרל דער גרויסער האָט אונטערשטיצט די דאָזיגע האַנדעלס-אונטער-נעמונגען. ער האָט ערלויבט די אידען צו האַנדלען, זיך צו פערנעמען מיט שיפעריי, צו קויפען נחלאות און דינגען קריסטען פאַר אַרבייטער, בתנאי זיי זאָלען זיי ניט צווינגען צו אַרבייטען אום זונטאָג. די דעמאָלטיגע געזעצגעבונג פון דער אימפעריע האָט צום טייל אייגעגולירט די יורידישע לאַגע פון די אידען: ס׳איז אייגעשטעלט געוואָרען די אָרדענונג, ווי אַזוי אידען דאַרפען ווערען געמשפט אין די אַלגעמיינע געריכטען, און דער נוסח פון דער שבועה, וואָס אידען בעדאַרפען שווערען אין פּראָצעסען מיט קריסטען; אין פּראָצעסען פון אידען צווישען זיך האָט מען די צדדים געלאָזען דאָס רעכט „זיך צו פערטיידיגען לויט זייער אייגענעם געזעץ”.

שאַצענדיג הויך די אידען אַלס פערמיטלער אין אינטערנאַציאָנאַלען האַנ-דעל, האָט קאַרל דער גרויסער אויסגענוצט איינעם פון זיי אויך צוליעב אַ דיפּלאָמאַטישען עסק. צווישען דער בעוואוסטער געזאַנדשאַפט, וואָס קאַרל האָט געשיקט צום באַגדאַדער חאליף האַרון אַר-ראַשיד, האָט זיך געפונען אַ איד מיט׳ן נאָ-מען יצחק; נאָכדעם ווי ער איז צוריקגעקומען פון באַגדאַד, האָט קאַרל איהם אויפ-גענומען אין דער שטאָדט אַכען אויף אַן אודיענץ, און ער האָט איהם איבערגע-געבען דעם חאַליפ׳ס מתנה (797 — 802).

אַן אַלטע אידישע טראַדיציע דערצייהלט, אַז, לויט׳ן קייזערס בקשה, זאָל האַרון אַר-ראַשיד האָבען געשיקט פון בבל קיין פראַנקרייך אַ געלערנטען תלמודיסט רבי מכיר, וואָס איהם האָט מען אַוועקגעשטעלט אַלס אָפיציעלען מנהיג פון דער אידישער קהילה אין נאַרבאָנאַ, און ער האָט געגרינדעט דאָרט אַ ישיבה. די דאָזיגע טראַדיציע איז, ווי עס ווייזט אויס, געגרינדעט אויפ׳ן פאַקט פון׳ם גייסטיגען פערקעהר צווישען די אידישע קאָלאָניעס אין אייראָפּע און דעם לאַנד פון די גאונים.

לויט אַן אַנדער לעגענדע, זאָל קאַרל האָבען אַריבערגעפיהרט פון דער איטאַליענישער שטאָדט לוקאַ קיין מאַינץ די אידישע געלערנטע משפחה פון די קלונימוס׳עס. דאָס האָט געקאָנט ווערען אַרויסגערופען דורכדעם, וואָס עס האָבען געפעהלט אידישע געלערנטע אין דייטשלאַנד און ווייל דער קייזער האָט געוואָלט איינאָרדענען דאָרט דאָס לעבען פון די אידישע קהילות.

אויף אַזאַ אופן איז אין דער צייט פון קאַרל דעם גרויסען פערגעזעצ-ליכט און פערפעסטיגט געוואָרען די לאַגע פון די אידישע קהילות אין די דריי

מלוכות, וואָס האָבען געהערט צו זיין אימפעריע: **פראַנקרייך, דייטש-לאַנד און אויבער-איטאַליען.**

אין דער צייט פון קאַרל׳ס יורש, **לודוויג דעם פרומען** (814–840) האָט זיך דער מצב פון די אידען ניט אומגעביטען. דער דאָזיגער גוטהאַרצי-גער מאָנאַרך, הגם ער איז געווען שטאַרק צוגעבונדען צו דער תורה פון דער קירך, פונדעסטוועגען האָט ער ניט ערלויבט די פאַנאַטיקער פונ׳ם קאַט׳ליציזם צו בעגרעניצען די בירגערליכע רעכט פון די אידען. ער האָט ערלויבט די אידען, קעגען די אַלטע קאַנאָנישע כללים, צו האַלטען ביי זיך, צוליעב אינדוסטריעלע אַרבייטען, קריסטליכע אַרבייטער; ער האָט פערבאָטען אָבצונעמען ביי זיי היידנישע שקלאַפען מיט׳ן אויסרייד זיי צו שמד׳ען. די אידען האָבען געקאָנט זיך פער-נעמען פריי מיט אויספוהר-און איינפוהר-האַנדעל, און דערפאַר האָבען זיי גע-מוזט צאָהלען דער מלוכה אַ גרעסערע אָבצאָהלונג, איידער די קריסטען. די הוכרים פון די אָבצאָהלונגען זיינען אויך געווען אידען, וואָס האָבען אויף אַזאַ אופן, קעגען די קירכליכע געזעצען, בעקומען אַ געוויסע מאַכט איבער די קריס-טען, וואָס האָבען בעדאַרפט צאָהלען שטייערן. איינצעלנע איינפלוסרייכע אידען פלעגט מען אַרויסגעבען בריעף וועגען דעם, אַז זיי געפינען זיך אונטער דעם קייזערס שוץ. בכדי צו געבען השגחה, עס זאָלען ניט אָנגעריהרט ווערען די רעכט פון די אידען, איז געוואָרען בעשטימט אַ בעזונדער בעאַמטער מיט׳ן טיטעל „דער עלטסטער איבער די אידען" (מאַגיסטער יודעאָרום).

די פערשיידענאַרטיגע פראָדוקציאָנס-טעטיגקייט פון די אידען האָט זיי זייהר אָפט געבראַכט אין בעריהרונג מיט קריסטען, וואָס האָבען זיך בכלל בעצויגען צו זיי פריינדליך. דער פערקעהר צווישען די פאָרשטייהער פון די פערשיידענע אמונות האָט זיך איינגעשטעלט אויך אויפ׳ן רעליגיעזען באָדען: קאַטויליקען פון דער העכסטער געזעלשאַפט פלעגען ניט זעלטען בעזוכען שולען און האָבען גערן געהערט די דרשות פון די אידישע דרשנים.

די דאָזיגע דערנעהענטערונג צווישען קריסטען מיט אידען האָט זייהר בע-אומרוהיגט די אָנפיהרער פון דער קלעריקאַלער פאַרטיי אין פראַנקרייך. דער ביסקופ פון ליאָן אַגאָבאַרד, וואָס איז געווען אַ הייסער פאַנאַטיקער פון דער קירך, האָט אָנגעהויבען ענערגיש צו אַגיטירען קעגען די פערהאַסטע אידען. לכתחילה האָט ער געפרובט ווירקען אויפ׳ן קייזער דורך די פאָרשטייהער פון דער קלע-ריקאַלער פאַרטיי ביים הויף און האָט זיי צוגערעדט אין זיין בריעף, זיי זאָלען זיך משתדל זיין, מען זאָל בעגרעניצען די רעכט פון די אידען אינ׳ם גייסט פון די קירכליכע קאַנאָנס. נאָר דער קייזער האָט ניט געקוקט אויף די דאָזיגע פאַלשע גיינג.

דעמאָלט האָט אַגאָבאַרד אָנגעהויבען אויפצוועקען דאָס פאָלק קעגען אידען דורך פיינדליכע דרשות, וואָס מען האָט געהאַלטען אין אַלע קירכען פון דער ליאָנער עפּאַרכיע. אַרויסשטעלענדיג די אידען אַלס קריסטוס׳עס **פיינד,** פלעגט אַגאָבאַרד זאָגען: „ווער עס איז מיט אַן אמת איבערגעגעבען קריסטוס׳ן

און האָט איהם ליעב, דער וועט ניט דערלאָזען, אַז עמיצער זאָל פערשוועכען זיין נאָמען, און אַפשיטא שוין, אַז ער וועט מיט אַזאַ מענשען ניט פיהרען קיין פריינדשאַפט אָדער נעמען אַן אָנטייל אין זיין סעודה". אויפ'ן דאָזיגען סמך איז, לויט דער מיינונג פון ליאָנער פאַנאַטיקער, אַזינד פאַר די וואָס גלויבען אין קריסטוס'ן, צו פיהרען פריינדשאַפט מיט אידען, וואָס גלויבען ניט אין איהם. אַרומפאָהרענדיג איבער זיין עפאַרכיע, פלעגט אַגאָבאַרד איינריידען דער בעפעלקערונג, אַז מען מוז איבעררייסען יעדע מגע-ומשא מיט די אידען, וואָרום „עס פאַסט ניט, אַז די זיהן פון דער ליכטיגקייט זאָלען זיך פערפלעקען דורכ'ן פערקעהר מיט די זיהן פון פינסטערניש, און אַז די ריינע און כשר'ע יונגע קירך, וואָס גרייט זיך צו אַריינפאַלען אין די אָרעמס פונ'ם הימעלשען חתן, זאָל אַריינטרעטען אין אַבונד מיט דער פערשוועכטער, אַלטער און פערוואָרפענער סינאַגאָגע".

די העצערישע רייד פונ'ם ליאָנער ביסקופ וואָלטען געקאָנט ברייגען צו זייער טרויעריגע רעזולטאַטען פאַר די אידען, ווען דער קייזער און עטליכע שרים וואָלטען ניט אַיינגעהאַלטען דעם ווילדען אימפעט פון דעם דאָזיגען פאַנאַטיקער. דער קייזער האָט בעפויהלען שריפטליך, און דערנאָך אויך מונדליך, דורכן „אידישען עלטסטען" עבערהאַרד, אַז אַגאָבאַרד זאָל אָבשטעלען זיינע אָנפאַלען אויף אידען. די ליאָנער אידען האָט מען צוגעשיקט שוץ-בריעף פון קייזער (826).

נאָר אַגאָבאַרד האָט זיך ניט בערוהיגט. ער האָט ניט אויפגעהערט אין זיינע בריעף צו דער גייסטליכקייט צו אַגיטירען, מען זאָל ווידער אַיינפיהרען די שטרייגע קאַנאָנישע געזעצען, וואָס האָבען פערבאָטען די קריסטען צו קומען אין מגע-ומשא מיט די אידען בנוגע צו וואוינונג, עסען און טרינקען. צוליעב דעם דאָזיגען צוועק איז אין יאָהר 827 פאָרגעקומען אין ליאָן אַבעראַטונג פון ביסקופען, וואָס האָט בעשלאָסען זיך צו ווענדען צום קייזער מיט אַפאַסטאָרען-בריעף און צו בעווייזען איהם, ווי זינדיג און געפעהרליך עס איז צו שיצען „די אומגלויביגע". דער דאָזיגער בריעף, וואָס איז אונטערגעשריבען פון אַגאָבאַרד'ן און נאָך צוויי ביסקופען, טראָגט דעם טיטעל: „וועגען די אידישע אָבערגלויבענס"; ער קאָן דיענען פאַר אַמוסטער פון דער מיטעלאַלטערליכער קירכען-פאָליטיק בנוגע צו די אָנהייגער פון אידישקייט.

לודוויג האָט זיך ניט צוגעהערט און ניט געגעבען קיין שום בעדייטונג צו די נייע אידענפיינדליכע גיינג. דער קייזער האָט ניט אויפגעהערט אַרויסצווייזען זיין חסד צו די אידען אַפילו דעמאָלט, בשעת זיין געליעבטער גייסטליכער, דער דיאַקאָן באָדאָ, האָט אָנגענומען דעם אידישען גלויבען, חתונה געהאַט מיט אַאידישער פרוי און זיך בעזעצט אין סאַראַגאָסאַ, אין שפאַניען, ווי ער האָט זיך אַנאָמען געגעבען אלעזר (839). דער פרומער קייזער האָט זיך מצער געווען דעריבער, וואָס דער בעסטער זוהן איז אַוועק פון דער קירך, צו ער האָט [illegible]רין ניט אַיינגעזעהן קיין סיבה אויפצוהויבען דעריבער רדיפות

אויף אידען, וואָס בלויז זייער שכנות איז, לויט אַגאָבאַרד׳ס מיינונג, אַ סכנה פאַר׳ן קריסטליכען גלויבען.

די לאַגע פון די אידען אין פראַנקרייך, דייטשלאַנד און אויבער-איטאַליען איז געוואָרען אומזיכערער אין דער צייט פון לודוויג דעם פרומענס יורשים, וואָס האָבען צעטיילט צווישען זיך קאַרל דעם גרויסענס אימפעריע. לויט דעם אָבמאַך אין ווערדען פון יאָהר 843 איז פראַנקרייך אויסגעפאַלען אויפ׳ן חלק פון לודוויגס זוהן, קאַרל דעם פליכעדיגען, איטאַליען און לאָטרינגען—לאָטאַר דעם I-טען, און דייטשלאַנד — לודוויג דעם דייטשען. ס׳איז צעבּרעקעלט געוואָרען ניט בלויז די טעריטאָריע פון דער אימפעריע, נאָר אויך די פּאָליטישע ממשלה גופא, ווארום די פעאָדאַל-סיסטעם, וואָס איז אַלץ שטאַרקער געוואָרען, האָט שוואַכער געמאַכט די מאַכט פון די מלכים און האָט געפיהרט צו אַדמיניסטראַטיווער דעצענטראַליזאַציע.

אין דערזעלבער צייט, וואָס די וועלטליכע מאַכט איז צעבּרעקעלט גע-וואָרען, האָבען די קרעפטען פון דער גייסטליכקייט זיך קאָנצענטרירט. קעגען דער פעדעראַטיווער רעגירונג איז געשטאַנען אַ צענטראַליזירטע און פעראייניגטע אָרגאַניזאַציע פון דער קירך, וואָס האָט ניט געוואוסט ניט פון קיין טעריטאָריעלע און ניט פון קיין אַדמיניסטראַטיווע אייטיילונגען. און עס איז ניט שווער געווען פאָראויסצוזעהן, אויף וועמענס צד ס׳וועט בלייבען דער נצחון.

אין יאָהר 845 האָט מען צונויפגערופען אין מאָ, ניט ווייט פון פּאַריז, אַ פערזאַמלונג פון גרויסע גלחים. די פערזאַמלונג האָט בעשטימט פאָרצולייגען דעם קייזער אַ גאַנצע רייה זייהר בעגרעניצענדיגע און ערנידעריגענדיגע געזעצען פאַר אידען, וואָס זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען אויפ׳ן סמך פון געוויסע עדיק-טען פון די ביזאַנטינישע קיסרים און פון די החלטות פון די קירכען-פערזאַמ-לונגען פאַר דער צייט פון די מעראָווינגער און וועסטגאָטען (§§ 53, 55). קאַרל דער פליכעדיגער האָט נאָך פערמאָגט אויף אַזוי פיעל פּאָליטישען טאַקט, בכדי אָבצוואַרפען די דאָזיגע פאָרשלאָגען פון פערבלענדטע פאַנאַטיקער, וואָס האָבען געשטרעבט צו אונטערוואַרפען די גאַנצע בירגערליכע אָרדענונג זייערע קאַסטען-אינטערעסען.

קאַרל איז בכלל ניט געווען פיינדליך געשטימט אַנטקעגען די אידען. זיין לייב-דאָקטאָר איז געווען אַ איד צ ד ק י ה, וואָס דער אָבערגלויבישער המון עם און די מאָנאַכען האָבען געקוקט אויף איהם, ווי אויף אַ מכשף און שוואַרצקינסטלער.

נאָכדעם ווי ס׳האָט זיך ניט איינגעגעבען דער קירכען-פערזאַמלונג אין דורכצופיהרען אין לעבען איהרע החלטות, האָט די גייסטליכקייט זיך אַלץ ניט בערוהיגט: זי האָט ניט אויפגעהערט אונטערצוהעצען די רעגירער און דאָס פאָלק קעגען די אידען, האָט פונאַנדערגעבלאָזען דעם פייער פון רעליגיעזען פאַנאַטיזם און האָט צוגעגרייט אַ באָדען פאַר אַ בלוטיגער צוקונפט.

אַגאָבאַרד׳ס געטרייער תלמיד אַ מ אָ ל אָ, וואָס איז געווען אַרכי-ביסקופּ

ליאָן נאָך איהם האָט ווידער אויפגעפרישט די אַגיטאַציע קעגען אידען. אין יאָהר 846 האָט ער אָנגעשריבען דעם בוך „קאָנטרא יודעאָס" (קעגען אידען), וואו ער האָט געשילדערט מיט העלע פאַרבען די סכנה, וואָס אויף איהר קאָנען זיך ריכטען די קריסטליכע פעלקער און זייער אמונה מצד די אידען. אין ליאָן און אַנדערע ערטער, פערזיכערט דער מחבר, היטען ניט אָב די קריסטען, וואָס דיענען ביי אידען, זייערע חגאות און פאַסט-טעג, זיי ארבייטען אום זונטאָג און רוהען אום שבת; די אידען זאָלען מאַכען חוזק פון דער דאָגמע וועגען גאָטס זוהן, פאָרשטעלען אין אַן אומגעלומפערטער געשטאַלט די תורה פון קריסטוס און פון די אַפאָסטעלן, זיי רופען אָן די לעצטע „אָבטריניגע" און פיהרען אַראָב דורכדעם פון וועג ניט בלויז אומוויסענדע מענשען, נאָר אויך די געלערנטע דיענער פון דער קירך, ווי עס בעווייזט דער ביישפיעל פונ'ם דיאַקאָן באָדאָ, וואָס איז געוואָרען אַ איד. ווייטער דערקלערט אַמאָלאָ, אַז אין זיין עפּאַרכיע האָט ער שוין אָנגענומען אַ רייה מיטלען אויף אָבצוזונדערן די קריסטען פון די אידען, אַזוי ווי עס בעדאַרף זיין לויט די קריסטליכע געבאָטען; ער רופט אויך די אַנדערע ביסקופען, זיי זאָלען ווירקען אויף די מלכים און פעאָדאַלע פירשטען אינ'ם זעלביגען זין. מען מוז דערמאָנען די רעגירער, אַז זיי טראָגען אויף זיך די אחריות פאַר גאָט ניט נאָר בנוגע צו די גלויביגע זיהן פון דער קירך, נאָר אויך בנוגע צו די „אומגלויביגע". גאָט וועט פאָדערן פון די רע-גירער אַ דין-וחשבון: וואָס האָבען זיי געטאָן צוליעב דעם, בכדי אַרויפצופיהרען אויפ'ן ריכטיגען וועג די פערבלאָנדזשעטע? צי האָבען זיי אָבגעהיט די גלויביגע, זיי זאָלען זיך ניט אָננעמען מיט אַפּיקורסות פון די אַנדערשגלויביגע? פאַר וואָס בעשטראָפען זיי אַ מענשען, וואָס האָט פערדאָרבען זיין חבר'ס אַקערפעלד, און דערלאָזען אידען, זיי זאָלען אומבעשטראָפטערהייד פערדאַרבען דורך גיפטיגע זאָמען „גאָטס אַקערפעלד", ד. ה. קריסטוס'עס קירך?

די גיפטיגע זאָמען זיינען טאַקע פערזייהט געוואָרען, אָבער ניט פון אידען, נאָר פון אַזעלכע דרשנים, אַשטייגער ווי אַמאָלאָ. דאָס זיינען געווען זאָמען פון רעליגיעזער שנאה און אומטאָלעראַנץ. די דאָזיגע זאָמען זיינען פאַמעליך צייטיג געוואָרען, און שפּעטער, אין די ווייטערדיגע עפּאָכעס פון מיטעלאלטער האָבען זיי געגעבען אַ רייכען שניט, אַ שניט פון מענשליכע לעבענס, טייכען בלוט און טרערען...

די ערשטע שפּראָצונגען בעווייזען זיך שוין אין דער עפּאָכע, וואָס ווערט דאָ בעשריבען. די הויכע גלחים גייהען איבער טיילמאָלס פון ווערטער צו מעשים, און עטליכע פעאָדאַלע פירשטען און אפילו מלכים בעשאַפען פאַר אידען אַן דערנידעריגענדען רעזשים. אין פערשיידענע ערטער ווערען איינגעפיהרט אין לע-בען די בעשטימונגען פון די קירכען-פערזאַמלונגען וועגען דעם, אַז עס איז פערבאָטען די קריסטען צו דיענען ביי אידען, צו עסען און טרינקען מיט זיי, וכדומה.

די אומגעלומפערטע און אוממענשליכע שטרעבונג זיך נוקם צו זיין אָן די אידען פאַר קריסטוס'עס טויט האָט געשאַפען אין עטליכע ערטער אייגענ-

אַרטיגע קירכליכע מנהגים. אין בעזיער פלעגט די קאַטולישע גייסטליכ־קייט אַלע יאָהר, אין דער וואָך פאַר פסחא, אין איהרע דרשות אויפרופען די קריסטען, זיי זאָלען נעמען נקמה פון די אידען פאַר קריסטוס'עס קרייציגונג,— און דער המון, וואָס האָט געפאָלגט זיינע גלחים, פלעגט זיך טאַקע אַלאַז טון אויף די אידען, שלאָגען זיי און וואַרפען שטיינער אויף זייערע וואוינונגען. אַזעלכע אָנפאַלען אויף די אידען אין בעזיער פלעגען זיך איבער'חזר'ן אַלע ערב־פסחא יאָהר־אויס יאָהר־איין, אין משך פון עטליכע יאָהרהונדערטען. ס'פלעגט טרעפען אַמאָל, אַז די אידען פלעגען אַרויסווייזען אַ בעוואָפענטען ווידערשטאַנד און דעמאָלט פלעגט עס דערגייהען ביז צו בלוטפערגיסונג.

אין טולוזא האָבען די גראַפען איינגעפיהרט פאָלגענדען „פרומען" מנהג: אַלע יאָהר, אינ'ס פרייטאָג פאַר פסחא, פלעגט דער גראַף פון טולוזא לאָזען רופען צו זיך דעם פאָרשטייהער פון דער אָרטיגער אידישער קהילה און געבען איהם אַ פּאַטש אין פּנים, בכדי צו דערמאָנען דורכדעם די אידען וועגען קריס־טוס'עס יסורים. פונ'ם דאָזיגען פאַר־פסח'דיגען פאַטש פלעגען די אידען שפּעטער זיך אויסקויפען דורך אַ בעזונדער געלד־אָבצאָהלונג.

מ'פלעגט אויך פרובען אַרויסצוטרייבען די אידען פון די אָדער יענע געגענדען. דער קיניג פון איטאַליען לודוויג דער II־טער האָט בעשטעטיגט די בעשטימונג פון דער גייסטליכקייט וועגען פערטרייבען די אידען פון גאַנץ איטאַליען (855); נאָר דער דאָזיגער אכזריות'דיגער בעפעהל איז ניט פערווירקליכט געוואָרען, וואָרום ניט אַלע איטאַליענישע פעאָדאַלע הערשער האָבען געוואָלט איהם פאָלגען.

אין פראַנקרייך, אין דער צייט פון די לעצטע שוואַכע און אומפּייהיגע מלכים פון דער דינאַסטיע קאַראָלינגער, איז די אידען אויסגעקומען אויסצו־שטייהן ביט ווינציג ערנידעריגונגען. דער קיניג קאַרל דער תם האָט געשאָנקען אַלע וויינגערטענער און נחלאות פון די אידען אין נאַרבאָנער הערצאָגטום דער דאָרטיגער גייסטליכקייט (899). אַפילו די פעאָדאַלען, וואָס האָבען געשיצט אידען, זיינען זיך בעגאַנגען מיט זיי, ווי מיט לייב־אייגענע.

שפּאַניען אונטער די וועסטגאָטען און אַראַבער.

§ 75. אַ שאַרפער שנוי איז פאָרגעקומען אין דער צייט, וואָס ווערט דאָ בעשריבען, אויך אינ'ם גורל פון די אידען אין שפּאַניען, נאָר דאָרט איז גע־שעהן פונקט דער היפוך, פון דעם וואָס האָט פּאַסירט אין די לענדער פון די גערמאַנען. אָנגעהויבען האָט זיך די דאָזיגע עפּאָכע פאַר זיי מיט אומדערטרעגליכע ליידען פונ'ם רעזשים פון די וועסטגאָטען, און געענדיגט האָט זי זיך מיט דער ממשלה פון די אַראַבער, אין די ליכטיגע טעג פון קאָרדאָווער חאַליפאַט, בשעת אין דער לופט האָט זיך שוין געפיהלט דער ווייהען פון דער אויפלעבונג.

שווער איז געווען פאַר די אידען פון שפּאַניען דער לעצטער יאָהרהונ־דערט פון דער וועסטגאָטישער ממשלה. דער רעזשים, וואָס איז געווען אַן אויס־

מישונג פון באַרבאַריזם מיט'ן קירכליכען פאַנאַטיזם, האָט געשטיקט אַלצדינג לעבעדיגס און פרייעס אינ'ם דאָזיגען לאַנד. דער גייסט פון די רעקאַרעדס און סיזעבוטס האָט אויפגעלעבט אין זייערע יורשים. אויסנאַמען זיינען געווען זייהר ווינציג.

אַזאַ מין אויסנאַם איז געווען דער מענשליכער קיניג כינדאַסווינד (642 — 652), וואָס האָט רעגירט נאָכ'ן געטרייען דינער פון דער קירך כינטילא (אויבען, § 55). אַלס פיינד פון דער קריגערישער גייסטליכקייט, האָט כינדאַס. ווינד ניט געהאַלטען פאַר זיין חוב צו רודפ'ן די אידען, נאָר ער האָט פערקעהרט ערלויבט צוריקצוקומען קיין שפּאַניען יענע אידען, וואָס זיינען פאַר זיינע צייטען פערטריבען געוואָרען קיין אַפריקע. ער האָט זיך בעגענוגענט דערמיט, וואָס ער פלעגט צונויפמאָנען פון אידען אַ בעזונדער קאָפּ-שטייער לטובת דער מלוכה-קאַסע.

דערפאַר אָבער איז געווען נאָך איהם אַ שורה מלכים, וואָס האָבען געמיהט זיך איבערצושטייגען איינער דעם אַנדערן אין רשעות קעגען אידען און יהדות. זיין זוהן רעצעסווינט האָט אַוועקגעשטעלט אַלס הויפּט-פּונקט פון זיין רעגירונגס-פּראָגראַם די פערטיליגונג פון אידישקייט. מיט אַ בעזונדער גרימצאָרן האָט ער גע'רודפ'ט יענע אידען, וואָס האָבען אין דער צייט פון די פריהערדיגע רדיפות געהאַט אָנגענומען דעם קריסטליכען גלויבען און בעהאַלטענערהייד האָבען זיי אָבגעהיט די צערעמאָניעס פון זייער נאַציאָנאַלער רעליגיע. מיט די דאָזיגע „יודאַאיזירענדע" פלעגט מען מאַכען אַ קורצען סך-הכל: טויט-שטראָף דורך פערברענען אָבער פערשטיינען, און אין אַזעלכע פאַלען, וואו מען איז זיך בעגאַנגען מיט די בעשולדיגטע מיט'ן מדת הרחמים, — האָט מען זיי געמאַכט פאַר שקלאַפען אָדער לייב-אייגענע.

איינגעשראָקען דורך די רדיפות מצד דער וועלטליכער און גייסטליכער רעגירונג, האָבען אַ סך פון די דאָזיגע געצוואונגענע קאַטוילִיקען, וואָס האָבען געוואוינט אין דער דעמאָלטיגער הויפטשטאָדט פון שפּאַניען, טאָלעדאָ, אונטערגעשריבען אין יאָהר 654 אַ נייעם „אָבמאַך", אין וועלכען זיי האָבען זיך מתחייב געווען: זיך אָבצוזאָגען פון אַלע צערעמאָניעס, מנהגים און „בלאָנדזשענישען" פון אידישקייט, ניט צו האָבען קיין שום מגע-ומשא מיט זייערע ניט גע'שמד'טע פאָלקס-ברידער, ניט אָבצוהיטען די מצות מילה און די אידישע דינים וועגען כשרות; אינ'ם לעצטען פונקט זיינען די אונטערגעשריבענע מודה, אַז ביי זייער בעסטען ווילען קאָנען זיי זיך ניט צוגעוויינען צו עסען חזיר-פלייש, ווייל ס'עקעלט זיי דערפון, נאָר זיי זאָגען צו צו עסען אַלצדינג, וואָס איז געקאָכט מיט חזיר-פלייש. די אונטערגעשריבענע שווערען זיך ביי דער הייליגער דרייאייניגקייט צו גלויבען אין קריסטוס'ן, פאָלגען די געבאָטען פון דער עוואַנגעליע און געוויסענהאַפט אָבהיטען די קירכליכע צערעמאָניעס. דער דאָזיגער צוזאָג פון די פערשטעלטע אידען, וואָס האָבען געשוואָרען ביי דער הייליגער דרייאייניגקייט, איז, פערשטייהט זיך, געווען פּונקט אַזוי אויפריכטיג, ווי זייערע פריהערדיגע געצוואונגענע צוזאָגען.

פערביטערט דורך אַלע די דאָזיגע רדיפות, האָבּען די שפּאַנישע אידען גענומען אַן אָנטייל אינ׳ם אויפשטאַנד פוז די שררות (נראַף הילדעריק, דער קריגספיהרער פּוילוס און אַנד.), וואָס איז אויסגעבּראָכען נאָך רעצעסווינט׳ס טויט קעגען זיין יורש וואַמבּאַ (672). דער צענטער פונ׳ם אויפשטאַנד איז געווען די געגענד פון דרום-פראַנקרייך אָדער „סעפּטימאַניאַ״, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער ממשלה פון די שפּאַנישע מלכים.

נאָכ׳ן איינשטילען די מרידה האָט וואַמבאַ זיך נוקם געווען אָן די אידען דורכדעם, וואָס ער האָט זיי פערטריבּען פון דער הויפּטשטאָדט פון דער דאָזיגער פּראָווינץ, נאַרבּאָנאַ, וואו עס האָט זינט שנים קדמוניות עקסיסטירט אַ אידישע קהלה.

דער קיניג ערוויג, וואָס איז געווען נאָך וואַמבּאַ׳ן (680), אַ פאַלשער און אַכזריות׳דיגער בּיזאַנטינער, האָט מיט זיין פאַנאַטיזם אַריבּערגעשטייגט אַלע פריהערדיגע מלכים. אין דער טרוין-רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטען אויף אַ קירכען-פערזאַמלונג אין טאָלעדאָ, האָט דער נייער קיניג בּעשוואָרען די גייסט-ליכקייט, זי זאָל זאָרגען דערפאַר, אַז „דאָס לאַנד זאָל ווערען אויסגערייניגט פון דער אָנשיקעניש פון אידישקייט״. ערוויג גופא האָט פאָרגעלייגט דער קירכען-פערזאַמלונג פאָלגענדע לעזונג פון דער „אידען-פראַגע״: איטליכער איד, וואָס וועט אין משך פון אַ יאָהר צייט ניט אָננעמען די קריסטליכע אמונה, אינאיינעם מיט זיין הויזגעזינד, בּעדאַרף מען בּיי איהם אָבּנעמען זיין אייגענס, געבּען איהם הונדערט שמיץ, אָראָבּציהען בּיי איהם די הויט פון קאָפּ און פון שטערן אַלס אַ סימן פון אייביגער שאַנד און פערטרייבּען איהם פון לאַנד. פאַר די „יודאַאיזירענדע״ אָדער פערשטעלטע קריסטען האָט מען פאָרגעלייגט אָבּצו-היטען די פריהערדיגע הארבּע געזעצען. דעם קיניגס פאָרשלאָגען האָט בּע-שטעטיגט די קירכען-פערזאַמלונגען, וואָס בּראש פון איהר איז געשטאַנען דער טאָלעדער אַרכיבּיסקופּ יוליאַנוס, זייהר אַ געלערנטער טעאָלאָג, וואָס האָט אַליין אָבּגעשטאַמט פון אידען.

די דאָזיגע אוממענשליכע געזעצען וואָלטען געבּראַכט דערצו, אַז דער אידישער קיבוץ אין שפּאַניען זאָל אינגאַנצען חרוב ווערען, אויב קעגען דעם קיניגס מאַכט וואָלטען ניט געשטאַנען די פעאָדאַלען פון דער פיינדליכער פאַרטיי, וואָס האָבּען געגעבּען די גערודפ׳טע אידען אַן אָרט אויף צו בּעהאַלטען זיך אין זייערע לענדער.

ניט קוקענדיג אויף אַלע צרות און זלזולים, וואָס די שפּאַנישע אידען האָבּען געהאַט אויסצושטייהן, פונדעסטוועגען האָבּען זיי זיך געהאַלטען פאַר געזעצליכע בּירגער פון לאַנד, וואָס זייערע עלטערן האָבּען זיך דאָרט בּעזעצט אַ סך פריהער, איידער די וועסטגאָטען זיינען געקומען, און זיי האָבּען עס בּע-טראַכט פאַר זייער צווייטען פאָטערלאַנד. לויט זייער בּילדונג זיינען זיי לחלוטין ניט געשטאַנען נידעריגער פאַר דער וועסטגאָטישער וועלטליכער און גייסטליכער אַריסטאָקראַטיע. צווישען זיי זיינען געווען געלערנטע מענשען, וואָס האָבּען

געדרש׳עט און האָבען געשריבען טעאָלאָגישע ויכוחים קעגען דער קאַטוי-לישער אמונה.

דער אַרכיביסקופּ יוליאַנוס האָט געהאַלטען פאַר נויטיג אַרויסטרעטען קעגען די אידען מיט אַ גרויסען פּאָלעמישען חיבור (686) און אָבצופרעגען זייערע קריטישע אָנשויאונגען, וואָס זיינען געפעהרליך פאַר דער קירך. מיט בעזונדערער היץ איז יוליאַנוס אַרויסגעטראָטען קעגען דער טענה פון די אידען, וואָס האָבען געלייקענט דערין, אַז ישו איז משיח, און האָבען זיך דערביי סומך געווען אויף דער אַלטער מסורה, וואָס לויט איהר קאָן משיח קומען ניט פריהער פון זעקסטען יאָהרטויזענד זינט דער וועלט בעשאַפונג (אלף הששי). יוליאַנוס פּרובט צו בעווייזען, אַז די מסורה פערשטייהט אונטער יאָהרטויזענדען די היסטאָרישע עפּאָכעס, וואָס מען קאָן זיי רעכענען פינף פון אדם הראשון ביז ישו. חוץ דעם האַלט ער, אַז די אידען האָבען מיט אַ כּיון פערדרייהט די כראָנאָלאָגיע אין זייערע ספרי תורות, בכדי צו שעדיגען דער קריסטליכער טראַדיציע. דערנאָך גייהט דער מחבר איבער פון פערטיידיגונג צום אָנפאַל און געפינט אַ קלאָרע ראיה דערצו, אַז די יהדות מוז פאַלען, דערין, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט ניט ניט קיין מלוכה, ניט קיין בית-המקדש, ניט קיין כהנים און אומעטום ווערט עס גערודפ׳ט דורך די קריסטען.

לויט דער דאָזיגער לאָגיק איז אויסגעקומען, אַז וואָס מעהר די קריסטען וועלען פייניגען אידען, אַלץ דייטליכער וועט זיך אַרויסווייזען די שוואַכקייט פון דער יהדות. דעם אַלטען פּרינציפּ פון דער הייד נישער רוים: „דאָס רעכט איז אין דער קראַפט״ — האָבען זיך גוט איינגע׳חזר׳ט די פאָרשטייהער פון דער קאַטוילישער רוים, וואָס האָבען זיך אַרויסגעגעבען פאַר אָנהייגער פון דער וואָנגעלישער תורה.

אין דער צייט פונ׳ם קיניג ע ג י ק אַ (687—701) האָבען די רדיפות גע-בראַכט די שפּאַנישע אידען צו אַזאַ יאוש, אַז זיי האָבען בעשלאָסען צו מאַכען אַ מרידה, בכדי אַראָבצוואַרפען די וועסטגאָטישע דינאַסטיע. זיי האָבען זיך צונויפגערעדט מיט זייערע פאָלקס-ברידער אין צפון אפריקע, וואָס האָבען געלעבט רוהיג אונטער דער ממשלה פון די מחמדאַנער, וואָס האָבען זיך געהאַט דאָרט איינגעפעסטיגט, און מיט דער הילף פון די לעצטע און פון די אומצופרידענע עלעמענטען אין שפּאַניען גופא האָבען זיי געהאַט בדעה צו מאַכען אַ מלוכה-איבערקעהרעניש.

נאָר דעם דאָזיגען פּלאַן האָט מען ביי-צייטענס אויפגעדעקט — און אַלע שפּאַנישע אידען האָבען בעקומען אַ שרעקליכע שטראָף. דער דערצאָרענטער קיניג האָט בהסכם מיט דער קירכען-פערזאַמלונג, וואָס איז געוואָרען צונויפגע-רופען ביי דער געלעגענהייט, אַרויסגעגעבען אַ דעקרעט מיט אַזאַ אינהאַלט (אין נאָוועמבער 694): „היות ווי די אידען לא די וואָס זיי האָבען פערשוועכט די אמונה, וואָס די קירך האָט זיי אָנגעטאָן דעם כבוד זיי אויפצונעמען אין איהר ביים טויפען, און קעגען זייערע צוזאָגען היטען זיי אָב זייערע פריהערדיגע

מנהגים, נאָר זיי האָבען חוץ דעם נאָך געהאַט די העזה צו מאַכען אַ פערשווע-רונג, בכדי איבערגעוואַלד זיך אָנצואייגענען די הערשאַפט אין דער מלוכה, — בכן ווערען זיי אַלע, סיי די וואָס וואוינען אין שפּאַניען און סיי די וואָס האַלטען זיך אויף אין דער גאַלישער פּראָווינץ, דערקלערט פאַר שקלאַפען, ווע-רען פונאַנדערגעטיילט אין לייב-אייגענטום צווישען פערשיידענע שררות (קריסטען), וואָס האָבען ניט קיין רעכט זיי פריי צו לאָזען. די קינדער, פון זיבען יאָהר אָן, ווערען אָבגענומען ביי זייערע עלטערן און אָבגעגעבען אויף האָדעווען צו קריסטען". אַן אויסנאַם האָט מען געמאַכט נאָר פאַר די קריגערישע אידען, וואָס האָבען געוואוינט אויף די בערג, אויפ'ן גרעניץ צווישען שפּאַניען און גאַליען, און וואָס האָבען פערטיידיגט דאָס לאַנד קעגען די אָנפאַלער פון פרעמ-דע פעלקער.

דאָס איז שוין געווען דער לעצטער אויפפלאַקערן פונ'ם וועסגאָטישען פאַנאַטיזם. די מלוכה, וואָס איז געווען צעטרייסעלט דורך אינעווייניגסטע מהומות, איז גיך געגאַנגען באַרג-אַראָב. די אוממענשליכע רדיפות קעגען אידען, וואָס זיינען געווען אַ בעדייטענדער טייל פון דער אַלטגעזעסענער בעפעלקערונג פון שפּאַניען, און דערצו דער פייהיגסטער טייל, — זיינען געווען צווישען די הויפּט-סיבות, וואָס האָבען פערגיכערט דעם אונטערגאַנג פון דער דאָזיגער מלוכה.

אויפ'ן פירענייאישען האַלב-אינזעל האָבען זיך אָנגערוקט פון צפון-אַפריקע די חיילות פון די אַראַבער (בערבערען). די אַראַבער האָבען בעגעגענט אַ היי-סען מיטגעפיהל און מיטווירקונג סיי צווישען די אידען, וואָס זיינען אַנטלאָ-פען געוואָרען פאַר די רדיפות פון שפּאַניען קיין אַפריקע, און סיי צווישען יענע, וואָס זיינען פערבליבען אין שפּאַניען. אונטער דער אָנפיהרונג פון זייער מוטיגען קאָמאַנדיר טאַריק זיינען די אַראַבער אַריבער איבער'ן גיבראַלטאַרער ים-דורכגוס פון אַפריקע קיין אַנדאַלוזיען, און נאָך דער בעריהמטער שלאַכט ביי כערעס (אין יולי 711) האָבען זיי איינגענומען אַ גרויסען טייל פון שפּאַניען און האָבען געמאַכט דאָרט אַ סוף צו דער ממשלה פון די וועסטגאָטען.

פאַר די אידען זיינען די דאָזיגע מעכטיגע עראָבערער געווען גוטע פער-בינדעטע און בעפרייער. די אידען, וואָס זיינען פריהער פערטריבען געוואָרען דורך די וועסטגאָטישע מלכים און האָבען זיך בעזעצט אין צפון-אַפריקע, האָבען זיך אומגעקעהרט קיין שפּאַניען אינאיינעם מיט די אַראַבער, און צוזאַמען מיט זייערע אָרטיגע פאָלקסברידער האָבען זיי שטאַרק מיטגעהאָלפען די עראָבערער ביים איינעמען דאָס לאַנד. אַז די אַראַבישע קאָמאַנדירען פלעגען איינעמען וואָסער עס איז שטאָדט, פלעגען זיי איבערגעבען זי צו היטען די אידען, אַלס זיכערע פערבינדעטע, און פלעגען מיט זייערע אָבטיילונגען גייהן ווייטער. די הויפּטשטאָדט פון דער וועסטגאָטישער שפּאַניען, טאָלעדאָ, האָבען איבערגעגע-בען טאַריקיון די אידען, וואָס האָבען געעפענט דעם עראָבערער די טויערן פון שטאָדט, אין דער צייט וואָס די קאַטוילישע בעפעלקערונג האָט געזוכט רעטונג אין די קירכען (712). צו היטען די שטאָדט איז געוואָרען איבערגע-

געבען די אידען. אויף אַזאַ אופן זיינען די אידען געוואָרען די בעלי־בתּים פון יענע שטעדט, פון וואַנען מען האָט זיי פריהער אוממענשליך פערטריבען.

אַז די אַראַבער האָבען איבערגענומען די ממשלה איבער שפּאַניען, אַלס אַ פּראָווינץ פונ׳ם מזרח׳דיגען חאַליפאַט פון די אומאַיידען, האָבען זיי איבער־געלאָזט די אידען פולקומענע גלויבענס־פרייהייט און אינעווייניגסטע זעלבסט־פערוואַלטונג. מעהר ניט די קאַפּ־שטייער (דזשיזיאַ) האָבען אידען געמוזט צאָה־לען גלייך ווי די קריסטען. אין קאָרדאָוואַ, טאָלעדאָ און אַנדערע שטעדט פון פּירענייאישען האַלב־אינזעל האָבען זיך געבילדעט אידישע קהילות, וואָס האָבען געהאַט די אייגענע אונאָבהייניגקייט, וואָס די אידישע קהילות אין בבל.

איבעריגענס, איז ניט אַזוי גיך אָנגעקומען די צייט פון אַ רוהיגער אינע־ווייניגסטער ענטוויקלונג. אין די ערשטע צעהנדליגער יאָהרען פון דער אַראַ־בישער איבערהערשאַפט, האָבען זיך נאָך געצויגען אין שפּאַניען קליינע מלחמות צווישען די עראָבערער און די קריסטליכע פּירשטען, וואָס האָבען איינגעהאַלטען פאַר זיך אַן אונאָבהייניגע מלוכה אויף די אַסטורישע בערג. צווישען די מוסעל־מאַנישע רעגירער גופאַ, די פערטרעטער פונ׳ם חאַליף פון דמשק, האָבען אויך געהערשט מחלוקת׳ען. אין יאָהר 718 איז טאַריק׳ס מיטאַרבייטער, דער קריגס־פיהרער קוילאַן־אַל־יאַהודי, אויפגעשטאַנען בראש פון אַ בערבערישען שבט קעגען דעם שפּאַנישען פערוואַלטער אַלהאָר, וואָס האָט דעספּאָטיש רעגירט אין לאַנד. אין קוילאַנס אַרמיי, וואָס האָט געהאַט איינגענומען אַ טייל פון קאַטאַ־לאָניען, האָבען געשטריטען אויך אידען. נאָך דער מפּלה פון די מורדים זיינען די אידען געשטראָפט געוואָרען פאַר׳ן אַנטייל נעמען אין דער מרידה. דורכדעם קאָן אפשר ווערען דערקלערט די אויפרעגונג, וואָס האָבען אַרויסגערופען צווישען זיי די קלאַנגען וועגען דעם, אַז אין סיריען האָט זיך בעוויזען אַ „משיח" שריני (§ 62), וואָס האָט צוגעזאָגט אַריינצופיהרען די אידען אין ארץ־ישראל. אַ גרופּע שפּאַנישע אידען, וואָס האָבען געגלויבט אין די קלאַנגען, האָבען אַוועקגעוואָרפען זייער האָב און גוטס און זיינען אַוועק פון לאַנד (721).

אין יאָהר 755 איז אַנטלאָפען געוואָרען קיין שפּאַניען אַבדור־ר אַ ח מ אַ ן (עבד־אל־רחמן), דער לעצטער פּאָרשטייהער פון דער דינאַסטיע אומאַיידען, וואָס האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון דער פערטיליגונג, וואָס עס האָבען צוגעגרייט פאַר די איבעריגע מיטגלידער פון דער דאָזיגער דינאַסטיע די נייע מושלים פונ׳ם מזרח׳דיגען חאַליפאַט, די אַבאַסידען. אַבדור־ראַחמאַן דער I־טער האָט זיך ערקלערט פאַר׳ן אונאָבהייניגען מושל אָדער „עמיר" פון די שפּאַנישע אַראַבער און האָט געגרינדעט אַ זעלבשטענדיגע מלוכה מיט דער הויפּטשטאָדט אין קאָר־דאָוואַ (דער שפּעטערדיגער קאָרדאָוער חאַליפאַט).

אָבער אויך דערנאָך האָט שפּאַניען ניט געקאָנט געניסען קיין רוה. אין משך פון דער צווייטער העלפט פון VIII און IX יאָהרהונדערט איז דער שפּאַ־נישער מלוכה פון די אומאַיידען אויסגעקומען אָהן אַן אויפהער צו קעמפען אַמאָל מיט די מזרח׳דיגע אַבאַסידישע חאַליפען, אַמאָל מיט די אונאָבהייניגע קריסט־

ליכע פירשטען אויפ'ן פירענייאישען האַלב-אינזעל, און אַמאָל מיט מעכטיגע אייראָפּייאישע מאָנאַרכען, אַ שטייגער ווי קאַרל דער גרויסער און זיינע יורשים.

בלויז אין אָנהויב פון X יאָהרהונדערט, אין דער צייט פונ'ם חאַליף אַבדוררא חמאַן דעם III-טען (912–961), וואָס האָט זיך גענומען דעם פולען טיטעל חאַליף, איז אָנגעקומען פאַר'ן קאָרדאָווער חאַליפאַט אַ צייט פון פרידליכער ענטוויקלונג, עקאָנאָמישען וואוילשטאַנד און בליהונג פון וויסענשאַפט און קונסט.

די צוויי יאָהרהונדערט, וואָס זיינען פערפלאָסען, זינט די אַראַבער האָבען צוערשט איינגענומען שפּאַניען, ביז יענער צייט, זיינען געווען אַן איבערגאַנגס-עפּאָכע אינ'ם לעבען פון די שפּאַנישע אידען. אין יענער עפּאָכע זיינען גע-וואָרען אויסגעהיילט די וואונדען, וואָס די אידישע בעפעלקערונג האָט בעקומען אונטער דער אַכזריות'דיגער וועסטגאָטישער איבערהערשאַפט. די שפּאַנישע אידען האָבען פערגעסען די פריהערדיגע קנעכטשאַפט און רעכטלויזיגקייט און האָבען ווידער אָנגעהויבען צו פיהלען זיך ווי בירגער פון לאַנד, וואו זייערע עלטער-עלטער-זיידעס האָבען זיך בעזעצט זינט אור-אַלטע צייטען. זיי האָבען זיך גע-האַלטען פעסט ביי זייער רעליגיע און פאָלקסטום, און פונדעסטוועגען האָבען זיי זיך דערנעהענטערט צו די געבילדעטע אַראַבער אינ'ם געביט פון בירגערליכען און אינטעלעקטועלען לעבען. די אַראַבישע שפּראַך איז געוואָרען זייער רעדע-און שריפט-שפּראַך. אָנשטאָט דעם, וואָס לכתחילה זיינען די שפּאַנישע אידען געווען אין גייסטיגער הינזיכט אָבהייניגיג פון בבל, האָבען זיי שפּעטער צו-ביס-לעכווייז דערגרייכט צו אַזאַ הויכער אינטעלעקטועלער מדרגה, אַז לא די וואָס זיי זיינען בעפרייט געוואָרען פון דער איבער-השגחה פון די גאונים אין בבל, נאָר זיי האָבען שפּעטער אַפילו אָבגענומען ביי זיי די אָנפיהרערשאַפט איבער די איבעריגע אידישע קיבוצים. זינט די העגעמאָניע איז אַריבער צו די שפּאַנישע אידען (זינט דער העלפט פון X יאָהרהונדערט), הויבט אָן זיך אַ נייער פעריאָד פון דער אידישער געשיכטע, דער מערב'דיגער אָדער איירָאפּייאישער.

ביזאַנץ.

§ 76. די נצחונות פונ'ם איסלאַם אין VII יאָהרהונדערט האָבען בעדייטענד פערקלענערט די טעריטאָריע פון דער ביזאַנטינישער אימפּעריע אין אזיען און אַפריקע. ארץ-ישראל איז אַרויסגעריסען געוואָרען פון די הענד פון די ביזאַנטינער דורך עומאַר'ס שווערד, און אין דער זעלביגער צייט זיינען אַריבער צו די אַראַבער סיריען און עגיפּטען. פון די מזרח'דיגע פּראָווינצען איז בלויז קליין-אזיען געבליבען אָבהייניגיג פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אויף אַזאַ אופן קאָן ביזאַנץ זינט דעם VII יאָהרהונדערט גערעכענט ווערען פאַר אַן איירָאפּייאישע מלוכה, וואָרום צו איהר האָט געהערט דער עיקר די טעריטאָריע פונ'ם איצטיגען באַל-קאַנישען האַלב-אינזעל.

נאָר דער כאַראַקטער פון דער געוועזענער „מזרח-רוימישער" מלוכה איז

דערפון ניט איבערגעביטען געוואָרען צום גוטען. מעהר ניט די רעליגיעזע אומ־טאָלעראַנץ, וואָס איז געלעגען אין יסוד פון דער ביזאַנטינישער געזעלשאַפטס־אָרדענונג, האָט אָנגענומען אַ בעשטימטערע, מיטעלאַלטערליכע פאָרם. אויב אין דער עפאָכע פון טעאָדאָסיוס דעם II־טען און יוסטיניאַנוס דעם גרויסען האָט מען זיך געפלייסט צו דערנידעריגען די אידען און אָבנעמען ביי זיי די בירגערליכע רעכט, האָט מען זינט דעם אָנהויב פון VIII יאָהרהונדערט אָנגעהויבען שוין צו צווינגען זיי זיך צו שמד'ען, און טאָמער האָבען זיי ניט געוואָלט, האָט מען זיי פערטריבען פון לאַנד.

פאַר דער דאָזיגער פּאָליטיק האָט זיך געהאַלטען דער קייזער ל ע אָ דער א י ז ו י ר י ע ר (717 — 741), וואָס האָט, אונטער דער השפעה פון דער אידישער אמונה און פונ'ם איסלאַם, אָנגעהויבען פיהרען אַ קאַמף קעגען דעם בילדער־דינסט אין דער קריסטליכער קירך. היות ווי די אָרטאָדאָקסיש־גלויביגע גייסטליכקייט האָט אָנגערופען דעם קייזער לעאָ פאַר זיין קאַמף קעגען די בילדער כופר און „יהודי", דעריבער האָט ער געוואָלט בעווייזען זיין פרומקייט און האָט אָנגעהויבען רודפ'ן די אידען און אַפּיקורסים. ער האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז אַלע אידען פון דער ביזאַנטינישער מלוכה זאָלען זיך שמד'ען אין גריכישען גלויבען, און טאָמער וועלען זיי ניט פאָלגען, האָט ער זיי גע־שראָקען מיט די שרעקליכסטע שטראָפען (723).

אַ סך אידען האָבען דעמאָלט אָנגענומען לפנים די קריסטליכע אמונה, מיט דער האָפענונג, אַז שפּעטער, ווען די רדיפות וועלען שטיל ווערען, וועלען זיי קאָנען זיך אומקעהרען צוריק צו זייער גלויבען. אַנדערע ווידער האָבען זיך אַרויסגעקליבען פון ביזאַנץ אינ'ם צפונ'דיגען ברעג־לאַנד ביים שווארצען ים, אין דער איצטיגער נאָוואָראָסיע.

פאַר דער צייט פון לעאָ דעם איזויריער'ס נאָהענטסטע יורשים האָט מען, ווי עס ווייזט אויס, ערלויבט די אידען, וואָס זיינען געבליבען אין ביזאַנץ, צו האַלטען אידישקייט. נאָר אַז באַזיליוס דער מאַקעדאָניער (867 — 886) איז געוואָרען קייזער, האָט מען אויפ'סניי געפּרובט צוצוציהען אַנדערש־גלויביגע צום קריסטענטום. באַזיליוס האָט לכתחילה געווירקט דורך מיסיאָנערישע מיטלען: ער האָט איינגעאָרדענט רעליגיעזע ויכוחים צווישען קריסטליכע גלחים און אי־דישע געלערנטע און האָט זיך געמיהט צו איבערצייגען די לעצטע אין דער פאַלשקייט פון זייער תורה. נאָר היות ווי די ויכוחים האָבען קיין שום פּעולה ניט געהאַט, האָט דער קייזער אָנגעהויבען איינצורעדען אידען, זיי זאָלען איבער־גייהן צום קריסטענטום, דורכדעם וואָס ער האָט זיי צוגעזאָגט בעלוינונגען און הויכע שטעלעס. משמעות, אַז אפילו דאָס האָט אויך ניט געפיהרט צום ציעל. די מסורה דערצייהלט, אַז באַזיליוס האָט אָנגעהויבען שטאַרק רודפ'ן די אידען, וואָס זיינען פער'עקשנ'ט געבליבען ביי זייער אמונה, און האָט פערטיליגט אַן ערך טויזענד אידישע קהילות. גאַנץ געבליבען זיינען נאָר פינף קהילות, אַדאַנק דער שתדלנות פונ'ם אידישען פּאָעט ש פ ט י ה, וואָס זאָל האָבען אויסגעהיילט דעם קייזערס אַ משוגענע טאָכטער. שפטיה זאָל זיין דער מחבר פון דער בע־

וואוסטער סליחה, וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער „ישראל נושע בה׳״ (מען זאָגט זי עשרה בטבת און דעם צווייטען טאָג סליחות). פאָלגענדע פערזען איהרע דריקען אויס קלאָר די שטימונג פון די גע׳רודפ׳טע:

אין דיינע טויערן (אָ גאָט) טוען זיי קלאַפּען, ווי אָרימע און נויט-בעדערפטיגע,
זייער געבעט פערנעם, אָ גאָט, וואָס דו רוהסט אויבען.
איינגעשראָקען זיינען זיי פון אלע זייערע שונאים און בעליידיגער,
פערלאָז זיי ניט דו, גאָט פון זייערע עלטערן!
דיינע טובות זאָלען זיך פעדערן פאַר זיי אינ׳ם טאָג פון אומגליק,
און פון איינגעשאַפּט מאַך זיי געפינען אויסלייזונג און ערלייכטערונג.
זאָלען זיי געהאָלפען ווערען פאַר אַלעמענס אויגען
און זאָלען רשעים איבער זיי ניט געוועלטיגען.
מאַך אַ סוף פון שעיר און זיין שוועהר (אדום און ישמעאל — רוים און די אראַבער),
און זאָלען קומען די העלפער פאַר ציון.

יענע אידען, וואָס האָבען אין באַזיליוס׳עס צייטען לפנים אָנגענומען די קריסטליכע אמונה, האָבען זיך אומגעקעהרט צוריק צו אידישקייט נאָך דעם דאָזיגען קייזערס טויט. בנוגע צום מצב פון די ביזאַנטינישע אידען אין דער צייט פון באַזיליוס דעם מאַקעדאָניערס יורשים בעווייזען די מקורים פערשיידען. עס איז פאַרהאַן אַ ידיעה, אַז אין דער צייט פון׳ס קייזער לעאָ דער פילאָסאָף (ביז׳ן יאָהר 912) איז די רעליגיאָנס-פרייהייט ווידער איינגעפיהרט געוואָרען; לויט אַנדערע ידיעות ווידער אין מען משער, אַז דער דאָזיגער קייזער האָט דורך אַכזריות׳דיגע מיטלען געצוואונגען די אידען זיך צו שמד׳ען.

אַפילו די גריכישע גייסטליכקייט איז ניט שטענדיג געווען צופרידען מיט׳ן צו גרויסען חשק פון די וועלטליכע מושלים צו שמד׳ען אידען. די אַלוועלטליכע קירכען-פערזאַמלונג אין ניקעאַ פון יאָהר 787 האָט זיך אַרויסגעזאָגט אין דעם זין, אַז בעסער זאָלען שוין אידען בלייבען ביי זייער אמונה, איידער זיי זאָלען אונטער דער מאַסקע פון קריסטען חוזק מאַכען פון דער קירך. ווי דאָס זאָל ניט זיין, איז די לאַגע פון די אידען אין דער ביזאַנטינישער אימפעריע געווען זייהר ניט-פעסט, און די עמיגראַציע איז געווען פאַר אַ סך אידען דער איינציגער אויסגאַנג פון דער דאָזיגער לאַגע.

די אידען אין דרומית-מזרחית פון אייראָפּע; די מלוכה פון די כוזרים (כאַזאַרען).

§ 77. אויב אין דרומית-מזרחית-טייל פון אייראָפּע, וואָס געהערט איצטער צו דער רוסישער טעריטאָריע, וועלען ווען עס איז ווערען אַרויסגעגראָבען פון דער ערד די דיינקמאָלען פון׳ם לאַנג פערגאַנגענעם עבר, וועט זיך מסתמא אַרויס ווייזען, אז די אידען האָבען זיך בעזעצט דאָרט פונקט אין דערזעלבער אַלטער

צייט, ווי אין מערב-אייראָפּע. אַפילו די קנאַפּע ידיעות, וואָס זיינען איצט פאַרהאַן, זאָגען עדות, אַז שוין אין די ערשטע יאָהרהונדערטען פון דער קריסטליכער צייט האָבען עקזיסטירט קאָלאָניעס פון אידען אין די גריכישע לענדער אויפ׳ן צפונ׳דיגען ברעג פון שוואַרצען ים, אין דער געגענד פונ׳ם טאַורישען האַלב-אינזעל (קרים), פונ׳ם „קימערישען באָספּאָרוס”. צוויי גריכישע אויפשריפטען, וואָס זיינען געפונען געוואָרען ניט ווייט פון קערטש (דער אַלטער פאַנטיקאַפּייאָן) און וואָס געהערען צום 80—81 יאָהר פון דער קריסטליכער צייט, ריידען וועגען דעם, אַז עס האָט עקסיסטירט אין יענעם קאַנט אַ „סינאַגאָגע פון אידען”, ד. ה. אַ אידישע קהלה און אַ בית-תפלה (פּראָסויכע). אויב מען זאָל האַלטען פאַר ריכטיג כאָטשבי עטליכע פון די אידישע מצבות-אויפשריפטען, וואָס זיינען געפונען געוואָרען אין דער קרימער שטאָדט טשופוט-קאַלע,—דעמאָלט וועט דער פאַקט, אַז אידען האָבען געוואוינט אין יענע קאַנטען אין די ערשטע יאָהרהונדערטען פון דער קריסטליכער צייט, בעקומען אַ נייע בעשטעטיגונג.

פון דער אַנדער זייט, זיינען פאַרהאַן אַלטע ספּורים פון די כראָניקען-שרייבער וועגען דעם, אַז אויך אויפ׳ן ברעג פון קאַספּישען ים, אויף קאַווקאַז, אין אַרמעניען האָבען עקסיסטירט אין יענע יאָהרהונדערטען אידישע קאָלאָניעס. פון וואַנען-זשע איז געקומען דער דאָזיגער שטרוים פון עמיגראַנטען?

ער איז געפלאָסען פון צוויי רעזערוואוואַרען: פון פּערסיען איז די אידישע עמיגראַציע געגאַנגען קיין אַרמעניען, קאַווקאַז, צו די צפונ׳דיגע ברעגען פון קאַספּישען ים, און פון ביזאַנץ — צו די ברעגען פונ׳ם שוואַרצען און אַזאָווער ים, אין ראַיאָן פון טאַווריס און קרים, וואו עס האָבען עקסיסטירט אַווטאָנאָמע גריכישע קאָלאָניעס. פון מזרח און פון מערב זיינען געגאַנגען די דאָזיגע צוויי שטרוימען פון וואַנדערער און האָבען זיך איבערגעשניטען אינ׳ם צענטער פון דער אימיגראַציאָנס-ליניע, אויף די אונטערשטע ברעגען פון די טייכען דניעפּער, דאָן און וואָלגאַ, וואָס פאַלען אַריין אין שוואַרצען ים, אַזאָווער ים און קאַספּישען ים.

אַזאַ אימיגראַציע איז אַרויסגערופען געוואָרען סיי דורך דער פרייער וואַנדערונג פון די סוחרים, וואָס צווישען זיי האָבען אידען פערנומען דעם ערשטען אָרט, און סיי דורך אויסערגעוויינליכע סיבות, אַ שטייגער ווי די רעליגיעזע רדיפות אויף אידען אין פּערסיען און ביזאַנץ. אַז פּערסיען איז געוואָרען אַ פּראָווינץ פונ׳ם קולטורעלען אַראַבישען חאַליפאַט, האָבען די נאָרמאַלע פאַקטאָרען פון דער עמיגראַציע אָנגעהויבען צו פערנעמען מעהר אָרט, איידער די אויסערגעוויינליכע. פערקעהרט, אין ביזאַנץ איז שטאַרקער געוואָרען די עמיגראַציע פון אידען מחמת די רדיפות אויף זיי מצד דער רעגירונג און דער גייסטליכקייט. די רדיפות, וואָס עס האָט אויפגעהויבען קעגען אידען לעאָ דער איזויריער, האָט אַריבערגעשליידערט אויפ׳ן צפונ׳דיגען ברעג-לאַנד פון שוואַרצען ים אַ ברייטע כוואַליע פון וואַנדערער, אין דער צווייטער העלפט פון דעם VIII יאָהרהונדערט.

דאָס, וואָס עס האָבען זיך פערשפּרייט אידישע קאָלאָניעס אין דרומית-מזרחית-ווינקעל פון אייראָפּע, האָט געשאַפען אַ באָדען פאַר אַ מערקווירדיגער היסטאָרישער ערשיינונג. זינט דער „גרויסער פעלקער-וואַנדערונג" האָט זיך דאָרט בעזעצט אַ פינישער אָדער טערקישער שבט — די כאַזאַרען (כוזרים), וואָס האָבען געגרינדעט אויפ'ן צפונ'דיגען ברעג פון קאַספּישען ים אַ זעלבשטענדיגע מעכטיגע מלוכה. דורך זייערע קריגערישע אָנפאַלען האָבען די כאַזאַרען אָפּט-מאָלס בעאומרוהיגט אַרמעניען און פּערסיען פון איין זייט און ביזאַנץ — פון דער אַנדער זייט. די כוואַליע פון דער אַראַבישער וואַנדערונג אין VII יאָהרהונדערט האָט אָבגעשטעלט די בעוועגונג פון די כאַזאַרען קיין דרומית-מזרחית, צו דער טעריטאָריע פונ'ם חאַליפאַט און האָט געצוואונגען זיי צו ווענדען זיך קיין צפונית-מערבית, צו די ברעגען פון שוואַרצען ים, צום באַלקאַנישען האַלב-אינזעל און צו דער טעריטאָריע פון די סלאַווישע שבטים. די כאַזאַרען האָבען זיך איינגעפעסטיגט אויפ'ן טאַורישען האַלב-אינזעל, פון וואַנען זיי האָבען אַרויסגעשטופט די גריכען און בולגאַרען, האָבען אונטערטעניג געמאַכט די ניט-אָרגאַניזירטע סלאַווען אויף די ברעגען פון דניעפּער און האָבען גענומען פון זיי צינז און זיינען געווען גרייט אָנצופאַלען אויף די באַלקאַנישע פּראָווינצען פון ביזאַנץ.

אַזוי האָבען די כאַזאַרען געוועלטיגט פון צפונ'דיגען קאַווקאַז און קאַספּישען ים, וואָס האָט דעמאָלט געהייסען „כאַזאַרישער ים", ביז צו דער מיטעל-סטער שטרעמונג פון דניעפּער. די כאַזאַרישע מלכים האָבען געטראָגען דעם טיטעל כ אַ ג אַ ן (כאַגאַן). זייער הויפּטשטאָדט איז געווען די שטאָדט א י ט י ל, ניט ווייט פונ'ם אָרט, וואו די וואָלגאַ פאַלט אַריין אין קאַספּישען ים (אין ראַיאָן פון דער איצטיגער אַסטראַכאַן). די כאַזאַרען זיינען געווען אַ האַלב-איינגעזעסען פאָלק; ווינטער האָבען זיי געוואוינט אין שטעדט, און זומער פלעגען זיי אַרומוואַנדערן איבער די סטעפּעס.

לכתחילה זיינען זיי געווען גראָבע געצענדיענער; די אַראַבער האָט זיך איינגעגעבען צו בעקעהרען אַ טייל פון זיי צום מחמדאַנישען גלויבען; די ביזאַנטינער האָבען זיך געמיהט צו פערשפּרייטען צווישען זיי קריסטענטום. נאָר אין VIII-טען יאָהרהונדערט איז אין רעליגיעזען לעבען פון די כאַזאַרען פאָרגעקומען אַ שאַרפע איבערבייטונג. זיי האָבען זיך בעקענט מיט דער אידישער אמונה פון די אידישע איינוואַנדערער, וואָס זיינען אָנגעקומען אין כאַזאַריען פון פּערסיען און בעזונדערס פון ביזאַנץ, נאָך די רדיפות פון לעאָ דעם איזוריער. צווישען די דאָזיגע עמיגראַנטען זיינען געווען אויך אידען לומדים (איינעם פון זיי רופט די לעגענדע אָן מיט'ן נאָמען: ר' יצחק סנגרי), וואָס האָבען בעקומען אַן איינפלוס ביים כאַזאַרישען הויף, און זיי האָבען דאָס בעוואויגען איינעם פון די כאַגאַנען אָנצונעמען די אידישע רעליגיע. דאָס איז געשעהן אַן ערך אין יאָהר 730. די טראַדיציע דערציילט אינ'ם נאָמען פונ'ם דאָזיגען כאַגאַנס אַן אור-אייניקעל פאָלגענדעס:

דער כאַזאַרישער קיניג אָדער כאַגאַן בולאַן האָט בעשלאָסען זיך אָבצו-

זאָגען פון געצענדיענעריי, נאָר ער האָט נאָך ניט געוואוסט, וואָסער רעליגיע זאָל ער אויסקלייבען אָנשטאָט דעם, שלוחים פונ׳ם חאַליף האָבען איהם צוגע-רעדט, ער זאָל אָננעמען איסלאַם, ביזאַנטינישע שלוחים האָבען איהם צוגערעדט צום קריסטענטום, און אידישע חכמים — צו דער אידישער אמונה. האָט בולן איינגעאָרדענט ביי זיך אַ ויכוח צווישען די פאָרשטייהער פון די דריי רעליגיעס, נאָר פון זייערע פלוגתות און סתירות האָט ער ניט געקאָנט דערגייהן צו קיין שום מסקנה. דעמאָלט האָט דער קיניג געלאָזט רופען צו זיך צוערשט דעם קריסט און דערנאָך דעם מחמדאַנער. ביים ערשטען האָט ער געפרעגט: וואָסערע פון די צוויי רעליגיעס איז די בעסערע — די אידישע אָדער די מחמדאַנישע? האָט ער בעקומען אַן ענטפער: די אידישע, ווייל זי איז די עלטסטע און דער יסוד פון אַלע רעליגיעס. דערנאָך האָט דער קיניג געפרעגט דעם מחמדאַנער: וואָסער רעליגיע איז בעסער — די אידישע אָדער די קריסטליכע? און ער האָט בעקומען דעם אייגענעם ענטפער, אַז די אידישע איז בעסער, און דעם טעם דערפון איז געווען דער זעלביגער. „אויב יאָ אַזוי — האָט געזאָגט בולן — אויב סיי דער מאַחמעדאַנער און סיי דער קריסט זיינען ביידע מודה, אַז די אידישע אמונה שטייהט העכער פאַר דער רעליגיע פון זייער געגנער, וויל איך בעסער אָננעמען די אידישע אמונה”. און בולן האָט אָנגענומען די אידישע אמונה, און אַסך פון די כאַזאַרישע חשוב׳ע לייט האָבען איהם נאָכ-געטאָן.

איינער פון בולנ׳ס אור-אייניקלעך, דער כאַגאַן עובדיה, איז געווען אַ בעזונדערס געטרייער אָנהייגער פון אידישקייט. ער האָט איינגעלאַדען פון אַנדערע לענדער אידישע געלערנטע, האָט בעפוילען צו לערנען מיט׳ן פאָלק תורה און תלמוד, האָט געגרינדעט שולען און האָט אַריינגעטראָגען אַ סדר אין דעם גאָטעסדיענסט.

אין IX-טען יאָהרהונדערט און אין דער ערשטער העלפט פון X-טען האָט דאָס כאַזאַרישע קיניגרייך, וואָס בראש פון איהם זיינען געשטאַנען מלכים פון אידישען גלויבען, דערגרייכט סיי צו אויסווייניגסטער מאַכט און סיי צו אינעווייניגסטען וואוילשטאַנד. פון די ערציילונגען פון די אַראַבישע שריפט-שטעלער פון יענער צייט קאָן מען מאַכען פאָלגענדע אויספיהרונגען וועגען לעבענספיהר פון די כאַזאַרען. דער כאַזאַרישער קיניג און די אַריסטאָקראַטיע, די ציווילע און מיליטערישע, האָבען געהאַלטען די אידישע אמונה. צווישען די נידעריגע קלאַסען זיינען געווען פערשפרייט אַלע דריי מאָנאָטעאיסטישע רעליגיעס, נאָר עס זיינען געבליבען אויך אַסך געצענדיענער.

ניט קוקענדיג דערויף, וואָס די העכסטע רעגירונג און די אַריסטאָקראַטיע האָבען געהאַלטען די אידישע אמונה, פונדעסטוועגען איז קיין מאָל ניט גע-שטערט געוואָרען דער פרינציפּ פון גלייכבערעכטיגונג פאַר די רעליגיעס. ביים כאַגאַן זיינען געווען אַכט דיינים: צוויי פאַר די אָנהייגער פון דער אידישער רעליגיע, צו צוויי פאַר קריסטען און מוסולמאַנער און צוויי פאַר געצענדיענער — סלאַווען, רוסען און אַנדערע. מעהר ניט צייטענווייז פלעגט דער כאַזאַרישער

כּאַגאַן אַרויסווייזען אומטאָלעראַנץ, בּעזונדערס בּשעת צו איהם פלעגען דערגייהן ידיעות וועגען רדיפות קעגען אידען אין אַנדערע לענדער. איין מאָל, אַז דער כּאַגאַן האָט זיך דערוואוסט, אַז מחמדאַנער האָבּען צעשטערט אַ שול ערגיץ אין לאַנד בּאַבּונדזש, האָט ער געהייסען צעשטערען דעם טורעם (מינאַרעט) פון מעטשעט און טויטען די מועזינעס (מחמדאַנישע גלהים); דערבּיי האָט ער מוסיף געווען: „איך וואָלט צעשטערט די מעטשעט גופא אויך, ווען איך וואָלט ניט מורא געהאַט, עס זאָל אין די לענדער פון די מאַחמעדאַנער ניט בּלייבּען קיין איין שול (אַן ערך אין יאָהר 932).

בּיי אַזאַ מצב האָבּען די אידען אין כּאַזאַרישען קיניגרייך און אין זיין ווירקונגס-קרייז געקאָנט פריי און רוהיג לעבּען, אָרגאַניזירען זייערע קהילות, נעמען אַן אָנטייל אינ'ם גרויסען טראַנזיט-האַנדעל צווישען בּאַלקאַנישען האַלבּ-אינזעל און צפון-קאַווקאַז און געבּען אַ מקום מנוחה בּיי זיך זייערע פאָלקסבּרידער, וואָס זיינען אַנטלאָפען געוואָרען פאַר'ן בּיזאַנטינישען פאַנאַטיזם. אומדייטליכע קלאַנגען וועגען ראָל פון אידישקייט אין קיניגרייך פון די כּאַזאַרען זיינען דערגאַנגען אויך בּיז צו די וויטסטע אידישע קהילות. אַן ערך אין דער העלפט פון X יאָהרהונדערט זיינען די דאָזיגע קלאַנגען אַריינגעדרונגען אויך אין שפּאַ-ניען, אין צענטער פון קאָרדאָווער חאַליפאַט, און האָבּען אַרויסגערופען אַ פרייהליכע אויפרעגונג אין די הערצער פון די דאָרטיגע אידען. אין אָנהויבּ פון דער ווייטערדיגער עפּאָכע וועט אונז נאָך אויסקומען צו זעהן דעם לעצטען גלאַנץ פונ'ם דאָזיגען היסטאָרישען מעטעאָר, וואָס ווערט אָנגערופען כּאַזאַרישער קיניגרייך, און דערנאָך—ווי אַזוי ער איז אויסגעלאָשען געוואָרען.

שמעון דובנאָוו.

אַלגעמיינע
אידישע געשיכטע

פון די עלטסטע צייטען ביז דער נייער צייט

איבערגעזעצט פון ה. קאלמאנאָוויטש.

אכטער טייל.

דער תלמודישער און מיטעלאַלטערליכער פעריאָד (ג).

פאָן דער צייט פון די לעצטע גאונים אין בבל ביז'ן גירוש פורטוגאל.

ווילנע, תר"ף—1920.

אינהאלט פון אכטען טייל.

דער תלמודישער און מיטעלאלטערליכער פעריאָד (ג).

פינפטע אָבטהיילונג.

די שפּאַניש=פראַנצויזישע העגעמאָניע (950—1215).

זייט

אַלגעמיינער איבערבליק 5

די ירידה פון מזרח'דיגען צענטער (קאפּיט. I) 9

די אויפלעבונגס=עפּאָכע אין דער אַראַבישער שפּאַניען. דאָס סאָציאַלע לעבען (קאפּיט. II) 24

די גייסטיגע אויפלעבונג אין שפּאַניען (קאפּיט. III) 48

די אידען פון דער קריסטליכער אייראָפּע און די קרייץ=צוגען (קאפּיט. IV) . . . 73

דאָס גייסטיגע לעבען פון די אידען אין דער קריסטליכער אייראָפּע.

די עפּאָכע פון רש"י און פון די בעלי=תוספות. (קאפּיט. V) 103

רבינו משה בן מימון (קאפּיט. VI) 134

די אידישע קאָלאָניעס אין רוסלאַנד און פּוילען (קאפּיט. VII) . . 153

דרוקעריי ב. ציונסאָן און קאָמפּ., טראָקער גאַס, 13.

ערשטע אבטיילונג.

די שפּאַניש־פראַנצויזישע העגעמאָניע (1215—950)

אַלגעמיינער איבערבליק.

§ 78. אַ פאַקט, וואָס האָט אַ גרויסע היסטאָרישע וויכטיגקייט, איז געשעהן אין דער עפּאָכע, אין וועלכער מיר טרעטען אַריין: דער געזעלשאַפטליכער און גייסטיגער צענטער פון דער אידישער נאַציע איז אַריבערגעטראָגען געוואָרען פון מזרח קיין מערב, פון אַזיען קיין אייראָפּע. אין משך פון צוויי טויזענד יאָהר איז די הויפּט־אַרענע פון דער אידישער געשיכטע געווען דער אָריענט — פאָדער־אַזיען און צפון־אַפריקע. דאָ זיינען אויפגעקומען און געפאַלען פערשיידענע קולטור־צענטרען; דאָ האָט דאָס פאָלק געקעמפּט לכתחילה פאַר זיין פּאָליטישער, און דערנאָך אויך פאַר זיין גייסטיגער זעלבשטענדיגקייט; דאָ האָט זיך געבילדעט די ביבלישע און דערנאָך די תלמודישע יהדות; דאָ האָט אויך די נאַציאָנאַלע העגעמאָניע, נאָכדעם ווי זי האָט אָנגעוואָהרען איהר אייגענעם באָדען אין ארץ־ישראל, זיך איינגעפעסטיגט אויף עטליכע יאָהרהונדערטען אין בבל. אידישע ישובים האָבען זיך פערשפּרייט ביסלעכווייז אויך איבער אייראָפּע, נאָר די דאָזיגע מערב'דיגע קאָלאָניעס האָבען געצויגען זייער יניקה פונ'ם מזרח'דיגען מרכז. פאַר'ן לעצטען איז אייראָפּע געווען דעמאָלט דאָס אייגענע, וואָס איצט איז אַמעריקע פאַר די אייראָפּייאישע אידען — אַ לאַנד פון אימיגראַציע צוליעב חיונה.

קיינער האָט אין יענער צייט ניט געקאָנט פאָראויסזעהן, אַז די דאָזיגע פערוואָרפענע אייראָפּייאישע קאָלאָניעס, וואוהין די אידען האָבען זיך אַריבערגעצויגען, דער עיקר איבער עקאָנאָמישע סיבות, וועלען ווען עס איז ווערען דער הויפּט־צענטער פון צעזייטן פאָלק, אַז צו זיי וועט זיך אַריבערציהען די ירושה פון ארץ־ישראל און בבל צוגלייך די נאַציאָנאַלע העגעמאָניע. און פונדעסטוועגען איז דאָס געשעהן, און געשעהן איז דאָס אומבעמערקטערהייד, בהדרגה, דורכ'ן כח פון יענע בעוועגונגען אין דער וועלט־געשיכטע, וואָס מיט זיי איז געווען איינג פערבונדען דער גורל פון אידישען פאָלק.

נאָך עטליכע יאָהרהונדערטען פון קאָכעדיגען קולטורעלען לעבען האָט דער מוסלמאַנישער אָריענט זינט דעם X־טען יאָהרהונדערט אָנגעהויבען פער-

גליווערט צו ווערען און איינצווינקען אין יענער, פאַטאַלער אומבעוועגליכקייט, וואָס איז ביז גאָר דער לעצטער צייט געווען זיין כאַראַקטעריסטישער שטריך. די ציוויליזאַציע פונ׳ם אַראַבישען חאַליפאַט, וואָס האָט זיך פונאַנדערגעשפּאָלטען אויף עטליכע מלוכות, האָט אָנגעהויבען צו צעפאַלען אונטער׳ן שטענדיגען דראַנג פון די טערקישע און מאָנגאָלישע באַרבאַרען, וואָס האָבען פערפלייצט מערב-אַזיען און צפון-אפריקע.

דערווייל זיינען אין אייראָפּע אויפגעקומען צענטרען פון אַ נייער ציוויליזאַציע. די אַראַבער גופא, די דעמאָלטיגע קולטור-טרעגער, האָבען אַריבערגעוואָרפען אַ בריק צווישען מזרח און מערב, נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך איינגעפעסטיגט אויפ׳ן פירענייאישען האַלב-אינזעל און האָבען בעשאַפען דעם בליהענדען קאָרדאָווער חאַליפאַט (אין X-טען יאָהרהונדערט).

איבער יענעם בריק האָט אָנגעהויבען אַריבערגייהן פון בבל קיין שפּאַניען די אידישע נאַציאָנאַלע העגעמאָניע. אין דער צייט וואָס די לעצטע גרויסע גאונים — רב שרירא, רב האי און רב שמואל בן חפני (967 — 1038), האָבען ליקווידירט די גרויסע גייסטיגע ירושה פון פומבדיתא און סורא, האָבען אין קאָרדאָווע און גרענאַדע געגלענצט ר׳ חסדאי אבן-שפרוט און ר׳ שמואל הנגיד, פּאָליטישע טוער פון שפּאַנישען חאַליפאַט און פאָרשטייהער פון דער אידישער אווטאָנאָמיע, וואָס האָט אָנגעהויבען זיך צו שאַפען אין אייראָפּע. אין דער אַראַבישער שפּאַניען ווערט אַריבערגעטראָגען דער תלמודיזם. זיינע פאָרשטייהער טראָגען זינט יענער צייט ניט דעם טיטעל גאונים, נאָר ר ב נ י ם, אָבער פאַקטיש גייהען אַריבער צו זיי די פונקציעס פון די גאונים פון בבל.

צו גלייכער צייט אַנטפלעקט זיך דאָ אַזאַ רייכקייט פון קולטור-לעבען און אַזאַ פערשיידענאַרטיגקייט פון אינטעלעקטועלער שאַפונג, וואָס די אידישע בבל האָט קיין מאָל אַזעלכעס ניט געוואוסט. דער XI-טער און XII-טער יאָהרהונדערט זיינען אין שפּאַניען די יאָהרהונדערטען פון אידישען רענעסאַנס. נעמענדיג אַ טעטיגען אָנטייל אין פּאָליטישען לעבען פון לאַנד און אַרויסרוקענדיג איינפלוסרייכע פּאָליטיקער, האָבען די אידען מיט ערפאָלג קאָנקורירט מיט די אַראַבער אויך אויפ׳ן פעלד פון וויסענשאַפט און קונסט, אין מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע, פילאָסאָפיע, פּאָעזיע, שפּראַך-וויסענשאַפט. אבן-גבירול, אבן-עזרא, רבי יהודה הלוי, רמב״ם זיינען ניט געווען די איינציגע. זיי זיינען נאָר געווען די גרעסטע צווישען די פיעל שטערען פונ׳ם דעמאָלטיגען אידישען געדאַנק. די אידיש-העלענישע בילדונג פון דער אַלטער אַלכסנדריא האָט ווידער אויפגעלעבט אין יענער עפּאָכע, נאָר אין אַ מעהר נאַציאָנאַלער פאָרם. די שיטות פון אַריסטאָטעלעס (אַריסטו), פּלאַטאָן (אַפלטון) און פילון זיינען ווידער אַריינגעדרונגען, דורך דער אַראַבישער ליטעראַטור, אין דער יהדות און זיינען געוואָרען צוגעפאַסט צו איהר וועלט-אָנשויאונג. עס האָבען זיך געלאָזט הערען די קלאַנגען פון דער פרייער אידישער מוזע. די אידישע שריפטשטעלער האָבען געברויכט אין זייערע ווערק הן זייער נאַציאָנאַלע שפּראַך, הן די קאָסמאָפּאָליטישע שפּראַך פון די אַראַבער, — די ערשטע דער עיקר אין פּאָעזיע, די צווייטע — אין פי-

לאָסאָפיע. פון דער דאָזיגער אויסמישונג פון קולטורען, שפּראַכען און וועלט־אַנשויאונגען האָט זיך צונויפגעשטעלט די פערשיידענאַרטיגע שאַפונג פון די דעמאָלטיגע שפּאַנישע אָדער ספרדישע אידען (שפּאַניען הייסט אויף העברעיאיש ספרד). די דאָזיגע גלענצענדע תקופה פון ספרדישען רענעסאַנס ענדיגט זיך מיט׳ן גרויסען ענציקלאָפּעדישען אינטעלעקט, דעם רמב״ם, וואָס פעראייניגט אין זיין טעטיגקייט מזרח מיט מערב, אַזוי ווי ר׳ סעדיה גאון האָט פערענדיגט די פריהערדיגע בבלישע תקופה.

אינ׳ם אידישען צענטער אין שפּאַניען האָט זיך דאָס אינעווייניגסטע לעבען אַרויסגעוויזען אין זיין פולקייט ניט שטענדיג ביי גינסטיגע אויסווייניגסטע בעדינגונגען. נאָך אַ הונדערטיאָהריגער בליהונגס-צייט האָט דער קאָרדאָווער חאַליפאַט אָנגעהויבען פונאַנדערצופאַלען אויף אַ סך קליינע מלוכות (אין ערשטען פערטיל פון XI יאָהרהונדערט). אין זיין טעריטאָריע האָבען זיך אַריינגעריסען פון איין זייט די אַפריקאַנישע בערבערען, און פון דער אַנדער זייט — די קריסטען פון צפון-שפּאַניען, וואָס זיינען אַנומעלט אָבגעשטופּט געוואָרען דורך די אַראַבער. די אָנפאַלען פון די אַלמאָראַווידען (1086) און פון די אַלמאָהאַדען (1147) פון אַפריקע האָבען אַריינגעבראַכט אומריינע כוואַליעס פון באַרבאַריזם און מוסעלמאַנישען פאַנאַטיזם אין דער ליכטיגער שטרעמונג פונ׳ם אַראַביש-שפּאַנישען לעבען. דער אינטעלעקטועלער ריז פון דער רענעסאַנס-עפּאָכע, דער רמב״ם, איז געווען געצוואונגען אין זיין פריהער יוגענד צו פערלאָזען זיין געבוירען-שטאָדט קאָרדאָווע, וואו עס האָט געווילדעוועט דער פאַנאַטיזם פון די אַלמאָהאַדען, און אַריבערקלייבען זיך אין אָריענט.

און פונדעסטוועגען האָט זיך דער קולטורעלער וואוקס פונ׳ם אידישען קיבוץ אין שפּאַניען ניט אָבגעשטעלט, און ספרד האָט נאָך אַ לאַנגע צייט געדיענט פאַר אַ מעהר אָדער ווייניגער ליכטיגען פונקט פאַר די גלות-לענדער, ביז וואַנען עס האָבען איהם ניט פערדעקט די פינסטערע כמאַרעס, וואָס האָבען איינגעהילט דעם היסטאָרישען האָריזאָנט אין די לעצטע יאָהרהונדערטען פון מיטעלאַלטער.

גלייכצייטיג מיט דער ענטוויקלונג פונ׳ם אידישען צענטער אין דער אַראַבישער שפּאַניען, בילדעט זיך אַן אַנדער גרויסער צענטער אין מיטעל-אייראָפּע. פראַנקרייך מיט עלזאַס-לאָטרינגען, וואָס גרעניצט זיך מיט איהר אין צפון-זייט, און פּראָוואַנס — אין דרום-זייט, פאָדערט איהר חלק אין דער אידישער העגעמאָניע, וואָס איז געבליבען בירושה פון אַזיען. זי האָט אַלע נויטיגע פאָרבעדינגען צוליעב דעם: אַ צאָהלרייכע אידישע בעפעלקערונג, וואָס פיהרט אַ גרויסען האַנדעל, אַ רייהע אָרגאַניזירטע קהילות, וואָס האָבען זייער זעלבסטפערוואַלטונג, גרויסע רבנים און געלערנטע. די אידישע פראַנקרייך קאָן זיך שוין ניט מעהר בעפרידיגען מיט דער בעשיידענער ראָל פון אַ קאָלאָניע, וואָס בעקומט איהר גייסטיגע יניקה פון אויסווייניג. זי שאַפט איהר אייגענעם קולטור-צענטער, וואָס אונטערשיידט זיך פון שפּאַנישען און דערנעהענטערט זיך מעהר צום באַבילאָנישען מוסטער.

אין פראַנקרייך און אין די דייטשע לענדער, וואָס גרעניצען זיך מיט

איהר, איז דער תלמודיזם אַמושל בכיפה, און ער רעגולירט דעם סדר פון די קהילות און דאָס גייסטיגע לעבען. דער געזעצגעבער רבנו גרשום מאור הגולה, דער גרויסער מפרש רש״י און די טיעפזיניגע אויספאָרשער פונ׳ם תלמודיזם, די בעלי התוספות, פיהרען איין אין מיטעל-איירָאָפּע דעם רעזשים פון די גאונים פון בבל. מעהר ניט אין דרום-פראַנקרייך, אין דער פּראָוואַנס, לאָזט זיך מערקען די השפעה פון דער שכנישער שפּאַניען, און אינאיינעם מיט׳ן רבּיניזם בליהען דאָרט פרייע וויסענשאַפטען, פילאָסאָפיע און שפּראַך-וויסענשאַפט (די קמחי׳ס, די אבן-תבונ׳ס). בכלל אָבער בילדעט דער פראַנצויזיש-דייטשער צענטער, מיט זייער אָבגעזונדערטער, שטריינג-רעליגיעזער לעבענס-אָרדענונג, אַ געגענגעוויכט צום שפּאַנישען צענטער, וואו עס האָבען געהערשט די יסודות פון פריידיינקעריי און אוניווערסאַליזם. צווישען זיי איז געווען דער זעלביגער חלוק, ווי צווישען דער קירכען-קולטור פון די קריסטען אין מיטעל-איירָאָפּע און צווישען דער בילדונג פון די אַראַבער פון קאָרדאָווער חאַליפאַט. די ווירקונג פון דער אַרומיגער סביבה האָט זיך אַרויסגעוויזען דאָ זייער בולט.

דער אונטערשייד פונ׳ם מצב האָט זיך נאָך מעהר אַרויסגעשטעלט, נאָך דעם ווי דער שטורעם פון די קרייץ-צוגען (מסעי-הצלב, גזרת תתנ״ו, זינט דעם יאָהר 1096) האָט צעטרייסעלט די סאָציאַל-עקאָנאָמישע לעבענס-אָרדענונג פון די מיטעל-איירָאָפּייאישע אידען. דער רעליגיעזער פאַנאַטיזם, וואָס די קרייץ-פאָהרער האָבען פונאַנדערגעבלאָזען, האָט ברייטער געמאַכט דעם אָבגרונד צווישען קריסטען און אידען. דורכדעם וואָס זיי האָבען דערנעהענטערט אַזיען צו דער קריסטליכער איירָאָפּע, האָבען די קרייץ-צוגען בעדייטענד איינגעשמעלט די האַנדעלס-אָפּעראַציעס פון די אידען, וואָס זיינען פריהער געווען די הויפּט-פערמיטלער צווישען די צוויי ערד-טיילען. די קריסטען האָבען אָנגעהויבען אַרויסשטופען די אידען פון דער גרויסער אינדוסטריע, און זיי האָבען זיך געמוזט ווענדען צום קליין-האַנדעל און צו וואָכעריי, וואָס זיינען פערבליבען פאַר די בידעריגע סאָציאַלע גרופען. דאָס אַלץ האָט פערשטאַרקט די אָבגעזונדערטקייט פון די פראַנצויזיש-דייטשע אידען פון דער אַרומיגער בעפעלקערונג אין אַלע לעבענס-ספערען און האָט צוגעגרייט אַ באָדען פאַר דער מיטעלאַלטערליכער געטאָ, וועס בעקומט די הערשאַפט אין דער ווייטערדיגער היסטאָרישער תקופה פון XIII — XV יאָהרהונדערט.

ערשטער קאפיטעל.

די ירידה פון מזרחדיגען צענטער

די לעצטע גאונים אין בבל.—ציטוויליגער צענטער אין אפריקע.—ארץ־ישראל און מצרים.—מעסאפאטאמיען און פערסיען אין XII יאהרהונדערט.

די לעצטע גאונים אין בבל.

§ 79. דער אינסטיטוט פון די רישי־גלותא און די גאונות, די צוויי גרונדזיילען פון דער באַבילאָנישער העגעמאָניע, האָבען אָנגעהויבען צו נידערן באַרג אַראָב זינט דער העלפט פון X יאָהרהונדערט, נאָכ׳ן טויט פון דוד בן זכאי און רב סעדיה גאון (§ 73). אין משך פון אַ לאַנגער צייט איז גאָרנישט צו הערען וועגען די רישי־גלותא אין בבל. ס׳איז מעגליך, אַז נאָך אַ געוויסער הפסקה איז זייער טעטיגקייט ווידער אויפגעפרישט געוואָרען; נאָר על־כל־פנים זיינען זיי שוין ניט מעהר געווען די מנהיגים פון אַלע קהילות אין די מזרח־לענדער (ראשי־הגולה אין פולען זין פון וואָרט), נאָר בלויז די אָפיציעלע פאָרשטייהער פון די אידישע קהילות אין באַגדאַדער ראַיאָן. די טעטיגקייס פון די דאָזיגע רישי־גלותא, וואָס האָבען געוואוינט דער עיקר אין באַגדאַד, האָט געקאָנט האָבען אַן אָרטיגע בעדייטונג, אָבער ניט קיין אַלגעמיין־אידישע.

אַ ביסעל לייגנער האָט זיך געהאַלטען און איינגעהיט איהר בעדייטונג פאַר׳ן כלל־ישראל די גאונות. זינט עס איז אָבגעשאַפט געוואָרען דער אַקאַדעמישער צענטער אין סורא, איז די היעראַרכיע פון די גאונים גאַנץ געבליבען נאָר אין אַנדער צענטער — אין פומבדיתא. אין דער צווייטער העלפט פון X יאָהרהונדערט און אין אָנהויב פון XI יאָהרהונדערט האָבען דאָ געווירקט די לעצטע גאונים פון בבל — רב שרירא און זיין זוהן רב האי. אַ דאַנק זייער אומגעהייערן גייסטליכען אַוטאָריטעט, האָט זיך זיי אַיינגעגעבען אויף אַ געוויסער צייט אויפצופרישען די גאונות פון בבל, נאָר כדי צו פערשאַפען דעם צענטער אין פומבדיתא דעם אייגענעם ליכטיגען סוף, ווי דעם צענטער אין סורא.

די אַלטע נעסט פון תלמודישער למדות פומבדיתאָ האָט ביז׳ן סוף אַיינגעהיט איהרע שטרייננג־קאָנסערוואַטיווע טראַדיציעס אינ׳ם געביט פון גייסטיגען שאַפען און פראַקטישער געזעצגעבונג. און דער גאון רב שרירא בן רב חנינא איז געווען איינער פון די בולט׳סטע פאָרשטייהער פון דער דאָזיגער

קאָנסערוואַטיווער ריכטונג. אין משך פון די דרייסיג יאָהר, וואָס ער האָט פערוואַלטעט איבער די גייסטליכע ענינים פון די אידען אין בבל (968—998), האָט ער מיט גרויסער איבערגעבענקייט געמיהט זיך צו פערשפרייטען תלמודישע קענטשאַפט הן דורך לייענען שיעורים אין דער ישיבה, הן דורך פונאַנדערשיקען תשובות אויף די שאלות פון פערשיידענע קהילות איבער רעליגיעזען און ציווילען רעכט. אין זיינע תשובות, וואָס האָבען געהאַט די בעדייטונג פון אַווטאָריטעטע געזעצגעבערישע אַקטען, האָט רב שרירא געוויהנליך איינגעטייטשט די דינים פון תלמוד לחומרא. די דאָזיגע שטרייגקייט, וואָס איז געווען דער פועל-יוצא פון זיין צוגרויסער אַכטונג צום אות פון דער טראַדיציע, האָט געהאַט אויך דעם צוועק אָבצוהיטען די אידען, זיי זאָלען ניט אונטערפאַלען אונטער דער השפה פון דער קאַראַאימישער פראָפּאַגאַנדע, וואָס איז געווען געווענדט קעגען דער תורה שבעל-פה.

אַזעלכע קאָנסערוואַטיווע סברות האָבען, משמעות, בעוואויגען דעם גאון פון פומבדיתא אָנצושרייבען זיין בעריהמטען „בריעף" וועגען דער ענטוויקלונג פון דער תורה שבעל-פה (אגרת רב שרירא), וואָס האָט אַ וויכטיגע בעדייטונג פאַר דער געשיכטס-שרייבונג. ביז יענער צייט איז אין דער אידישער ליטעראַטור ניט געווען קיין איינגעשטעלטע כראָנאָלאָגיע פאַר דער תקופה פון די חכמי התלמוד און פון די גאונים (אויב מען זאָל ניט רעכענען דעם „סדר תנאים ואמוראים" — אַ רייסטער פון די נעמען פון די תנאים און אמוראים, — וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרען אין IX-טען יאָהרהונדערט און וואָס קליינע פראַגמענטען דערפון זיינען פערבליבען), ווי עס האָט בכלל ניט עקסיסטירט קיין היסטאָרישע ליטעראַטור. מענשען, וואָס זיינען געווען אריינגעטאָן ראשם-ורובם אין לערנען תלמוד, האָבען געהאַלטען, אַז עס איז בכלל ניט כדאי צופיהרען כראָניקעס, וואו עס זאָלען ווערען פערשריבען די געשעהענישען פונ'ם פערגאַנגענעם און איצטיגען לעבען פון פאָלק, און אַפשיטא שוין פראַגמאַטיש זיי אויסצופאָרשען. זיי האָבען צו טייער געהאַלטען די בלינדע טראַדיציע, אַז זיי זאָלען זאָרגען וועגען דעם, ווי אַזוי אויפצוקלערען איהר היסטאָרישען מקור און ענטוויקלונג.

נאָר וואו-ניט-וואו האָט זיך שוין געלאָזט מערקען אַ בעדערפעניש אין עלעמענטאַרער היסטאָרישער קענטשאַפט. דער ראש-הקהילה פון קיירואַן (אין צפון-אַפריקע), דער געלערנטער ר' יעקב בן-נסים, האָט פאָרגעלייגט רב שרירא גאון שריפטליך פאָלגענדע שאלות: ווי אַזוי איז צונויפגעשטעלט געוואָרען די משנה, צי איז זי אויפגעשריבען געוואָרען אָדער מען האָט זי איבערגעגעבען בעל-פה ביז רבי יהודה הנשיא'ס צייטען? ווי אַזוי איז געוואָרען אָנגעשריבען דער תלמוד? ווי אַזוי גייהט דער סדר פון די סבוראים און וואָסערע ראשי-ישיבות (גאונים) האָבען געווירקט נאָך זיי?

ר' שרירא גאונ'ס ענטפער אויף אַלע די דאָזיגע פראַגען איז געווען אַ כראָנאָלאָגישער רייסטער פון די דורות חכמי-התלמוד — תנאים און אמוראים, און דערנאָך פון די סבוראים און גאונים, וואָס האָבען געווירקט אין סורא און פומבדיתא ביז דעם מחבר'ס צייט. דער דאָזיגער קורצער בריעף, וואָס בעשטייהט

דער עיקר פון נעמען און ציפערן מיט אַ קורצער כאַראַקטעריסטיק פון די בעדייטענדסטע טוער, דיענט ביז היינטיגען טאָג אַלס דער הויפּט-מקור פאַר ידיעות וועגען דער ווינציג בעוואוסטער תקופה פון די גאונים. אויף די היסטאָרישע מיטטיילונגען פון רב שרירא גאון, וואָס איז איינער פון איהרע לעצטע גרויסע פאָרשטייהער, קאָן מען זיך פערלאָזען אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל מען קאָן בכלל גלויבען די ידיעות, וואָס אַ כראָניקען-שרייבער האָט געשעפּט פון מסורות שבעל-פה, אָדער פון טראַדיציאָנעלע כראָנאָלאָגישע פערצייכענונגען.

רב שרירא'ן האָט געהאָלפען (זינט דעם יאָהר 987) אין זיין פיעלזייטיגער טעטיגקייט אַלס גייסטליכער אָנפיהרער פון די אידען אין בבל זיין זוהן רב האי, וואָס האָט בעקומען דעם טיטעל „אב בית-דין (פאָרזיצענדער פון בית-דין), ד. ה. דעם גאונ'ס געהילף אינ'ם פאָרזיץ פון דער קאָלעגיע געלערנטע. אַ סך גערichtליכע פסקים און געזעצגעבערישע ערקלערונגען זיינען פונאַנדערגעשיקט געוואָרען אינ'ם נאָמען פון ביידע גאונים.

ווי פּאָפּולער רב שרירא און רב-האי זיינען געווען, האָט זיך פונדעסטוועגען, ווי עס ווייזט אויס, געבילדעט אַן אָפּאָזיציע אַנטקעגען זייער פערוואַלטונג. אין יאָהר 998 האָבען די געגנער פון דער קאָלעגיע אין פומבדיתא גע'מסר'ט דעם גאון און זיין זוהן פאַר'ן באַגדאַדער חאַליף אל-אַדיר. מחמת דער דאָזיגער מסירה האָט מען רב שרירא'ן און רב האי אריינגעוואָרפען אין תפיסה און זייער אייגענס קאָנפיסקירט. נאָר אין גיכען האָט מען זיי אַרויסגעלאָזען פריי און ווידער אַרויפגעזעצט אויף זייערע פריהערדיגע שטעלעס.

קורץ פאַר זיין טויט, בשעת ער איז שוין געווען כמעט אַ זקן פון הונדערט יאָהר, האָט רב-שרירא אינגאַנצען אָבגעטרעטען דעם פּאָסטען פון גאון פאַר זיין זוהן. דעם טאָג, וואָס רב האי גאון האָט בעדאַרפט איבערנעמען די שטעל־ האָט מען געמאַכט אַ גרויסען יום-טוב. דעם ערשטען שבת נאָך רב שרירא'ס טויט, האָט מען אין שול געלייענט דעם קאַפּיטעל פון ספר „מלכים", וואו עס ווערט דערצייהלט, ווי אַזוי דער אַלטער קיניג דוד האָט געזאַלבט שלמה'ן פאַר אַ קיניג, און דערביי האָט מען אויסגערופען: „און רב האי האָט זיך געזעצט אויפ'ן שטול פון זיין פאָטער רב-שרירא, און זיין רעגירונג האָט זיך בעפעסטיגט".

רב האי, וואָס האָט פערנומען די שטעל פון אַ גאון אין פומבדיתא אַן ערך פערציג יאָהר (998—1038), איז געשטאַנען העכער פאַר זיין פאָטער בנוגע צו דער טיעפקייט און פיעלזייטיגקייט פון זיינע קענטעניסען. ער איז געווען דער גרעסטער בר-סמכא בנוגע צו תלמודישער יוריספּרודענץ, און האָט צו גלייכער זיך פערנומען מיט ביבלישע פאָרשונגען, זיך אינטערעסירט מיט מאָראַל-פילאָסאָפיע און איז אויך געווען בעהבינט אין דער אַראַבישער ליטעראַטור. זיינע גרעסטע ווערק איבער תלמודישען ציוויל-רעכט האָט ער אָנגעשריבען אויף אַראַביש, דהיינו זיינע ספרים „מקח-וממכר", „דיני שבועות" און אַנדערע, וואָס ערשט די שפּעטערדיגע שריפטשטעלער האָבען זיי איבערזעצט אויף העברייאיש. חוץ די חיבורים איבער תלמודישען רעכט, האָט רב-האי גאון אָנגעשריבען נאָך ווערק איבער העברייאישע גראַמאַטיק, לעקסיקאָגראַפיע און פירושים צום תנ"ך. אויך

רעכענט זיך פאר זיין ווערק א זאמלונג פון קורצע מאמרים בדרך שיר, אונטער׳ן נאָמען „מוסר-השכל״, וואָס איז זייער בעליבט געווען ביים עולם אין די שפע-טער דריגע יאָהרהונדערטען. די דאָזיגע מאמרים, וואָס זיינען נאָכגעמאַכט דעם ספר „משלי״, בעווייזען, אז דער מחבר איז א טיעפזיניגער מענש און האָט א טיעפען קוק אויפ׳ן לעבען, אָבער בכלל טראָגען זיי אויף זיך דעם חותם פון דער אָריענטאַ-לישער וועלט-אָנשויאונג.

רב האי גאון איז געווען בעקאַנט מיט מוסעלמאַנישע געלערנטע און אפילו מיט׳ן קריסטליכען קאַטאָליקאָס אין באַגדאַד און פלעגט אָפטמאָלס פיהרען מיט זיי טעאָלאָגישע שמועסען. דערביי איז, פערשטייהט זיך, דער העכסטער פאָר-שטייהער פון דער אידישער היערארכיע זייער ווייט געווען פון פריידיינקעריי. שטריינג קאָנסערוואַטיוו אין רעליגיעזער פּראַקטיק, האָט ער געטאַדעלט די פאָלקס-אָבערגלויבענס, וואָס האָבען ניט קיין סמך אין די אַלטע מסורות. די געלערנטע פון קיירואַן האָבען געפרעגט ביי רב-האי גאון, צי איז עס אמת, אז עס זיינען פאַראַן בעהאַלטענע שמות אָדער צירופים, וואָס דורך זיי קאָן מען ניצול ווערען, אשטייגער, פון גזלנים, איינשטילען א שטורעם אויפ׳ן ים, דורכגייהן אין א קורצע צייט א גרויסען מהלך (קפיצת הדרך) וכדומה. דערויף האָט דער גאון פון פומבדיתא געענטפערט: „דאָס איז אַלץ פוסטע רייד. אפילו צדיקים גמורים קאָנען ניט טון אזעלכע מופתים. אזעלכע אָבערגלויבענס קומען אַרויס אָדער פון קראַנקהייט (קראַנקער פאַנטאַזיע), אָדער ליגנערס קלערען זיי אויס... קורץ גערעדט: א נאַר גלויבט אַלצדינג (פתי יאמין לכל דבר)״.

איבעריגענס, אַלס דער גרעסטער פאָרשטייהער פון דער אָרטאָדאָקסיע, האָט רב האי גאון ניט דערלאָזט קיין שום סיפקות אין דער ריכטיגקייט פון ד׳ תלמודישע לעגענדעס און פון די טראַדיציעס, וואָס זיינען פערהייליגט געוואָרען דורך זייער עלטער, הגם זיי זיינען קעגען שכל.

הגם דירעקט אונטער רב האי גאונ׳ס פיהרונג זיינען געשטאַנען בלויז די קהילות פון בבל, פונדעסטוועגען איז זיין נאָמען געווען מפורסם ווייט אויסער-האַלב די גרעניצען פון בבל. דאָס איז געווען דער לעצטער מזרח׳דיגער גאון, וואָס צו איהם האָבען זיך געווענדט מיט שאלות אין רעליגיעזע און יורידישע ענינים די געלערנטע פון אַפריקע, שפּאַניען, פראַנקרייך און דייטשלאַנד.

אין דער צייט וואָס רב האי גאון איז געשטאַנען בראש פון דער ישיבה אין פומבדיתאָ, האָט א שיין געטאָן אין סורא א מעטעאָר פון גייסטיגער אויפ-לעבונג, אין דער פּערזאָן פונ׳ם גאון ר׳ שמואל בן-חפני, ד׳ האי׳ס שוועהר. ער האָט פערנומען א קורצע צייט (אַן ערך פון 1010—1034) די שטעל פון א גאון אין סורא, וואָס איז שוין לאַנג אָבגעשאַפט געוואָרען; אזוי ווי די כונה וואָלט געווען צו שטעלען א בכבוד׳ע נייע מצבה דער דאָזיגער שטעל.

אבן-חפני איז געווען אַן אויפגעקלערטער דיינקער, וואָס איז געווען דורכגעדרונ-גען מיט רב-סעדיה גאונ׳ס פילאָסאָפישע אידייען, און אין זיינע טעאָלאָגישע פּאָר-שונגען טרעט ער אַרויס אַלס איבערצייגטער ראַציאָנאַליסט, לויט׳ן מוסטער פון

די אַראַבישע מוטאַזיליטען. ער האָט געהאַלטען, אַז „מיר זיינען ניט מחויב אָנצונעמען די ווערטער פון די אַלטע חכמים, אויב זיי גייהען קעגען שכל הישר". אויף דעם סמך האָט ער געפּרובט צו דערקלערען אויף אַ ראַציאָנאַליסטישען אופן אַפילו די נסים פון תנ"ך (למשל, דאָס ריידען פון בלעם'ס אייזעל, אָדער די טויטען-בעשווערונג דורך דעם מכשפה אין עין-דור), האַלטענדיג זיי אָדער פאַר אַלעגאָריעס, אָדער פאַר אַ רעזולטאַט פון פערבלענדעניש פון די חושים.

פון די פיעל חיבורים ר' שמואל'ס איבער ביבלישער עקזעגעטיק און תלמודישען רעכט, וואָס זיינען אָנגעשריבען געוואָרען אויף אַראַביש, זיינען גאַנץ געבליבען בלויז אומבעדייטענדע פראַגמענטען. רבי שמואל בן-חפני איז געשטאָרבען אין יאָהר 1034, און מיט איהם איז די גאונות פון סורא, וואָס האָט אויך אַ רגע אויפגעלעבט, אויף אַלע מאָל פערשוואונדען פון דער היסטאָרישער סצענע.

אין פיער יאָהר אַרום איז געשטאָרבען אויך דער גאון פון פומבדיתא רב האי (1038). דער טויט פונ'ם פּאָפּולערען גייסטליכען פיהרער האָט ארויסגערופען אַן אויפריכטיגען טרויער אין די אידישע קהילות פון אַלע לענדער. די מענשען פון יענעם דור האָבען בעוויינט אין רב-האי'ס פערזאָן דעם לעצטען אַלגעמיין אָנערקענטען גאון, וואָס האָט געווירקט אין פאָטערלאַנד פונ'ם תלמוד.

די גאונות פון פומבדיתא איז שוין ניט געווען בעשערט ווידער אויפגעריכט צו ווערען. רב האי גאונ'ס תלמידים האָבען געפּרובט אויסצוקלייבען אַ נייעם גאון אויף זיין אָרט; זיי האָבען בעשטימט פאַר אַ ריש-ישיבה פון פומבדיתא ר' ח ז ק י ה, אַן אוראייניקעל פונ'ם געוועזענעם ריש-גלותא דוד בן-זכאי. ר' חזקיה האָט בעדאַרפט זיין גלייכצייטיג סיי אַ גאון און סיי אַ ריש-גלותא. נאָר איהם איז בעשערט געווען אַראָבצופיהרען אין קבר ביידע שטעלעס. עמיצער האָט אָנגעג'מסר'ט פאַר'ן באַגדאַדישען חאַליף אויפ'ן אידישען ריש גלותא. האָט מען געכאַפּט ר' חזקיה'ן, אַריינגעוואָרפען אין תפיסה און געפּייניגט איהם דאָרט מיט שווערע עינויים, און זיין אייגענס האָבען אַוועקגערויבט געלדגיריגע הויפסלייט (1040). ר' חזקיה'ס זיהן זיינען אַנטלאָפען געוואָרען און זיינען שפּעטער אָנגעקומען אין שפּאַניען.

אַזוי איז אונטערגעגאַנגען, נאָך אַן עקסיסטענץ פון פיער יאָהרהונדערטען, די בעריהמטע גאונות פון בבל. דאָס פאָטערלאַנד פונ'ם תלמוד האָט איצט שוין איינגאַנצען אָנגעוואָהרען זיין גייסטיגע העגעמאָניע אין אידישען פאָלק.

דער צייטווייליגער צענטער אין אַפריקע.

§ 80. אויף איהר היסטאָרישען וועג פון פאָדער-אַזיען קיין אייראָפּע האָט די אידישע קולטור געפונען פאַר זיך אַ צייטווייליגע אכסניה אין צ פ ו ן-אַ פ ר י ק ע, ד. ה. אין דער איצטיגער געגענד פון טוניס, מאַראָקאָ און פעז, וואָס האָט

געהייסען ביי די אראבער מאגרעב. דאָ האָבען נאָך אין דער ערשטער העלפט פון X יאָהרהונדערט עקסיסטירט אונטער דער ממשלה פון די חאַליפען פון דער דינאַסטיע פאַטימידען אידישע קהילות, וואָס פון זיי איז געווען די געבילדעטסטע די קהילה אין קיירואַן. דאָ האָבען זיך אַרויסגערוקט דער בעריהמטער דאָקטאָר און פילאָסאָף יצחק ישראלי און זיין תלמיד, דונש בן תמים (§ 69).

דער באַבילאָנישער געלערנטער ר׳ חושיאל, איינער פון די לעגענדאַרישע „ארבעה-שבויים״ (פיער געפאַנגענע), וואָס דער מזל האָט איהם פערוואָרפען אין צפון-אַפריקע, האָט איינגעפלאַנצט אין איהר די זאָמען פון תלמודישער בילדונג. נאָכדעם ווי ער איז אויסגעקויפט געוואָרען פון געפאַנגענשאַפט דורך די אַפריקאַנישע אידען, איז ער געוואָרען אויסגעקליבען פאַר אַ גייסטליכען מנהיג פון דער רייכער קהילה אין קיירואַן, און עס קאָן זיין, אַז ער האָט זיך אויך געשטעלט בראש פון דער ישיבה צו לערנען תלמוד (955—980). ר׳ חושיאל׳ס מיטאַרבייטער איז געווען דער אָרטיגער געלערנטער רבי יעקב בן-נסים אבן שאהין, דער זעלביגער, וואָס האָט זיך געווענדט צו רב שרירא גאון מיט דער שאלה וועגען דער היסטאָרישער ענטוויקלונג פונ׳ם תלמוד און פון דער גאונות.

די זיהן פון די דאָזיגע צוויי געלערנטע, רבינו חננאל בן-חושיאל און רבינו נסים בן יעקב, האָבען וויטער געפיהרט מיט גרויס התמדה די אַרבייט, וואָס זייערע פאָטערס האָבען אָנגעהויבען, צו פערשפרייטען רעליגיעזע קענטעגישען צווישען די אַפריקאַנישע אידען. ר׳ חננאל (אַן ערך פון 1000—1050) האָט געשריבען פירושים צום חומש, וואָס דערפון זיינען געבליבען פראַגמענטען. אין זיינע פירושים צום תלמוד (פירוש רבינו חננאל) האָט ער צוערשט אָנגעהויבען אויסצונוצען אויך דעם טעקסט פונ׳ם תלמוד ירושלמי, וואָס איז געווען אינגאַנצען פעררוקט אַן אַ זייט דורכ׳ן תלמוד בבלי, וועלכער איז געווען אָנגענומען ביי אַלעמען. דורכדעם, וואָס די פאַטימידישע חאַליפען האָבען איינגענומען ארץ-ישראל, זיינען די אַפריקאַנישע אידען געקומען אין נעהענטערע בעריהרונג מיט די דאָרטיגע אידען, און פון זיי האָבען זיי, משמעות, בעקומען די אַלטע כתב-יד׳ען פונ׳ם תלמוד ירושלמי. די פערגלייכונג פוןביידע תלמודים, דעם בבלי מיט׳ן ירושלמי, האָט געגעבען ר׳ חננאל׳ן די מעגליכקייט איבערצוקוקען און צו פערריכטען די נוסחאות און פעסטצושטעלען געוויסע געזעצגעבערישע מסקנות, לויט וועלכע די שפּעטערדיגע רבנים האָבען זיך געפיהרט. רבינו חננאל האָט אויך פערפאַסט אַ ספר פון הלכות איבער תלמודישען רעכט אונטער׳ן נאָמען „מקצעות״.

ר׳ חננאל׳ס בן-דור, רבינו ניסים בן-יעקב, איז געווען דער אָפיציעלער מנהיג פון דער קהילה אין קיירואַן און דער פיהרער פון דער אָרטיגער אַקאַדעמישער יוגענד. ביידע זיינען זיי געווען פאַר צפון-אַפריקע דאָס אייגענע, וואָס עס איז געווען פאַר בבל רב האי גאון, וואָס מיט איהם זיינען זיי געשטאַנען אין קאָרעספּאָנדענץ-פערבינדונג. די שפּעטערדיגע דורות האָבען געגעבען רבינו נסים און רבינו חננאל דעם טיטעל „גאון״. רבינו נסים האָט אָנגעשריבען אַ

„שליסעל" (מפתח)" צום תלמוד, וואָס אין איהם האָט ער סיסטעמאַטיזירט די אַל-געמיינע כללים פון דער תלמודישער הלכה און אויסגעטייטשט הארבע ערטער אין תלמוד בבלי, פערגלייכענדיג זיי טיילמאָלס מיט די ענטשפרעכענדע ערטער פונ'ם תלמוד ירושלמי.

שפעטער האָט מען איהם צוגעשריבען אויך דעם ספר „מעשיות" — אַ זאַמלונג פון מאמרי מוסר און לעגענדעס, דער עיקר פון דער תלמודישער אַגדה. ניט אַזוי ווי ר' חננאל, וואָס האָט געשריבען אויף העברייאיש, האָט ר' נסים בן-יעקב געשריבען זיינע ספרים על-פי-רוב אויף אַראַביש.

ביידע אַפריקאַנישע רבנים אָדער „גאונים" האָבען איבערגעלעבט דעם ענדגילטיגען אונטערגאַנג פון דער גאונות אין בבל, נאָר ניט אויף אַ סך צייט: נאָך זייער טויט (אַן ערך אין יאָהר 1050) זיינען אין צפון-אַפריקע ניט געווען אַזעלכע מענשען, וואָס זאָלען ראוי זיין צו פערנעמען זייער אָרט, די שכנישע שפאַניען האָט צוגעצויגען אַלע בעסטע אינטעלעקטועלע קרעפטען פון אידישען פאָלק. שוין רבינו נסים האָט זיך געפונען אין מאַטעריעלער אָבהייניגקייט פונ'ם דעמאָלטיגען אייגפלוסרייכען פאָרשטייהער פון די שפאַנישע אידען רב שמואל הנגיד. און ר' נסים'ס גרויסער תלמיד, רבי יצחק אלפסי פון דער שטאָדט פעץ, האָט אַריבערגעטראָגען זיין טעטיגקייט קיין שפאַניען און האָט אַוועקגע-שטעלט דאָרט אויף אַ פעסטען באָדען דעם שטודיום פון תלמוד.

די ירידה פונ'ם גייסטיגען צענטער פון די אידען אין צפון-אַפריקע איז געווען איינג פערבונדען מיט דער פערערגערונג פון זייער געזעלשאַפטליכען מעמד אינ'ם חאַליפאַט פון די פאַטימידען אין XI-טען יאָהרהונדערט. שווערע צייטען זיינען אָנגעקומען פאַר זיי נאָך אין אָנהויב פונ'ם דאָזיגען יאָהרהונדערט, בשעת דער רעגירונג פונ'ם חאַליף אל-חאַכים, וואָס האָט, פונקט אַזוי ווי דער רוימישער קייזער קאַליגולאַ, געפאָדערט, אַז מען זאָל צו איהם דיענען, ווי צו אַ גאָט, ווייל ער איז גאָטס פערטרעטער אויף דער ערד. חאַכים האָט אכזריות'דיג גערודפ'ט אידען, קריסטען און מחמדאַנער, וואָס האָבען ניט אָנער-קענט זיין געטליכקייט. ער האָט ווידער אייגעפיהרט „עומאַרס געבאָט", וואָס איז ערנידעריגענד פאַר די אַנדערשגלויביגע (§ 58) און האָט בעפויהלען, אַז אַלע אידען פון זיין מלוכה, וואָס וועלען ניט אָננעמען דעם איסלאַם אין שיאי-טישען נוסח, זאָלען טראָגען אויפ'ן האַלז אַ בילד פון אַ קאַלב, אַלס געדעכעניש וועגען גאָלדענעם קאַלב, וואָס די בני-ישראל האָבען געמאַכט אין דער מדבר (אין יאָהר 1008).

אין עטליכע יאָהר אַרום האָט דער דאָזיגער משוגענער פאַנאַטיקער אַרויס-געגעבען אַ בעפעהל צו צעשטערען אַלע שולען און קירכען אין זיין מלוכה און פערטרייבען פון דאָרט די קריסטען און אידען (1014). די דאָזיגע רדיפות האָ-בען זיך בעצויגען אויף אַלע אידען פון פאַטימידישען חאַליפאַט, וואָס צו איהם האָבען געהערט, חוץ עגיפּטען און צפון-אַפריקע, אויך ארץ-ישראל און סיריען. אַ סך אידען זיינען געווען געצוואונגען דעמאָלט אָנצונעמען לפנים

דעם איסלאַם. די רדיפות האָבען אויפגעהערט נאָר נאָך חאַכים'ס טויט; איהם האָבען דער'הרג'עט די מחמדאַנער גופא, וואָס זיינען געוואָרען אַרויסגעבראַכט פון געדולד דורך זיין אַכזריות'דיגער רעגירונג (1020).

אין'ם ווייטערדיגען פעריאָד זיינען פאָרגעקומען אין צפון-אַפריקע שטורמישע רעליגיעז-פּאָליטישע בעוועגונגען. די אידען פון קיירואַן האָבען געליטען אַמאָל פונ'ם פאַנאַטיזם פון די אָרטיגע מוסעלמאַנער און אַמאָל פון די אָנפאַלען פון די בעדואינען פון די סטעפּעס (1045, 1050). אין דער צווייטער העלפט פון XI יאָהרהונדערט איז דער „מאַגרעב" אַרונטערגעפאַלען אונטער דער ממשלה פון דער בערבערישער דינאַסטיע אַלמאָראַווידען, וואָס אין איהר צייט איז דער מצב פון די אידען נאָך געווען צו דערהאַלטען.

נאָר זייער מצב איז ווידער אַמאָל בעדייטענד ערגער געוואָרען אונטער דער הערשאַפט פון די פאַנאַטישע אַלמאָהאַדען. דער גרינדער פון דער סעקטע אַלמאָהאַדען אין צפון-אַפריקע, דער מוסעלמאַנישער גייסטליכער אבן-טומאַרט, איז פּראָקלאַמירט געוואָרען פאַר'ן „מאַהדי" אָדער משיח, וואָס איז בערופען אויפצוריכטען דעם איסלאַם אין זיין ערשטער געשטאַלט און פערשפּרייטען פרומקייט דורך דער מאַכט פון שווערד. זיין יורש אין'ם טיטעל מאַהדי, אַבדול-מומין, האָט זיך אָנגעאייגענט דעם טיטעל פון חאַליף, „הערשער איבער די גלויביגע" (עמיר-אל-מאומינין). דורך אַ גאַנצער רייהע זיגרייכע מלחמות האָט ער צעשטערט די מלוכה פון די אַלמאָראַווידען און איז געוואָרען דער מושל איבער גאַנץ צפון-אַפריקע.

אַז ער האָט נאָך אַ האַרטנאַקיגער בעלעגערונג איינגענומען די שטאָדט מאַראָקאָ (1146), האָט דער פאַנאַטיקער אַבדול-מומין איבערגעלאָזט די ברירה ביי די צאָהלרייכע אידישע איינוואוינער פון דער דאָזיגער שטאָדט אויסצוקלייבען איינס פון די דריי זאַכען: אָדער אָננעמען איסלאַם, אָדער אַרויסגייהן פון לאַנד, אָדער שטאַרבען. אויף די אידען איז אָנגעפאַלען אַ יאוש. אַ סך זיינען אויסגעוואַנדערט קיין עגיפּטען, סיריען, שפּאַניען און אַנדערע לענדער; די וואָס זיינען געבליבען, האָט מען איבערגעוואַלד אָבגע'שמד'ט אין איסלאַם, און אויב זיי האָבען דאָס ניט געוואָלט טון, האָט מען זיי געטויט. די אייגענע געוואַלד-טאַטען האָבען געהאַט אויסצושטייהן די אידען און קריסטען אין די איבעריגע אַפריקאַנישע שטעדט, וואָס די אַלמאָהאַדען האָבען איינגענומען. אומעטום זיינען די שולען און קירכען צעשטערט געוואָרען, און די אומגליקליכע אַנדערש-גלויביגע האָט מען איבערגעוואַלד געשלעפּט אין די מעטשעטען.

אַ סך אידען זיינען געווען געצוואונגען אָנצונעמען לפנים דעם איסלאַם, בכדי צו ראַטעווען זייער לעבען. פון די אָבגע'שמד'טע האָט מען נאָר געפאָדערט, זיי זאָלען אָנערקענען מחמד'ן פאַר אַ נביא און גייהן אין די מעטשעטען. די די אומגליקליכע האָבען בערוהיגט זייער געוויסען דערמיט, וואָס אַזעלכע געצוואונגענע אַקטען בעדייטען ניט קיין אָבזאָג פון די דאָגמען פון יהדות. בעהאַלטענערהייד האָבען די דאָזיגע פלומרש'טיגע מחמדאַנער ניט אויפגעהערט אָבצוהיטען די

אָבצוהיטען די מנהגים פון זייער נאַציאָנאַלער רעליגיע, האָבען געלערנט זייערע הייליגע ספרים און האָבען מיט אומגעדולד געוואַרט אויפ'ן מאָמענט, ווען דער פאַנאַטיזם פון די אַלמאָהאַדען וועט זיך בערוהיגען.

די אידען, וואָס זיינען אַנטלאָפען געוואָרען קיין שפּאַניען, האָבען אויך דאָרט ניט געפונען קיין מנוחה, ווארום אין גיכען זיינען די אַלמאָהאַדען אַריינ־געדרונגען אויך אַהין און האָבען אָנגעהויבען שטאַרק רודפ'ן די בליהענדע אידישע קהילות אין אַנדאַלוזיען.

ארץ-ישראל און מצרים.

§ 81. די ירידה פונ'ם גייסטיגען צענטער אין בבל האָט אַרויסגערופען אין פערשיידענע לענדער, וואָס זיינען אַריינגעגאַנגען אין זיין ווירקונגס־ספערע, אַ שטרעבונג צו גרינדען ביי זיך אָרטיגע צענטרען. דאָס, וואָס עס איז בטל געוואָרען די העגעמאָניע פון סורא און פומבדיתא, האָט מיטגעהאָלפען, אַז אין די אַנדערע קהילות פון אָריענט זאָל זיך ענטוויקלען די זעלבסטשטענדיגקייט פון די אָרטיגע כוחות, וואָס זיינען ביז איצט געווען דערשטיקט דורך דער מאַכט פון די גאונים און פון די „צוויי ישיבות". עס האָבען זיך אויפגעכאַפּט פון לאַנגען שלאָף די קהילות פון ארץ־ישראל און מצרים.

דאָס אַלטע פאָטערלאַנד פון אידישען פאָלק, וואָס איז אַריינגעפאַלען אין הינערפלעט נאָך דער אַראַבישער עראָבערונג, האָט ווידער אָנגעהויבען אַרויס־צווייזען סימנים פון לעבען. די אידישע קהילות, וואָס זיינען געווען פונאַנדער־געוואָרפען אין ארץ־ישראל און וואָס האָבען געקרעכצט אונטער דער משא פון אַ צווייענדיגען פאַנאַטיזם — פונ'ם מוסלמאַנישען און קריסטליכען, האָבען זיך אַזוי ווי פעראייניגט, בכדי צו פערפעסטיגען זייער אינעווייניגסטע אַוטאָנאָמיע. אין XI־טען יאָהרהונדערט טרעטען דאָ אַרויס אויפ'ן סצענע עטליכע „גאונים", וואָס זיינען געשטאַנען בראש פון אַ תלמודישער אַקאַדעמיע אָדער ישיבה און פון אַ געריכטליכער קאָלעגיע אָדער בית־דין. דער גייסטליכער מנהיג פון ארץ־ישראל האָט געטראָגען דעם טיטעל „ראש־ישיבת גאון יעקב".

נאָך אין די לעצטע יאָהרען פון רב האי גאון איז געווען אַ ראש־ישיבה אין ארץ־ישראל דער געלערנטער ר' יאשיה (1031). אין יאָהר 1046 איז גע־וואָרען ראש־ישיבה אין ירושלים מיט'ן טיטעל „גאון" ר' **שלמה בן־יהודה**, וואָס אין זיין משפחה איז די דאָזיגע שטעל איבערגעגאַנגען בירושה אין משך פון דריי דורות.

די אָרגאַניזאַציע פון דער געזעצגעבעריש־געריכטליכער קאָלעגיע אין ארץ־ישראל איז געווען פונקט דיזעלבע ווי פריהער אין בבל: בראש פון דער הנהגה איז געשטאַנען דער גאון, דעם צווייטען אָרט האָט פערנומען דער פאָרזיצענדער פון בית־דין (אַב בית־דין), און נאָך זיי איז געגאַנגען דער „דריטער חבר" (השלישי).

נאָך ר׳ שלמה בן-יהודה׳ס טויט האָבען די שטעל פון גאון פערנומען כסדר איינער נאָכ׳ן אַנדערן זיינע זיהן ר׳ יוסף און ר׳ אליהו. אין דעם לעצטענס צייט איז ירושלים איינגענומען געוואָרען דורך די טערקען-סעלדזשוקען (1071). אין דער הייליגער שטאָדט האָט אָנגעהויבען צו הערשען אַ טעראָר, און די אַקאַדעמישע קאָלעגיע פון די גאונים איז געוואָרען אריבערגעטראָגען פון דאָרט אין דער שטאָדט צור. דאָ האָט דער גאון ר׳ אליהו אין אַ פייערליכער פערזאמלונג בעשטימט פאַר זיין יורש זיין זוהן ר׳ אביתר (1082) און איז אין צוויי יאָהר אַרום געשטאָרבען.

נאָר ר׳ אביתר האָט בעגעגענט אַ שטאַרקען קאָנקורענט אין דער פּערזאָן פון אַ ניי-אָנגעקומענעם פרעטענדענט דוד בן דניאל, פון דער משפחה פון די רישי-גלותא פון בבל, וואָס איז געקומען צו פאָהרען קיין מצרים און איז דאָרט אויסגערופען געוואָרען פאַר אַ ראש-הגולה. דער ראש-הגולה פון מצרים, וואָס האָט געוואָלט אויפריכטען די געוועזענע גדולה פון זיין הויז, האָט בעשלאָסען צו פערשפרייטען זיין מאַכט אויף די אידישע קהילות אין ארץ-ישראל און אָבנעמען ביי ר׳ אביתר׳ן דעם טיטעל פון אַן אונאָבהענגיגען גאון. נאָר קעגען דעם איז געווען די ישיבה, וואָס ר׳ אביתר איז געווען איהר מנהיג. דער קאַמף פאַר דער העגעמאָניע צווישען ארץ-ישראל און מצרים האָט זיך געענדיגט מיט׳ן נצחון פונ׳ם גאון פון ארץ-ישראל (1094). נאָר צו שפּעט איז געקומען דער דאָזיגער נצחון.

דאָס איז געווען ערב דעם גרויסען קריזיס אין דער געשיכטע פון הייליגען לאַנד. דעם 15 יולי 1099 האָט דער המון קרייץ-פאָהרער פון אייראָפּע זיך אריינגעריסען אין ירושלים. נאָכדעם ווי זיי האָבען אויסגע׳הרג׳עט אַלע מוסעלמאַנער, אָהן אונטערשייד פון געשלעכט און עלטער, האָבען די פערביטערטע קרייץ-פאָהרער צונויפגעטריבען אַלע אידען, וואָס האָבען געוואוינט אין ירושלים, סיי די תלמודיסטען און סיי די קאַראַאימען, אין איין שול און האָבען זי אונטערגעצונדען. די אידען זיינען אומגעקומען אין פייער, און זייער אייגענס איז געוואָרען צערויבט.

אין גיכען איז אין די הענד פון די קרייץ-פאָהרער שוין געווען אַ גרייסער טייל פון ארץ-ישראל. די פאַנאַטישע „קריסטוס׳עס קריגסלייט” האָבען ניט געוואָלט ליידען, אַז אַנדערשגלויביגע זאָלען וואוינען אינ׳ם לאַנד, וואָס זיי האָבען איינגענומען, און אין משך פון כמעט הונדערט יאָהר האָט די אידישע בעפעלקערונג אין ארץ-ישראל געליטען גרייסע צרות. מחמת דער פערשטאַרקטער עמיגראַציע איז די צאָהל אידען בעדייטענד קלענער געוואָרען, אין די גרעסערע שטעדט פון לאַנד האָבען געלעבט צעוואָרפענע גרופּעס אידען. אין איין פערוואָרפענעם קוואַרטאַל פון ירושלים האָט דער רייזענדער פון XII יאָהרהונדערט בנימין פון טודילא געפונען נאָר 200 אידען, וואָס האָבען זיך פערנומען מיט פאַרבעריי. אין אַנדערע שטעדט (בית-לחם, קיסריא, גוש-חלב, טבריא) האָט מען בעצייהלט אידען אין די צעהנדליגער.

ביי אַזאַ מצב האָט ניט געקאָנט זיין אין ארץ-ישראל קיין אָרגאַניזירטע

זעלבסטפערוואַלטונג פון די אידישע קהילות. דער גייסטיגער צענטער, וואָס האָט זיך דאָרט איינגעפעסטיגט אין XI יאָהרהונדערט — די ישיבה און די קאָלעגיע פון די גאונים — האָט געמוזט אין ווייטערדיגען יאָהרהונדערט זיך אריבערקלייבען אין אַ רוהיגערן אָרט. אין יענער צייט האָבען קעגען דער מלוכה פון די קרייץ-פאָהרער אין מזרח געקעמפט די מוסלמאַנישע מושלים פון מצרים פון איין זייט און פון סיריען (נור-עד-דין) — פון דער אַנדער זייט. אין די דאָזיגע צווי לענדער האָט עמיגרירט די אידישע בעפעלקערונג, וואָס איז געוואָרען געטרודפ'ט אין ארץ-ישראל, און אַהין איז אויך אריבערגעטראָגען געוואָרען איהר גייסטיגער צענטער.

אין מצרים האָבען עקזיסטירט אין XI—XII יאָהרהונדערט בעדייטענדע אידישע קהילות. די גרעסטע צווישען זיי האָבען זיך געפונען אין די שטעדט קאַאירא, פוסטאַט און אַלכסנדריא. די חאַליפען פון דער דינאַסטיע פאַטימידען האָבען אַלע, חוץ אייניגע אויסנאַהמען, געשטיצט די אידען און האָבען ניט געזוכט צו שעדיגען דער אַווטאָנאָמיע פון זייערע קהילות. נאָך אין IX יאָהר-הונדערט האָט דאָ געקאָנט זיך אַרויסרוקען אַזאַ גרויסער טוער, ווי רב סעדיה גאון, וואָס איז געוועזען אַ צירונג פון דער גאונות אין בבל.

אין דער שפּעטערדיגער תקופה פון ירידה פונ'ם צענטער אין בבל האָבען די עגיפּטישע קהילות געשטרעבט צו בעשאַפען זייער אונאָבהענגיגע אָרגאַניזאַציע פון דער זעלבסטפערוואַלטונג. בראש פונ'ם פערבאַנד פון די קהילות זיינען אַוועק-געשטעלט געוואָרען אויבערשטע מנהיגים, מיט'ן טיטעל נ ג י ד אָדער ראש-הגולה. איינער פון זיי, דער אויבען-דערמאָנטער דוד בן-דניאל פון דער משפחה פון די באַבילאָנישע רישי-גלותא, האָט געפּרובט אַפילו אַריינצוציהען אין זיין ווירקונגס-קרייז אויך פּאַלעסטינע. איהם פערזענליך האָט דאָס ניט אָבגעגאָלטען, נאָר אין גיכען איז דער פּאַלעסטינישער צענטער, אַ דאַנק דעם אָנפאַל פון די קרייץ-פאָהרער, געפאַלען נידעריגער פאַר'ן עגיפּטישען. דער פּלימעניק פון ר' אביתר, דעם לעצטען גאון פון ארץ-ישראל, רבי מצליח, איז געקומען צו פאָהרען קיין פוסטאַט און האָט זיך דאָרט געשטעלט בראש פון דער תלמודישער אַקאַדעמיע אָדער פון דער רבנישער קאָלעגיע (1113).

די עגיפּטישע „נגידים“ פון XII יאָהרהונדערט האָבען געהאַט אַלע פול-מאַכטען פון די געוועזענע רישי-גלותא פון בבל. זיי פלעגען בעשטימען אָדער בעשטעטיגען אויף זייערע שטעלעס די רבנים און חזנים אין די פערשיידענע קהילות, פונאַנדערקלייבען — מסתמא מיטן אָנטייל פון אַ בית-דין פון רבנים אָדער אין דער פאָרם פון אַפּעלאַציעס — ציווילע און קרימינעלע פּראָצעסען פון אידען און האָבען געהאַט דאָס רעכט צו פערמשפּט'ען די שולדיגע ניט בלויז צו געלד-קנס, נאָר אויך צו לייב-שטראָף און צום אַריינזעצען אין תפיסה. פון זייער השגחה זיינען געוועזען בעפרייט בלויז די קאַראַאימען, וואָס האָבען געוואוינט אין עגיפּטען, וועלכע האָבען געהאַט זייערע אייגענע „נגידים“.

די אידישע „נגידים“, אַלס געבילדעטע און רייכע לייט, פלעגען אָפטמאָלס

פערנעמען גרויסע שטעלעס ביים הויף פון די פאטימידישע חאליפען, עטליכע פון זיי זיינען געווען דעם האליפס לייב-דאקטוירים.

די לאגע פון די עגיפטישע קהילות איז נאך פעסטער געוואָרען, ווען די ממשלה איבער מצרים איז אריבער פון די שוואכע פאטימידען צום גרויסען סולטאן סאלאדין (סאלאח-עד-דין), וואס האט איינגענומען סיריען און א בע-דייטענדען טייל פון פאלעסטינע. נאכדעם ווי ער האט געמאכט א סוף פונ'ם „ירושלמ'ער קיניגרייך", וואס די קרייץ-פאהרער האבען געגרינדעט (1187), האט דער טאלעראנטער און גערעכטער סאלאדין אויף ס'ניי געעפענט פאר די אידען א פרייען צוטריט אין זייער אלטער היים. ביי דעם דאזיגען סולטאן און ביי זיין יורש האט די שטעל פון א לייב-דאקטאר פערנומען דער רמב"ם. אין XIII יאהרהונדערט האבען דעם טיטעל „נגיד" געטראגען דעם רמבמ'ס קינדס-קינדער.

אויף אזא אופן האט מצרים פערנומען דעם ערשטען ארט אין דער אידישער זעלבסטפערוואלטונג. צום ווירקונגס-קרייז פון די „נגידים" האט געהערט אויך ארץ-ישראל, וואס איז אויך פאליטיש געווען אבהייניג פון די עגיפטישע סולטאנען.

מעסאפאטאמיען און פערסיען אין XII יאהרהונדערט.

§ 82. די קרייץ-צוגען, וואס האבען אויפגערודערט פאדער-אזיען, האבען דארט ארויסגערופען אן איבערוואנדערונג פון דער בעפעלקערונג, בעזונדערס פון דער אידישער, וואס ווערט דורך פאליטישע שטורעמס גיכער, איידער אנדערע, פערטריבען פון די ערטער, וואו זי איז איינגעזעסען. דאס חרוב'ע פאטערלאנד פון אידישען פאלק האבען פערכאפט פרעמדע עלעמענטען, וואס זיינען געקומען פון דייטשלאנד און פראנקרייך, און האבען ארויסגעשטופט א טייל פון דער אידישער בעפעלקערונג קיין סיריען און מעסאפאטאמיען.

דער עמיגראנטען-שטרוים פון ארץ-ישראל האט אריינגעטראגען א געוויסע אויפלעבונג אין געזעלשאפטליכען און גייסטיגען לעבען פון די סיריש-באבילאנישע אידען. אין XII יאהרהונדערט בילדען זיך דא נייע צענטרען פון זעלבסטפער-וואלטונג און פון אקאדעמישער טעטיגקייט. אין באגדאד, מאסול, אלעפא (אחלב) און דמשק בעווייזען זיך גרויסע און גוט איינגעארדענטע אידישע קהילות, וואס זיינען פערבונדען צווישען זיך און מיט אנדערע קהילות דורך אן אויטאנאמען פערבאנד. נאך א הונדערט-יאהריגער ירידה ווערט אויף א גע-וויסער צייט ווידער אויפגעריכט דער אינסטיטוט פון די רישי-גלותא אין באגדאד, און אפילו א שאטען פון דער גאונות בעווייזט זיך צווישען די חורבות פון דער געוועזענער העגעמאניע.

דער באגדאדער האליף מחמד אל-מוקטאפי (1136 — 1160) האט ווידער אויפ-געריכט דעם אבגעשאפטען פאסטען פון א ריש-גלותא און האט בעשטימט פאר א מנהיג פון אלע אידען אין חאליפאט זיין ליעבלינג, דעם רייכען און גע-

לערנטען חסדאי (לויט אַן אַנדער נוסח — שלמה), וואָס האָט אָבגעשטאַמט פון דער משפחה פון די פריהערדיגע רישי-גלותא. פונקט אַזוי ווי די אַלטע רישי-גלותא, האָט חסדאי געלעבט גרויסאַרטיג, ווי אַ פירשט; פון די אידען פלעגט ער בעקומען אויף זיינע הצטרכות׳ען אַ בעזונדער קאָפּ-שטייער. אין זיין רשות איז געשטאַנען צו בעשטימען רבנים און דיינים אין די אידישע קהילות פון מע-סאָפּאָטאַמיען און פערסיען.

נאָך חסדאי׳ס טויט האָט די שטעל פון ריש-גלותא פערנומען זיין זוהן דניאל (אַן ערך 1160 — 1180). אַ אידישער רייזענדער, וואָס האָט אין יענער צייט בעזוכט באַגדאַד (בנימין פון טודילא), דערציילט אָט וואָס וועגען דער טע-טיגקייט און אַרט לעבען פון דעם דאָזיגען ריש-גלותא:

„איבער אַלע ראשי-ישיבות און ראשי-קהילות שטייהט ר׳ דניאל בן חסדאי, וואָס ווערט אָנגערופען ריש-גלותא און וואָס פיהרט, לויט אַלטע ספרים, זיין יחוס פון דוד המלך. די אידען רופען איהם: „מורנו ראש הגולה״ און די מוסעלמאַ-נער — „סאַיאַדנא בן דוד״. און ער האָט אַ גרויסע מאַכט איבער אַלע אידישע קהילות, וואָס געפינען זיך אין די מדינות פונ׳ם מושל פון די מוסעלמאַנער, עמיר-אַל-מואמינין (דעם חאַליפ׳ס טיטעל).

דער האַליף האָט געגעבען דעם ריש-גלותא אַ זיגעל-רינג, בכדי צו בע-שטעטיגען זיין ממשלה איבער אַלע אידישע קהילות. ער האָט אויך בעפויהלען אַלע מוסעלמאַנער, אידען און אַנדערע פעלקער פון זיין מלוכה, אַז ווען דער ריש-גלותא בעוויזט זיך, זיינען אַלע מחויב אויפצושטייהן פון זייערע ערטער און איהם בעגריסען, און ווער עס וועט פאַר איהם ניט אויפשטייהן, דער בעקומט הונדערט מלקות.

בשעת ער (דער ריש-גלותא) גייהט צום גרויסען קיניג (חאַליף), בעלייטען איהם רייטער אידען און ניט-אידען, און רופען אויס: מאַכט אַ וועג פאַר אונזער האַר, בן-דוד! ער רייט אויף אַ פערד, אָנגעטאָן אין זיידענע אויסגעהאַפטע מלבושים, מיט אַ גרויסען טורבאַן אויפ׳ן קאָפּ, וואָס איבער איהם איז צריבער-געוואָרפען אַ גרויסע ווייסע טוך מיט אַ האַלז-באַנד.

און עס געוועלטיגט דער ריש-גלותא איבער אַלע קהילות פון שנער (בבל), פערסיען, כאָראַסאַן, שבא אָדער יעמען, דיאַרבעקיר, מעסאָפּאָטאַמיען... אַלע אידישע קהילות אין די דאָזיגע מדינות ערלויבט ער צו בעשטימען רבנים און חזנים; צו איהם קומט מען אויך בעטען, ער זאָל בעשטעטיגען אויף די דאָזיגע שטעלעס און מען ברייגנט איהם מתנות פון אַלע עקען וועלט. ער האָט נחלאות מיט סעדער און וועלדלעך אין בבל, און אויך מאַיאָנטקעס, וואָס גייהען איבער בירושה פון דור צו דור אין זיין משפחה... פון ירידים און חכירות בעקומט ער אַלע יאָהר אַ בעשטימטע אָבצאָהלונג. ער איז אַ גרויסער עושר און אַ למדן אין תורה און תלמוד; ביי זיין טיש עסען אַלע טעג אַ סך אידען.

אין דער צייט וואָס דער ריש-גלותא ווערט בעשטעטיגט אויף זיין שטעל, גיט ער אויס אַ סך געלד אויף מתנות דעם חאַליף, די שרים און זייערע גע-

הילפען. אין יענעם טאָג, בשעת דער ריש־גלותא ווערט בעשטעטיגט, זעצט מען איהם אַריין אין אַ קיניגליכער קאַרעטע און מען פיהרט איהם פון פּאַלאַץ אין זיין אייגענעם הויז מיט מוזיק און טענץ. דער ריש־גלותא פון זיין זייט בע־שטעטיגט די ראשי־ישיבות".

אין דערזעלביגער צייט האָט מען אין באַגדאַד געפּרובט אויפצוריכטען דאָס אַיינגעלאָשענע לעבען פון די ישיבות פון סורא און פומבדיתא. אַן ערך אין יאָהר 1170 האָט דער אָנגערופענער רייזענדער! געפונען אין באַגדאַד צעהן ישיבות, וואָס איטליכע פון זיי האָט געהאַט איהר ראש־ישיבה. דער ראש־ישיבה פון דער גרעסטער ישיבה איז געווען ר ב י ש מ ו א ל ב ן ע ל י, וואָס האָט געטראָגען דעם טיטעל גאון. דער גאון אינאיינעם מיט די אַנדערע ראשי־ישיבות האָבען געבילדעט די גייסטליכע קאָלעגיע, וואָס האָט פערוואַלטעט איבער די אינעווייניגסטע ענינים פון די קהילות, פונאַנדערגעקליבען פּראָצעסען און גע־געבען קאָמפּעטענטע תשובות אויף שאלות אין רעליגיעזע ענינים.

דער גאון ר' שמואל בן עלי, וואָס איז געשטאַנען בראש פון דער גרעסטער ישיבה, האָט געהאַט די גרעסטע צאָהל צוהערער. צוויי טויזענד תלמידים האָבען געהערט זיינע שיעורים איבער תלמוד. ער פלעגט לייענען, זיצענדיג אויף אַ הויכער בימה, אָנגעטאָן אין גלענצענדע מלבושים, און דער מתורגמן (איבערזעצער) פלעגט אויסטייטשען דעם שיעור פאַר די צוהערער.

עס ווערט דערצייהלט, אַז ר' שמואל בן עלי האָט געהאַט אַ געלערנטע טאָכטער, וואָס האָט גוט געוואוסט תנ"ך און תלמוד. זי האָט געלערנט מיט די אינגערע תלמידים, זיצענדיג ביים אָפענעם פענסטער ביי זיך אין אויבער־שטיבעל, און די צוהערער זיינען געשטאַנען אונטען אין הויף און האָבען זי ניט געקאָנט זעהן. אויף אַזאַ אופן האָט זי געקאָנט אי לערנען מיט בחורים אי ניט עובר זיין דעם מנהג, וואָס די אידען האָבען איבערגענומען ביי די מוסלמאַנער, אַז די פרויען טאָרען זיך ניט בעווייזען פאַר פרעמדע מאַנסבילען.

אַז עס איז געשטאָרבען דער באַגדאַדער ריש־גלותא דניאל (אַן ערך אין יאָהר 1180) און האָט ניט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין דירעקטען יורש, האָט דער ענערגישער גאון ר' שמואל בן עלי צוגענומען פאַר זיך אויך די וועלט־ליכע מאַכט פונ'ם ריש גלותא: ער פלעגט בעשטימען רבנים און דיינים אין אַלע אידישע קהילות, איינמאָנען אין די דאָזיגע קהילות אָבצאָהלונגען סיי לטובת דער מלוכה־קאַסע און סיי צוליעב זיינע אייגענע הצטרכות'ען, און האָט געפיהרט זיך, ווי אַ גרויסער שר. זיין אַווטאָריטעט האָט מען אָנערקענט אפילו אין די ווייטע קהילות פון צפון־פּערסיען און אַרמעניען, וואו עס האָבען געוואוינט די בערג־אידען, וואָס האָבען זיך אויסגעצייכענט דורך אַ קריגערישען גייסט און האָבען זיך ניט געוואָלט אונטערגעבען דער מוסלמאַנישער אַדמיניסטראַציע.

אַן ערך אין יאָהר 1160 האָט זיך צווישען די דאָזיגע פרייע אידען אַרויסגעוויזען אַ נייע משיחישע בעפרייאונגס־בעוועגונג.' דער אָנפיהרער פונ'ם אויפשטאַנד איז געווען ד ו ד א ל ר א י, אָדער מנחם בן סוליימאַן אבן־

אלראי, אַ געבוירטיגער פון דער שטאָדט אַמאַדיאַ (אין אַדערבײידזשאַן אָדער קורדיסטאַן). יונגערהייד, פאַר דער צייט פון ריש-גלותא חסדאי, האָט דוד געלערנט אין אַ באַגדאַדער ישיבה און האָט זיך אָנגעשאַפט גרויסע ידיעות אין תנ״ך, תלמוד און וועלטליכע וויסענשאַפטען. ער האָט גוט געוואוסט די אַראַבישע ליטעראַטור, און מען האָט דערציילט, אַז ער האָט אויסגעשטודירט די סודות פון כישוף-מאַכעריי.

דוד האָט זיך צוגעקוקט צו די פּאָליטישע מהומות, וואָס האָבען דעמאָלט געהערשט אין באַגדאַדער חאַליפאַט; ער האָט געזעהן, ווי די סולטאַנען און עמירען פון די איינצעלנע פּראָווינצען זיינען מורד קעגען דעם „מושל פון די מאמינים" און ווערען אונאָבהייגיגע רעגירער, — און האָט בעשלאָסען, אַז עס איז געקומען די צייט, אַז די אידען, וואָס זיינען צעזייהט אין חאַליפאַט, זאָלען אויך דערשלאָגען זיך צו פּאָליטישער אונאָבהייגיגקייט. נאָכדעם, ווי ער האָט זיך אומגעקערט קיין אַמאַדיאַ, האָט ער צוגערעדט זיינע קריגערישע פּאָלקס-ברידער, זיי זאָלען מורד זיין קעגען דעם פּערסישען סולטאַן. ער האָט זיך געווענדעט מיט אַן אויפרוף צו די אידישע קהילות אין פּערסיען, מעסאָפּאָטאַמיען און סיריען און האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז גאָט האָט איהם געשיקט צו בעפרייען אַלע אידען פון מוסעלמאַנישען יאָך, אַז ער וועט זיי פיהרען קיין ירושלים און אויפריכטען די אידישע מלוכה. אויפ׳ן רוף פונ׳ם נייעם משיח האָבען זיך צונויפגעקליבען אין אַמאַדיאַ אַ סך בעוואָפּענטע אידען, וואָס האָבען מחמת פּאָרזיכטיגקייט בעהאַלטען זייערע געוועהר אונטער זייער׳ע קליידער און האָבען געמאַכט אַן אָנשטעל, ווי זיי גייהען כלומר׳שט צו דוד׳ן לערנען תורה

ווען דער פּערסישער סולטאַן האָט זיך דערוואוסט וועגען אויפשטאַנד פון די אידען, האָט ער געלאָזט רופען צו זיך דוד אלראי. איז דוד געקומען צו איהם אין פּאַלאַץ אָהן אַ סוויטע און האָט זיך דרייסט אַרויסגעגעבען פאַר׳ן משיח פון אידישען פאָלק. האָט מען איהם געכאַפּט און אַריינגעוואָרפען אין תּפיסה אין טאַבאַריסטאַן. נאָר דוד׳ן האָט זיך איינגעגעבען צו אַנטלויפען פון תּפיסה, און ער איז ווידער געקומען קיין אַמאַדיאַ. צווישען פאָלק אין געגאַנגען אַ קלאַנג, אַז דוד איז אַנטלאָפען געוואָרען דורך כישוף, און אַז ער האָט בכלל בעוויזען מופתים, וואָס האָבען בעדיענט אַלס אַ ראיה, אַז ער איז טאַקע משיח.

האָט דער בעאומרוהיגטער פּערסישער סולטאַן געלאָזט וויסען דעם באַגדאַדער חאַליף וועגען דעם אויפשטאַנד פון די אידען און האָט געפאָדערט, אַז דער ריש-גלותא און דער גאון זאָלען אָבריידען דוד׳ן פון זיין אומזיניגער אונטערנעמונג; אויב ניט, האָט ער געשראָקען מחריב צו זיין אַלע אידישע קהילות אין פּערסיען. האָבען דער ריש-גלותא, די ראשי-ישיבות און ראשי-הקהילות פון באַגדאַד און מאָסול געווענדעט זיך צו דוד אלראי מיט דער פאָדערונג, ער זאָל זיך אָבזאָגען פון זיינע משיחישע פּלענער, ווייל דערפון קאָן אַרויסקומען אַ גרויסע סכנה פאַר אידען מצד דער מוסעלמאַנישער רעגירונג. נאָר אויך דאָס האָט ניט געהאָלפען. מעהר ניט אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט דער פּערשאַלטער פון אַמאַדיאַ גע׳פּועלט ביים שוועהר פונ׳ם פאַלשען משיח, ער זאָל

טיטען זיך אידעס, בשעת ער וועט שלאָפען, און יענער האָט דאָס טאַקע געטאָן.

די משיחישע בעוועגונג איז דערנאָך שטיל געוואָרען, נאָר איהרע רעזול-טאַטען זיינען געווען טרויעריגע: דער פּערסישער סולטאַן האָט אָנגעהויבען רודפ'ען די אידען פון יענע געגענדען, וואו אלראי האָט געווירקט, און נאָר דאַנק דעם ריש-גלותא'ס שתדלנות האָט זיך איינגעגעבען איינצושטילען דעם סולטאַנס כעס דורך אַ גרויסען סכום געלד.

די הייסטע אָנהייננגער פונ'ם פאַלשען משיח האָבען ניט אַזוי גיך נאָך זיך אָבגעזאָגט פונ'ם גלויבען אין איהם. אַ סך האָבען ווייטער געגלויבט, אַז די איפּריכטונג פון דער אידישער מלוכה, וואָס אלראי האָט אָנגעזאָגט, וועט אין גיכען מקויים ווערען. דאָס, וואָס דער המון גלויבט נאָך אינ'ם פאַלשען משיח, האָבען אויסגענוצט צוויי רמאים אין באַגדאַד און האָבען אָבגעטאָן אַ קונציגע פעלשונג. זיי האָבען בעוויזען די באַגדאַדער אידען אַ בריעף, וואָס דער משיח זאָל האָבען כלומרשט געשריבען. און אין דעם דאָזיגען בריעף איז געשטאַנען געשריבען, אַז די צייט פון אויסלייזונג איז נאָהענט און אַז דאָס וועט געשעהן אויף אַזאַ וואונדערפולען אופן: אין דער בעשטימטער שעה, אַן ערך אַרום האַל-בע נאַכט, בעדאַרפען די אידען זיך אָנטון גרינע מלבושים, אַרויפקריכען אויף די דעכער פון זייערע הייזער און וואַרטען דאָרט, ביז עס וועט זיך אויפהויבען אַ שטאַרקער ווינט און אַריבערטראָגען זיי קיין ירושלים. דער פערנאַרטער המון פון באַגדאַד האָט אָבגעגעבען די רמאים זיין גאַנצען אייגענס, בכדי זיי זאָלען עס צעטיילען צווישען אָרימע לייט, און האָט געפאָלגט דער עצה פונ'ם כלומרש'טען בריעף פונ'ם משיח. אַז זיי האָבען איבערגעוואַרט מיט די ווייבער און קינדער אין משך פון אַ גאַנצער נאַכט און האָבען זיך ניט דערוואַרט אויפ'ן נס פון איבערפליהען, ערשט דעמאָלט האָבען די לייכטגלויביגע מענשען דערזעהן זייער פערבלענדעניש. די רמאים, וואָס האָבען צוגענומען זייער אייגענס, זיינען דער-וייל נעלם געוואָרען. די באַגדאַדער איינוואוינער האָבען אָנגערופען בדרך הלצה דאָס דאָזיגע יאָהר „דאָס יאָהר פון פליהען” (עאַם אל טיוור).

אָבער אויך דערנאָך זיינען געבליבען סעקטאַנטען, וואָס האָבען בשום אופן ניט געוואָלט זיך לאָזען איבעררייידען. האָבען געטראָגען דעם נאָמען „מנחמיים” און האָבען געהאַלטען הייליג דעם געדעכעניש פונ'ם פאַלשען משיח פון אמאַדיא.

ניט קוקענדיג אויף די פיעל געלערענטע און ישיבות אין פאָדער-אַזיען, איז די אינטעלעקטועלע מדרגה פון דער אידישער מאַסע געווען ניט הויך. אין אלע פאָלקס-שיכטען האָבען געהערשט אָבערגלויבענס. בעזונדערס איז געווען פערשפּרייטע דער מנהג, וואָס איז דערווידער דער יהדות, צו גייהן מתפלל זיין אויף די קברים פון הייליגע לייט. צעהנדליגער טויזענדער אידען פון אלע לענ-דער פון אַזיען פלעגען זיך צונויפקלייבען אין יענע ערטער, וואו עס האָבען זיך געפונען, לויט אומזיכערע טראַדיציעס, די קברים פון יחזקאל הנביא (ניט

ווייט פון באַגדאַד), עזרא הסופר און אַנדערע הייליגע מענער פון אַלטערטום.

דער גייען צו יחזקאל הנביא׳ס קבר איז געוואָרען אַ פאָלקס-קולט. אַלע יאָהר, אין דער צייט פון די האַרבסטיגע ימים-טובים, פלעגען זיך צונויפקלייבען דאָרט פון 60 ביז 80 טויזענד אידען פון נאָהענטע און ווייטע מקומות. דער ריש-גלותא און די ראשי-ישיבות פלעגען אויך ניט זעלטען קומען אַהין. די מתפללים פלעגען זיך לאַגערן אין געצעלטען אויף די ברעגען פון פרת. איבער׳ן קבר איז געווען אויסגעבויט אַ הויכער אוהל, און ניט ווייט איז געשטאַנען אַ גרויסע שול. דאָ פלעגען פאָרקומען סיי פייערליכע רעליגיעזע צערעמאָניעס, סיי פרייהליכע סעודות (סוכות-צייט) און סיי ירידים. ביי יחזקאל׳ס קבר פלעגען די אידען מתפלל זיין און בעטען אַ רפואה צו פערשיידענע קריינק, ווי אויך וועגען פוקד עקרות זיין, פלעגען טון נדרים, מנדב זיין געלד אויף אויסצוהאַלטען דעם אוהל אויפ׳ן קבר און די שול. צווישען פאָלק זיינען געווען פערשפרייט אַ סך מעשיות וועגען די מופתים, וואָס בעוויזען זיך ביים הייליגען קבר. אַפילו מו-סלמאַנער פלעגען קומען אַהין מתפלל זיין.

דער קלאַס פון די געלערנטע האָט זיך געהאַלטען ביי זיין איינג קאָנ-סערוואַטיווער ריכטונג. דעם תלמוד האָט מען געלערנט לויט די אַלטצייטיגע מעטאָדען, אָהן יענע אויסבעסערונגען, וואָס עס האָט אַריינגעטראָגען די דעמאָל-טיגע איראָפייאישע תלמודישע שיטה. מיט פילאָסאָפיע, פאָעזיע און וועלטליכע בילדונג האָט מען זיך ניט פערנומען. דער באַגדאַדער גאון ר׳ שמואל בן עלי האָט בעטראַכט פאַר אַן אַפיקורסות דעם גרויסען פרוב פון זיין בן-דור, פונ׳ם רמב״ם, צו ברייגגען די תלמודישע יהדות אין אַ סיסטעם. אַ שטעמפעל פון פערגלי-ווערטקייט און אומבעוועגליכקייט איז געלעגען אויף דעם געזעלשאַפטליכען און גייסטליכען לעבענס-סדר פון די דעמאָלטיגע אַזיאַטישע אידען.

ביי אַזעלכע תנאים האָבען דער אינסטיטוט פון די רישי-גלותא און די גאונות, וואָס זיינען אויפגעריכט געוואָרען אין XII-טען יאָהרהונדערט, ניט גע-קאָנט האָבען יענע אַלגעמיין-נאַציאָנאַלע בעדייטונג, וואָס זיי האָבען אַמאָל גע-האַט; זייער טעטיגקייט האָט זיך איינגעשלאָסען דער עיקר אין אָרגאַניזירען די אָרטיגע געמיינדע-אַנשטאַלטען. אין גיכען איז אויך די דאָזיגע טעטיגקייט איינ-געשלאָפען.

אין אָנהויב פון XIII-טען יאָהרהונדערט זיינען שטאַרקער געוואָרען די אָנפאַלען פון די מאָנגאָלען אויף פאָדער-אַזיען. די ציוויליזאַציע פונ׳ם באַגדאַדער חאַליפאַט איז צו-ביסלעכווייז איינגעזונקען געוואָרען אין די כוואַליעס פון באַר-באַריי. די אידישע קולטור-צענטרען זיינען אינגאַנצען אַראָבגעקומען, און דער גרייז-גראָהער אידישער מזרח האָט געמוזט איינבויגען זיין קאָפּ פאַר׳ן אינגערן מערב, וואו עס האָט דעמאָלט אָנגעהויבען צו שלאָגען אַ קוואַל פון פרישע קולטור-קרעפטען.

צווייטער קאפּיטעל

די אויפלעבונגס־עפּאכע פון דער אראבישער שפּאניע (דאס סאציאלע לעבען).

דער קאָרדאָווער חאליפאט. — ר' חסדאי אבן שפּרוט. — דער נייער צענטער פאר'ן רביניזם. — ר' שמואל הנגיד און זיין זוהן יוסף (גרענאדא). אידען — אדמיניסטראטאָרען אין דער אראבישער און קריסטליכער שפּאניען. — די אלמאראווידען. — דער פאנאטיזם פון די אלמאָהאדען און די איבערטראָגונג פונ'ם צענטער אין דער קריסטליכער שפּאניען.

דער קאָרדאָווער חאליפאט; חסדאי אבן שפּרוט.

§ 83. די נאציאָנאַלע העגעמאָניע פונ'ם אידישען מזרח איז אַריבער צום מערב — און קודם כל צו שפּאַניען. דאָס דאָזיגע לאַנד איז געוואָרען פאַר אידען אַ דריטעס גייסטיגעס פאָטערלאַנד נאָך ארץ־ישראל און בבל. די הערשאַפט פון די אַראַבער אויפ'ן פירעניאישען האַלב־אינזעל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען זינט דעם יאָהר 711 און וואָס האָט זיך בעזונדערס איינגעפעסטיגט, זינט עס איז געגרינדעט געוואָרען דער קאָרדאָווער עמיראַט אין יאָהר 755 (§ 75), — האָט געשאַפען דאָ אַזאַ גלענצענדע קולטור, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכען ניט געהאַט אין קיין איינעם פון די דעמאָלטיגע לענדער פון אייראָפּע.

די אַראַבישע מלוכה האָט פערנומען דעם צענטער און דעם דרום־טייל פון דעם פירענייאישען האַלב־אינזעל, מיט די הויפּטשטעדט קאָרדאָווא (אין אַנדאַלוזיען), סעוויליא, גרענאַדאַ, מורסיאַ, וואַלענסיאַ, טאָלעדאָ און לוצענאַ. קליינע קריסטליכע מלוכות זיינען נאָך פערבליבען אין צפון־טייל פונ'ם האַלב־אינזעל, הינטער די טייכען דוערא און עבראָ: אַסטוריען, לעאָן און אַלט־קאַסטיליען אין צפונית־מערבית; נאַווארא, אַראַגאָניען און קאַטאַלאָניען אין צפונית־מזרחית.

צו דער גרעסטער מאַכט האָט דער אַראַבישער חאַליפאַט אין שפּאַניען דערגרייכט אין דער צייט פון די חאַליפען אבדור־ראַחמאַן דער III־טער (912—961) און אל־חאַכים דער II־טער (961—976). אַבדור־ראַחמאַן דער III־טער האָט דער ערשטער זיך אָנגעהויבען רופען מיט'ן פולען טיטעל פונ'ם חאַליף —

„עמיר-אול-מואמינין" (מושל פון די מאמינים), וואָס פריהער האָבען איהם געטראָגען נאָר די אַבּאַסידישע חאַליפען פון באַגדאַד. ער האָט געהאַט בעציהונגען מיט אַלע קריסטליכע און מחמדאַנישע מלוכות פון זיין צייט און איז געוואָרען מפורסם אַלס בעשיצער פון קונסט און וויסענשאַפט. האַנדעל און אינדוסטריע האָבען דעמאָלט געבליהט אין דער אַראַבּישער שפּאַניען, וואו עס זיינען דעמאָלט געווען אַ סך גרויסע און רייכע שטעדט. אין קאָרדאָוואַ, דער הויפּשטאָדט פונ'ם חאַליפאַט, זיינען געווען אַן ערך אַ האַלב מיליאָן איינוואוינער, מחמדאַנער, קריסטען און אידען, העכער הונדערט טויזענד הייזער, אַ סך מעטשעטען און פּאַלאַצען.

אין דער דאָזיגער ציוויליזירטער סביבה זיינען העכער פון אַלץ געשאַצט געוואָרען ניט מיליטערישע גבורות, נאָר פרידליכע קולטורעלע טעטיגקייט און בילדונג. אַ געלערנטער און פּאָעט זיינען אין די העכסטע קרייזען מעהר געאַכט געוואָרען, איידער אַ גלענצענדער קריגסמאַן. אַבּדור-ראַחמאַנ'ס זוהן, דער חאַליף אַל-חאַכים, איז אַליין געווען אַ פּאָעט און אַ ליידענשאַפטליכער ליעבהאָבער פון וויסענשאַפט. אַ בעדייטענדען טייל פון זיינע געלד-מיטלען פלעגט ער פערברויכען אויף צו קויפען זעלטענע און טייערע ספרים; אין זיין ביבליאָטעק זיינען געווען צונויפגעקליבען אַן ערך פיער מאָל הונדערטטויזענד מגילות מיט כתב-יד'ען. די קאָרדאָווער אַקאַדעמיע איז אין זיין צייט געווען די בעריהמטסטע אין איראָפּע. געלערנטע און שריפטשטעלער פלעגען אָפטמאָלס בעשטימט ווערען אויף הויכע שטעלעס אין דער רעגירונג.

די אידען, די אַלטע גבורים פון גייסט, האָבען ממש אָבגעלעבט אין דער דאָזיגער פרישער גייסטיגער אַטמאָספער. זיי האָבען ניט איבערגענומען פּאַסיוו די אַראַבּישע ציוויליזאַציע, נאָר זיי האָבען טעטיג מיטגעווירקט זי אויסצובעסערן און צו פערשפּרייטען, צופּאַסענדיג זי צוגלייך צו זייער נאַציאָנאַלען אַרט לעבען. אין אַבּדור-ראַחמאַן דעם III-טענס צייט הויבען די אידען אָן אַרויסצורוקען פון צווישען זיך בעגאַבּטע טוער אויף פערשיידענע געביטען פון בירגערליכען און אינטעלעקטועלען לעבען.

דער ערשטער און דער גרעסטער פון דעם מין טוער איז געווען דער מלוכה-מאַן און געלערנטער חסדאי אבן-שפרוט (אַן ערך פון 915—970), וואָס ווערט מיט רעכט אָנערקענט פאַר'ן גרינדער פון דער אידיש-שפּאַנישער קולטור. שוין חסדאי'ס פאָטער, יצחק, האָט פערנומען, אַ דאַנק זיינע כשרונות און עשירות, אַ הויכען געזעלשאַפטליכען מעמד אין קאָרדאָוואַ און האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ שטיצער פון געלערנטע און פּאָעטען; לויט זיין אויפטו איז אויסגעבויט געוואָרען די גרויסאַרטיגע קאָרדאָווער שול, וואָס איז געווען בעריהמט אין דער שפּעטערדיגער צייט. חסדאי האָט בעקומען אַ ברייטע בילדונג; ער האָט שטודירט מעדיצין, האָט פערשטאַנען העברייאיש און אַראַבּיש, און אויך די אָפיציעלע שפּראַך פון דער דעמאָלטיגער קריסטליכער וועלט — לאַטייניש.

די דאָזיגע ידיעות חסדאי'ס אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין פּראַקטישען שכל

און ענערגיש האָבען צוגעצויגען אויף איהם די אויפמערקזאַמקייט פון אַבדור-ראַחמאַן דעם III-טען. צוערשט האָט דער חאַליף איהם דערנעהענטערט צו זיך אַלס דאָקטאָר, און אין משך פון דער צייט איז ער געוואָרען דורכגעדרונגען מיט אַ אַכטונג און צוטרוי צום אידישען געלערנטען, אַז ער האָט איהם געמאַכט פאַר זיין בעל-יועץ און הויפּט-פערמיטלער אין די דיפּלאָמאַטישע פערבינדונגען מיט אַנדערע מלוכות.

אויף דעם דאָזיגען הויכען פּאָסטען, וואָס איז צום טייל געווען דאָס אייגענע, וואָס דער פּאָסטען פון אַ מיניסטער אָדער וויזיר, האָט חסדאי אַרויסגעוויזען פעהיגקייטען פון אַ גרויסען פּאָליטישען טוער. דורך זיין פערמיטלונג איז געשלאָסען געוואָרען אַ שלום-אָבמאַך צווישען אַבדור-ראַחמאַן מיט די קריסטליכע מושלים פון לעאָן און נאַוואַראַ. אַ דאַנק חסדאי אבן-שפּרוט'ס בעמיהונגען איז דער קאָרדאָווער האַליפאַט אַריינגעטראָטען אין בעציהונגען מיט דער ביזאַנטישער אימפּעריע, וואָס אויף איהר האָבען זיך דעמאָלט געקליבען אָנצופאַלען די מזרח'דיגע חאַליפען (944 — 949).

די געזאַנדשאַפט פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל פונ'ם קייזער קאָנסטאַנטין VII, וואָס איז אָנגעקומען קיין קאָרדאָווא, האָט געבראַכט צו פיהרען פאַר'ן חאַליף מתנות, צווישען וועלכע ס'איז געווען אַ שיינער עקזעמפּלאַר פון אַ גריכישען מעדיצינישען חיבור פון די אָסקאָרידאָס (וועגען גראָזען אויף רפואות). אַבדור-ראַחמאַן, אַלס בעשיצער פון וויסענשאַפטען, האָט זיך שטאַרק געפרייהט מיט דער דאָזיגער מתנה, נאָר וועדליג דער ספר איז געווען אָנגעשריבען אויף גריכיש, האָבען די אַראַבישע געלערנטע און דאָקטוירים, וואָס זיינען געווען ביים הויף, איהם ניט געקאָנט פערשטייהן. דעמאָלט האָט דער ביזאַנטינישער קייזער, לויט דעם חאַליפ'ס בקשה, געשיקט קיין קאָרדאָווא דעם געלערנטען מאָנאַך ניקאָלאַאָס, וועלכער האָט איבערזעצט דעם ספר אויף לאַטייניש. אָט פון דער דאָזיגער לאַטיינישער איבערזעצונג האָט איבערזעצט דעם ספר אויף אַראַביש חסדאי אבן-שפּרוט, צום גרויסען פערגעניגען פונ'ס חאַליף און פון די אַראַבישע נאַטורמאַרשער.

אַן ערך אין דער זעלביגער צייט האָט זיך חסדאי'ן איינגעגעבען צו פערהיטען פון אַן אונאָנגענעמען דיפּלאָמאַטישען סכסוך צווישען אַבדור-ראַחמאַן און דעם דייטשען קייזער אָטאָ דעם I-טען. דער חאַליף האָט איין מאָל געשיקט אַ געזאַנדשאַפט צו אָטאָ'ן און אין זיין בריעף צו איהם האָט ער בענוצט עטליכע בעליידיגענדע אויסדרוקען וועגען קריסטענטום. פאַר דער דאָזיגער מעשה האָט מען די קאָרדאָווער שלוחים געלאָזט וואַרטען אין דייטשלאַנד זייהר לאַנג, איידער מען האָט זיי צוגעלאָזט צום קייזער, און דערנאָך האָט אָטאָ פון זיין זייט געשיקט צום חאַליף אַ געזאַנדשאַפט, אונטער דער אָנפיהרונג פונ'ם אַבאַט יאָהאַנעס פון געריץ (956); דער דאָזיגער געזאַנדשאַפט האָט ער מיטגעגעבען אַ בריעף, וואָס האָט ענטהאַלטען שאַרפע אָנפאַלען אויפ'ן איסלאַם. ווען דער חאַליף איז געוואָהר געוואָרען מן הצד וועגען דעם אינהאַלט פונ'ם בריעף, האָט ער אויך געלאָזט וואַרטען די דייטשע געזאַנדשאַפט לאַנג אויף אַן אודיענץ. דער

סכסוך האָט זיך געענדיגט בכי-טוב נאָר אַ דאַנק חסדאַי׳ס אַריינמישונג. ער האָט מיט דער הילף פונ׳ם קאָרדאָווער בּיסקופ געפועל׳ט ביים אַבּאַט יאָהאַנעס, ער זאָל בּעטען ביים דייטשען קייזער, אַרויסצושיקען איהם אַ נייעם בּריעף, וואָס איז אָנגעשריבען אין אַ העפליכערן טאָן. דער אַבּאַט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך נעהענטער בּעקענט מיט׳ן אידישען מיניסטער, האָט זיך אויסגעדריקט, אַז „ער האָט נאָך קיין מאָל ניט בעגעגענט אַ מענשען מיט אַזאַ שאַרפען פערשטאַנד, ווי דער איד חסדאַי״.

חוץ דיפּלאָמאַטישע שליחות׳ן, האָט חסדאַי פערנומען די שטעל פון פינאַנץ-ראַט און פון אַן אינספּעקטאָר איבּער דעם אויסוויינּיגסטען האַנדעל.

חסדאַי׳ס הויכער מצב ביים הויף האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט צו אַרבּייטען מיט ערפאָלג אויך לטובת זיינע פאָלקס-בּרידער. געניסענדיג דעם חאַליפ׳ס צוטרוי, איז ער געווען פּאַקטיש – אויבּ ניט אָפיציעל – דער מנהיג פון די אידישע קהילות אין קאָרדאָוואַ און אין אַנדערע שטעדט פון אַנדאַלוזיען. ער האָט אויסגענוצט זיין השפעה אויף צו פערפעסטיגען דעם בּירגערליכען מצב פון די אידען אין שפּאַניען און זייער אינעווייניגסטע אַווטאָנאָמיע.

אַלס פּאָליטישער טוער, וואָס איז בּעקאַנט אויך מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, האָט חסדאַי זיך אינטערעסירט לעבּהאַפט מיט׳ן גורל פון אידען אין אַלע לענדער, וואו זיי זיינען צעזייהט. ווען אין קאָרדאָוואַ פלעגען אָנקומען שלוחים פון בּיזאַנץ און פון אַנדערע מלוכות פון אייראָפּע און אַזיען, פלעגט חסדאַי זיך פונאַנדערפרעגען בּיי זיי וועגען מצב פון די אידען אין זייערע מדינות. איין מאָל האָבּען שלוחים פון כאָראַסאַן (פּערסיען) איהם מודיע געווען, אַז ערגיץ אין ווייטע מקומות איז פאַרהאַן אַ זעלבּשטענדיגע אידישע מלוכה מיט אַ אידישען מלך, און אַז הייסען הייסט די דאָזיגע מלוכה אַל-כאַזאַר. געהערט האָט זיך דאָס וועגען כאַזאַרישען קיניגרייך, וואָס האָט עקסיסטירט אין IX-טען און X-טען יאָהרהונדערט אין דרומית-מזרחית פון אייראָפּאַ, אויף די בּרעגען פון קאַספּישען ים (§ 77). די בּיזאַנטינישע שלוחים האָבּען אין גיכען בּעשטעטיגט די ידיעה אין אַ בּעשטימטער פאָרם. זיי האָבּען דערציילט, אַז דאָס כאַזאַרישע קיניגרייך ליגט אַ מהלך פון 15 טעג רייזע איבּער׳ן ים פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ניט ווייט פון קאַספּישען ים און דעם אויסגוס פון דער וואָלגאַ, אַז דער איצטיגער כאַזאַרישער קיניג (כאַגאַן) הייסט יוסף, און אַז דאָס דאָזיגע קיניגרייך האָט האַנדעלס-בּעציהונגען מיט דער בּיזאַנטינישער אימפּעריע.

אַלע די דאָזיגע ידיעות האָבּען שטאַרק פעראינטערעסירט חסדאַי׳ן און האָבּען איהם איינגעפליסט אַ הייסען פערלאַנג – אַריינצוטרעטען אין דירעקטע פערבּינדונגען מיט דער מערקווירדיגער אידישער מלוכה. דער אידישער שליח, וואָס איז לכתחילה געשיקט געוואָרען אַהין דורך קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָט ניט דערגרייכט צום ציעל פון זיין נסיעה. ער האָט זיך אומגעקעהרט צוריק קיין קאָרדאָוואַ מיט אַ בּריעף, אין וועלכען דער בּיזאַנטינישער קייזער האָט געלאָזט וויסען חסדאַי׳ן, אַז די נסיעה אין ווייטען לאַנד פון די כאַזאַרען איבּער׳ן שוואַרצען ים איז פערבּונדען מיט גרויסע שוועריגקייטען און אַפילו סכנות.

נאָך לאַנגע זוכענישען האָט חסדאי'ן זיך סוף-כל-סוף איינגעגעבען אָבצו-שיקען אַ בריעף צום כאַזאַרישען קעניג יוסף אויף אַן אומוועג — איבער אונגאַרן, בולגאַריען און רוסלאַנד. אין זיין בריעף, וואָס איז אָנגעשריבען אויף העברייאיש, מאַכט דער קאָרדאָוועער שר בעקאַנט דעם כאַזאַרישען קעניג מיט דער געאָגראַפישער און פּאָליטישער לאַגע פון שפּאַניען, גיט איהם צו וויסען וועגען זיין שטעל ביי אַבדור-ראַחמאַנס הויף, וועגען יענער פרייד, וואָס ער האָט געפיהלט, בשעת ער האָט בעקומען די ידיעה, אַז עס עקסיסטירט אַ זעלבשטענדיגע אידישע מלוכה, און וועגען זיינע לאַנגע בעמיהונגען אַריינצוטרעטען אין פערבינדונג מיט'ן מושל פון דער דאָזיגער מלוכה.

„איך האָב דאָס אַלץ געטאָן — שרייבט חסדאי — ניט מחמת איך שטרעב צו כבוד, נאָר מחמת מיין אויפריכטיגען וואונש צו דערגייהן דעם אמת: צי איז טאַקע פאַרהאַן אויף דער ערד אַן אָרט, וואו די גע'רודפ'טע כנסת-ישראל האָט אַן אייגענע ממשלה, וואו זי איז קיינעם ניט אונטערטעניג. און אויב איך וואָלט געוואוסט, אַז דאָס איז אמת, וואָלט איך פערלאָזט מיין הויזגעזינד און וואָלט געגאַנגען איבער בערג און טאָלען, איבער דער יבשה און איבער'ן ים, ביז איך וואָלט געקומען אין יענעם אָרט, וואו עס וואוינט מיין האַר, דער אידישער קעניג. איך וואָלט דערזעהן זיין גרויסקייט, זיין כבוד און די סוויטע, וואָס רינגעלט איהם אַרום, איך וואָלט געזעהן, ווי עס לעבט רוהיג די „שארית ישראל" — און דעמאָלט וואָלט איך אויסגעגאָסען מיין האַרץ פאַר דאַנקבאַרקייט צו גאָט, וואָס האָט ניט אָבגענומען זיין גענאָד פון זיין אָרימען פאָלק... וואָרום אַ לאַנגע צייט שוין וואַרט אונזער פאָלק אויף אויסלייזונג, אין זיין אַרומבלאָנקען פון איין מדינה אין דער אַנדערער. אָהן כבוד, דערנידעריגט אין גלות, קאָנען מיר גאָרניט ניט ענטפערן די וואָס זאָגען צו אונז: איטליכס פאָלק האָט אַ מלוכה, אָבער איהר האָט ניט אויף דער ערד אפילו קיין סימן פון אַ מלוכה".

צום סוף בעט חסדאי דעם קעניג יוסף, ער זאָל איהם צושיקען די אויספיהרליכסטע ידיעות וועגען זיך און וועגען זיין קעניגרייך.

נאָך אַ לאַנגער אָנגעשטרענגטער ערוואַרטונג האָט חסדאי בעקומען דעם ענטפער פון כאַזאַרישען קעניג. יוסף האָט דערציילט דעם אידישען שר, פון וואַנען עס שטאַמען די כאַזאַרען, וועגען דעם, ווי אַזוי זיי האָבען אָנגענומען די אידישע אמונה אין דער צייט פונ'ם קעניג בולן, וועגען אַ גאַנצער רייה מלכים, וואָס זיינען געווען נאָך איהם, וועגען דער פּאָליטישער מאַכט פון כאַזאַריען און איהרע בעציהונגען צו די שכנישע מלוכות. דער כאַגאַן ענדיגט זיין בריעף מיט די ווערטער: „אונזערע בליקען זיינען געווענדט צו גאָט, צו די חכמי ישראל און צו די ישיבות פון ירושלים און בבל... זאָל גאָט גיכער צושיקען די אויסלייזונג פון ישראל, ווי ער האָט צוגעזאָגט, און זאָל ער צונויפקלייבען זיין צעזייהט פאָלק נאָך פאַר אונזערע צייטען! דו האָסט דערמאָנט אין דיין בריעף, אַז דו ווילסט מיך זעהן: איך בעגעהר אויך הייס צו זעהן דיין פנים און צו קוויקען זיך מיט דיין חכמה און גרויסקייט, — און אויב דער דאָזיגער וואונש זאָל פערווירקליכט ווערען, וואָלסטו פאַר מיר געווען אַ פאָטער און איך פאַר דיר אַ זוהן.

לויט דיין ווילען וואָלט געוואָרען רעגירט מיין גאַנץ פאָלק, און איך וואָלט גע-טאָן אַלצדינג לויט דיינע קלוגע עצות".

דער דאָזיגער בריעף, וואָס איז אָנגעקומען צו חסדאי'ן אַן ערך אין יאָהר 960, איז געוואָרען אָנגעשריבען בלויז מיט עטליכע יאָהר פריהער, איידער ס'איז געפאַלען דאָס כאַזארישע קיניגרייך (ווייטער, קאַפּיטעל VI). די ווירקליכ-קייט האָט צעשטערט די שיינע פאַנטאַזיעס: לויט דער איראָניע פונ'ם שיקזאַל, איז די קינדס-קינדער פון די כאַזארישע כאַגאַנען אויסגעקומען צו זוכען פאַר זיך אַ מקום מנוחה אין פרעמדע לענדער, צווישען אַנדערע אויך אין דער ווייטער שפּאַניען.

חסדאי גופא, וואָס האָט געחלומ'ט וועגען „קץ הגלות", האָט מעהר פון אַלץ מיטגעהאָלפען אויסצובויען דעם אידישען קולטור צענטער אין יענעם לאַנד, וואָס איז געווען בערופען צו ווערען אויף עטליכע יאָהרהונדערטען דער מרכז פון די גלות-לענדער. ער האָט געשטרעבט אין האַרצען קיין מזרח, אָבער פּאַקטיש האָט ער גענומען דעם טעטיגסטען אָנטייל אינ'ם היסטאָרישען פּראָצעס, וואָס איז געווען דער היפוך פון זיינע שטרעבונגען, און האָט געהאָלפען אַריבער-צוטראָגען דעם אידישען קולטור-צענטער פון מזרח קיין מערב.

דער נייער צענטער פונ'ם רבּיניזם.

§ 84. איינע פון חסדאי אבן שפרוט'ס הויפּט-פאַרדיענסטען איז בעשטאַ-נען דערין, וואָס ער האָט דער ערשטער אָבגעווענדעט די אויפמערקזאַמקייט פון די מערב'דיגע אידען פונ'ם מזרח'דיגען גייסטיגען צענטער און האָט זיי געמאַכט צום טייל אונאָבהענגיג פון די ישיבות פון בבל און פון די גאונים. דורכדעם, וואָס ער האָט געשטיצט אידישע געלערנטע און אַרויסגערופען זיי פון אַנדערע לענדער קיין קאָרדאָווע, האָט ער אָוועקגעלייגט די התחלה פאַר אַ זעלבשטענדיגער אָרגאַניזאַציע פון דער רבנות אין שפּאַניען.

לכתחילה האָט חסדאי, לויט'ן אַלטען מנהג, געשיקט בעדייטענדע סומעס געלד קיין בבל אויף אויסצוהאַלטען די דאָרטיגע ישיבות; ער האָט געפיהרט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט דער קאָלעגיע פון די גאונים און מיט איינצעלנע גע-לערנטע אין אזיען און אַפריקע. נאָר אין גיכען האָט זיך אין קאָרדאָווע גופא געבילדעט אַ קרייזעל פון געלערנטע, וואָס האָבען דאָ געפונען אַ בעקוועמערע פעלד פאַר זייער טעטיגקייט אונטער'ן שוץ און צום טייל ביי דער מאַטעריעלער אונטערשטיצונג פונ'ם איינפלוסרייכען אידישען שר. אין די לעצטע צעהנדליגער יאָהרען פון חסדאי'ס לעבען (950—970) איז אין קאָרדאָווע אויפגעקומען אַ שול פאַר'ן תלמודיזם, וואָס איהרע מנהיגים האָבען געהייסען ניט „גאונים", נאָר „רבּנים", און פונדעסטוועגען האָבען זיי אויסערפילט די פונקציעס פון גאונים בנוגע צום לערנען דאָס געזעץ און בנוגע צו געזעצגעבערישער פּראַקטיק.

די גרינדונג פונ'ם דאָזיגען רבּנישען צענטער ווערט געשילדערט אין די

כראָניקעס אַ ביטעל אין אַ לעגענדאַרישער פאָרם. זי איז פערבונדען מיט דער רעטענישפולער ערציהלונג װעגען די פיער תלמודיסטען (ד' שבויים), װאָס זיינען, װי עס איז שוין דערציילט געװאָרען (§ 73), אַריינגעפאַלען אין געפאַנגענשאַפט, בשעת זיי זיינען געפאָהרען אויפ'ן ים, צום אַראַביש-שפּאַנישען אַדמיראַל אבן-ראָמאַחיס און זיינען פערקויפט געװאָרען פאַר שקלאַפען אין פערשיידענע לענדער.

בעזונדערס טראַגיש איז געװען דער גורל פון איינעם פון די געפאַנגענע, רבי משה בן חנוך. אינאיינעם מיט איהם זיינען געפאָהרען אויפ'ן אומגליקליכען שיף, װאָס די אַראַבער האָבען פערכאַפּט, זיין יונגע שיינע פרוי און זיין קליינער זוהן חנוך. דער אַדמיראַל אבן-ראָמאַחיס, װאָס האָט געהאַלטען די געפאַנגענע פאַר זיין אייגענס, האָט געהאַט בדעה צוצונעמען אין זיין האַרעם ר' משה'ס פרוי. אַז די יונגע פרוי האָט נאָך בשעת'ן פאָהרען אויפ'ן שיף אָנגעהויבען צו פערשטייהן דעם אַראַבערס פערברעכערישען מיין, האָט זי שטילערהייד אַ פרעג געטאָן ביי איהר מאַן: צי װעלען אויפשטייהן תחית המתים די, װאָס זיינען דערטרונקען געװאָרען אין ים. „אודאי — האָט געענטפערט דער מאַן, װאָס האָט װעגען קיין בייז ניט געטראַכט, — גאָט האָט געזאָגט: איך װעל אומקעהרען (צום לעבען) פון בשן, איך װעל זיי אומקעהרען פון די טיפעניש פון ים". אַז די יונגע פרוי האָט דאָס דערהערט, איז זי אַראָבגעשפרונגען פון שיף אין װאַסער אַריין און איז דערטרונקען געװאָרען.

דעם איינגאַנצען צעשמעטערטען ר' משה בן חנוך מיט זיין קליינעם זוהן האָט מען געבראַכט צו פיהרען קיין קאָרדאָװאַ, װאו די אָרטיגע אידישע קהילה האָט אויסגעקויפט ביידע שבויים (אַן ערך אין יאָהר 955). דער פרעמדער תלמודיסט האָט לכתחילה ניט אַרויסגעװיזען זיין לומדות; בלויז אַ צופאַל האָט אויפמערקזאַם געמאַכט די געזעלשאַפט אויף איהם. איין מאָל איז ר' משה, אָנגעטאָן װי אַן אָרימער אורח, אַריינגעקומען אין אַ קאָרדאָװער בית-המדרש, װאָס בראש פון איהם איז געשטאַנען אַ דיין, מיט'ן נאָמען ר' נתן. דער דאָזיגער דיין האָט גראָד געלייענט אַ שיעור איבער תלמוד און האָט ערקלערט די צוהערער זייהר אַ האַרבע סוגיא. ר' משה, װאָס האָט זיך בעשיידען געהאַלטען נעבען טיר, האָט בעמערקט, אַז דער רבי האָט אין איין אָרט זיך פערפלאָנטערט אין זיינע ערקלערונגען; ער האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען און האָט געשטעלט רבי נתנ'ען עטליכע קשיות. די צוהערער האָבען מיט פערװאונדערונג זיך צוגעהערט צו די טיעפזיניגע בעמערקונגען פונ'ם אָרימען אורח און האָבען איהם פאָרגעלייגט נאָך אַ גאַנצע רייה האַרבע קשיות, װעלכע ער האָט באַלד אויפ'ן אָרט פערענטפערט. דעמאָלט איז רבי נתן אַרויסגעגאַנגען פון בית-המדרש און האָט געזאָגט צו די אַרומיגע: „איך טויג ניט אויף צו זיין אייער דיין: דער דאָזיגער אָרט קומט יענעם אורח, װאָס איז אָנגעטאָן אין די אָרימע קליידער. ער איז מיין רבי, און איך װעל פון איצט אָן זיין זיין תלמוד. איהר בעשטימט איהם פאַר אַ דיין פון דער קאָרדאָװער קהילה". אויף אַזא אופן איז רבי משה בן-חנוך אויסגעקליבען געװאָרען פאַר אַ רב אין קאָרדאָװאַ און ער האָט זיך

גענומען פאַרן פּערשפּרייטען תּלמודישע וויסענשאַפט צווישען די שפּאַנישע אידען.

ער האָט בעדייטענד פערברייטערט דעם קורס פון יוריספּרודענץ אין דער קאָרדאָווער ישיבה און האָט זי פערוואַנדעלט אין אַ העכערער תּלמודישער אַקאַדעמיע. פאַר די תּלמידים פלעגט מען אויסשרייבען פון בבל טייערע כּתב-יד'ען פונ'ם תּלמוד. די קאָרדאָווער ישיבה האָט אין גיכען בעקומען אַזאַ שם, אַז אַהין האָבען אָנגעהויבען זיך צונויפקלייבען יונגע לייט פון פערשיידענע שטעדט פון שפּאַניען און פון דער שכנישער אַפריקע. אַלע האָבען אָהן שום טענות אָנערקענט דער רעליגיעזען אויטאָריטעט פון רבי משה און פון זיין קאָלעגיע געלערנטע. דער קאָרדאָווער רב האָט אין זיין ראַיאָן געהאַט אַלע רעכט פון אַ גאון — און אויף אַזאַ אופן האָט ער געמאַכט די שפּאַנישע אידען אונאָבהייניגיג פון דער באַבילאָנישער גאונות, וואָס איהר פאָרשטייהער איז דעמאָלט געווען רב שרירא.

דאָס אַלץ איז, פערשטייהט זיך, דערגרייכט געוואָרען, אַדאַנק דער מעכטיגער מיטווירקונג פון חסדאי אבן-שפּרוט. חסדאי און דער חאַליף אַבדור-ראַחמאַן גופא זיינען געווען זייהר צופרידען דערמיט, וואָס די שפּאַנישע אידען זיינען אין זייער רעליגיעזען לעבען געוואָרען אונאָבהייניג פון די גאונים פון בבל, פּונקט אַזוי ווי שפּאַניען אונטער דער ממשלה פון די אומאַיידען האָט צעריסען איהר אָבהייניגקייט פונ'ם „מושל פון די מאמינים" — דעם באַגדאַדער חאַליף.

חסדאי האָט געזאָרגט ניט בלויז פאַר דער פערשפּרייטונג פונ'ם תּלמוד אין שפּאַניען: ער האָט אויך געשטיצט די ענטוויקלונג פון אַנדערע צווייגען פון דער אידישער וויסענשאַפט. ער האָט אַרויסגערופען קיין קאָרדאָוואַ צוויי גראַמאַטיקער: מנחם בן-סרוק און דונש בן-לברט (ווייטער § 89), וואָס האָבען געמאַכט די התחלה פונ'ם שטודיום פון דער אידישער שפּראַך-וויסענשאַפט אין מערב. דער גרויסער נדבן פלעגט בעקומען פון די שריפטשטעלער, וואָס האָבען זיך געפונען אונטער זיין שוץ, שירים פון זיין כּבוד וועגען, וואו מען פלעגט צו-פיעל מגזם זיין זיינע שבחים. די קנאה פון די שריפטשטעלער צו אַנאַנד פלעגט טיילמאָלס ברייגען צו פערזענליכע אינטריגעס; נאָר ניט קוקענדיג אויף די אונאויסמיידליכע נעגאַטיווע זייטען פונ'ם מעצענאַטענטום—האָט עס דאָך פערמאָגט אַ גוטע מעלה אויך: די שריפטשטעלער און געלערנטע האָבען געפלייסט זיך אַריבערצושטייגען איינער דעם אַנדערן, און דורכדעם איז ענטוויקעלט געוואָרען די אידישע וויסענשאַפט און ליטעראַטור.

חסדאי אבן-שפּרוט'ס טויט (970) האָט אַרויסגערופען אַ טרויער צווישען די שפּאַנישע אידען. אין דעמזעלביגען מאָמענט זיינען גראָד אויך אויסגעבראָכען ערנסטע סכסוכים אין די ענינים פון דער אידישער קהילה אין קאָרדאָוואַ, וואָס איז אַרויסגערופען געוואָרען דורך דער מחלקות איבער דער רבנות.

..צוליג קאָרדאָוואַ האָט פערנומען דעם ערשטען אָרט צווישען די איבעריגע אידישע קהילות, האָבען אַ סך געלערנטע גערעכענט פאַר אַ גרויסען

כבוד צו בעקומען די שטעל פון אַרב אין דער דאָזיגער שטאָדט, הגם די דאָזיגע שטעל האָט, חוץ כבוד, קיין שום מאַטעריעלע געווינסטן ניט געבראַכט. נאָכ'ן טויט פון רבי משה בן חנוך (אַן ערך אין יאָהר 968), האָבען זיך געבילדעט אין קאָרדאָוואַ צוויי פּאַרטייען, וואָס זיינען געווען מחולק צווישען זיך אין דער פראַגע, ווענען אויסצוקלייבען פאַר אַרב. איין צד איז געשטאַנען פאַר רבי משה'ס זוהן, ר' חנוך, וואָס איז געווען אַ גרויסער קענער פון תלמוד, און דער אַנדער צד האָט געוואָלט אָבגעבען דאָס רבנות ר' יוסף אבן-אביתור, וואָס האָט חוץ זיינע תלמודישע קענטענישען געהאַט נאָך אַנדערע טאַלאַנטען.

ר' יוסף אבן-אביתור, וואָס איז אַרויסגעקומען פון אַ חשוב'ער אַנדאַלוזישער משפחה, איז געווען אַ בעדייטענדער פּאָעט און האָט געשריבען רעליגיעזע שירים, וואָס זיינען צום טייל אַריינגעגאַנגען אין דער ליטורגיע נאָכ'ן ספרדישען נוסח. לויט'ן בעפעהל פונ'ם געבילדעטען האַליף אל-חאַכים II, וואָס האָט געקליבען אין זיין ביבליאָטעק די ליטעראַטור-ווערק פון אַלע פעלקער, האָט ער געמאַכט אַן אַראַבישע איבערזעצונג פון דער משנה (די דאָזיגע איבערזעצונג איז שפּעטער פערלאָרען געגאַנגען אינאיינעם מיט אַנדערע טייערע ספרים פונ'ם חאַליפ'ס ביבליאָטעק). בכלל איז אבן-אביתור געווען דער פאָרשטייהער פון אַ נייעם טיפּ שפּאַנישע רבנים, וואָס האָבען געהאַט אויך וועלטליכע בילדונג, אין דער צייט וואָס רבי חנוך האָט געהערט צום אַלטען טיפּ פון די איינזייטיגע באַבילאָנישע תלמודיסטען.

היות ווי חסדאי איז געווען מעהר גענייגט צו רבי חנוכ'ן, בכן איז דער לעצטער טאַקע אויסגעקליבען געוואָרען פאַר אַרב אין קאָרדאָוואַ און צוגלייך פאַר אַן עלטסטען איבער דער גאַנצער אידישער גייסטליכקייט פון שפּאַניען. כל-זמן ר' חסדאי האָט געלעבט, איז ר' חנוך, וואָס איז געשטאַנען אונטער זיין שוץ, זיך רוהיג געזעסען אויף זיין שטעל. אָבער ווי נאָר עס איז געשטאָרבען דער אַלמעכטיגער אידישער שר, איז דער קאַמף פאַר דער רבנות שאַרפער געוואָרען. אבן-אביתור'ס צד איז אָפען אַרויסגעטראָטען קעגען ר' חנוכ'ן, און דעם לעצטענס אַנהייגער האָבען אַריינגעלייגט אבן-אביתור'ן אין חרם.

נאָך פערביטערטע מחלוקת'ען האָבען ביידע צדדים זיך געווענדט צום חאַליף אל-חאַכים, ער זאָל משפּט'ען צווישען זיי. הגם דער חאַליף גופא איז געשטאַנען אויפ'ן צד פונ'ם געבילדעטען אבן-אביתור, פונדעסטוועגען האָט ער געמוזט פּסק'ען לטובת ר' חנוכ'ן, וואָרום אויף זיין צד איז געשטאַנען דער גרעסטער רוב פון די קאָרדאָווער אידען. אבן-אביתור האָט געפּרובט פּערזענליך צו ווירקען אויפ'ן חאַליף, אַז ער זאָל איהם איבערגעבען די רבנות, נאָר אל-חאַכים האָט איהם געענטפערט: „אויב די אַראַבער וואָלטען מיר אויף אַזוי-פיעל ניט ליעב געהאַט, ווי דיך — די קאָרדאָווער אידען, וואָלט איך אַוועק פון מלוכה; איך גיב דיר אויך אַן עצה צו פערלאָזען קאָרדאָוואַ". דער פערשטויסענער געלערנטער איז אַוועק קיין צפון-אַפריקע און אַ לאַנגע צייט האָט ער דאָרט אַרומגעוואָגעלט איבער פערשיידענע שטעדט.

דערווייל האָט זיך די לאַגע אין קאָרדאָוואַ אומגעביטען צו זיין טובה.

דער חאַליף אל־חאַכּים איז געשטאָרבען (976), און איבער דער מלוכה האָט פאַקטיש רעגירט דער גרויסוויזיר (האַדזשיב), דער בעריהמטער קריגסמאַן אל־מאַנסור, דער אַפּוטרופּוס פונ׳ם יונגען קרוין־יורש הישאַם. דער דאָזיגער אַלמעכטיגער וויזיר האָט בעשטימט פאַר אַ מנהיג איבער אַלע אידישע קהילות אין אַנדאַלוזיען דעם רייכען אידישען זיידען־פאַבריקאַנט יעקב אבן־דזשוי.

אבן־דזשוי האָט געוואוינט אין קאָרדאָווא, וואו ער האָט געהאַט אַ גרויסאַרטיגען פּאַלאַץ און אַן עהרען־סוויטע. אַלע האָבען אַרויסגעוויזען הכנעה פאַר דעם דאָזיגען שטאַרקען הויפּט־מאַן. משוררים פלעגען בעזינגען זיין רוהם און אָנרופען איהם „דער פאָטער פון אָרימע לייט“.

אבן־דזשוי איז פון לאַנג אָן געווען אבן אביתור׳ס אָנהייגער, און דערפאַר איז ווי ער האָט נאָר דערגרייכט צו זיין הויכער שטעל, האָט ער באַלד בעשלאָסען אָבצונעמען די רבנות ביי ר׳ חנוכ׳ן און אַרויפצוזעצען אויפ׳ן שטעל זיין פערטריבענעם קאָנקורענט. לויט אבן־דזשוי׳ס פערלאַנג, האָט די קאָרדאָוואער קהלה אַוועקגעשיקט אַ פייערליכע איינלאַדונג אין דעם זין צו אבן־אביתור׳ן, וואָס האָט זיך געפונען דעמאָלט אין אַפריקע. נאָר דער פערטריבענער געלערנטער האָט אַרויסגעוויזען אַן איידעלקייט פון כאַראַקטער: ער האָט לחלוטין זיך אָבגעזאָגט פונ׳ם פאָרשלאָג, וואָס די קאָרדאָוואער אידען האָבען איהם פאָרגעלייגט, האָט זיי פאָרגעוואָרפען, פאַר וואָס זיי זייבען מזלזל אינ׳ם כבוד פונ׳ם צדיק ר׳ חנוך, און האָט מודה געווען, אַז דער לעצטער איז פולקום ראוי צו פערנעמען די שטעל פונ׳ם אויבערשטען רב.

אבן־אביתור איז נאָך לאַנגען נע־ונד זיין איבער צפון־אַפריקע אָנגעקומען אין דער געהעהנער גייסטיגער הויפּטשטאָדט פון אידישען פאָלק, פומבדיתא, וואו ער האָט גערעכענט, אַז ר׳ האַי גאון וועט איהם גוט אויפנעמען. נאָר רב־האַי, וואָס איז געווען אַ גרויסער מחמיר, האָט זיך אָבגעזאָגט צוצולאָזען צו זיך אַ מענשען, וואָס איז געוואָרען אַריינגעלייגט אין חרם. איז אבן־אַביתור אַוועק קיין דמשק, וואו ער איז געשטאָרבען.

זיין בעשיצער אבן־דזשוי האָט עפּיס איבער אַ מעשה ניט נושא־חן געווען אינ׳ם וויזיר׳ס אויגען און האָט אָנגעוואָרען זיין פריהערדיגען איינפלוס ביים הויף. ר׳ חנוך, וואָס האָט מעהר קיין געגנער ניט געהאַט, האָט זיך אַיינגעפעסטיגט אויפ׳ן שטעל פון קאָרדאָווער רב. ער האָט נאָך אַ לאַנגע צייט פערנומען דעם דאָזיגען פּאָסטען און איז געשטאָרבען דורך אַן אומגליקס־פאַל: אַז ער איז איין מאָל אום שמחת־תורה אַרויף אויפ׳ן אַלמעמאָר אין שול, איז דער לעצטער פון אַלטקייט אַיינגעפאַלען, און דער זקן איז אַראָבגעפאַלען און האָט צעבראָכען דעם חוט־השדרה (1014).

רבי שמואל הנגיד און זיין זוהן יוסף (גרענאַדאַ).

§ 85. שווערע טעג זיינען אָנגעקומען פאַר׳ן קאָרדאָווער חאַליפאַט נאָכ׳ן טויט פונ׳ם גרויס־וויזיר אַלמאַנסור (1002). דער קריגערישער וויזיר, וואָס האָט

אַריינגעצויגען דאָס לאַנד אין אונאויפהערליכע מלחמות מיט די קריסטליכע פירשטענטימער פון צפון-שפּאַניען, האָט זיך געשטיצט דער עיקר אויף געדונגענע חיילות פון די בערבערישע שבטים, וואָס ער האָט זיי אַרויסגערופן פון צפון-אַפריקע; נאָר די דאָזיגע בערבערען האָבן שפּעטער איינגעשלונגען דעם זוא׳ יפאַ גופאָ. ווי אַ ברייטע כוואַליע האָבן זיך אַ גאָס געטאָן די אַפריקאַנישע האָרדעס קיין אַנדאַלוזיען, האָבן אַרויסגעשטופּט די אַראַבישע מושלים און אַוועקגעשטעלט אויף זייער אָרט זייערע אייגענע אָנפיהרער. עס האָט זיך אָנגעהויבן די צעברעקלונג פונ׳ם קאָרדאָווער חאַליפאַט, וואָס האָט נאָך ניט לאַנג געבליהט. דער אָנפיהרער פון די אַפריקאַנער סוליימאַן איז אַריינגעדרונגען אין דער שטאָדט קאָרדאָוואַ (19 אַפּריל 1013) און האָט דאָרט אָנגעמאַכט אַ גרויסען חורבן.

דערביי האָבען בעזונדערס געליטען די אידען, די פּאָליטישע געגנער פונ׳ם בערבערישען אָנפיהרער. זייערע דירות און סחורה-לאַגערס זיינען צעשטערט געוואָרען, און אַ סך משפחות האָבען געמוזט פערלאָזען די שטאָדט. דאָס איז געווען דער ערשטער קלאַפּ, וואָס אידען האָבען בעקומען אין דער מוסעלמענישער שפּאַניען.

אין די ווייטערדיגע יאָהרצעהנטען איז דער קאָרדאָווער חאַליפאַט איינגאַנצען צעפאַלען. די אַראַבישע שפּאַניען האָט זיך צעטיילט אויף עטליכע קליינע מלוכות (אַ שטייגער ווי די דייטשע פירשטענטימער), וואָס אין זיי זיינען די הויפּטשטעדט געווען: סעווילאַ, גרענאַדאַ, מאַלאַגאַ, סאַראַגאָסאַ און אַנדערע.

דער פּועל-יוצא דערפון איז געווען, וואָס די אידישע קהילות זיינען צעטיילט געוואָרען צווישען עטליכע מלוכות; אָנשטאָט איין גרויסען צענטער פון דער אידישער אַוטאָנאָמיע, האָבען זיך בעוויזען עטליכע. דער הויפּט צענטער צווישען זיי איז געווען ג ר ע נ אַ ד אַ, וואָס צו איהר איז אויף אַ געוויסער צייט אַריבער די העגעמאָניע פון קאָרדאָוואַ אין דרום-שפּאַניען. אַ סך אידען, וואָס זיינען אַנטלאָפען געוואָרען פון קאָרדאָוואַ אין דער מהומה-צייט, האָבען זיך בעזעצט אין גרענאַדאַ, וואָס איז געוואָרען די הויפּטשטאָדט פון אַ זעלבשטענדיגען קיניגרייך מיט אַ בערבערישער דינאַסטיע בראש. דאָ האָט זיך אין דער צווייטער העלפט פון XI יאָהרהונדערט בעוויזען אַ אידישער שר, וואָס איז געוואָרען פאַר זיינע פאָלקסברידער דאָס אייגענע, וואָס חסדאי אבן-שפרוט איז געווען פאַר זיי אין פערגאַנגענעם יאָהרהונדערט. דער נייער שר און נדבן איז געווען ר׳ ש מ ו א ל ה ל ו י א ב ן נ ג ד י ל א, וואָס איז בעוואוסט אויך אונטער׳ן נאָמען ר׳ שמואל הנגיד (992–1055).

אַ געבוירטיגער פון קאָרדאָוואַ, האָט ר׳ שמואל הלוי יונגערהייד בעקומען אַ פיעלזייטיגע בילדונג. ער האָט שטודירט גרינדליך די תלמודישע ליטעראַטור אין דער ישיבה פונ׳ם קאָרדאָווער רב, רבי חנוך, נאָר אין דערזעלביגער צייט האָט ער אויך דורכגעשטודירט דעם גאַנצען קורס פון די וועלטליכע לימודים פון יענער צייט. ער האָט טיעף געוואוסט די אידישע און אַראַבישע ליטעראַטור, „דקדוק" אָדער פילאָלאָגיע, לאָגיק, פילאָסאָפיע און האָט, חוץ דעם, פערמאָגט אַ פּאָעטישען טאַלאַנט.

נאָכ׳ן פאַל פון קאָרדאָווא איז ר׳ שמואל פּעראַרימט געוואָרען און אַנטלאָפען פון דאָרט אינאיינעם מיט אַ סך מיטגלידער פון דער קהילה. ער האָט זיך בע-זעצט אין מאַלאַגאַ און האָט געלעבט דאָרט זייער בעשיידען, כמעט אָרים. ער האָט געעפענט אַ קרעמיל אויף צו פערקויפען געווירצען און האָט דערפון געצויגען חיונה בצמצום. נאָר צופעליג איז דער וויזיר פון׳ם דעמאָלטיגען גרענאַדיישען קיניג האַבּוס, אבן-אַלאַריף, אויפמערקזאַם געוואָרען אויף איהם. ר׳ שמואל׳ס קרעמיל האָט זיך געפונען בשכנות מיט׳ן פּאַלאַץ פון וויזיר, וואָס זיין פאַמיליע האָט געוואוינט אין מאַלאַגאַ. די פרוי, וואָס האָט פערוואַלטעט איבער׳ן פּאַלאַץ, האָט געפועל׳ט ביי ר׳ שמואל׳ן, ער זאָל שרייבען פאַר איהר בריעף צו איהר בעל-הבית אין גרענאַדאַ. די דאָזיגע בריעף, וואָס האָבען זיך אויסגעצייכענט דורך אַן עלעגאַנטען אַראַבּישען סטיל און אַ שיינעם כתב, האָבען פעראינטערע-סירט אבן-אַלאַריף. איין מאָל, ווען ער איז געקומען קיין מאַלאַגאַ, האָט ער זיך פערזענליך בעקענט מיט ר׳ שמואל׳ן און איז פערוואונדערט געוואָרען, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דער בעשיידענער קרעמער איז אַ מענש מיט אַ ברייטער בילדונג און מיט אַ טיעפען פּראַקטישען פערשטאַנד. „דיין אָרט — האָט ער גע-זאָגט צו ר׳ שמואל׳ן — איז ניט אין קראָם, נאָר ביי מיר; פון איצט אָן וועסטו זיין מיין בעל-יועץ". דער וויזיר האָט מיטגענומען ר׳ שמואל׳ן מיט זיך קיין גרענאַדאַ און האָט איהם בעשטימט פאַר זיין סעקרעטאַר.

אויף דער דאָזיגער שטעל האָט דער אידישער געלערנטער אַרויסגעוויזען אַ שאַרפען פערשטאַנד אין פּאָליטישע ענינים און פייהיגקייטען פון אַ דיפּלאָמאַט. דעריבער איז, ווען אבן-אַלאַריף איז אין גיכען קראַנק געוואָרען און האָט זיך געריכט אויפ׳ן טויט, האָט ער רעקאָמענדירט דעם גרענאַדישען קיניג ר׳ שמואל׳ן אַלס אַ קלוגען בעל-יועץ אין די ענינים פון דער מלוכה-פערוואַלטונג. דער קיניג האַבּוס האָט דערנעהענטערט צו זיך ר׳ שמואל׳ן און האָט איהם איבערגעגעבען צו פערוואַלטען איבער די וויכטיגסטע ענינים פון דער מלוכה מיט די רעכט פון אַ וויזיר (1027).

אין משך פון 29 יאָהר (ביז׳ן יאָהר 1055) האָט ר׳ שמואל פערנומען דעם הויכען און פעראַנטוואָרטליכען פּאָסטען פון אַ וויזיר פון גרענאַדישען קי-ניגרייך. ער האָט געדיענט אונטער צוויי מלכים — האַבּוס און זיין זוהן באַדיס. אין יענער אומרוהיגער צייט, בשעת עס האָבען זיך געצויגען די מלחמות צווי-שען די קליינע בערבערישע און אַראַבּישע מושלים אין דרום-שפּאַניען, האָט מען בעדאַרפט האָבען אַ סך פערשטאַנד און טאַקט, בכדי ווי עס איז אונטער-צוהאַלטען דעם פּאָליטישען גלייכגעוויכט. ר׳ שמואל האָט דערגרייכט דערצו, דורכדעם וואָס ער האָט געשלאָסען אַ בונד צווישען גרענאַדאַ און די שכנישע מלוכות. דורך זיין קלוגער פערוואַלטונג האָט ער אויפגעהויבען דעם וואויל-שטאַנד פון לאַנד, האָט איינגעשטעלט דאָרט אָרדענונג און האָט ניט זעלטען זי אָבגעהיט פון געפעהרליכע מיליטערישע אונטערנעמונגען.

דער אידישער שר האָט געהאַט ניט ווייניג שונאים צווישען די העכערע שיכטען פון דער מוסלמאַנישער געזעלשאַפט. זיי האָבען מקנא געווען דער

גרויסקייט פונ׳ם „אומגלויביגען" און האָבען זיך געמיהט אָנצורייצען קעגען איהם דעם פאַנאַטיזם פון די „גלויביגע". נאָר ר׳ שמואל האָט פערשטאַנען, ווי צו נעמען אויך אַזעלכע געגנער דורך זיין ווייכער בעהאַנדלונג און לחלוטי׳דיגער רעליגיעזער טאָלעראַנץ. זיינע בעפעהלען און צירקולאַרען האָט ער געשריבען אין שטריינג מוסעלמאַנישען סטיל און האָט גע׳מוסר׳ט די אַראַבער, זיי זאָלען זיין געטריי דעם איסלאַם. די מענשען פון זיין צייט האָבען איהם שטאַרק געריהמט פאַר דער שטאַרקייט פון זיין כאַראַקטער, וואָס איז געווען פערבונדען מיט אַ זעלטענער גוטמוטיגקייט; „ער רעדט ווינציג, נאָר ער טראַכט אַ סך" — פלעגט מען זאָגען וועגען ר׳ שמואל׳ן.

איין מאָל איז דער אידישער וויזיר געשטאַנען אין אַ גרויסער סכנה מחמת זיין גזע. דער מיניסטער פון דער שכנישער פערבינדעטער מלוכה אַלמעריען אבן-אַבאַס, וואָס איז געווען אַ פאַנאַטישער מוסעלמאַנער, האָט ניט געקאָנט בערוהיגען זיך ביים געדאַנק, אַז עס איז פאַרהאַן אַ וויזיר אַ איד אין אַ מוסעלמאַנישער רעגירונג, און האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציעל ניט אַנדערש אַראָפּצוּוואַרפען דעם אידישען שר. לכתחילה האָט ער אָנגעשריבען אַ שיר פול מיט גיפטיגע רכילות׳ען אויף ר׳ שמואל׳ן און בכלל אויף אידען. אַז דאָס האָט צו גאָרנישט ניט געבראַכט, האָט אבן-אַבאַס געשיקט צום גרענאַדער קיניג באַדיס אַ בריעף מיט דער פאָדערונג, ער זאָל דערווייטערן דעם אידישען וויזיר; אויב ניט האָט ער געשראָקען צו צערייסען דעם בונד צווישען אַלמעריען און גרענאַדאַ. נאָר באַדיס האָט געענטפערט: „אויב איך וועל טון לויט דיין פערלאַנג און וועל אַרויסגעבען מיין געטרייען דיענער, וועל איך זיין אַ בוגד און וועל אַליין אַריינפאַלען אין די שונאים׳ס הענד". דעמאָלט האָט אבן-אַבאַס מיט אַן אָבטיילונג אַלמעריער זיך אַריינגעריסען אין גרענאַדאַ, בכדי צו מאַכען דאָרט אַן איבערגעוואַלדיגע איבערקעהרעניש, נאָר ער איז אַריינגעפאַלען אין די הענד פון די גרענאַדער איינוואוינער און איז געוואָרען געטויט (1038).

אויסערפילענדיג עהרליך די פערשיידענאַרטיגע התחייבות׳ען פון דער מלוכה-פערוואַלטונג, האָט ר׳ שמואל צוגלייך מיט איבערגעבענהייט געדיענט די אינטערעסען פון זיין אייגענער נאַציע. ער האָט געטראָגען דעם טיטעל „נגיד", דאָס הייסט, מנהיג פון אַלע אידען אין גרענאַדישען קיניגרייך. אויף דער דאָזיגער שטעל האָט ר׳ שמואל אַ סך מיטגעהאָלפען צו פערפעסטיגען דעם בירגערליכען מעמד פון די אידען און די אַוטאָנאָמיע פון זייערע קהילות. ווי עס בעווייזען די כראָניקעס פון XII-טען יאָהרהונדערט, האָבען גענאָסען זיין שוץ ניט בלויז די אידען פון שפּאַניען, נאָר אויך די קהילות פון צפון-אַפריקע, בבל און ארץ-ישראל.

אַלס געלערנטער תלמודיסט, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון דער בערימטער ישיבה פונ׳ם קאָרדאָווער רב רבי חנוך, האָט ר׳ שמואל געשפּיעלט אויך די ראָל פון אַרב ראשי פון די גרענאַדער אידען. אין מיטען זיינע אַרבייטען לטובת דער מלוכה-פערוואַלטונג האָט דער אידישער שר נאָך געפונען צייט צו לייענען שיעורים וועגען תלמוד פאַר צוהערער און צו פּסק׳ען שאלות. ער איז

אַריינגעטראָטען אין בעציהונגען מיט די גרויסע גייסטליכע פאָרשטייהער פון אידען אין פערשיידענע לענדער, ער האָט געפיהרט אַ קאָרעספאָנדענץ מיט'ן לעצטען גאון פון בבל רב האי און מיט'ן קיירואַנער געלערנטען רבינו-נסים. מיט'ן לעצטען איז ער אַפילו געוואָרען אַ מחותן: ער האָט חתונה געמאַכט זיין זוהן, יוסף'ן, מיט ר' נסים'ס טאָכטער. ער פלעגט שיקען רייכע נדבות לטובת די ישיבות און האָט אויסגעהאַלטען אויף זיין חשבון אָרימע געלערנטע. בעזונדערס האָט ר' שמואל געזאָרגט פאַר'ן פערשפרייטען אין פאָלק געשריבענע עקזעמפלאַרען פון תנ"ך און תלמוד, וואָס זיינען דעמאָלט געווען ווינציג און דערפאַר זייהר טייער. ער האָט געהאַלטען ביי זיך ספעציעלע סופרים, וואָס פלעגען איבערשרייבען אַזעלכע עקזעמפלאַרען, וועלכע מען פלעגט דערנאָך פונאַנדערטיילען און פונאַנדערשיקען בחנם צו די אָרימע געלערנטע און תלמידים.

ר' שמואל הנגיד האָט פעראייביגט זיין נאָמען אין דער רבנישער ליטעראַטור, דורכדעם וואָס ער האָט אָנגעשריבען זיין בעריהמטען „מבוא אל התלמוד" (איינפיהרונג אין תלמוד). דער דאָזיגער ספר ענטהאַלט ידיעות וועגען דער היסטאָרישער ענטוויקלונג פון דער תורה שבעל-פה און ווי אַזוי זי איז צונויפגעשטעלט, און אויך וועגען דער מעטאָדאָלאָגיע פון משנה און גמרא, ד. ה. וועגען יענע לאָגישע מיטלען און כללים פון אויסטייטשונג, וואָס די תלמודיסטען האָבען אָנגעווענדט ביים בעהאַנדלען רעליגיעז-יורידישע שטרייט-פראַגען. דער „מבוא" איז געוואָרען זייהר פאָפולער. דער טייל פון איהם, וואָס איז גאַנץ געבליבען, ווערט ביז היינטיגען טאָג איבערגעדרוקט אין אַלע גרעסערע אויסגאַבען פון תלמוד בבלי, אַלס הוספה צו מסכת ברכות.

ר' שמואל הנגיד איז אויך בעוואוסט אַלס משורר-מאָראַליסט. ער האָט פערפאַסט אַ רייה רעליגיעזע שירים, וואו ער האָט נאָכגעמאַכט „ספר תהלים" („בן-תהלים"), אַ בוך פון אַפאָריזמען לויט'ן מוסטער פון ספר משלי" ("בן-משלי") און אַ זאַמלונג פון פילאָסאָפישע בעטראַכטונגען לויט'ן מוסטער פון „ספר קהלת" („בן-קהלת). חוץ דעם האָט ער אָנגעשריבען אַ סך שירים איבער פערשיידענע געלעגענהייטען. צווישען זיי זיינען בעזונדערס ווערט צו בעמערקען: אַן עלעגיע אויפ'ן טויט פון רב האי גאון, וואו דער מחבר בעוויינט די ירידה פונ'ם גייסטיגען צענטער אין בבל, און אַ לאַנגע פאָעמע וועגען דער מפלה פונ'ם אויבען דערמאָנטען אבן-אַבאַס, ר' שמואל'ס שונא. די דאָזיגע פאָעטישע ווערק זיינען פערפעטליכט געוואָרען, אינגאַנצען אָדער פראַגמענטענווייז, בלויז אין דער לעצטער צייט. ר' שמואל הנגיד האָט נאָך געשריבען אַ סך איבער אידישער גראַמאַטיק, וואָס איז דעמאָלט בעאַרבייט געוואָרען אין אַ סיסטעמאַטישער וויסענשאַפטליכער פאָרם.

ר' שמואל הנגיד איז געשטאָרבען אין יאָהר 1055. אַלס זיין פערטרעטער אויפ'ן שטעל פון גרענאַדישען וויזיר און אידישען נגיד איז בעשטימט געוואָרען זיין יונגער זוהן יוסף. ר' יוסף האָט בעקומען אונטער זיין פאָטערס פיהרונג אַ ברייטע וועלטליכע און גייסטיגע בילדונג און איז געווען ווי געהעריג צוגעגרייט צו דער ברייטער טעטיגקייט, וואָס איהם איז פאָרגעשטאַנען. אינגאַנצען

צוואַנציג יאָהר אַלט, האָט ער פערנומען די שטעל פון וויזיר ביים קיניג באַדיס. אויף דעם דאָזיגען פּאָסטען האָט ער דער מלוכה גרויסע טובות געטאָן. ער איז געווען אַ גוטער בטבע, און לויט ווי עס זאָגט עדות אויף איהם איין אַראַבישער שריפט-שטעלער, „איז קיינער ניט אַוועקגעגאַנגען פון איהם ענטוישט". ר׳ יוסף האָט געשיצט געלערנטע; ער האָט פריינדשאַפטליך אויפגענומען די זיהן פונ׳ם לעצטען גאון-ריש-גלותא, דעם אומגליקליכען ר׳ חזקיה, וואָס זיינען אַנטלאָפען געוואָרען פון פומבדיתא קיין גרענאַדא (§ 79).

נאָר יוסף האָט ניט פערמאָגט אַזוינע מדות טובות און אַזאַ פעסטען כאַראַקטער, ווי זיין פאָטער, און אָהן, דעם האָט דעם מעמד פון אַ אידישען שר אין אַ מוסלמאַנישער מלוכה ניט געקאָנט זיין פעסט. אויפגעהאָדעוועט אין רחבות און געוויהנט פון יוגענד אויף צו געוועלטיגען, איז ר׳ יוסף הנגיד פערמעד געווען יענע קלוגע פאָרזיכטיגקייט און ענוות, וואָס דערמיט האָט זיך אויסגעצייכענט זיין פאָטער, וואָס האָט זייהר אַ סך שווערע ליידען איבערגע-טראָגען אויף זיין לעבענס-וועג. ר׳ יוסף האָט זיך פערהאַלטען מיט אַ צו גרויסער גאוה בנוגע צו זיינע אונטערגעבענע. ער פלעגט אָפטמאָלס בעשטימען אויף מלוכה-שטעלעס זיינע קרובים און פאַלקסברידער, ניט אַכטענדיג אויף דער אומצופרידענקייט פון די פרומע אַראַבער, וואָס זיי איז אויך אָהן דעם שווער געווען צו מאַכען שלום מיט׳ן געדאַנק, אַז אַ איד שטייהט בראש פון דער רע-גירונג אין אַ מוסלמאַנישען לאַנד.

די פּאַרטיי, וואָס איז געווען פיינדליך קעגען ר׳ יוסף׳ן, האָט שטאַרק אַגיטירט קעגען דעם אידישען וויזיר. דער אַראַבישער פּאָעט איסחאַק עלווירי האָט אָנגעשריבען אַ פייערדיגען אידענפיינדליכען אויפרוף אין פערזען, וואו עס שטייהט געזאָגט: „זאָג צו די סינהאַדזשיגען (די בערבערען פון גרענאַדאַ), די ריזען פון אונזער צייט, די לייבען פון מדבר: אייער מושל האָט געטאָן זינדיגען, דורכדעם וואָס ער האָט געגעבען כבוד אומגלויביגע. פאַר אַ כּאַתיב (מיניסטער) האָט ער געמאַכט אַ אידען, אין דער צייט וואָס ער וואָלט געקאָנט געפינען אַזעלכען צווישען די רעכטגלויביגע. די אידען האָבען אומזיניגע האָפענונגען, מאַכען פון זיך גאַנצע אדונים און בעגייהען זיך מיט עזות קעגען מוסלמאַנער. ווען איך בין אָנגעקומען אין גרענאַדאַ, האָב איך בעמערקט, אַז די גאַנצע ממשלה געפינט זיך אין די הענד פון אידען, אַז זיי האָבען צעטיילט צווישען זיך די הויפּטשטאָדט און די פּראָווינץ. אומעטום הערשט עמיצער פון די דאָזיגע פערשאָלטענע".

די אַגיטאַציע פון די פאַנאַטיקער האָט געהאַט אַ ווירקונג. די אויפגע-רעגטע מוסלמאַנישע מאַסע האָט געוואַרט בלויז אויף אַ געלעגענהייט, בכדי אַראָבצוואַרפען דעם אידישען וויזיר און צו צעשטערען די „ממשלה פון די אידען". ווען דער קרוין-פּרינץ באַלקין איז פּלוצלונג געשטאָרבען, האָבען שלעכטע מענשען פונאַנדערגעלאָזען אַ קלאַנג, אַז ר׳ יוסף האָט איהם פערסמ׳ט. נאָר דאָס מאָל האָט דער קיניג באַדיס אָבגעווענדט דעם פאָלקס-כּעס פון זיין וויזיר,

דורכדעם וואָס ער האָט געלאָזט טויטען די אמת'ע שולדיגע אינ'ם פּרינצ'ס טויט — זיינע ווייבער און דיענער.

אין צוויי יאָהר אַרום איז דער רעגירער פון דער שכנישער אַלמעריען אַריינגעדרונגען מיט אַ חייל אין לאַנד פון גרענאַדער קעניג, און צווישען פאָלק האָט זיך ווידער אַמאָל פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז יוסף זאָל האָבען גערופען דעם שונא אין לאַנד, בכדי איבערצוגעבען דעם גרענאַדער טראָן דעם מושל פון אַלמעריען. דער קלאַנג וועגען דער פאַלשער בגידה פונ'ם אידישען וויזיר האָט געגעבען זיינע געגנער די לאַנג געווינשטע אויסרייד אויף צו מאַכען אַ מלוכה-איבערקעהרעניש. אין גרענאַדאַ איז אויסגעבראָכען אַן אויפשטאַנד, וואָס איז געווען געווענדעט ניט בלויז קעגען יוסף'ן, נאָר אויך קעגען אַלע אידען. דער אויפגערעגטער מוסלמאַנישער המון האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום וויזירס פּאַלאַץ. אַז יוסף האָט זיך דערוואוסט וועגען דער סכנה, וואָס איהם שטייהט פאָר, האָט ער זיך בעהאַלטען אין איינעם פון די לעצטע חדרים פון פּאַלאַץ און האָט זיך אויסגעשוואַרצט דעם פּנים מיט קויהלען, בכדי מען זאָל איהם ניט דערקענען. נאָר מען האָט איהם געפונען, דער'הרג'עט און אויפגעהאַנגען זיין טויטען קערפּער אויף די טויערן פון גרענאַדאַ (9 טעג אין טבת 1066). דערנאָך איז דער המון מיט גרימצאָרן אָנגעפאַלען אויף די אידען, האָט צע'הרג'עט און בערויבט ביז 1500 הויזגעזינדען אין דער הויפטשטאָדט. אַ סך אידען פון גרענאַדאַ האָבען זיך געראַטעוועט קוים מיט'ן לעבען דורך אַנטלויפען. צווישען די, וואָס זיינען ניצול געוואָרען, זיינען געווען דעם אומגעקומענעם וויזירס פרוי און קינדער, וואָס זיינען אַנטלאָפען געוואָרען קיין לוצינאַ. רבי יוסף'ס טייערע ביבליאָטעק איז צום טייל פערטיליגט געוואָרען און צום טייל אויסגערויבט.

דער דאָזיגער שרעקליכער פּאָגראָם האָט געהאַט אַ ווירקונג אויפ'ן גורל פון די אידען אין גאַנצען קעניגרייך גרענאַדאַ. זיי זיינען געווען געצוואונגען צו פערלאָזען דאָס לאַנד, וואו זיי האָבען אין משך פון אַ האַלבען יאָהרהונדערט געגאָסען רוהע און וואוילשטאַנד, און אַריבערקלייבען זיך אין אַנדערע אַראַבישע מדינות פון פּירענייאישען האַלב-אינזעל. דאָס קעניגרייך גרענאַדאַ האָט נאָך דער דאָזיגער קאַטאַסטראָפע עקזיסטירט ניט לאַנג: אין צוואַנציג יאָהר אַרום איז עס אַרונטערגעפאַלען אונטער דער ממשלה פון די אַלמאָראַווידען, וואָס זיינען אַריינגעדרונגען פון אַפריקע.

אידען-אַדמיניסטראַטאָרען אין דער אַראַבישער און קריסט-ליכער שפּאַניען; די אַלמאָראַווידען.

§ 86. דער אונטערגאַנג פונ'ם אידישען צענטער אין גרענאַדאַ, פּונקט ווי פריהער אין קאָרדאָוואַ, האָט געבראַכט נאָר דערצו, אַז דער אידישער קיבוץ אין שפּאַניען איז מעהר דעצענטראַליזירט געוואָרען. די מושלים פון די קליינע פירשטענטימער אָדער „קעניגרייכען", אין וועלכע דרום-שפּאַניען איז געווען

איינגעטיילט, האָבען שטענדיג קאָנקורירט צווישען זיך, און דער פּאָליטישער גליק, וואָס אידען האָבען אָנגעוואָהרען אין איין מדינה, האָט געקאָנט זיך אומ־קעהרען צו זיי אין אַן אַנדער מדינה.

אַ סך אידען, וואָס האָבען זיך ארויסגעקליבען פון גרענאַדאַ, האָבען זיך גוט איינגעאָרדענט אין סעווילִיאַ, סאַראַגאָסאַ און אַנדערע שטעדט. אַן אויס־וואַנדערער פון גרענאַדאַ ר׳ יוסף אבן־מיגאַש, וואָס האָט עמיגרירט נאָך אין ר׳ שמואל הנגיד׳ס צייטען, האָט פערנומען אַן אָנגעזעהענע שטעל ביים הויף פון קיניג פון סעווילִיאַ אַלמוטאַדיד. דער קיניג פון סאַראַגאָסאַ אַלמוקטאַדיר, וואָס האָט געשיצט קונסט און וויסענשאַפטען, האָט געהאַט ביי זיך אַ אידישען וויזיר, מיט׳ן נאָמען אבו־פאַדהל־חסדאי (1066). אבו־פאַדהל האָט גע־שריבען שירים אין אַן עלעגאַנטער אַראַבישער שפּראַך; ער האָט זיך פערנומען מיט פילאָסאָפיע און מוזיק־טעאָריע. איין אַראַבישער שריפטשטעלער האָט אַרויס־געזאָגט זיין מיינונג וועגען די ווערק פונ׳ם אידישען פּאָעט אויף אַזאַ אופן: „אבו־פאַדהל זינגט, דעמאָלט טראָגסטו זיך אַריבער אין אַ פער׳כישופ׳ט קיניגרייך; ער שאַפט ניט שירים, נאָר וואונדער”. נאָר זיין פּאָעטישע שאַפונג האָט געהאַט אַ גרעסערע בעדייטונג פאַר דער אַראַבישער ליטעראַטור, איידער פאַר דער העברייאישער. די שפּעטערדיגע אַראַבישע היסטאָריקער בעהויפּטען, אַז אבו־פאַדהל זאָל האָבען אָנגענומען איסלאַם, ווייל ער האָט ליידענשאַפטליך ליעב געהאַט אַ מוסעלמאַנישע מיידעל. נאָר מען איז חושד, אַז די דאָזיגע ידיעה איז טענדענציעז.

די גלענצענדע אַדמיניסטראַטיווע און דיפּלאָמאַטישע פעהיגקייטען פון אידען זיינען אָבגעשאַצט געוואָרען אפילו דאָרט, וואו מען האָט צום ווייניג־סטען געקאָנט זיך דערויף ריכטען. די קינדס־קינדער פון די וועסטגאָטישע מלכים, וואָס האָבען אַנומעלט גע׳רודפ׳ט אוממענשליך די אידען, האָבען אָנגעהויבען צו בענוצען זיך פאַר זייער דיענסט מיט אידישע פּאָליטישע טוער.

די קריסטליכע מלוכות, וואָס זיינען פערבליבען אין צפון־שפּאַניען — ברוכשטיקער פון אַמאָליגען וועסטגאָטישען קיניגרייך — האָבען אָנגעהויבען אין XI־טען יאָהרהונדערט זיך צו דערהויבען פון זייער שפלות׳דיגען מצב. נאָכדעם ווי עס איז פונאַנדערגעפאַלען דער קאָרדאָווער חאַליפאַט און דרום־שפּאַניען איז צעבראָקעלט געוואָרען, האָבען די מוסעלמאַנישע רעגירער ניט געקאָנט אַרויסווייזען קיין ווידערשטאַנד קעגען דעם דראַנג פון די קריסטען, נאָר פער־קעהרט — דורך זייערע געגענזייטיגע מחלוקת׳ען האָבען זיי נאָך פערשטאַרקט די קריסטליכע ממשלה. ס׳פלעגט טרעפען אַמאָל, אַז קריסטליכע אַרמייען פלעגען זיך אַריינמישען אין די רייסערייען פון די אַראַבישע רעגירער, לויט דער איינלאַדונג פון איינעם פון די קעמפּענדע צדדים, און האָבען אויף אַזאַ אופן זיך געמאַכט אַ וועג אין יענע מדינות, וואו וואַנען מ׳האָט אַרויסגעטריבען זייערע עלטער־זיידעס, די וועסטגאָטען. בעזונדערס האָט זיך אַרויסגערוקט אין XI־טען יאָהרהונדערט דאָס קיניגרייך קאַסטיליען. אין דער צייט פונ׳ם קיניג אַלפאָנס דעם VI־טען האָט זיך די קאַסטיליער איינגעגעבען אָבצונעמען ביי די

אַראַבער טאָלעדאָ, די אַלטע הויפּטשטאָדט פון דער וועסטגאָטישער שפּאַניען (1085).

דער ערפאָלג פון די קריסטליכע וואָפען אויפ'ן פּירענייאישען האַלב-אינזעל האָט לכתחילה קיין שום שאָדען ניט געבראַכט די אידען, הגם אין קאַסטיליען זיינען אָפיציעל נאָך געבליבען גילטיג די אַלטע וועסטגאָטישע געזעצביכער, וואָס האָבען אײַנגעשטעלט אַן אומטאָלעראַנטע בעציהונג צו אידען, נאָר זייער ווירקונג איז בעדייטענד אָבגעשוואַכט געוואָרען דורכדעם, וואָס אין יענער צייט איז אײַנגעשטעלט געוואָרען אין די קאַטוילישע שטעדט פון שפּאַניען אַן אייגען געוויינהייטס-רעכט. לויט דעם דאָזיגען געוויינהייטס-רעכט, האָבען קריסטען, מוסעלמאַנער און אידען געהאַט כמעט גלייכע בירגערליכע רעכט פּראָצעסען צווישען קריסטען און אידען פלעגען גע'משפט ווערען אין אַ געמישטען געריכט, וואָס איז בעשטאַנען פון די פאָרשטייהער פוןביידע אמונות; פאַר טויטען אַ אידען, אַ פריץ און אַ גייסטליכען האָט געקומט אַ גלייכע שטראָף.

די לאַגע פונ'ם קיניג אַלפאָנס איז געוועז אַזעלכע, אַז ער האָט זיך גענויטיגט אינ'ם דיענסט פון געבילדעטע אידען. דער קיניג פון קאַסטיליען האָט שטענדיג געמוזט זיך דרייהען צווישען די פּאָליטישע שטרעמונגען, אינטערעסען און אינטריגעס פון די מוסעלמאַנישע הויפען, – און אינ'ם דאָזיגען לאַבירינט פון פּאָליטישע בעציהונגען האָט אַ קונציגע דיפּלאָמאַטיע אָפטמאָלס געקאָנט האָבען אַ גרעסערע בעדייטונג, איידער אַן אײַנגעגעבענע מיליטערישע קאַמפּאַניע. און בכדי צו אויספילען דיפּלאָמאַטישע שליחות'ען, איז ניט געוועזען קיין פּאַסיגערער עלעמענט, ווי די אידען. געבילדעטע אידען, וואָס האָבען גוט געקענט די דעמאָלטיגע אינטערנאַציאָנאַלע שפראַך – אַראַביש, זיינען געוועזען די נאַטירליכע פערמיטלער אין די אונטערהאַנדלונגען צווישען די רעגירונגען.

דאָס האָט פערשטאַנען אויך דער קיניג אַלפאָנס. דער אידישער דאָקטאָר עמרם בן שלביב איז געוועזען זיין פערזענליכער סעקרעטאַר און דער אויספיהרער פון זיינע דיפּלאָמאַטישע שליחות'ען. אַן אַנדער געלערנטער איד, ציד על, איז אויך געוועזען דעם קיניגס אַ פערטרויאונגס-מאַן.

די דאָזיגע בעציהונג פון אַלפאָנס'ן צו די אידען, וואָס אין איהר איז ניט געוועזען קיין קירכליכע אומטאָלעראַנץ, האָט דערוועקט דעם צאָרן פונ'ם אַלמעכטיגען רוימישען פּויפּסט גרעגאָר VII, וואָס האָט דעמאָלט געשטרעבט אונטערצוואַרפען אונטער'ן אַוטאָריטעט פון דער קירך אַלע מאָנאַרכען פון אייראָפּע. אין זיין בריעף צום קיניג פון קאַסטיליען (אַן ערך אין יאָהר 1080) האָט דער פּויפּסט איהם שאַרף געטאַדעלט דערפאַר, וואָס ער גיט די אידען רעגירונגס-שטעלעס, מחמת לויט דעם פּויפּסט'ס מיינונג הייסט דאָס: געבען אַנדערשגלויביגע די הערשאַפט איבער רעכטגלויביגע. „איך בין דיר מתרה – שרייבט גרעגאָר VII צום קיניג – אַז דו זאָלסט בשום אופן ניט דערלאָזען, די אידען זאָלען געוועלטיגען איבער קריסטען אָדער שטייהן אין וואָס-עס-איז העכער פון זיי. אונטערטעניג מאַכען קריסטען אונטער אידען אָדער צווינגען זיי-

אַ פּאָלגען אידישע דיינים — צי דען הייסט דאָס ניט מאַכען צו-נישט גאָטס קירך און דערהויכען דעם שטן'ס סינאַגאָגע! דורכדעם וואָס דו טוסט טובות קריסטוס'עס פיינד, לייקענסט אָב קריסטוס'ן גופא". נאָר דער קיניג אַלפאָנס האָט ניט געקוקט אויף דעם פּויפּסט'ס רייד; ער האָט געשטרעבט פּאָליטיש צו פערשטאַרקען זיין מלוכה, און האָט דעריבער ניט געוואָלט דורך רעליגיעזע רדיפות אַרויסרופען אַ שנאה קעגען זיך מצד די איבערגעגעבענע און נוצליכע אידישע בירגער.

אין גיכען האָט דער קיניג פון קאַסטיליען בעדאַרפט האָבען די הילף פון אידישע פּאָליטישע טוער צוליעב זייער אַן ערנסטער שליחות. דורכגעזדרונגען מיט עראָבערונגס-שטרעבונגען, האָט אַלפאָנס בעשלאָסען צו צעררייסען דעם בונד מיט'ן קיניג פון סעווילליאַ אַלמוטאַמעד און אַריינציהען איהם אין אַ מלחמה. צוליעב דעם צוועק האָט ער געשיקט קיין סעווילליאַ אַ געזאַנדשאַפט בראש מיט'ן אבן-שלביב, און האָט איהר בעפויהלען אַרויסצושטעלען אַזעלכע פאָדערונגען, וואָס יענער זאָל ניט קאָנען מסכים זיין דערויף. דער אידישער דיפּלאָמאַט האָט גע-נומען אויף זיך די דאָזיגע געפעהרליכע שליחות. אין דער בעגלייטונג פון 500 קאַסטילישע ריטער איז ער אָנגעקומען קיין סעווילליאַ און האָט איבערגעגעבען דעם קיניג אַלפאָנס'ס העזה'דיגע פאָדערונג. אַלמוטאַמעד איז געוואָרען אַזוי אין כעס, אַז ער האָט בעפויהלען אומגעזאַמט צו טויטען אבן-שלביב'ן און האָט איהם פער'משפט צום הייגען און די ריטער, וואָס האָבען איהם בעליים, אַריינצו-וואַרפען אין תפיסה.

נאָך דער דאָזיגער מעשה איז ניט געוועזן אויסצומיידען אַ מלחמה מיט די קאַסטיליער. דער קיניג פון סעווילליאַ האָט געשלאָסען אַ בונד מיט די רעגירער פון אַנדערע מדינות פון שפּאַניען, און זיי האָבען גערופען צו הילף פון אַפ-ריקע דעם קריגספיהרער יוסף אבן-טעשופין, דעם אָנפיהרער פונ'ם שבט אַל-מאָראַווידען, וואָס האָבען אין יענער צייט געהאַט איינגענומען אַ גרויסען טייל פון צפון-אַפריקע. ביי סאַלאַק איז פאָרגעקומען אַ בלוטיגע שלאַכט צווישען די קריסטען און די מוירען — און דער קריסטליכער חייל האָט געהאַט אַ שרעק-ליכע מפלה (1086).

די אידען האָבען מוטיג געשטריטען סיי אין די מוסעלמאַנישע און סיי אין די קריסטליכע רייהען; דאָס קאָן מען זעהן דערפון, וואָס דער טאָג פון דער שלאַכט ביי סאַלאַק האָט ניט געקאָנט ווערען בעשטימט ניט אויף פרייטאָג, ניט אויף שבת און ניט אויף זונטאָג, וואָרום פרייטאָג איז דער רוה-טאָג פאַר די מוסעלמאַנער, שבת — פאַר די אידען און זונטאָג — פאַר די קריסטען.

דער נצחון פון יוסף'ן און פון די אַלמאָראַווידען, האָט, אמת, אויף אַ לאַנגער צייט אָבגעשוואַכט דעם וואוקס פון די קריסטליכע מלוכות אין שפּאַניען, נאָר אויך די אַראַבישע רעגירער, וואָס האָבען אַרויסגערופען אין זייער לאַנד די אַפריקאַנישע קריגסלייט, האָט ער קיין נוצען ניט געבראַכט. יוסף האָט זיך אונטערטעניג געמאַכט די קליינע אַראַבישע און בערבערישע מלכים און איז

געוואָרען אַ הערשער איבער אַלע מדינות פון דרום-שפּאַניען, צווישען דעם אויך פון סעווילא.

צו די אידען האָט יוסוף לכתחילה זיך בעצויגען גאַנץ שטרייננ. מען דערציילט, אַז בשעת דער אַלמאָראַווידער חאַליף איז אָנגעקומען אין דער שטאָדט לוצענאַ (לוסנה) און האָט דערזעהן, אַז זי איז כמעט דורכאויס בעזעצט דורך אידען, האָט ער געלאָזט רופען צו זיך די פאָרשטייהער פון דער קהילה און האָט געזאָגט: „איך האָב געלייענט אין אַ בוך פון אַ מוסעלמאַנישען טעאָלאָג, אַז אונזער נביא מחמד האָט מסכים געווען צו געבען די אידען גלויבענס-פרייהייט, בתנאי אַז דער משיח, אויף וועלכען זיי וואַרטען, זאָל קומען אין משך פון פינף יאָהרהונדערטען נאָך דער גרינדונג פון'ם איסלאַם. היות ווי דער דאָזיגער טערמין גייהט שוין צום סוף, און אייער משיח איז נאָך ניט געקומען, בכן קאָן מען אייך מעהר ניט האַלטען אין אַ מוסעלמאַנישער מלוכה". אויף דער דאָזיגער ערקלערונג האָבען די אידען פון לוצענאַ געענטפערט דערמיט, וואָס זיי האָבען אונטערגעטראָגען יוסוף'ן אַ היפּשען סכום געלד. דער ענט-פער האָט געווירקט, ווי אַ כישוף: די קהילה פון לוצענאַ האָט מען געלאָזט צו רוה (1105).

די מעהר קולטורעלע יורשים יוסופ'ס האָבען זיך שוין אויסגעלערנט צו בעטראַכטען די אידען ניט בלויז אַלס גלייכבערעכטיגטע בירגער, נאָר אויך אַלס אַ גרויסע פּאָליטישע קראַפט. דער צווייטער חאַליף פון דער דינאַסטיע אַלמאָראַווידען, עלי (1106—1143), האָט געגעבען אידען רעגירונגס-שטעלעס. דער אידישער דאָקטאָר און פּאָעט שלמה אַלמואַלעם פון סעווילא איז געווען לייב-דאָקטאָר ביים חאַליף עלי און האָט געטראָגען אפילו דעם טיטעל ווזיר. וועגען זיינע שירים זאָגט אַ שפּעטערדיגער פּאָעט בלשון גוזמא, אַז זיי וואָלטען געקאָנט „טויב-שטומע ריידענדיג מאַכען און בלינדע עפענען די אויגען". די אייגענע הויכע לאַגע ביי עלי'ס הויף האָט פערנומען דער אידישער דאָקטאָר אבן-קאַמניאל פון סאַראַגאָסאַ. די אידישע פּאָעטען פון יענער צייט האָבען דער-ציילט די שבחים אבן-קאַמניאל'ס און האָבען געריהמט דעם וואַרימען אַנטייל, וואָס ער האָט גענומען אינ'ם גורל פון זיינע פאָלקס-ברידער. „ער איז געשווינד ווי אַ בליץ אויף טון גוטס. זיין פריגיביגע האַנד איז אָפען פאַר אייגענע און פאַר פרעמדע... דער דאָזיגער פירשט איז אַ שילד און געוועהר פאַר זיין פאָלק. וואוינען וואוינט ער אין שפּאַניען, נאָר זיין מענשען-ליעבע פערשפּרייט זיך אויף בבל און מצרים".

ביים הויף פון אַן אַנדער מוסעלמאַנישען רעגירער האָט דעמאָלט פער-נומען אַ הויכען פּאָסטען דער בעריהמטער אַסטראָנאָם ר' אברהם בן-חייא פון באַרצעלאָנאַ (אַלבּרג'לוני, געשט. אין יאָהר 1136). דער טיטעל „נשיא", וואָס ער האָט געטראָגען, בעווייזט, אַז ער האָט זיך גערעכענט פאַר'ן אָפיציעלען מנהיג פון דער אידישער קהילה אָדער פון אַ גרופּע קהילות. ר' אברהם בן-חייא האָט אָנגעשריבען עטליכע ספרים איבער אַסטראָנאָמיע און טעאָריע פון לוח („צורת הארץ", „ספר העבור" און אַנד.), און אויך אַ קליינעם חיבור איבער

מאָראַל-פילאָסאָפיע („הגיון הנפש"). ער האָט זיך אויך אינטערעסירט מיט אַסטראָלאָגיע (שטערנזעהעריי) און פלעגט נאָך די שטערן פּראָגנאָזען מענשען זייער צוקונפט. וועלענדיג געפינען דעם „סוד פון דער גאולה", האָט ער אויסגערעכענט, אַז משיח וועט קומען אין יאָהר ה' קי"ח (5118) זינט דער וועלט-בעשאַפונג, ד. ה. אין יאָהר 1358 פון דער קריסטליכער צייט.

דער פאַנאַטיזם פון די אלמאָהאַדען און די איבערטראָגונג פונ'ם צענטער אין דער קריסטליכער שפּאַניען.

§ 87. דער מצב פון די אידען אין דרום-שפּאַניען איז מיט אַ מאָל ערגער געוואָרען אין מיטען פון XII יאָהרהונדערט. נאָכדעם ווי די פאַנאַטיקער פונ'ם איסלאַם — די אַלמאָהאַדען, האָבען איינגענומען צפון-אפריקע און דערשטיקט דאָרט די פרייע קולטור (§ 80), זיינען זיי אַריינגעדרונגען אין שפּאַניען. דאָס, וואָס דאָס לאַנד איז געווען צעברעקעלט, האָט געגעבען די מעגליכקייט דעם אָנפיהרער פון די אַלמאָהאַדען אַבדול-מומען אָהן גרויסער מיה אונטערטעניג צו מאַכען דרום-שפּאַניען און אַרויסצושטופּען פון דאָרט די רעגירער, די אַלמאָראַווידען. צוערשט איז געוואָרען איינגענומען אַנדאַלוזיען; אין איהר הויפּטשטאָדט קאָרדאָוואַ האָבען די פאַנאַטיקער צעשטערט די גרויסע שול, וואָס עס האָט אויסגעבויט נאָך ר' חסדאי אבן-שפּרוט'ס פּאָטער (1148). דערנאָך האָבען די אַלמאָהאַדען איינגענומען סעוויליאַ און גרענאַדאַ און בעפעסטיגט זייער ממשלה אין דרום-זייט פונ'ם פירענייאישען האַלב-אינזעל.

מיט די אידען זיינען די אַלמאָהאַדען זיך בעגאַנגען, פּונקט אַזוי ווי אין אַפריקע. זיי האָבען איבערגעלאָזט אין לאַנד נאָר יענע, וואָס האָבען מסכים געווען — זאָל זיין אַפילו נאָר לפנים — אָנצונעמען דעם איסלאַם. די וואָס זיינען פערבליבען געטריי אידישקייט, האָט מען געטויט, בערויבט אָדער פערטריבען. די בליהענדע אידישע קהילות פון דער אַראַבישער שפּאַניען זיינען חרוב געוואָרען; די ישיבות אין לוצענאַ, סעוויליאַ און אַנדערע שטעדט זיינען פערמאַכט געוואָרען.

אַ טייל פון די אידען, וואָס זיינען געווען אויפגעבראַכט איבער די דאָזיגע געוואַלדטאַטען, זיינען צוגעשטאַנען צום אויפשטאַנד, וואָס עס האָבען אָרגאַניזירט די פּאַרטיי פון די אַלמאָראַווידען און אַנדערע אומצופרידענע עלעמענטען, בכדי אַראָבצוואַרפען די הערשאַפט פון די אַלמאָהאַדען. אַ צאָהלרייכע אָבטיילונג מורדים איז אַרויסגעטראָטען קעגען גרענאַדאַ, און די אָרטיגע אידען האָבען זיי גרינגער געמאַכט איינצונעמען די דאָזיגע שטאָדט (1162). נאָר דער אויפשטאַנד איז אין גיכען דערשטיקט געוואָרען, און די אידען האָבען שווער בעצאָהלט דערפאַר, וואָס זיי האָבען גענומען אָנטייל אין איהם.

אויף אַזאַ אופן האָט דער גלענצענדער קולטור-צענטער פון די אידען אין דער אַראַבישער שפּאַניען בעקומען אין דער צווייטער העלפט פון XII יאָהרהונדערט אַ שטאַרקען קלאַפּ. אויף אַ געוויסער צייט ווערט דאָס אידישע גע-

פֿילשאַפֿטליכע לעבען שטיל אין עק דרום-זייט פֿון פּירענייאישען האַלב-אינזעל, וואו ס'הערשט דעמאָלט די רעאַקציע פֿונ'ם באַרבאַרענטום. עס לאָזט זיך מערקען, אַז דער צענטער ווערט אַריבערגעטראָגען קיין צפֿון-זייט — אין די מדינות פֿון דער קריסטליכער שפּאַניען: אין קאַסטיליען, אַראַגאָניען, נאַוואַרא. מיט פֿיער יאָרהונדערטען צוריק האָט די בעוועגונג פֿון די אַראַבער פֿון אַפֿריקע קיין שפּאַניען געבראַכט די אידען אויסלייזונג פֿונ'ם יאָך פֿון די וועסטגאָטען, און איצט האָט אַ גלייכע בעוועגונג געבראַכט זיי צרות און געצוואונגען זיי צו זוכען אַ מקום-מנוחה אין די לענדער פֿון די קינדס-קינדער פֿון די וועסטגאָטען!... דאָ האָט מען זיך בעצויגען צו די אידען מענשליך און מען האָט הויך געשאַצט זייער קולטור-פּאָליטישע ראָל. דער קיניג אַלפֿאָנס VII ריימונדעס (1126 — 57), וואָס אין זיינע צייטען איז קאַסטיליען שטאַרקער געוואָרען און האָט פֿערברייטערט איהר טעריטאָריע, האָט געשיצט די יידישע קהילות אין די נייע טיילען פֿון דער אַראַבישער שפּאַניען, וואָס די קאַסטיליער האָבען איינגענומען. די הויפּטשטאָדט פֿון קאַסטיליען, טאָלעדאָ, איז געוואָרען דער צענטער פֿון דער אידישער בילדונג. אַהין האָבען עמיגרירט די בעסטע קרעפֿטען פֿון קאָרדאָוואַ, גרענאַדאַ, סעווילאַ, לוצענאַ און אַנדערע אינטעלעקטועלע צענטרען פֿון דרום.

זייער אויפֿבליהונג און גוטע אָרגאַניזאַציע האָבען די אידישע קהילות פֿון קאַסטיליען געהאַט צו פֿערדאַנקען בעזונדערס אַ שר, וואָס האָט פֿערנומען אין דער דאָזיגער מלוכה דיזעלביגע לאַגע, וואָס עס האָבען אַנומעלט פֿערנומען אין דער מוסעלמאַנישער שפּאַניען ר' חסדאי אבן שפּרוט און ר' שמואל הנגיד. דאָס איז געוועזען יהודה אבן-עזרא, אַלפֿאָנס VII-טענס בעל-יועץ און מיטאַרבייטער, וואָס האָט געטראָגען דעם טיטעל „נשיא" אָדער מנהיג איבער די אידישע קהילות.

יהודה אבן-עזרא האָט פֿערוואַלטעט איבער אַ פֿעסטונג (קאַלאַטראַוואַ) אויפֿ'ן גרעניץ צווישען קאַסטיליען און די לענדער פֿון די אַלמאָהאַדען, און בכן איז ער געשטאַנען ביים עצם שטרוים פֿון דער אידישער עמיגראַציע, וואָס איז געגאַנגען פֿון דרום קיין צפֿון. ער האָט מיט אַלע מעגליכקייטען געזאָרגט איינצואָרדענען די פֿערטריבענע, די קרבנות פֿונ'ם פֿאַנאַטיזם פֿון די מאָהאַדען, און האָט אויסגעגעבען אַ סך געלד אויף אויסצוקויפֿען די געפֿאַנגענע (פּדיון שבויים). לויט ווי עס דריקט זיך אויס אַ כראָניקען-שרייבער פֿון יענער צייט — „האָט ער געגעבען אַ מקום-מנוחה פֿאַר די פֿערטריבענע, האָט פֿריי געלאָזט די אונטערדריקטע, בעשפּייזט הונגעריגע, אָנגעטרונקען דאָרשטיגע און אָנגעקליידט נאַקעטע".

די פֿרידליכע קולטורעלע ענטוויקלונג פֿון די אידען אין קאַסטיליען האָט געדויערט ביז'ן אָנהויב פֿון XIII יאָרהונדערט. די טאָלעדער קהילה האָט דעמאָלט געציילט העכער 12 000 מיטגלידער; זי האָט געהאַט עטליכע שיינע שולען און אַ ישיבה און האָט אַרויסגערוקט אַ רייה גרויסע טוער אויף פֿערשיידענע

געביטען. אין דער צייט פונ'ם קיניג אַלפאָנס VIII דעם איידעלן (1166 — 1214) זיינען עטליכע געבילדעטע אידען בעריהמט געוואָרען אין מלוכה-דיענסט. פון זיי זיינען געוואָרען בעריהמט: יוסף אבן-שושן, אַ גרויסער נדבן, וואָס האָט געלאָזט אויסבויען אין טאָלעדאָ די שענסטע שול, און אברהם אבן-אלפכר, וואָס האָט געשריבען אויף אַראַביש אויסגעצייכענטע שירים.

דער קיניג אַלפאָנס האָט געהאַט נאָך אַ פערזאָן, וואָס האָט געשטאַמט פון אידען — די שיינע פּאַוואָריטין רחל, וואָס איז פאַר איהר שיינקייט אָנגערופען געוואָרען פאָרמאָזאַ. דער קיניג האָט זיך פערליעבט אין איהר און האָט געלעבט מיט איהר אָפען אין משך פון זיבען יאָהר, „פערגעסענדיג זיין ווייב, זיין פאָלק און מלוכה", אַ פּאַרטיי פון הויפס-לייט, וואָס זיינען דערמיט געווען אומצופרידען, האָבען געמאַכט אַ פערשווערונג קעגען דער אומגעזעצליכער קיניגין: די פערשווערער זיינען איין מאָל אָנגעפאַלען אויף דער שיינער אידין און האָבען דער'הרג'עט זי און אַלע איהרע גוטע פריינד.

נעמענדיג אַ לעבהאַפטען אָנטייל אין פאָליטישען לעבען פון קאַסטיליען, האָבען די אידען אַרויסגעוויזען זייער פּאַטריאָטיזם אויך אין מאָמענטען פון מיליטערישע אומגליקען. אַז די אַלמאָהאַדען האָבען זיך אַריינגעריסען אין קאַסטיליען און האָבען געצוואונגען אַלפאָנס דעם VIII-טען זיך צו בעהאַלטען אין דער בעפעסטיגטער טאָלעדאָ (1195), האָבען די אידען אונטערגעהאַלטען דעם קאַסטילישען חייל מיט מענשען און געלד און האָבען מיטגעהאָלפען צו פערטרייבען דעם שונא, וואָס איז גלייכצייטיג אַ שונא אויך פון זייער נאַציע.

אין דער אייגענער גינסטיגער לאַגע האָבען זיך געפונען די אידען אויך אין אַראַגאָניען, וואָס איז געווען נאָך קאַסטיליען די צווייטע קריסטליכע מלוכה פון שפּאַניען. די גרויסע אידישע קהילה פון באַרצעלאָנאַ האָט קאָנקורירט מיט דער טאָלעדער אויפ'ן געביט פון בילדונג און האַנדעל. בראש פון דער קהילה אין באַרצעלאָנאַ איז געשטאַנען ר' ששת בינבנישתי, אַ געלערנטער דאָקטאָר, דיפּלאָמאַט, תלמודיסט און פּאָעט (אַן ערך פון 1131 — 1210). דער קיניג פון אַראַגאָניען פלעגט אויפגעבען בינבנישתי'ן דיפּלאָמאַטישע שליחות'ען, וואָס יענער פלעגט זיי אויספיהרען מיט גרויס ערפאָלג. אַ אידישער פּאָעט פון יענער צייט רופט אָן בינבנישתי'ן „דער פירשט פון די פירשטען, וואָס זיין נאָמען לויבען מזרח און מערב".

קליינע, נאָר גוט איינגעאָרדענטע אידישע קהילות האָבען זיך געפונען אויך אין די איבעריגע קריסטליכע קיניגרייכען פון שפּאַניען: אין לעאָן, נאַוואַרא, קאַטאַלאָניען. פון זיי זיינען בעזונדערס בעוואוסט די קהילות פון טודעלא און גראָנאַ.

איבעריגענס, געהערט די קאָנצענטרירונג פונ'ם אידישען קיבוץ אין דער קריסטליכער שפּאַניען צום לעצטען האַלבען יאָהרהונדערט פון דער אויפ-

לעבּונגס-תקופה, און איהרע רעזולטאַטען האָבּען זיך אַרויסגעוויזען ערשט שפּעטער, זינט דעם XIII יאָהרהונדערט. נאָר אויף דער עפּאָכע, וואָס מיר בּעטראַכטען איצטער, ליגט נאָך דער חותם פון דער אידיש-אַראַבּישער ציוויליזאַציע, ווארום דער גרעסטער טייל פון די געשעהענישען קומען נאָך פאָר אויפ'ן בּאָדען פון דער אַראַבּישער שפּאַניען, וואָס מיט איהר איז די אידישע געשיכטע געווען צונויפגעבּונדען אין משך פון אַ גאַנצער ריה יאָהרהונדערטען.

דריטער קאפיטעל.

די גייסטיגע אויפלעבונג אין שפאניען.

דער תלמודיזם (אלפסי׳ס ישיבה).—די בעלי־הדקדוק.—די פאָעטען און פילאָסאָפען (גבירול׳ס עפּאָכע). — רבי יהודה הלוי. — רבי אברהם אבן־עזרא.—אלחריזי. — רבי אברהם אבן־דאוד.—רבי בנימן מטודילא.

דער תלמודיזם (אלפסי׳ס ישיבה).

§ 88. די בשותפות׳דיגע קולטור־טעטיגקייט פון די אַראַבער און אידען האָט געשאַפען אין שפאַניען די „רענעסאַנס־עפּאָכע" מיט פיער יאָהרהונדערטען פריהער, איידער אַזעלכע איז אויפגעקומען אין איטאַליען. נייע שטרעמונגען האָבען אָב־געפרישט דעם פעלד פון גייסטיגער שאַפונג. ס׳זיינען בעלעבט געוואָרען וויסענ־שאַפט, פילאָסאָפיע, טעאָלאָגיע, פּאָעזיע. ס׳איז אויפגעשטאַנען אַ וויכטיגע אויפ־קלערונגס־בעוועגונג, וואָס האָט ניט געהאַט איהר גלייכען זינט די צייטען פון דער אידיש־העלענישער קולטור און פון פילון האַלעקסנדרוני. דער אַראַביש־אידישע רענעסאַנס איז געווען אַזוי ווי דער המשך פונ׳ם אידיש־העלענישען, אַ המשך ניט נאָר אין דער צייט, נאָר אויך אין זין פון אינעווייניגסטער היס־טאָרישער פערבונדענקייט. דאָרט איז געווען אַ פעראייניגונג פונ׳ם העלעניזם מיט דער יהדות; דאָ—אַ צונויפגיסונג פון העלעניש־אידישע און העלעניש־אַראַבי־שע אָנשויאונגען. פלאַטאָן און פלאָטינוס, אַריסטאָטעלעס און פילון, ר׳ סעדיה גאון, אַל־פאַראַבי און אַוויראָעס — דאָס אַלץ האָט זיך צונויפגעגאָסען אין אַ נייער שאַפונג. ווי אַ מאָל האָבען די אידישע דענקער אין אַלעקסנדריא גע־שריבען אויף גריכיש, אַזוי זיינען איצט דער גרעסטער רוב פון די אידישע פילאָסאָפישע ווערק אָנגעשריבען געוואָרען אויף אַראַביש, דער שפּראַך פון דער דעמאָלטיגער געבילדעטער וועלט. אויך אין פריהערדיגע צייטען האָט דאָס אידישע פאָלק אַרויסגעוויזען אין אַ בעשטימטער ריכטונג אַן אינטענסיווע אינ־טעלעקטועלע טעטיגקייט (למשל, אין דער תקופה פון תלמוד), נאָר לאַנג שוין האָט עס ניט אַרויסגעוויזען אַזאַ פערשיידענאַרטיגקייט פון שאַפען, ניט אַרויסגערוקט אַזוי פיעל קרעפטען אין אַלע געביטען פון געדאַנק, אַזוי ווי אין דער עפּאָכע, וואָס ווערט דאָ בעשריבען.

געגוי צו שילדערן דעם דאָזיגען וויסענשאַפטליך־ליטעראַרישען רענעסאַנס

און אויסצורעכענען אַלע דעמאָלטיגע טוער — דאָס געהערט צו דער אויפגאַבע פון אַ ספּעציעלער ליטעראַטור-געשיכטע. דאָ אָבער וועט זיין גענוג צו כאַראַקטעריזירן די הויפּט-טוער, ווי ווייט זייער שאַפונג האָט אָבגעשפּיגעלט די וועלט-אָנשויאונג און גייסטיגע שטימונג פונ׳ם פאָלק אָדער לכל הפחות פון זיין גייסטיגער אַריסטאָקראַטיע.

דער איינציגער געביט, וואוהין עס האָבען ניט געקאָנט אַריינדרינגען די נייע שטרעבונגען, איז געווען די אייגענאַרטיגע תלמודישע וויסענשאַפט, וואָס איז געווען איינגעשלאָסען אין די רעהמלעך פון יוריספּרודענץ און איינטייטשונגען פון די אַלטע טעקסטען. נאָר אויך דאָ האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אומדירעקט דער אויפקלערונגס-גייסט פון דער תקופה. ער האָט זיך אויסגעדריקט דעריין, וואָס אין די תלמודישע שולען האָט מען אָנגעהויבען צו לייגען מעהר אויפמערקזאַמקייט אויף דער סיסטעמאַטיזירונג פונ׳ם פערפלאָנטערטען מאַטעריאַל פון דער משנה און גמרא. ווי מיר האָבען געזעהן, האָט שוין ר׳ שמואל הנגיד געפּרובט איינצושטעלען אַ מעטאָדען-לעהרע פונ׳ם תלמוד. אַ מעהר ענטשיידענעם טריט האָט געמאַכט אין דער ריכטונג זיין יונגערער בן-דור, רבי יצחק אלפסי (1013 — 1103).

אַ געבירטיגער פון דער געגענד פעץ אָדער פאַסי אין אַפריקע (פון דאַנען נעמט זיך דער צונאָמען „אלפסי”, און דער נאָמען אין דער רבנישער ליטעראַטור ר״יף — די ראשי-תבות פון די ווערטער: רבי יצחק פאַסי), האָט ר׳ יצחק בעקומען זיין תלמודישע בילדונג אונטער דער פיהרונג פון די קיירואַנער גאונים רבינו נסים און רבנו חננאל. אַלע כחות פון זיין שאַרפען, דורכדרינגענדען פערשטאַנד האָט אַלפסי אַריינגעטאָן אינ׳ם שטודיום פון דער תלמודישער געזעצגעבונג, און האָט איינגאַנצען אָבגעוואָרפען די וועלטליכע וויסענשאַפטען, וואָס זיינען געווען דעמאָלט אין דער מאָדע. דער רעזולטאַט פון זיין לאַנג-יאָהריגער אַרבייט איז געווען דער בעריהמטער ספר „הלכות” (אָדער דער אַלפס), וואָס איז מיט רעכט אָנגערופען געוואָרען דער קליינער תלמוד.

אלפסי האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציעל אויסצוקלייבען פון דער אומגעהייער גרויסער און בונטער ענציקלאָפּעדיע, וואָס ווערט אָנגערופען תלמוד, דעם גאַנצען יורידישען און געזעצגעבערישען טייל (די הלכה), און דערפון — אַלע גרונד-הנחות אין צוזאַמענהאַנג מיט דער וויכטיגסטער אַרגומענטאַציע צו זיי, און צו בעזייטיגען אַלע די פּלפולים און פוסטע חקירות, וואָס זיינען געווען אַ רעזולטאַט פון דער קאַזואיסטיק אין די ישיבות. דערמיט האָט אלפסי אין אַ געוויסער מאָס פערריכט די אַלטע פראַטאָקאָל-רעדאַקציע פון דער גמרא לויט רב אשי׳ס מעטאָד. אין אַלפסי׳ס אויסלייגונג האָט זיך בעקומען די משנה מיט די הויפּטליכע הוספות פון דער גמרא און מיט געניע תשובות אויף אַ סך רעליגיעז-רעכטליכע שאלות, וואָס זיינען בעריהרט אין ביידע אָבטיילונגען פון תלמוד, און דערביי האָט דער מחבר זיך געהאַלטען פאַר די אַוטאָריטעטישע ערקלערונגען פון די גאונים, אויך האָט ער אַרויסגעפונען די פּסקים דורך זיינע אייגענע פאַרשונגען.

דאָס דאָזיגע גועניאַלע ווערק, וואָס שטייגט אַריבער די כחות פון אַ געווייהנליכען מענשען, האָט געהאַט זייהר וויכטיגע רעזולטאַטען: עס האָט פערגרינגערט סיי דעם שטודיום פון דער תלמודישער הלכה אין די ישיבות און סיי איהר אַנווענדונג אין פראַקטישען לעבען. זינט יענער צייט האָט מען אָנגעהויבען צו לערנען אלפסי'ס „קליינעם תלמוד" און צו מאַכען פירושים אויף איהם פּאַראַלעל מיט'ן אָריגינעלען תלמוד בבלי. אַלע די ספרים, וואָס זיינען געשטאַנען צווישען די ביידע מאָנומענטאַלע ווערק, האָבען אָנגעוואָהרען זייער פריהערדיגע בעדייטונג.

פּאָליטישע מהומות און אונטערדריקונגען מצד דער מוסעלמאַנישער רעגירונג אין אַפריקע האָבען געצוואונגען רבי יצחק אלפסי זיך אַריבערצוקלייבען קיין שפּאַניען (1088), ווי נאָר אין דער לעצטער האָט זיך פערפעסטיגט די ממשלה פון די אַלמאָראַווידען. די נאָהענטסטע סיבה פון זיין אָבפאָהרען פון אַפריקע איז געווען עפּיס אַ מסירה פאַר דער רעגירונג איבער אַלפסי'ס טעטיגקייט. דער 75-יאָהריגער זקן האָט זיך בעזעצט לכתחילה אין קאָרדאָווא און צולעצט האָט ער פערנומען די שטעל פון אַ רב אין לוצענא. דאָ האָט ער זיך געשטעלט בראש פון אַ ישיבה, וואו עס פלעגען זיך צונויפפאָהרען תלמידים פון אַלע עקען שפּאַניען. לוצענא איז געוואָרען אַ נייער גייסטיגער צענטער נאָך קאָרדאָווא און גרענאַדא.

אלפסי איז געשטאָרבען 90 יאָהר אַלט. די אידישע קהילות האָבען הייס בעוויינט זייער גייסטליכען פיהרער, וואָס האָט אַריבערגעטראָגען די תלמודישע וויסאַנשאַפט קיין מערב פון איהר לעצטען מזרח'דיגען צענטער — אַפריקע. דער גרעסטער פּאָעט פון יענער צייט ר' יהודה הלוי האָט געשריבען פאָלגענדען קלאָג-ליעד אויף אַלפסי'ס טויט:

די בערג אין טאָג פון סיני האָבען פאַר דיר געשטורעמט,
דען גאָטס מלאכים האָבען דיך בעגעגענט
און האָבען די תורה אויף די לוחות פון דיין האַרץ פערשריבען,
און דעם שענסטען פון איהרע קרוינען האָבען זיי אויף דיר געזעצט.

לוצענא, וואָס איז געווען בעוואוינט דער עיקר דורך אידען, איז געווען דער הויפּט-אָרט, וואו מען האָט געלערנט תלמוד, אָבער ניט דער איינציגער אָרט. ס'איז געווען נאָך אַזאַ צענטער — אין סעווילִיא. דאָרט האָט געווירקט אַלפסי'ס בן-דור ר' יצחק אלבליה (1035—1094). יונגערהייד האָט ער געלעבט אין גרענאַדא און האָט זיך פערנומען מיט וויסענשאַפטען אונטער'ן שוץ פון ר' שמואל הנגיד און זיין זוהן ר' יוסף. נאָכדעם ווי ר' יוסף הנגיד איז דערהרג'עט געוואָרען, איז ר' יצחק אלבליה אַנטלאָפען געוואָרען פון גרענאַדא און האָט זיך בעזעצט אין קאָרדאָווא. דאָ האָט ער אָנגעשריבען צוויי ספרים: איינער פערנעמט זיך מיט ערקלערען שווערע הלכות פונ'ם תלמוד („קופת הרוכלים"), און דער אַנדערער בעהאַנדעלט די יסודות פונ'ם אידישען לוח-סיסטעם אויפ'ן סמך פון אַסטראָנאָמישע ידיעות („ספר העבור"). פאַר זיינע אַסטראָנאָמישע,

אָדער ריכטיגער – אַסטראָלאָגישע ידיעות האָט אלבליה נושא חן געווען אין די אויגען פונ׳ם אויפגעקלערטען קיניג פון סעווילִיאַ, דעם אויבען דערמאָנטען אַלמוטאַמעד, און ער האָט איהם בעשטימט פאַר אַ מנהיג („נשיא”) אָדער רב הכולל איבער די אידישע קהילות פון סעווילִיער קאַנט. נאָכדעם ווי די אַלמאָראַווידען האָבען פערכאַפּט סעווילִיאַ, האָט אלבליה אָנגעוואָרען זיין הויכען פּאָסטען און ער האָט פערבראַכט דעם רעשט פון זיין לעבען אין גרענאַדאַ.

אין יענער צייט איז צווישען איהם און דעם גרויסען אַלפסי אַרויסגעקומען אַ מחלוקת. צי איז דאָס געשעהן מחמת פּערזענליכער קנאה, אָדער איבער פּרינציפּיעלע חלוקי־דעות, – אין יעדען פאַל האָבען זיך אַיינגעשטעלט צווישעןביידע בעריהמטע תּלמודיסטען פיינדליכע בעציהונגען. איינגיכען האָט ר׳ יצחק אלבליה אָנגעהויבען פיהלען, אַז עס גענעהענט דער טויט. קלערענדיג מיט עצבות וועגען גורל פון זיין 17־יאָהריגען זוהן ברוכ׳ן, וועלכען ער האָט בעדאַרפט לאָזען אָהן השגחה, האָט דער שטאַרבענדער צוגערופען דעם יונגלינג צו זיך און האָט מיט אַ פערשטיקטען קול געזאָגט: „גייה קיין לוצענאַ צו רבי יצחק אַלפסי און זאָג צו איהם, אַז איך גייה אַוועק פון דער וועלט און גייה אַריבער אויף יענער וועלט, און אַז איך האָב איהם שוין לאַנג מוחל געווען פאַר אַלע שאַרפע ווערטער, וואָס ער האָט גערעדט צו מיר אין בריעף און פערזענליך. איך בעט מעהר ניט, אַז ער זאָל דאָס אייגענע טון בנוגע צו מיר. זאָל ער מיט דיר לערנען, און דו פאָלג איהם אין אַלצדינג, וואָרום איך וויים, אַז ער וועט דיר טון אַ סך גוטס און וועט לערנען מיט דיר מיט׳ן גאַנצען האַרצען”. דער יונגער יתום איז אַוועק צו אלפסי׳ן און האָט איהם איבערגעגעבען זיין פאָטערס ווערטער, וואָס ער האָט גערעדט פאַר׳ן טויט. האָט אלפסי געוויינט אַ לאַנגע צייט, דערנאָך האָט ער אַרומגענומען דעם יונגלינג און האָט געזאָגט: „אויב דיין פאָטער איז געשטאָרבען, וועל איך דיר זיין אַ פאָטער, און דו וועסט מיר זיין אַ זוהן”. און ברוך אלבליה איז געבליבען אין אלפסי׳ס שטוב און איז שפּעטער געוואָרען אַ גרויסער רב.

פון אלפסי׳ס ישיבה זיינען אַרויסגעגאַנגען אַ סך געלערנטע, וואָס האָבען פערשפּרייט די תּלמודישע וויסענשאַפט איבער גאַנץ שפּאַניען. נאָך אַלפסי׳ן איז געווען ראש־ישיבה אין לוצענאַ רבי יוסף אבן־מיגאַש דער II־טער, אַן אייניקעל פונ׳ם סעווילִיער מלוכה־מאַן, וואָס האָט געהאַט דעמזעלביגען נאָמען. נאָכ׳ן אָנפאַל פון די אַלמאָהאַדען איז די ישיבה פון לוצענאַ געוואָרען אַריבערגעטראָגען קיין טאָלעדאָ.

די בעלי־הדקדוק

§ 89. אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער אידיש־שפּאַנישער בילדונג אין דער „רענעסאַנס־עפּאָכע” איז בעשטאַנען דערין, וואָס אין יענער צייט איז פאַר דער תּלמודישער וויסענשאַפט געווען אויסגעטיילט בלויז אַ בעשטימטער אָרט אין דער אַלגעמיינער סיסטעם פון די וויסענשאַפטען. אין תּלמוד האָט מען

ניט געזוכט קיין ענטפער אויף אַלע פראַגען, וואָס שטעלען זיך פאַר'ן דייַ-
קענדען פערשטאַנד: אויסערהאַלב דעם געביט פון רעליגיעזען קולט און יוריס-
פרודענץ איז נאָך פערבליבען אַ ברייטער פלאַץ פאַר פילאָסאָפיע, ראַציאָנאַלער
טעאָלאָגיע, פּאָעזיע, שפּראַך-וויסענשאַפט, מאַטעמאַטיק און נאַטור-וויסענשאַפט.
אַהין פלעגען זיך ווענדען די שטרעבענדע גייסטער צו זוכען דעם אמת אָדער
אַ מעהר פערשיידענאַרטיגע גייסטיגע שפּייז.

די „חכמת-הדקדוק", וואָס האָט געבליהט אין מיטעלאַלטער און וואָס האָט
אַרומגענומען דעם גאַנצען געביט פון דער שפּראַך-וויסענשאַפט, האָט פערנומען
אַ וויכטיגען אָרט אין דער סיסטעם פון דער אידישער בילדונג. די גראַמאַטיק
איז שוין איצט געווען ניט בלויז אַ הוספה צו דער „מסורה", ווי אין אַמאָליגע
צייטען (§ 68), נאָר זי האָט זיך ענטוויקעלט צו אַ זעלבשטענדיגער וויסענשאַפט.

דער אָנהויב פון איהר ענטוויקלונג אין שפּאַניען קומט אויס אין יענער
צייט, בשעת עס איז אויפגעקומען דער רבנישער צענטער אין'ם דאָזיגען לאַנד.
נאָך אין די צייטען פון חסדאי אבן-שפרוט איז דער געלערנטער מנחם בן-
סרוק (אַן ערך פון 910 — 970) בעריהמט געוואָרען דורך פאָרשונגען אינ'ם
געביט פון אידישער גראַמאַטיק און לעקסיקאָגראַפיע. היות ווי דער מעצענאַט
חסדאי האָט געוואָלט אויפהויבען דעם דאָזיגען וויסענשאַפטס-צווייג, דעריבער
האָט ער אַרויסגערופען קיין קאָרדאָווא מנחם'ען, וועלכער האָט געוואוינט אין
טאָרטאָווא אין גרויס אָרימקייט. גוט אויפגענומען און פערזאָרגט מיט היונה
דורך חסדאי'ן, האָט מנחם זיך אינגאַנצען אָבגעגעבען דער וויסענשאַפט. דער
רעזולטאַט פון זיינע לאַנג-יאָהריגע פאָרשונגען איז געווען אַ ווערטערבוך פון
דער העברייאישער שפּראַך, מיט'ן נאָמען „מחברת", וואו אַלע ווערטער פון תנ"ך
זיינען פונאַנדערגעטיילט אויף זייערע בעשטאַנד-טיילען — שרשים, פאָרזילבען
און ענד-זילבען, און די האַרבסטע ווערטער ווערען נאָך ערקלערט אין צוזאַמענ-
האַנג מיט די געהעריגע ערטער פון ביבלישען טעקסט.

מנחמ'ס ווערק, ביי אַלע זיינע חסרונות (דער מחבר האָט נאָך ניט גע-
וואוסט דעם הויפּט-געזעץ פון דער העברייאישער גראַמאַטיק וועגען שרש פון
דריי אותיות), האָט געהאַט זייהר אַ וויכטיגע בעדייטונג אַלס דער ערשטער
אַנאַליטישער ווערטערבוך פון העברייאיש, וואָס האָט דורכגעלייגט אַ וועג פאַר
די שפּעטערדיגע פילאָלאָגען. ניט קיין קלײנער פערדיענסט מנחמ'ס בעשטעהט
דעריין, וואָס ער האָט אָנגעשריבען זיין ספר ניט אויף אַראַביש, נאָר אויף
העברייאיש: דורכדעם האָט ער איהם געמאַכט צוטריטליך אויך פאַר די אידען
פון אַנדערע אייראָפּייאישע לענדער.

אָבער ווינציג פרייד האָט דער דאָזיגער חיבור געבראַכט דעם מחבר
גופא. מנחם האָט בעקומען אַן ערביטערטען געגנער אין דער פּערזאָן פונ'ם בע-
גאַבטען דונש בן-לברט, וואָס איז אויך בעוואוסט אונטער'ן נאָמען אַדונים
הלוי (920 — 980). דונש איז געווען אַ געבירטיגער פון פעץ און האָט בעקומען
זיין בילדונג אין באַגדאַד, אין דער עפּאָכע פון רב סעדיה גאון. אָנגעהערט זיך
וועגען אויפגעקלערטען שפּאַנישען מעצענאַט ר' חסדאי, האָט דונש זיך אַרי-

בערגעקליבען פון פעך קיין קאָרדאָווא. אין יענער צייט איז ער שוין געווען בעוואוסט דורך זיינע פאָרשונגען איבער גראַמאַטיק און בעזונדערס דורכדעם, וואָס ער האָט איינגעפיהרט אין דער העברייאישער דיכט-קונסט די אַראַבישע מעטריק. ער גופא האָט געשריבען שירים לויט די כללים פון דער דאָזיגער דיכט-קונסט.

אז עס האָט ערשיינט מנחם׳ס ווערטערבוך, האָט דונש אָנגעשריבען זייהר אַ שארפען פּאָלעמישען מאמר, וואו ער האָט סותר געווען אַ סך גראַמאַטיקאַלישע הנחות פונ׳ם קאָרדאָווער געלערנטען און די ביבלישע אויסטייטשונגען, וואָס זיינען געדרונגען דערפון. זיין מאמר האָט דונש געווידמעט דעם בעשיצער פון וויסענשאַפט ר׳ חסדאי׳ן, און אַלס הקדמה האָט ער אוועקגעשטעלט אַ לויב-ליעד לכבוד דעם דאָזיגען קרוב-למלכות. דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזען די שלעכטע זייט פונ׳ם מעצענאַטענטום. מחמת דונש׳עס אָנפאַלען און די אינטריגעס פון זיינע פריינד קעגען דעם אָרימען מנחמ׳ען, האָט חסדאי געוואָרפען אויף איהם אַן אומ׳חן, און ער האָט געהאַט אַפילו אויסצושטייהן אַ גראָבע בעליידיגונג מצד זיין געוועזענעם בעשיצער.

מנחמ׳ס תלמידים האָבען זיך שפּעטער מיט היץ איינגעשטעלט פאַר זייער רבי׳ן און אין זייערע בריעף האָבען זיי סותר געווען די טענות פון דונש׳ן און פון זיינע תלמידים קעגען דעם ווערטערבוך „מחברת". די דאָזיגע פלוגתות האָבען דערוועקט אַ שטאַרקען אינטערעס צו דער העברייאישער שפראַך-וויסענשאַפט און האָבען אַ סך מיטגעהאָלפען אויסצולייטערן דעם העברייאישען סטיל, אין פּראָזע און אין שיר, און אויף אַזאַ אופן איז צוגעגרייט געוואָרען דער באָדען פאַר דער ליטעראַרישער אויפבליהונג פון XI-טען יאָהרהונדערט.

מנחם בן סרוק׳ס גרעסטער תלמיד, וואָס האָט אריבערגעשטייגט דעם רבי׳ן, איז געווען **יהודה חיוג׳** (האַיודזש). ער האָט אַריינגעבראַכט אַ ניי ליכט אין דער העברייאישער שפראַך-וויסענשאַפט, דורכדעם וואָס ער האָט פעסטגעשטעלט דעם גראַמאַטישען כלל, אַז די שרשים פון די ביבלישע ווערטער בעשטייהען געוויהנליך פון דריי אותיות. אין חיוג׳ס וויסענשאַפטליכע ווערק, וואָס זיינען אָנגעשריבען אויף אַראַביש, זיינען אויסגעלייגט אין אַ סיסטעמאַטישער פאָרם די כללים פון ניקוד און אַנדערע יסודות פון דער העברייאישער גראַמאַטיק, וואָס האָבען בעדייטענד גרינגער געמאַכט צו פערשטייהן די ביבלישע ליטעראַטור.

נאָך אַ דרייסטערער מחדש אויף דעם געביט איז געווען ר׳ **יונה אבן-גנאַ׳ח** (אָדער אַבו-ל-וואַליד מערוואַן), אַ געבילדעטער דאָקטאָר און פילאָסאָף. גלייכצייטיג מיט ר׳ שמואל הנגיד האָט אבן-גנאַ׳ח פערלאָזען קאָרדאָווא מחמת דער קאַטאַסטראָפע פון יאָהר 1013, און נאָך לאַנגע וואָגלונגען האָט ער זיך בעזעצט אין סאַראַגאָסאַ, וואו ער האָט זיך פערנומען מיט דאָקטאָרישער פּראַקטיק. נאָר זיין ליעבלינגס-אַרבייט איז געווען שפראַך-וויסענשאַפט. דער רעזולטאַט פון זיינע וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען זיינען געווען אַ גראַמאַטיק און

ווערטערבוך פון דער העברייאישער שפראַך, מיט אַן אויספיהרליכער סינטאַקסיס און רעטאָריק (אָנגעשריבען פאַר'ן יאָהר 1050). אבן-גנאַ'ח האָט געקוקט אויף זיין אַרבייט איבער שפראַך-וויסענשאַפט, ווי אויף אַ הייליגער עבודה, וואָס ער איז דערצו בערופען מן השמים. „די וויסענשאַפט וועגען דער העברייאישער שפראַך — זאָגט ער — איז די קיניגין פון אַלע וויסענשאַפטען, וואָרום זי גיט אונז אַ שליסעל צו פערשטייהן גאָטס וואָרט אין זיין גאַנצער לויטערקייט און הייליגקייט". און באמת, אַדאַנק זיין ראַציאָנאַלער גראַמאַטיקאַלישער שיטה האָט אבן-גנאַ'ח אַנטפּלעקט גייע וועגען אין דער ביבלישער עקזעגעטיק. אַ גרויסען רעש האָט אַרויסגערופען זיין פּאָלעמיק איבער פילאָלאָגישע פראַגען מיט'ן געלערנטען ר' שמואל הנגיד. אבן-גנאַ'חס ווערטערבוך און גראַמאַטיק זיינען אָנגעשריבען געוואָרען אויף אַראַביש, נאָר שפּעטער האָט מען זיי איבערזעצט אויף העברייאיש („ספר השרשים" און „ספר הרקמה").

אַ דאַנק דער אַרבייט פון די דאָזיגע ערשטע מדקדקים האָט זיך ברייט ענטוויקעלט די העברייאישע שפראַך-וויסענשאַפט אין שפּאַניען און דרום-פראַנקרייך. אין XII יאָהרהונדערט האָט זי אַזעלכע גרויסע פאַרשטייהער, ווי ר' אברהם אבן-עזרא און די געלערנטע משפחה פון די קמחי'ס, וואָס וועגען זיי רעדט זיך ווייטער.

פּאָעטען און פילאָסאָפען (אבן-גבירול'ס עפּאָכע)

§ 90. די גאַנצע קראַפט און שיינקייט פון דער שאַפונג פון דער „רעליגיאָנס-עפּאָכע" האָט זיך אַרויסגעוויזען אין'ם געביט פון פילאָסאָפיע און פּאָעזיע. ביז יענער צייט זיינען אין דער אידישער פילאָסאָפיע געשטאַנען איינזאַם צוויי ריזען פון געדאַנק: פילון אלכסנדרוני און רב סעדיה גאון, וואָס זיינען אָבגעטיילט פון אַנאַנד דורך אַ משך פון נייַן יאָהרהונדערטען. ביידע האָבען געפונען זייערע יורשים אין דער אידישער שפּאַניען, וואו אין XI און XII יאָהרהונדערט זיינען אַרויסגעקומען מעהר פילאָסאָפען, איידער אין די פערגאַנגענע טויזענד יאָהר אין אַלע גלות-לענדער אינאיינעם. די אידישע פילאָסאָפיע פון יענער צייט איז געווען אייננ פערבונדען מיט טעאָלאָגיע, פון איין זייט, און פּאָעזיע — פון דער אַנדער זייט. אינ'ם לייזענשאַפטליכען זוכען דעם העכסטען אמת, בעת דער שכל צוכט דרייסט אַריינצודרינגען אין יענע געביטען, וואָס דער פשוטער פערשטאַנד קאָן זיי נים אַרומנעמען, — האָט די פילאָסאָפיע זיך בעגעגענט מיט דער רעליגיע; אין דער ספערע פון נאַציאָנאַלער זעלבסטבעשטימונג און רעליגיעזע געפיהלען,— האָט זי זיך בעגעגענט מיט דער פּאָעזיע. צוויי פון די גרעסטע פאַרשטייהער פונ'ם אידישען געדאַנק אין יענער צייט — אבן-גבירול און ר' יהודה הלוי — זיינען געווען גלייכצייטיג פילאָסאָפען און פּאָעטען.

ר' שלמה אבן גבירול (אַן ערך פון 1020—1058) איז געבאָרען געוואָרען אין מאַלאַגע, וואוהין זיינע עלטערן האָבען זיך אַריבערגעקליבען נאָכן קאָרדאָווער פּאָגראָם פון יאָהר 1013. ער האָט פריה אָנגעוואָרען זיין פאָטער

און מוטער. דער דאָזיגער אָנוועהר אין צוזאַמענהאַנג מיט דחקות און צרות, וואָס דיינען אויסגעפאַלען אויפ'ן גורל פונ'ם יונגען יתום, האָבען אַרויפגעלייגט אויף זיין נשמה אַ חותם פון עצבות און ליידענדער איינגעשלאָסענקייט. „איך בין אַ יונגלינג פון זעכצעהן יאָהר, — רופט אויס דער יונגער משורר — און האָב ניט אויף צו קלאָגען און צו וויינען. מיין גוף בלאָנקעט אַרום אויף דער ערד, נאָר דער גייסט שוועבט איבער די וואָלקענס, און מיין האַרץ איז קלוג, ווי ביי אַן אכציג-יאָהריגען".

אין גבירול'ס יוגענד-צייט איז געווען נאָר איין ליכטיגער מאָמענט. וואוינענדיג אין סאַראַגאָסאַ, האָט ער געפונען אַ בעשיצער און פריינד אין דער פּערזאָן פון ר' יקותיאל הסאן, אַ געבילדעטען אידען, וואָס האָט פערנומען אַ בכבוד'ע שטעל ביים הויף פונ'ם סאַראַגאָסער עמיר. אבן-גבירול האָט זיך אויפריכטיג צוגעבונדען צום דאָזיגען נדבן און האָט דערצייהלט זיינע שבחים אין קלינגענדיגע לויב-ליעדער. נאָר אין גיכען איז איהם שוין אויסגעקומען צו בעוויינען דעם טויט פון זיין בעל-טובה (1039), וואָס איז געפאַלען פאַר אַ קרבן פון עפּיס אַ פּאָליטישער מרידה. דער דאָזיגער טויט איז, לויט דעם פּאָעטס מיינונג, געווען אַ שווערער אָנוועהר פאַר דער גאַנצער כנסת-ישראל. אין אַ ריהרענדער עלעגיע איבער דער געלעגענהייט לאָזט אבן-גבירול די אידישע נאַציע (ציון) פרעגען מיט אַ טרויעריגען געמיט: „ווער וועט מיך איצט אונטערהאַלטען אין אַן עת-צרה, אַז מיינע שונאים וועלען זיך צונויפריידען און אויפשטייהן אויף מיר? ווער וועט צעברעכען די צייהן פון די צעווילדעוועטע טיגערן, וואָס האָבען געעפענט זייער שלונד, בכדי איינצושלינגען די גאַנץ געבליבענע בלאָנזשענדע שעפּעלעך ?"...

די איבערגעליטענע צרות האָבען איבערגעלאָזען אויף דער נשמה פונ'ם פּאָעט אַ חותם פון ביטערקייט און צאָרן. גבירול בעקלאָגט זיך אויף דער אומגערעכטיגקייט פון מענשען; ער פלעגט ניט זעלטען מוסר'ן אין זיינע שירים איינפלוסרייכע לייט. דורכדעם האָט ער זיך געשאַפען שונאים צווישען די פּאָרשטייהער פון דער סאַראַגאָסער אידישער געזעלשאַפט, און אין גיכען האָט ער געמוזט פערלאָזען סאַראַגאָסאַ (1045). דער ענטוישטער פּאָעט האָט בעשלאָסען איינגאַנצען צו פערלאָזען שפּאַניען און זיך אַריבערצוקלייבען אין די מזרח-לענדער, נאָר איבער עפּיס אַ טעם האָט ער זיין פלאַן ניט פערווירקליכט. ס'קאָן זיין, אַז איהם האָט פערהאַלטען אין דערהיים די פריינדשאַפט מיט'ן גרעסטער שר ר' שמואל הנגיד, וואָס האָט געקענט גבירול'ס משפחה נאָך אין מאַלאַגאַ און וואָס האָט אַ געוויסע צייט איהם געשטיצט.

די בעציהונגען פונ'ם יונגען פּאָעט צום געלערנטען שר, וואָס האָט אויך פּרעטענדירט צו זיין אַ משורר, האָבען זיך געביטען פון צייט צו צייט. אומבעשטענדיגקייט איז בכלל געלעגען אין גבירול'ס טבע. גבירול פלעגט אַמאָל דערצייהלען די שבחים פון זיין פריינד און בעל-טובה און אַמאָל, פיהלענדיג זיך העכער פאַר איהם, שרייבט ער קעגען איהם בייסענדע פערזען און דעקט אין זיי אויף זיינע הייסנשאַפטליכע און פּאָעטישע חסרונות. ר' שמואל הנגיד איז ניט געבליבען

הינטערשטעליג און האָט געענטפערט זיין קריטיקער, הגם וויט ניט אין אַזעלכע גוט קלינגענדיגע פערזען.

ר׳ שלמה בן גבירול האָט צו פריה געענדיגט זיין טרויעריגען נע-ונד-לעבען: ער איז געשטאָרבען אין וואַלענסיאַ, 38 יאָהר אַלט.

דער געניאַלער מאַן, וואָס האָט געלעבט אַזוי ווינציג, האָט אָבער געהאַט בכּח אויף אַ לאַנגע צייט אַריינצובלאָזען אַ לעבען אין דער העברייאישער פּאָעזיע. די ווערק פון די פריהערדיגע פּייטנים און פון אַזעלכע משוררים, ווי ר׳ שמואל הנגיד, זיינען געווען נאָר שוואַכע פּרובען פון אָנפאַנגער אין פערגלייך מיט דעם, וואָס איז אַרויס פון רבי שלמה בן גבירול׳ס פעדער. „אין די טעג פון׳ם שר חסדאי (אבן-שפרוט) — זאָגט אַ שריפטשטעלער פון יענער צייט („ספר הקבלה" פון ר׳ אַברהם אבן-דאוד)—האָבען די פּאָעטען אָנגעהויבען צו פּישטשען (החלו לצפצף), און אין ר׳ שמואל הנגיד׳ס צייטען האָבען זיי אויפגעהויבען אַ קול" (נתנו בשיר קולם). און אבן-גבירול׳ס קול האָט געקלונגען צום העכסטען און צום שענסטען אינ׳ם דאָזיגען כאָר פון די זינגער. „גאָט האָט איהם געזאַלבט אויף דער מלוכה אינ׳ם געביט פון דער פּאָעזיע פון זיין פאָלק, און ער האָט בעשאַפען דעם שיר השירים אשר לשלמה. אַלע, וואָס זיינען געקומען נאָך איהם, האָבען אָנגענומען זיין גוסט, און דער גייסט פון זיין מוזע האָט גערוהט אויף זיי" (אַלחריזי).

גבירול׳ס צאָהלרייכע לירישע און נאַציאָנאַל-רעליגיעזע שירים צייכענען זיך אויס דורך זייער שיינער פאָרם און דורך אַ מין בעזונדערער האַרציגקייט. קיינער פון די פריהערדיגע פּייטנים האָט ניט געקאָנט אַזוי ריהרענד אויסדריקען די אויפרעגונגען פון אַ גלויבענדען געמיט, דעם טרויער און האַרצקלעמעניש פון דער גע׳רודפ׳טער נאַציע, ווי ר׳ שלמה בן גבירול. זיינע האַרמאָנישע שירים, וואָס זיינען אַריינגענומען געוואָרען צווישען די תפילות, זיינען געווען די אַנטפּלעקונג פון אַ נייעם תהלים-זינגער. אין זיי קאָן מען הערען — אַמאָל די בעגייסטערטע ענטציקונג פון דער מענשליכער נשמה, וואָס שמועסט זיך דורך מיט איהר בעשעפער, אַמאָל ליידענשאַפטליכע אויסגיסונגען פון דער בייַנקענ׳ דער אידישער נאַציע, וואָס בעט רחמים און וואָס איז מתפלל, מען זאָל זי צוריקקעהרען קיין ארץ-ישראל.

גבירול׳ס שירים אויף נאַציאָנאַלע מאָטיווען בעווייזען, ווי שטאַרק דער פּאָעט האָט געפיהלט דעם נאַציאָנאַלען צער פון אידישען פאָלק אפילו אין אַן עפּאָכע, וואָס איז געווען רוהיג לפי ערך:

„די אָרימע געפאַנגענע אין פרעמדען לאַנד איז געקומען פאַר אַ דיענסט, פאַר אַן עגיפּטישע דיענסט. זינט דו, גאָט, האָסט זי פערלאָזט, וואַרט זי אויף דיר, קעהר אום איהר געפאַנגענשאַפט, דו גרויסער אין דיינע ווערק! צו אַלץ איז דאָ אַ סוף, אָבער צו מיין אומגליק איז קיין סוף ניטאָ. יאָהרען גייהען אַוועק — און ס׳איז ניטאָ קיין היילונג פאַר מיין וואונד. איך לעב אין געפאַנגענשאַפט, זינק איין אין טיעפעניש און קיינער

נעמט קיין ווידער ניט, בכדי אַרויסצופיהרען דאָס שיפעלע. צעריסענע, דערשטיקטע, וואָס טראָגען דעם יאָך דעם שווערען, בערויבטע, געשאָרענע, צום צעטרעטען איבערגעבענע, — ווי לאַנג נאָך, אָ גאָט, וועלען מיר אויף שפלות קלאָגען, אויף פיעל יאָהריגער קנעכטשאַפט? ישמעאל (די מוסעלמאַנער) ווי אַ לייב, און עשו, ווי אַ שפאַרבער — איינער לאָזט אונז אָב, נעמט זיך פאַר אונז דער אַנדערער".

„פערלאָזענע, געפייניגטע, פאַרוואָס וויינסטו? צידען האָסטו זיך מיאש געווען פון דעם, וועמען דו וואַרטסט?" — מיין אויסלייזונג איז אָבגעלעבט און מיין חושך פערלייגערט. „וואַרט, אָרימינקע: נאָך אַ ביטעל — און איך וועל שיקען מיין מלאך, ער זאָל פאַר מיר אַ וועג אָבראַמען, און אויפ'ן באַרג ציון וועל איך מיין קיניג זאַלבען" (און אַזוי גייהט ווייטער דער שמועס צווישען גאָט און צווישען דער כנסת-ישראל).

גבירול'ס רעליגיעזע וועלטאָנשויאונג האָט בעקומען איהר בעסטען אויסדרוק אין זיין גרויסען הימנון, וואָס איז בעוואוסט אונטער'ן נאָמען „כתר-מלכות" (קיניגליכע קרוין). דער דאָזיגער מאַיעסטעטישער הימנון, וואָס איז אַריינגענומען געוואָרען צווישען די יום-כפור'דיגע תפלות (ביי די ספרדים), ענטהאַלט אין זיך אַ רייהע טיפע מעטאַפיזישע בעשטימונגען פון גאָט און פון דער וועלט. דאָ טרעט אַרויס אין העלע בילדער אבן-גבירול'ס רעליגיעז-פילאָסאָפישע וועלטאָנשויאונג, וואָס ער האָט זי ענטוויקעלט אין אַ גענויער אַבסטראַקטער פאָרם אין'ם ווערק „מקור חיים" (לעבענס-קוואל). דער דאָזיגער פילאָסאָפישער חיבור, וואָס איז לכתחילה אָנגעשריבען געוואָרען אויף אַראַביש, איז געווען ווינציג פערשפרייט צווישען אידען; דערפאַר אָבער האָט ער בעקומען אַ גרויסע פאָפולאַריטעט צווישען די מיטעלאַלטערליכע קריסטליכע טעאָלאָגען, וואָס האָבען בענוצט זיין לאַטיינישע איבערזעצונג (פאָנס וויטע). אין'ם אַראַבישען אָריגינאַל און אין דער לאַטיינישער איבערזעצונג איז געשטאַנען דער נאָמען פונ'ם מחבר — אַביצעבראָן, און בלויז גאָר אין דער לעצטער צייט איז ענדעקט געוואָרען, אַז דאָס איז טאַקע אבן-גבירול.

אין זיין פילאָסאָפישער סיסטעם שטייהט אבן-גבירול אויפ'ן באָדען פון דער מעטאַפיזיק פון די נעאָפלאַטאָניקער און פון פילון אַלכסנדרוני, וואָס ער האָט זי מן הסתם אויסשטודירט לויט די אַראַבישע מקורים פון יענער צייט; נאָר ער פערטיעפט זי דורך נייע פאָרמעלן. לויט זיין שיטה, בעשטייהען אַלע זאַכען פון מאַטעריע און פאָרם (חומר וצורה); דאָס איז דער גרונד-געזעץ פון דער פיזישער און גייסטיגער וועלט. די מאַטעריע שטייהט צו דער פאָרם אין דער בעציהונג פון סובסטאַנץ צום אַטריבוט (עצם צום תואר). די „אוניווערסאַלע מאַטעריע" ערפילט די וועלט פון איהרע העכסטע ביז איהרע נידעריגסטע מדרגות. העכער פון איהר שטייהט נאָר גאָט, אַלס די ערשטע סובסטאַנץ. אַ פערמיטלער צווישען גאָט און וועלט איז דער „רצון" אָדער די שאַפונגס-קראַפט, און דער רצון פון זיין זייט בעוויזט זיך דורך אַ רייהע פערמיטלענדע כחות, לויט פילונ'ס געזעץ פון דער עמאַנאַציע. דער שטרעבען צו גאָט, אַלס דער מקור

פון לעבען, איז דער געזעץ פון דער מענשליכער עקסיסטענץ, און וואָס שטאַרקער עס איז דער שטרעבען פונ׳ם יחיד׳ס נשמה צו דער וועלטס נשמה, אַלץ לויטערער און גייסטיגער איז דער מענש. התכּלות (טיפע בעטראַכטונג) — דאָס איז דער וועג, וואָס פיהרט דעם מענשען פונ׳ם ערדישען און ענדליכען צום היס-לישען, אונענדליכען.

אבן-גבירול האָט ניט בעוויזען צו פערבינדען זיין אַלגעמיינע פילאָסאָפישע סיסטעם מיט דער תורה פון דער יהדות, ווי דאָס האָט פריהער געטאָן רב סעדיה גאון. ער האָט באַר צוגעפיהרט די דאָזיגע מעטאַפיזישע סיסטעם ביז צו די גרעניצען פון דער עטיק. מיט די פראַגען פון עטיק פערנעמט זיך זיינס אַן אַנדער ווערק, וואָס איז פריהער אָנגעשריבען געוואָרען, און אויך אויף אַראַביש און וואָס איז ערשט שפּעטער איבערזעצט געוואָרען אויף העברייאיש אונטער׳ן נאָמען „תקון מדות הנפש” (די אויסבעסערונג פון די מדות פון דער נשמה). דאָ בענוצט אבן-גבירול גלייכצייטיג די מאָראַלישע הנחות סיי פון תנ״ך און תלמוד און סיי פון סאָקראַטעס, פּלאַטאָן, אַריסטאָטעלעס און אַראַבישע חכמים. ער שטעלט אַיין אַ פסיכאָפיזישען יסוד פון מאָראַל, דורכדעם וואָס ער דרינגט ארויס די פערשיידענע נטיות פונ׳ם מענשענס נשמה פון די פינף הויפּט-חושים. איטליכער פון די פינף חושים בעשאַפט געוויסע נטיות, גוטע אָדער שלעכטע מדות, אַ געוויסען זיטליכען טעמפעראַמענט. די אויפגאַבע פון דער מאָראַל איז איינצושטעלען אַ שטריינגען קאָנטראָל פון דער מאָראַל איבער אַלע די דאָזיגע פערשיידענאַרטיגע נאַטירליכע נטיות. אין׳ם נצחון פון דער „פערשטאַנדיגער נשמה” איבער דער „בהמה׳שער” בעשטייהט די השתלמות פונ׳ם מענשען, דער זין און דער גליק פון זיין לעבען.

גבירול-אביצעראָנ׳ס נעאָפלאַטאָנישע פילאָסאָפיע האָט געהאַט אַ סך אַ גרע-סערע ווירקונג אויף דער קריסטליכער טעאָלאָגיע פון מיטעלאַלטער, איידער אויף דער אידישער. דער בעריהמטער דונס סקאָטוס און אַנדערע מיטעלאַלטער-ליכע סכאָלאַסטיקער, וואָס האָבען אַנטקעגענגעשטעלט דעם נעאָפלאַטאָניזם קעגען דעם אַריסטאָטעליזם, האָבען זיך געשטיצט אויף אַביצעבראָנ׳ס סיסטעם אין זיין „מקור חיים”, ניט ווויסענדיג, אַז דער מחבר איז אַ איד. פערקעהרט, די אידישע רעליגיאָנס-פילאָסאָפיע איז אין יענער צייט מעהר נוטה געווען צו אַריסטאָטעלעס׳עס ראַציאָנאַליזם, וואָס זיין אויסדריקליכער פאָרשטייהער איז אין הונדערט יאָהר אַרום נאָך אבן-גבירול געווען דער רמב״ם. ערשט אין דער שפּעטערדיגער צייט, ווען דעם רמב״מ׳ס השפעה איז שוואַכער געוואָרען, האָט אבן-גבירול׳ס סיסטעם געפונען אַן אָבקלאַנג אין דער מיסטישער שיטה פון דער קבלה, וואָס איז בע-גרינדעט אויף דער טעאָריע וועגען עמאַנאַציע

צו פערבינדען די עטיק פון דער יהדות מיט דער רעליגיע אין איין גאַנצער סיסטעם איז געווען בעשערט אַן אַנדער אידישען פילאָסאָף, וואָס האָט געלעבט אין איין צייט מיט אבן-גבירול און איז אויך געשטאַנען אויף זיין פילאָסאָפישען שטאַנדפונקט. דאָס איז געווען רבי בחיי אבן-פקודה, אַ דיין אין סאַראַגאָסאַ, דער מחבר פונ׳ם זייער פאָפולערען ספר „חובת הלבבות”.

וואָס איז לכתחילה אָנגעשריבען געוואָרען אויף אראביש אַן ערך אין יאָהר 1040 און איז דערנאָך איבערזעצט געוואָרען אויף העברייאיש.

ר׳ בחיי טיילט איין דעם אידענס אַלע רעליגיעזע התחייבות׳ען אין צוויי קאַטעגאָריעס: 1) די חובות פון די אברים פון גוף, ד. ה. די צערעמאָניעס און די פראַקטישע געבאָטען פון דער יהדות, און 2) די חובות פון הארצען, וואָס בעשטייהען אין איבעוויינינגסטען גלויבען און אין דער השתלמות פון די תכונות פון דער נשמה. דורכדעם, וואָס די תלמודישע לעבענס-אָרדענונג האָט אַרויסגערוקט אויפ׳ן ערשטען פּלאַץ די אויסווייניגסטע צערעמאָניעלע התחייבות׳ען, זיינען די „התחייבות׳ען פון הארץ״ פערשטעלט געוואָרען — און ר׳ בחיי בעמיהט זיך ווידער אויפצוריכטען די בעדייטונג פון די לעצטע, און אויך אַריינצולייגען אַ זין אין דער רעליגיעזער פּראַקטיק. זיין גרויסער חיבור בעשטייהט פון צעהן קאַפּיטלעך, וואו עס ווערען אויספיהרליך, מיט אַ פילאָסאָפישער גענויאיגקייט, בעשטימט פאָלגענדע גרונד-יסודות פון דער זיטליכער טעאָלאָגיע: דער בעוואוסטזיין פון אחדות-הבורא, די בעציהונג צו די נסיונות און צו די טובות, וואָס ווערען געשיקט אויפ׳ן מענשען, דער דיענען צו גאָט, דער בטחון אויף גאָט, די צופּאַסונג פון די מעשים צו גאָטס רצון, עניוות, תשובה טון, זעלבסטפּרובונג פון דער נשמה, אַיינהאַלטען די גלוסטען און ליעבשאַפט צו גאָט. ר׳ בחיי האָט טיעף אַריינגעדרונגען אין אַלע די דאָזיגע בעהעלטענישען פון דער גלויבענדער נשמה, האָט שטריינג אַנאַליזירט אַלע מינים און שאַטירונגען פון די זיטליכע געפיהלען, וואָס זיינען, לויט ר׳ בחיי׳ס מיינונג, אייננ פערבונדען מיט׳ן רעליגיעזען בעוואוסטזיין.

אין דער אידישער ליטעראַטור זיינען פאַרהאַן חינציג ספרים, וואָס זיינען אין אַזאַ מאָס מסוגל צו פערטיעפען דעם רעליגיעזען דיינקען און צו פעראיידעלן די מדות, ווי דער „חובת הלבבות״ פון ר׳ בחיי אבן-פקודה. אדאנק דער דאָזיגער מעלה זיינע איז דער ספר געוואָרען אַזוי אומגעוויהנליך פּאָפּולער: אין משך פון אַ סך יאָהרהונדערטען איז ער געווען דער ליעבלינגס-ספר פאַר מענשען, וואָס זיינען נוטה צו רעליגיעזער הסתכלות

אבן-גבירול׳ס פּאָעטישע ירושה איז די ערשטע צייט אָנגעקומען צו ר׳ משה אבן-עזרא (1070 — 1138). ר׳ משה איז געווען איינער פון די פיער ברידער אבן-עזרא, וואָס האָבען געהערט צו דער יחוס-און גייסט-אַריסטאָקראַטיע פון גרענאַדאַ. דער פּאָעטישער געפיהל האָט אויפגעוואַכט אין איהם אונטער דער השפעה פון אַן אומגליקליכער ליעבע. יונגערהייד האָט ער זיך ליידענשאַפטליך פערליעבט אין זיינעם אַ ברודערס אַ טאָכטער, וואָס זי האָט איהם אויך ליעב געהאַט; נאָר דער ברודער איז געווען קעגען דעם שידוך. דעמאָלט האָט דער בעטריבטער ר׳ משה אבן-עזרא פערלאָזען זיין היים און איז אוועק קיין פּאָרטוגאַל און דערנאָך קיין קאַסטיליען.

אָבגעזאָגט זיך פון פערזענליכען גליק, האָט ער זיך געמיהט צו געפינען אַ טרייסט אין דער פּאָעזיע און פילאָסאָפיע. פּונקט אַזוי ווי אבן-גבירול, האָט

ער געזונגען וועגען די צרות און ענטוישונגען פון לעבען, וועגען דער בגידה פון גוטע פריינד, וועגען די מענשענס רשעות און שקרים; נאָר טיילמאָלס פלעגט דער פּאָעט אַזוי ווי מונטערער ווערען און ער פלעגט חלומ׳ען וועגען אַ שטי-לען לעבען אין שויס פון דער נאַטור, וועגען שיינקייט און וועגען יוגענד-גע-פיהלען. דאָס איז דער אינהאַלט פון זיין לירישער זאמלונג „תרשיש״. בנוגע צו דער גרינגקייט און עלעגאַנץ פון דער פאָרם שטייהען די דאָזיגע שירים נידע-ריגער פאַר בן-גבירול׳ס שירים. אבן-עזרא האָט ליעב אויסגעזוכטע אויסדרוקען, שאַרפזיניגע קאָמבינאַציעס פון ווערטער און קונציגע אָנצוהערענישען, וואָס אין דעם פּרט מאַכט ער נאָך די דעמאָלטיגע אַראַבישע פּאָעטען.

חוץ דעם אָנגערופענעם לירישען זאַמעלבוך האָט ר׳ משה אבן-עזרא אָנ-געשריבען אַן ערך דריי הונדערט שירים אויף פערשיידענע געלעגענהייטען, וואָס זיינען צונויפגעקליבען געוואָרען אין אַ בעזונדערן „דיוואַן״, און העכער צוויי הונדערט סליחות, וואָס ביים גרעסטען טייל ספרדישע אידען זאָגט מען זיי אום ראש-השנה און יום-כּיפור. פאַר זייגע סליחות האָט ר׳ משה אַבן-עזרא בעקומען דעם צונאָמען „הסלח״.

ער האָט נאָך אָנגעשריבען אויף אַראַביש צוויי פּראָזאאישע ווערק: איינס— וועגען רעטאָריק און דיכטקונסט, און דאָס אַנדערע – וועגען פערשיידענע פראַ-גען פון פילאָסאָפיע און מאָראַל. דער לעצטער ספר איז בעוואוסט אונטער׳ן העברייאישען נאָמען „ערוגת הבשם״ (בשמים-בייט). אבן-עזרא׳ס פילאָסאָפישע ווערק האָבען זיך ניט אויסגעצייכענט דורך אָריגינאַליטעט און זיינען געווען זייהר ווינציג פערשפרייט.

חוץ די דאָזיגע ערשטקלאַסיגע פּאָעטען און דיינקער, האָבען אויפ׳ן האָ-ריזאָנט פון דער אידישער ליטעראַטור פון XI יאָהרהונדערט געשיינט נאָך אַ סך שטערען פון צווייטער גרייס (למשל, דער פילאָסאָף אבן-צדיק, דער מחבר פונ׳ם ספר „מיקראָקאָסמאָס״, די פּאָעטען אבן-גיאת, אבן-סקבל און אַנדערע). לויט דער איינגעשטעלטער טראַדיציע, פלעגט מען פילאָסאָפישע ביכער שרייבען אויף אַראַביש, וואָס האָט געהאַט אַ רייכע וויסענשאַפטליכע טערמינאָלאָגיע; אָבער פּאָעטישע ווערק פלעגט מען שרייבען אויף העברייאיש, און דערפאַר האָבען זיי פערנומען אַ וויכטיגערן אָרט אין דער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור.

רבי יהודה הלוי.

§ 91. אַלע פּאָעטען פון יענער עפּאָכע האָט פערטונקעלט דורך זיין גלאַנץ אַ בעגייסטערטער משורר, וואָס איז געוואָרען דער קיניג פון דער מיטעלאַל-טערליכער העברייאישער פּאָעזיע: רבי יהודה הלוי (זיין אַראַבישער נאָ-מען איז – אַבו-ל-חאַסאַן). ער איז געבאָרען געוואָרען אין טאָלעדאָ, אַן ערך אין יענער צייט, בשעת די דאָזיגע שטאָדט איז איינגענומען געוואָרען דורך דער קריסטליכער קאַסטיליען (1085), נאָר אין דער פריהער יוגענד איז ער אוועק

קיין דרום, אין דער אַראַבישער שפּאַניען. דאָ האָט ער, ווי עס ווייזט אויס, בּעקומען זיין רעליגיעזע און וויסענשאַפטליך-פילאָזאָפישע בילדונג. אין לוצענאַ האָט ער געהערט שיעורים איבער תּלמוד אין אלפסי׳ס ישיבה. אין גרענאַדאַ האָט ר׳ יהודה הלוי זיך דערנעהענטערט צו דער טאַלאַנטפולער משפּחה פון די אבן-עזרא׳ס און איז בּעזונדערס צוגעבונדען געוואָרען צום סימפּאַטישען פּאָעט ר׳ משה. זייהר פּריה האָט זיך אין ר׳ יהודה׳ן דערוועקט דער פּאָעטישער טאַלאַנט. פון אייניגע פון זיינע ערשטע יוגענדליכע שירים, וואָס איז געווען געווענדעט צו ר׳ משה אבן-עזרא, איז דער לעצטער אַריינגעקומען אין שטאַרקער התפּעלות.

לעבּענדיג אין דער אַראַבּישער שפּאַניען, האָט ר׳ יהודה הלוי שטודירט אויך מעדיצין. אז ער האָט זיך אומגעקעהרט אַהיים, קיין טאָלעדאָ, האָט ער חתונה געהאַט און האָט זיך מפרנס געווען דורך דאָקטאָרשער פּראַקטיק. שפּע-טער בּעגעגענען מיר איהם ווייטער אין דער אַראַבּישער שפּאַניען, אין קאָר-דאָווא. פערנעמענדיג זיך מיט מעדיצין, ווי מיט אַ פּראָפעסיע צו פערדיענען אויף בּרויט, האָט ר׳ יהודה הלוי אָבּגעגעבען זיין גאַנצע פרייע צייט פאַר פּאָעזיע, פילאָסאָפיע און טעאָלאָגיע.

ר׳ יהודה הלוי איז געווען ניט אַ שרייבּער פון שירים, נאָר אַ פּאָעט אין אמת׳ען זין פון׳ם וואָרט. ער איז געווען בּעגאַבּט מיט אַ פיינעם קינסטלערישען געשמאַק, וואָס איז זייהר זעלטען בּיי די אידישע און אַראַבּישע משוררים פון זיין צייט. זיינע שיינע נאַטורשילדערונג קאָנען אויסהאַלטען די קאָנקורענץ מיט די בּעסטע ווערק פון די ליריקער פון אַלע צייטען. אַזעלכע איז, למשל, זיין בּעריהמטע שילדערונג פון שטורעמדיגען ים, וואו סיי די הער-ליכע בּילדער און סיי די מוזיק פון די פערזען בּעשאַפען פאַר׳ן לעזער כמעט אַ פּלאַסטישען בּילד פון דער ווילד-בּרויזענדער סטיכיע. זיינע עראָטישע שירים, וואָס זיינען בּונט איבּערפילט מיט העלע בּילדער אין אָריענטאַלישען געשמאַק, זיינען אָנגעשריבּען על-פּי-רוב אין דער פאָרם פון מזל-טוב׳ן צו חתונות פון קרובים און גוטע פריינד: משמעות, אז עראָס דער קונדס האָט ניט געקאָנט אַרויסטרעטען אַנדערש, סיידען אונטער הימען׳ס בּעשיידענעם מאַנטעל. דער בּעגאַבּטער פּאָעט האָט אָפטמאָלס געפּטר׳ט זיין טאַלאַנט אויף די קליינליכקייטען פון לעבּען: ער האָט געשריבּען לויב-ליעדער אויף נדבנים און גוטע פריינד, שאַרפזיניגע עפּיגראַמעס און שאַראַדעס און בּכלל צופעליגע שירים.

נאָר צווישען אַלע די דאָזיגע בּלאָנזשעניש‍ען פון ר׳ יהודה הלוי׳ס מוזע האָט זיך דורכגעשלאָגען איין הויפּט-שטרעמונג, וואָס איז אַרויסגעדרונגען פון דער טיעפּע-ניש פון׳ם פּאָעטס נשמה. די נאַציאָנאַלע עלעגיע — דאָס איז געווען דער געבּיט, וואו דער פּאָעט האָט זיך אַרויסגעוויזען אין זיין גאַנצער גרויסקייט, וואָס איז אייגענטימליך פאַר איהם אַליין. פון דער אידישער נאַציע, איהר גרויס-קייט און פאַלען, איהרע האָפענונגען און ענטוישונגען, איהר יאָהרהונדערטען אַלטער טרויער און דאָרשט נאָך אויסלייזונג — אָט אָ די גאַנצע ריהרענדע דראַמע פון דער אידישער געשיכטע האָט געפונען איהר אָבּבּילדונג אין ר׳ יהודה׳ס

עלעגיעס. דער ווייה-רוף פונ׳ם ליידענדען פאָלק הערט זיך אין יענע ווערק, וואו דער פּאָעט פרעגט ביי גאָט, ווען וועט שוין קומען אַ סוף צום אידישען גלות:

„אויף אָדלער-פליגלען האָסטו געטראָגען די טויב (די כנסת-ישראל), האָסט זי אַנומעלט געלאָזט רוהען אין דיין שויס, האָסט זי בעהאַלטען אין שטילע חדרים; פאַרוואָס-זשע האָסטו זי איצט פערלאָזט, אַז זי זאָל אַרומוואָגלען אין וועלדער, וואו פון אַלע זייטען זיינען פאַר איהר אויסגעשטעלט נעצען? פרעמדע רייצען זי מיט אַנדערע געטער, און זי וויינט בעהאַלטענערהייד וועגען אויסדערוויהלטען פון איהר יוגענד... פאַר וואָס-זשע איז אַזוי וויט פון איהר דער הימעלשער פריינד און עס דריקט זי אַזוי דער שונא?”

די שטאַרקסטע פון הלוי׳ס נאַציאָנאַלע עלעגיעס זיינען יענע, וואו דער פּאָעט גיסט אויס זיין ליידענשאַפטליכע בענקשאַפט נאָך דער אַלטער היים פון דער כנסת-ישראל, נאָכ׳ן הייליגען לאַנד און דער פערוויסטער ציון:

„אָ הערליכער קאַנט, דער וועלטס פרייד, די שטאָדט פונ׳ם גרויסען קיניג! צו דיר רייסט זיך מיין האַרץ פונ׳ם ווייטען מערב! אַ פלאַמענדיגער רחמנות נעמט מיך אָן, אַז איך דערמאָן זיך וועגען דיין געוועזענער גרויסקייט, וואָס איז איצט פערשוואונדען, וועגען דיין וואוינונג, וואָס איז איצט פערוויסט. ווער וועט מיך אַוועקטראָגען אויף אָדלער-פליגלען — און איך וואָלט אָנגעטרונקען די ערד מיט מיינע טרערען, איך וואָלט אַרומגענומען און געקושט דיינע שטיינער, און דער געשמאַק פון דיינע פעלזען וואָלט פאַר מיר געווען זיסער פון האָניג!... מיין האַרץ איז אין מזרח, און איך בין אין עק מערב, — ווי אַזוי קאָן אַ טעם האָבען דאָס, וואָס איך עס, און ווי קאָן עס זיס זיין? ווי אַזוי קאָן איך מקיים זיין מיינע נדרים, וויבאַלד אַז ציון געפינט זיך אין די קייטען פון אדום (פון די קרייץ-פאָהרער, וואָס האָבען געגרינדעט דאָס ירושלים׳ער קיניגרייך), און איך בין אינ׳ם אַראַבערס געפאַנגענשאַפט? ס׳וואָלט מיך ניט געדרייצט אַלדאָס גוטס פון שפאַניען, ווען איך וואָלט נאָר מיט מיינע אויגען געקאָנט זעהן דעם שטויב פונ׳ם צעשטערטען בית-המקדש”.

די דאָזיגע ליידענשאַפטליכע בענקשאַפט נאָך ציון איז געווען ניט נאָר דער פועל-יוצא פון פּאָעטישער התפעלות: זי האָט אַרומגענומען דעם גאַנצען מהות פון ר׳ יהודה הלוי, וואָס פאַר איהם איז געוואָרען אַ הייליגער וואונש — צו זעהן די הייליגע חורבות און, קוקענדיג אויף זיי, זיך אַריבערצוטראָגען אויף די פליגלען פון געדאַנק צו דער גרויסער פערגאַנגענהייט פון אידישען פאָלק. דער פּאָעט האָט ניט געקאָנט ביישטייהן דעם נסיון אַנטקעגען דעם דאָזיגען „האַרצענס-נדר”. נאָך זיין ווייבס טויט האָט ער פערלאָזען זיין שטילע היים אין שפּאַניען, האָט זיך צעשיידט מיט זיין איינציגע טאָכטער און געליבטען

אייניקעל, מיט זיינע תלמידים און גוטע פריינד, און האָט זיך געלאָזט אין דער ווייטער און געפעהרליכער נסיעה קיין ארץ-ישראל (אַן ערך אין יאָהר 1140). אויפ'ן שיף האָט ר' יהודה הלוי פערפאַסט יענע הערליכע שירים, וואו עס זיינען מיט אַזאַ קינסטלערישער קראַפט געשילדערט דער שטורעמדיגער ים און דער גייסט-צושטאַנד פון אַ מענשען אין מיטען דער גרויסער וואַסער-סטיכיע.

אונטערוועגס האָט דער פאָעט זיך אָבגעשטעלט אין מצרים און האָט געוואוינט אַ געוויסע צייט אין אַלכסנדריא, קאַאיראָ און דאַמיעטאַ. דאָ איז ער געווען אַרומגערינגעלט פון איבערגעבענע פערעהרער, וואָס צווישען זיי האָט זיך געפונען דער מנהיג (נגיד) פון די עגיפּטישע אידען, שמואל אבו-מאַנסור, אַן איינפלוסרייכער שר ביים הויף פון עגיפּטישען חאַליף (§ 81). פון מצרים איז רבי-יהודה הלוי אַוועק קיין ארץ-ישראל, און קודם כל קיין ירושלים, וואָס איז אין יענער צייט געווען אין די הענד פון די קרייץ-פאָהרער. וואָס איז געוואָרען מיט'ן פאָעט אין ארץ-ישראל — וועגען דעם שווייגט די געשיכטע; ס'איז אַפילו ניט בעוואוסט, צי האָט ער דערגרייכט ביז ירושלים, דעם ציעל פון זיינע פייערדיגע שטרעבונגען, וואו די קריסטען האָבען געהאַט פערבאָטען די אידען צו וואוינען. ווי עס ווייזט אויס, איז ער געשטאָרבען, באַלד ווי ער איז אָנגעקומען אין ארץ-ישראל.

אַ לעגענדע דערציילט, אַז בשעת ר' יהודה איז געקומען צו די טויערן פון ירושלים און האָט פון וויטענס דערזעהן די חורבות פון דער הייליגער שטאָדט, האָט ער קריעה געריסען און איז אַנידערגעפאַלען אויף דער ערד, בענטשענדיג זי מיט זיינע טרערען. דאָ האָט איהם אָנגענומען די בעגייסטערונג, און ער האָט אָנגעהויבען זינגען זיין בעריהמטע עלעגיע, וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „ציון, הלא תשאלי לשלום אסיריך" (ציון, דו ועסט דאָך פרעגען, וואס מאַכען דיינע געפאַנגענע). אין יענער צייט איז פערבייגעריטען אַן אַראַבישער רייטער. אַז ער האָט דערזעהן דעם אידישען פאָעט, וואָס איז געלעגען אויף דער ערד און האָט מתפלל געווען, איז ער אַרויפגעריטען אויף איהם און האָט איהם צעטראָטען מיט זיין פערד.

די דאָזיגע שיינע פאָלקס-מעשה'לע איז, איבעריגענס, אַן אויסגעטראַכטע, וואָרום די דערמאָנטע עלעגיע איז בלי-ספק פערפאַסט געוואָרען נאָך אין יענער צייט, בשעת דער פאָעט האָט זיך געפונען אין שפּאַניען.

דאָס איז איינע פון די בעסטע עלעגיעס, וואָס רבי יהודה הלוי האָט אָנגעשריבען און וואָס מען זאָגט זיי נאָך עד היום אין די שולען אַלע יאָהר אום תשעה באב. דאָ האָט דעם פאָעט בעגייסטערט ניט נאָר דער צער פון די עינויים, נאָר אויך דער שטאָלצער צאָרן קעגען דער היסטאָרישער אומגערעכטיגקייט:

„ציון, דו וועסט דאָך פרעגען, וואָס מאַכען דיינע געפאַנגענע, וואָס בעגריסען דיך און וואָס זיינען די רעשטען פון דיין (צעזייהטער) טשע-רעדע. פון מערב און פון מזרח, פון צפון און פון דרום שיקען זיי אַ

דיר אַ גרוס פון ווייט און פון נאָהענט. אַ געררוס נעם צו אויך פון'ם געבונדענעם פון (דיין) ליעבע, וואָס פערגיסט זיינע טרערען, ווי דער טוי פון חרמון, און וואָס גאַרט צו פערגיסען זיי אויף דיינע בערג!... ווי וואָלט איך געוואָלט אויסגיסען מיין האַרץ אין יענעם אָרט, וואו גאָטס גייסט האָט גערוהט אויף דיינע אויסדערוויילטע! דו פּאַלאַץ פון מלכים, גאָטס גרויסער שטול, ווי האָבען זיך איצט קנעכט געזעצט אויף די טרוינען פון דיינע הערשער? ווער וועט מיך לאָזען אַרומבלאָנזשען אין די ערטער, וואו גאָט האָט זיך בעוויזען דיינע נביאים און שלוחים! ווער וועט מיר פליגלען געבען — און איך וואָלט צו דיר געפלויגען ווייט; איך וואָלט געוואָרפען מיין האַרצענס שטיקער צווישען דיינע חורבות; איך וואָלט מיט מיין פנים צו דיין ערד צוגעפאַלען, צו דיינע שטיינער זיך צוגע־טוליעט און דיין שטויב געקושט. איך וואָלט געשטאַנען ביי די קברים פון מיינע אבות און וואָלט אין חברון זיך געוואונדערט איבער דער שיינקייט פון דיינע מערות. איך וואָלט זיך דורכגעגאַנגען איבער דיין וואַלד, דיין כרמל, וואָלט אָבגעשטעלט זיך אין גלעד און אויף דיין באַרג עברים געקוקט... דיין לופט בריינגט אַ חיות פאַר דער נשמה, די שטויב פון דיין ערד איז מיט בשמים פול, און מיט זיסע האָניג פליסען דיינע טייכען. מיר וואָלט ליעב געווען אַרומצובלאָנקען באָרוועס און נאַקעט אַרום די ליידיגע חורבות, וואָס זיינען געווען אַמאָל דיינע פּאַלאַצען!... צי דען קאָן איך עסען און טרינקען, ווען איך זעה, ווי הינט שלעפען אַרום די קערפּערס פון דיינע לייבען? ווי קאָן איך געניסען די ליכט פון דער זון, בשעת איך זעה אין די ראָבענס שנאָבלען די טויטע קערפּערס פון דיינע אָדלערס?... צי קאָנען זיך מיט דיר גלייך שטעלען שנער און פתרוס (בבל און מצרים), און צי דען קאָן זייער אָבערגלויבען זיך פער־גלייכען מיט דיין אייביגער חכמה? צי דען קאָן זיך געפינען אַזעלכעס, וואָס זאָל זיין גלייך צו דיינע געזאַלבטע און נביאים, צו דיינע זינגער און לויים?"

אין די דאָזיגע ליידענשאַפטליכע ערגיסונגען פון'ם גרויסען נאַצי־אָנאַלען פּאָעט הערט זיך די בייגקשאַפט ניט אַזוי נאָך דער פּאָליטישער, ווי נאָך דער גייסטיגער ציון, דער צער איבער דעם אידישען נאַציאָנאַלען גייסט, וואָס איז אין גלות, איבער דעם, וואָס דאָס פאָלק איז אָבגעריסען פון זיינע נאַציאָנאַלע טראַדיציעס. אַזעלכע געפיהלען זיינען געווען געדרונגען פון דעם פּאָעטס אַלע פילאָסאָפישע און רעליגיעזע איבערצייגונגען, פון זיין וועלט־אָנשוי־אונג, וואָס איז געגרינדעט אויפ'ן יסוד, אַז דאָס אידישע פאָלק פערנעמט דעם דעם מיטעלפונקט פון דער היסטאָריע.

זיין פילאָסאָפישע סיסטעם האָט ר' יהודה הלוי ענטוויקעלט אין אַ ספר, וואָס איז אָנגערופען געוואָרען אין אַראַבישען אָריגינאַל: „דער ספר פון די ראיות אויף צו פערטיידיגען אַ דערנידעריגטע אמונה" און וואָס אין דער העברעי־אישער איבערזעצונג איז ער בעוואוסט אונטער'ן נאָמען „ספר הכוזרי". דעם

דאָזיגען חיבור בילדעט אַ שמועס צווישען אַ חאַזאַרישען קיניג און צווישען אַ געלערנטען אידען (חבר) וועגען די העכסטע יסודות פון דער רעליגיע בכלל און פון דער אידישער בפרט. דער מחבר האָט אויסגענוצט די בעוואוסטע לעגענדע וועגען דעם, ווי אַזוי די חאַזאַרען האָבען אָנגענומען די אידישע אמונה (§ 77), נאָר ער האָט זי אומגעענדערט צוליעב דעם צוועק פון זיין שמועס.

אַ חאַזאַרישער קיניג, אַ געצענדיענער, האָט געוואָלט אָננעמען די ריכטיגסטע און פערשטאַנדיגסטע רעליגיע — און האָט זיך לכתחילה געווענדט נאָך אַן עצה צו אַ פילאָסאָף. דער פילאָסאָף האָט איהם געגעבען אַ בעגריף וועגען גלויבען אינ׳ם גייסט פון פלאַטאָן און אַריסטאָטעלעס. נאָר דער קיניג האָט זיך ניט בעפרידיגט מיט דער דאָזיגער פילאָסאָפישער סיסטעם, וואָס לויט איהר איז די גאָטהייט אַן אַבסטראַקטע קראַפט, וואָס פערמאָגט ניט קיין ווילען און ניט קיין בעוואוסטען תכלית אין דער וועלט-בעשאַפונג, וואו דעם מענשענס גאַנצעס לעבען און די גאַנצע זיטליכקייט ווערען בעשטימט דורך טרוקענע פאָרמעלן פונ׳ם מענשליכען שכל. די בעראַטונג מיט׳ן קריסט און מיט׳ן מחמדאַנער, וואָס האָבען ביידע זיך סומך געווען אויפ׳ן תנ״ך, אַלס דעם מקור פון זייערע אמונות, האָבען בעוואויגען דעם חאַזאַרישען קיניג איינצולאַדען צום שמועס אויך אַ אידישען חכם. דער איד בעקענט דעם חאַזאַרישען קיניג מיט דער גאַנצער פילאָסאָפיע פון דער יהדות.

די תורה פון דער יהדות איז געגרינדעט, לויט דער מיינונג פונ׳ם אידישען חכם (ד. ה. פון רבי יהודה הלוי גופא), ניט אויף בעטראַכטונגען פון מענשליכען שכל, וואָס קאָנען זיין אויך פאַלש, נאָר אויף אמת׳ע פאַקטען פון דער אַנטפלעקונג און אויף די בעווייזען פון די נביאים, וואָס זיינען פערבליבען אין תנ״ך. בעשטרייטען די דאָזיגע פאַקטען, וואָס אַנומעלט האָבען זיי געזעהן הונדערטער טויזענדער מענשען, וואָלט געהייסען אָבלייקענען די ריכטיגקייט פון דער געשיכטע בכלל. די היסטאָרישע רעליגיע פון דער אַנטפלעקונג איז העכער פאַר דער נאַטירליכער רעליגיע. גאָט האָט זיך אַנטפלעקט צוערשט די בני ישראל, ווייל די לעצטע האָבען פריהער. פאַר אַנדערע פעלקער אַרויסגעוויזען די פייהיגקייט צו דערקענען גאָט. פון זיי האָט דער אמת זיך געמוזט פערשפרייטען איבער דער גאַנצער וועלט, פונקט אַזוי ווי די בלוט שטרוימט אַרויס פון הארץ איבער׳ן גאַנצען אָרגאַניזם און בעלעבט איהם. די אידישע נאַציע בעציהט זיך צו אַנדערע נאַציעס, ווי די הארץ צו די איבעריגע אברים פון גוף. אויפ׳ן אידען זיינען אַרויפגעלייגט געוואָרען אַזוי פיעל מצוות טאַקע צוליעב דעם, בכדי צו ווענדען אַלע זיינע שריט אין לעבען צום העכסטען צוועק און איינצוגעוויינען איהם צו טון אַלצדינג אינ׳ם נאָמען פונ׳ם געטליכען געזעץ. די יהדות שטרעבט צו דער האַרמאָנישער ענטוויקלונג און השלמה פון אַלע בעסטע כוחות, וואָס זיינען איינגעפלאַנצט געוואָרען אין דער נשמה, דעם חלק אלוה ממעל. אין דער אידישער עטיק ליגט דער פרינציפּ פון „קדושה", ד. ה. פערהייליגונג פון אַלע פשוט׳ע לעבענס-אַקטען דורך רעליגיעזע צערעמאָניעס. אַדאַנק דער דאָזיגער אייגענאַרטיגער גייסטיגער דיסציפּלין האָט דאָס אידישע פאָלק געקאָנט

זיך האַלטען צווישען די פעלקער. די צייטווייליגע צרות פון דער כנסת-ישראל, איהר גלות און איהרע פורעניות קאָנען ניט דיענען פאַר אַ טענה קעגען דער ריכטיגקייט פון דער יהדות, נאָר זיי בילדען אַ נויטווענדיגען טייל פון יענער ערציהונגס-פראָגראַם, וואָס גאָט האָט אָנגעצייכענט פאַר זיין אויסדערוויילטען פאָלק.

דאָס איז רבי יהודה הלוי׳ס רעליגיאָנס-פילאָסאָפיע, וואָס איז געגרינדעט מעהר אויף אַ הייסען גלויבען און נאַציאָנאַלען געפיהל, איידער אויף שטריינגע סברות פון קריטישען געדאַנק. איך דער פערזענליכקייט פון רבי יהודה הלוי קאָן מען ניט אָבטיילען דעם פאָעט פונ׳ם פילאָסאָף. סיי זיין פאָעזיע און סיי זיין פילאָסאָפיע האָבען זייער שורש אינ׳ם גאַנג פון דער נאַציאָנאַל-היסטאָרישער ענטוויקלונג פון אידישען פאָלק. דער העלעניזם, וואו דער עטישער פרינציפּ טרעט אָב דעם אָרט דעם עסטעטישען, איז פאַר איהם פרעמד. „לאָז זיך ניט רייצען דורך דער חכמת יונית — זאָגט ער — זי האָט בלויז קווייטען, אָבער ניט קיין פירות״; אין איהר איז פאַרהאַן שיינקייט, אָבער ס׳איז ניטאָ קיין אימפּעראַטיווער אמת. די ראַציאָנאַליסטישע פילאָסאָפיע גיט קענטעניש, אָבער ניט קיין כללים, ווי צו פיהרען זיך אין לעבען. אין דעם פרט איז ר׳ יהודה הלוי אַן אָנהייגער פון זיין עלטערן אַראַבישען בן-דור אַלגאַזאַלי, וואָס האָט אויך אין זיין בוך „די הורבה פון די פילאָסאָפען״ געמיהט זיך צו בעפרייען די רעליגיע פון דער מוטאַזיליטישער פילאָסאָפיע.

די בערעכטיגונג פון דער רעליגיע איז ניט אין שכל, נאָר אין דעם פשוט׳ען געפיהל און אין דער אַנטפּלעקונג — אָט דער דאָזיגער הויפּט-פונקט אין ר׳ יהודה הלוי׳ס שיטה איז געווען פונקט דער היפוך פון דער ראַציאָנאַליסטישער ריכטונג פונ׳ם אידישען געדאַנק, וואָס איז ענטשטאַנען זינט ר׳ סעדיה גאון. מיט דער דאָזיגער ריכטונג האָבען געמוזט נאָך אויסהאַלטען אַ שווערען קאַמף גבירול׳ס נעאָפּלאַטאָניזם און רבי יהודה הלוי׳ס טראַדיציאָנאַליזם — די שיטות פון צוויי דיינקער, וואָס זיינען געווען מעהר פאָעטען, איידער פילאָסאָפען.

ר׳ אברהם אבן-עזרא; אלחריזי.

§ 92. דורך גאָר אַן אַנדער גייסט האָט זיך אויסגעצייכענט אַן אַנדער פאָעט און דיינקער, ר׳ יהודה הלוי׳ס בן-דור און בן-עיר, ר׳ אברהם אבן-עזרא (געבאָרען אין טאָלעדאָ אַן ערך אין יאָהר 1092). אין דעם דאָזיגען שריפטשטעלער איז געווען מעהר ענטוויקעלט די נטיה צום וויסענשאַפטליכען קריטישען אַנאַליז, איידער צום סינטעז. אַלס פיעלזייטיג געבילדעטער מאַן, האָט ר׳ אברהם אבן-עזרא זיך פערנומען מיט גראַמאַטיק, ביבלישע פאָרשונגען, מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע, פילאָסאָפיע און פאָעזיע. קיין מזל האָט ער ניט געהאַט. ער איז געווען זייהר ארים, און דאָס לעבען האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען. „פאַרוואָס איך זאָל זיך ניט נעמען — בעקלאָגט ער זיך בדרך הגזמה אין איין שיר — קיין זאַך גיט זיך מיר ניט איין, ווארום די שטערען אין הימעל האָבען

פערדאָרבען מיין לעבענס-וועג. ווען איך וואָלט געהאַנדעלט מיט תכריכים, וואָלט צייט מיין גאַנצען לעבען קיין איין מענש ניט געשטאָרבען; אויב מיין מסחר וואָלט געווען מיט ליכט, וואָלט די זון ניט אונטערגעגאַנגען ביז מיין טויט".

ניט געפינענדיג קיין בעשיצער ביי זיך אין דערהיים, אין טאָלעדאָ, האָט ר' אברהם אבן-עזרא אין יאָהר 1140 זיך אַוועקגעלאָזט וואַנדערן איבער דער וועלט. ער האָט בעזוכט אַפריקע, עגיפטען, ארץ-ישראל, בבל. אָנגעלאָדען מיט אַ סך נייע בעאָבאַכטונגען און קענטעניסען האָט ער זיך אומגעקעהרט צוריק פון מזרח קיין אייראָפּע און האָט זיך בעזעצט אויף אַ לייגערער צייט אין רוים. די איטאַליענישע אידען האָט זיך אין יענער צייט געלעבט לפי-ערך גוט, נאָר זייער אינטעלעקטועלע מדרגה איז געווען ניט הויך. אבן-עזרא'ס קומען צו פאָהרען האָט דאָ לעבעדיגער געמאַכט אַ ביסעל די אינטעלעקטועלע טעטיגקייט. ס'האָבען זיך געפונען רייכע מעצענאַטען, וואָס האָבען אויפגענומען ביי זיך דעם שפּאַנישען געלערנטען וואַנדערער. אבן-עזרא איז ניט איינגעזעסען אין איין אָרט: אין משך פון 15 יאָהר האָט ער געוואוינט אין פערשיידענע שטעדט פון איטאַליען — אין רוים, סאַלערנאָ, מאַנטוא, לוקאַ. אומעטום פלעגען זיך צונויפקלייבען אַרום איהם תלמידים, וואָס פלעגען מיט גרויס חשק און התמדה הערען די וויסענשאַפטליך-פילאָסאָפישע אַנטפּלעקונגען פונ'ם „ספרדי" און האָבען עס דערנאָך פערשפּרייט צווישען די איטאַליענישע אידען.

אין איטאַליען האָט אבן-עזרא אָנגעשריבען און פערעפענטליכט אַ גרויסען טייל פון זיין הויפּט-ווערק — אַ קריטישען פירוש אויף תנ"ך (אויפ'ן חומש און אַ סך ספרים פון די „נביאים" און „כתובים"). דער פירוש איז אָנגעשריבען אין אַ שיינער העברייאישער שפּראַך און אין אַ קורצען סטיל, וואָס דער מחבר איז געווען אַ מושלם דערין. די הויפּט-בעדייטונג פונ'ם דאָזיגען ווערק בעשטייהט אין זיין נייער קריטישער ריכטונג. די פריהערדיגע מפרשים פון דער תורה פלעגען צוטרעטען צו זייער אַרבייט מיט פאָראויסגעזעצטע מיינונגען: אייניגע פלעגען זוכען דערין אַ מאַטעריאַל פאַר געזעצגעבערישע קאָמבינאַציעס און מסקנות, אַנדערע — פאַר דאָגמאַטישע און פילאָסאָפישע סיסטעמעס, די דריטע — פאַר דרשות מיט מוסר. ר' אברהם אבן-עזרא האָט אויף זיך גענומען מפרש צו זיין די תורה בלויז מיט איין צוועק — אויפצודעקען איהר דירעקטען זין, דעם פשט פון איהר. ער ערקלערט דעם אינהאַלט פון די הייליגע ספרים פונקט אַזוי ווי מען דערקלערט איטליכס אַלט קלאַסיש ווערק: ער שטעלט פעסט דעם גראַמאַטיקאַלישען און לאָגישען פשט פון טעקסט, די היסטאָרישע פערבינדונג צווישען די געשעהענישען, די אָבשטאַמונג פון אייניגע ספרים פון תנ"ך, און אַגב-אורחא זאָגט ער אַרויס טיעפזיניגע פילאָסאָפישע בעמערקונגען. טיילמאָל טרעט ער אָב פון די אַלטע טראַדיציעס און ווייזט אַרויס די סתירה צווישען זיי מיט'ן פשוט'ען פשט פון טעקסט; נאָר אַזעלכע דרייסטע בעמערקונגען דריקט ער אויס אין רמזים און האַלבע ווערטער, איינקליידענדיג זיינע געדאַנקען אין אַזאַ פאָרם, אַז דער אָרטאָדאָקס וועט ניט געפינען אין זיי קיין שום אפיקורסות, און דער פריידענקער וועט בעקומען אַן אימפּולס צו דער ווייטער-

דיגער פאַרשונג (אַזעלכע זייַנען, למשל, די רמזים, אַז אַ סך ערטער פון חומש שטאַמען פון אַ שפּעטערדיגער צייַט, אַז די צווייטע העלפט פון׳ם „ספר ישעיה״ געהערט צו אַ שפּעטערדיגען, באַבילאָנישען נביא און אַז. וו.). אויף אַזאַ אופן קאָן מען אבן-עזרא׳ן רעכענען פאַר׳ן ערשטען ביבעל-קריטיקער. די קורצקייט פון זיין פירוש און די רמזים, וואָס געפינען זיך אין איהם, האָבען בעוואויגען שפּעטערדיגע געלערנטע צו שרייבען אויף איהם פירושים.

אין אייגען צוזאַמענהאַנג מיט אבן-עזרא׳ס פירוש אויפ׳ן תנ״ך שטייהען זיינע אַרבייטען איבער העברייאישער גראַמאַטיק. אין אַ גאַנצער רייהע גראַמאַטיקאַלישע פאָרשונגען (צחות״, „מאזנים״, „שפה ברורה״) האָט ער בעקאַנט געמאַכט די ברייטע לעזער-קרייזען מיט די רעזולטאַטען פון די אַרבייטען פון די שפּאַנישע געלערנטע, וואָס האָבען געשריבען זייערע ווערק על-פּי-רוב אויף אַראַביש, וואָס די אידען פון די אַנדערע לענדער, חוץ שפּאַניען, האָבען עס ניט פערשטאַנען.

פון די וועלטליכע וויסענשאַפטען האָט ר׳ אברהם אבן-עזרא מעהר פון אַלץ זיך פערנומען מיט מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער טעאָריע פון לוח און מיט אַסטראָלאָגיע. איבער די פראַגען האָט ער אָנגעשריבען עטליכע ביכער, וואָס זייַנען געווען בעוואוסט אויך צווישען קריסטליכע געלערנטע. ער האָט אויך אָנגעשריבען אַ ספר איבער רעליגיאָנס-פילאָסאָפיע („יסוד מורא״), בכדי צו ערקלערען די בעדייטונג פון די ביבלישע געבאָטען.

אַלס פּאָעט שטייהט ר׳ אברהם אבן-עזרא בעדייטענד נידעריגער פאַר ר׳ יהודה הלוי. אין זיינע רעליגיעזע שירים, וואָס ווערען געברויכט אין דאַווענען לויט׳ן נוסח ספרד, איז פאַרהאַן אַ סך טיפער אינעווייניגסטער געפיהל, אָבער נאָך מעהר געלערנטע טיעפזיניגקייט און שאַרפזיניגע רמזים אויף די אָדער יענע פסוקים פון תנ״ך. אין זיינע נאַציאָנאַלע עלעגיעס דערגרייכט ער קיין מאָל ניט צו דער הויך, אויף וועלכער ס׳שטייהט דער משורר פון די „ציונ׳ס״. ר׳ אברהם אבן-עזרא האָט אויך געשריבען שירים מיט אַ וועלטליכען אינהאַלט, לויב-ליעדער און בריעף צו גוטע פרייַנד, קלאָג-ליעדער אויף זיין ביטערן מזל, עפּיגראַמעס און שאַראַדעס. פון די דאָזיגע שירים קאָן מען אַרויסנעמען געוויסע ידיעות וועגען דעם פּאָעטס לעבען, וועגען זיינע וואָגלונגען און טרעפעניש׳ען.

אבן-עזרא׳ס וואָגלונגען האָבען ניט אויפגעהערט ביז זיין טויט. אין יאָהר 1155 האָט ער זיך אַריבערגעקליבען פון איטאַליען קיין דרום-פראַנקרייך, קיין פּראָוואַנס, וואו ער האָט געפיהרט בעקאַנטשאַפט מיט די אָרטיגע אידישע געלערנטע. נאָר ער האָט ניט געקאָנט לאַנג איינזיצען אויף איין אָרט. אין יאָהר 1158 זעהען מיר איהם אין לאָנדאָן, און אין צוויי יאָהר אַרום — ווידער אין נאַרבאָנאַ און אַנדערע שטעדט פון דרום-פראַנקרייך, וואו ער אַרבייט אויף אויסצובעסערן זיין פירוש אויף תנ״ך און שרייבט גראַמאַטיקאַלישע פאָרשונגען. שוין אויף די עלטערע יאָהרען האָט ר׳ אברהם אבן-עזרא אָנגעהויבען צו פיהלען בייַנקשאַפט נאָך דער היים. ער איז אַוועק קיין שפּאַניען, נאָר אין דער שטאָדט קאַלאַהאָרא, צווישען נאַוואַראַ און קאַסטיליען, איז ער געשטאָרבען (1167).

דער לעצטער פּאָעט פון דער שפּאַנישער רענעסאַנס-עפּאָכע איז געווען יהודה אַלחריזי (האָט געלעבט אַן ערך 1165 — 1225). אַ געבוירטיגער פון שפּאַניען, האָט ער פאַרבראַכט אַ סך יאָהרען פון זיין לעבען אויסערהאַלב שפּאַניען, דער עיקר אין די שטעדט פון דרום-פראַנקרייך (מאַרסעל, לונעל און אַנד.). ער האָט לאַנג אַרומגעוואַנדערט איבער די מזרח-לענדער, האָט בעזוכט מצרים, ארץ-ישראל און סיריען.

אלחריזי האָט אָנגעהויבען זיין ליטעראַרישע טעטיגקייט פון איבערזעצונגען; אונטערשטיצט פון ליעבהאָבער-מעצענאַטען, האָט ער איבערזעצט פון אַראַביש אויף העברייאיש די ווערק פון אַראַבישע, גריכישע און אידישע שריפטשטעלער. צווישען אַנדערע זאַכען, האָט ער איבערזעצט די „מאַקאַמען" אָדער נאָוועלען פונ'ם אַראַבישען פּאָעט האַרירי. שפּעטער האָט אלחריזי אָנגעשריבען לויט'ן מוסטער פון האַרירי זיין אייגענע זאַמלונג פון „מאַקאַמען", מיט'ן טיטעל „תחכמוני". אין פופציג אָבטיילונגען פונ'ם דאָזיגען ספר, וואו עס בייט זיך כסדר פּראָזאַ אין גראַמען און שירים, דערציילט דער פּאָעט לעבעדיג און אנציהענד וועגען זיינע וואַגלונגען און טרעפענישען אין פערשיידענע לענדער, אריינפלעכטענדיג אין זיין ערציילונג אַמאָל אויסגעטראַכטע פּאָעטישע מעשה'לעך, אַמאָל דידאַקטישע אָדער הומאָריסטישע כאַראַקטעריסטיקען פון פערשיידענע טיפּען מענשען, אַמאָל שמועסען איבער ליטעראַטור. צווישען אַנדערע זאַכען, גיט אלחריזי טרעפענדע כאַראַקטעריסטיקען פון דער רייה פּאָעטען, וואָס זיינען געווען פאַר איהם — גבירול, ר' יהודה הלוי, ר' משה אבן-עזרא און אַנדערע.

זיין אייגענע שאַפונג בעצייכענט דעם אָנהויב פון דער ירידה פון דער אידישער פּאָעזיע אין שפּאַניען. ער איז מעהר אַ גראַמען-מאַכער און סטיליסט, איידער אַ פּאָעט. ער גופאַ רעכענט זיך צו צו די עפּיגאָנען, וואָס קלייבען די ברעקלעך פונ'ם טיש פון די גרויסע אַלטע משוררים (תחכמוני, קאַפּ. י"ח).

ר' אברהם אבן-דאוד; ר' בנימין פון טודילא.

§ 93. אינ'ם פערבעהאַלטענעם קאַמף צווישען אַריסטאָטעליזם און נעאָ-פּלאַטאָניזם אין דער אידיש-אַראַבישער פילאָסאָפיע צום סוף פון דער תקופה, וואָס ווערט דאָ בעשריבען, איז מנצח דער אַריסטאָטעליזם. די ראַציאָנאַליסטישע אָדער פּאָזיטיווע ריכטונג בעקומט די אויבערהאַנד איבער דער אידעאַליסטישער. קעגען גבירול'ס רעליגיאָנס-פילאָסאָפיע און ר' יהודה הלוי'ס נאַציאָנאַלען אפּאָטעאָז טרעט אַרויס אַ ריכטונג, וואָס איהר ציעל איז — צוריקצוקעהרען זיך צו רב סעדיה גאון, צום קלאָרען פּאָזיטיווען דיינקען. דער פאָרשטייהער פון דער דאָזיגער ריכטונג איז געווען ר' אברהם אבן-דאוד (ראב"ד) פון טאָלעדא (אַן ערך 1110 — 1180).

אין זיין ווערק „אמונה רמה" (דערהויבענער גלויבען), וואָס איז אָנגעשריבען געוואָרען אויף אַראַביש, אַזוי ווי אַ קעגענגעוויכט קעגען ר' יהודה הלוי'ס ספר „וועגען דער דערנידעריגטער אמונה" (כוזרי), בעמיהט זיך אבן-דאוד צו

פערפעסטיגען די יסודות פון דער יהדות אויף די זיילען פון פערשטאַנד. לויט זיין מיינונג, לייגט אַרויף די מצות-עשה פון דער תורה „וידעת את אלהיך" (די זאָלסט דערקענען דיין גאָט) אַ חוב אויף איטליכען אידען צו דערקענען גאָט על-פי-שכל, און ניט בעגענוגענען זיך מיט'ן בלינדען געפיהל פון גלויבען. וויסענשאַפטליכע פילאָסאָפיע שטייהט דורכאויס בהסכם מיט דער יהדות, וואָס איהרע גרונד-הנחות האָבען ניט קיין מורא פאַר דער קריטיק. די פאָרשטעלונג וועגען גאָט, אַלס וועגען דער סיבה פון אַלע סיבות, וואָס אָהן איהר קאָן מען זיך די וועלט לאָגיש ניט דיינקען, געהערט גלייך סיי דער יהדות און סיי דער אַריסטאָטעלישער פילאָסאָפיע. קעגען ר' יהודה הלוי'ס דאָגמאַטישען קוק אויף דער ביבלישער אַנטפּלעקונג, שטעלט אבן-דאוד אַרויס אַ קריטישען קוק. די אַנטפּלעקונג איז געגרינדעט אויף דער נבואה (משה רבינו איז דער ערשטער און העכסטער נביא), און די נבואה איז נישט אַנדערש, ווי די העכסטע מדרגה פונ'ם מענשליכען גייסט אָדער שכל, וואָס דערנעהענטערט זיך צו זיין מקור — צום ו ע ל ט-ש כ ל. דאָס איז די דערקענטעניש פון גאָט, וואָס דערגייהט ביז צו קלאָרער זעהונג. די פּראַקטישע געבאָטען פון דער יהדות, אַלס מיטלען צו דער-גרייכען די דערקענטעניש פון גאָט און די השתלמות פון די מדות — זיינען ניט גלייך לויט זייער בעדייטונג. אבן-דאוד טיילט זיי איין אין פינף אָבטיילונגען. צו די העכערע אָבטיילונגען געהערען די דינים, וואָס זייער ציעל איז צו דער-מאָנען וועגען גאָט, אַלס בעשעפער און בעהערשער פון דער וועלט (שבת, די היסטאָרישע ימים טובים, די תפילות), אויסבעסערן די געפיהלען פון דער נשמה (ליבע צום חבר, רחמנות אויף שוואַכע) אָדער בעפעסטיגען דעם בעוואוסטזיין פון רעכט און אומרעכט (די דינים וועגען פאַמיליען-לעבען און די ציוויל-געזעצען); צו דער נידעריגער אָבטיילונג געהערען די ריטועלע דינים, אַ שטייגער ווי די אַלטע עבודה אין בית-המקדש און די דינים וועגען כשרות, וואָס אויך די אַלטע נביאים האָבען דאָס געהאַלטען פאַר אַ ביי-זאַך, אַ טפל.

די דאָזיגע אָנשויאונגען, וואָס האָבען אַריינגעפיהרט די קריטיק אין ענינים פון אמונה, זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער תקופה. אבן-דאוד'ס גרונד-אָנ-שויאונג, אַז די יהדות קאָן מען און מען מוז בריינגען בהסכם מיט דער פילאָ-סאָפיע, דיענט פאַר אַ רינג אין דער קייט, וואָס פערבינדט ר' סעדיה גאונ'ס אַלטע סיסטעם מיט דער גרויסער סיסטעם פונ'ם רמב"ם, וואָס הויבט דעמאָלט אָן געשאַפען צו ווערען און וואָס איהר אָנזאָגער איז געוועזען דער מחבר פון „אמונה רמה".

האָבענדיג גרויסע ידיעות אין תלמוד און פילאָסאָפיע, האָט ר' אברהם אבן-דאוד זיך אינטערעסירט אויך מיט יענעם וויסענשאַפטס-צווייג, וואָס דעמאָלט האָבען די אידען אינגאַנצען געהאַט איהם פערוואָרפען, דאָס איז — געשיכטע. אין זיין קליינעם ספר'ל „ס פ ר-ה ק ב ל ה" (דאָס בוך פון דער טראַדיציע) האָט ער געגעבען אַ קורצען איבערבליק איבער דער ענטוויקלונג פון דער באַביבלי-שער יהדות אין צוזאַמענהאַנג מיט דער געשיכטע פון די שפּאַנישע אידען אין 10 — 12 יאָהרהונדערט פון חסדאי אבן-שפרוט ביז'ן מחבר'ס תקופה. דער

דאָזיגער ספר איז אַזוי ווי אַ דירעקטער המשך פון דער בעוואוסטער „אגרת רב שרירא גאון“ (§ 79). דער „אגרת רב שרירא“ האָבען די שפּעטערדיגע דורות צו פאַרדאַנקען, וואָס זיי האָבען כּמעט קנאַפּע ידיעות וועגען דער תּקופה פון די גאונים פון בבל און פון די רישי-גלותא, און דער קליינער „ספר הקבלה“ האָט איינגעהיט פאַר די שפּעטערדיגע דורות די הויפּט ידיעות וועגען דעם אָנהויב פון דער עפּאָכע פון דער שפּאַניש-אידישער בילדונג.

פּונקט אַזוי ווי ר׳ שרירא גאון, האָט ר׳ אברהם אבן דאוד אויך געשריבען זיין כראָניק אַרויסגייהענדיג פון אַפּאָלאָגעטישע טעמים. אין יענער צייט האָט זיך אין שפּאַניען פון דאָס ניי אָנגעהויבען די ליטעראַרישע מחלוקות צווישען די קאַראַאימען מיט די רבניים. היות ווי די קאַראַאימען האָבען געלייקענט דעריין, אַז די רעליגיעזע מסורה ביי די אידען-תּלמודיסטען האָט זיך ניט איבערגעריסען, און זיי האָבען גע׳טענ׳ה׳עט, אַז וויבאַלד די גאונות אין די מזרח-לענדער איז אונטערגעגאַנגען, האָט די תּלמודישע יהדות אָנגעוואָהרען איהר געזעצליכע פאַרשטייהעריי, בכן האָט ר׳ אַברהם אבן-דאוד געשטעלט זיך פאַר אַ ציעל צו בעווייזען פּונקט דעם היפוך דערפון. צוליעב דעם האָט ער געגעבען אין זיין ספר אַ כראָנאָלאָגישען רייסטער פון די דורות חכמים און רעליגיעזע אַוטאָריטעטען פון׳ם גאַנצען תּלמודישען פּעריאָד און האָט אַריינגענומען אַהין אויך די רבנים פון זיין צייט. דערביי האָט ער בעזונדערס בעטאָנט דעם געדאַנק, אַז די גייסטליכע העגעמאָניע פון׳ם מזרח איז אַריבער צום מערב, און אַז די שפּאַנישע אידען זיינען די געזעצליכע יורשים פון די באַבילאָנישע גאונים, אַלס אַוטאָריטעטע מפרשים פון דער תּלמודישער געזעצגעבונג.

אברהם אבן-דאוד האָט מיט זיינע אויגען געזעהן דעם אָנפאַל פון די אַל-מאָהאַדען און די פּאָליטישע מהומות אין שפּאַניען אין דער צווייטער העלפט פון XII יאָהרהונדערט. ער גופא איז געפאַלען פאַר אַ קרבן פון די דאָזיגע מהומות: ער איז דער׳הרג׳עט געוואָרען אין טאָלעדאָ אין יאָהר 1180, בשעת עפּיס אַ פאָלקס-בעוועגונג, וואָס די סיבות און דער כאַראַקטער פון איהר זיינען אין דער געשיכטע ניט אויפגעקלערט געוואָרען.

אין איין רייה מיט׳ן איינציגען כראָניק-שרייבער אָדער כראָנאָגראַף פון יענער צייט שטייהט דער איינציגער רייזענדער-עטנאָגראַף צווישען די שפּאַנישע אידען, ר׳ בנימין פון טודילא (נאוואַרא), אין יאָהר 1160 האָט דער דאָזיגער דרייסטער מאַן אונטערגענומען אַ נסיעה איבער דער גאַנצער דעמאָלס בעקאַנטער וועלט. ער איז אַרומגעפאָהרען איבער אַ בעדייטענדען טייל פון אייראָפּע, אַזיען און אַפריקע. ער איז אַרויסגעפאָהרען פון סאַראַגאָסאַ און האָט בעזוכט דרום-פראַנקרייך און איבער מאַרסעל איז ער אָבגעפאָהרען קיין איטאַליען, נאָכדעם ווי ער האָט בעקוקט די שטעדט פון איטאַליען און ביזאַנץ (רוים, קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אַנד.), איז ער אַריינגעטראָטען אין אַזיען, וואו ער האָט אַרומגערייזט איבער סיריען, פּאַלעסטינע און מעסאָפּאָטאַמיען ביז באַגדאַד; פון דאָרט איז ער אַריינגעדרונגען אין פּערסיען און אַראַביען; דורך צפון-אַפריקע און עגיפּטען האָט ער זיך דערנאָך צוריקגעקעהרט אַהיים, קיין שפּאַניען, אין

יאָהר 1173; אויף אזא אופן איז ער אָבגעווען אין וועג אַן ערך דריי-צעהן יאָהר.

זיינע אײַנדרוקען פון דער נסיעה האָט ר׳ בנימין איבערגעגעבען אין זייהר אַן אינטערעסאַנטען ספר, וואָס איז בעוואוסט אונטער׳ן נאָמען „מסעות בנימין״. דאָ דערציילט דער אידישער רייזענדער, אַמאָל באריכות און אַמאָל בקיצור, וועגען די לענדער און פעלקער, וואָס ער האָט בעזוכט, וועגען די אָרטיגע אידישע קהילות, וועגען די מלאכות און מדות פון די אָרטיגע אײַנוואוינער בכלל, וועגען די אָרטיגע מסורות, בנינים, מצבות וכדומה. ער טיילט מיט ניט נאָר דאָס, וואָס ער גופא האָט געזעהן, נאָר אויך דאָס, וואָס ער האָט געהערט פון אַנדערע.

פונקט אַזוי ווי אַנדערע מיטעלאַלטערליכע רייזענדער, מאַכט ער ניט קיין חילוק צווישען פאַבעלהאַפטע מעשיות און ריכטיגע פאַקטען. נאָר פונדעסטוועגען האָבען זיינע ידיעות אַ גרויסען ווערט ניט נאָר פאַר דער געשיכטע פון די אידען, נאָר פאַר דער מיטעלאַלטערליכער געאָגראַפיע און עטנאָגראַפיע בכלל. אין ר׳ בנימינ׳ס בעשרייבונגען קאָן מען געפינען ידיעות וועגען אַזעלכע פערגעסענע ווינקלען פון אידישען ישוב, ווי ביזאַנץ; נאָר בעזונדערס וויכטיג זיינען דעם מחבר׳ס מיטטיילונגען וועגען די אידען אין אַזיען און אַפריקע.

פאַר די אייראָפּייאישע אידען האָט ר׳ בנימינ׳ס חיבור געדיענט פאַר׳ן הויפּט-מקור, פון וואַנען זיי האָבען געשעפּט ידיעות וועגען לעבען פון זייערע ברידער אין ווייטען מזרח אין יענער מהומה-צייט, בשעת צווישען אייראָפּע און אַזיען האָבען זיך געטראָגען די חיילות פון די קרייץ-פאָהרער. פון די בעשרייבונגען פונ׳ם רייזענדער זיינען זיי געוואָהר געוואָרען וועגען דער אָרגאַניזאַציע פון די אידישע קהילות אין מעסאָפּאָטאַמיען, סיריען און עגיפּטען, וועגען דער פעראָרימונג פון די אידען אין ארץ-ישראל, וועגען די אָרטיגע גלויבונגען און מנהגים. דאָס איז געווען אַ גערוס דעם מערב׳דיגען אידישען קיבוץ פון די מזרח׳דיגע גייסטיגע צענטרען, וואָס האָבען ווייטער געלעבט אויף זייער שטייגער אין דער אַטמאָספער פון שטילשטאַנד, אין דער צייט וואָס אין שפּאַניען האָט די פּראָגרעסיווע בעוועגונג אַרומגענומען אַלע געביטען פון אידישען לעבען.

אָנגעהויבען פון 16-טען יאָהרהונדערט איז דער חיבור פון ר׳ בנימין פון טודילא ניט איין מאָל געוואָרען איבערזעצט אויף די אייראָפּייאישע שפּראַכען, און דער נאָמען פונ׳ם דאָזיגען דרייסטען אידישען רייזענדער, וואָס האָט מיט הונדערטיאָהר פריהער פאַר׳ן בעריהמטען ווענעציאַנער מאַרקאָ פּאָלאָ אויסגעפאָרשט אַזיען, פערנעמט אַן אָנגעזעהענעם אָרט אין דער געשיכטע פון דער ערד-פאָרשונג.

פערטער קאפּיטעל.

די אידען פון דער קריסטליכער אייראָפּע און די קרייץ-צוגען.

דרום אייראָפּע: איטאַליען און ביזאַנץ.—פראַנקרייך.—דייטשלאַנד.—דער ערשטער קרייץ-צוג.—דער צווייטער קרייץ-צוג.—דער דריטער קרייץ-צוג און די אידען אין איינגלאַנד.—די פּעולות פון די קרייץ-צוגען אין פראַנקרייך.—די אידען אַלס „קאַמער-קנעכט" אין דייטשלאַנד.

דרום-אייראָפּע: איטאַליען און ביזאַנץ.

§ 94. פון די דריי האַלב-אינזלען, וואָס פערנעמען דעם דרום-טייל פון אייראָפּע, איז דער פּירענייאישער האַלב-אינזעל אין דער עפּאָכע, וואָס ווערט דאָ בעשריבען, געוועזען דער צענטער פון דער אַראַבישער ציוויליזאַציע, און דער אַפּעניניזשער און באַלקאַנישער האַלב-אינזעל — די צענטרען פון דער קריסטליכער ציוויליזאַציע. אין שפּאַניען האָט מען איבערגעלעבט „די עפּאָכע פון פערשטאַנד", אין איטאַליען און ביזאַנץ — „די עפּאָכע פון גלויבען". אין די מעטראָפּאָליעס פון דער מערב'דיגער און מזרח'דיגער קירך, אין דעם ווירקונגס-קרייז פון רוימישען פּויבסט און גריכישען פּאַטריאַרך, איז ניט מעגליך געוועזען קיין בשותּפות'דיגע קולטורעלע אַרבייט פון די אידען מיט דער אַרומיגער בעפעלקערונג, וואָרום דאָס גאַנצע לעבען איז דאָ אַיינרעגולירט געוואָרען דורך רעליגיעזע מאָטיווען. נאָר פון דער אַנדער זייט זעהען מיר דאָ אויך ניט, פונ'ם X-טען ביז'ן XII-טען יאָהרהונדערט, יענע רדיפות אויף אידען, וואָס זיינען פריהער געוועזען געוויינליך אין ביזאַנץ, און שפּעטער — אין אַנדערע מלוכות. וועגען די איטאַליענישע און ביזאַנטינישע אידען פון יענער תקופה פּאַסט זיך צו זאָגען לויט'ן מאמר פון תלמוד, אַז „זיי האָבען ניט געהאַט ניט די מנוחה פון צדיקים און ניט די פּורעניות פון רשעים". זיי האָבען געלעבט אין בעזונדערע, אײנגעשלאָסענע קהילות און האָבען גענאָסען אין אַ בעגרעניצטער מאָס בירגערליכע רעכט, און אין אַ ברייטערער מאָס — די רעכט פון אינעווייניגסטער זעלבסטפערוואַלטונג. זייער עקאָנאָמישע לאַגע איז, משמעות, געוועזען בעפרידיגענד. די איינוואוינער פונ'ם ברעג-לאַנד ביים מיטעללענדישען ים האָבען זיך פערנומען דער עיקר מיט עקספּאָרט

און אינטערנאַציאָנאַלען האַנדעל, און די איבעריגע — מיט מלאכות און קליינעם מסחר.

אין איטאַליען האָבען זיך געפונען בעדייטענדע אידישע קהילות אין די שטעדט רוים, ווענעדיג, טאַרענט, באַרי, אָטראַנטאָ, סאַלערנאָ, נעאַפּאָל, קאַפּוא; אויפ'ן אינזעל סיציליען איז געווען אַ גרויסע קהילה אין דער שטאָדט פּאַלערמאָ, אַ קלענערע — אין מעסינאַ. די לאַגע פון די אידען אין פערשיידענע ערטער פון איטאַליען איז געווען פערשיידען, אָבהייגניג פון דער אַלגעמיינער לאַגע פון די אָדער יענע פּראָווינצען פון דער דאָזיגער פּאָליטיש צעברעקעלטער מדינה.

נאָכדעם ווי עס איז פונאַנדערגעפאַלען קאַרל דעם גרויסענס מאָנאַרכיע, איז איטאַליען אויך צעפאַלען אויף קליינע מלוכות (גראַפשאַפטען און שטאָדטישע רעפּובליקען), און ס'האָבען דאָרט געהערשט אונאויפהערליכע פּאָליטישע מהומות. איהרע דרום'דיגע מדינות, ווי אַ שטייגער נעאַפּאָל און סיציליען, זיינען ניט איין מאָל אַריינגעפאַלען אין די הענד פון די אַראַבער אָדער „סאַראַצינער". אין איבער-איטאַליען האָבען געהערשט מחלוקת'ען צווישען די מושלים פון פערשיידענע גראַפשאַפטען, וואָס האָבען געקעמפט פאַר דער קייזער'ליכער קרוין. זינט דעם יאָהר 962 ווערט איטאַליען אונטערטעניג דעם אויבערהערשאַפט פון די דייטשע מלכים, וואָס בעקומען דעם טיטעל „רוימישע קיסרים". נאָר אויך דאָס האָט ניט אויסגעליזט דאָס לאַנד פון אינעווייניגסטע מהומות, צו וועלכע ס'זיינען נאָך צוגעקומען די מלחמה-אָנפאַלען פון די נ אָ ר מ אַ נ ע ן, וואָס האָבען בעגרינדעט אין דרום-איטאַליען דאָס קיניגרייך נעאַפּאָל.

דעם גורל פון די אידען אין זיין מדינה פלעגט איטליכער רעגירער איינאָרדענען אויף זיין שטייגער. די נאָרמאַנישע פירשטען פון XII יאָהרהונדערט (ראָזשער I, ווילהעלם II) האָבען געגעבען די אידישע קהילות אינעווייניגסטע זעלבסטפערוואַלטונג, פּונקט אַזוי ווי די גריכען און סאַראַצינער. די דאָזיגע פרומע מושלים פלעגען אָפטמאָלס שייבקען דער אָרטיגער קריסטליכער גייסטליכקייט און די קלויסטערס די אָבצאָהלונגען פון פערשיידענע קהילות (סאַלערנאָ, פּאַלערמאָ און אַנד.), נאָר די אידען האָבען, משמעות, פערשטאַנען צו לעבען בשלום אויך מיט די קריסטליכע בעאַמטע. זייער צאָהל איז אין דרום-איטאַליען געווען גרעסער איידער אין צפון. און דער רייזענדער פון XII יאָהרהונדערט (ר' בנימין פון טודילאָ) בעצייכענט מיט אַ געפיהל פון נחת די גוטע עקאָנאָמישע לאַגע און די גוטע אָרדענונג פון די דאָרטיגע אידישע קהילות.

אַפילו אין רוים גופא, דעם פּויפּסט'ס רעזידענץ, האָבען די אידען געלעבט רוהיגער איידער אין אַנדערע לענדער, וואָס אויף זיי האָט זיך אויסגעשפּרייט די ממשלה פון רוימישען פּויפּסט. דער קעמפער פאַר'ן קירכליכען אַבסאָלוטיזם, דער פּויפּסט גרעגאָר VII, וואָס האָט שאַרף געטאַדעלט דעם קאַסטילישען קעניג אַלפאָנס, פאַרוואָס ער שטיצט צו-פיעל די אידען, האָט ניט אָנגענומען קיין שום שטרייננגע מיטלען קעגען די אידען, וואָס האָבען געוואוינט אין

זיין אייגענעם לאַנד. און אין הונדערט יאָהר אַרום איז דער פּויפּסט אַלכּסנדר III-טער (1159 — 1180) דערגאַנגען אין זיין ליבעראַליזם אַזוי ווייט, אַז ער האָט אָנגעטרויט די פערוואַלטונג איבער זיינע פינאַנסען אַ יונגען אידען י ח י א ל די מ א נ ס י, פון אַ געבילדעטער אַריסטאָקראַטישער משפּחה אין רוים. בשעת דער דאָזיגער פּויפּסט איז אַריינגעפאָהרען אין רוים, האָבען די אידען איהם פייערליך מקבל-פּנים געווען מיט פאָהנען און מיט אַ ספר-תורה אין די הענד, וואָס האָט אויף זיך געצויגען אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. אַלכּסנדר'ס גוטגינציגקייט האָט זיך אַרויסגעוויזען בעזונדערס אויף דער ל א ט ע ר א נ ע ר ק י ר כ ע ן-פ ע ר ז א מ ל ו נ ג פון יאָהר 1179, בשעת אַ סך פון די פערזאַמעלטע גרויסע גלחים האָבען פאָרגעלייגט אַ גאַנצע רייה בעגרעניצונגס-מיטלען קעגען אידען, נאָר זיי האָבען ניט בעגעגענט קיין מיטגעפיהל פון'ם פּויפּסטס צד. די פער-זאַמלונג האָט זיך בעגנוגענט דערמיט, וואָס זי האָט בעשטעטיגט די אַלטע קירכ-ליכע בעשטימונג, אַז עס איז פערבאָטען אַנדערשגלויביגע צו האַלטען ביי זיך קריסטליכע בעדיענונג. נאָר צוגלייך איז אין די החלטות פון דער קירכען-פער-זאַמלונג געווען בפירוש אויסגערעדט, אַז אידען ווערט געגעבען רעליגיאָנס-פריי-הייט, אַז עס איז פערבאָטען זיי צו שמד'ען איבערגעוואַלד, צו בערויבען זייער אייגענס אָדער בעשטראָפען זיי אָהן אַ משפּט.

איינער פון די פּויפּסטען, וואָס איז געווען פאַר אַלכּסנדר III, אַנאַלעק-טוס II (1130 — 1138), האָט געשטאַמט פון דער אידישער משפּחה פ י ע ר-ל ע א נ ע, וואָס האָט אָנגענומען דעם קריסטענטום. די פּאַרטיי, וואָס איז געווען פיינדליך קעגען דעם דאָזיגען פּויפּסט, איז געווען אויפגעבראַכט דעריבער, וואָס „אויפ'ן טראָן פון'ם הייליגען פּעטרוס זיצט איינער, וואָס שטאַמט אָב פון אידען”, און נאָך אַן אַכטיאָהריגער רעגירונג האָט אַנאַלעקטוס געמוזט אָבטרעטען זיין אָרט זיין געגנער, אינאָקענטיוס II.

עס ווייזט אויס, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן דאָזיגען פאַקט געפינט זיך די פאָלקס-לעגענדע וועגען „אידישען פּויפּסט” אלחנן. ביים אידישען געלערנטען ר' שמעון פון מאַינץ (מגנצא) — דערציילט די לעגענדע — האָט מען אָוועק-גערויבט זיין יונגען זוהן; דעם איינגעל האָט מען אָבגעשמד'ט און אויפגעהאָ-דעוועט אין אַ קאַטוילישען קלויסטער. דערנאָך איז ער געקומען קיין רוים, און אַדאַנק זיינע גלענצענדע כשרונות האָט ער דערגרייכט צום הויכען טיטעל פון אַ קאַרדינאַל, און דערנאָך איז ער אויסגעקליבען געוואָרען פאַר אַ פּויפּסט. נאָר טיעף אין האַרצען האָט אלחנן געבענקט נאָך זיין היים. היות ווי ער האָט גע-וואָלט זעהן זיך מיט זיין אַלטען פאָטער, האָט ער אָנגעווענדעט פאָלגענדען קונץ: ער האָט געהייסען דעם מאַינצער ביסקופּ צו אונטערדריקען די אָרטיגע אידען, רעכענענדיג, אַז די לעצטע וועלען שיקען דעמאָלט קיין רוים דעפּוטאַטען, וואָס צווישען זיי וועט זיך מסתמא געפינען דער בכבוד'ער רבי שמעון. און אַזוי איז טאַקע געווען. ר' שמעון איז געקומען צופאָהרען קיין רוים, בכדי זיך משתדל צו זיין פאַר'ן פּויפּסט, ער זאָל מבטל זיין דעם ביסקופּ'ס גזרות. דער פּויפּסט האָט לכתחילה געפיהרט מיט'ן אידישען געלערנטען אַ לאַנגען רעליגיעזען ויכוח,

וואו ער האָט אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינליכע ידיעות אין דער יהדות, דער־נאָך האָט ער געשפּיעלט מיט׳ן אַלטען אין שאָך (ער איז געווען אַ גרויסער ליעבהאָבער פון שאָך־שפּיעל), און צולעצט, ווען ער איז געבליבען מיט איהם אונטער פיער אויגען, האָט ער איהם אויסגעזאָגט זיין סוד. דער פּערציטערטער ר׳ שמעון האָט דערקענט אינ׳ם רוימישען פּויפּסט זיין פערלאָרען־געוואָרענעם זוהן אלחנן׳ען און האָט זיך איבערצייגט, אַז ער וויל זיך אומקעהרען צוריק צו אידישקייט. ער איז גיך אַוועק אַהיים קיין מאַינץ מיט׳ן פּויפּסטליכען דעקרעט, וואָס האָט מבטל געווען די גזרות קעגען אידען, און מיט דער פרייהליכער בשורה פאַר זיין ווייב, אַז דער פערפאַלענער זוהן האָט זיך געפונען. אין אַ געוויסער צייט אַרום איז דער פּויפּסט פּלוצלונג פערשוואונדען געוואָרען פון רוים. ער איז בעהאַלטענערהייד געקומען צו פאָהרען קיין מאַינץ, איז געוואָרען צוריק אַ איד און האָט געוואוינט אין הויז פון זיינע עלטערן. אַן אַנדער נוסח דערצייהלט, אַז וועלענדיג תשובה טון אויף זיין געצוואונגענעם שמד, זאָל דער פּויפּסט, זיך האָבען אַראָבגעוואָרפען פונ׳ם סאַנקט־פּעטרוס־טורעם און זיך צעשלאָגען אויף טויט.

די דאָזיגע לעגענדע, וואָס האָט געהאַט פערשיידענע נוסחאות, איז געווען זייער פערשפּרייט צווישען אידען. מיט אַזעלטע מעשה׳לעך פלעגט זיך דאָס פאָלק מאַכען גרינגער אויפ׳ן הארצען שפּעטער, אין די צייטען פון פורעניות, בשעת די רוימישע קירך האָט, לויט׳ן אויפטו פונ׳ם דעספּאָט אינאָקענטיוס III, אייננעשטעלט אין אייראָפּע דעם רעזשים פון דער פינסטערער געטאָ און פון דער אינקוויזיציע.

אין ביזאַנץ, דער מעטראָפּאָל פון דער גריכישער קירך, האָט די רעגירונג זיך אָבגעזאָגט פון יענער סיסטעם פון מאָסענהאַפטע רדיפות אויף אידען, וואָס זי האָט זיך געהאַלטען פאַר איהר פריהער (§ 76), הגם דעם בירגערליכען מעמד פון די אידען האָט זי ניט פערבעסערט. די עקאָנאָמישע ראָל פון די אידען אינ׳ם דאָזיגען לאַנד איז געווען צו וויכטיג, אַז די רעגירונג זאָל האָבען געקאָנט אומבעשטראָפטערהייד זיי רודפ׳ן. די אידען האָבען געהאַט אין דער ביזאַנטי־נישער אימפּעריע זייערע גרויסע קהילות; זיי האָבען געוואוינט אין דער אַלטער גריכענלאַנד, טעסאַליען, מאַקעדאָניען, טראַקיען און אויף די אינזלען פון אַר־כיפּעלאַג. די בעדייטענדסטע קהילות האָבען זיך געפונען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, סאַלאָניק און טעבען. די אידען האָבען זיך פערנומען מיט פערשיידענע מלאכות, בעזונדערס מיט זיידען־קולטור און פאַבריקאַציע פון זיידענע און פורפּורנע מאַטעריע. דער נעאַפּאָליטאַנישער קיניג ראָזשער האָט אַרויסגערופען פון ביזאַנץ אידען־ספּעציאַליסטען אויף אויסצובעסערן די זיידען־קולטור אין סיציליען. פון מלאכות איז מעהר פון אַלץ געווען פערשפּרייט פאַרבעריי, און די „אידישע פאַרב״ האָט געהאַט אַ שם אין דער דעמאָלטיגער מאַנופאַקטור.

אין די גרויסע שטעדט האָבען זיך געפונען אינאיינעם מיט די קהילות פון די תלמודיסטען אָדער רבניים אויך קאַראַאימישע קהילות. אין קאָנסטאַנטי־נאָפּאָל זיינען אויסגעקומען אויף 2000 רבניים 500 קראים. דאָ האָבען די אידען

געוואוינט אין פערא, דעם האַנדעלס-קוואַרטאַל פון דער שטאָדט, וואָס ליגט ביים ים. זייערע בירגערליכע רעכט זיינען, לויט די אַלטע קאַנאָנישע געזעצען, געווען זייהר בעגרעניצט, און די סאָציאַלע אָבגעזונדערטקייט איז געווען אַ נאַטירליכער רעזולטאַט פון אַזאַ לאַגע. די אַוטאָנאָמע געמיינדע, וואָס איז געוואָרען פערוואַלטעט דורך איהרע אויסגעקליבענע עלטסטע אָדער „עפאָרען", האָט בעפרידיגט די אינעווייניגסטע נאַציאָנאַל-גייסטליכע בעדערפעגישען פון די אידען. די אַלטע שנאה צו זיי מצד די גריכען האָט זיך דאָ אויסגעדריקט אין אַ גאַנצער רייה אויסנאַמס-געזעצען, וואָס האָבען בעליידיגט דעם אידענס מענשליכע ווערדע. צווישען אַנדערע האָט אַ איד, אַלס ניט קיין פרייער מענש, ניט געטאָרט רייטען אויף אַ פערד. פונ'ם לעצטען כלל האָט מען געמאַכט אַן אויסנאָם נאָר פאַר שלמה פון מצרים, דעם לייב-דאָקטאָר פונ'ם קייזער מאַנועל קאָמנען (1180). מען האָט אַראָבגענומען די העמד פון האַרצען און צוגעלאָזט דעם אידישען דאָקטאָר צו פערנעמען אַ שטעלע ביים הויף, מחמת מען האָט זיך גענויטיגט אין זיין טובה.

דער שטורעם פון די קרייץ-צוגען, וואָס האָט אָנגעריהרט ביזאַנץ, האָט אויפגעוועקט אַן אויפרעגונג צווישען די דאָרטיגע אידען. אין יאָהר 1096 האָבען זיך פערשפרייט צווישען זיי קלאַנגען וועגען דעם, אַז אין גיכען בעדאַרף אויפגעריכט ווערען די אידישע מלוכה אין ארץ-ישראל. אין סאַלאָניק האָט מען דערציילט וועגען די מופתים, וואָס בעווייזען, אַז משיח וועט אין גיכען קומען. די טרויעריגע ווירקליכקייט האָט צעשטערט די חלומות וועגען משיח'ן: די קאָנסטאַנטינאָפּאָלער אידען האָבען אינגיכען דערזעהן די באַנדעס פון די קרייץ-פאָהרער, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען דורך דער דאָזיגער שטאָדט און וואָס זייערע העמד זיינען געווען פערפלעקט מיט אידישע בלוט, און נאָך אין אַ געוויסער צייט אַרום האָבען זיי זיך דערוואוסט, ווי אַזוי די קרייץ-פאָהרער האָבען אויסגערייניגט ירושלים פון אידען (§ 81).

פראַנקרייך.

§ 95. אין דער קריסטליכער אייראָפּע איז פראַנקרייך געווען דאָס לאַנד, וואָס איז צום מייסט געווען בעוואוינט פון אידען. די גרויסע אידישע קהילות אין צפון און אין דרום, וואָס האָבען עקסיסטירט נאָך אין די צייטען פון די קאַראָלינגער, האָבען זיך ווייטער ענטוויקעלט עקאָנאָמיש און גייסטיג ביי די פערשיידענסטע פּאָליטישע תנאים. די לאַגע פון די אידען אונטער די ערשטע מלכים פון דער דינאַסטיע קאַפּעטינגער (987 — 1137) האָט זיך אין עצם ניט אומגעביטען אין פערגלייך מיט דער פריהערדיגער עפּאָכע. די פעאָדאַל-סיסטעם, וואָס איז געלעגען אין גרונד פון דער דעמאָלטיגער מלוכה-אָרדענונג, איז לא די וואָס ניט שוואַכער געוואָרען, נאָר זי איז אַפילו שטאַרקער געוואָרען, — און ביי אַזאַ סיסטעם האָט וועגען אַ וואָסער עס איז אַלגעמיינער פּאָליטיק בנוגע צו אידען קיין רייד ניט געקאָנט זיין. די פעאָדאַלע פירשטען האָבען

אָפטמאָלס געהאַט מעהר מאַכט, איידער די מלכים, און האָבען איטליכער אויף זיין שטייגער בעשטימט דעם גורל פון דער בעפעלקערונג אין זייערע מדינות. אין אייניגע ערטער איז מען זיך בעגאַנגען מיט אידען, ווי מיט א מאַסע, וואָס האָט קיין שום רעכט ניט, וואָס מען טראָגט קוים אַריבער איהר עקסיסטענץ, און אין אַנדערע האָבען זיי פאַקטיש געהאַט אַלע רעכט, וועלכע עס קאָן נאָר האָבען אַן אָבגעזונדערט פאָלק, וואָס האַלט טייערער די זעלבסטפערוואַלטונג פון זיינע קהילות, איידער דעם אנטייל אין די ענינים פון דער גאַנצער מלוכה.

די אָבגעזונדערטקייט אין געווען אַן אונאויסמיידליכע זאַך ביי די דעמאָלטיגע תנאים. די קריסטליכע גייסטליכקייט און די פינסטערע מאַסע, וואָס האָט זיך געפונען אונטער איהר פיהרונג, האָבען זיך געהאַלטען פעסט פאַר זייער שנאה צו אידען. די גייסטליכקייט האָט זיך ניט געקאָנט בערוהיגען דערמיט, וואָס עס עקסיסטירען מענשען, וועמענס גלויבען איז כנגד דער קירך. זי האָט זיך געפיהרט אין איהרע מעשים לויט די אַלטע קאַנאָנישע כללים, וואָס פערזאָגען, אַז אידען זאָלען ניט צוגעלאָזען ווערען צו קיין בכבוד'ע מלאכות און שטעלעס אין דער רעגירונג, און אַז מען זאָל זיי האַלטען אויף א נידעריגען מעמד. די „אומגלויביגע" אידען האָבען זיך געמוזט געפינען אין דער לאַגע פון א פער-וואָרפען פאָלק, כל-זמן זיי וועלען זיך ניט אָבזאָגען פון זייערע גלויבונגען, וואָס גייהען כנגד די דאָגמעס פון דער קירך. די גייסטליכקייט האָט ניט אויפגעהערט צו ערציהען די קריסטליכע מאַסען אין אַזא גייסט און צו איינפלאַנצען אין איהר אַזעלכע איבערצייגונגען. און אַזוי אַרום האָט זיך די מאַסע צו בּיסלעכ-וויז איינגעוואויהנט צו דעם געדאַנק, אַז די אידען זיינען א פאָלק, וואָס איז פער-שטויסען פון גאָט און וואָס פערדיענט ניט קיין רחמנות. אויף געלערנטע אידען פלעגט דער המון קוקען, ווי אויף שוואַרצקינסטלער. וועגען אידישע דאָקטוירים פלעגט מען דערציילען, אַז זיי געברויכען כישוף-מיטלען, וואָס זיי האָבען צו-געטראַכט כלומר'שט, בכדי צו פערטיליגען די קריסטען. בשעת דער קיניג הוגאָ קאַפּעט, וואָס איהם האָט קורירט א אידישער דאָקטאָר, איז געשטאָרבען פון א שווערער קראַנקהייט (996), איז דאָס פאָלק געווען איבערצייגט, אַז דעם קיניג האָבען גע'סמ'ט די אידען.

אין לימאָזש האָט דער אָרטיגער ביסקופ אַלדואין געהייסען די גלהים פריידיגען פאַר די אידען אין משך פון א חודש די יסודות פון דער קריסטלי-כער אמונה, און יענע, וואָס וועלען נאָך דעם דאָזיגען טערמין זיך ניט לאָזען איבערצייגען אין דער ריכטיגקייט פון קריסטענטום, האָט ער בעפויהלען צו פערטרייבען פון שטאָדט. אונטערשטיצט דורך אַזא סטראַשונעק, האָבען די גלחים'ס רייד געהאַט א ווירקונג בלויז אויף דריי-פיער אידען, וואָס האָבען מסכים געווען זיך צו לאָזען שמד'ען; די איבעריגע זיינען פערטריבען געוואָ-רען פון לימאָזש מיט זייערע ווייבער און קינדער (1010).

בכדי פונאַנדערצובלאָזען די ליידענשאַפטען פון המון קעגען די „אומ-גליביגע", פלעגט מען פונאַנדערלאָזען קלאַנגען, אַז די אידען זאָלען איינאייניגעם מיט די טערקען אונטערדריקען אין ארץ-ישראל די קריסטען, און צווישען אַנדערע

זאכען, אז זיי זאָלען האָבען צעשטערט דעם הייליגען קבר אין ירושלים. ס'איז געגאַנגען אַ קלאַנג, אַז די אידען פון דער שטאָדט אָרלעאַן זאָלען האָבען געשריבען דעם חאַליף אַ בריעף, וואָס דאָרט האָבען זיי איהם אונטערגעהעצט, ער זאָל צעשטערען די קריסטליכע הייליגטימער אין ארץ-ישראל. דורך אַזעלכע אויסגעטראַכטע מעשיות האָבען די קאַטוילישע גייסטליכע און די וועלטליכע פאַנאַטיקער אין פראַנקרייך פערענטפערט זייערע געוואַלדטאַטען קעגען אידען.

נאָר די רעכטליכע לאַגע פון אידען אין פראַנקרייך איז געוואָרען אייגערעגולירט ניט אַזוי דורך דער דאָזיגער פיינדליכער שטימונג פון דער אָרומיגער מאַסע, ווי דורך יענע עקאָנאָמישע און פיסקאַלישע נוצען, וואָס זיי האָבען געבראַכט דער געגעבענער געגענד און דעם געגעבענעם פעאָדאַלען מושל. עס האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ „מאָדוס וויווענדי", וואָס לויט איהם האָט מען די אידען געגעבען געוויסע רעכט און פריווילעגיעס, אַלס אַ קלאַס, וואָס איז נוציג פאַר דער אינדוסטריע, אָדער אַלס אַ גרויסען שטייער-אַרטיקעל, וואָס האָט איינגעבראַכט בעדייטענדע הכנסות דער מלוכה-קאַסע, וואָרום פון אידען פלעגט מען תמיד נעמען אָבצאָהלונגען אָהן אַ שיעור און אָהן אַ גרענ'ץ.

די דאָזיגע עקאָנאָמישע מאָטיווען האָבען בעוואויגען די רעגירער פון דרו̥ם-פראַנקרייך, וואָס איז שפּעטער בעוואוסט אונטער'ן נאָמען פראָוואַנס, צו בעציהען זיך צו אידען מעהר הומאַן, איידער אין צפון. אין'ם דאָזיגען רייכען קאַנט האָבען אידען גענומען אַ בעדייטענדען אָנטייל אין דער אינדוסטריע: זיי האָבען געהאַלטען אין אַרענדע מאַיאָנטקעס, האָבען געהאַט זאַלץ-גרובען, געפיהרט אַ ים-האַנדעל און גענומען אין אַרענדע די מלוכה-אָבצאָהלונגען. עטליכע ליבעראַלע גראַפען האָבען בעשטימט אידען אַפילו פאַר לאַנד-ריכטער, ניט רעכענענדיג זיך מיט די קירכליכע בעשטימונגען.

אין נאַרבאָנא, טולוזאַ, בעזיער, מאָנפּעליע, לונעל און מאַרסעל זיינען געווען גוט איינגעאָרדענטע אידישע קהילות, מיט אווטאָנאָמע אָנשטאַלטען פאַר בילדונג און צדקה, מיט אַ סך געזעלשאַפטליכע טוער און געלערנטע. אין בעזיער און טולוזאַ פלעגט די גייסטליכקייט, לויט'ן אַלטען מנהג, אָנהעצען די קריסטען אויף אידען ערב פסחא און זיי צורייידען צו נעמען נקמה פון די „שולדיגע אין קריסטוס'עס קרייציגונג" (§ 74); נאָר די דאָזיגע אָנפאַלען זיינען זעלטענער געוואָרען און האָבען דערנאָך אויפגעהערט אין XII יאָהרהונדערט. לויט אַן אָבמאַך מיט דער גייסטליכקייט, פלעגען די אידען אַלע יאָהר צאָהלען אַ „פסחא שטייער" לטובת די אָרטיגע קלויסטערס, און דערפאַר האָבען די גלחים זיך מתחייב געווען ניט אויפצוהעצען קעגען זיי דעם פאַנאַטישען המון.

דייטשלאַנד.

§ 96. דער אידישער קיבוץ אין דייטשלאַנד האָט אין יענער עפּאָכע, פונקט אַזוי ווי אין דער פריהערדיגער, געבילדעט אַ צווייג פון פראַנצויזישען שטאַם. צווישען די צפון-פראַנצויזישע און צווישען די דייטשע אידען איז קיין קולטורעלער אונטערשייד ניט געווען, וואָרום נאָך גאָר ניט לאַנג זיינען אויך

קיין פּאָליטישע גרענעיצען ניט געווען צווישען ביידע מלוכות, וואָס ווערען פונאַנדערגעטיילט דורכ'ן ריין. צום מיינסט געדיכט בעוואוינט פון אידען זיינען געווען די מערב'דיגע און דרום'דיגע געגענדען פון דייטשלאַנד, וואָס גרעניצען זיך מיט פראַנקרייך — דער לאַנד-שטריך ביים ריין, עלזאַס און לאָטרינגען. די שטעדט: מאַינץ, וואָרמס, טריה, קעלן, מאַגדעבורג — האָבען געהאַט בעדייטענדע אידישע קהילות.

די קהילות ביים ריין האָבען זיך געפונען דער עיקר אין די שטעדט, וואו עס האָבען געוואוינט די ביסקופּען, אונטערן שוץ פון גייסטליכע פּעאָדאַלען. דאָס האָט געקאָסט די „בעשיצטע" ניט וואָלוועל. אַלס פּייהיגער האַנדעלס-קלאַס, האָבען די אידען איינגעבראַכט גרויסע הכנסות די בעלי-בתים פון די שטעדט, און פערשיידענע פעאָדאַלע פירשטען און ביסקופּען האָבען געשטרעבט צו בעקומען דאָס רעכט צו „האָבען אידען". די ערשטע קיסרים פון דער סאַקסישער דינאַסטיע האָבען אָפטמאָלס געגעבען אַזאַ רעכט זייערע הערשענדע וואַסאַלען און שרים. דער קייזער אָטאָ דער גרויסער,* שיינקענדיג פערשיידענע פּריווילעגיעס דער מאַגדעבורגער קירך, האָט בעשטימט, אַז די אידען און די איבעריגע סוחרים אין מאַגדעבורג זאָלען זיך געפינען אויסשליסליך אונטער דער ממשלה-פונ'ם אָרטיגען ביסקופּ (965). אָטאָ II האָט בעשטעטיגט פאַר'ן מאַגדעבורגער אַרכיביסקופּ דאָס רעכט צו משפט'ען סוחרים, אידען און מענשען פון שטייער-קלאַס, וואָס וואוינען אין זיין עפּאַרכיע (973). אין דעמזעלביגען יאָהר האָט דער קייזער איבערגעגעבען אין רשות פונ'ם מערזעבורגער ביסקופּ „אַלע אידען און סוחרים" פון דער דאָזיגער שטאָדט.

חוץ די אָנגעוויזענע פאַקטען זיינען דערגאַנגען צו אונז נאָך עטליכע אומקלאָרע ידיעות וועגען די בעציהונגען פון די קיסרים פון דער סאַקסישער דינאַסטיע צו די אידען. ס'ווערט דערציילט, אַז אין אָטאָ II-טענס סוויטע האָט זיך געפונען אַ איד קלונימוס, וואָס האָט איין מאָל געראַטעוועט זיין קייזער פון טויט. אין דער שלאַכט מיט די סאַראַצינער ביי קאָטראָן (982) האָט דער קייזער אָנגעוואָהרען זיין חייל און איז געבליבען אָהן אַ פערד. ער וואָלט בלי ספק אומגעקומען פונ'ם שונא'ס האַנד, ווען זיין געטרייער דינער, קלונימוס, וואָלט איהם ניט אָוועקגעגעבען זיין פערד, אויף וועלכען ער איז אַנטרונען געוואָרען.

פונדעסטוועגען האָט דאָס ניט געשטערט היינריך II דעם הייליגען, דעם לעצטען פאָרשטייהער פון דער סאַקסישער דינאַסטיע, אויפהויבען רדיפות קעגען אידען. דער דאָזיגער קייזער, וואָס האָט פערמאָגט נטיות פון אַ מאָנאַך, האָט בכלל געפיהלט אַ שנאה צו אַנדערשגלויביגע. מען אין משער, אַז איהם האָט בעזונדערס אויפגערעגט, וואָס עס האָט זיך מגייר געווען איינער אַ גלח וועצעלינוס, וואָס אידען זאָלען איהם האָבען „אַראָבגעפיהרט פון וועג". ס'איז מעגליך, אַז אויפ'ן פרומען קייזער האָבען געמאַכט אַ ווירקונג די פינסטערע קלאַנגען וועגען דעם, אַז די אידען זאָלען כלומר'שט אונטערהעצען די מוסולמאַנער צו צעשטערען די קירך פונ'ם הייליגען קבר אין ירושלים (§ 95).

אין יאָהר 1012 האָט היינריך פּלוצלונג אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז אַלע אידען, וואָס וואוינען אין מאַינץ, זאָלען זיך אַרויסקלייבען פון דער דאָזיגער שטאָדט. עטליכע אידען האָבען מסכים געווען לפנים אָנצונעמען די קריסטליכע אמונה; די איבעריגע זיינען געוואָרען פּערטריבען און בדלות גע־שטעלט. נאָר אין אַ יאָהר אַרום איז דער דעקרעט בטל געוואָרען; אַ דאַנק דער שתדלנות פונ׳ם מיטגליד פון דער מאַינצער קהילה, ר ב י ש מ ע ו ן ב ן י צ ח ק — און מען דאַרף רעכענען, אַז צו דער שתדלנות האָט מען נאָך מוסיף געווען אַ גרויסען געלד־אויסקויף *). די איבערגעוואַלד־געשמד׳טע אידען האָבען זיך אומגעקעהרט צו זייער אמונה, און די פּערטריבענע האָבען זיך ווידער בעזעצט אין מאַינץ.

ר׳ שמעון האָט פּעראייביגט די געדעכעניש וועגען דער דאָזיגער ערשטער גזרה אויף די דייטשע אידען אין זיינע פּיוטים. „דו, רבונו של עולם, ביזט אייביג, — רופט אויס מיט ביטערניש דער פּאָעט, — פאַרוואָס־זשע זאָלען מיר אומקומען אין צרות און טרויער? אונז שלאָגט מען אָן אָן אויפהער פון דיין נאָמען וועגען, מיר זיינען אַוועקגעגעבען אונטער דעם יאָך פון האַרטע אדונים, און מיט אונזער בלוט איז די ערד אָנגעטרונקען". „פון מיינע וואוינונגען האָט מען אַוועקגערויבט מיינע עופ׳עלעך, מען שלאָגט זיי, מען שטויסט זיי, מען שטייניגט זיי. צו די אַלטע יסורים האָבען די רשעים מוסיף געווען נייע".

די מאַינצער קאַטאַסטראָפע האָט בעוויינט אויך דער גרויסער תלמודיסט פון יענער צייט, ר ב נ ו ג ר ש ו ם מ א ו ר ה ג ו ל ה אין זיינע תפילות, וואָס ער האָט פערפאַסט, וואָס מען זאָגט זיי נאָך עד היום אין די שולען. רבנו גרשום׳ס זוהן איז געווען צווישען די אידען, וואָס זיינען איבערגעוואַלד אָבגע־שמד׳ט געוואָרען בשעת׳ן גירוש פון די אידען פון מאַינץ. אַז די רדיפות האָבען אויפגעהערט, האָבען די געשמד׳טע זיך אומגעקעהרט צוריק צו זייער פריהער־דיגער אמונה, נאָר ר׳ גרשום׳ס זוהן האָט דאָס ניט בעוויזען צו טון, ווייל ער איז אונטער דער צייט געשטאָרבען. דער צעשמעטערטער פאָטער איז געזעסען 14 טאָג שבעה, אָנשטאָט זיבען טעג, ווי מען בעדאַרף זיצען על־פּי־דין, וואָרום ער האָט גערעכענט, אַז זיין זוהן איז געשטאָרבען ניט נאָר פאַר ד ע ר וועלט, נאָר אויך פאַר י ע נ ע ר וועלט. זיין עצבות איבער דעם טרויעריגען גורל פון דער אידישער אומה האָט דער פרומער רבי אויסגעגאָסען אין אַ רייה סליחות. אין איינער פון זיי ווערט געזאָגט: „די וואָס זיינען מבזה דיין תורה, האָסטו, גאָט, אַוועקגעשטעלט פאַר מושלים איבער דיין פאָלק... אונזערע אונטערדריקער הייסען אונז, מיר זאָלען דיך מעהר ניט האַלטען פאַר אַ גאָט; זיי צווינגען אונז דיך צו פערביטען דורך אַ געשאַפענעם גאָט; און אַז מיר זאָגען, אַז מיר

*) דעם דאָזיגען ר׳ שמעון מיינט עס די לעגענדע, וועגען וואָס מיר האָבען פריהער געבראַכט דעם פּויפסט אלחנן. די השתדלות פון ר׳ שמעון לטובת די מאַינצער אידען, ווי אויך דאָס, וואָס ר׳ גרשום׳ס זוהן האָט אָנגענומען דאָס קריסטליכע גלויבען—ווי מיר וועלען ווייטער דערציילען— די ביידע זאַכען האָבען געגעבען שטאָף פאַר דער דערמאָנטער לעגענדע.

וועלען ניט פערלאָזען דעם גאָט פון אונזערע עלטערן, קריצען זיי מיט די ציינער, שפּייטען אויס די הענד צום רויב און עפּענען אַמיל אויף לעסטערן".

ביז'ן סוף פון XI יאָהרהונדערט, ד. ה. ביז'ן ערשטען קרייץ-צוג, האָבען אַזעלכע גזרות, ווי די מאַינצער, געהאַט בלויז אַ צופעליגען כאַראַקטער און האָבען זיך ניט אָבגערופען אויף דער אַלגעמיינער לאַגע פון אידען אין דייטש-לאַנד. די אידישע בעפעלקערונג האָט איינגעבראַכט די רעגירער אַ סך געלד דורך איהר האַנדעלס-טעטיגקייט און דורך די שטייערן, וואָס זי פלעגט צאָהלען, און דערפאַר האָבען זיי זי געשיצט. אין דער אַנדער העלפט פון XI-טען יאָהרהונדערט האָבען אידען געשפּיעלט אַ וויכטיגע עקאָנאָמישע ראָל אין גאַנץ דרום-דייטשלאַנד, פון עלזאַס און לאָטרינגען ביז בעהמען. זיי האָבען גענאָסען האַנדעלס-פרייהייט, האָבען געהאַט נחלאות, פלעגען אויסקלייבען זיך זייערע מנהיגים פון די קהילות און דיינים און האָבען זיך בכלל געפונען אונטער'ן שוץ פון בעזונדערע געזעצען אָדער „פּריווילעגיעס".

אין יאָהר 1084, ווען דער מושל פון שפּייער, דער ביסקופּ רידיגער, האָט פערא״ניגט מיט דער דאָזיגער שטאָדט אַ שכנישען דאָרף, האָט ער אַהין אַריינגעלאָזט אידען, וואָרום, לויט זיין מיינונג, „קאָן דאָס בעדייטענד פערגרע-סערען דעם רוהם פון דער געגענד". ער האָט אָבגעטיילט פאַר די אידישע איינוואוינער אַ בעזונדערן קווארטאל און האָט איהם אַרומגערינגעלט מיט אַ מויער, בכדי צו בעשיצען זיי קעגען דער „חוצפה" פונ'ם קריסטליכען המון-עם. פאַר דעם שטיק ערד, וואָס מען האָט זיי געגעבען, האָבען די אידען געמוזט צאָהלען אַ יעהרליכען שטייער אינ'ם ביסקופס קאַסע. אינ'ם סטאַטוט, וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען איבער דער געלעגענהייט, גיט דער ביסקופּ די אידען פולקומע האַנדעלס-פרייהייט, דאָס רעכט צו קויפען נחלאות, צו האַלטען קריסט-ליכע שקלאַפען און דיענער. דעם אידישען רב אָדער ראש-הקהל (אַרכיסינאַגאָגיס) זיינען געגעבען געוואָרען די זעלביגע אַדמיניסטראַטיווע און געריכטליכע פול-מאַכטען, ווי דעם קריסטליכען בירגער-מייסטער: ער האָט בעדאַרפט פונאַנדער-קלייבען פּראָצעסען צווישען אידען, מיט'ן רעכט צו אַפּעלירען צום ביסקופּ

אין יאָהר 1090 האָט דער קייזער היינריך IV, לויט דער השתדלות פון די דעפּוטאַטען פון שפּייערער און וואָרמסער אידען, בעשטעטיגט און פערברייטערט זייערע רעכט אין בעזונדערע סטאַטוטען, וואָס זיינען, משמעות, געווען גילטיג אויך פאַר אַנדערע קהילות פון דייטשלאַנד. לויט די דאָזיגע סטאַטוטען האָט קיינער ניט קיין רעכט אָנצופאַלען אויף דער פערזאָן און אייגענס פון אידען; קיינער האָט ניט קיין רעכט צו צווינגען אידען זיך צו שמד'ען; אויב עמיצער וועט וועלען זיך שמד'ען מיט'ן גוטען ווילען, גיט מען איהם דריי טעג צייט, בכדי צו איבערצייגען זיך, ווי ווייט פריי און אויפריכטיג עס איז זיין בעשלוס, און דערביי וועהרט אן דער משומד זיין חלק ירושה פון די קרובים, וואָס זיינען געבליבען ביים אַלטען גלויבען; אין פּראָצעסען צווישען אידען און קריסטען קאָן איטליכער פערט״ידיגען זיינע אינטערעסען „לויט זיין געזעץ" אָדער [illegible] אידען קאָן מען ניט צווינגען צום „גאָטסגעריכט" אָדער אָרדאַליען.

אַזוי האָט זיך צונויפגעשטעלט די ספּעציעלע רעכטס-אָרדענונג אין לעבען פון די דייטשע אידען, בשעת עס האָט מיט אַמאָל אויסגעבראָכען איבער זיי די שרעקליכע קאַטאַסטראָפע: גאַנצע קהילות זיינען אומגעקומען אונטער'ן דראַנג פון דער אונאיינגעהאַלטענער סטיכישער קראַפט — פונ'ם מעכטיגען חייל פון די קרייץ-פאָהרער, וואָס האָט זיך בעוועגט פון מערב קיין מזרח.

דער ערשטער קרייץ-צוג (גזרת תתנ"ו).

§ 97. פון פראַנקרייך האָט זיך אַגאָס געטאָן די דאָזיגע מעכטיגע פאָלקס-כוואַליע. דאָ האָט אָנגעהויבען זיינע דרשות דער פרומער מתבודד פּעטער פון אַמיען, וואָס האָט גערופען די פירשטען און דאָס פאָלק צו אַ קריגס-צוג קיין ארץ-ישראל, בכדי צו בעפרייען פון מוסעלמאַנישען יאָך די אונטערדריקטע סי-רישע קריסטען און די הייליגע שטאָדט ירושלים מיט קריסטוס'עס קבר. אויפ'ן דאָזיגען רוף, וואָס איהם האָט אונטערגעהאַלטען דער פּויפּסט אורבאַנוס אויף דער קלערמאָנער קירכען-פערזאַמלונג (1095), האָבען זיך אָבגערופען פעאָדאַלע פירש-טען, ריטער, שטאָדטישע איינוואוינער און פויערים. די בעוועגונג האָט אין גי-כען אַרומגעכאַפּט אויך די געגענדען ביים ריין אין דייטשלאַנד. צעהנדליגער טויזענדער מענשען האָבען פערלאָזען זייערע הייזער, פעלדער, נחלאות, האָבען זיך אָנגעטהיט רויטע קרייצען אָן די אויבערשטע בגדים און זיינען געגאַנגען קעמפען מיט די „אומגלויביגע". אין אָנהויב פון יאָהר 1096 האָט זיך שוין געהאַט צונויפגעקליבען אַן אומגעהייערער חייל פון קרייץ-פאָהרער

אין דער דאָזיגער בעוועגונג איז אמת'ע פרומקייט און רעליגיעזע התלהבות געווען פעראייניגט מיט פראַקטישע חשבונות, פערזענליכע אָדער קלאַסען-אינ-טערעסען און נידעריגע אינסטינקטען. די גייסטליכקייט האָט געשטרעבט אויף אַזאַ אופן, דורך דעם, וואָס זי וועט אויפהויבען דעם רעליגיעזען געפיהל, צו בעפעסטיגען איהר מאַכט אין דער מלוכה; די פעאָדאַלע ריטער האָבען געגאַרט אַרויסצוווייזען זייערע גבורות אין שלאַכטען אין די מוסעלמאַנישע מדינות; די פויערים זיינען געגאַנגען אין די רייהען פון די קרייץ-פאָהרער, בכדי צו בע-קומען פרייהייט פון דער לייב-אייגענשאַפט, פון צו צאָהלען חובות און שטייערן, און די פרומע לייט פון אַלע קלאַסען האָט צוגעצויגען אַהין דאָס, וואָס די גייסטליכקייט האָט צוגעזאָגט, אַז איטליכען, ווער עס גייהט אויף מלחמה פאַר דער אמונה, וועט מען מוחל זיין די זינד. צום דאָזיגען פאָלקס-חייל איז צו-געשטאַנען אַ המון פון פשוט'ע בראָדיאַגעס, בעטלערס און אַוואַנטיוריסען מיט די ערגסטע פערברעכערישע נטיות.

איידער די פירשטען האָבען בעוויזען זיך צוצוגרייטען צו דער מלחמה, האָבען אומגעאָרדענטע מאַסען קרייץ-פאָהרער זיך פונאַנדערגעלאָזט איבער די געגענדען ביים ריין און האָבען אָנגעהויבען צו ראַבירען די פרידליכע בעפעל-קערונג פון די שטעדט און דערפער; די קרייץ-פאָהרער האָבען זיך ניט בע-גנוגענט מיט רויבען די אידען, נאָר זיי האָבען זיי אויך געטייט, אָדער דורך

סטראַשונקעס און געוואַלדטאַטען זיי געצוואונגען זיך צו שמד'ען. „ס'איז אויפגעשטאַנען — דערציילט אַ אידישער כראָניק־שרייבער פון יענער צייט — אַ פאָלק אַ ווילדס, אַן אַכזריות'דיגס, אַן ערב־רב פון פראַנצויזען און דייטשען, וואָס איז געקומען צו לויפען פון אַלע זייטען. איטליכער, וואָס האָט געוואָלט גייען אַהין (אין הייליגען לאַנד), האָט צוגעהעפט צו זיינע בגדים אַ צלם, און עס האָט זיך צונויפגעקליבען אַ גרויסע מאַסע פון אַזעלכע מענשען — מאַנסבילען, ווייבער, קינדער. דורכגייהענדיג דורך שטעדט, וואו עס האָבען געוואוינט אידען, האָבען זיי (די קרייץ־פאָהרער) געזאָגט צו זיך: למאי גייהען מיר זיך נוקם זיין אָן די ישמעאלים (מוסעלמאַנער), בשעת דאָ האָבען מיר פאַר זיך אידען, וואָס האָבען געקרייציגט אונזער אויסלייזער? לאָמיר פריהער זיך נוקם זיין אָן זיי! זאָל ניט מעהר געדאַכט ווער'ען ישראל'ס נאָמען, אָדער זאָלען זיי גלייך ווערען צו אונז און אָננעמען אונזער אמונה".

בשעת אין פראַנקרייך האָבען זיך אָנגעהויבען צונויפקלייבען די ערשטע אָבטיילונגען פון די קרייץ־פאָהרער, איז איינע פון זיי אָנגעפאַלען אויף די אידען פון דער שטאָדט רואַן. די אידען האָט מען אוועקגעשלעפט אין קירך און מען האָט געפאָדערט פון זיי, זיי זאָלען זיך לאָזען שמד'ען; יענע, וואָס האָבען ניט געוואָלט זיך אָבזאָגען פון זייער אמונה, האָט מען דער'הרג'עט דאָ גופא אויפ'ן אָרט.

אין גיכען האָבען די קרייץ־פאָהרער זיך אַ לאָז געטאָן צו די געגענדען ביים ריין. די שטאַרק אויפגערודערטע פראַנצויזישע אידען האָבען געשווינד מודיע געווען וועגען דעם זייערע פאָלקסברידער אויף די ברעגעס פון ריין. בשעת די קהילה פון מאַינץ האָט בעקומען אַזאַ בריעף, האָט זי גוזר געווען אַ תענית און תפילה אין די שולען און איהר האָבען נאָכגעטאָן די נאָהענטסטע קהילות.

וואו־ניט־וואו האָט מען אָנגענומען מיטלען אויף צו פערהיטען די אומגליקען. אין לאָטרינגען האָט זיך פערשפרייט אַ קלאַנג, אַז דער אָרטיגער הערצאָג גאָטפריד פון בוליאָן, איינער פון די הויפט־אָנפיהרער פונ'ם חיל פון די קרייץ־פאָהרער, זאָל האָבען זיך געשוואָרען, אַז ער וועט אָבוואַשען קריסטוס'עס בלוט דורך די בלוט פון אידען; נאָר פאַקטיש האָט ער זיך גאָרניט אַרויסגעוויזען פאַר אַזוי בלוטדאָרשטיג, נאָר ער האָט זיך בעגנוגענט מיט אַ געלד־אויסקויף, וואָס עס האָבען איהם אונטערגעטראָגען די קהילות פון מאַינץ און קעלן. אַן אַנדער אָנפיהרער, פעטער פון אַמיען, בשעת ער איז דורכגעגאַנגען מיט די קרייץ־פאָהרער דורך טריר, האָט ער געפאָדערט פון די אָרטיגע אידען פראָוויאַנט פאַר זיין אַרמיי, און אַז ער האָט בעקומען דאָס, וואָס ער האָט געפאָדערט, איז ער זיך אַוועק ווייטער.

נאָר ניט אַזוי מעסיג אין זייערע פאָדערונגען זיינען געווען אַנדערע אָנפיהרער און בעזונדערס די מאַסע פון די דייטשע קרייץ־פאָהרער. ווען זיי פלעגען דורכגייהען דורך דער אָדער יענער שטאָדט, פלעגט זיך פונאַנדערפלאַקערן דער

רעליגיעזער פאַנאַטיזם און די גיריגע נידעריגע אינסטינקטען ביי די אָרטיגע שטאָדטישע איינוואוינער, און זיי פלעגען ווער׳ן אויפגערייצט צו ווילדע גע-תאַלדטאַטען קעגען אידען.

דער פריהיאָהר פון יאָהר 1096 איז געווען אַן עת-צרה פאַר די אידישע קהילות ביים ריין: אומעטום האָבען „קריסטוס׳ס קריגסלייט״ פערגאָסען בלוט, און ס׳האָבען זיך געהערט די וויה-געשרייען פון די וואָס זיינען געפאַלען אויף קידוש-השם.

איינער פון די ערשטע פאָגראָמען איז פאָרגעקומען אין דער לאָטאַרינגער שטאָדט מעץ. דאָ האָבען די קרייץ-פאָהרער דער׳הרג׳עט 22 אידען און איבער-געוואַלד אָבגע׳שמד׳ט אַסך אַנדערע. דעם 3 מאַי (8 טעג אין אייר) איז די אַרמיי פון די קרייץ-פאָהרער, בעלייט דורך אַ המון בראָדיאַגעס, אָנגעפאַלען אויף די אידען פון שפּייער און דער׳הרג׳עט עלף אידען, וואָס האָבען זיך אָבגעזאָגט צו שמד׳ען. די רשעים האָבען געוואָלט נאָך אָנפאַלען אויף דער שול און דאָרט פערטיליגען די גאַנצע קהילה, נאָר די אידען האָט זיך איינגעגעבען בייצייטענס אָבצוווענדען דעם קלאַפּ. לויט זייער בקשה, האָט דער אָרטיגער ביסקופּ יאָהאַנעס אַרויסגעשיקט זיינע מענשען קעגען דער באַנדע קרייץ-פאָהרער און האָט זי פונאַנדערגעטריבען. און אויפ׳ן פאַל, טאָמער וועל׳ען זיך איבער׳חזר׳ן נייע אָנפאַלען, האָט ער געלאָזט די אידען בעהאַלטען זיך אין זיין פּאַלאַץ און אין די אַרומיגע בעפעסטיגטע ערטער.

ווען די אידען פון וואָרמס האָבען דערהערט וועגען די געשעהענישען אין שפּייער, האָבען זיי זיך צום טייל בעפעסטיגט אינ׳ם שלאָס פונ׳ם ביסקופּ אַלעבראַנד, און צו טייל זיינען זיי געבליבען אין זייערע הייזער, און זייערע בעסערע חפצים האָבען זיי אָבגעגעבען די קריסטליכע שכנים אויף צו בעהאַלטען. די קרייץ-פאָהרער זיינען אָנגעפאַלען אויף דער שוצלויזער גרופּע אידען, האָבען זיי אַכזריות׳דיג אויסגע׳הרג׳עט, צערויבט זייער אייגענס, וואָס איז נאָך ביי זיי געבליבען, און צעריסען די ספרי-תורות אין די שולען (18 מאַי). נאָר עטליכע אידען האָבען געראַטעוועט זייער לעבען, דורכדעם וואָס זיי האָבען זיך גע׳שמד׳ט לפנים. די איבעריגע האָבען זיך געלאָזט טויטען פאַר זייער גלויבען, אָדער האָבען זיך אַליין גענומען דאָס לעבען. מוטערס האָבען געטויט זייערע קינדער, וואָס וואָלטען ניט געקאָנט אַרויסווייזען קיין ווידערשטאַנד אין פאַל, ווען מען זאָל זיי שמד׳ען איבערגעוואַלד. די קדושים זיינען געשטאָרבען מיט׳ן אויסרוף: „שמע ישראל, ה׳ אלהינו, ה׳ אחד!״

באַלד דערויף איז געקומען די צייט פון יענע מיטגלידער פון דער אידישער קהילה, וואָס האָבען זיך געהאַט בעהאַלטען אינ׳ם שלאָס פונ׳ם וואָרמסער ביסקופּ אַלעבראַנד. דער ביסקופּ האָט ניט געקאָנט אָדער ניט געוואָלט זיי פערטיידיגען און האָט זיי פאָרגעלייגט, זיי זאָלען זיך לאָזען שמד׳ען, בכדי צו ראַטעווען דאָס לעבען. האָבען די אידען געבעטען, מען זאָל זיי געבען צייט אויף זיך מישב צו זיין. פאַר׳ן ביסקופּס פּאַלאַץ האָבען זיך געלאַגערט די קרייץ-פאָהרער, וואָס

זיינען געווען גרייט צו פיהרען די אידען אָדער אין קירך, אָדער צום טויט. אז עס איז פאַרבייגעגאַנגען דער טערמין, וואָס מען האָט געגעבען די אידען, האָט דער ביסקופ געעפענט די טירען פונ'ם חדר, וואו עס האָבען זיך געהאַט בעהאַלטען די אומגליקליכע, און האָט זיי געפונען שווימענדיג אין אַ טייך פון בלוט: וויבאַלד אַז זיי האָבען געהאַט בעשלאָסען צו שטאַרבען פאַר'ן גלויבען, האָבען זיי געוואָלט בעסער זיך אַליין טויטען, איידער אַריינפאַלען אין די הענד פונ'ם פערווילדערטען שונא. די דערצאָרענטע קרייץ-פאָהרער האָבען זיך איזדזעקעוועט איבער די טויטע קערפערס פון די קדושים און האָבען צום טייל אויסגע'הרג'עט און צום טייל גע'שמד'ט איבערגעוואַלד די וואָרמסער אידען, וואָס זיינען געבליבען לעבען (25 מאַי, ראש חדש סיון). איין בחור, שמחה כהן, וואָס האָט אָנגעוואָהרען אין דער דאָזיגער שחיטה זיין פאָטער און זיינע ברידער, האָט בעשלאָסען זיך נוקם צו זיין פאַר זיין אומגעקומענער משפחה און צו שטאַרבען דערנאָך. ווען מען האָט איהם אַוועקגעשלעפּט אין קירך, האָט ער נעבען אַלטאַר אַרויסגעצויגען פון אונטער די קליידער אַ קינזשאַל און האָט דערשטאָכען דעם ביסקופס פלימעניק. דער צעווילדעוועטער המון האָט דאָ אויפ'ן אָרט צעריסען שמחה'ן אויף שטיקער. ערשט נאָכדעם ווי די קרייץ-פאָהרער זיינען אַוועק פון וואָרמס, האָט מען מקבר געווען די אידישע קדושים. אינגאַנצען זיינען אומגעקומען דאָרט אַן ערך 800 מאַן.

אין דער אייגענער צייט האָט אַן אַנדער באַנדע קרייץ-פאָהרער, אונטער דער אָנפיהרונג פונ'ם אַכזריות'דיגען גראַף עמעריך אָדער עמיכאָ, זיך דערנעהענערט צו מאַינץ, דעם הויפּטליכען גייסטיגען צענטער פון דעם אידישען קיבוץ אין דייטשלאַנד. נאָך פריהער האָבען די אָרטיגע אידען, אָנגעשראָקען דורך די בשורות פון שפּייער און וואָרמס, זיך געווענדט נאָך הילף און עצה צום מאַינצער אַרכיביסקופ רוטהאַרד. נאָכדעם ווי זיי האָבען בעקומען פון די שתדלנים אַ גרויסע סומע געלד, האָבען דער אַרכיביסקופ און דער בורג-גראַף געלאָזען די אידען זיך בעהאַלטען אין זייערע פּאַלאַצען, וואָס זיינען געווען אַרומגערינגעלט מיט זעלנער, און האָבען זיי צוגעזאָגט זייער שוץ. ווען עמיכאָ איז בראש פון אַ גרויסער אָבטיילונג קרייץ-פאָהרער אָנגעקומען פאַר מאַינץ, האָט ער געפונען די טויערן פון שטאָדט פערשלאָסען. נאָר אין צוויי טעג אַרום האָבען זייערע געזינונגס-חברים צווישען די שטאָדט-לייט געעפענט די טויערן פאַר די קרייץ-פאָהרער, און די באַנדע האָט זיך אַריינגעריסען אין שטאָדט. די אידען, וואָס האָבען זיך געפונען אינ'ם אַרכיביסקופס שלאָס, האָבען זיך גענומען פאַר די געוועהר, און אונטער דער אָנפיהרונג פונ'ם ראש-הקהל, ר' קלונימוס בן משולם, האָבען זיי זיך געגרייט צו פערטיידיגען זיך. זיי האָבען גערעכענט, אַז די שומרים פונ'ם פּאַלאַץ וועלען זיי העלפען, נאָר זיי האָבען זיך ביטער אָבגענאַרט. די שומרים זיינען אין דער קריטישער מינוט זיך צעלאָפען, און רוטהאַרד גופא איז, מחמת פחדנות אָדער פאַלשקייט, אַוועק און האָט איבערגעלאָזט די אומגליקליכע אין רשות פון זייערע תליונים. אַז די אידען האָבען איינגעזעהן, אַז עס איז שוין מעהר ניט כדאי זיך אַנטקעגענצושטעלען, האָבען אַ טייל פון זיי זיך אַליין גענומען דאָס לעבען, און די איבעריגע זיינען געטויפט גע-

װאָרען דורך די הענד פון די קרייץ-פאָהרער. אין איין בעפעסטיגטען טייל פון פּאַלאַץ האָט אַ הייפעל אידען זיך פערטיידיגט אַ גאַנצען טאָג, און ווען די כּוחות זיינען זיי אויסגעגאַנגען, האָבען זיי זיך גענומען דאָס לעבען. מעהר ניט ר׳ קלונימוס׳ן און אַ פופציג מיטגלידער פון דער קהילה האָט זיך איינגעגעבען צו בעהאַלטען זיך אין דער קאַסע-שטוב פון דער קירך, וואו זיי זיינען געבליבען אומבעמערקט. דערנאָך האָט עמיכאָ׳ס באַנדע זיך געלאָזט גייהן צום בורגראַפ׳ס הויף און האָט אויסגעהרג׳עט די אידען, וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען (25—27 מאַי). איינער פון די פאָרשטייהער פון דער קהילה מר יצחק מיט צוויי טעכטער און אַ געוויסער אורי האָבען מורא געקראָגען פאַר׳ן טויט און האָבען זיך געלאָזט שמד׳ען. נאָר באַלד האָט זיי אָנגעהויבען צו פּייניגען די חרטה. היות ווי זיי האָבען געוואָלט תשובה טון פאַר זייער שמד׳ען זיך, בכן האָבען זיי זיך גענומען דאָס לעבען אין עטליכע טעג אַרום, ביי שרעקליכע אומשטאַנדען. יצחק האָט געקוילעט לכתחילה זיינע טעכטער און האָט אונטערגעצונדען זיין הויז, און דערנאָך האָט ער גופא און אורי זיך פערברענט אין שול. ביי דער דאָזיגער שרפה האָט אָפּגעברענט אַ בעדייטענדער טייל פון מאַינץ.

באַלד דערויף איז געקומען די צייט פון קעלן, דעם עלטסטען ישוב פון אידען אין דייטשלאַנד. אַרומגענומען פון שרעק, האָבען די קעלנער אידען געבעטען זיך ביי דעם אָרטיגען ביסקופּ און ביי די בירגער, זיי זאָלען זיי בעשיצען. פון רחמנות וועגען האָבען אַ סך קריסטליכע איינוואוינער פון קעלן געלאָזט זייערע אידישע מיטבירגער זיך בעהאַלטען אין זייערע הייזער. ווען דער צעווילדעוועטער המון קרייץ-פאָהרער האָבען זיך אום שבועות אַריינגעריסען אין די הייזער, האָבען זיי זיי געפונען ליידיג און האָבען זיך בעגענוגענט דערמיט, וואָס זיי האָבען צעשטערט די הייזער און די שול און צעריסען די הייליגע ספרים, וואָס זיי האָבען דאָרט געפונען.

בכדי צו בעהיטען אידען אויף דער נאָהענטסטער צייט האָט דער קעלנער ביסקופּ, דער מענשען-פריינדליכער הערמאַן דער III-טער, אַרויסגעפיהרט אַ סך פון זיי שטילערהייד פון קעלן און האָט זיי בעהאַלטען אין זיבען אַרומיגע שטעדטלעך און דערפער, וואָס האָבען געהערט צו איהם. דריי וואָכען זיינען די אידען פערבליבען אינ׳ם ביסקופּ׳ס שטעדטלעך און האָבען פערבראַכט די צייט אין תעניתים און תפילה; נאָר די „שערי רחמים זיינען געווען פערשלאָסען”. די קרייץ-פאָהרער האָבען געפונען די אומגליקליכע אין זייערע בעהעלטענישען. אין די שטעדטלעך נייס, וועפלינגהאָפען, קסאַנטען, מערס און קערפּען זיינען געוואָרען אויסגעהרג׳עט אָדער איבערגעוואַלד געשמד׳ט אַלע קעלנער פליטים, וואָס מען האָט דאָרט געפונען. אומעטום האָבען די אידען אַרויסגעוויזען שטאַנדהאַפטיגקייט און זיינען מוטיג געגאַנגען צום טויט פאַר׳ן גלויבען. ס׳פלעגען פאָרקומען האַרצרייסענדיגע סצענעס. איין געלערנטער זקן, רבי שמואל בן-יחיאל, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטען טייך, האָט געקוילעט זיין זוהן, אַ בליהענדען יונגען מאַן, און האָט געמאַכט אויף איהם אַ ברכה „על מצות שחיטה”, און דער שטאַרבענדער יונגלינג האָט געענטפערט: אמן. דערנאָך האָט דער זקן איבער-

געגעבען דעם חלק פֿ׳ם שמש פֿון שול, און יענער האָט איהם אויך געקוילעט אויף אַזאַ אופֿן. די אידען, וואָס זיינען געשטאַנען אויפ׳ן ברעג טייך, האָבען זיך אַריינגעוואָרפֿען אין וואַסער, שרייענדיג „שמע ישראל", און זיינען דער-טרונקען געוואָרען (יוני 1096).

די אידען פֿון טריר, וואָס זיינען געבליבען פערשווינט אין אָנהויב יאָהר, בשעת עס איז דורכגעגאַנגען די אָבטיילונג פֿון פעטער פֿון אַמיען, האָבען זיך דערוואַרט אויף אַ שחיטה אין עטליכע חדשים אַרום. ווען די אידען האָבען דערהערט, אַז עס גענעהענען די בלוטדאָרשטיגע באַנדעס, האָבען עטליכע פֿון זיי געטויט זייערע קינדער און זיך, בכדי מען זאָל זיי איבערגעוואַלד ניט שמד׳ען. אַ בעזונדערע העלדישקייט האָבען אַרויסגעוויזען די פֿרויען: זיי האָבען זיך אַריינגעוואָרפֿען אין טייך מאָזעל מיט ברוסטקינדער אויף די הענד. דער נאָמען פֿון איין פֿרוי אַזעלכער, וואָס איז געשטאָרבען אויף קידוש השם, איז פערבליבען אין דער כראָניק: דאָס איז געווען די שיינע אסתר, אַ טאָכטער פֿונ׳ם גבאי פֿון שול ר׳ חזקיה.

די איבעריגע אידען האָבען זיך געבעטען ביים טרירער אַרכיביסקופּ עגילבערט, ער זאָל זיי בעשיצען. עגילבערט האָט לכתחילה זיי בעהאַלטען אין זיין בעפעסטיגטען שלאָס, נאָר דערנאָך האָט ער זיך געלאָזט אָנשרעקען פֿון די קרייץ-פֿאָהרער און האָט זיי אַרויסגעגעבען די אידען. די פֿרויען, וואָס האָבען געוואָלט זיך אַליין טויטען, האָט מען איבערגעוואַלד אָבגע׳שמד׳ט, און די מאַנסבי-לען האָבען, נאָך אַ פּיינליכען ישוב-הדעת, אָנגענומען לפֿנים דעם קריסטענטום. דער געלערנטער תלמודיסט ר׳ מיכה האָט זיך געלאָזט שמד׳ען, אויסרופֿענדיג אין זיין יאוש: „בעסער איז שוין אָנצונעמען די קריסטליכע אמונה, איידער אַלע טאָג צו ציטערן פֿאַר׳ן לעבען!"

פֿון די ברעגען פֿון ריין און מאָזעל האָבען די באַנדעס קרייץ-פֿאָהרער זיך צעשפּרייט ווייט, ביז צו די ברעגען פֿון דאָנוי. אין בעהמען זיינען זיי אַריינגעדרונגען אין יענער צייט, בשעת דער פֿירשט וורַאַטיסלאַוו איז געווען פֿערנומען אין דער מלחמה מיט פּוילען, און קיינער האָט ניט געקאָנט שטערען די ווילדע רויבערישע קריגסלייט צו טון זייערע מעשים. די אידען פֿון פּראַג און פֿון אַנדערע שטעדט האָט מען איבערגעוואַלד גע׳שמד׳ט, און די וואָס האָבען ניט געוואָלט, האָט מען געטויט. די רייד פֿונ׳ם פּראַגער ביסקופּ קאָזמאַ, זיי זאָלען אָבשטעלען די הריגות, האָבען אויף זיי ניט געווירקט. בלויז אין איין שטאָדט, וואָס דער כראָניק-שרייבער רופֿט ניט אָן איהר נאָמען, האָבען די אידען אַרויסגעוויזען קעגען די קרייץ-פֿאָהרער אַ בעוואָפֿענטען ווידערשטאַנד, און מיט דער הילף פֿון אַן אָבטיילונג, וואָס עס האָט צוגעשיקט דער אָרטיגער פֿירשט, האָבען זיי זיי געצוואונגען אָבצוטרעטען.

דער סך-הכל פֿון אַלע אידען, וואָס זיינען אומגעקומען אין די געגענדען ביים ריין אין דער צייט פֿונ׳ם ערשטען קרייץ-צוג, ווערט בעשטימט אויף צוועלף טויזענד מאַן; עטליכע רעכענען, אַז די דאָזיגע צאָהל איז צו גוזמא׳דיג און פֿערקלענערן זי ביז פֿיער טויזענד.

די אידען, וואָס זיינען איבערגעוואַלד אָבגעשמד'ט געוואָרען אין יענער צייט, האָבען אַראָבגעוואָרפען פון זיך די מאַסקע, באַלד ווי די קרייץ-פאָהרער זיינען אַוועק, און האָבען זיך אומגעקעהרט צו דער אמונה פון זייערע עלטערן. אַז דער קייזער היינריך IV האָט זיך אומגעקעהרט פון איטאַליען, האָט ער דורך אַ בעזונדערן דעקרעט בעשטעטיגט דאָס רעכט פון אַזעלכע משומדים זיך אָבצוזאָגען פון דער אמונה, וואָס מען האָט זיי איבערגעוואַלד אָנגעוואָרפען (1097). דער פויפסט קלעמענץ III האָט פראָטעסטירט קעגען דעם, מען זאָל אַזוי עובר זיין אויף די קירכליכע געזעצען, און האָט בעפוילען די דייטשע ביסקופען השגחה-געבען אויף די גע'שמד'טע אידען, אַז זיי זאָלען ניט אָבהיטען די צערעמאָניעס פון זייער פריהערדיגער רעליגיע, נאָר דער פראָטעסט האָט קיין שום ממשות ניט געהאַט.

היינריך IV האָט זיך בכלל אַיינגעשטעלט פאַר די אידען, וואָס האָבען געליטען פונ'ם אָנפאַל פון די קרייץ-פאָהרער. צווישען אַנדערע זאַכען, האָט ער אַיינגעאָרדענט אַן אויספאָרשונג איבער די מעשים פון מאַינצער אַרכיביסקופ רוטהאַרד און זיינע מקורבים, וואָס האָבען צוגענומען פאַר זיך דעם אייגענס פון די אידען, וואָס זיינען דער'הרג'עט געוואָרען אין מאַינץ.

גאָר אַנדערש איז זיך בעגאַנגען ביי די אייגענע אומשטאַנדען דער בעהמישער פירשט ווראַטיסלאַוו. די איבערגעוואַלד אָבגע'שמד'טע פראָגער אידען האָבען געזוכט אַן אָרט, וואו זיי זאָלען קאָנען פריי האַלטען זייער פריהערדיגע אמונה. אַ סך האָבען פערקלערט זיך אַריבערצוקלייבען אין דער שכנישער פוי-לען און אונגאַרן. זיי האָבען צונויפגעקליבען זייער האָב-און-גוטס און האָבען בעשלאָסען עס פריהער אָבצושיקען איבער'ן גרעניץ, און ערשט דערנאָך אַליין אַריבערגייהן. דערווייל איז צוריקגעקומען פון דער מלחמה דער פירשט ווראַ-טיסלאַוו. אַז ער האָט זיך דערוואוסט, אַז די אידען האָבען בדעה אַרויסצו-פיהרען זייערע עשירות פון זיין לאַנד, האָט ער אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל פונאַנדערצושטעלען אין זייערע הייזער זעלנער. דערנאָך האָט דעם פירשטענס שאַץ-מייסטער געלאָזט רופען צו זיך די אידישע עלטסטע און האָט זיי מודיע געווען אין ווראַטיסלאַווס נאָמען, אַז זיי זאָלען זיך ניט דערוועגען אַרויסצופיהרען זייער האָב-און-גוטס. „וואָרום איהר — האָט ער געזאָגט צו די אידען — האָט דאָך פון אייער ירושלים קיין שום רייכטימער ניט געבראַכט מיט זיך קיין בעהמען. בעזיגט דורך אַספּסינוס'ן און פערקויפט בחנם פאַר שקלאַפען, האָט איהר זיך פער-שפּרייט איבער'ן גאַנצען לאַנד. נאַקעט און בלויז זייט איהר געקומען, נאַקעט מוזט איהר אויך אַוועק. וואָס איז שייך דערצו, וואָס איהר זייט אָבגעפאַלען פון דער קירך, זאָל זיך מיט אייך עסק'ן דער ביסקופ קאָזמאַ!" אויף אַזאַ אופן זיינען די פראָגער אידען געוואָרען אינגאַנצען בדלות געשטעלט; מען האָט זיי איבערגעלאָזט פון זייער האָב-און-גוטס נאָר אַזויפיעל, וויפיעל עס איז נויטיג געווען אויף שטילען דעם הונגער אין דעם מאָמענט (1098). וואָס איז מיט זיי געוואָרען דערנאָך, איז ניט בעוואוסט. אַ סך האָבען, משמעות, עמיגרירט; די איבעריגע האָבען געמוזט בעל-כּרחם בלייבען אין בעהמען.

דער שרעקליכער קלאַפּ, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט געקראָגען בשעת דעם ערשטען קרייץ-צוג, האָט איבערגעלאָזען טיעפע סימנים. די שטימונג פון די דייטשע אידען איז אויף לאַנגע צייטען פערפינסטערט געוואָרען. אָבקלאַנגען פון דער דאָזיגער פינסטערער שטימונג זיינען דערגאַנגען צו אונז אין אַ גאַנצער רייהע האַרצרייסענדע רעליגיעזע עלעגיעס און סליחות, וואָס איבער זיי האָט נאָך אין משך פון אַ סך דורות געוויינט אין די שולען די נאַציע, וואָס איז פער'משפט אויף יסורים.

דער צווייטער קרייץ-צוג.

§ 98. דאָס „ירושלים'ער קיניגרייך", וואָס די קרייץ-פאָהרער האָבען געגרינדעט, איז אין עטליכע צעהנדליג יאָהר אַרום אַריינגעפאַלען אין אַ סכנה, מחמת די נצחונות פון די סירישע מוסעלמאַנער. דער פויבסט אויגעניוס III און דער בעריהמטער פראַנצויזישער אַבאַט בערנהאַרד פון קלערוואָ האָבען גערופען די מערב'דיגע קריסטען צו אַ נייעם קרייץ-צוג אין אַזיען. דער פראַנצויזישער קיניג לודוויג VII איז געוועזען דער הויפּט-אָרגאַניזאַטאָר פון דער דאָזיגער מלחמה; צו איהם איז דערנאָך צוגעשטאַנען דער דייטשער קייזער קאָנראַד דער III-טער (1 146 — 1 147).

בכדי צו פערגרינגערן דעם צונויפקלייבען פרייוויליגע פאַר'ן נייעם קרייץ-צוג, האָט דער פויפּסט אויגעניוס דער III-טער מודיע געוועזען אין אַ בעזונדער בולע (פויפּסטליכען דעקרעט), אַז איטליכער פרייוויליגער ווערט, צווישען אַנדערע זאַכען, בעפרייט פון צו צאָהלען די פּראָצענטען אויף די חובות זיינע אידישע קרעדיטאָרען. דער פרומער בערנהאַרד פון קלערוואָ איז ניט געוועזען קיין אָנהייגער פון צוואַנגס-מיטלען, נאָר פונדעסטוועגען האָט ער געמוזט נאָכגעבען דער פאָדערונג פון רוים און בעשטעטיגען אין זיינע דרשות דעם אינהאַלט פון דעם פויפּסט'ס בולע.

ווידער, דער אַנדער אַגיטאַטאָר פאַר'ן קרייץ-צוג, דער פאַנאַטישער מאָנאַך פעטער פון קלוני (פעטער דער בכבוד'ער), האָט זיך ניט בעגנוגענט מיט'ן דאָזיגען מיטעל און האָט געפאָדערט פונ'ם קיניג לודוויג VII שאַרפערע בעגרענ'יצונגען פאַר אידען. פעטער האָט געוואָלט מאַכען פונ'ם נייעם קרייץ-צוג אַ געצייג פאַר רדיפות קעגען אידען, אויב ניט אין דער פאָרם פון מאַסען הריגות, איז לכל הפחות אינ'ם זין פון פערשטאַרקען זייער רעכטס-לויזיגקייט. „צוליעב וואָס — האָט געשריבען דער מאָנאַך דער פאַנאַטיקער צום קיניג פון פראַנקרייך — צוליעב וואָס זאָלען מיר זוכען קריסטוס'עס שונאים אין ווייטע לענדער, בשעת די אידען, די גאָטס-לעסטערער, וואָס זיינען אַ סך ערגער פאַר די סאַראַצינער, לעבען צווישען אונז און בעליידיגען אומבעשטראָפטערהייד קריסטוס'ן און די קירכליכע הייליגטימער?... איך פאָדער ניט, אַז מען זאָל די דאָזיגע מענשען, וואָס איבער זיי הייננט אַ קללה, איבערגעבען צום טויט, וואָרום עס שטייהט געשריבען: טויט זיי ניט! גאָט וויל ניט, אַז מען זאָל זי פערטיליגען,

נאָר אַז זיי וואָלטן ווייטער לעבען אין גרויסע יסורים און חרפה, פּונקט אַזוי ווי דער רוצח קַין, אַזוי אַז דאָס לעבען זאָל זיין ביטערער פאַר זיי, איידער דער טויט. זיי דינען אָבהייניגיג, דערשלאָגען, דערשטיקט, שרעקעדיג — און זאָלען זיי בלייבען אַזעלכע, ביז זיי וועלען זיך אומקעהרען צום וועג פון אויס־לייזונג". פּעטער האָט געפאָדערט, אַז דער קיניג זאָל אָבנעמען ביי די אידען זייער געלד און זייער האָב־און־גוטס, בכדי צו דעקען דערמיט די הוצאות אויפ'ן קרייץ־צוג.

נאָר די ערשטע צייט האָבען די דאָזיגע דרשות דאָך ניט געהאַט קיין בעזונדערס טרויעריגע רעזולטאַטען פאַר די פראַנצויזישע אידען: ניט דער קיניג און ניט זיינע קלוגע יועצים, די אַבאַטען סוגעריוס און בערנהאַרד, האָבען ניט געקאָנט דערלאָזען קיין געוואַלדטאַטען איבער דער פרידליכער אידישער בע־פעלקערונג. ניט אַזוי איז געווען אין דייטשלאַנד. דאָ האָט דער קייזער קאָנראַד דער III־טער אויך געשיצט אידען. נאָר צו זיי האָט זיך בעצויגען זייהר פיינדליך די דייטשע פאָלקס־מאַסע, וואָס אין איהר האָבען נאָך געטליעט די פונקען פון'ם פאַנאַטיזם, וואָס איז געוואָרען פונאַנדערגעבלאָזען דורכ'ן ערשטען קרייץ־צוג.

די דאָזיגע פונקען האָט פונאַנדערגעבלאָזען אין אַן אומגעהייערער שריפה דער אונאייינגעהאַלטענער פאַנאַטיקער פון דער קירך, דער וויינציג געבילדעטער מאָנאַך רודאָלף (ראַדולף). ער האָט אייגענוויליג פערלאָזען זיין קלויסטער און האָט זיך געלאָזט גייהן איבער די שטעדט, דרש'ענדיג, אַז דעם נייעם קרייץ־צוג בעדאַרף מען אָנהויבען מיט אָפּ'שמד'ען אָדער פערטיליגען די אידען. מיט זיינע ליידענשאַפטליכע רעדעס האָט ער געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק אויף די צוהערער. אין אויגוסט פון יאָהר 1146 האָבען זיך אין די פראָווינצען ביים ריין חידער אָנגעהויבען אָנפאַלען אויף אידען. אין דער סביבה פון קעלן און שפּייער זיינען געפאַלען די ערשטע קדושים פונ'ם צווייטען קרייץ־צוג: רבי שמעון פון טריר און אַ פרוי מינאַ פון שפּייער, וואָס זיינען דער'הרג'עט געוואָרען אויפ'ן גרויסען שליאַך.

נאָר אין אַ סך ערטער האָבען די אידען, וואָס זיינען געווען אָנגעלערנט דורך דער ביטערער ערפאַהרונג פון יאָהר 1 096, פערהיט זיך פון אונטערגאַנג: זיי האָבען געצאָהלט גרויסע געלדער די פעאָדאַלע פירשטען און ביסקופּען, בכדי זיי זאָלען זיי ערלויבען אויף אַ געוויסער צייט זיך צו בעהאַלטען אין זייערע בעפעסטיגטע שלעסער און הויפען. דער קייזער קאָנראַד גופא האָט געגעבען די אידען אַן אָרט אויף זיך צו בעהאַלטען אין זיינע אייגענע שטעדט, וואָס ער האָט געהאַט בירושה, אין נירענבערג און אַנדערע פעסטונגען. דער קעלנער קאַרדינאַל־ביסקופּ אַרנאָלד האָט איבערגעגעבען אין רשות פון די אידען, פאַר אַ גרויסער סומע געלד, די פעסטונג וואָלקענבורג און האָט זיי ערלויבט צו פערטיידיגען זיך קעגען די אָנפאַלען מיט געוועהר אין די הענד. אין אַזעלכע בעפעסטיגטע ערטער האָבען די אידען געקאָנט זיך רעכענען מעהר אָדער ווייניגער זיכער; אָבער ווי נאָר עמיצער איז אַרויסגעגאַנגען פון זיין בעהעל־

טעניש — איז ער תּיכּף געפאַלען פאַר אַ קרבן פון די באַנדעס קרייץ-פאָהרער, וואָס האָבען אומעטום אַרומגעגיישטערט. ס'האָט אויפגעהערט די זיכערקייט אויף די וועגען, און אין לאַנד האָט זיך איינגעשטעלט אַן אַנאַרכיע.

דער דאָזיגער צושטאַנד פון אַנאַרכיע האָט סוף-כּל-סוף בעוואויגען די הויכע גלחים צו ווענדען זייער אויפמערקזאַמקייט אויף די געפעהרליכע רעזולטאַטען פון די העצערייען פונ'ם מאָנאַך רודאָלף. לויט דער פאָדערונג פונ'ם מאַינצער אַרכיביסקופּ האָט בערנהאַרד פון קלערוואָ, דער גרעסטער קירכליכער אויטאָריטעט פון יענער צייט, פערעפענטליכט אַ בריעף, וואו ער טאַדעלט שאַרף רודאָלפ'ס אַגיטאַציע און בעווייזט, אַז רדיפות אויף אידען זיינען כּנגד דעם אמת'ען גייסט פון דער קירך, וואָס דאַרף האָפען, אַז די אידען וועלען זיך בעקעהרען צו קריסטוס'ן, אָבער צווינגען זיי דערצו — דאַרף מען ניט. אויף זיין נסיעה קיין דייטשלאַנד, בכדי צוצוריידען קאָנראַד דעם III-טען, ער זאָל נעמען אַן אנטייל אין קרייץ-צוג אין די מזרח-לענדער, האָט דער אַבאַט בערנהאַרד זיך אָבגעשטעלט אין די שטעדט ביים ריין (נאָוועמבער 1 146). דאָ האָט ער אין זיינע דרשות זיך געפלייסט צו ווירקען קעגען דער בלוטיגער בירגער-שלאַכט, וואָס רודאָלפ'ס אַגיטאַציע האָט געהאַט אַרויסגערופען. אַז בערנהאַרד האָט בעגעגענט רודאָלפ'ן אין מאַינץ, האָט ער איהם שאַרף געטאַדעלט פאַר זיינע אומווערדיגע העצעס קעגען אידען און האָט איהם געצוואונגען זיך אומצוקעהרען צוריק אין קלויסטער.

נאָר דעם פאָלקס ליידענשאַפטען זיינען שוין אויפגעוועקט געוואָרען, און איינשטילען זיי איז שוין געווען שווער. אַז מען האָט אין גיכען אין דער סביבה פון ווירצבורג געפונען אַ צע'מזיק'טען טויטען קערפּער פון אַ קריסט, האָבען די קרייץ-פאָהרער פונאַנדערגעלאָזען אַ קלאַנג, אַז די אידען זאָלען זיין שולדיג אינ'ם דאָזיגען מאָרד. אין פעברואַר 1 147 (25 טעג אין אדר) איז אַ באַנדע קרייץ-פאָהרער אָנגעפאַלען אויף די ווירצבורגער אידען און האָט אויסגעהרג'עט דאָרט העכער צוואַנציג מאַן; צווישען די דער'הרג'עטע איז אויך געווען דער שטילער, מענשענפריינדליכער רב ר' יצחק בן אליקים, וואָס איז דערשטאָכען געוואָרען מיט אַ שווערד אין יענעם מאָמענט, בשעת ער איז געווען פערטיעפט אין לייענען אַ הייליגען ספר. דער גוטהאַרציגער ווירצבורגער ביסקופּ האָט ערלויבט מקבר צו זיין די הרוגים, וואָס זיינען געפאַלען אויף קדוש-השם, אין זיין גאָרטען, און די אידען, וואָס זיינען געבליבען לעבען, האָט ער אַוועקגעשיקט אין אַ בעפעסטיגטען שלאָס ניט ווייט פון ווירצבורג. די אָבגע'שמד'טע איבערגעוואַלד האָבען זיך אָבגעזאָגט פון דער אמונה, וואָס מען האָט זיי געצוואונגען דערצו, תּיכּף ווי די קרייץ-פאָהרער זיינען אַוועק.

אין פריה'יאָהר פון יאָהר 1 147, בשעת דער פעראייניגטער דייטש-פראַנצויזישער חייל פון די קרייץ-פאָהרער האָט זיך געגרייט אַרויסצוטרעטען אין מלחמה אונטער דער אָנפיהרונג פון זייערע מלכים, האָבען זיך איבערגע'חזר'ט די פּאָגראָמען אויף אידישע קהילות אויך אין עטליכע שטעדט פון פראַנקרייך. אין קאַראַנטאַן האָבען די אידען זיך צונויפגעקליבען אין איין הויף און האָבען

לאַנגע צייט זיך פערטיידיגט קעגען די קרייץ-פאָהרער, וואָס זיינען אָנגעפאַלען אויף זיי, האָבען פערוואונדעט און געטייט עטליכע, נאָר צולעצט זיינען זיי געפאַלען אונטער די קלעפּ פון די פערביטערטע פיינד, וואָס זיינען אַריינגעדרונגען אין הויף פון הינטען.

אין דער שטאָדט ראַמערי איז דער המון אָנגעפאַלען אויף די אידען דעם צווייטען טאָג שבועות. די פּאָגראָמשציקעס האָבען זיך אַריינגעריסען אין שטוב פונ׳ם בעריהמטען רב רבינו יעקב תּם, דעם גרעסטען פון די רבנים אין פראַנקרייך, האָבען צערויבט זיין האָב-און-גוטס, צעריסען די היילִיגע ספרים, און דעם בעל-הבית האָבען זיי אַרויסגעשלעפּט אין פעלד. דאָרט האָבען זיי געמאַכט דעם אומגליקליכען רב פינף וואונדען אין קאָפּ און האָבען איהם דערביי געזאָגט: „דו בּיסט דאָך אַ גדול בישראל, בכן בעדאַרפען מיר זיך אָן דיר נוקם זיין פאַר די עינויים פון אונזער גואל". דערווייל איז פאַרבייגעריטען איבער׳ן פעלד אַ ריטער, וואָס האָט געקאָנט רבי יעקב׳ן. האָט דער רב ביי איהם געבעטען הילף און צוגעזאָגט איהם צו שיינקען אַ טייערן פערד. האָט דער ריטער גע׳פּועל׳ט ביים המון, איהם אָבצוגעבען דעם רב און האָט פערזיכערט, אַז ער וועט זיך בעמיהען צו בעוועגען דעם דאָזיגען אומגליקליכען, ער זאָל אָננעמען דעם קריסטענטום. אַדאַנק דעם דאָזיגען קונץ איז ניצול געוואָרען פון טויט איינער פון די גרעסטע גייסטליכע פאָרשטייהער פון די דעמאָלטיגע אידען.

ערשט אַז די פראַנצויזישע און דייטשע קרייץ-פאָהרער זיינען אַוועק אין די מזרח-לענדער, האָבען די אידען פרייער אָבגעאָטעמט. די וואָס האָבען זיך געהאַט בעהאַלטען אין פעסטונגען און שלעסער, זיינען אַרויס פון זייערע בעהעלטענישען, און די אָבגע׳שמד׳טע איבערגעוואַלד האָבען זיך אומגעקעהרט צוריק צו זייער פריהערדיגער אמונה (אווגוסט פון יאָהר 1147).

דער דריטער קרייץ-צוג און די איינגלישע אידען.

§ 99. אין יאָהר 1187 האָט דער מוטיגער סאַלאַדין, דער סולטאַן פון עגיפּטען און סיריען, געמאַכט אַ סוף פונ׳ם ירושלמ׳ער קיניגרייך, וואָס די קרייץ-פאָהרער האָבען געהאַט געגרינדעט, און האָט אָבגענומען ביי די קריסטען ירושלים. דער פּועל-יוצא דערפון איז געווען דער דריטער קרייץ-צוג קיין ארץ-ישראל, אין וועלכען ס׳האָבען אָנטייל גענומען די מאָנאַרכען פון דייטשלאַנד, פראַנקרייך און איינגלאַנד: פרידריך באַרבאַראָסאַ, פיליפּ-אויגוסט און ריטשאַרד (ריכאַרד) לייבען-האַרץ (1189 — 1190).

די הכנות צום דאָזיגען קרייץ-צוג האָבען ניט אַרויסגערופען קיין מאַסען-בעוועגונג קעגען די אידען אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך. דאָס מאָל האָבען שווער געליטען בלויז די אידען פון איינגלאַנד, וועלכע איז ביז אַהער געשטאַנען מן הצד ביי די מעכטיגע פאָלקס-בעוועגונגען אויפ׳ן קאָנטינענט פון אייראָפּע.

ווי ווייט עס לאָזט זיך פעסטשטעלען, האָבען די אידישע קאָלאָניעס אָנגעהויבען זיך בעווייזען אין איינגלאַנד, זינט די נאָרמאַנען האָבען איינגענומען דאָס לאַנד, דאָס הייסט זינט דער צווייטער העלפט פון XI יאָהרהונדערט. אַ סך אידען זיינען אָנגעקומען קיין איינגלאַנד באַלד נאָך ווילהעלם דעם עראָבערער (1066 — 1087) . די איינוואַנדערער זיינען געקומען דער עיקר פון פראַנקרייך, וואָס אַ טייל פון איהר טעריטאָריע האָט געהערט צו איינגלאַנד, און די אידישע קהילות פוןביידע לענדער האָבען זיך געפונען אין שטענדיגע פערבינדונגען. די אידען האָבען געוואוינט אין לאָנדאָן און אין אַנדערע שטעדט און האָבען זיך פערנומען מיט האַנדעל און פינאַנציעלע אָפּעראַציעס. אין XII יאָהרהונדערט זעהען מיר אין איינגלאַנד גוט איינגעאָרדענטע אידישע קהילות מיט בעדייטענדע רבנים, פון די ישיבות פון די פראַנצויזישע תלמודיסטען.

די איינגלישע מלכים האָבען געגעבען די אידען בעוועגונגס-פרייהייט, די פרייהייט צו קויפען און פערקויפען אין גאַנצען לאַנד, דאָס רעכט אַריבערצופיהרען פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערן זייערע מטלטלים, „אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען דעם קיניגס אייגענס" (לויט ווי עס שטייהט געשריבען אין דער כאַרטיע פון היינריך I-טען), און צולעצט — אויך די זעלבסטפערוואַלטונג פון די קהילות און אַן אייגענעם בית-דין. פאַר'ן דאָזיגען „שוץ" פלעגען די מלכים אויפמאָנען פון אידען אומגעהייערע סומעס געלד, אין דער געשטאַלט פון שטענדיגע און אויסערגעוועהנליכע אָבצאָהלונגען און הלואות אויף ניט צו אָבצאָהלען.

צווישען די אידען פון לאָנדאָן און פון פראָווינציעלע שטעדט פלעגט מען בעגעגענען רייכע לייט, וואָס האָבען געוואוינט אין געמויערטע הייזער, „וואָס זיינען גלייך צו פאַלאַצען". אַזעלכע פינאַנסיסטען און באַנקירען האָבען געווענדט אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט און אַרויסגערופען אַ געלדגיריגקייט ביי די מלכים, ווי אויך קנאה מצד דער קריסטליכער בעפעלקערונג, וואָס האָט געהאַלטען אַלע אידען פאַר גבירים. דער קיניג היינריך דער II-טער, וואָס די איינגלישע כראָניקער פון יענער צייט וואַרפען איהם פאָר, וואָס ער האָט געשיצט „קריסטוס'עס פיינד", האָט געקוקט אויף די אידישע קאַפּיטאַלען, ווי אויף אַ „קיניגליכען אייגענס". בשעת ער האָט זיך גענויטיגט אין געלד ביים שליסען דעם בונד מיט פרידריך באַרבאַראָסאַ (1168), האָט ער געהייסען אַרעסטירען די אידישע פאָרשטייהער און פערשיקען זיי קיין נאָרמאַנדיען, און אויף די קהילות האָט ער אַרויפגעלייגט אַן אָבצאָהלונג פון פינף טויזענד מאַרק. בשעת מען האָט געקליבען געלד אויפ'ן קרייץ-צוג קעגען סאַלאַדינ'ען, האָט מען גענומען פון קריסטען אַ צעהנט-חלק פונ'ם ווערט פון זייערע נחלאות, און פון די אידען — אַ פערט-חלק .

די פיינדליכע געפיהלען פון דער איינגלישער בעפעלקערונג צו אידען זיינען אַרויסגערופען געוואָרען דורך אַ גאַנצען סכום פון רעליגיעזע און עקאָנאָמישע סיבות . אינ'ם יסוד פון אַזעלכע געפיהלען איז געלעגען סיי רעליגיעזע אומטאָלעראַנץ, וואָס די קאַטוילישע גייסטליכקייט האָט פונאַנדערגעבלאָזען, און סיי די האַנדעלס-קאָנקורענץ פון די שטאָדט-איינוואוינער, און סיי די קנאה [illegible]

חאילשטאַנד פון די אונטערגעמונגס לוסטיגע פרעמדע. אינ׳ם ערשטען יאָה-הונדערט, וואָס אידען האָבען געוואוינט אין איינגלאַנד, האָט דער דאָזיגער אַנטאַגאָניזם זיך אַרויסגעוויזען זעלטען ווען אין אומבעדייטענדע אָרטיגע סכסוכים. דערפאַר אָבער אין דער צייט פונ׳ם דריטען קרייץ-צוג האָבען די פאָלקס-ליידענשאפטען זיך פונאַנדערגעפלאַקערט, און די סכסוכים האָבען אָנגעהויבען טראָגען אַ כאַראַקטער פון אַ צעשטערענדער מאַסען-בעוועגונג.

די הכנות צום דאָזיגען קרייץ-צוג האָבען זיך אָנגעהויבען גראָד אין יענער צייט, בשעת עס איז געוואָרען קיניג ריטשאַרד דער I-טער, לייבען-האַרץ, הייגריך דעם II-טענס יורש. דער נייער קיניג האָט אויפגעהויבען די פאָהן פונ׳ם קרייץ-צוג אַ קורצע צייט פאַר זיין קרוינונג. דעריבער האָט די צערעמאָניע פון דער קרוינונג פונ׳ם קיניג, וואָס האָט זיך געקליבען גייהן אין די מזרח-לענדער, זיך אויסגעצייכענט מיט אַ בעזונדער פייערליכקייט. אינ׳ם טאָג פון דער קרוינונג (3 סעפטעמבער 1189) איז צווישען די פיעל דעפּוטאַציעס, וואָס זיינען געקומען אָפּגעבען מזל-טוב און ברייגגען מתנות, אָנגעקומען קיין לאָנדאָן אויך אַ דעפּוטאַציע פון די איינגלישע אידען. דאָס וואָס די אידישע דעפּוטאַטען האָבען זיך אַיינגעפונען אין אַזאַ פייערליכען מאָמענט אינ׳ם טרוין-זאַל פונ׳ם וועסטמינסטער-פּאַלאַץ, צווישען די פּאָרשטייהער פון דער קריסטליכער גייסטליכקייט און פונ׳ם העכסטען אדעל, — האָט אויסגעוויזען פאַר אומפּאַסיג אין די אויגען פון די פאַנאַטיקער פון דער קירך. דער אַרכיבּיסקופּ פון קענטערבערי באַלדואין האָט בעמערקט דעם קיניג, אַז די אומגלויביגע זיינען ניט ראוי צו האָבען אַזאַ הויכען כבוד און אַז עס איז זינדיג אָנצונעמען פון זיי מתנות. לויט דעם אַרכיבּיסקופּ׳ס פאָדערונג האָט ריטשאַרד געהייסען אַרויסטרייבען די אידישע פאָרשטייהער פונ׳ם טרוין-זאַל. אַז די דיענער פון הויף האָבען בעקומען אַזאַ בעפעהל, האָבען זיי גערעכענט, אַז זיי מעגען בעליידיגען די אידישע דעפּוטאַטען, און אין שטאָדט האָט זיך פערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער קיניג האָט ערלויבט צו שלאָגען אידען. האָבען דער ווילדער המון איגאיינעם מיט די קרייץ-פאָהרער, וואָס האָבען זיך געהאַט צונויפגעקליבען אין שטאָדט, זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די אידען און געמאַכט אַ שרעקליכען פּאָגראָם. דער צעלאָזטער המון האָט געמיינט, אַז מען האָט זיי ערלויבט צו טון מיט אידען, וואָס זיי ווילען, און זיי האָבען זיך גענומען פאַר דער אַרבייט. זיי האָבען די אידען אַכזריות׳דיג געפּייניגט און גע׳הרג׳עט, צעשטערט זייערע הייזער, אויסגערויבט זייער האָב-און-גוטס. די רייכע אידען האָבען זיך איינגעשלאָסען אין זייערע הויכע געמויערטע הייזער, נאָר די פּאָגראָמשציקעס האָבען אונטערגעצונדען די דאָזיגע הייזער, און די איינוואוינער, וואָס זיינען פון דאָרט אַרויסגעלאָפען, האָבען זיי דער׳הרג׳עט. דער קיניג איז געווען אויפגעבראַכט איבער דער דאָזיגער רציחה, נאָר ער האָט ניט אָנגענומען קיין שום מיטלען אויף איינצוהאַלטען דעם ווילדען המון, מחמת זיין צאָהל איז געווען גרויס.

עטליכע מיטגלידער פון דער אידישער קהילה האָבען זיך אַליין גענומען דאָס לעבען, מחמת זיי האָבען מורא געהאַט, טאָמער צווינגט מען זיי זיך [illegible]

שמד׳ען; צווישען זיי איז געווען ר׳ יעקב פון אָרלעאַן, אַ בעדייטענדער פאָר־שטייהער פון די פראַנצויזישע בעלי-התוספות.

איינעם פון די אידישע דעפוטאַטען, בענעדיקט פון יאָרק, האָט מען אוועק־געשלעפּט אין אַ קירך און אָבגע׳שמד׳ט איבערגעוואַלד. אַז דער קיניג איז גע־וואָהר געוואָרען, אַז בענעדיקט האָט נאָר לפנים אָנגענומען די קריסטליכע אמונה, אָבער אין דער אמת׳ען האַלט ער ווייטער אידישקייט, האָט ער געפרעגט ביים אַרכיביסקופּ פון קענטערבערי, וואָס זאָל מען טון מיט איהם. דערויף האָט דער אַרכיביסקופּ געענטפערט מיט כעס: „אויב ער וויל ניט זיין גאָטס מענש, זאָל ער זיין דעם טייוועלס מענש!״ — און מען האָט ערלויבט דעם אידען צו האַל־טען זיין פריהערדיגע אמונה.

אַז ריטשאַרד איז באַלד נאָכדעם אַוועק קיין אָריענט, בראש פונ׳ם חייל פון די קרייץ-פאָהרער, האָבען די פּאָגראָמען זיך אָנגעהויבען פון דאָס ניי. דעם פאָלקס ליידענשאַפטען האָבען זיך פונאַנדערגעפלאַקערט. אַן איינגלישער כראָניק-שרייבער פון יענער צייט בעמערקט, אַז די פּאָגראָמשציקעס האָבען גע־טאָן ניט אַזוי פון פרומקייט וועגען, ווי מחמת קנאה צו דער עשירות פון די אידען און מחמת זיי האָבען געוואָלט הנאה האָבען פון זייער גוטס. דער רעליגיעזער פאַנאַטיזם האָט מעהר ניט געפּרובט צו פערדעקען די דאָזיגע נידעריגע תאוות. אין פריהיאָהר 1190 האָבען די פּאָגראָמען זיך איבערגע׳חזר׳ט אין די שטעדט: לין, סטאַנפאָרד, יאָרק און בערי-סענט-עדמונס. די פּאָגראָמען האָבען געמאַכט די אָרטיגע איינוואוינער אינאיינעם מיט די איבערגעבליבענע קרייץ-פאָהרער.

בעזונדערס טראַגיש איז געווען דער גורל פון דער אידישער קהילה אין יאָרק. אויפגערודערט דורך די שריפות און אָנפאַלען, וואָס האָבען זיך אָנגעהוי־בען אין שטאָדט, האָבען די יאָרקער אידען גע׳פּועל׳ט ביים קאָמענדאַנט פון דער שטאָדטישער פעסטונג, ער זאָל זיי געבען אַן אָרט אין פעסטונגס-טורעם. אַז זיי האָבען זיך שוין געהאַט דאָרט איינגעשלאָסען מיט זייערע הויזגעזינדען, האָט דער קאָמענדאַנט געוואָלט אריינגייהן אין טורעם, נאָר די אידען, וואָס האָבען מורא געהאַט פאַר אַ בגידה, האָבען איהם ניט אריינגעלאָזט. דעמאָלט האָט די אָרטיגע מיליציע און אַ המון פון בירגער בעלעגערט דעם טורעם. די בעלעגע־רונג האָט געדויערט עטליכע טעג. פאַנאַטישע מאָנאַכען און פריצים, וואָס זיינען שולדיג געווען אידען געלד, האָבען אונטערגעהעצט דעם המון צו נקמה. איינער אַ מאָנאַך, וואָס האָט הויך אויפ׳ן קול געריפען דאָס פאָלק צו פערטיליגען אידען, איז געוואָרען דער׳הרג׳עט אויפ׳ן אָרט דורך אַ שטיין, וואָס איינער פון די בעלעגערטע האָט געוואָרפען פון דער פעסטונגס-מויער, און דאָס האָט נאָך מעהר ערביטערט די אָנפאַלער.

דערווייל איז אויסגעגאַנגען די עסענוואַרג אין טורעם, און די האָפנונג אויף רעטונג איז פערשוואונדען געוואָרען. האָבען די עלטסטע זיך געהאַלטען אַן עצה, וואָס מען בעדאַרף טון. דער רב ר׳ יום-טוב פון זשואַני האָט זיך געווענדעט צו דער פערזאַמלונג און האָט געזאָגט: „גאָט, וואָס זיינע וועגען

זיינען ניט בעוואוסט, וויל בעשיימפערליך, אַז מיר זאָלען שטאַרבען פאַר אונזער הייליגער תורה. דער טויט שטייהט הינטער דער טיר, און איהר וועט דאָך מסתמא ניט וועלען פעלשען אין אייער אמונה, בכדי צו פערלייגערן אַ ביסעל די ערדישע עקסיסטענץ, וואָס פערגייהט גיך. יאָ, איידער אַ לעבען אין חרפה, וועלען מיר בעסער אויסקלייבען אַ טויט אין כבוד, און בכן בלייבט אונז נאָר איבער אַ טראַכט צו טון וועגען דעם, ווי אַזוי אויסצוקלייבען אַ ווירדיגען און בעקוועמען אַרט פון טויט. דער בורא האָט אונז געגעבען דאָס לעבען, און מיר וועלען עס איהם אומקעהרען מיט אונזערע אייגענע הענד. אַזאַ ביישפּיעל האָבען אונז בעוויזען אַ סך פרומע לייט און גאַנצע קהילות אין דער אַלטער און אין דער נייער צייט״. די דאָזיגע רייד האָבען געווירקט — און די בעלעגערטע, חוץ עטליכע, האָבען בעשלאָסען, זיך צו נעמען דאָס לעבען. דער ראש הקהל יאָסצע (איינער פון די מיטגלידער פון דער אידישער דעפּוטאַציע, וואָס איז געקומען צו ריטשאַרד׳ס קרוינונג) האָט געקוילעט צוערשט זיין פרוי חנה און צוויי קינדער, און אַליין האָט ער זוכה געווען מקבל צו זיין דעם טויט פון׳ם רב׳ס האַנד. אויף אַזאַ אופן האָבען זיך גענומען דאָס לעבען נאָך אַ סך פון די בעלעגערטע. דאָס איז געשעהן ביי נאַכט, ערב שבת הגדול (מערץ פון יאָהר 1190).

אויפ׳ן אַנדערן מאָרגען, ווען די שונאים זיינען צוגעגאַנגען צום טורעם, בכדי איהם צו שטורעמען, האָבען די לעבען געבליבענע אידען, וואָס האָבען נאָך געהאָפט אויף רעטונג, מודיע געווען, אַז זיי זיינען גרייט צו עפענען זיי די טויערן און זיך צו לאָזען שמד׳ען. נאָר ווי נאָר די טויערן זיינען געעפענט געוואָרען, האָבען די קריסטען זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די גאַנץ-געבליבענע בעלעגערטע און האָבען ניט קוקענדיג אויף זייער געבעט, זיי אַלעמען ביז איינעם אויסגעקוילעט. פון דאָרט איז דער המון אַוועק צו דער קירך און האָט פערברענט די וועקסלען, וואָס זיינען דאָרט געלעגען, וואָס קריסטען האָבען זיי געהאַט אַרויסגעגעבען זייערע אידישע קרעדיטאָרען.

דער קאַנצלער און פערטרעטער פון קיניג, לאָנגשאַן, האָט בעשלאָסען צו בעשטראָפען די אָנטיילנעמער פון׳ם פּאָגראָם; נאָר ס׳האָבען זיך ניט אַרויסגעוויזען קיין שולדיגע: די קרייץ-פאָהרער זיינען זיך צעלאָפען אין פערשיידענע קאַנטען, די אָנפיהרער פון די פּריצים זיינען אַנטלאָפען געוואָרען קיין שאָטלאַנד, און די איבעריגע האָבען זיך פערענטפערט דערמיט, וואָס זיי האָבען אַרויפגעוואָרפען די גאַנצע שולד אויף די קרייץ-פאָהרער. מעהר ניט דעם שעריף פון׳ם גראַפשאַפט יאָרק האָט מען בעשטראָפט דורכדעם, וואָס מען האָט קאָנפיסקירט זיין אייגענס; נאָר דערנאָך האָט מען איהם מוחל געווען און צוריק אָבגעגעבען זיינע רעכט.

בשעת ריטשאַרד I-טענס קריגס-צוג און בשעת זיין געפאַנגענשאַפט צוריק-צו-וועג, האָט די איינגלישע רעגירונג אויסגעפּרעסט פון די בדלות-געשטעלטע אידישע קהילות פערשיידענע אויסערגעוויהנליכע אָבצאָהלונגען, אַזוי ווי זי וואָלט דערמיט געוואָלט זיי צווינגען צו בעצאָהלען פאַר די גבורות פון די פּאָגראָם-

שציקעס. אויף דער קאָנטריבוציע אויף אויסצוקויפען דעם קיניג האָט מען גע-פאָדערט פון די אידען 5000 מארק, ד. ה. דריי מאָל אַזוי פיעל, וויפיעל עס האָט אָנגעטראָפען די סומע פון דער קאָנטריבוציע פון גאַנץ לאָנדאָן.

אַז ריטשאַרד איז צוריקגעקומען, זיינען די דאָזיגע שווערע שטייערן איינגעפיהרט געוואָרען אויף שטענדיג. דער קיניג פלעגט בעקומען גענויע חשבונות וועגען אַלע פינאַנץ- און קרעדיט-אָפּעראַציעס פון די אידען, וואָס האָבען געמוזט פּאַרקומען אונטער'ן קאָנטראָל פון בעאַמטע, און האָט פון איטליכער אָפּעראַציע אויפגעמאָנט פאַר זיך אַ בעדייטענדען פּראָצענט. די דאָזיגע פּאָליטיק האָט שפּעטער געבראַכט צו די טרויעריגסטע רעזולטאַטען.

די רעזולטאַטען פון די קרייץ-צוגען אין פראַנקרייך.

§ 100. די מהומה פון די קרייץ-צוגען האָט אָנגעטראָפען די אידען פון פראַנקרייך אין יענער צייט, בשעת אינ'ם דאָזיגען לאַנד האָט זיך שוין געהאַט איינגעפעסטיגט דער גרעסטער קולטור-צענטער פון די גלות-לענדער, נאָך שפּאַניען. די אידען זיינען געווען די הויפט-בעוועגער פון אינדוסטריע און האַנדעל; זיי האָבען געהאַט גרויסע מאַיאָנטקעס און אַ סך הייזער אין פּאַריז און אין די פּראָ-ווינציעלע שטעדט.

איטליכע קהילה פלעגט אויסקלייבען איהר בעזונדערן עלטסטען (פּרעוואָ), וועלכער פלעגט ווערען בעשטעטיגט אויף זיין שטעל דורכ'ן קיניג אָדער דורכ'ן באַראָן, וואָס צו איהם געהערט די געגעבענע שטאָדט. דער עלטסטער האָט געזאָרגט נאָר דערפאַר, עס זאָלען אָבגעהיט ווערען די קאָרפּאָראַטיווע רעכט פון דער קהילה און די עקאָנאָמישע אינטערעסען פון איהרע איינצעלנע מיטגלידער. די רבנים האָבען איינגעוויינט דאָס אינעוויינינגסטע לעבען פון די קהילות. זיי פלעגען זיך פּעריאָדיש צונויפקלייבען אויף צוזאַמענפאָהרען און בעשליסען די וויכטיגסטע פראַגען פונ'ם בירגערליכען און גייסטליכען לעבען פון די אידען.

די רבנים און געלערנטע פלעגען ניט אויסמיידען צו בעקענען זיך מיט די פאָרשטייהער פון דער קריסטליכער גייסטליכקייט און פלעגען אָפטמאָלס, לויט'ן מנהג פון יענער צייט, פיהרען מיט זיי רעליגיעזע וויכוחים. בשעת אַזעל-כע וויכוחים פלעגען די אידישע געלערנטע זיך האַלטען פריי; זיי פלעגען גע-וויינליך סותר זיין די טענות קעגען דער יהדות, נאָר טיילמאָלס פלעגען זיי אויך איבערגייהן צום אָנפאַל און פלעגען דורך שאַרפזיניגע טענות אָבפרעגען די הויפט-יסודות פון קריסטענטום.

די אַלגעמיינע איבערקעהרעניש, וואָס די קרייץ-צוגען האָבען אָנגעמאַכט אין אַלע לעבענס-ספערען פון די פעלקער פון מיטעל-אייראָפּע, האָט זיך אויך אָבגעשפּיגעלט אויפ'ן לעבען פון די פראַנצויזישע אידען. די שטענדיגע בעצי-הונגען, וואָס האָבען זיך איינגעשטעלט צווישען אייראָפּע און אַזיען, האָבען אַריינגעצויגען אַ סך קריסטליכע סוחרים אין האַנדעל מיט די מזרח-לענדער און

האָבען אַרויסגעשטופּט פון דאָרט די אידען, די אַמאָליגע מאָנאָפּאָליסטען פון'ם אינטערנאַציאָנאַלען האַנדעל. דאָזעלבע איז אויך געווען אין אייראָפּע גופא. וואָס מעהר עס האָט זיך דאָרט ענטוויקעלט דאָס שטאָדט-לעבען, איז אַלץ מעהר געוואַקסען די צאָהל פון קריסטליכע הענדלער אויפ'ן חשבון פון די אידען, וואָס זיינען אַלץ מעהר אַרויסגעשטויסען געוואָרען פון גרויסען האַנדעל און אַריבער צום קליין-האַנדעל און קרעדיט-אָפּעראַציעס.

די בעזונדערהייט פון דער מיטעלאַלטערליכער אָרדענונג און דאָס, וואָס די צאָהל מלאכות איז דעמאָלט געווען אַ בעגרעניצטע — האָבען געצוואונגען די אידען צו פערנעמען זיך דער עיקר מיט אַנטלייהען געלד אויף פּראָצענטען, וואָס האָט אָפטמאָל'ס געבראַכט צו געפעהרליכע צוזאַמענשטויסונגען צווישען די לוה'ס און מלוה'ס און האָט שפּעטער פערשאַפט די פראַנצויזישע אידען אָהן אַ שיעור צרות. ווען דער קיניג לודוויג VII האָט בעפרייט די קרייץ-פאָהרער פון צו בעצאָהלען די פּראָצענטען זייערע אידישע קרעדיטאָרען, איז דאָס דעמאָלט געווען אַן אויסנאַמס-מיטעל. אין שפּעטערדיגער צייט אָבער איז אַזאַ אַריינדרינגען פון דער רעגירונג אין פּריוואַטע געשעפטען געוואָרען אַ געווייהנליכע ערשיינונג.

פּאַראַלעל מיט דער עקאָנאָמישער דערנידעריגונג פון די אידען איז פערערגערט געוואָרען אויך זייער סאָציאַלע לאַגע. די אויפרעגונג פון די געמיטער, וואָס איז געוואָרען אַרויסגערופען דורך דער אַגיטאַציע פאַר די קרייץ-צוגען, און דער ליידענשאַפטליכער רעליגיעזער פאַנאַטיזם, וואָס האָט אַרומגענומען גאַנצע שיכטען פון דער קריסטליכער בעפעלקערונג, האָבען אוועקגעשטעלט די אידען אויף אַ געפעהרליכען, וואולקאַנישען באָדען. זיי האָבען געמוזט שטענדיג ציטערן. איטליכער אויפרייס פון די פאָלקס-ליידענשאַפטען האָט געקאָנט זיי בריינגען צו אונטערגאַנג און חורבן.

דער פאָלקס-אָבערגלויבען האָט געצויגען זיין יניקה פון ווילדע, אומגעלומפּערטע קלאַנגען, וואָס האָבען אַרויסגעשטעלט די אידען אין דער שרעקליכסטער געשטאַלט. גראָד אין יענער צייט האָט זיך צוערשט פערשפּרייט די פאַלשע און רשעות'דיגע בעשולדיגונג, וואָס איז זינט יענער צייט געוואָרען איינער פון די שרעקליכסטע געצייג אין די הענד פון די שונאים פון אידישען פאָלק. פּונקט אַזוי ווי די אַלטע רוימער, אין די צייטען פון דער אימפּעריע, האָבען אויסגעטראַכט קעגען די ערשטע קריסטען די אומגעלומפּערטע בעשולדיגונג, אַז זיי קוילען קליינע קינדער פון היידען צוליעב בעהאַלטענע רעליגיעזע צוועקען, אַזוי האָבען איצט די קינדס-קינדער פון יענע קריסטען אָנגעהויבען צו בעשולדיגען די אידען אין'ם אייגענעם כלומר'שטיגען פערברעכען. אַ פינסטערער קלאַנג האָט דערצייהלט, אַז די אידען טויטען קריסטליכע קינדער פאַר פּסח, און זיי חזר'ן איבער דערמיט סימבאָליש די קרייציגונג פון קריסטוס'ן, און די בלוט געברויכען זיי פאַר זייערע סעודות אום פּסח. דער פּסיכאָלאָגישער יסוד פון דער דאָזיגער בעשולדיגונג איז געווען די בעדערפעניש פון המון, וואָס איז געווען פער'שיכור'ט דורך די בלוט-דאָרשטיגע גבורות פון די קרייץ-פאָהרער און פון די אַנדערע פאַנאַטיקער, צו פערענטפערן די דאָזיגע רציחות און אַרויסשטעלען זיי, אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען אַ בע-

רעכטע שטראָף פאַר׳ן פערברעכען, וואָס די אידען זאָלען האָבען אָבגעטאָן.

דער יאָהר 1171 איז דער אָנהויב־יאָהר פון דער „בלוט־בעשולדיגונג" (עלילת דם), וואָס פערדאַרבט דעם פערשטאַנד און געוויסען פון די קריסטליכע מאַסען נאָך ביז היינטיגען טאָג. אין דער שטאָדט בלואַ, אויפ׳ן ברעג פון לואַראַ, איז דער דיענער פונ׳ם אָרטיגען שטאָדט־הויפּטמאַן געגאַנגען איין מאָל אין אָבענד צום טייך אָנצוטרינקען זיין פערד. דער ריטער האָט געטראָפען אויפ׳ן ברעג אין דער פינסטער אַ אידען און האָט זיך שטאַרק דערשראָקען, און זיין פערד איז פון שרעק אָבגעשפרונגען אָן אַ זייט. איז דער אָבערגלויבישער דיענער געקומען צו זיין בעל־הבית און האָט דערציילט, אַז ער האָט געזעהן, ווי דער איד האָט אַריינגעוואָרפען אין טייך דעם קערפּער פון אַ געקרייציגטען קריסטליכען קינד. האָט דער שטאָדט הויפּט־מאַן וועגען דעם געגעבען צו ־ וויסען דעם גראַף פון דער געגענד טיבאָ און האָט דערביי מוסיף געווען, אַז די אידען האָבען בלי־ספק אומגעבראַכט דאָס קינד, בכדי צו געברויכען זיין בלוט אויף פסח. האָט דער גראַף געהייסען אַריינזעצען אין תפיסה אַלע מיטגלידער פון דער אָרטיגער אידישער קהילה.

פריי געבליבען איז נאָר איין אידישע פרוי פולצעלינאַ, וואָס זי האָט שוין פון לאַנג אָן בעזונדערס נושא חן־געווען אינ׳ם גראַפ׳ס אויגען. די דאָזיגע קלוגע און ענערגישע פרוי האָט געפּרובט זיך משתדל זיין פאַר איהרע אומשולדיגע פאָלקס־ברידער, נאָר איהר מיה איז געבליבען אומזיסט. דער גראַף איז געווען גרייט צו נעמען פון די אידען אַ גרויסען אויסקויף און אַרויסלאָזען זיי פריי, און האָט שוין וועגען דעם געפיהרט פערהאַנדלונגען מיט איין מיטגליד פון דער קהילה. נאָר איין פאַנאַטישער גלח האָט אָבגערעדט דעם גראַף פונ׳ם דאָזיגען פלאַן.

בכדי זיך צו איבערצייגען, אַז די בעשולדיגונג, וואָס מען האָט אַרויסגעשטעלט קעגען אידען, איז אמת, האָט דער גראַף, לויט דעם גלח׳ס עצה, אָנגעווענדט דעם געוויהנליכען מיטעל פון יענער צייט: אויספּרובען דורך וואַסער; דעם דיענער, וואָס האָט בעשולדיגט, האָט מען אַריינגעלאָזען אין טייך אויף אַ שיפעל, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט הייליגע וואַסער. אַז די שיפעל איז ניט אונטערגעגאַנגען, האָט עס געדיענט פאַר אַ סימן, אַז די בעשולדיגונג איז בעוויזען. האָט מען אַלע געפאַנגענע אידען אַריבערגעפיהרט אין אַ הילצערנעם טורעם, און מען האָט דעם טורעם אַרומגעלייגט מיט אַן אומגעהייער גרויסען שייטערהויפען. דערנאָך האָט מען די אידען פאָרגעלייגט, זיי זאָלען זיך שמד׳ען, — וועט מען דערפאַר זיי לאָזען לעבען, נאָר זיי האָבען זיך לחלוטין אָבגעזאָגט. האָט מען זיי אַרויפגעוואָרפען אויפ׳ן שייטערהויפען און פערברענט (26 מאַי — 20 טעג אין סיון 1171). די אידען זיינען געשטאָרבען מוטיג, מיט דער תפילה „עלינו לשבח" אויף די ליפען, אַזוי ווי זיי וואָלטען דערמיט געוואָלט חוזק מאַכען פון זייערע פייניגער. אינגאַנצען זיינען דעמאָלט אומגעקומען אויף קידוש־השם 31 מענשען, צווישען דעם אויך פולצעלינאַ.

די דאָזיגע געשעהעניש האָט געמאַכט אויף אַלע פראַנצויזישע אידען

שרעקליכען רושם. רבינו יעקב תם האָט איינגעשטעלט צום געדעכעניש פון די קדושים אַ יעהרליכען תענית 20 טעג אין סיון, און דעם דאָזיגען תענית (כ׳ סיון) האָט מען נאָך אַ לאַנגע צייט אָבגעהיט אין די אידישע קהילות פון פראַנק-רייך און פון די רייניִשע געגענדען.

אין ניין יאָהר אַרום נאָך די דאָזיגע געשעהענישען איז געשטאָרבען דער קיניג לודוויג VII, און אויפ׳ן טרוין איז אַרויף פיליפּ II-טער אויגוסט (1180—1223), וואָס האָט געקעמפט פאַר דער קיניגליכער ממשלה קעגען די באַראָנען. קינדווייז האָט פיליפּ זיך אָנגעהערט פון זיינע ערציהער און חברים וועגען די פערברעכענס, וואָס מען דערציילט וועגען אידען. ער האָט געוואוסט די שרעק-ליכע באָבע-מעשיות וועגען דעם, אַז די אידען קלייבען זיך צונויף אַלע יאָהר, אין דער וואָך פאַר פסחא, אין אַ הייהל אונטער דער ערד און קוילען דאָרט אַ קריסטליכען קינד; מען האָט איהם פערזיכערט, אַז די ביינער פון אַזאַ גע-פייניגטען האָבען בעוויזען אַ סך מופתים אין אַ פּאַריזער קירך; ער האָט געהערט, אַז אין בלויז האָט מען פערברענט אויף אַ שייטער-הויפען אידען, וואָס מען האָט זיי „געכאַפּט” ביי אַזאַ פערברעכען. ביי אַזאַ מין צוגרייטונג האָט דער קיניג ניט געקאָנט זיין פריינדשאַפטליך געזונען צו אידען, און די דאָזיגע שטי-מונג פיליפּ׳ס, אין צוזאַמענהאַנג מיט די שטרעבונגען צו הערשאַפט און געלדגיריג-קייט, האָבען איהם געמאַכט פאַר׳ן טיראַן פון דער אידישער בעפעלקערונג פון יענער געגענד, וואָס האָט געבילדעט דאָס קיניגליכע ירושה-לאַנד (דער פּאַריזער און אָרלעאַנער ראַיאָן אָדער איל-דע-פראַנס).

היות ווי פיליפּ אויגוסט האָט זיך גענויטיגט אין געלד, בכדי צו פערברייטערן זיין טעריטאָריע און צו מאַכען זיך אונטערטעניג די פעאָדאַלען, האָט ער בעשלאָסען, אַז בעסער פון אַלץ איז אָנצופילען זיין קאַסע מיט די געלד פון די שוצלויזע אידען, און צוליעב דעם צוועק האָט ער זיך ניט אָבגעשטעלט פאַר געוואַלד-מיטלען. באַלד נאָך זיין קרוינונג (1181) האָט ער געהייסען אַרעסטירען אַ סך אידען אין פּאַריז אום שבת, בשעה זיי האָבען געדאַוועגט אין די שולען, און קאָנפיסקירען זייערע געלדער. האָבען די אידען צונויפגעקליבען אַ בעדייטענדע סומע געלד (15 000 מאַרק אין זילבער) און האָבען עס אונטער-געטראָגען דעם קיניג אַלס אויסקויף; דעמאָלט האָט מען די אַרעסטירטע אַרויס-געלאָזט פריי.

אין עטליכע חדשים אַרום האָט פיליפּ אויגוסט בעפרייט די קריסטען פון צו בעצאָהלען די חובות זייערע אידישע קרעדיטאָרען בתנאי, אַז די בעלי-חובות זאָלען בעצאָהלען אין דער קיניגליכער קאַסע אַ פינפט-חלק, וויפיעל עס בע-טרעפט אָן זייער חוב. איין פרומער מאָנאַך פון ווענסען האָט געלויבט דעם קיניגס אויפטו, און האָט ערקלערט, אַז אָבנעמען ביי אידען זייער עשירות איז אַ זאַך, וואָס איז גאָט וואויל געפעלען.

איבעריגענס, האָט פיליפּ גאַרניט בעדאַרפט האָבען אַזעלכע קירכליכע בעשטעטיגונגען; אויספרעסענדיג ביי אידען געלד, האָט ער ווינציג געזאָרגט דערפאַר, צי שטייהען זיינע מעשים בהסכם מיט דער פרומקייט, אָדער ניט.

אין גיכען האָט ער אָנגעווענדט נאָך אַ שטרייגערן מיטעל: ער האָט ארויסגעגעבען אַ בעפעהל, אז אלע אידען, וואָס וואוינען אין זיין ירוש-הלאַנד, זאָלען זיך אַרויסקלייבען פון דאָרט אין משך פון דריי חדשים, פון אַפּריל ביז יולי פון יאָהר 1182. די פערטריבענע האָט מען ערלויבט צו נעמען מיט זיך אָדער צו פערקויפען בלויז זייערע מטלטלים; נאָר אַלע פעסטע נחלאות — פעל-דער, וויינגערטנער, וויינקעלערס און שפייכלערס — האָט דער קיניג צוגענומען פאַר זיך. פון די פערלאָזטע שולען האָט מען געמאַכט קירכען.

די אידען, וואָס זיינען פערטריבען געוואָרען פונ'ם קיניגליכען ירושה-לאַנד, האָבען געמוזט זוכען פאַר זיך אַ מקום-מנוחה אין די לענדער פון די פראַנצויזישע פעאָדאַלען. די מעהר דרייסטע און זעלבשטענדיגע גראַפען זיינען גערן געווען צוצונעמען אין זייערע לענדער די קרבנות פונ'ם קיניגס געלד-גיריגקייט. נאָר אויך דאָ פלעגט טיילמאָלס טרעפען די אידען דעם קיניגס מעכטיגע האַנד, וואָס האָט אָהן שוויריגקייט געפונען אַן אויסרייד זיך אַריינצומי-שען אין די ענינים פון זיינע פעאָדאַלען.

אין דער שטאָדט ברייַ, אין דער גראַפשאַפט שאַמפּאַן, האָט אַ קריסט, דעם קיניגס אַן אונטערטאַן, געה'רג'עט אַ אידען. האָבען די קרובים פונ'ם דער-הרג'עטען זיך בעקלאָגט פאַר דער גרעפין און האָבען געפועל'ט ביי איהר, זי זאָל לאָזען טויטען דעם פערברעכער. האָט מען איהם געהאַנגען אום פורים, דעם-זעלביגען טאָג, ווען עס איז געהאַנגען געוואָרען המן הרשע. האָבען זיך גע-פונען גוטע לייט, וואָס האָבען דאָס גע'מסר'ט דעם קיניג, און דערביי האָבען די צום אמת מוסיף געווען אַ סך שקרים, אַ שטייגער, אז די אידען זאָלען האָ-בען געבונדען דעם פערברעכער, אָנגעטאָן איהם אויפ'ן קאָפּ אַ קרוין פון דערנער און אַזוי געשלעפּט איבער די גאַסען. פיליפּ אויגוסט איז געשווינד אוועק מיט אַ חייל קיין ברייַ, האָט אַרומגערינגעלט די הייזער פון די אידען מיט זעלנער און האָט זיי פאָרגעלייגט אויסצוקלייבען איינס פון דיביידע: אָדער שמד אָדער טויט. די אידען זיינען ניט געווען מסופק, וואָס אויסצוקלייבען. אויפמונטערנדיג איינער דעם אַנדערן, זיינען זיי מוטיג געגאַנגען צום טויט. אַן ערך הונדערט מענשען זיינען פערברענט געוואָרען לעבעדיגערהייד, אויף שייטערהויפענס; פערשוינט געוואָרען זיינען נאָר קינדער אינגער פון 13 יאָהר (מערץ 1191).

אין 16 יאָהר אַרום נאָכ'ן גירוש פון די אידען פון איל-דע-פראַנס האָט פיליפּ אויגוסט, „קעגען אַלעמענס ערוואַרטונג און קעגען זיין פריהערדיגען עדיקט", ערלויבט זיי אויפס'ניי זיך צו בעזעצען אין דער דאָזיגער געגענד (1198). די סיבה דערפון איז ניט געווען דאָס, וואָס ער האָט געקראָגען רחמנות אויף די פערטריבענע אָדער וואָס ער האָט חרטה געהאַט אויף די אַכזריות'דיגע מעשים, וואָס ער האָט אָבגעטאָן; די סיבה איז געלעגען אין דעם, וואָס ער האָט געוואָלט צוריק בעקומען דעם פריהערדיגען מקור פון די אומגעהייערע אָב-צאָהלונגען, וואָס מען פלעגט אויפמאָנען פון אידען פאַרן צולאָזען זיי צו פער-שיידענע מלאכות. דער קיניג פלעגט בעקומען אַ בעשטימטען פּראָצענט פון אַלע אידישע הכנסות און בעזונדערס פון לייה-אָפּעראַציעס.

בכן האָט ער איצט אומגעביטען זיין פּאָליטיק: לא די חאָס ער האָט אויפגעהערט אַרויסצוטרייבען אידען, נאָר זיי זיינען געווען ביי איהם טייער, ווי לייב-אייגענע, און דערפאַר האָט ער געזעהן זיי איינהאַלטען, זיי זאָלען ניט פערלאָזען זיין לאַנד. ער האָט געשלאָסען מיט די אָבהייגיגע גראַפען אַן אָבמאַך, אַז יענע זאָלען ניט האַלטען ביי זיך קיין קיניגליכע אידען, וואָס האָבען אייגענ-ווילליג זיך אַריבערגעקליבען אין זייערע גראַפשאַפטען, נאָר זיי זאָלען אַזעלכע אידען אַרויסגעבען דעם קיניג, בכדי זיי אַוועקצוזעצען אויף די ערטער, וואו זיי האָבען פריהער געוואוינט; ער פון זיין צד ווייטער האָט זיך מחייב געווען צו טון דאָס אייגענע בנוגע צו די „גראַפישע אידען". אויף אַזאַ אופן זיינען די אידען פון צפון-פראַנקרייך אין אַ געוויסער מאָס צוגעבונדען געוואָרען צו דער געגעבענער טעריטאָריע און צו בעשטימטע מלאכות. דער קיניג און די באַראָנען האָבען בעשיצט די דאָזיגע „האַנדעלס-לייב-אייגענע", פונקט אויף אַזוי פיעל, ווי ווייט דאָס איז נויטיג געווען צוליעב דער עקספּלואַטאַציע פון זייער אינדוסטריעלער פּראַצע און פינאַנציעלער בריה'שאַפט.

אַ פרייהליכערן בילד האָט פאָרגעשטעלט אין דער צווייטער העלפט פון XII יאָהרהונדערט דאָס לעבען פון די אידען אין דרום-פראַנקרייך. דאָ האָט די קריסטליכע בעפעלקערונג, וואָס איז געווען מעהר קולטורעל אַ דאַנק די פערבינדונגען מיט דער שכנישער שפּאַניען, זיך בעצויגען צו די אידען מיט ווינציגער פאָראורטיילען, איידער אין צפון. די ליבעראַלע גראַפען פון טולוזאַ און בעזיער האָבען אַפילו צוגעלאָזט די אידען צו רעגירונגס-שטעלעס, און האָבען ניט געקוקט אויף די פּראָטעסטען פון די גלחים און אַפילו פון'ם מעכטיגען פּויבסט אינאָקענטיוס דעם III-טען.

צווישען די אידען און די קריסטען פון דער פּראָוואַנס האָט זיך איינגעשטעלט אויך אַ געוויסער גייסטיגער פערקעהר אויפ'ן באָדען פון דער קולטור. דער דאָזיגער פערקעהר איז געווען איינע פון די סיבות, וואָס האָבען צוגעגרייט די בעוואוסטע „אַלביגאָנעזישע בעוועגונג". אונטער'ן איינפלוס פון דער אַראַביש-אידישער בילדונג האָבען זיך אָנגעהויבען צו פערשפּרייטען בהדרגה אין דער פּראָוואַנס אידייען, וואָס האָבען מיט זיך געטראָגען די בשורה פון דער שפּעטערדיגער רעפאָרמאַציע פון הוס און לוטער. דאָס פאָלק האָט געלייענט די „ברית-החדשה" אויף זיין מוטער-שפּראַך, און האָט געשטרעבט ווידער אויפצוריכטען דעם עוואַנגעלישען גלויבען און די זיטליכע רייניקייט, איז אויפגעשטאַנען קעגען דער ממשלה פון די פּויבסטען און מאָנאַכען און קעגען זייער רעזשים פון גראָבע אָבערגלויבענס. די העכערע קלאַסען האָבען זיך אַריינגעטאָן אין ראַציאָנאַליסטישע פילאָסאָפישע שיטות, וואָס עס האָבען פערשפּרייט דער עיקר געבילדעטע אידען פון שפּאַניען. די דאָזיגע בעוועגונג האָט געשיצט דער גראַף פון טולוזאַ ריימונד דער VI-טער, וואָס האָט זיך פערהאַלטען פריינדליך אויך צו אידען.

אויפגערודערט דורך דער „אַפּיקורסות" פון די פּראָוואַנסאַלישע אַלביגאָנעזען, האָט דער פּויבסט אינאָקענטיוס דער III-טער אויסגערופען קעגען זיי, אין אָנהויב פון XIII יאָהרהונדערט, אַ קרייץ-צוג. די דאָזיגע בלוטיגע מלחמה פון דער קירך

קעגען דער גלויבענס-פרייהייט, וואָס האָט געבראַכט אין דער שפּעטערדיגער עפּאָכע צו אַ פינסטערער קירכליכער רעאַקציע און צו דער גרינדונג פון דער אינקוויזיציע, האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אויך אויפ׳ן גורל פון די דרום-פראַנצויזישע אידען און האָט זיי אויסגעגליכען בנוגע צו די עינויים אויף קדוש-השם מיט זייערע צפונדיגע ברידער.

אידען אַלס „קאַמער-קנעכט" אין דייטשלאַנד.

§ 101. זייהר אַ שלעכטע ווירקונג האָט געהאַט די עפּאָכע פון די קרייץ-צוגען אויף דער בירגערליכער לאַגע און אויפ׳ן אינעווייניגסטען לעבען פון די אידען אין דייטשלאַנד. דער הויפּט-רעזולטאַט פון דער דאָזיגער אומרוהיגער עפּאָכע איז געווען דאָס, וואָס די אידען זיינען צו-פיעל אָבגעזונדערט געוואָרען פון דער אַרומיגער קריסטליכער בעפעלקערונג. פּונקט אַזוי ווי אַ דערשראָקענע טשערעדע שעפּעלעך, וואָס ריכט זיך אויף אַן אָנפאַל פון אַ חיה רעה, קלייבט זיך צונויף אין איין הייפעל, — אַזוי האָט אויך דאָס אידישע פאָלק, וואָס האָט זיך געפונען צווישען פיינד און אַלע טאָג מורא געהאַט פאַר אַן אויפרייס פונ׳ם פאָלקס ליידענשאַפטען, זיך אַלץ מעהר דערווייטערט פון דער פיינדליכער סביבה און זיך איינגעשלאָסען אין דער ספערע פון זיינע נאַציאָנאַלע אינטערעסען.

דער אַנדער פּועל-יוצא פון דער מהומה-צייט איז געווען דאָס, וואָס די אידען זיינען געוואָרען משועבד און וואָס ס׳איז שטאַרקער געוואָרען זייער אָבהייניגקייט פון די דייטשע קיסרים, וואָס זיינען געווען זייערע הויפּט-פאַרטיידיגער קעגען דעם צעלאָזטען המון. דער שוץ, וואָס די קיסרים היינריך דער IV-טער און קאָנראַד דער III-טער האָבען בעוויזען די אידען בשעת די ערשטע צוויי קרייץ-צוגען, האָט געשאַפען די מיינונג, אַז די אידישע אונטערטאַנען זיינען אַזוי ווי אַ פּערזענליכער אייגענס פון די דייטשע קיסרים, וואָס זיי האָבען עס גע׳ירש׳עט פון די אַלטע רוימישע קיסרים, וואָס האָבען אונטערטעניג געמאַכט דאָס לאַנד יהודה. דער דאָזיגער קוק איז בעזונדערס פערשפּרייט געוואָרען אין דער צייט פונ׳ם מעכטיגען מושל איבער דער דייטש-רוימישער אימפּעריע, פרידריך דעם I-טען באַרבאַראָסאַ (1152—1190).

די מיטעלאַלטערליכע לעגענדע, וואָס איז פערבליבען אין די מאָנומענטען פונ׳ם דייטשען מנהגים-רעכט („זאַקסען-שפּיגעל", „שוואַבען-שפּיגעל"), האָט געגעבען דער דאָזיגער אויסנאַמס-לאַגע פון די אידען אַ כלומר׳שט היסטאָרישע סאַנקציע. די לעגענדע האָט דערציילט, אַז נאָכ׳ן חורבן ירושלים דורך טיטוס׳ן זיינען די געפאַנגענע אידען פערקויפט געוואָרען פאַר שקלאַפען, צו דרייסיג מענשען פאַר איין פעניג; אָט די דאָזיגע אידען, וואָס זיינען פערקויפט געוואָרען פאַר שקלאַפען און וואָס האָבען זיך צעשפּרייט איבער דער רוימישער אימפּעריע, זיינען געוואָרען מיט זייערע קינדער קינדס-קינדער דער אייגענס פון די רוימישע קיסרים, וואָס האָבען איינאיינעם מיט׳ן אייגענטומס-רעכט גענומען אויף זיך די התחייבות צו בעשיצען זייערע אידען, אַלס לוין פאַר די

טובות, וואָס דער איד יוסיפוס פלאַוויוס האָט בעתיזען אַספּסינוס'ן און טיטוס'ן ביים אײַננעמען ירושלים. און היות ווי די רעכט פון די רוימישע קיסרים זיינען איבערגעגאַנגען, דורך קאַרל דעם גרויסען, צום דייטשען קייזערליכען הויז, בכן איז דער לעצטער דער דירעקטער בעל-הבית פון אַלע אידען, וואָס געפינען זיך אין דער אימפּעריע.

אין דער צווייטער העלפט פון XII-טען יאָהרהונדערט ווערט אין דער דייטשער געזעצגעבונג פעסטגעשטעלט דער קוק אויף די אידען, ווי אויף „קאַמער-קנעכט". ד. ה. לייב-אייגענע פון קייזערליכען הויף. פרידריך באַרבאַראָסאַ שטרייכט אונ-טער אין כתב, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבען די אידען פון רעגענסבורג (1182), און אין אַנדערע סטאַטוטען, אַז די אידען געהערען צו דער „קייזערליכער קאַ-מער"; זיין אייניקעל פרידריך דער II-טער האָט דער ערשטער אָנגעווענדט בנוגע צו אידען דעם נאָמען „קאַמער-קנעכט" (סערווי קאַמערע נאָסטרע, 1238). דאָס האָט ניט בעדייט, אַז די אידען זיינען לייב-אייגענע פשוטו כמשמעו, נאָר דאָס האָט בעשטימט זייער רעכטליכע אויסנאַמס-לאַגע. די אידען זיינען געשטאַנען ניט אונטער'ן שוץ פון די אַלגעמיינע בירגערליכע געזעצען, נאָר אונטער ספּע-ציעלע פּריווילעגיעס און אונטערד עם קייזער'ס פּערזענליכען שוץ. איטלי-כער, וואָס איז אָנגעפאַלען אויף דעם אידענס פּערזאָן אָדער זיין אייגענס, איז געווען גלייך, ווי ער וואָלט אָנגעפאַלען אויף דעם קייזערס אייגענס, און דערי-בער פלעגט ער ווערען געלאָדען ניט פאַר'ן געוויינהליכען לאַנד-געריכט, נאָר פאַר'ן הויף-געריכט.

פאַר'ן דאָזיגען כבוד צו שטייהן אונטערן שוץ פונ'ם קייזערליכען הויף, האָבען די אידען געמוזט צאָהלען דעם קייזער סיי שטענדיגע „שוץ-אָבצאָהלונ-גען" און סיי אויסערגעוויינליכע שטייערן, על-פי-רוב זייהר שווערע. חוץ אָב-צאָהלונגען לטובת דעם קייזער, האָבען די אידען בעדאַרפט נאָך צאָהלען בע-דייטענדע שטייערן יענע פעאָדאַלע פירשטען און מאַגיסטראַטען פון די שטעדט, וואס אין זייערע לענדער האָבען זיי געוואוינט. אין עטליכע ערטער האָבען זיי אויך געצאָהלט פון זייערע נחלאות אַ צעהנט-חלק דער קירך.

פונדעסטוועגען האָבען די אידען בעדאַרפט צאָהלען אויסקויפס-שטייערן די קיסרים און פירשטען אין יעדען פאַל בעזונדער, ווען דער צערייצטער המון פלעגט אויף זיי אָנפאַלען, און זיי האָבען געדאַרפט אָנקומען צום שוץ פון די קיסרים און פירשטען. אַזוי האָט דער קייזער פרידריך באַרבאַראָסאַ, בשעת ער איז אַוועק מיט'ן דריטען קרייץ-צוג, אָנגענומען שטרענגע מיטלען, בכדי צו פערהיטען אָנפאַלען אויף אידען פאַר דער צייט, וואָס ער וועט ניט זיין; נאָר פאַר דעם דאָזיגען שוץ האָבען די אידען געמוזט בעצאָהלען גרויסע סומעס אויף צו דעקען זיינע הוצאות בשעת'ן קרייץ-צוג.

אויף אַזאַ אופן האָבען די אידען געצאָהלט מיט זייער אייגענס און פּערזענליכער פרייהייט פאַר דער פּערטיידיגונג מצד דער העכסטער מאַכט קעגען די אָנפאַלען פון די מיטבירגער פון דער קריסטליכער אמונה. נאָר אַנ-

דערש איז ניט מעגליך געווען צו לעבען. דער דאָזיגער שוך האָט אָפּטמאָלט זיי אָבגעהיט פון ווילדע געוואַלדטאַטען, וואָס פלעגען אַרויסקומען מחמת עפּיס אַ אומגעלומפּערטען קלאַנג אָדער אַ פאַלשער בעשולדיגונג אין מיטעלאַלטערליכען גוסט.

דריי מייל פון שפּייער האָט מען איין מאָל געפונען אַ גע'הרג'עטע קריס-טין, און די פאַנאַטיקער פון דער קירך האָבען דאָס אויסגענוצט, גכ״י צו בעשולדיגען די אידען אין מאָרד. אַלס נקמה פאַר דעם דאָזיגען כלומר'שטיגע פערברעכען האָבען די קריסטען אַרויסגעגראָבען פון קבר דעם גוף פון אַ טאָכטער פון רבי יצחק בן-אשר, האָבען אויפגעהאַנגען דעם טויטען קערפּער אין מיטען דעם מאַרק-פּלאַץ און האָבען איהם מבזה געווען. דערנאָך האָבען זיי זיך אַרייגעריסען אין רב'ס שטוב האָבען דער'הרג'עט איהם און נאָך אַכט מענשען און אונטערגעצונדען אידישע הייזער. די אידען האָבען זיך בעהאַלטען אין אויבערשטיבעל פון שול און האָבען זיך דאָרט פערטיידיגט ביז אין דער נאַכט; ביי נאַכט האָבען זיי פערלאָזען די דאָזיגע בעהעלטעניש און זיינען אַוועק פון שטאָדט. האָבען די פּאָגראָמשציקעס פערברענט די שול, צעריסען די ספרי-תורות און די הייליגע ספרים און צערויבט די האָב-און-גוטס פון די אַנטלאָפענען. דער אָרטיגער ביסקופּ האָט גאָרנישט ניט געטאָן, אום צו פערטיידיגען די אידען.

אַז ווען דעם האָט זיך דערוואוסט דעם קייזערס ברודער, דער הערצאָג אָטאָ, האָט ער צונויפגעקליבען אַ חייל, בעלעגערט די שטאָדט שפּייער און פערוויסט איהר סביבה מיט די פעלדער און וויינגערטענער, וואָס האָבען געהערט דעם ביסקופּ. באַלד דערויף איז געקומען דער קייזער היינריך VI, האָט גע-הייסען כאַפּען די אויפטוער פון'ם פּאָגראָם און די מערדער און האָט געצוואונ-גען זיי צו בעצאָהלען די אידען אַלע זייערע היזקות און אויפצוריכטען אויף זייער השבון די שול און די צעשטערטע הייזער (1195).

נאָר ניט אַלע מאָל האָט דעם קייזערס שוץ געקאָנט דיענען אַלס שילד פאַר אידען קעגען דער אייגענוויליגקייט פון דער מאַסע און פון די אָרטיגע רעגירער. אין נייס, ניט ווייט פון קעלן, האָט אַ איד, אין אַ צושטאַנד פון משוגעת, געקוילעט אַ קריסטליכע מיידעל. האָבען די דערצאָרענטע קריסטען געכאַפּט ניט נאָר דעם פערברעכער, נאָר אויך נאָך זעקס בכבוד'ע מיטגלידער פון דער אידישער קהילה און האָבען אַלעמען געפּייניגט ביז צום טויט דורכ'ן ראָד. דעם אַנדער שבת האָט מען געכאַפּט דעם משוגענעמס מוטער און זיינע קרובים; די אידינע האָט מען געפּייניגט, בכדי זי זאָל זיך לאָזען שמד'ען, נאָר זי האָט זיך אָבגעזאָגט — און מען האָט זי לעבעדיגערהייד בעגראָבען אין דער ערד (1187). דאָס אַלץ איז אָבגעטאָן געוואָרען מיט'ן וויסען פון'ם בעל-הבית פון שטאָדט, דעם אַרכיביסקופּ אַדאָלף פאָן-אַלטענוי. אויף די לעבען-געבליבענע אידען פון נייס האָט דער דאָזיגער גלח אַרויפגעלייגט נאָך אַ קנס, און דערנאָך האָט ער גענומען פון זיי אַלס צוגאָב אַ סומע פאַר דער ערלויבעניש צו בעגראָבען די געפאַלענע קדושים. אַזעלכע בלוטיגע מעשים פלעגט דער המון בעגייהן בנוגע צו אידען אויך אין אַנדערע שטעדט פון דייטשלאַנד.

אין מיטען דעם מערדערישען רעש פון דער עפּאָכע פון די קרייץ-צוגע שרעט אַרויס אויף דער סצענע פון דער געשיכטע די אידישע קאָלאָניע אין עסטרייך, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ מאַרק-הערצאָגטום פון דער דייטשער אימפּעריע. דער ערשטער און דער צווייטער קרייץ-צוג האָבען פערטריבען פון די ריינישע געגענדען ניט ווינציג אידען עמיגראַנטען אויף קיין עסטרייך, וואו עס איז דעמאָלט נאָך געווען לפי-ערך רוהיג. אין ווין האָט שוין אין לעצטען פערטיל פון XII יאָהרהונדערט עקסיסטירט אַ אידישע קהלה.

ביים הויף פונ'ם הערצאָג לעאָפּאָלד דעם V-טען (בּיז'ן יאָהר 1194) האָט זיך געפונען אַ רייכער איד שליאָם (שלמה) אַלס מינץ-מייסטער און פערוואַלטער איבער דעם הערצאָגס מאַיאָנטקעס. נאָר די דאָזיגע נאָהענטקייט צו דער רעגי-רונג האָט ניט געקאָנט ראַטעווען דעם אידישען פינאַנסיסט פונ'ם ווילדען המון. בשעת עס האָבען זיך אָנגעהויבען אין ווין די הכנות צום פערטען קרייץ-צוג (1196), האָט אייגער פון שלמה'ס דינער, וואָס איז אַריינגעטראָטען אין די רייהען פון די קרייץ-פאָהרער, זיך געהאַלטען פאַר בערעכטיגט צו בע'גנב'ען זיין בעל-הבית, און דער לעצטער האָט געלאָזט אַריינזעצען איהם אין אַרעסט. האָט דעם גנב'ס ווייב אויפגעהויבען אין קירך אַ טומעל און האָט געפאָדערט פון די קרייץ-פאָהרער, וואָס האָבען זיך געהאַט דאָרט צונויפגעקליבען, זיי זאָלען בעפרייען זייער חבר. דעמאָלט האָט אַ המון קרייץ-פאָהרער זיך אַריינגעריסען אין שלמה'ס הויז, דער'הרג'עט איהם און נאָך 15 אידען און בעפרייט דעם אַרעסטירטען דינער. האָט דער הערצאָג פרידריך דער I-טער (לעאָפּאָלד V-טענס יורש), וואָס איז געווען אויפגעבראַכט איבער דער דאָזיגער אייגענוויליגקייט, געהייסען טויטען צוויי אויפטוער פונ'ם אָנפאַל, נאָר די איבעריגע האָט ער אָבגעלאָזט, ווייל ער האָט ניט געוואָלט צערייצען די קרייץ-פאָהרער, וואָס ער אליין האָט זיי מיטגעהאָלפען צו אָרגאַניזירען זיך און צו לאָזען זיך אין וועג.

אויף אַזאַ אופן האָט אַפילו דער שוץ פון די גדולים, וואָס האָט זייער טייער געקאָסט, ניט געקאָנט פערהיטען די אידען פון דער ווילדקייט פונ'ם צעלאָזטען המון, וואָס איז געוואָרען אונטערגעהעצט דורך דער אַגיטאַציע פון פאַנאַטיקער. אומעטום האָט געהערשט גראָבער אָבערגלויגען, ווילדווילען און געוואַלדטאַטען, און אויף ווייטער האָט די אומגליקליכע אומה זיך בעדאַרפט ריכטען נאָך אויף שווערערע צייטען.

פינפטער קאפיטעל.

דאס גייסטיגע לעבען פון די אידען אין דער קריסטליכער אייראָפּע.

(די עפּאָכע פון רש״י און די בעלי-התוספות).

די התחלות פון דער ליטעראַטור אין איטאַליען און דרום-פראַנקרייך.—רבינו גרשום און רש״י, די פאַטערס פונ׳ם רביניזם.—די בעלי-התוספות.—די צוזאַמענפאַהרען פון די רבנים.—די מאָראַליסטען און מיסטיקער.—די סינאַגאָגאַלע פּאָעזיע, כראָניק, עטנאָגראַפיע.—די ליטעראַטור אין דער פּראָוואַנס.

די התחלות פון דער ליטעראַטור אין איטאַליען און דרום-פראַנקרייך.

§ 102. די גייסטיגע שאַפונג צווישען די אידען פון דער קריסטליכער אייראָפּע האָט זיך אָנגעהויבען צוערשט אין איטאַליען, וואוהין די אידישע קאָלאָניזאַציע אין מערב איז פון אָנהויב געווען געווענדט. לויט איהר געאָגראַפישער לאַגע און ראָל אינ׳ם אינטערנאַציאָנאַלען האַנדעל האָט איטאַליען אָפטער, איידער אַנדערע לענדער, געהאַט פערבינדונגען מיט די מזרח-לענדער און בעזונדערס מיט מעסאָפּאָטאַמיען, דעם נאַציאָנאַלען צענטער פון אידישען פאָלק אין דער תקופה פון די גאונים. צום סוף פון דער דאָזיגער תקופה, זינט דעם X-טען יאָהרהונדערט, איז שוין צו בעמערקען אַ גייסטיגען פערקעהר צווישען די אידען אויף די ברעגען פון טיבער און אויף די ברעגען פון פרת. אין איטאַליען ווערען געגרינדעט ישיבות, עס הויבט זיך אָן צו ענטוויקלען אַ ליטעראַטור. מטושטש׳ע אָבקלאַנגען וועגען דער דאָזיגער גייסטיגער בעוועגונג לאָזען זיך הערען אין דער לעגענדע וועגען די פיער תלמודיסטען, וואָס זיינען גענומען געוואָרען געפאַנגען ניט ווייט פון דער איטאַליענישער שטאָדט באַרי (§ 73), און אין דעם אַלטען גלייכוואָרט: „פון באַרי גייהט אַרויס די תורה, און גאָטס וואָרט — פון אָטראַנטאָ״.

די סימנים פון דער ערשטער ליטעראַרישער שאַפונג פון די איטאַליענישע אידען איז פערלוירען געגאַנגען, און ס׳זיינען געבליבען גאָר ווינציג שריפטליכע מאָנומענטען. נאָר ס׳איז פאַרהאַן אַ יסוד משער צו זיין, אַז עטליכע שפּע-

טערדיגע ווערק פון די מדרשים-ליטעראַטור זיינען פערפאַסט געוואָרען אין איטאַליען. די סינאַגאָגאַלע פּאָעזיע האָט אויך געהאַט דאָ איהרע פאָרשטייהער; ס'איז פאַרהאַן א השערה, אז דער פייטן הקליר (§ 67), וואָס האָט אָנגעשריבען א סך פיוטים, איז געווען אַן איטאַליענישער איד, א געבירטיגער פון דער שטאָדט קאַליאַרי.

מ'דאַרף רעכענען פאַר קרוב לאמת די השערה, אז אינ'ם דאָזיגען לאַנד און אין דער דאָזיגער תקופה איז פערפאַסט געוואָרען דער זייהר פּאָפולערער היסטאָרישער ספר „יוסיפון". דאָס איז די געשיכטע פון די אידען אינ'ם פעריאָד פונ'ם צווייטען בית המקדש, וואָס איז אָנגעשריבען אין א שיינעם סטיל און אין א פליסיגער העברייאישער שפּראַך. אַלס מחבר פונ'ם דאָזיגען ספר ווערט אָנגערופען יוסף בן-גוריון, וואָס האָט גענומען אַן אָנטייל אינ'ם לעצטען רוימיש-אידישען קריג. אונטער'ן דאָזיגען נאָמען האָט מען בעשיימפּערליך פערשטאַנען יוסף בן מתתיהו, ד. ה. יוסיפוס פלאַוויוס, דעם בעריהמטען געשיכטס-שרייבער. דער „יוסיפון" איז א פערקירצטע בעאַרבייטונג פון יוסיפוס פלאַוויוס'עס „קדמוניות היהודים" און „די אידישע מלחמות", און איז בכלל דורכגעדרונגען מיט דער טענדענץ פונ'ם אָריגינאַל (למשל, די פיינדליכע בעציהונג צו די קנאים). דער אַנאָנימער קאָמפּילאַטאָר האָט, משמעות, אויסגענוצט די לאַטיינישע און אַראַבישע בעאַרבייטונג פון די „אידישע מלחמות", וואָס האָבען עקזיסטירט אין יענער צייט, און נאָך אַנדערע מקורים, און דערביי האָט ער ניט געמאַכט קיין חילוק צווישען לעגענדעס און היסטאָרישע פאַקטען.

א דאַנק זיין אומגעוויינליך שיינעם סטיל, איז דער ספר „יוסיפון" געוואָרען שטאַרק פערשפּרייט און פּאָפּולער. אין משך פון א סך יאָהרהונדערטען האָט ער געדיענט כמעט אַלס איינציגער מקור, פון וואַנען דאָס פאָלק האָט געשעפּט ידיעות וועגען דער געשיכטע פון יהודה אין דער צייט פון די חשמונאים און פון דער רוימישער איבערהערשאַפט; ער האָט פערביטען פאַר די לעזער די גריכישע אָריגינאַלען פון יוסיפוס פלאַוויוס'עס ווערק, וועלכע זיי האָבען ניט פערשטאַנען.

איינער פון די ערשטע פאָרשטייהער פון דער אידישער ליטעראַטור אין איטאַליען איז געווען דער מעדיקער און פילאָסאָף שבתי דונולו (913—82). א געבירטיגער פון דער איטאַליענישער שטאָדט אָריאַ, איז ער אַלס צוועלף-יאָהריגער אינגעל אריינגעפאַלען אין געפאַנגענשאַפט צו אַראַבישע פּיראַטען, וואָס האָבען בשעת'ן אָנפאַל אויף דער דאָזיגער שטאָדט געטויט עטליכע גע-לערנטע און פאָרשטייהער פון דער אידישער קהילה. אויסגעקויפט פון געפאַנ-גענשאַפט דורך די אידען פון דער שטאָדט אָטראַנטאָ, האָט דונולו זיך גענומען פאַרן שטודיום פון מעדיצין און אַסטראָלאָגיע. לויט ווי ער גופא דריקט זיך אויס, האָט ער „שטודירט די ספרים פון די גריכען און אַראַבער, די חכמה פון די כשדים און אינדיער"; זיין לעהרער אין אַסטראָלאָגיע איז געווען אַן אַראַבער פון באַגדאַד.

דונולו האָט אָנגעשריבען א מעדיצינישען ספר, ווי מען גרייט צו קריי־טערכצער

אויף רפואות. פאר זיין הויפט-ווערק רעכענט זיך דער רעליגיאָנס-פילאָסאָפישער טראַקטאַט „חכמוני", וואָס איז אָנגעשריבען אין דער פאָרם פון אַ פירוש צום מיסטישען „ספר יצירה". אינ'ם מבוא צו זיין ספר ענטוויקעלט דונולו דעם געדאַנק, אַז דער מענש איז אַ וועלט אין קליינער געשטאַלט (בזעיר אנפין), אַ מיקראָקאָסמאָס. ער געפינט איין, אַז דער געביי פונ'ם מענשליכען אָרגאַניזם איז גלייך צום געביי פון דער וועלט, צום קאָסמאָס: דער קאָפּ איז גלייך צום הימעל, דער שאַרבען — צום הימעלס-געוועלב, די אויגען — צו די שטערען אין הימעל, די ביינער זיינען פעלזען-שטיינער, די נשמה, וואָס בעלעבט דעם גאַנצען אָרגאַניזם, איז געגליכען צו גאָט, און אַזוי ווייטער. דער מחבר שטרעבט צו דערנעהענטערן די טעאָלאָגיע צו דער נאַטור-וויסענשאַפט, הגם ער איז ניט אינגאַנצען פריי פון די אַסטראָלאָגישע פאָראורטיילען פון זיין צייט.

ביי אַלע זיינע מיסטישע נטיות האָט דער אידישער געלערנטער פונדעסטוועגען געקוקט אַ סך ניכטערער אויף דער וועלט, איידער די קריסטליכע טעאָלאָגען פון יענער צייט. דונולו איז געווען בעקאַנט מיט זיין לאַנדסמאַן, דעם אַבאַט נילוס דעם אינגערן, וואָס האָט געפיהרט אַ לעבען פון אַ מתבודד און איז שפעטער צוגערעכענט געוואָרען צו די הייליגע פון דער רוימישער קירך. איין מאָל האָט דונולו בעזוכט נילוס'ן, און ווען ער האָט איהם געפונען אין זייהר אַ קרייענקליכען צושטאַנד, האָט ער זיך אָנגענומען איהם צו היילען; נאָר דער פרומער אַבאַט האָט זיך אָבגעזאָגט פונ'ם אידישען דאָקטאָרס טובה, מחמת ער האָט ניט געוואָלט ברייגען צו „זינדיגע" געדאַנקען די קריסטען, וואָס וואָלטען געזאָגט, אַז אַ איד האָט אויסגעהיילט אַ פרומען מאָנאַך, וואָס האָט געהאַט אַ שם פאר אַ קדוש און בעל-מופת.

אַן אַנדער איד, וואָס איז איין מאָל געקומען מיט דונולו צו נילוס'ן, האָט געוואָלט זיך אַריינלאָזען מיט'ן לעצטען אין אַ רעליגיעזען ויכוח. נאָר דער אַבאַט האָט פאַרגעלייגט דעם גאַסט, ער זאָל אָבשטייהן ביי דער טיר פון זיין חדר פונקט אַזוי פיעל, וויפיעל משה רבינו האָט פערבראַכט אויפ'ן באַרג סיני, און די גאַנצע צייט לייענען תורה און נביאים, און ערשט נאָכדעם וועט ער האָבען די זכיה צו שמועסען איבער רעליגיעזע פראַגען מיט אַ פרומען קריסט. ס'פערשטייהט זיך, אַז דונולו און זיין חבר האָבען זיך אָבגעזאָגט פונ'ם דאָזיגען אומגעלומפּערטען פאָרשלאָג.

דונולו'ס לאַנדסמאַן, ר' אחימעץ בן פלטיאל פון אָריאָ (1017—1060), האָט געהערט צום אַנדערן דור שריפטשטעלער. ער האָט פערפאַסט אַ רייה פיוטים און אַ פאַמיליען-כראָניק („מגלת יוחסין"), וואָס דער כתב-יד פון איהר איז ניט לאַנג פערעפענטליכט געוואָרען. אין דער דאָזיגער כראָניק ווערט בעשריבען דעם מחבר'ס יחוס-בריעף, וועלכער דערגרייכט ביז צום IX יאָהרהונדערט. דערביי ווערט געגעבען אַ כאַראַקטעריסטיק פון עטליכע פון זיינע עלטער-זיידעס; איינער פון זיי איז געווען דער דערמאָנטער ביזאַנטינישער פּאָעט שפטיה (§ 76).

אין ר' אחימעץ'עס שילדערונגען שפיגלען זיך אָב דעם פאָלקס גלויבונגען אין יענער צייט. מען האָט געגלויבט, אַז הייליגע לייט זיינען מסוגל צו [illegible]

ווייזען מופתים מיט דער הילף פונ׳ם שם המפורש, ד. ה. גאָטס נאָמען, וואָס טאָר ניט אויסגערעדט ווערען, אַז מען קאָן דורכגייהן גרויסע שטרעקעס אין א קורצער צייט (קפיצת הדרך), לעבעדיג מאַכען טויטע; ווער ס׳האָט געקענט פּראַוויזאָגען די צוקונפט אויפ׳ן סמך פון אַסטראָלאָגישע בעאָבאַכטונגען, האָט זיך גערעכענט פאַר א גרויסען קונצען-מאַכער.

דער פּאָפּולאַריזירונג פונ׳ם תלמוד האָט אַ סך מיטגעהאָלפען דער בעריהמטער ווערטערבוך „ערוך" פון ר׳ נתן דרומי, וואָס איז פערפאַסט געוואָרען אַן ערך אין יאָהר 1100. דאָס איז ניט נאָר אַן עטימאָלאָגישער ווערטער-בוך, נאָר א רעאַל-ווערטערבוך פון דער תלמודישער ליטעראַטור, מיט ציטאַטען פון איהר און ערקלערונגען פון די ווערטער אויף העברייאיש און איטאַליעניש. אויב מען זאָל אורטיילען לויט׳ן ווערטערבוך, האָט דער מחבר געהאַט גרינדליכע ידיעות אין איטאַליעניש, גריכיש און לאַטייניש, און אויך אין דער ליטעראַטור פון די פּירושים פון די גאונים צו משנה און גמרא. זיין „ערוך" איז געוואָרען א נויט-ווענדיגער הילפס-בוך ביים שטודירען דעם תלמוד, א שליסעל צו זיין האַרבען דיאַלעקט. אין שפּעטערדיגע צייטען האָבען פערשיידענע געלערנטע א סך מוסיף געווען צום ערוך, ווייל ער איז אָנגעשריבען זייהר בקצור און א סך זאַכען פעהלען אין איהם.

דורכדעם וואָס ר׳ אַברהם אבן-עזרא איז געווען אין איטאַליען, אין דער צווייטער העלפט פון XII יאָהרהונדערט (§ 92), האָט זיך דאָרט דערוועקט אַן אינטערעס צו דער העברייאישער שפּראַך-וויסענשאַפט און צו ביבלישער עקזע-געטיק. א תלמיד פונ׳ם גרויסען ספרדי, ר׳ שלמה פרחון, האָט פערפאַסט א ווער-טערבוך פון דער ביבלישער שפּראַך אויפ׳ן סמך פון די אַרבייטען פון די שפּאַנישע מדקדקים („מחברת הערוך", אָנגעשריבען אין סאַלערנאָ, אין יאָהר 1160).

בכלל ווערט די אינטעלעקטועלע שאַפונג פון די איטאַליענישע אידען, זינט דעם XII יאָהרהונדערט, אָבהייניג פון צוויי גרויסע צענטרען פון דער אידישער בילדונג: שפּאַניען און דרום-פראַנקרייך. דרום-פראַנקרייך (פּראָוואַנס) דיענט געוועהנליך אַלס קולטור-פערמיטלערין צווישען שפּאַניען און איטאַליען. דער אויבען דערמאָנטער מחבר פון „ערוך" ר׳ נתן איז געווען א תלמיד פונ׳ם פּראָוואַנסאַלישען דרשן ר׳ שמעון פון נאַרבאָנאַ, וואָס האָט אָנגעשריבען א פּירוש צום תנ״ך אינ׳ם גייסט פון מדרש (XI יאָהרהונדערט). צו אונז זיינען דערגאַנגען נאָך עטליכע נעמען פון דרום-פראַנצויזישע שריפטשטעלער פון יענער עפּאָכע, נאָר וועגען זייער לעבען זיינען פאַרהאַן נאָר מטושטש׳ע ידיעות (דער מפרש פון תנ״ך ר׳ מנחם חלבו, דער מחבר פון דער זאַמלונג אגדות „ילקוט שמעוני", ר׳ שמעון קרא, וואָס איז אפשר דער זעלבער ר׳ שמעון הדרשן, וואָס מיר האָבען פריהער דערמאָנט, און אנד.).

די פּראָוואַנסאַלער האָבען זיך מעהר פערנומען מיט תנ״ך און אגדה. פער-קעהרט, די תלמודישע וויסענשאַפט אין שטרייגגען זין — די הלכה אָדער יורי-

פראָווענץ — איז באַאַרבייט געוואָרען אין יענער צייט אין צפון-פראַנקרייך און אין די שכנישע ריינישע פראָווינצען פון דייטשלאַנד. אהין איז געוואָרען אַריבערגעטראָגען פון בבל די גאַנצע תּלמודישע געלערנטקייט און דאָרט האָט דער רבּיניזם געבויט זיך אַ פעסטע נעסט.

רבינו גרשום און רש"י, די פאַטערס פונ'ם רבּיניזם.

§ 103. דער ערשטער דייטש-פראַנצויזישער רב, וואָס האָט געווירקט מיט דער כּח-הרשאה פון אַ גאון, איז געווען רבינו גרשום בן יהודה (960 — 1040). די ערשטע העלפט פון זיין לעבען האָט ער פערבראַכט אין דער לאָטאַ-רינגער שטאָדט מעץ, און די צווייטע העלפט — אין מאַינץ. פאַר זיין רבּי'ן אין תּלמוד רופט ער אָן דעם פראַנצויזישען רב ר' ליאונטין אָדער ר' יהודה בן מאיר; נאָר רבינו גרשום'ען גופא האָט געקאָנט אָנרופען רבּי דער גאַנצער דור פון די דעמאָלטיגע תּלמודיסטען. די ישיבה, וואָס ער האָט געגרינדעט אין מאַינץ, האָט צוגעצויגען אַ סך תּלמידים. ר' גרשום האָט געשריבען פּירושים צום תּלמוד און האָט זיך געמיהט אויסצובעסערן זיין טעקסט פון די גרייזען, וואָס די איבערשרייבער האָבען אריינגעטראָגען; ער האָט אַפילו מיט זיין אייגענער האַנד איבערגעשריבען פאַר זיך אַ פערריכטען טעקסט פון דער גמרא.

נאָר ער האָט זיך ניט בעגנוגענט בלויז מיט טעאָרעטישער אַרבייט, און האָט איינרעגולירט אויך די פראַקטישע געזעצגעבונג. פון דייטשלאַנד, פראַנקרייך און איטאַליען פלעגט מען זיך ווענדען צו איהם מיט שאלות איבער רעליגיעז-רעכטליכע ענינים, און ער פלעגט געבען אויף די דאָזיגע שאלות זיינע „תּשובות", וואָס זיינען געווען גילטיג, ווי געזעצגעבערישע אַקטען. אויף אַזאַ אופן האָט ר' גרשום בעפרייט די אידען פון מיטעל-אייראָפּע פון דער גייסטליכער השגחה פון דער גאונות אין בבל, וואָס איהר לעצטער פאָרשטייהער ר' האי גאון האָט דעמאָלט דערלעבט זיינע טעג אין פּומבּדיתא.

זייער אַ וויכטיגע געזעלשאַפטליכע בעדייטונג האָבען געהאַט די געוויסע תּקנות ר' גרשום'ס, וואָס זיינען מסתּמא אויסגעאַרבייט געוואָרען מיט דער הילף פון אַ רבנים-צוזאַמענפאָהר. איינע פון די דאָזיגע תּקנות איז געווען דער איסור צו נעמען צוויי ווייבער (חרם דרבינו גרשום). לויט דער אַלטער געזעצגעבונג האָט אַ איד געמעגט נעמען עטליכע ווייבער, נאָר אין לעבען פלעגט זיך דאָס בעגעגענען זעלטען צווישען די מערב'דיגע אידען, ווארום דאָס איז ניט געשטאַנען בהסכּם ניט מיט דער אידישער פאַמיליען-אָרדענונג, ניט מיט די מדות פון די אייראָפּייאישע פעלקער. דורכ'ן חרם דרבינו גרשום איז פּאָליגאַמיע געוואָרען אויך אָפיציעל אָבגעשאַפט. זאָרגענדיג פאַר דער איינפעסטיגונג פון די יסודות פון פאַמיליען-לעבען, האָט ר' גרשום מתקן געווען, אַז דער מאַן האָט ניט דאָס רעכט צו געבען דער פרוי אַ גט אָהן איהר הסכּם. ווייטער האָט ער אַרויפגע-לייגט אַן איסור צו לייענען פרעמדע בריעף, אַפילו ניט-פערמאַכטע, וואָס דאָס האָט געהאַט אַ גרויסע בעדייטונג אין לעבען אין יענער צייט, בשעת מען פלעגט

איבערשיקען בריעף דורך צופעליגע פאַרבייפאָהרער. ער האָט אויך גע'אסר'ט צו ענדערן מיט'ן אייגענעם ווילען די טעקסטען פון רעליגיעזע ספרים, וואָס פלעגען דעמאָלט אומגייהן אין כתב-יד'ען. אַלע די דאָזיגע און נאָך אַנדערע תקנות האָבען די אייראָפּייאישע אידען אָנגענומען אויף אייביגע צייטען, און עס האָט געהאַט אַ גוטע ווירקונג אויף זייער געזעלשאַפטליכען לעבען.

רבינו גרשום'ס נאָמען איז געווען ווייט בעריהמט איבער'ן גאַנצען מערב; מען האָט איהם געגעבען אַ נאָמען „מאור הגולה" (די ליכט פונ'ם גלות). אין די לענדער פון מיטעל-אייראָפּע האָט טאַקע ער דער ערשטער אַנטפּלעקט פאַר די אידען דעם מקור פון גייסטליכער אויפקלערונג און האָט אַיינגעפעסטיגט די אָרגאַניזאַציע פון זייערע קהילות אויף די זעלביגע יסודות, וואָס זיינען שוין אויסגעפּרובט געווען אין די מזרח-לענדער.

אויבען איז שוין געווען דערמאָנט וועגען דער פּערזענליכער טראַגעדיע אין ר' גרשום'ס לעבען — וואָס זיין זוהן האָט זיך געשמד'ט בשעת דער מאַינצער קאַטאַסטראָפע פון יאָהר 1012 (§ 96). אין צוזאַמענהאַנג דערמיט שטייהט די תקנה, וואָס מען שרייבט זי צו רבינו גרשום'ען, אַז די איבערגעוואַלד אָבגעשמד'טע, וואָס ווילען זיך צוריק אומקעהרען צו אידישקייט, האָט קיינער ניט דאָס רעכט צו דערמאָנען וועגען זייער צייטווייליגען שמד. די צרות, וואָס דאָס פאָלק האָט איבערגעלעבט, האָבען בעגייסטערט דעם מאַינצער רב אין זיינע ריהרענדע סינאַגאָגאַלע עלעגיעס.

רבינו גרשום'ס ישיבה האָט בעלעבט די אינטעלעקטועלע שאַפונג אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד. די „חכמי לותיר" (געלערנטע פון לאָטאַרינגען) זיינען געוואָרען בעוואוסט ווייט און ברייט. די תלמודישע וויסענשאַפט האָט געהאַט איהרע ישיבות און גרויסע פאָרשטייהער אין מעץ, טרואַ, וואָרמס, מאַינץ און שפּייער, — דאָס איז אַלץ אין יענעם ראַיאָן, וואו עס האָבען שפּעטער געווילדעוועט די באַנדעס קרייץ-פאָהרער. די אַקאַדעמישע אַרבייטען פון די ישיבות פון ר' גרשום און פון די „חכמי לותיר" האָבען געמאַכט אַ וועג פאַר דער ברייטער טעטיגקייט פונ'ם געניאַלען מאַן, וואָס די מענשען פון יענער צייט האָבען איהם געגעבען דעם עהרענטיטעל „פרשנדתא" (אויסטייטשער פון דער תורה). דאָס איז געווען רבי שלמה יצחקי, וואָס איז בעוואוסט איטליכען אידישען חדר-איינגעל אונטער'ן נאָמען רש"י (רש"י איז די ראשי תבות פון רבי שלמה יצחקי).

ער איז געבאָרען געוואָרען אין צפון-פראַנקרייך, אין דער שטאָדט טרואַ (טרוייש), אין דעם זעלביגען יאָהר ווען עס איז געשטאָרבען דער גרויסער מאַינצער רב ר' גרשום (1040). זיינע ידיעות אין דער תורה האָט ער בעקומען אין די ישיבות פון מאַינץ, וואָרמס און שפּייער. פונקט אַזוי ווי דער אַלטער תנא ר' עקיבא, אַזוי האָט אויך רש"י נאָך זיין חתונה פערלאָזט זיין היים און האָט זיך געלאָזט וואָגלען איבער די „ערטער פון דער תורה". „איך האָב געאַרבייט — דערציילט ער — אונטער דער פיהרונג פון מיינע רביים אין אַזאַ

צייט, בשעת איך האָב זיך זייהר געניטיגט אין ברויט, קליידער און האָב גע־האַט אויף מיינע פּלייצעס דעם יאָך פון פאַמיליען־לעבען".

ערשט נאָך אַ סך מיה און נויטען, נאָכדעם ווי ער האָט שוין געהאַט אַרומגענומען דעם גאַנצען געביט פון דער רבנישער וויסענשאַפט, האָט רש"י זיך אומגעקעהרט צו זיין פאַמיליע אין טרואַ (1065). דאָס, וואָס ער האָט גע־לערנט אין אַ סך ישיבות, אונטער דער פיהרונג פון די גרעסטע רבנים, האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט צו ווערען בעקאַנט מיט אַלע מעטאָדען פונ'ם תלמוד־שטודיום און אויסצואַרבייטען זיין אייגענע שיטה. אין גיכען האָט זיך פערשפּרייט דער שם פונ'ם יונגען געלערנטען איבער גאַנץ פראַנקרייך און דייטשלאַנד. אין איהם האָט מען דערזעהן אַן אויפגייהענדען שטערן. פון אומעטום האָט מען זיך געווענדעט צו איהם מיט שאלות איבער תלמודישען רעכט. רש"י'ס אַלטער רבי, ר' יצחק הלוי פון וואָרמס, האָט צו איהם געשריבען: „עס איז ניט קיין יתום דער דור, וואָס דו געהערסט צו איהם; הלואי זאָלען אַזעלכע ווי דו זיין אַ סך ביי אידען!" פון די ישיבות פון די „חכמי לותיר" האָבען אַ סך תלמידים זיך אַריבערגעקליבען אין רש"י'ס ישיבה, קיין טרואַ.

דער גרונד־שטריך פון רש"י'ס שיטה אין לערנען איז געווען דאָס, וואָס ער האָט געמאַכט פּשוט און קלאָר דעם פערפּלאָנטערטען תלמודישען פּלפּול. די דאָזיגע שטרעבונג צו קלאָרקייט און פּשוט'קייט האָט געמאַכט רש"י'ן צום גרעסטען פּאָפּולאַריזאַטאָר פון דער תלמודישער וויסענשאַפט. די מעשה דערפון איז דאָס, וואָס דער תלמוד איז מחמת דער פערפּלאָנטערטקייט פון זיין אינהאַלט און דער האַרבקייט פון זיין פאָרם, געווען אַ ספר החתום פאַר מענשען, וואָס זיינען ניט גענוג צוגעגרייט. פערשטייהן תלמוד אָהן דער הילף פון געניטע רביים איז געווען אוממעגליך. גרויסע רבנים און ראשי־ישיבות ספּעציאַליסטען האָבען געשפּיעלט די ראָל פון בעלי־הסוד, וואָס נאָר זיי קאָנען אויסטייטשען פאַר'ן עולם די סודות פון דער תורה שבעל־פה. צו זיי האָבען געמוזט זיך ווענדען פון די ווייטסטע מקומות מענשען, וואָס האָבען געוואָלט קענען עפּיס. מען האָט געמוזט אַ סך „אַרומוואָגלען איבער די ערטער פון דער תורה", איידער מען האָט געקאָנט ווערען אַ למדן.

רש"י האָט זיך געשטעלט אַ ציעל צו פערגרינגערן דעם שטודיום פון תלמוד, און צוליעב דעם האָט ער געמאַכט צו איהם אַן אויספיהרליכען געשריבענעם פּירוש. אין זיין פּירוש צום גרעסטען טייל פון די מסכתות פונ'ם תלמוד בבלי ערקלערט ער קורץ, קלאָר און פערשטענדליך פאַר אַלעמען סיי האַרבע אויסדרוקען פון טעקסט און סיי דעם גאַנצען פערפּלאָנטערטען געדאַנקען־גאַנג און דיאַלעקטיק פון די אַלטע אמוראים. מיט איין קורצער בעמערקונג בעזייטיגט רש"י אָפטמאָלס די גרעסטע האַרבקייטען צו פערשטייהן דעם טעקסט. ער האָט אַזוי ווי געוואוסט דעם סוד, ווי אַזוי צו מאַכען פּשוט דאָס קאָמפּליצירטע, בעלייכטען דאָס פינסטערע און אַריינטראָגען אומעטום אָרדענונג און קלאָרקייט. ביים פערפאַסען זיין פּירוש האָט ער אויסגענוצט די זאַמלונגען פון די פּירושים פון די גאונים און די אויסטייטשונגען פון זיינע

רביים פון ר׳ גרשום׳ס ישיבה; נאָר רש״י׳ס פירוש האָט אַריבערגעשטייגט אַלע פריהערדיגע. זיין שפּאַנישער בן־דור אַלפסי, דער מחבר פונ׳ם „קליינעם תלמוד״, האָט דורך זיין קיצור געטאָן אַ טובה פאַר ספּעציאַליסטען; רש״י אָבער האָט געאַרבייט פאַר די ברייטע פאָלקס־שיכטען. אַ דאַנק זיין פירוש, וואָס איז צוטריטליך פאַר אַלעמען, איז געוואָרען מעגליך צו שטודירען דעם תלמוד כמעט אָהן דער הילף פון אַ רבי׳ן און צו מאַכען איהם פאַר אַ למוד אַפילו אין עלעמענטאַר־שולען. מיט רעכט האָבען געזאָגט וועגען רש״י׳ן די מענשען פון יענער צייט, אַז „אָהן זיין פירוש וואָלט דער תלמוד בבלי פערגעסען געוואָרען״. דער גרויסער געלערנטער פון טרוא האָט דאָס געבראַכט דערצו, אַז דער תלמוד איז אין די וויטערדיגע יאָהרהונדערטען געוואָרען דער הויפּט־מיטעל פון דער שול־ערציהונג, אַ למוד צו לערנען מיט אַ רבי׳ן און אויך פאַר זיך.

רש״י׳ס דירעקטע תלמידים האָבען געבראויכט זיין פירוש אונטער׳ן נאָמען „קונטרס״. שפּעטער איז ער פעשפּרייט געוואָרען אין אַ סך כתב־יד׳ען, און זינט עס איז אויפגעקומען די בוך־דרוקעריי, האָט מען אָנגעהויבען איהם אריינשטעלען כמעט אין אַלע אויסגאַבען פונ׳ם תלמוד, ביים זייט פונ׳ם טעקסט. אין איצטיגער צייט קומט קיין איין אויסגאַבע פונ׳ם תלמוד בבלי ניט אויס אָהן רש״י׳ס פירוש.

רש״י האָט נאָך פערפאַסט אַ פירוש אויף תנ״ך — אַן אויספיהרליכען אויף חומש און אַ קירצערן צום גרעסטען טייל פון די נביאים און כתובים. דאָ דערקלערט ער אויך פשוט און גרינג צום פערשטייהן דעם פשט פונ׳ם טעקסט, ווייזט אָן טיילמאָלס די גראַמאַטיקאַלישע אָבשטאַמונג פון די ווערטער, און די האַרבסטע ווערטער פערטייטשט ער אויך אויף פראַנצויזיש (מיט העברע״אישע אותיות). נאָר היות ווי רש״י איז געוויהנט צו קוקען אויפ׳ן תנ״ך דורך די ברילען פון תלמוד, בכן גיט רש״י אָפטמאָלס אָנשטאָט דעם פשט דעם דרש: ער טייטשט אויס די פסוקים אויפ׳ן סמך פון דער הלכה, אָדער פלעכט דאָרט איין מאמרים פון מוסר און לעגענדעס, וואָס זיינען געקומען פון אַגדה און מדרש.

די גרינגקייט און די רייצענדע פאָרם פונ׳ם דאָזיגען פירוש האָבען געבראַכט דערצו, אַז ער איז געוואָרען אַ נויטווענדיגע הוספה צום תנ״ך. ביז היינטיגען טאָג איז דער עלעמענטאַר־אונטעררריכט פונ׳ם תנ״ך געגרינדעט אויפ׳ן פירוש פון רש״י, וואָס ווערט אָבגעדרוקט אין אַלע אידישע אויסגאַבען פון תנ״ך

אויף אַזאַ אופן האָט רש״י דורך זיינע פירושים גלייכצייטיג מיטגעהאָלפען צו פערשפּרייטען סיי ביבלישע און סיי תלמודישע וויסענשאַפטען אין דער אידישער מאַסע. זיינע תשובות אויף שאלות וועגען טרפות און דיני־ממונות זיינען פונאַנדערגעוואָרפען אין פערשיידענע זאַמעלביכער, וואָס זיינע תלמידים האָבען אויפגעשטעלט. רש״י האָט אויך געשריבען פיוטים

ער האָט דערלעבט די פאָלקס־אומגליקען פונ׳ם ערשטען קרייץ־צוג, און איז געשטאָרבען אין יאָהר 1105. די פאָלקס־לעגענדע דערציילט, אַז דער אַ־

פיהרער פון די פראַנצויזישע קרייץ־פאָהרער, גאָטפריד פון בוליאָן, איידער ער האָט זיך געלאָזט פאָהרען אין די מזרח־לענדער, האָט געפרעגט ביי רש״י׳ן, וואָס פאַר אַ סוף עס וועט האָבען די מלחמה — זאָל רש״י איהם האָבען קורץ געענטפערט: דו וועסט איינגעמען ירושלים, קיניגען דאָרט דריי טעג, דעם פערטען טאָג וועלען דיך די מוסלמאַנער פערטרייבען — און דו וועסט קומען צוריק אהער מיט דריי פערד.

די בעלי־התוספות; די רבנים־צוזאַמענפאָהרען.

§ 104. די אינטעלעקטועלע בעוועגונג, וואָס איז אויפגעשטאַנען צווישען די פראַנצויזיש־דייטשע אידען אין XI יאָהרהונדערט, האָט זיך אויך ניט אָבגעשטעלט אין שפּעטערדיגען יאָהרהונדערט, בשעת דער אומגליקליכער עפּאָכע פון די קרייץ־צוגען. די צייטווייליגע אומרוהען און צרות האָבען ניט געקאָנט דערשטיקען אין פאָלק יענע גייסטיגע טעטיגקייט, וואָס איז, לויט רבי עקיבא׳ס אויסדרוק, נויטיג פאַר אידען, ווי וואַסער פאַר פיש. די דאָזיגע צרות האָבען געווירקט ניט אויף דער אינטענסיווקייט פון דער גייסטיגער אַרבייט, נאָר בלויז אויף איהר היקף. די שטרעבונג צו אָבגעזונדערטקייט און איינגעשלאָסענקייט, וואָס האָט געהערשט אינ׳ם דעמאָלטיגען לעבענס־פיהר פון די אידען אינ׳ם גרעסטען טייל פון די קריסטליכע לענדער, האָט זיך אויך בעוויזען בולט אין דער אינטעלעקטועלער ספערע. וועלטליכע וויסענשאַפטען, פילאָסאָפיע און פרייע פּאָעזיע, וואָס דערמיט האָבען זיך אַזוי ענערגיש פערנומען די שפּאַנישע אידען, זיינען געווען אינגאַנצען פרעמד זייערע פאָלקסברידער אין מיטעל־אייראָפּע. לעבענדיג צווישען אַ פינסטערער בעפעלקערונג מיט אַ שמאָלען האָריזאָנט, האָבען די פראַנצויזיש־דייטשע אידען פון זייער זייט זיך געדרייהט אין אייגענעם קרייז פון זייערע רעליגיעזע אינטערעסען: זיי האָבען געוואוסט בלויז זייער וויסענשאַפט פון תלמוד; איהר האָבען זיי אָבגעגעבען אַלע כחות פון זייער פערשטאַנד און אויסשליסליך אויף איהר האָבען זיי אויסגעהאָדעוועט זייער יוגענד.

אין פראַנקרייך האָט זיך געבילדעט אַ שולע געלערנטע, וואָס האָט געשטעלט זיך פאַר אַן אויפגאַבע אַריינצודרינגען אין אַלע פיינקייטען פון דער תלמודישער געזעצגעבונג, אויספאָרשען ביז צו די קלענסטע פרטים דעם גאַנצען פערפלאָנטערטען קאַזואיסטישען פּראָצעס, דורך וועלכען די מחברים פונ׳ם תלמוד זיינען געקומען צו זייערע מסקנות. ביי דער דאָזיגער אַרבייט, וואָס פלעגט געוויינליך פאָרקומען אין די ישיבות, האָט מען געהאַט בדעה ניט אַזוי צו בעשאַפען נייע תקנות בנוגע צו אַזעלכע פאַלען, וואָס זיינען ניט פאָראויסגעזעהן אין תלמוד און אין די ספרים פון די גאונים, ווי צו שלייפען דעם מח דורך אַ פיינער דיאַלעקטיק און צוגעוויינען קונציג אויסצוגלייכען כל־ערליי לאָגישע סתירות און שטרייטיגע יורידישע פונקטען. דאָ האָט זיך איבערגע׳חזר׳ט דער אייגענער פּראָצעס, וואָס איז ביי די זעלביגע תנאים פאָרגעקומען אין די ישיבות פון בבל אין די צייטען פון די אמוראים. עס האָט ווידער אויפגעלעבט די שיטה

פון פלפול (§ 34); מען האָט נאָכגעמאַכט די „הויות דאַביי ורבא"; אויפ'ן בנין פון דער אַלטער גמרא האָט מען געבויט אַ נייע.

די דאָזיגע פיעל ערקלערונגען און שקלא־וטריא'ס האָבען געהייסען תוספות, ד. ה. הוספות, און זייערע מחברים — בעלי התוספות. דאָס זיינען מיט אַן אמת געווען הוספות צום תלמודישען טעקסט, וואָס האָבען געפיהרט דורך אַ קונציגער יורידישער קאַזואיסטיק צו נייע געזעצען. דאָס איז געווען די מיטעלאַלטערליכע סכאָלאַסטיק אויפ'ן אידישען באָדען.

די אַרבייט פון די בעלי־תוספות איז געווען אַ דירעקטער רעזולטאַט פון רש"י'ס טעטיגקייט: ווי נאָר דער טעקסט פונ'ם תלמוד איז געוואָרען עלעמענטאַר דערקלערט, איז געשאַפען געוואָרען די מעגליכקייט צו בויען אויף איהם קאָמפליצירטערע לאָגישע קאָמבינאַציעס. ניט אַלס מקרה־זאַך בעדאַרף מען בעטראַכטען דאָס, וואָס די ערשטע בעלי־התוספות זיינען געווען דעם גרויסען מפרש'ס קרובים און תלמידים.

רש"י האָט געהאַט דריי טעכטער, וואָס האָבען חתונה געהאַט מיט זייגע דריי אויסגעצייכענטע תלמידים (איינע פון רש"י'ס טעכטער איז אַליין געווען אַ געלערנטע, האָט געשריבען לויט'ן פאָטערס דיקטאַט תשובות צו רבנים). רש"י'ס איידעם, ר' מאיר, ווערט גערעכענט פאַר'ן ערשטען פון די בעלי־התוספות, נאָר ר' מאיר'ס זיהן זיינען אַריבערגעשטיגען דעם פאָטער.

פון די דאָזיגע אייניקלען רש"י'ס האָבען איבערגעלאָזט אַ טיעפען רושם אין דער רבנישער ליטעראַטור צוויי: ר' שמואל בן מאיר, וואָס ווערט אָנגערופען נאָך די ראשי תבות רשב"ם, און רבינו יעקב תם אָדער רבנו תם. זייער טעטיגקייט איז פון איין זייט אַ המשך פון רש"י'ס אויסטייטשונגס־אַרבייט, און פון דער אַנדער זייט — דער יסוד פון דער ליטעראַטור פון די בעלי־התוספות.

רשב"ם (אַן ערך פון 1080 — 1150), רש"י'ס אייניקעל און תלמיד, האָט מיט ערפאָלג ווייטער געפיהרט און ממלא געווען זיין גרויסע אַרבייט. ער פערענדיגט יענע טיילען פונ'ם פירוש אויפ'ן תלמוד, וואָס זיין זיידע האָט ניט בעוויזען אָנצושרייבען. אין דערזעלביגער צייט האָט רשב"ם זיך געשטעלט אַ ציעל צו מאַכען אַ פירוש אויף חומש מיט אַן אַנדער כאַראַקטער, ווי רש"י'ס פירוש, וואָס איז געגרינדעט אויף די אויסטייטשונגען פונ'ם תלמוד. ער האָט אָנגעשריבען אַ נייעם גרויסען פירוש אויף חומש לויט'ן מעטאָד פון פשט, ד. ה. ער גיט די אויסטייטשונג פונ'ם פשוט'ען זין פון די ווערטער, אָהן דעם דרש, ד. ה. אָהן יענע אויסטייטשונגען, וואָס האָבען דעם ציעל צו בעשטעטיגען די אָדער יענע הלכה, די אָדער יענע מימרא פון דער אגדה.

דער גרעסטער בר־סמכא אין דער געזעץ־לעהרע פון יענער צייט און דער ראש פון די בעלי־התוספות איז געווען דעם רשב"ם'ס איינגערער ברודער, ר' יעקב תם, וואָס האָט געוואוינט אין די שטעדט כאַמערי און טרואַ (1100—1171). הגם אָפיציעל האָט רבינו תם ניט פערנומען די שטעל פון אַ רב (ער איז געווען רייך און האָט זיך פערנומען מיט פינאַנציעלע אָפעראַציעס), פונדעסטוועגען איז

ער געשטאַנען בראש פון די פראַנצויזישע רבנים אין XII יאָהרהונדערט. ער איז געווען ניט קיין געוויינליכער בקי אין תלמוד און האָט געהאַט אַ שאַרפען אַנאַליטישען פערשטאַנד. „בנוגע צו פלפול האָט ער ניט געהאַט קיין גלייכען צו זיך זינט דער חתימת התלמוד" — זאָגט וועגען רבינו תם איינער פון די מיטעלאַלטערליכע רבנים. ער האָט פערשטאַנען זיך פונאַנדערצוקלייבען אין די קאָמפּליצירטסטע און פערפּלאָנטערטסטע פראַגען פון דער רעליגיעזער וויסענשאַפט און פראַקטיק, און מיט שאלות אין אַזעלכע ענינים פלעגען זיך ווענדען צו איהם די אידישע געלערנטע ניט בלויז פון פראַנקרייך, נאָר אויך פון אַנדערע לענדער. זיינע פאָרשונגען און תשובות זיינען צונויפגעקליבען אין זיין הויפּט-ווערק „ספר הישר", און זיינען אויך צעוואָרפען אין די קאָלעקטיווע תוספות'ען, וואָס זיינען אַוועקגעשטעלט אַלס הוספה צום ש"ס. פון רבינו תם'ס נאָמען זיינען ד'ערגאַנגען צו אונז אַ רייה נייע געזעצגעבערישע תקנות, וואָס זיינען געוואָרען אַרויסגערופען דורך דער נויטווענדיגקייט צוצופּאַסען די רעליגיעזע געבאָטען צו די פאָדערונגען פון לעבען.

רבינו תם'ס אַ וויכטיגער פערדיענסט בעשטייהט דערין, וואָס איהם האָט זיך איינגעגעבען צו בעשאַפען אַ צענטראַל-אָרגאַן פון דער אידישער אַווטאָנאָמיע — אין דער פאָרם פון פעריאָדישע ר ב נ י ם - צ ו ז א מ ע נ פ אָ ה ר ע ן, וואָס האָבען געאַרבייט אונטער זיין אָנפיהרונג אָדער ביי זיין הויפּט-אָנטייל. דריי סיבות האָבען אַרויסגערופען די דאָזיגע צוזאַמענפאָהרען: א) די נויטווענדיגקייט אַיינצושטעלען אַן איינהייטליכע אָרדענונג פון זעלבסט-פערוואַלטונג פאַר די אידישע קהילות, בעשטימען די פונקציעס פון די רבנים און פון די גייסטליכע געריכטען אָדער בית-דינ'ס, וואָס פלעגען פסק'ען אויך אין ציווילע פּראָצעסען צווישען די מיטגלידער פון דער קהילה; ב) די נויטווענדיגקייט צוצופּאַסען די תלמודישע כללים פון רעכט און ריטואַל, וואָס זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען אין מזרח, צו די אומגעביטענע תנאים פונ'ם אידישען לעבענס-פיהר אין מערב-אייראָפּע, צווישען די קריסטליכע פעלקער; ג) די נויטווענדיגקייט צו בעקלערען אינאייבעם די אויסערגעוויינליכע מיטלען, וואָס עס האָבען געפאָדערט די געשעהעבישען פון דער אומרוהיגער צייט פון די קרייץ-צוגען.

דער ערשטער רבנים-צוזאַמענפאָהר איז פאָרגעקומען אין יאָהר 1160 (משמעות, אין טרואַ), אונטער דער אָנפיהרונג פון רבינו תם. אויפ'ן דאָזיגען צוזאַמענפאָהר האָט מען, צווישען אַנדערע זאַכען, אָנגענומען אַ בעשלוס, אַז מחלוקת'ען און פּראָצעסען בעדאַרפען ווערען פונאַנדערגעקליבען בלויז אין אַ אידישען געריכט, אָבער ניט אין אַ קריסטליכען; אַ איד, וואָס ווענדט זיך מיט אַן אָנקלאָגע אויף אַ אידען צו אַ קריסטליכען געריכט, ווערט אַריינגעוואָרפען אין חרם, ד. ה. ער ווערט אויסגעשלאָסען פון דער געמיינדע, ווייל ער האָט געשעדיגט דער אַווטאָנאָמיע פון דער געמיינדע.

אויף די ווייטערדיגע צוויי צוזאַמענפאָהרען, וואָס זיינען פאָרגעקומען ביי רבינו תם'ס אָנטייל, האָט מען אָנגענומען אַ גאַנצע רייה מיטלען, בכדי איינצואָרדענען דעם פאַמיליען-און סאָציאַלען מעמד פון די אידען. די תקנה, וואָס רבינו

גרשום האָט נאָך געמאַכט וועגען איסור פון פיעלווייבעריי, איז אויפ'סניי בעשטימט געוואָרען פאר די אייראָפּייאישע אידען אויף אייביגע צייטען; עס זיינען געוואָרען אײַנגעשטעלט כּללים אויף אָבצוהיטען די אייגענטומס-רעכט פון פרויען און עס זיינען געוואָרען געבראַכט אין אָרדענונג די דינים וועגען גטין. איין תקנה האָט בעשטימט: אַז אַ איד זאָל בשום ענין ואופן ניט קויפען צוליעב פערקויף און ניט נעמען פאַר אַ משכון די פערשיידענע מטלטלים פון די קירכען — הייליגע בילדער, בגדים פון די גלחים, כּלים, וואָרום דאָס וואָלט געקאָנט ברייגען צו אַ געפעהרליכען אויפשטאַנד פון דער קריסטליכער מאַסע, וואָס האָט געגלויבט, אַז די אידען ערלויבען זיך כּלומר'שט מבזה צו זיין די קירכליכע חפצים. מען האָט אויך פערבאָטען צו לאָזען אין פערקעהר אַרומגעשניטענע מטבעות, פיהרען האַזארד-שפּיעלען און מסר'ן דער רעגירונג. אַלס מיטעל איינצושרעקען די, וואָס וועלען ניט וועלען פאָלגען מיט'ן גוטען ווילען, האָבען די רבנים — די דאָזיגע „אידישע ביסקופּען", ווי מען רופט זיי אָן אין עטליכע מיטעלאַלטערליכע דאָקומענטען — געקאָנט אָנווענדען דעם חרם, ד. ה. דעם אייגענעם אַקט פון אָבזונדערונג, אויסשליסונג פון דער געמיינדע, וואָס עס האָט געברויכט אויך די קריסטליכע גייסטליכקייט.

רבינו תּמ'ען איז אויסגעקומען פערזענליך איבערצולעבען די שרעקענישען פונ'ם צווייטען קרייץ-צוג. בשעת די קרייץ-פאָהרער זיינען אָנגעפאַלען אויף זיין שטוב, איז ער נאָר צופעליג ניצול געוואָרען פון טויט, — ווי עס איז שוין דערציילט געוואָרען אויבען (§ 98). עטליכע חדשים פאַר זיין טויט האָט זיך פונאַנדערגעשפּיעלט די בלוטיגע דראַמע אין בלואַ (§ 100) — און דער זקן, וואָס די דאָזיגע געשעהעניש האָט געמאַכט אויף איהם אַ מורא'דיגען אײַנדרוק, האָט גוזר געווען אַן אַליעהרליכען תענית צום געדעכעניש פון די געפאַלענע אויף קדוש השם.

פונקט אַזוי ווי דער גרעסטער טייל פון די דעמאָלטיגע רבנים, האָט רבינו תּם געשריבען אויך פּיוטים. ער האָט אַפילו געפּרובט זיך צו שרייבען אויך וועלטליכע שירים, לויט'ן מוכטער פון די שפּאַנישע פּאָעטען. בשעת ר' אַברהם אבן-עזרא האָט געדייזט איבער פראַנקרייך, האָט רבינו תּם איהם צוגעשיקט אַ בעגריסונג אין שירים. דער פערוואונדערטער שפּאַנישער פּאָעט, וואָס איז געווען געוואוינט צו בעטראַכטען די פראַנצויזישע רבנים בלויז אַלס איינזייטיגע פּלפּוליסטען, האָט געענטפערט אויף דער דאָזיגער בעגריסונג מיט אַן עפּיגראַם:

וועד האָט דעם פראַנצויז אין דער מוזעס וואוינונג אַריינגעפיהרט?
ווי אַזוי איז אַ פרעמדער אין הייליגען היכל אַריינגעדרונגען?
זאָל יעקב'ס *) ליעד זיין זיס, ווי מן, —
איך בין אַ זון, און אין דער דאָס שטראַהלען צעגייהט דער מן.

רבינו תּם האָט פערפאַסט אויך אַ ספר איבער העברייאישער גראַמאַטיק (ס' ההכרעות), וואו ער בעמיהט זיך אויסצוגלייכען מנחם'ס און דונש'ס סיסטעמעס.

*) ד. ה. ר' יעקב תּמ'ס.

דער גרויסער בעל-התוספות איז געווען מעהר בערופען דיאלעקטיש אויסצוגלייכען די סתירות אין דער יוריספרודענץ, איידער אין דער גראמאטיק. דער מעכטיגער שווימער איבער'ן „ים התלמוד" האט זיך ארויסגעוויזען פאר שוואך אין דעם פאר איהם פרעמדען געביט פון דער ספרדישער וויסענשאפט.

נאך רבינו תמ'ס טויט איז געשטאנען בראש פון די פראנצויזישע בעלי-התוספות זיין פלימעניק, ר' יצחק בן שמואל פון דאמפיער (ר"י הזקן), וואס האט געהאט זיין אייגענע ישיבה. עס ווערט דערציילט, אז ער האט געהאט זעכציג תלמידים, וואס איטליכער פון זיי האט געוואוסט אויף אויסווייניג איין מסכתא פון תלמוד, און אז דורך א געגענזייטיגען מיינונגס-אויסבייט האבען זיי אויסגעגלייכט אלע חלוקי-דעות און סתירות, וואס געפינען זיך אין די פערשיידענע מסכתות.

פון רבינו תמ'ס און דעם ר"י'ס ישיבות איז ארויסגעקומען א נייער דור פון בעלי-התוספות. זיי האבען פערנומען די שטעלעס פון רבנים און ראשי-ישיבות אין פראנקרייך, דייטשלאנד און אפילו איינגלאנד. עטליכע פון זיי זיינען געפאלען אויף קידוש-השם אין סוף פון XII יאהרהונדערט, (למשל, ר' יעקב פון ארלעאן און ר' יום-טוב פון זשואני, וואס זיינען אומגעקומען אין לאנדאן בשעת דעם דריטען קרייץ-צוג, אויבען § 99).

אין XIII יאהרהונדערט איז די צאהל פון די בעלי-התוספות נאך מעהר אויסגעוואקסען. די ווערק פון די דאזיגע געלערנטע און פון די געלערנטע פון די ערשטע דורות זיינען מדרגות'וויז צונויפגעקליבען געווארען אין שריפט-ליכע קאלעקציעס, און מען האט זיי שפעטער צוגעגעבען צום טעקסט פונ'ם תלמוד. די דאזיגע תוספות'ן ווערען נאך איצט געדרוקט אין אלע אויסגאבען פונ'ם תלמוד, אויף איטליכען עמוד ביי דער לינקער זייט פון טעקסט (די רעכטע זייט פערנעמט רש"י'ס פירוש).

די מאראליסטען און די מיסטיקער.

§ 105. נאר ניט אלעמען האט געקאנט בעפרידיגען די טרוקענע תלמודישע סכאלאסטיק פון די בעלי-התוספות, וואס האט געגעבען שפייז דעם פערשטאנד, אבער ניט דעם געמיט. אין יענער עפאכע פון רדיפות און מהומות האט זיך געמוזט ארויסווייזען מיט א בעזונדער שטארקייט די בעדערפעניש אויפצוהויבען דעם רעליגיעז-זיטליכען געפיהל. דער רביניזם, וואס איז געגרינדעט אויפ'ן פרינציפ פון „ארומצאמען דאס געזעץ", האט געקאנט דיענען פאר אן אויס-וויניגסטער דיסציפלין און פאר א געצייג פון אבזונדערונג פאר דער גערודפטער נאציע אלס גאנצע. נאר שטארקען די נשמה פונ'ם יחיד, געבען איהם דעם כח אריבערצוטראגען די יסורים און מצדיק זיין אויף זיך דעם שווערען גזר-דין — דאס האבען געקאנט בלויז פערזענליכע מאראל, בעגייסטערטער גלויבען און טיפע פרומקייט פון דער נשמה. אין דער דאזיגער ריכטונג האט זיך געווענדט א טייל פון דער אידישע שאפונג זינט דעם XII יאהרהונדערט. עס איז אויס-

געקומען אַ ליטעראַטור פון מוסר־ספרים, וואָס איז בעשטימט ניט בלויז פאַר געלערנטע, נאָר אויך פאַר פּשוט'ע מענשען, און וואָס האָט אָבגעשפּיגעלט אין זיך דעם פאָלקס אָנשויאונגען. דער פּאָפּולערסטער ספר פון דעם מין איז געוואָרען דער „ספר חסידים", פערפאַסט פון רבי יהודה החסיד פון רעגענסבורג (ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1217).

וועגען די געשעהענישען פון ר' יהודה החסיד'ס לעבען איז זייהר ווייניג בעוואוסט. ער האָט געוואוינט אין שפּייער, נאָר אַן ערך אין יאָהר 1195 איז ער געווען געצוואונגען — מסתמא, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר די פּאָגראָמען — זיך אַריבערצוקלייבען קיין רעגענסבורג. דאָ איז ער געשטאַנען בראש פון דער ישיבה, וואָס פון איהר זיינען שפּעטער אַרויסגעקומען בעוואוסטע געלערנטע און שריפטשטעלער.

אָבער ניט די תלמודישע למדות האָט גרויס געמאַכט ר' יהודה'ס נאָמען, נאָר זיין טיפע פרומקייט און ניט־געוויינליכע זיטליכע ריינקייט, — יענע היילינקייט פון לעבען, וואָס ווערט כאַראַקטעריזירט דורכ'ן העברייאישען צונאָמען חסיד, וואָס איז צוגעגעבען געוואָרען צום נאָמען פונ'ם רעגענסבורגער דיינקער. „אב החכמה" האָט אָנגערופען ר' יהודה'ן איינער פון זיינע גרויסע תלמידים, און באמת איז ער געווען ניט אַזוי אַ געלערנטער, ווי אַ „חכם". דאָס איז ניט געווען קיין ספּעקולאַטיווע חכמה, נאָר אַ חכמה פון הסתכלות, פון טיפען בעטראַכטען, וואָס האָט איהר שורש אין די פערבעהאַלטענע טיפענישען פון מענשליכען בעוואוסטזיין, אין מיסטישע חלומות און זיטליכע בעוועגונגען.

עפּיס אַ מאָדנע אויסמישונג שטעלט פאַר די גרויסע זאַמלונג פון מאמרים, וואָס ווערט אָנגערופען „ספר חסידים". געהויבענע רעליגיעז־זיטליכע מימרות, וואָס מאַכען ערשטוינען אָפטמאָלס דורך זייער לויטערקייט און איידעלקייט, זיינען דאָ פערמייניגט מיט נאַאיווע, און אַפילו אָבערגלויבישע אָנשויאונגען, אַ ליכטיגע לעבענס־חכמה — מיט עפּיס אַזעלכע ווילדע, טונקעלע גלויבונגען, וואָס האָבען געקאָנט געבאָרען ווערען בלויז אין דער פערשטיקטער אַטמאָספער פון מיטעלאַלטערליכען לעבען. דאָ טרעט אַרויס בעשטימט די פינסטערע וועלטאַנשויאונג פון אַ אידען אין דער תקופה פון די קרייץ־צוגען, פון אַ אידען, וואָס ווערט געשטיקט ניט בלויז דורך רדיפות פון אויסוועיניג, נאָר אויך דורך דעם בעוואוסטזיין פון זיין אייגענער זינדיגקייט, וואָס זעהט אין אַלצדינג מעשי־שטן, די ווירקונג פון עפּיס אַזוינע שרעקליכע סודות־פולע כחות, וואָס זיינען גרייט אומצוברענגען דעם מענשען אויף איטליכען שריט. און אין דער גלייכער צייט, אין געביט פון די בעציהונגען „בין אדם לחבירו", אַנטפּלעקט דער מחבר אַזאַ פיינקייט פון זיטליכען חוש, אַזאַ הויכע מדרגה פון מענשען־ליעבע, וואָס צו איהר האָט ניט דערגרייכט קיין איין פערפאַסער פון מאָראַל־קאָדעקסען אין די האַרטע צייטען פון מיטעלאַלטער.

אָט זיינען עטליכע מימרות רב יהודה חסיד'ס, וואָס זיינען שייך צו דער פערזענליכער מאָראַל און דער „לעבענס־חכמה":

„אויב דו ביזט מסופק, צי דו זאָלסט אָננעמען וואָסער עס איז החלטה — טאָ זאָג פריהער „ניין", איידער „יאָ", וואָרום זאָגען „ניין" נאָך „יאָ" איז זייהר ניט גוט; אָבער ווען דו האָסט געזאָגט „יאָ", דעמאָלט טו, ווי דו האָסט געזאָגט.

דערמאָן פריהער דיין חבר'ס נאָמען, און דערנאָך דיין אייגענעם. זאָג „איהר און איך", און ניט „איך און איהר".

אויב איך וועל עפּיס וואָס זאָגען קאָן איך נאָך חרטה האָבען, אָבער אַז איך וועל שווייגען, וועל איך קיין חרטה ניט האָבען. כל-זמן איך האָב נאָך ניט געזאָגט, בין איך אַ בעל-הבית איבער מיין וואָרט, נאָר אַז דאָס וואָרט איז אַרויסגעגאַנגען פון מיינע לעפּצען, דעמאָלט איז עס אַ בעל-הבית איבער מיר.

זיי ניט מקנא דעם יעניגען, ווער עס איז העכער פאַר דיר, און זיי ניט מבזה דעם, ווער עס איז נידעריגער פאַר דיר.

בשעת דו הערסט, אַז אַ רבי האָט געטייטשט דעם תלמיד פאַלש, מעגסטו מאַכען איהם (דעם רבי'ן) אַ בעמערקונג בלויז אין דעם פאַל, אויב דו ועסט איהם ניט מבייש זיין; אין אַנדער פאַל ברייננ איהם ניט צו שפיכות דמים (לויט דער בעוואוסטער מימרא פון תלמוד, אַז דער, וואָס איז מבייש דעם אַנדערן עפענטליך, איז גלייך, אַזוי ווי ער וואָלט פערגאָסען זיין בלוט), נאָר גיב איבער דיין בעמערקונג דורך אַ מענשען, וואָס איז נאָהענט צו איהם, בכדי איהם ניט מבייש צו זיין.

אַן אורח, וואָס איז געקומען אין דיין שטוב, לייג ניט פאַר קיין קשיות אין לערנען, אויב דו ביזט ניט זיכער, אַז ער וועט קאָנען אויף זיי ענטפערן.

עס זיינען פאַרהאַן מעשים, וואָס רעכענען זיך ניט פאַר גזלה, נאָר זיי זיינען נאָך ערגער פאַר גזלה: למשל, ווען עס פאַהרט אַריין אַן אורח צו אַן אָרימאַן, וואָס האָט ניט ביכולת איהם אויסצוהאַלטען, נאָר ער שעמט זיך איהם דאָס צוזאָגען.

זיי ניט משדך אַ יונגע מיידעל מיט אַן אַלטען מאַן אָדער מיט אַזעלכען, וואָס וויל זי ניט, אָדער וואָס זי וויל איהם ניט.

מען האָט געזאָגט צו איינעם: אין דער און דער שטאָדט וואוינט אַ יונגע שיינע פרוי, און דו וועסט איהר געפעלען ווערען, אויב דו וועסט אָבפאַרבען דיינע האָר שוואַרץ, אַזוי אַז זי זאָל קלערען, אַז דו ביזט ניט אַלט. און יענער האָט געענטפערט: איך וויל זי ניט אָבנאַרען.

אויב ביי אַ מענשען איז געשטאָרבען די פרוי, טאָר ער ניט נאָך אַמאָל חתונה האָבען, כל זמן אַ סך מענשען אַרום איהם דערמאָנען דעם נאָמען פון דער פערשטאָרבענער.

מען טאָר ניט בעליידיגען אַ משרת אָדער אַ דיענסט; אויב זיי

האָבען געטאָן, וואָס מען האָט זיי געהייסען, זאָג ניט צו זיי: איהר האָט שלעכט געטאָן — וואָרום ס'איז ניטאָ קיין ערגערע זאַך, ווי אומדאַנקבאַרקייט.

אויב אַ מענש האָט געהאַט גוטע דיענער און ער איז אָרים געוואָרען, טאָר ער זיי ניט איבערגעבען צו אַ שלעכטען בעל-הבית. זאָל ער טון מיט זיי אַזוי, ווי ער וואָלט געוואָלט, מען זאָל טון מיט איהם גופא אין אַזאַ מעמד.

מען טאָר ניט אָבשניידען דעם עק ביי אַ קוה, וואָרום דורכדעם נעמט מען אָב ביי איהר די מעגליכקייט אַוועקצוטרייבען די פליגען.

ווער עס האָט אומזיסט אָנגעטאָן יסורים בהמות, דעם וועט גאָט בעשטראָפען פאַר די עינויים פון אַ לעבעדיגער בעשעפעניש, אַ שטייגער ווי די, וואָס שלעפען קעץ פאַר די אויערן, אָדער רייטערס, וואָס שלאָגען די פערד מיט שפאָרען.

כאַראַקטעריסטיש איז די בעציהונג פונ'ם „ספר חסידים" צו אַנדערשגלויביגע. ער פאָדערט, אַז אידען זאָלען זיך שטרייננג אָבזונדערן פון אַנדערשגלויביגע אין רעליגיע און מנהגים, נאָר אין דערזעלביגער צייט הייסט ער צו האַלטען זיך ביי אומבעדינגטער עהרליכקייט אין געשעפטליכע אויפטראָגען מיט זיי.

אַ רעליגיעזען שיר, וואָס אַן אַנדערשגלויביגער האָט מחבר געווען, טאָר מען ניט איבערזעצען אויף העברייאיש און געברויכען אין דער תפילה, זאָל זיך אַפילו דער דאָזיגער שיר אויסדוכטען זייהר גוט.

מען טאָר ניט זינגען פאַר אַ קינד קיין גוישקע ליעדער, בכדי איינצושטילען זיין געוויין.

אויב אויף אידען פאַלען אָן באַנדעס (פון קרייץ-פאָהרער?), טאָר מען ניט אַרויסשטעלען אין די הייזער אָדער בעהעפטען אָן די קליידער די בילדער פון זייער רעליגיע (דער קריסטליכער), אָדער גייהן אין זייערע הייליגע ערטער, בכדי צו פערלייקענען, אַז מען איז אַ איד.

דו ביזט מחויב צו פיהרען זיך בנוגע צו אַן אַנדערשגלויביגען פונקט אַזוי עהרליך, ווי בנוגע צו דיין ברודער, דעם אידען; אויב אַ גוי האָט אַ טעות געהאַט (אין וואָסער עס איז געשעפט), זאָלסטו איהם דאָס אָנזאָגען, בכדי ער זאָל אַליין זיך ניט כאַפּען, און דעמאָלט וועט עס דורך דיר קומען צו אַ חילול השם, וואָרום מען וועט זאָגען: אַלע אידען זיינען רמאים.

מען טאָר ניט אָבנאַרען קיין גוי, וואָרום דאָס דערנידעריגט דעם מענשען און ברייננגט איהם ניט קיין הצלחה.

די וואָס אַנטלייהען געלד אויף פראָצענטען, וואָס שניידען אַרום מטבעות, וואָס מאַכען פאַלשקייטען אין וואָג און מאָס ביים האַנדעל —

װערען סוף-כּל-סוף פֿעראַרימט, און זייערע קינדער ליידען צרות אין דער פּרעמד און מוזען אָנקומען צו מענשענס הילף.

די דאָזיגע װייכקייט און גוטמיטיגקייט פֿיהרט ר׳ יהודה חסיד דורך נאָר אין דער ספֿערע פֿון די „חובות בין אדם לחבירו״. װי נאָר עס הויבען זיך אָן די „חובות בין אדם למקום״ פֿאָדערט ער שטרייננקייט, מען זאָל זיין אַבּגעהיט שטאַרק אין די מדות מוראָ און ענוות, הגם ער דערגייהט ניט צו אַן אויסערסטען אַסקעטיזם. „פֿאַר גאָט אין שול בעדאַרף מען שטייהן אין שרעק און ציטערניש״; נאָר מען בעדאַרף זיך ניט צו-פֿיעל אויסמאַטערן דורך תּעניתים, װאָרום דאָס שטערט דעם מענשען צו אַרבייטען. די תּפֿילה בעדאַרף קומען פֿון האַרצען; דעריבער זאָל דער, װאָס פֿערשטייהט ניט העברייאיש, דאַװנען בעסער אויף דער שפּראַך, װאָס ער רעדט, װאָרום „אויב די האַרץ װייס ניט, װאָס די לעפּצען ריידען, טאָ װאָס פֿאַר אַ נוצען האָט די תּפֿילה?״ רבּי יהודה החסיד טאַדעלט דאָס, װאָס מען גיט זיך אָב צו-פֿיעל מיט פּלפּול. דער ציעל פֿונ׳ם לערנען בעדאַרף זיין די השלמה פֿון אַלע גייסטיגע תּכונות פֿונ׳ם מענשען, און ניט בלויז פֿון דער טעטיגקייט פֿונ׳ם שכל. אינטערעסאַנט זייגען דעם מחבר׳ס מיינונגען װעגען די מעטאָדען פֿון ערציהונג און אונטעררי‌כט:

אויפ׳ן גאַס מוזען אינגלעך שפּיעלען זיך בעזונדער, און מיידלעך בעזונדער. — דערלאָז ניט קיין קינד צו נעמען שפּייז פֿון אַ שיסעל, אין װעלכע אַלע עסען, װאָרום אַ קינד היט ניט אָב קיין ציכטיגקייט און ביים עסען אינאיינעם קאָן ער דערװעקען אַן אונאָנגענעמען געפֿיהל ביי די דערװאַקסענע. — קינדער בעדאַרף מען בעשטראָפֿען, בכדי זיי זאָלען ניט גייהן אויף אַ שלעכטען װעג, נאָר מען טאָר ניט אויסלאָזען צו זיי דעם כּעס. בעסער פֿון אַלץ בעדאַרף מען זאָגען קינדער: אַזוי פֿלעגט טון מיין פֿאָטער, און אַזוי טו איך. — אַ מענש איז מחויב אויך זיינע טעכטער צו לערנען די מצוות, בכדי זיי זאָלען װיסען, װאָס עס איז מותּר און װאָס איז אסור. — אַ בחור זאָל ניט לערנען מיט אַ מיידעל, אַפֿילו װען איהר פֿאָטער איז דערביי. — ביים לערנען תּורה מיט קינדער בעדאַרף מען זיי איינפֿליסען יראת שמים, מען בעדאַרף זאָגען, אַז גאָט איז אין הימעל און אַז ער שפּייזט אַלעמען, און אַז זיי װעלען אונטערװאַקסען, בעדאַרף מען זיי דערקלערען, אַז עס איז פֿאַראַן אַ גן-עדן און אַ גיהנם.

דאָ הויבט זיך אָן דער געביט פֿון מיסטיציזם און פֿון די פֿינסטערע אָבערגלויבענס פֿון פֿאָלק. צו גלייך מיט קלוגע כּללים פֿאַר׳ן לעבען און הויכע זיטליכע אמת׳ען בעגעגענט מען אין „ספֿר חסידים״ מימרות, װאָס זיינען געזאָגט געװאָרען אונטער דער השפּעה פֿון אַן אָבערגלויבישער שרעק און דורכגעדרונגען מיט אַ יענערװעלטיגער שטימונג

„זאָלען בחורים מיט מיידלעך זיך ניט צונויפֿקומען און ניט שפּיעלען זיך אינאיינעם (בכדי ניט צו קומען צו אַ נסיון), װאָרום איין מאָל איז אַ מענש געפֿאָהרען ביי-נאַכט ביים שיין פֿון דער לבנה און האָט

דערזעהן אַ סך גרויסע פוהרען, וואו עס זיינען געזעסען מענשען, און איינגעשפּאַנט אין די פוהרען זיינען אויך געווען מענשען; און אַז מען האָט ביי די לעצטע געפרעגט (פּאַרוואָס שלעפּען זיי די פוהרען), האָבען זיי געענטפערט: בשעת מיר האָבען געלעבט אויף דער וועלט, האָבען מיר זיך געשפּילט מיט ווייבער; און איצטער מוזען מיר אָבקומען פאַר אונזערע זינד אויף אַזאַ שטייגער".

דער ספר איז איבערפולט מיט סיפורים וועגען בר-מינב'ס, רוחות און מזיקים. דאָרט ווערט דאָס ערשטע מאָל געבראַכט די פאָלקס-גלויבונג, אַז האַלבע נאַכט שטייהען אויף די טויטע פון די קברים און קלייבען זיך צונויף אין די ליידיגע שולען, וואו זיי דאַווענען, און צווישען זיי שטייהען די געשטאַלטען פון לעבעדיגע מענשען, וואָס זיי שטייהט פאַר צו שטאַרבען גאָר אין גיכען. דאָ ווערט אויך מיטגעטיילט די גלויבונג, אַז ווער עס וועט ראש-השנה ביי נאַכט ניט זעהן דעם שאָטען פון זיין קאָפּ, אויף דעם איז נגזר געוואָרען, אַז ער זאָל שטאַרבען דעם יאָהר; נאָר דער מחבר האָט געוואוסט איין פאַל, בשעת תעניתים און תפילה-טון האָבען געראַטעוועט אַ „פער'משפט'ען" פון טויט. ר' יהודה החסיד גלויבט אין השבעות קעגען דער סטרא אחרא, נאָר ער גיט אַן עצה וואָס ווייניגער צו האָבען צו טון מיט דער שוואַרצער כנופיא און ניט האָבען קיין מגע ומשא מיט מכשפים. נאָר פון דער פאָלקס-מעדיצין מיט אַלע איהרע נאַאיווע סגולות האַלט ער און איז קיין האָר ניט מסופק אין זייער ווירקונג.

דער „ספר חסידים" איז געוואָרען בעאַרבייט און אַרויסגעגעבען דורך רבי יהודה החסיד'ס תלמיד, רבי אלעזר פון וואָרמס, דער מחבר פונ'ם בעוואוסטען ספר „רוקח" (ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1238). ר' אלעזר האָט געהערט צו די גרעסטע בעלי-התוספות, נאָר דער עיקר האָט ער זיך פערנומען מיט פראַגען פון טעאָסאָפיע און אַסקעטישער מאָראַל.

דער שטורעם פון די קרייץ-צוגען האָט אויך ניט פערשוינט די שטילע היים פון וואָרמסער רב. אין איין האַרבסט-נאַכט פון יאָהר 1194, בשעת ר' אלעזר איז געזעסען איבער אַ כתב-יד פון אַ פירוש אויף חומש, פערטיעפט אין זיינע רעיונות, האָבען זיך אַריינגעריסען אין זיין שטוב צוויי קרייץ-פאָהרער. די רשעים האָבען דער'הרג'עט זיין פרוי דולצע, וואָס האָט מיט איהר פּראַצע מפרנס געווען די גאַנצע הויזגעזינד, זיינע צוויי טעכטער און זיין זוהן און איהם גופא האָבען זיי געמאַכט צוויי וואונדען.

זינט יענער צייט האָט די עצבות זיך נאָך מעהר איינגעגראָבען אין דער נשמה פונ'ם דיינקער-אַסקעט. ער האָט אויסגעגאָסען זיינע געפיהלען אין פיוטים, האָט זיך פערטיעפט אין סודות פון טעאָסאָפיע און רעליגיעזען מיסטיציזם. עניוות — דאָס איז די העכסטע מדה טובה, וואָס דער גערודפ'טער קאָן זיך פאָרשטעלען. אין ר' אלעזר'ס הויפּט-ווערק „רוקח", וואָס בעשטייהט פון פראַגמענטען איבער הלכה און מוסר, איז די אידייע פון עניוות און תשובה דער אינקעל-שטיין פון דער רעליגיעזער סיסטעם:

„די בעסטע קרוין – שרייבט דער מחבר פון „רוקח״ – איז די קרוין פון ענוות; דער בעסטער קרבן איז אַ צעבראָכען האַרץ; די העכסטע מדה טובה איז שעמעוודיגקייט... אַ מענש אַן עניו איז נידעריג אין זיינע אייגענע אויגען, בעשיידען, ווייכהאַרציג און מיט אַ צעבראָכענעם געמיט. אַז מען בעווייזט איהם זיינע שלעכטע מעשים, גיט ער אַ לויב דעם בורא דערפאַר, וואָס די וועלט האָט זיך דערוואוסט כאָטש עפּיס וואָס וועגען זיינע חסרונות, דערפאַר וואָס מען בעשטראָפט און מען טאַדעלט איהם, בכדי ער זאָל תשובה טון. ער איז מוחל דעם יעניגען, ווער עס רעדט וועגען איהם שלעכטס; ער רעדט ווינציג און אויף אַ נידעריגען קול; ער טראַכט שטענדיג וועגען טאָג פון זיין טויט... אויב עס טרעפט מיט איהם אַן אומגליק, ער וועהרט אָן זיינע קינדער און נאָהענטע קרובים – שטענדיג בויגט ער זיך אָהן תרעומות פאַר דער גערעכטיגקייט פון דער השגחה עליונה... אויב אין די טעג פון פורעניות וועלען אויפשטייהן אויף דיר פעלקער, בכדי צו מאַכען דיך אָבטריניג פון דיין גלויבען, זאָלסטו, פונקט אַזוי ווי אַ סך אַנדערע, מקריב זיין דיין לעבען (אין נאָמען פון דער אמונה). בעקלאָגט זיך ניט, בשעת דו זעהסט דאָס גוטע לעבען און די מאַכט פון די רשעים, וואָרום גאָטס וועגען ברייגען צו אויסלייזונג, הגם זיינע טובות בנוגע צו דער כנסת ישראל אין דער איצטיגער צייט זיינען בעהאַלטען פון אונזערע בליקען״.

דאָס איז די מאָראַל פון דערשלאָגענע און בעליידיגטע, דאָס איז די פּסיכאָלאָגיע פון פּאַסיווען ווידערשטאַנד קעגען שונא, וואָס פיזיש קאָן מען איהם ניט גובר זיין, מצד שטאַרקע לויט'ן גייסט. אַזאַ גייסטעס-שטימונג האָט געקאָנט בעשאַפען אַ בעגייסטערטען גלויבען, וואָס זוכט קיין סך חשבונות ניט, וואָס טראָגט אַריבער דעם מענשען אין אַן אַנדער וועלט, ווייט פונ'ם ערדישען „עמק הבכא״.

דאָ האָט זיך בעוויזען אַ באַדען פאַר'ן מיסטיציזם. ר' אלעזר פון וואָרמס איז אַוועק אין דעם פרט ווייטער פון זיין רבי'ן ר' יהודה החסיד. ער איז דער אָנזאָגער פון דער קבלה, וואָס האָט אויפגעבליהט אין XIII יאָהרהונדערט. זיינע קבלה-ספרים, וואָס געפינען זיך נאָך אין כתב-יד, האָבען געהאַט אַ געוויסע השפעה אויף דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון דער „חכמת הנסתר״.

די סינאַגאָגאַלע פּאָעזיע, כראָניק, עטנאָגראַפיע.

§ 106. בשעת אין שפּאַניען האָט געבליהט די העברייאישע פּאָעזיע אין אַלע איהרע מינים, האָט אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד עקסיסטירט בלויז איין מין פון איהר: די רעליגיעזע אָדער סינאַגאָגאַלע פּאָעזיע (פּיוט). דאָ האָט די מוזע איבערגעשמועסט זיך מיט'ן רבונו-של-עולם, פלעגט אויסגיסען איהר האַרץ אַמאָל אין פייערליכע לויב-ליעדער, אַמאָל אין טרויעריגע עלעגיען. די ליעדער פון תשובה און געוויין, די שבועות'דיגע תפלה און עלעגיע, די „סליחה״

און די „קינה" — דאָס האָט בעגייסטערט די דיכטער אין דער עפּאָכע פון די קרייץ-צוגען. כמעט אַלע געלערנטע, וואָס האָבען געהערט צו דער שולע פון רש"י און די בעלי-התוספות, האָבען געשריבען פיוטים. דער ראש פון די בעלי התוספות, ר' יעקב תם, וואָס האָט מיט זיינע אויגען געזעהן די פורעניות פון XII יאָהרהונדערט, האָט אויך מחבר געווען פיוטים.

די מחברים פון אַזעלכע פיוטים האָבען אָנגעגעבען זייערע נעמען און די נעמען פון זייערע פאָטערס אין דער פאָרם פון אַקראָסטיכען אין אָנהויב פון די פערזען (ד. ה. פון די ערשטע אותיות פון די ערשטע אָדער לעצטע עטליכע פערזען קאָן מען צונויפשטעלען זייערע נעמען). נאָר היות ווי אַ סך נעמען זיינען גלייכע, בכן קאָן מען ניט אַלע מאָל בעשטימען, ווען עס געהערט דאָס אָדער יענץ ווערק, אין וואָסער צייט און ביי וואָסער געלעגענהייט עס איז אָנגעשריבען.

אַ סך פון די דאָזיגע ווערק זיינען אַריינגענומען געוואָרען אין די זאַמלונגען פון „סליחות" און „קינות", וואָס מען זאָגט אין די שולען אין געוויסע תעניתים און ימים-טובים, נאָר נאָך אַ גרעסערע צאָהל געפינט זיך אין כתב-יד'ען, אין פערשיידענע ביבליאָטעקען. אַלס אַ טיפּישער מוסטערשטיק פון אַזאַ פּאָעזיע קאָן דיענען פאָלגענדע „סליחה", וואָס איהר מחבר (ר' יואל בן יצחק פון באָן) האָט איבערגעלעבט די פורעניות פון צווייטען קרייץ-צוג (1147):

פערנעם, אָ גאָט, מיין שטים, וואָס בעט,
וואָרום מיך שרעקט אַן אכזריות'דיגער פיינד!
פערמשפּט בין איך צו זיין אַ קרבן אויף שעכטען
פאַר שלעכטע מענשען, וואָס זיינען קעגען מיר אויפגעשטאַנען.
דער שרעק פאַר'ן טויט פערפינסטערט מיין נשמה,
און מורא האָב איך, אַז מיינע כחות וועלען ניט קלעקען.
שוין פליהען די ווילדע באַנדעס, פול מיט גרימצאָרן,
עס בליצט דער שווערד, בכדי מיך אָהן שולד צו טויטען.
אָהן רחמנות אין שטויב וואַרפט מיך דער פיינד,
און קיין מאָל וועל איך ניט אויפשטייהן נאָכ'ן פאַלען.
מיין געמיט איז פול מיט טרויער אָהן אַ שיעור,
אַ פייער פון ליידען ברענט מיך דורך און דורך,
און מיין בלוט, ווי אַ קרבן פונ'ם שונא'ס רשעות,
פליסט טראָפּענווייז אין דער וואונונג פון דיין ליעבע.
און דו, צייהלענדיג די טראָפּענס פון יענע בלוט די פערגאָסענע,
ווערסט בעצאָהלען דעם פיינד, וואָס האָט געפייניגט מיך...

פונקט אַזוי ווי די פּאָעזיע, אַזוי איז אויך די כראָניק פון יענער צייט פערנומען מיט שילדערונגען פון די פאָלקס-אומגליקן. מיט קנאַפּע ווערטער האָט די אידישע כראָניק פעראייביגט אין ווינציג בלעטלעך די געשיכטע פון די ליידען פון אַ סך יאָהרען. דער כראָניק-שרייבער פונ'ם ערשטען קרייץ-צוג איז

געווען דער בעוואוסטער תּלמודיסט ר׳ **אלעזר בן נתן** פון מאינץ, וואָס האָט אַליין איבערגעלעבט דעם דאָזיגען קרייץ-צוג. זיין קורצער „קונטרס תתנ״ו״ שילדערט אַ שרעקליך בילד פון דער שחיטה פון יאָהר 1096 אין די שטעדט ביים ריין.

די צרות פון די אידען אין דער עפּאָכע פון די שפּעטערדיגע קרייץ-צוגען, צווישען די יאָהרען 1146 און 1196, האָט בעשריבען אַן אַנדער בן-דור, ר׳ **אפרים פון באָן**, אַ געלערנטער תּלמודיסט און מחבר פון סינאַגאָגאַלע עלעגיעס. בשעת ר׳ אפרים איז אַלט געווען 13 יאָהר, האָט ער זיך געהאַט בעהאַלטען איינאיינעם מיט זיינע קרובים אין דער פעסטונג וואָלקענבורג, וואָס האָט געדיענט פאַר אַ סך אידען אַלס בעהעלטעניש אין דער צייט פון צווייטען קרייץ-צוג. פון דער קאַטאַסטראָפע אין בייס אין יאָהר 1187 (§ 101) איז ער ניצול געוואָרען בלויז צופעליג, וויל מיט דריי טעג פריהער איז ער אָבגעפאָהרען קיין קעלן; ער איז אָבגעקומען בלויז דערמיט, וואָס ער האָט אָנגעוואָהרען זיין האָב-און-גוטס, וואָס דער ווילדער המון האָט ביי איהם אַוועקגערויבט.

די ווערק פון דיביידע כראָניק-שרייבער׳ס זיינען אַריינגענומען געוואָרען אין שפּעטערדיגע כראָניקעס; בעזונדער אַרויסגעגעבען האָט מען זיי ערשט אין דער נייסטער צייט.

די לוסט צו רייזען אין די מזרח-לענדער, וואָס איז פערשטאַרקט געוואָרען דורך די קרייץ-צוגען, האָט אַוועקגעריסען אין וויטען וועג אַריין אויך אַ אידישען געלערנטען פון דייטשלאַנד. ר׳ **פתחיה פון רעגענסבורג** האָט אַרומגערייזט איבער מזרח-אייראָפּע און מערב-אַזיען, צווישען די יאָהרען 1175 און 1190. ער האָט אונטערגענומען זיין נסיעה אין יענער צייט, בשעת זיין שפּאַנישער בן-דור, ר׳ בנימין פון טודילא, האָט זיך שוין געהאַט אומגעקעהרט אַהיים (§ 93), און אין עטליכע ערטער פון אַזיען איז ער, משמעות, געפאָהרען מיט׳ן זעלביגען וועג, וואָס יענער.

ר׳ פתחיה איז אַרויסגעפאָהרען פון רעגענסבורג קיין פּראָג, פון דאָרט — קיין פּוילין און וויטער „קיין קיעוו, וואָס אין דער מדינת רוסיה״; דערנאָך איז ער אַריבער דעם דניעפּר, איז אַריין אין לאַנד פון די וואַנדערנדע „קדרים״, פון דאָרט קיין „חאַזאריען״, קיין קאַווקאַז, און צולעצט קיין מעסאָפּאָטאַמיען און סיריען. ערשט דאָ האָט דער מחבר געפונען גוט איינגעשטעלטע אידישע קהילות — אין מאָסול, באַגדאַד, דמשק, וועלכע ער בעשרייבט אויספיהרליך. דער באַגדאַדער גאון ר׳ שמואל בן עלי, וואָס האָט אין יענער צייט געשפּיעלט די ראָל פון אַ ריש-גלותא, האָט געגעבען ר׳ פתחיה׳ן אַ בריעף מיט זיין חתימה, וואו ער האָט בעפוילען אַלע אידישע קהילות מיטצוהעלפען דעם רייזענדען ביים בעקומען די מערקווירדיגע זאַכען, ווי אויך אַז מען זאָל איהם פערזאָרגען מיט פיהרערס אין וועג. ר׳ פתחיה האָט בעזוכט אויך ארץ-ישראל. ער איז געווען אין טבריא, צפורי, יבנה, ירושלים, חברון, נאָר אומעטום האָט ער אָנגעטראָפען וועניג אידען.

ר׳ פתחיה׳ס רייזע-בעשרייבונג („סבוב העולם”) איז, משמעות, פערפאַסט געוואָרען ניט פון איהם גופא, נאָר פון אַן אַנדער פערזאָן, לויט זיינע רייד אָדער שריפטליכע בעמערקונגען; ערטערווייז האָט דער צונויפשטעלער זי שטאַרק מקצר געווען. בכל איז עס מעהר אַ זאַמלונג פון פראַגמענטען, וואָס ניט שטענ־דיג זיינען זיי צונויפגעבונדען צווישען אַנאַנד.

די פראָוואַנסאַלישע ליטעראַטור.

§ 107. אין דער קריסטליכער אייראָפּע זיינען דעמאָלט געווען בלויז עטליכע פונקטען, וואו די גייסטיגע שאַפונג פון די אידען האָט זיך ניט געפונען אונטער׳ן שטענדיגען דרוק פון די אויסוויינליגסטע פורעניות: דאָס איז געווען קאַסטיליען און אַראַגאָניען אין שפּאַניען, אַ טייל פון איטאַליען און דרום-פראַנק־רייך אָדער פּראָוואַנס. די פורעניות פון דער עפּאָכע פון די קרייץ-צוגען, וואָס האָבען ערגער געמאַכט די לאַגע פון אידען אין צפון-פראַנקרייך, האָבען כמעט ניט אָנגעריהרט איהרע דרום׳דיגע פּראָווינצען, וואָס זיינען פּאָליטיש געווען אַווטאָנאָם; אַפילו די לאַנגע האַנד פיליפּ אויגוסט׳ס האָט ניט געקאָנט צוקומען צו די אידען און צו זייערע קאַפּיטאַלען אין דער רייכער פּראָוואַנס. בשעת דער קיניג האָט פערטריבען זיינע אידישע אונטערטאַנען פון איל-דע-פראַנס (1181), האָבען זיי געקאָנט געפינען אַ מקום מנוחה אין די שטעדט פון דרום-פראַנקרייך, אונטערן שוץ פון די אָרטיגע גראַפען.

אינ׳ם דאָזיגען לאַנד, וואָס ליגט האַרט ביי די פירענייען און וואָס האָט שוין לאַנג געצויגען זיין יניקה פון דער אַראַבישער ציוויליזאַציע, האָט געהערשט דעמאָלט דער גייסט פון רעליגיאָנס-פרייהייט, האָבען געבליהט האַנדעל און אינדוסטריע, וויסענשאַפט און קונסט, בעזונדעס פּאָעזיע (די פּראָוואַנסאַלישע טרובאַדורען). דאָ האָט זיך שוואַכער אַרויסגעוויזען די קירכליכע אומטאָלעראַנץ, וואָס האָט געשטערט דעם נאָרמאַלען בירגערליכען און אינטעלעקטועלען וואוקס פון די פעלקער פון מיטעל-אייראָפּע. אויפ׳ן באָדען פון דער דאָזיגער פרידליכער קולטור זיינען אויסגעוואַקסען אין פּראָוואַנס יענע רעפאָרמאַטאָרישע שטרעבונ־גען, וואָס האָבען זיך אויסגעדריקט אין דער פרייער פריידיגט אָדער „אַפּיקורסות” פון די אַלביגאָנזער, וואָס האָט שטאַרק אויפגערודערט די דעמאָלטיגע פיהרער פון דער רוימישער קירך, און בעזונדערס דעם פּויפּסט אינאָקענטיוס III.

זייהר אַ טעטיגען אָנטייל אין דער שאַפונג פון דער פּראָוואַנסאַלישער ביל־דונג האָבען גענומען די אידען. אין דער צווייטער העלפט פון XII יאָהרהונדערט איז זייער צאָהל אויסגעוואַקסען דורכ׳ן שטרוים פון עמיגראַנטען פון שפּאַניען, וואָס זיינען אַנטלאָפען געוואָרען פאַר די רדיפות פון די אַלמאָהאַדען, און פון צפון-פראַנקרייך, פון וואַנען עס האָבען געטריבען די אידען די פּאָגראָמען פון די קרייץ-פאָהרער און דעם קיניג פיליפּ און לודוויג אויגוסט׳ס געלדגיריגקייט. די דאָזיגע צוויי עמיגראַציאָנס-שטרעמונגען, וואָס איינע פון זיי איז געגאַנגען פון דרום און די אַנדערע פון צפון, האָבען אַריינגעטראָגען אין דעם גייסטיגען

לעבען פון די פּראָוואַנסאַלישע אידען אַ גרויסע פערשיידענאַרטיגקייט. פון דער אַראַבישער שפּאַניען זיינען געקומען אהין די פאָרשטייהער פון דער פילאָסאָפישער ריכטונג, און פון צפון-פראַנקרייך ווידער — די פאָרשטייהער פונ׳ם תלמודיזם און פון דער שיטה פון די בעלי-התוספות. די ערשטע האָבען אויפגעקלערט ניט בלויז זייערע פאָלקסברידער, נאָר אויך די געבילדעטע קריסטען, דורכדעם וואָס זיי האָבען בעקאַנט געמאַכט די בילדונגס-דאָרשטיגע מיט די ווערק פון דער אַראַביש-אידישער ליטעראַטור. די תלמידים פון די בעלי-התוספות האָבען פערשפּרייט די רבנישע וויסענשאַפט. אין נאַרבאָנאַ, לונעל, מאָנפּעליע, בעזיער און פאָסקיער האָבען געבליהט ישיבות, וואָס זיינען מאַטעריעל אונטערגעהאַלטען געוואָרען דורך רייכע נדבנים און וואָס האָבען געהאַט אַ סך וויסענשאַפטליכע כחות.

דער רייזענדער ר׳ בנימין פון טודילא, וואָס האָט אַרומגערייזט איבער דער פּראָוואַנס (1160), שילדערט נאַרבאָנאַ אַלס אַ צענטער פון וויסענשאַפט, פון וואַנען „עס גייהט אַרויס תורה אין אַלע לענדער״. ער האָט געזעהן דאָרט בראש פון דער קהילה דעם איינפלוסרייכען אַריסטאָקראַט ר׳ קלונימוס בן טודרוס, און בראש פון דער ישיבה — ר׳ אברהמ׳ן — דעם מחבר פונ׳ם „האשכול״, אַ זאַמלונג פון פאָרשונגען איבער הלכה, וואָס זיינען געגרינדעט אויף די אַרבייטען פון אלפסי און פון אַנדערע געלערנטע.

אין לונעל האָבען פערשפּרייט וויסענשאַפט דער „גרויסער רבי משולם״ און זיינע פינף זיהן, וואָס זיינען שפּעטער בעריהמט געוואָרען. אין דער ישיבה פון לונעל פלעגען אָנקומען תלמידים פון ווייטע מקומות; זיי אַלעמען פלעגט מען אויסהאַלטען אויפ׳ן חשבון פון דער קהילה און שאַפען פאַר זיי אַלע בעקוועמליכקייטען, בכדי זיי זאָלען קאָנען פערנעמען זיך פריי מיט וויסענשאַפטען.

פון תלמודישע שריפטשטעלער אין פּראָוואַנס זיינען בעזונדערס בעריהמט געוואָרען צוויי: ר׳ זרחיה הלוי (ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1186) און רבי אברהם בן-דוד פון פאָסקיער (געשטאָרבען אין יאָהר 1198). ר׳ זרחיה הלוי, אַ געבירטיגער פון דער שפּאַנישער שטאָדט גערָאנאַ, האָט זיך אַריבערגעקליבען קיין פּראָוואַנס און האָט פערנומען אַן אָנגעזעהענע שטעל אין דער אידישער קהילה פון לונעל. אַלס שאַרפזיניגער פּלפּוליסט, האָט ער ניט געקאָנט זיך בעפרידיגען דערמיט, וואָס דער אַזוי אָנגערופענער „קליינער תלמוד״ אלפסי׳ס, וואָס איז אויסגעלייטערט פונ׳ם דיאַלעקטישען באַלאַסט פון דער גמרא, האָט בעקומען די בעדייטונג פון אַ גרונד-ווערק פאַר געלערנטע און רבנים. ר׳ זרחיה האָט געוואָלט בעווייזען, אַז אלפסי׳ס „קצור הש״ס״ קאָן ניט דיענען פאַר אַ זיכערן פיהרער פאַר די רבנים, וואָרום אין איהם זיינען פאַראַן אַ סך אומגענויאיגקייטען און אַ סך זאַכען פעהלען אין איהם. זיינע פיעל קריטישע בעמערקונגען און הוספות צו אלפסי׳ס ווערק האָט ער אַרויסגעגעבען אין אַ ווערק מיט׳ן נאָמען „מאור״, וואָס שטייהט לויט זיין שיטה נאָהענט צו די פאָרשונגען פון די בעלי-התוספות.

אינ׳ם גייסט פון די בעלי-התוספות זיינען אויך אָנגעשריבן די פיעל פאַרשונגען פון ר׳ אַברהם בן דוד אָדער ראב״ד (בעל ההשגות), וואָס איז געוועזן ראש-ישיבה אין פּאָסקיער. דער דאָזיגער געלערנטער, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט דורך זיין אויסערסטען קאָנסערוואַטיזם, האָט בעקומען אַ פּירסום דורך זיין שאַרפער פּאָלעמיק קעגען דעם רבנישען קאָדעקס און קעגען דער פילאָסאָפישער סיסטעם פון זיין בן-דור, דעם גרויסען רמב״ם (ז. דעם וייטערדיגען קאַפּיטעל).

די רבנישע סכאָלאַסטיק, וואָס איז אַריבערגעטראָגען געוואָרען פון צפון-פראַנקרייך, האָט געקעמפט אין דער פּראָוואַנס מיט׳ן ראַציאָנאַליזם פון דער שפּאַנישער שול. די השפעה פון דער לעצטער איז אַלץ שטאַרקער געוואָרען צו בעמערקען אין דער ליטעראַטור. אַ גאַנצע רייה שריפטשטעלער האָבען דאָ געאַרבייט צוליעב דער פערשפּרייטונג פון וויסענשאַפטליכע און פילאָסאָפישע ווערק פון דער ספרדישער שולע, דורכדעם וואָס זיי האָבען איבערזעצט אויף העברייאישע ספרים, וואָס זיינען אָנגעשריבען געוואָרען אויף אַראַביש. אינ׳ם דאָזיגען געביט האָבען זיך אַרויסגערוקט צוויי ליטעראַרישע דינאַסטיעס — די קמחי׳ס און די אבן-תבונ׳ס.

די משפחה פון די קמחי׳ס האָט זיך אַריבערגעקליבען פון שפּאַניען קיין נאַרבאָנאַ בשעת די רדיפות פון די אַלמאָהאַדען. ר׳ יוסף קמחי (ער האָט געשריבען אַן ערך אין די יאָהרען 1150 — 1170) האָט פערפאַסט אַ פּירוש אויף די ספרים פון תנ״ך אין אַ וויסענשאַפטליכען גייסט, האָט איבערזעצט אויף העברייאיש די מאָראַל-סיסטעם פון רבנו בחיי אבן-פקודה „חובת הלבבות״, האָט געשריבען פיוטים און האָט זיך פערנומען מיט פאָרשונגען איבער העברייאישע גראַמאַטיק. איהם שרייבט מען אויך צו אַ ויכוח, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער צייט, אַ שמועס צווישען אַ איד מיט אַ קריסט („ספר הברית״), וואו עס ווערט בעוויזען, אַז די אידישע דאָגמאַטיק און עטיק שטייהט העכער.

ר׳ יוסף קמחי׳ס טעטיגקייט האָט ווייטער געפיהרט זיין זוהן ר׳ דוד, וואָס איז בעוואוסט אונטער׳ן פערקירצטען נאָמען רד״ק (1160 — 1235), אַן אונערמידליכער אַרבייטער אויפ׳ן געביט פון דער שפּראַך-פאָרשונג. ר׳ דוד קמחי האָט אָנגעשריבען אַן אויסגעצייכנטע העברייאישע גראַמאַטיק מיט אַ ווערטערבוך („מכלול״) און אַ רייה מוסטערהאַפטע פירושים אויף פערשיידענע ספרים פון תנ״ך, לויט׳ן מעטאָד פון גראַמאַטיקאַלישער און לאָגישער אויסטייטשונג. פון זיי איז בעזונדערס ווערט צו דערמאָנען דעם פירוש אויף תהלים. לויט די דאָזיגע ספרים, וואָס זיינען אָנגעשריבען אין אַ קלאָרער, אַלגעמיין-פערשטענדליכער שפּראַך, האָבען די אידען פון דער קריסטליכער אייראָפּע געקאָנט זיך בעקענען מיט די רעזולטאַטען פון די פילאָלאָגישע און עקזעגעטישע אַרבייטען פון אבן גנאַ׳ח, ר׳ אברהם אבן-עזרא און אַנדערע געלערנטע פון דער אַראַבישער שפּאַניען. ר׳ דוד קמחי האָט בעקומען אַ נאָמען פאַר׳ן ערעסטען שפּראַך-

פאַרשער פון מיטעלאַלטער; זיינע ווערק האָבען בענוצט אין דער לאַטיי-נישער איבערזעצונג אויך קריסטליכע טעאָלאָגען, הגם אין זיין פירוש אויף תהלים פאָלעמיזירט ער שטאַרק קעגען דער קריסטליכער דאָגמאַטיק. (די דאָזיגע פאָ-לעמישע ערטער, וואָס זיינען אַרויסגעוואָרפען געוואָרען פון די געדרוקטע אויסגאַבען דורך דער קירכען-צענזור, זיינען אַרויסגעגעבען געוואָרען בעזונדער אונטער'ן נאָמען „תשובות לנוצרים", ד. ה. ענטפערן די קריסטען).

אין דער צייט וואָס די קמחי'ס האָבען בעאַרבייט די ווערק פון דער אַראַביש-שפּאַנישער שול, האָבען די אבן-תבונ'ס מיט התמדה איבערזעצט אויף העברייאיש אַ סך פון דאָזיגע ווערק, וואָס זיינען געווען אָנגעשריבען אויף אַראַ-ביש. ר' יהודה אבן-תבון, וואָס איז אַנטלאָפען געוואָרען פאַר די רדיפות פון די אַלמאָהאַדען פון שפּאַניען קיין לונעל (1120 — 1190), האָט איבער-זעצט פון אַראַביש: דעם ספר פונ'ם פאָטער פון דער אידישער רעליגיאָנס-פילאָסאָפיע ר' סעדיה גאון — „ספר האמונות והדעות", אבן-גבירול'ס עטיק („תקון מדות הנפש"), רבינו בחיי'ס „חובת הלבבות", ר' יהודה הלוי'ס „כוזרי", אבן-גנאַח'ס גראַמאַטיק און עטליכע אַנדערע פון די אידישע דיינקער פון שפּאַניען.

בעמערקענסווערט איז די „צוואה", וואָס ער האָט אָנגעשריבען פאַר זיין זוהן ר' שמואל. ר' יהודה גיט אַן עצה זיין זוהן צו שטודירען צוגלייך מיט דער אידישער רעליגיעזער ליטעראַטור אויך וועלטליכע וויסענשאַפטען, בעזונ-דערס מעדיצין, און לייענען פילאָסאָפישע ווערק, וואָס זיינען אָנגעשריבען אין אַראַביש. אין דער הקדמה צו דער איבערזעצונג פון „חובת הלבבות" וויזט ר' יהודה אויף דער שוויריגקייט צו איבערזעצען פילאָסאָפישע ספרים און רעקאָ-מענדירט אַזאַ מין אופן: איבערזעצען דעם אָריגינאַל לכתחילה אות באות, און דערנאָך איבערקוקען די איבערזעצונג און פעררירכטען דעם סטיל אַזוי, ווי דאָס וואָלט געווען דעם איבערזעצערס אייגענער חיבור.

רבי שמואל אבן-תבון (1150 — 1230) האָט אַריבערגעשטייגט זיין פאָטער בנוגע צו דער פיעלזייטיגקייט פון זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט. ער איז געווען אַ מעדיקער לויט זיין פּראָפעסיע און האָט געוואוינט אין לונעל, בע-זיער, אַרל, האָט גערייזט איבער שפּאַניען און אַפילו עגיפּטען, און צום סוף פון זיין לעבען האָט ער זיך בעזעצט אין מאַרסעל. ר' שמואל אבן-תבון איז געווען אַ בעגייסטערטער אָנהייגער פונ'ם רמב"ם, מיט וועמען ער איז געשטאַ-נען אין קאָרעספּאָנדענץ. ער האָט איבערזעצט פון אַראַביש אויף העברייאיש דעם רמב"מ'ס גרויסע פילאָסאָפישע ווערק „מורה נבוכים", אַ טייל פון זיין פירוש אויף משניות און עטליכע פון זיינע קליינע ווערק. די דאָזיגע איבערזעצונגס-אַרבייטען, וואָס האָבען געשפּיעלט אַ גרויסע ראָל אין דער געשיכטע פון דער אידישער בילדונג, האָבען פערשטעלט ר' שמואל'ס אָריגינעלע שאַפונג אינ'ם געביט פון עקזעגעטיק און פילאָסאָפיע.

דורך זייערע איברזעצונגען פון אַראַביש האָבען די אבן-תבונ'ס געשאַפען אַן אייגענאַרטיגען פילאָסאָפישען סטיל, מיט אַ גאַנץ רייכערט טערמינאָלאָגיע, וואָס

איז אָנגענומען געוואָרען אין דער העברייאישער ליטעראַטור און האָט אין משך פון עטליכע יאָהרהונדערטען געדיענט פאַר אַבעקוועמען געצייג, בכדי אויסצו־דריקען די קאָמפליצירטסטע פילאָסאָפישע השגות. נאָר דער הויפט-פערדיענסט פון די אבן-תבונ׳ס איז בעשטאַנען דערין, וואָס אַדאַנק זייערע ווערק זיינען די קלאַסישע ווערק פון די געלערנטע און פילאָסאָפען פון שפאַניען פערשפרייט געוואָרען אין אַלע לענדער און זיינען געוואָרען דאָס אייגענס פונ׳ם גאַנצען אידישען פאָלק.

זעקסטער קאפיטעל.

רבינו משה בן מימון.

דער רמב"ם אין שפאניען און אפריקע. — דער פירוש אויף משנה. — די מחלוקה אין תימן (יעמען). — די „משנה תורה". — „מורה נבוכים". — דעם רמב"מ'ס לעצטע יאהרען.

דער רמב"ם אין שפאַניען און אין אַפריקע.

§ 108. דער XII יאָהרהונדערט, איינער פון די פראָדוקטיווסטע אין דער גייסטיגער געשיכטע פון אידישען פאָלק, האָט אַרויסגערוקט אין זיין צווייטער העלפט אַ ריז פון גייסט—ר' משה בן מימון. דער דאָזיגער פיעל-אומפאַסענ־דער גייסט ערשיינט אַזוי ווי דער פערקערפערטער העכסטער סינטעז פון אַלצדינג, וואָס עס האָט געשאַפען דער אידישער געדאַנק פון דער „רענעסאַנס-עפּאָכע" אין דער אַראַבישער שפאַניען. איבעריגענס, קאָנען דעם רמב"מ'ס לעבען און טעטיגקייט ניט אַריינגעשטעלט ווערען אין די גרעניצען פון אַ בעשטימטער טע־ריטאָריע און פון אַ בעשטימטער גייסטיגער דיסציפלין, דער רמב"ם שטייהט אין מיטען צווישען מערב און מזרח, צווישען דער פילאָסאָפישער און תלמודישער יהדות, און נעמט אַרום אַלצדינג און הויבט אויף די שאַפונג אויף דער העכסטער מדרגה פון יענער עפּאָכע און בעלייכט, ווי אַ זון, דעם גאַנצען האָריזאָנט פון אידישען געדאַנק.

רבינו משה בן-מימון (פערקירצט רמב"ם אָדער מימוני) איז גע־באָרען געוואָרען ערב פסח פון יאָהר 1135 אין קאָרדאָוואַ, וואו זיין פאָטער איז געווען אַ רב אָדער אַ דיין. ר' מימון גופא האָט בעקומען זיין תלמודישע אויסבילדונג אין דער בעריהמטער ישיבה פון אלפסי אין לוצענאַ (§ 88) און האָט פערשטאַנען איינצופליסען דעם זוהן אַ ליעבשאַפט צום סיסטעמאַטישען שטודיום פון תלמוד, וואָס איז ווייט פון דער איינגער סכאָלאַסטישער שיטה פון די פראַנצויזישע בעלי-התוספות.

ר' משה'ס קינדהייט איז אַריבער אין יענער ליכטיגער צייט, בשעת די אידישע בילדונג אין שפאַניען האָט דערגרייכט צו איהר העכסטער מדרגה, בשעת אין קאָרדאָוואַ, סעווילאַ און גרענאַדאַ האָט געקאָכט דאָס גייסטיגע

לעבען, און בראש פון דעם אַרמיי פילאָסאָפען און פּאָעטען זיינען געשטאַנען אַזעלכע פיהרער, ווי ר׳ משה אבן-עזרא, ר׳ יהודה הלוי און ר׳ אברהם אבן-עזרא. אין יענע רוהיגע קינדערשע יאָהרען האָט דער בעגאַבטער ר׳ משה געלערנט מיט התמדה סיי תלמוד און סיי לימודים פון אַלגעמיינער בילדונג, וואָס צוליעב שטודירען זיי האָט מען בעדאַרפט קענען די אַראַבישע ליטעראַטור.

ווי נאָר ר׳ משה איז אַלט געוואָרען 13 יאָהר, איז איבער קאָרדאָוואַ אויסגעבראָכען אַן אומגליק: די שטאָדט האָבען איינגענומען די אַלמאָהאַדען די פאַנאַטיקער, און די אומגליקליכע אידישע איינוואוינער האָבען געמוזט אויסקלייבען איינס פון די ביידע: אָדער ווערען פערטריבען אָדער אָננעמען דעם איסלאַם (1148). ר׳ מימונ׳ס משפחה איז אַריינגעפאַלען אין אַן אומגליקליכער לאַגע: זי האָט געמוזט פערלאָזען די שטאָדט, אַרומוואָגלען איבער דער וועלט און ליידען דחקות און נויט.

בשעת די דאָזיגע וואָגלונגען איבער פערשיידענע שטעדט פון דער מוסעלמאַנישער און קריסטליכער שפּאַניען האָט דער יונגער ר׳ משה ניט אויפגעהערט צו אַרבייטען מיט התמדה איבער זיין גייסטיגער ענטוויקלונג. ער האָט ווייטער שטודירט די ווערק פון די בעסטע אַראַבישע פילאָסאָפען און האָט זיך אָנגעאייגענט אַ סך ידיעות איבער אַסטראָנאָמיע, מאַטעמאַטיק און נאַטור-וויסענשאַפטען. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער נאַטור-וויסענשאַפט האָט ער נאָך זינט זיינע יונגע יאָהרען אָנגעהויבען צו שטודירען מעדיצין, וואָס איז געוואָרען זיין פּראָפעסיע. ער האָט געאַרבייט אונטער דער פיהרונג פון אַראַבישע געלערנטע און דאָקטוירים, וואָס ער האָט זיך בעגעגענט מיט זיי אין פערשיידענע ערטער. לויט די אַראַבישע מקורים האָט ער אויסשטודירט בעזונדערס געגוי די סיסטעם פון אַריסטאָטעלעס און איז געבליבען זיין געטרייער אָנהיינגער אין משך פון זיין גאַנצען לעבען.

נאָר צו גלייכער צייט האָבען די צרות, וואָס דער יונגלינג האָט אַריבערגעטראָגען אין נאָמען פון דער אמונה, געשטופּט זיין געדאַנק אויף אַן אַנדער געביט און האָבען איהם בעוואויגען צו אַרבייטען פאַר דער בעפעסטיגונג און בענייאונג פון יענעם בנין פון דער יהדות, וואָס קעגען איהם זיינען פון אומעטום געווען געווענדט פיינדליכע, צעשטערענדע קרעפטען. ר׳ משה מימוני האָט קודם כל געוואָלט אַריינטראָגען ליכט אינ׳ם געביט פון דער תלמודישער יהדות. צוליעב דעם צוועק האָט ער אונטערנומען נאָך אין יאָהר 1158, אין דער צייט פון זיינע וואָגלונגען, אַ גרויסען פירוש אויף משניות, וועלכען ער האָט פערענדיגט אין צעהן יאָהר אַרום.

אין יאָהר 1159 אָדער 1160 האָט ר׳ משה אינאיינעם מיט׳ן פאָטער און מיט׳ן גאַנצען הויזגעזינד זיך אַריבערגעקליבען קיין צפון-אַפריקע. די משפחה האָט זיך בעזעצט אין פעץ. דאָ האָט נאָך אַלץ געווילדעוועט דער פאַנאַטיזם פון די אַלמאָהאַדען, וואָס האָט געצוואונגען אַ סך אידען צו האַלטען לפנים דעם

איסלאַם. ר׳ מימונ׳ס משפחה איז אויך אויסגעקומען אין משך פון עטליכע יאָהר צו בעהאַלטען איהר אידישקייט, בכדי אויסצומיידען געוואַלדטאַטען און אַפּילו דעם טויט. די דאָזיגע ביטערע נויטוועגדיגקייט צו בעהאַלטען די רע־ליגיעזע איבערצייגונגען האָט שטאַרק געדריקט רבי משה׳ס נשמה, און ער האָט דעריבער געקאָנט פערשטייהן יענע געפיהלען פון חרטה, וואָס האָבען געפּייניגט זיינע ברידער, די אומגליקליכע אנוסים, וואָס האָבען געמוזט זיך פערשטעלען אין עפענטליכען לעבען פאַר מוסעלמאַנער.

אין יענער צייט האָט אַ געלערנטער קנאי צווישען די רבנים זיך געווענדט צו די קהילות פון צפון־אַפריקע מיט אַ בריעף, אין וועלכען ער האָט ערקלערט, אַז איטליכער איד, וואָס אָנערקענט אַפּילו בלויז לפנים די הויפּט־דאָגמע פונ׳ם איסלאַם, מוז זיך רעכענען על־פּי־דין, ווי אַ משומד, אַפילו אין דעם פאַל, אויב ער היט אָב בעהאַלטענערהייד אַלע צערעמאָניעס פון דער אידישער רעליגיע. דער דאָזיגער בריעף האָט געמאַכט זייהר אַ שלעכטען רושם אויף די אידישע געצוואונגענע מוסעלמאַנער. ר׳ משה בן מימון האָט מורא געקראָגען, אַז טאָמער וועט מען די אנוסים אויסשליסען פון די אידישע קהילות, וועלען זיי פון פער־שטעלטע מוסעלמאַנער ווערען אמת׳ע. בכן איז ער באַלד אַרויסגעטראָטען מיט אַן ענטפער־בריף („אגרת השמד״), וואו ער האָט שאַרף געטאַדעלט דעם אומ־פערשטאַנדיגען קנאי, וואָס האָט געוואָלט אַרויסשטויסען פון אידישען פאָלק מענשען, וואָס זיינען מיט׳ן גאַנצען האַרצען איבערגעגעבען זייער פאָלק און זייער רעליגיע און וואָס זיינען בלויז צייטווייליג, מחמת שרעק פאַר׳ן טויט, גע־צוואונגען אָנצונעמען פון אויסווייניג די דאָגמע פון אַ פרעמדער רעליגיע. „מחמת דעם דאָזיגען פערשטעלטען שמד — שרייבט דער רמב״ם — בעדאַרף מען זיך נאָך ניט אָבזאָגען פון צו האַלטען די הויפּט־געבאָטען פון אונזער רעליגיע; אונז צווינגט מען ניט צו האַלטען די צערעמאָניעס (פונ׳ם איסלאַם), נאָר בלויז צו זאָגען אַ וואָרט (וועגען גלויבען אין מחמד׳ס נבואה), — נאָר די וואָס צווינגען אונז, ווייסען דאָך, אַז מיר גלויבען ניט אינ׳ם דאָזיגען וואָרט און אַז מיר זאָגען עס בלויז צוליעב דעם, בכדי בעפרייט צו ווערען פונ׳ם סולטאַנס כעס״. ווייטער בעווייזט דער רמב״ם, אַז מקריב זיין דאָס לעבען פאַר די רעליגיעזע איבערצייגונגען איז נאָר איין מצוה פון דער יהדות, און אַ איד, וואָס האָט ניט קיין מוט אָבצוהיטען די דאָזיגע מצוה און טוט אָן די מאַסקע פון אַ פרעמדער אמונה, נאָר אין דערזעלביגער צייט זאָגט ער זיך ניט אָב אין האַרצען פון זיין אייגענער אמונה — אַזאַ איד קאָן נאָך ניט אָנגערופען ווערען משומד. שמד דאָס איז אַן אינעווייניגסטע בגידה קעגען די איבערצייגונגען, און ניט קיין אויסווייניגסטע און געמאַכטע, וואָס איז אַרויסגערופען געוואָרען דורכ׳ן שרעק פאַר׳ן טויט. דער רמב״ם טרייסט זיינע אומגליקליכע ברידער, וואָס זיינען געקומען צו אַ שרעקליכען מצב; ער גיט זיי אַן עצה צו בלייבען געטריי זייער אמונה און צו וואַרטען אויף בעסערע צייטען, ווען די גלויבענס־פרייהייט וועט גובר זיין דעם ווילדען פאַנאַטיזם, אָדער אויב די סכנה איז גרויס, זאָלען זיי זיך אַרי־בערקלייבען אין אַנדערע לענדער.

אין גיכען איז פאר׳ן רמב״ם גופא אויפגעשטאנען א סכנה מצד די מו־סעלמאנישע פאנאטיקער. איהם איז אויסגעקומען בעהאלטענערהייד צו אנטלויפען מיט זיינע קרובים פון פעץ און אריבערצופאהרען אויף א שיף קיין ארץ־ישראל (אין פריהיאהר 1165). בשעת׳ן פאהרען איבער׳ן מיטעללענדישען ים האט זיך אויפגעהויבען אזא שטארקער שטורעם, אז די שיף איז שיער ביט אונ־טערגעגאנגען. א סך אויפרעגונגען האט איבערגעלעבט די אומגליקליכע פאמיליע, א סך טרערען זיינען פערגאסען געווארען אין הייסע תפילות צו גאט וועגען רעטונג. צולעצט, נאך א חודש פאהרען, איז די שיף אנגעקומען אין האפען פון דער שטאדט עכו. דא האבען די רייזענדער פערבראכט עטליכע חדשים און דערנאך זיינען זיי אוועק קיין ירושלים, בכדי מתפלל צו זיין אויף יענעם ארט, וואו עס איז אמאל געשטאנען דער בית־המקדש. פון דארט זיינען זיי אוועק־געפאהרען קיין חברון, און דא האט ר׳ משה א גאנצען טאג מתפלל געווען אין דער מערת המכפלה, וואו עס געפינען זיך, לויט דער ביבלישער טראדיציע, די קברים פון די אבות.

דערנאך האט די פערוואגעלטע פאמיליע זיך אריבערגעקליבען קיין מצרים. זי האט זיך בעזעצט לכתחילה אין אלכסנדריא, און שפעטער — אין דער אלטער קאירא (פוסטאט). באלד נאכ׳ן אנקומען קיין מצרים, איז געשטארבען ר׳ משה׳ס אלטער פאטער, ר׳ מימון (1166).

דער פירוש אויף משניות; די מהומה אין יעמען.

§ 109. נאכדעם ווי ער האט זיך בעזעצט אין מצרים, האט ר׳ משה בן מימון די ערשטע צייט געוואוינט אינאיינעם מיט זיין אינגערן ברודער דוד. זיי האבען געפיהרט א מסחר מיט יובעליר־פראדוקטען, וואס האט פערזארגט די פאמיליע מיט חיונה בכבוד. אין דער צייט וואס דער אינגערער ברודער האט זיך פערנומען מיט די געשעפטען און איז געפאהרען מיט סחורות אין ווייטע מדינות, האט ר׳ משה זיך פערנומען מיט וויסענשאפטליכע ארבייטען.

נאר אין גיכען האט מיט איהם געטראפען א שווערער נסיון. זיין גע־ליעבטער ברודער דוד איז אומגעקומען אונטערוועגס קיין אינדיען, ביי א שיף־אונטערגאנג, און האט אנגעווארען דעם גאנצען פערמעגען. ר׳ משה איז פאר הארצווייהטאג קראנק געווארען. אז ער איז געזונט געווארען, האט ער נאך מיט א גרעסערער התמדה זיך ווייטער גענומען פאר זיין איבערגעריסענער טע־טיגקייט. בכדי צו שאפען מיטלען אויף חיונה פאר זיך און פאר זיינע קרובים, האט ער זיך פערנומען מיט דאקטארשער פראקטיק; נאר זיין גאנצע פרייע צייט האט ער אבגעגעבען פאר וויסענשאפטליכע ארבייטען.

אין יאהר 1168 האט ער פערענדיגט זיין גרויס ווערק, וואס ער האט אנגעהויבען נאך אין דער יוגענד — דעם **פירוש אויף משניות** (ער איז אנגעשריבען אויף אראביש, אונטערן נאמען „סיראדזש״, ד. ה. ליכט, און איז שפעטער איבערזעצט געווארען אויף העברייאיש דורך פערשיידענע געלערנטע). אינ׳ם דאזיגען מערקווירדיגען פירוש האט דער מחבר זיך געשטעלט א דרייסטע אויפ־

גאַבע — אַריינגעטראָגען אָרדענונג און סיסטעם אין דער גרופּירונג פון דער משנה, וואָס איז זייער פּערטונקעלט געוואָרען דורך די סותר׳דיגע אויסטייטשונ-גען, וואָס זיינען צונויפגעקליבען אין דער גמרא. דער רמב״ם האָט, לויט ווי ער זאָגט, געשטרעבט צו פיער צוועקען: א) צו געבען די תלמידים די מעג-ליכקייט צו לערנען און פערשטייהן די משנה אָהן דעם פּלפּול פון דער גמרא און ב) צו וויסען איטליכען פּסק, ד. ה. פּראַקטישען אויספיהר, וואָס איז גע-דרונגען פון איטליכער משנה; דערנאָך ג) פערפעסטיגען אין זכרון די גרונד-הנחות פון דער משנה און ד) שאַפען אַמין מבוא צו דער תלמודישער וויסענ-שאַפט. דעם רמב״מ׳ס פּירוש האָט, לויט דעם מחבר׳ס כוונה, בעדאַרפט דיענען אַלס קאָרעקטיוו צום אַנאַליטישען פּירוש פון די אמוראים, וואָס האָבען דער-פיהרט דעם אַנאַליז ביז צו די קלענסטע פּרטים, ביז די אויסערסטע גרעניצען פון דער קאַזואיסטיק. דאָס איז געווען אַ שטרעבונג, צו מאַכען פּשוט און קלאָר, פונקט דער היפּוך פון דער שטרעבונג פון די פּראַגצויזישע בעלי-התוספות, וואָס האָבען געוואָלט מאַכען דעם תלמודישען מאַטעריאַל קאָמפּליצירטער, אויפבויען אַ נייע גמרא אויפ׳ן יסוד פון דער אַלטער.

אין אָנהויב פון רמב״מ׳ס פּירוש גייהט אַ גרויסע אַלגעמיינע הקדמה, און פּאַר די האַרבסטע טיילען פון איהם זיינען אַוועקגעשטעלט מבואים, וואו עס ווערען דערקלערט די פּרינציפּען פון דער תלמודישער געזעצגעבונג, איהר צו-זאַמענהאַנג מיט דער תורה שבכתב, און אויך די בעדייטונג פון אַזעלכע יסודות פון גלויבען, ווי אַנטפּלעקונג, נבואה און טראַדיציע. צווישען אַנדערע זאַכען, שטעלט ער פעסט אַ וויכטיגען פּרינציפּ, אַז ניט אַלצדינג אין דער „תורה שבעל פּה" קאָן מען רעכענען פּאַר אַן אַלטער טראַדיציע, וואָס קומט פון משה רבינו; פּאַר אַזעלכע קאָן מען רעכענען נאָר יענע גרונד-הנחות און טעזיסען פון דער משנה, וואו עס זיינען קיין פּלוגתּות ניטאָ.

מיט אַ בעזונדער פּאָרליעבע שטעלט זיך אָב דער רמב״ם אויף יענע עטליכע פּרקים פון דער משנה, וואו ס׳ווערט איבערגעגעבען די דאָגמאַטיק און די עטיק פון דער יהדות. אינ׳ם פּירוש צום לעצטען פּרק פון מסכת „סנהדרין", וואו עס ווערט גערעדט וועגען עולם-הבא און וועגען שכר ועונש, ענטוויקעלט דער רמב״ם זיין טעאָריע וועגען דער אומשטערבליכקייט פון דער נשמה. ער איז מתרה, מען זאָל זיך ניט מאַכען קיין גראָבע ערדישע פּאָרשטעלונגען וועגען לעבען אויף יענער וועלט, וואָס האָט אין דער אמת׳ען אַ ריין רוחניותדיגען כאַראַקטער און בעשטייהט אין דער העכסטער השתלמות פונ׳ם מענשענס גייסטיגען עצם.

דאָרט גופא האָט דער רמב״ם אַריינגעשטעלט זיינע בעריהמטע „אני-מאמינס", וואָס בעשטייהען פון דרייצעהן עיקרים און וואָס איטליכער פרומער איד זאָגט זיי אַלע טאָג נאָכ׳ן שחרית׳דיגען דאַווענען. די דאָזיגע דרייצעהן דאָגמעס (י״ג עיקרים) זיינען: א) די עקסיסטענץ פון גאָט, אַלס דעם וועלט-בעשעפער, ב) זיין אַבסאָלוטע איינציגקייט, ג) ער איז ניט קיין גוף און קאָן זיך ניט אומבייטען, ד) ער איז אייביג און ניט אָבהייגיג פון דער צייט, ה) דער חוב צו דיענען

בלויז גאָט, ו) די ריכטיגקייט פון דער ביבלישער נבואה און ז) בעזונדערס פון דער אנטפּלעקונג, וואָס איז געגעבן געוואָרען דורך משה רבינו, ח) דער גלויבען אַז די תורה איז אמת און ט) אַז זי קאָן ניט אומגעביטען ווערען, י) דער גלויבען, אַז גאָט איז אַ יודע הכל און י״א) אַז ער בעצאָהלט אַלעמען לויט זייערע מעשים, יב) דער גלויבען, אַז משיח וועט קומען און יג) דער גלויבען אין תחית המתים.

אין זיין הקדמה צו דער עטישער מסכת פון דער משנה „פּרקי אבות" בעקענט אונז דער רמב״ם אין אַכט קאַפּיטלעך („שמונה פּרקים") מיט זיין בעמערקענסווערטער טעאָריע וועגען דער נשמה און וועגען מאָראַל. ער בעשרייבט די תכונות פון דער נשמה, איהרע גוטע און שלעכטע נטיות, די „קראַנקהייטען פון דער נשמה" און די אופנים, ווי אַזוי זיי אויסצוהיילען, און ער דערקלערט טיעפזיניג די פערהעלטעניש צווישען דעם מענשענס פרייען ווילען און צווישען דעם איבערשטענס אלוויסענהייט און השגחה (ידיעה ובחירה).

דער רמב״ם האָט שטענדיג געהיט די רייןקייט פון גלויבען און האָט געהאַלטען פאַר זיין חוב צו קעמפען קעגען אַלע מיסטישע טעאָריעס, און בעזונדערס קעגען די בעוועגונגען פון די פאַלשע משיחים, וואָס דייגען ניט איין מאָל אין משך פונ׳ם לאַנגען גלות אַריינגעדרונגען אין פאָלק, און האָבען שטענדיג געדיענט פאַר אַ סימן דערפון, אַז די געדולד האָט זיך אויסגעלאָזט. אין יענער צייט האָבען זיך בעוויזען אין יעמען (תימן), אין דרום-אַראַביען, פּאָליטישע אַגיטאַטאָרען, וואָס זיי האָט זיך ווידער איינגעגעבען צו דערוועקען דעם רעליגיעזען פאַנאַטיזם פון די מוסעלמאַנער און צו ווענדען איהם קעגען די אידען. האָט מען אָנגעהויבען די לעצטע צו צווינגען, זיי זאָלען אָננעמען דעם איסלאַם. אַ סך אידען פון יעמען איז אויסגעקומען צו אָנערקענען לפנים די הויפּט-דאָגמע פונ׳ם איסלאַם, אַזוי ווי דאָס איז געווען אונטער די אַלמאָהאַדען אין אַפריקע (1172).

פאַר די אומגעבילדעטע אַראַבישע אידען איז אָבער דער דאָזיגער פערשטעלטער שמד ניט געווען אַזוי אומגעפעהרליך, ווי פאַר זייערע געבילדעטע אַפריקאַנישע פאָלקסברידער. איינער פון די אידישע משומדים האָט טאַקע מיט אַן אמת אָנגעהויבען גלויבען, אַז מחמד׳ס תורה איז אמת און האָט אָנגעהויבען דרש׳ען אין די אידישע קהילות, אַז די תורה און דער תלמוד מוזען בטל ווערען, ווי נאָר עס האָט זיך בעוויזען דער איסלאַם.

אום נאָך צו פערגרעסערן דעם אומגליק, האָט זיך בעוויזען אין יעמען עפּיס אַ מענש, וואָס האָט זיך אַרויסגעגעבען פאַר אַ נביא, וואָס בעדאַרף זאָגען נביאות וועגען משיח׳ן, וואָס וועט קומען נאָך איהם. דער דאָזיגער נביא האָט אויפגערעגט די גייסטער פון די אידען מיט זיינע פאַנטאַסטישע נביאות. ס׳איז מעגליך, אַז די דאָזיגע אַגיטאַציע איז געשטאַנען אין פערבינדונג מיט דער בעוועגונג פונ׳ם פאַלשען משיח דוד אלראי, וואָס איז געווען מיט צעהן יאָהר צוריק און וואָס האָט איבערגעלאָזט אַ טיעפען רושם אין די מזרח-לענדער (§ 82).

דאָס אַלץ האָט זייער בעאומרוהיגט די געלאַסענערע אידען פון יעמען, און איינער פון זיי, דער געלערנטער ר' יעקב אלפאַיומי, האָט זיך געווענדט צום רמב"ם נאָך אַן עצה און נאָך הילף.

האָט דער רמב"ם געענטפערט מיט אַ בריעף צו די אידישע קהילות אין יעמען (אגרת תימן), וואו ער טרייסט און מונטערט אויף זיינע גערודפ'טע ברידער און בעווייזט, אַז אויפ'ן חלק פון אידישען פאָלק איז שטענדיג אויסגעפאַלען דער קאַמף פאַר'ן גלויבען, אָנגעהויבען פונ'ם מעמד הר סיני אָן. איינינע האָבען געפרובט צו פערטיליגען דאָס אידישע פאָלק דורכ'ן שווערד (עמלק, נבוכדנצר, הדרינוס), אַנדערע — דורך פאַלשע תורות, וואָס זיינען כלומר'שט געגרינדעט אויפ'ן תנ"ך (מחמד וכדומה), און פונדעסטוועגען איז דאָס אידישע פאָלק גאַנץ געבליבען און עקסיסטירט נאָך עד היום. די נביאים האָבען דאָס שוין לאַנג פאָראויסגעזעהן, נאָר זיי האָבען אויך פאָראויסגעזאָגט, אַז די אידישקייט וועט אַרויסגייהן מיט אַ נצחון פון אַלע נסיונות. דער רמב"ם גיט אַן עצה די תימנים, זיי זאָלען ניט גלויבען אין די משיחישע פאַנטאַזיעס, וואָס עס פערשפּרייטען לייכטגלויביגע אָדער אונעהרליכע מענשען, וואָרום אַזעלכעביישפּיעלען פון פאַלשע משיחים זיינען שוין געווען אַ סך אין דער אידישער געשיכטע, און אַלע האָבען זיי געבראַכט בלויז צו ענטוישונג און צו נאָך אַ גרעסערן יאוש פון פאָלק. מען טאָר ניט זוכען צו טרעפען, ווען וועט קומען משיח, און אויסרעכענען דעם קץ, ווי עס ווילט זיך עמיצען, נאָר מען מוז מיט געדולד וואַרטען אויף דער אויסלייזונג פון דער צעזייהטער אומה, אַזוי ווי גאָט האָט צוגעזאָגט.

דעם רמב"מ'ס בריעף האָט אויסגעניכטערט און אויפגעמינטערט די אידען פון יעמען. ער איז פערשפּרייט געוואָרען אין אַלע אידישע קהילות בעהאַלטענערהייד, וואָרום אויב מען וואָלט אַזאַ דאָקומענט געהאַט פערעפענטליכט, וואָלט דער מחבר פונ'ם בריעף געהאַט אויסצושטייהן רדיפות מצד די עגיפּטישע מוסעלמאַנער.

דעם פאַלשען משיח פון יעמען האָט געלאָזט כאַפּען דער אַראַבישער סולטאַן. אויף דער אויספאָרשונג האָט ער זיך אַרויסגערופען צו בעווייזען, אַז ער איז דער אמת'ער משיח, דורך פאָלגענדען מופת: „זאָל מען מיר, האָט ער געזאָגט, אַראָבהאַקען די קאָפּ, — און איך וועל אומגעזאַמט אויפלעבען". האָט מען איהם טאַקע אַראָבגעהאַקט די קאָפּ — נאָר פערשטייהט זיך, אַז אויפגעשטאַנען איז ער ניט.

די תימנ'ער אידען פלעגען מיט גרויס יראת הכבוד דערמאָנען דעם נאָמען פון ר' משה בן מימון, וואָס האָט זיי מתרה געווען פאַר די געפעהרליכע פאַנטאַזיעס און האָבען אַריינגעשטעלט זיין נאָמען אין „קדיש".

דער געזעץ-בוך „משנה תורה".

§ 110. אין די 1170-ער יאָהרען, בשעת אין מצרים האָט זיך געהאַט איינגעפעסטיגט סאַלאַדינ'ס ממשלה, האָט דער רמב"ם שוין פערנומען אַן אָנגעזעהענעם געזעלשאַפטליכען מעמד. ער איז אָפיציעל אָנערקענט געוואָרען פאַר'ן רב פון דער אַלטער קאַאירא (פוסטאַט) און איז געשטאַנען בראש פון בית-דין אָדער פון אַ גייסטליכער קאָלעגיע פון ניין מיטגלידער. צו גלייכער צייט האָט ער זיך אויך פערנומען מיט דאָקטאָרשער פראַקטיק. די דאָזיגע פראָפעסיע האָט איהם דערנעהענטערט צו די הויפישע ספערען. ער איז געווען אַ דאָקטאָר ביי עטליכע מיטגלידער פון סאַלאַדינס משפחה און ביי זיין וויזיר. אַדאַנק די דאָזיגע פערבינדונגען און אַדאַנק דעם רמב"מ'ס אומגעהייער גרויסען גייסטליכען אַווטאָריטעט, האָט מען איהם אָפיציעל געגעבען דעם טיטעל „ראַיס ול-אומאַ, ד. ה. דער „ראש פון דער אומה", וואָס איז געווען דאָס אייגענע, וואָס דער טיטעל „ריש-גלותא" אין אַזיען און דער טיטעל „נגיד" אין שפּאַניען. דער רמב"ם האָט אָבגעגעבען אַ סך מיה אויף איינצואָרדענען די אַווטאָנאָמיע פון די קהילות אין גאַנץ עגיפטען און אַפילו אויסערהאַלב און האָט געענטפערט אויף אַ סך שאלות איבער רעליגיעזע און געזעלשאַפטליכע ענינים, וואָס פלעגען אָנקומען פון פערשיידענע קהילות און רבנים.

אין דערזעלביגער צייט האָט דער רמב"ם געאַרבייט אויף דער פערווירקליכונג פון אַ נייעם גראַנדיעזען פּלאַן, וואָס זיין פריהערדיגער פירוש אויף משניות האָט מעהר ניט געדיענט ווי אַ צוגרייטונגס-אַרבייט דערצו: ער האָט פערקלערט צונויפצושטעלען אַ פולע און סיסטעמאַטישע זאַמלונג פון אַלע אידישע דינים, דאָגמעס און צערעמאָניעס. דער תלמוד, אַלס פּראָדוקט פון אַ טויזענדייעהריגער געזעצגעבערישער אַרבייט, איז געווען אַן אונענדליכער לאַבירינט, וואו עס האָבען זיך רעכט פונאַנדערגרקליבען בלויז דרייסטע טעאָרעטישע פאָרשער אָדער ליעבהאָבער פון הארבע שכל'דיגע המצאות, אָבער ניט פּאָזיטיווע אינטעלעקטען, וואָס האָבען געזוכט אין איהם בעשטימטע געזעצגעבערישע אויספיהרונגען פאַר דער לעבענס-פּראַקטיק. בכן האָט דער רמב"ם זיך געשטעלט פאַר אַ ציעל צו פערוואַנדלען דעם דאָזיגען לאַבירינט אין אַ בנין, וואָס איז רעגעלמעסיג געבויט, לויט אַ בעשטימטען, אַרכיטעקטאָרישען פּלאַן, פערוואַנדלען די אומגעאָרדענטע זאַמלונג פון סותר'דיגע מיינונגען און פלוגתות אין אַ געאָרדענטען, סיסטעמאַטישען געזעץ-בוך. ער האָט אויך געוואָלט בעפרייען די לערנערס, זיי זאָלען ניט דאַרפען פטר'ן אַזוי פיעל צייט און אינטעלעקטועלע ענערגיע, וויפיעל מען בעדאַרף האָבען אויפן שטודיום פונ'ם תלמוד און פון דער רבנישער ליטעראַטור, וואָס נאָכדעם בלייבט ניט קיין צייט פאַר וויסענשאַפטליך-פילאָסאָפישע אַרבייטען. איך וואָלט געוואָלט — שרייבט דער רמב"ם אין דער הקדמה צו זיין קאָדעקס — אַז דער דאָזיגער חיבור זאָל דיענען פאַר אַ פולקומענע זאַמלונג פון דער תורה שבעל-פה מיט אַלע תקנות, מנהגים און דינים, וואָס האָבען זיך אָנגעקליבען זינט משה רבינו ביז דער צונויפשטעלונג פון דער גמרא. איך האָב אָנגערופען דעם דאָזיגען ספר „משנה-תורה" אויף דעם סמך, אַז איטליכער

מענש, וואָס האָט אויסגעלערנט די תורה שבכתב, וועט זיין אין שטאַנד תיכף צוצוטרעטען צום שטודיום פונ׳ם דאָזיגען ספר, לויט וועלכען ער וועט בעקאַנט ווערען מיט׳ן אינהאַלט פון דער תורה שבעל-פה, אַזוי אַז צווישען די דאָזיגע ביידע ספרים וועט איהם קיין אַנדער זאַך ניט אויסקומען צו לייענען (ד. ה. פון תנ״ך קאָן מען גלייך אַריבערגייהן צום רמב״מ׳ס ספר און דורכלאָזען דעם תלמוד).

די דאָזיגע גרויסע געזעצען-זאַמלונג, וואָס דער מחבר האָט פערענדיגט אין יאָהר 1180, איז אָנגעשריבען געוואָרען ניט אויף אַראַביש, נאָר אויף העברייאיש, אין אַ שיינעם משנה-סטיל, און פערנעמט פיער גרויסע בענד אין די שפּעטערדיגע געדרוקטע אויסגאַבען. חוץ „משנה-תורה״ האָט דער דאָזיגער ספר נאָך אַ טיטעל: „יד-החזקה״ (די שטאַרקע האַנד). דער גאַנצער חיבור בעשטייהט פון 14 (דערפאַר טאַקע הייסט ער י״ד) ספרים, וואָס דער ערשטער פון זיי, וואָס הייסט „ספר המדע״ (דער בוך פונ׳ם וויסען) פערנעמט זיך מיט דער אויפקלערונג און פילאָסאָפישער בעלייכטונג פון אַלע דאָגמען פון דער יהדות. דאָס איז דער ערשטער פּרוב צו בעאַרבייטען סיסטעמאַטיש די אידישע דאָגמאַטיק. די תלמודיסטען, וואָס האָבען זיך פערנומען מעהר פון אַלץ מיט דער צערעמאָניעלער זייט פון דער רעליגיע, האָבען זיך גאָרניט אָבגעגעבען דערמיט.

דער רמב״ם שטעלט פאָר די יסודות פון דער אידישער אמונה אין אַ ראַציאָנאַליסטישער בעלייכטונג. אויסרעכענענדיג אין אָנהויב די יסודות פון גאָטס-ערקענטעניש, פאָדערט ער דורכאויס, מען זאָל אויסשליסען פונ׳ם דאָזיגען געביט אַלע גשמיות׳דיגע פאָרשטעלונגען. צו די געבאָטען פון דער עטיק געהערט לויט זיין מיינונג די זאָרג פונ׳ם מענשען פאַר זיין גייסטיגער און אַפילו פיזישער השתלמות. די רעליגיעזע דאָגמע וועגען עולם הבא פערבינדט ער מיט׳ן פילאָסאָפישען פּרינציפּ וועגען דער אומשטערבליכקייט פון דער נשמה און שטעלט פאָר דאָס לעבען אויף יענער וועלט אינ׳ם זין פון אַ ריין-גייסטליכער, אומקערפּערליכער עקסיסטענץ, און דערביי איגנאָרירט ער אַלע פערשפּרייטע פאָרשטעלונגען וועגען גן-עדן און גיהנם און וועגען קערפּערליכער תחית-המתים. פון דער דאָגמע וועגען משיח׳ס קומען האָט דער רמב״ם אַראָבגעריסען דעם מיסטישען שלייער און האָט עס פאָרגעשטעלט ווי אַן אויסערגעוועהנליכע פּאָליטישע איבערקעהרעניש, אַלס אַ מאָמענט, ווען עס וועט פערווירקליכט ווערען דער אידעאַל פון די נביאים וועגען אַלגעמיינער ברידערליכקייט פון די מענשען.

אין די ווייטערדיגע דרייצעהן ספרים לייגט דער רמב״ם אויס קלאָר און קאָנסעקווענט אַלע רעליגיעזע, בירגערליכע און פאַמיליען-געזעצען פון דער יהדות, אויפ׳ן יסוד פון דער תורה שבכתב און תורה שבעל פה. די געזעצגעבערישע טעטיגקייט פון די תנאים, אמוראים און גאונים איז דאָ פאָרגעשטעלט אין איהרע פּאָזיטיווע רעזולטאַטען אין דער געשטאַלט פון אַ לאַנגער קייט אַרטיקלען און פּאַראַגראַפען, וואָס רעגולירען אַלע ערשיינונגען פונ׳ם מענשענס לעבען.

אַלס הקדמה צו זיין געזעץ-בוך „משנה-תורה" האָט דער רמב"ם אָנגעשריבען אויף אַראַביש אַ בעזונדער טראַקטאַט וועגען די תרי"ג מצוות, וואו ער האָט זיי איינגעטיילט אין 14 אָבטיילונגען, לויט דער צאָהל טיילען אין זיין הויפט ווערק („ספר המצוות" אין דער העברייאישער איבערזעצונג). דאָ האָט ער אויספיהרליך ענטוויקעלט זיין פּרינציפּ, אַז איטליכער תלמודישער אויספיהר, וואָס ווערט בעוויזען אויף אַ לאָגישען אופן און וואָס האָט אין זיין צייט אַרויסגערופען חילוקי דעות, טאָר ניט גערעכענט ווערען פאַר אַ „מסורה שבעל-פה" אָדער פאַר אַ „חוק" (וואָרום אויב ס'וואָלט געווען אַ מסורה, וואָלט דאָך קיין פּלוגתא ניט געקאָנט זיין), נאָר מען קאָן איהם קריטיקירען, אַלס אַ רעזולטאַט פון דער שפּעטערדיגער אויסטייטשונג פון דער תורה. דער רמב"ם האָט דורכגעפיהרט אַ שייד-ליניע צווישען די ביבלישע און תלמודישע געזעצען, צווישען עיקר-זאַכען און טפל-זאַכען, אָדער — לויט זיין אייגענעם אויסדרוק — „צווישען די וואָרצלען און צווישען די צווייגען".

דעם רמב"מ'ס קאָדעקס האָט געהאַט אַן אומגעהייער גרויסע ווירקונג אויף דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון דער יהדות. ער האָט געבראַכט צוויי פערשיידענע רעזולטאַטען: פון איין זייט האָט ער מיטגעהאָלפען קלאָר צו מאַכען על-פי-שכל די יסודות פון דער אידישער אמונה און געזעצגעבונג און האָט געגעבען די מעגליכקייט איטליכען דייבקענדען אידען צו וויסען די יהדות אָהן ספּעציעלען שטודיום פון תלמוד; פון דער אַנדער זייט — האָט ער פעסטגעשטעלט אין גענויע פאָרמעלן אַ סך דינים און מנהגים פון צווייטער מדרגה, וואָס זייגען אַרויסגעזאָגט אין תלמוד בלויז אין דער פאָרם פון מיינונגען אָדער ווייטע אויספיהרונגען פון די אותיות אָדער פון'ם אינעווייניגסטען זין פון'ם ביבלישען טעקסט. דער רמב"ם איז דאָ אַריינגעפאַלען אין אַ סתירה צו זיך אַליין, מחמת דער צווייזייטיגקייט פון זיין ציעל: געבען סיי אַ פּראַקטישען געזעץ-בוך און סיי אַ טעאָרעטישען קיצור פון'ם תלמוד. דורך זיין בעאַרבייטען דעם תלמוד האָט ער געראַטעוועט פון אונטערגאַנג אַ סך זיינע יסודות, אַ סך „צווייגען", וואָס זיינען זייהר שוואַך געווען אָנגעהעפט צום שטאַם פון דער יהדות, צו איהרע „וואָרצלען".

איבעריגענס, האָבען קאָנסערוואַטיווע רבנים, ווי עס איז צו זעהן פון די שפּעטערדיגע קאָדעקסען, געשטרעבט נאָך מעהר צו פערגרעסערן די צאָהל פון די „צווייגען" אָדער גדרים וסייגים, און אין רמב"מ'ס ווערק האָבען זיי איינגעזעהן אַ טענדענץ צו „פערקירצען די תורה".

די פערעפענטליכונג פון רמב"מ'ס קאָדעקס האָט געמאַכט, ווי מען האָט דיך איך בעדאַרפט ריכטען — ניט קיין גלייכען איינדרוק אין די פערשיידענע קרייזען פון דער געזעלשאַפט. אייניגע האָבען איהם בעטראַכט אַלס אַ נייעם, פערבעסערטען תלמוד, וואָס איטליכער רב בעדאַרף זיך פיהרען לויט איהם; אַנדערע ווידער האָבען איינגעזעהן דערין אַזאַ נייעם תלמוד, וואָס איז מסוגל צו בעזייטיגען אָדער לכל הפחות קלענער מאַכען דעם אַלטען תלמוד-בבלי. מען האָט פאָרגעוואָרפען דעם מחבר, אַז ער האָט בדעה איינצופיהרען, מען זאָל

ווינציגער לערנען תלמוד אין די שולען, אַז ער איז אַ פריידיינקער, וואָס עס איז צו זעהן פונ'ם ערשטען דאָגמאַטישען טייל פונ'ם ספר, און צולעצט, אַז ער האָט אָהן אַ שום יסוד געגומען אויף זיך צו בעשליסען אַזעלכע פראַגען, וואָס אין דער רבנישער ליטעראַטור האָט נאָך געהערשט אַ מחלוקת וועגען זיי.

די דאָזיגע פאָרוואורפען האָבען זיך געלאָזט הערען דער עיקר פונ'ם לאָגער פון די אָנהייגער פונ'ם אַלטערטום, וואָס בראש פון זיי איז געשטאַנען אין מזרח דער באַגדאַדער ראש-ישיבה ר' שמואל בן עלי, וואָס האָט געטראָגען דעם טיטעל „גאון" (§ 82). ר' שמואל בן עלי האָט פאָרגעוואָרפען דעם רמב"ם, פאַרוואָס אין אַ סך ערטער פון דער „משנה-תורה" און אין תשובות אויף שאלות איבער פערשיידענע ענינים איז ער אָבגעטראָטען פון דין און פון דער מסורה. אין אלכסנדריא האָבען די רבנים פראָטעסטירט קעגען דעם רמב"מ'ס טענדענץ מקיל צו זיין און „מתיר צו מאַכען אסורים". די קנאים פאַר דער אמונה האָבען זיך ערלויבט צו געברויכען שאַרפע אויסדרוקען קעגען מחבר פונ'ם בייעם קאָדעקס. נאָר דער רמב"ם פלעגט בלויז זעלטען און אין אַ רוהיגען טאָן ענטפערן אויף אַלע די דאָזיגע בעשולדיגונגען און אָנפאַלען.

אַ בעזונדערס גרויסע אויפרעגונג האָט דעם רמב"מ'ס קאָדעקס אַרויסגערופען צווישען די רבנים פון פראָוואַנס. אין דער צייט וואָס אייניגע האָבען מיט בעגייסטערונג בעגריסט דעם דאָזיגען גרויסען ספר און האָבען אָנגערופען דעם מחבר „גרויסער רבי", מאור הגולה", — איז קעגען איהם אַרויסגעטראָטען מיט אַ שאַרפער קריטיק דער פאָרשטייהער פון דער קאָנסערוואַטיווער פאַרטיי, דער רב פון פאָסקיער ראב"ד (ר' אברהם בן דוד, § 107). אין זיינע „השגות" האָט ראב"ד בעשולדיגט דעם רמב"ם, אַז ער מאַכט צו דרייסטע מסקנות פונ'ם תלמודישען מאַטעריאַל, מסקנות, וואָס זיינען אָפטמאָלס אָהן אַ גענוגען יסוד, און אַז ער שטרעבט אַריינצופיהרען אין דער דאָגמאַטיק פילאָסאָפישע אָנשויאונגען; אויך האָט ראב"ד זיך אַרויסגעזאָגט, אַז ער האָט מורא, אַז איצט וועט מען אויפהערען אין די שולען צו לערנען דעם תלמוד גופא, און מען וועט איהם פערבייטען דורכ'ן רמב"מ'ס „משנה-תורה", וואָס איז גרינגער צו פערשטייהן. די פאָרם פון דער פאָלעמיק איז געווען זייהר אַ שאַרפע; דער קריטיקער געברויכט אַזעלכע אויסדרוקען, ווי „דאָס איז נאַריש, פאַלש, נאָכגעמאַכט".

דער פעדאַנטישער ראב"ד, וואָס איז געווען קעגען ראַציאָנאַליזם, האָט ניט געקאָנט אָבשאַצען ניט יענע האַרמאָניע, וואָס עס האָט אַריינגעבראַכט אינ'ם תלמודישען כאַאָס דעם רמב"מ'ס געאָרדענטע סיסטעם, און ניט יענע פילאָסאָפישע קלאָרקייט, וואָס די אידישע דאָגמאַטיק האָט בעקומען אינ'ם רמב"מ'ס סיסטעם. נאָר ער איז געווען גערעכט פון זיין שטאַנדפונקט: דעם רמב"מ'ס טעטיגקייט איז אַודאי געווען געפעהרליך פאַר יענער קליינליכער קאַזואיסטיק אין דער וויסענשאַפט און פאַר דער בלינדער פרומקייט אין דער רעליגיע, וואָס האָבען געבילדעט דעם אידעאַל פון אַ סך רבנים אין פראַנקרייך און אין אַנדערע לענדער. אַ מענש, וואָס האָט אַרויסגעזאָגט דעם זאַץ: „אויב איך וואָלט געקאָנט אַריינשטעלען דעם גאַנצען תלמוד אין איין קאַפּיטעל, וואָלט איך איהם

מיט אַריינגעשטעלט אין צווייי" (דעם רמב"ם'ס אויסדרוק) — האָט ניט געקאָנט בעפרידיגען אַזעלכע רבנים, וואָס האָבען איינגעזעהן די גאַנצע אידישקייט אין דער ברייטסטער ענטוויקלונג פונ'ם פלפול. דער קאַמף קעגען רמב"ם איז געווען אונאויסמיידליך; אָנגעהויבען איצט, האָט ער געדויערט נאָך אין משך פון א גאַנצען יאָהרהונדערט.

דער „מורה נבוכים".

§ 111. די קרוין פונ'ם רמב"ם'ס טעטיגקייט איז געווען זיין דריט קאַפּיטאַל-ווערק, וואָס ענטהאַלט אַ פולקומענע סיסטעם פון אַלגעמיינער און אידישער פילאָסאָפיע. דאָס דאָזיגע גרויסע ווערק, וואָס איז אָנגעשריבען געוואָרען אַן ערך אין יאָהר 1180 אויף אַראַביש, אונטער'ן נאָמען „דאַלאַלאַט-אַל-חייראַן", איז נאָך פאַר'ן מחבר'ס לעבען איבערזעצט געוואָרען אויף העברייאיש אונטער'ן גלייכבעדייטענדיגען טיטעל „מורה נבוכים", ד. ה. אַ פיהרער פאַר די צעטומעלטע. לויט ווי דער מחבר זאָגט, האָט ער בעשטימט זיין ווערק ניט פאַר די, וואָס „הויבען אָן דיינקען", און אויך ניט פאַר בעגרעניצטע תלמודיסטען, נאָר פאַר יענע, וואָס האָבען זיך פערטיעפט אין טעאָלאָגיע און פילאָסאָפיע און געפינען סתירות אין ביידעס און זיינען ניט פעסט אין זייערע אָנשויאונגען.

פונקט אַזוי ווי די אַראַבישע דיינקער אבן-סינא (אַוויצענאַ) און אבן-ראָשד (אוועראָעס), איז אויך דער רמב"ם געווען טיעף דורכגעדרונגען מיט די יסודות פון דער אַריסטאָטעלישער פילאָסאָפיע. ער האָט געגלויבט אין צוויי זאַכען: אין דער רעליגיעזער אַנטפּלעקונג פון דער תורה און אין דער פילאָסאָפישער אַנטפּלעקונג פון אַריסטאָטעלעס, אינ'ם אמת פון גלויבען און אין אמת פון פערשטאַנד. פונקט אַזוי ווי די אידיש-העלענישע דיינקער, האָט ער אַפילו געהאַלטען, אַז משה רבינו האָט מקבל געווען אויך די מעטאַפיזישע אַנטפּלעקונג איינאיינעם מיט דער רעליגיעזער. דעם רמב"ם'ס איניגסטער געדאַנק איז געווען צו מאַכען שלום צווישען די דאָזיגע צוויי בעשטאַנד-טיילען פון זיין וועלט אָנשויאונג און פעראייניגען זיי האַרמאָניש: געבען אַ פילאָסאָפיע דער יהדות און פעראידישען די פילאָסאָפיע.

זיין אויפגאַבע האָט ער אויסגעפיהרט: ער האָט געשאַפען אַ געניאַלע רעליגיעז-פילאָסאָפישע קאָמבינאַציע, נאָר דערביי איז ער ניט אויסגעקומען אָהן פשרות, וואָס מען קאָן זיי ניט אויסמיידען אין אַזעלכע פאַלען. דער אונטערשייד צווישען דער דאָזיגער קאָמבינירטער סיסטעם און צווישען די פריהערדיגע ענליכע סיסטעמעס פון רב סעדיה גאון און זיינע אָנהייגער איז בעשטאַנען בלויז דערין, וואָס דער רמב"ם איז מעהר נוטה געווען צו מאַכען זיין פשרה לטובת דער פילאָסאָפיע, איידער לטובת דער רעליגיע. ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם געדאַנק, אַז די רעליגיע לא די וואָס זי קאָן, נאָר זי מוז ווערען בעשטעטיגט דורך דער פילאָסאָפיע, דורך דעם שכל, בכדי זי זאָל זיין אַ געצייג

פון אַ קלאָרער גאָטס-ערקענטעניש, און ניט פון אַ בלינדער טראַדיציע, וואָס געהערט צו אינטעלעקטען פון אַ נידעריגער מדרגה.

דער תוך פון רמב״מ׳ס מעטאַפיזיק בעשטייהט דערין, אַז עס איז פאַרהאַן אַן „ערשטע סיבה״, וואָס האָט געבראַכט אין בעוועגונג די גאַנצע וועלט. גאָט איז אַ קראַפט, וואָס איז „נויטוועגדיג-עקסיסטירענד״, להבדיל פון די זאַכען, וואָס זיינען „מעגליך-עקסיסטירענד״, וואָס בייטען זיך אינ׳ם לעבענס-שטרעמונג. גאָט טאָר מען ניט צושרייבען קיין שום אַטריבוטען, וואָרום דאָס וואָלט געבראַכט — און עס ברייננגט טאַקע אין דער אמת׳ען — צו פערגלייכען איהם מיט מענשען, וואָס איז די גרעסטע אַפּיקורסות פונ׳ם רמב״מ׳ס שטאַנדפונקט. די אויסדרוקען פון תנ״ך, וואו עס ווערט גערעדט וועגען גאָט, ווי וועגען אַ מענשען (למשל: „גאָט האָט געזאָגט״, „גאָט האָט געהערט״ וכדומה), בעדאַרף מען פערשטייהן בלויז בדרך משל אָדער אַלס פערגלייכונגען; נאָר מען בעדאַרף אַזעלכע ווערטער אויסמיידען צו געברויכען, בכדי ניט אַריינצופאַלען אין אַ טעות, אַז די ווערטליכע גלייכהייט אין גאָטס און דעם מענשענס אַטריבוטען איז טאַקע אַן אמת׳ע רעאַלע גלייכהייט. מיר ווייסען מעהר ניט, אַז גאָט איז פאַרהאַן, אָבער ניט, וואָס ער איז. גאָטס אַבסאָלוטע איינציגקייט איז געדרונגען דערפון, וואָס עס קאָן ניט זיין מעהר פון איין „נויטוועגדיג-עקסיסטירענדער״ אָדער פון-זיך-גופא״ עקסיסטירענדער קראַפט; אַנדערש וואָלט זי דאָך געוועזען אַ „מעגליך-עקסיסטירענדע״, ד. ה. די בעשעפעניש פון וואָסער עס איז אַנדער קראַפט. נאָר דאָס איז דאָך כנגד דער הנחה, אַז זי איז די ערשטע קראַפט. דערפון איז על-פי שכל געדרונגען, אַז די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען פון גאָרנישט לויט גאָטס שאַפענדען ווילען (יש מאין), אַז די וועלט-מאַטעריע גופא איז אַ געשאַפענע זאַך און איהר עקסיסטענץ איז איינגעשלאָסען אין די גרעניצען פון דער צייט, וואָרום אויב מיר זאָלען משער זיין, אַז די מאַטעריע עקסיסטירט פון אייביג אָן פאַר דער צייט, דעמאָלט פערגלייכען מיר זי צו דער עקסיסטענץ פון גאָט אַליין, און דאָס הייסט, אַז מיר נעמען אָן די עקסיסטענץ פון צוויי פון-זיך-גופא-עקסיסטירענדע ערשיינונגען, — בכן פאַלען מיר ווידער אַריין אין אַ סתירה מיט דער גרונד-הנחה.

אינ׳ם דאָזיגען פונקט זאָגט זיך דער רמב״ם אָב פון אַריסטאָטעלעס׳עס אָנשויאונגען וועגען דער אייביגקייט פון דער וועלט-מאַטעריע (קדמות-העולם), וואָרום ער אָנערקענט, אַז אַזאַ אָנשויאונג וואָלט געקאָנט אונטערגראָבען דעם יסוד פון דער רעליגיע — די אַבסאָלוטע עקסיסטענץ פון גאָט. נאָר אין די ווייטערדיגע טיילען פון זיין מעטאַפיזיק שטייהט דער רמב״ם ווידער אויפ׳ן באַזיס פונ׳ם אַריסטאָטעליזם. ער נעמט אָן מיט געוויסע שינויים די „לייטער פון די ברואים״ לויט די פעריפּאַטעטיקער (אַריסטאָטעלעס׳עס תלמידים) און שטעלט איין צווישען גאָט און צווישען דער גשמיות׳דיגער וועלט אַ קאַטעגאָריע פון ריינע גייסטער אָדער „אָבגעזונדערטע פערשטאַנדען״ (שכל מופרד), וואָס ווערען אָנגערופען אין דער טראַדיציע מלאכים און וואָס זיינען אַן אויסשטראַלונג פונ׳ם געטליכען שכל. די גשמיות׳דיגע וועלט הויבט זיך אָן פון די העכסטע „מזלות״

האָס דרייהען זיך אייביג אינ'ם לופט-חלל, און ענדיגט זיך מיט דער וועלט פון די פיער סטיכיעס (ד' יסודות: פייער, וואַסער, לופט און ערד), וואו די גראָבע מאַטעריע (חומר) הערשט איבער דער פאָרם (צורה) אָדער איבער דעם בעלעבענדען עצם, וואו אַלץ ליגט אונטער'ן געזעץ פון פערגייהן און טויט.

אינ'ם מענשען זיינען פעראייניגט די מאַטעריע און די פאָרם, צייטליכעס און אייביגעס, גוף און נשמה. די נשמה בעשטייהט פון צוויי יסודות: א) פון דער אינדיווידועלער לעבענס-קראַפט פונ'ם געגעבענעם יחיד און ב) פון אוניווערסאַלען מענשליכען גייסט, אַלס אַ „שכל מופרד". די ערשטע פערשווינדט אינאיינעם מיט'ן גוף, און נאָר דער לעצטער איז אומשטערבליך. הייסט עס, אַז אינגאַנצען אומשטערבליך זיינען בלויז אויסדערוויילטע מענשען, וואָס האָבען געבראַכט צו פולקומענהייט זייער פערשטאַנדיגע, געטליכע נשמה; מענשען פון אַ נידעריגער מדרגה דערגרייכען בלויז צו טיילווייזער אומשטערבליכקייט, וואָס האָט פערשיידענע שטאַפּלען, און בהמות האָבען זי גאָרניט. דאָס שלעכטס אויף דער וועלט איז בלויז אַ רעזולטאַט פונ'ם ענטשטייהן און פערגייהן פון די מאַטעריעלע טיילען, דער גייסט אָבער איז דער מקור פון אַבסאָלוטען גוטס.

בנוגע צו דער פראַגע וועגען „השגחה פרטית" איז דער רמב"ם אַ ביסעל אָבגעטראָטען פון אַריסטאָטעלעס'עס שיטה. די לעצטע נעמט אָן, אַז גאָטס השגחה דרינגט נאָר אַריין אין די ענינים פון די העכסטע הימעלס-ספערען, אָבער די נידעריגע וועלט, די וועלט, וואָס „אונטער דער לבנה" — בלייבט אָהן אַ השגחה. אַזאַ מין הנחה גייהט כנגד דעם רעליגיעזען אמת בכלל און קעגען דער אידישער תורה בפרט, וואָס לויט איהר מישט זיך גאָט שטענדיג אַריין אינ'ם גורל פון מענשען און פעלקער. דער רמב"ם בעזייטיגט די דאָזיגע סתירה דורך אַזאַ פשרה: גאָטס השגחה בעוויזט זיך אין די מענשענס לעבען, ווי ווייט אין זייער נשמה ליגט בעהאַלטען דער טייל פון גאָטהייט — דער „שכל מופרד", אָבער ניט אין דער וועלט פון בהמות, נטיעות און ניט-אָרגאַנישע קערפּערס, וואָס ווערט רעגירט דורך פיזישע געזעצען, וואָס זיינען אַיינגעשטעלט איין מאָל פאַר אַלע מאָל. אין דער מענשהייט גופא איז די השגחה געווענדט מעהר אויף די העכסטע פערשטאַנדיגע יחידים, איידער אויף די נידעריגע. די השגחה בעדייט נאָך ניט, אַז אַלע געשעהענישען אין דער וועלט זיינען בעשטימט פאָראויס: דעם מענשענס ווילען איז פריי און ווערט רעגירט דורך זיין פערשטאַנד.

איבערגייהענדיג ווייטער צו די יסודות פון דער ביבלישער יהדות, שטעלט דער רמב"ם פעסט, אַז די נבואה איז אַ רעזולטאַט פון דער דערנעהענטערונג פונ'ם מענשליכען שכל צום געטליכען און אַז איטליכער מענש, וואָס זיין געדאַנק איז געווענדט צו אַ העכערן ציעל, קאָן אין פערשיידענע מדרגות דערגרייכען צו דער בחינה פון נבואה. צו דער העכסטער מדרגה פון נבואה האָט דערגרייכט משה רבינו, וואָס האָט געהאַט דירעקטע און שטענדיגע פערבינדונגען מיט גאָט, און ניט בלויז דורך צופעליגע „זעהונגען", ווי די אַנדערע נביאים. דער צוועק פון תורת משה איז די השלמה פונ'ם גוף און פון דער נשמה. אַ גאַנצע רייה פון היגיענישע כללים און סאָציאַלע געזעצען רעגולירען דאָס

אויסווייניגסטע לעבען פונ'ם אידען, אַלס מיטגליד פון פאַ־מיליע און געזעלשאַפט. די מצוות ווערען אַיינגעטיילט אין 14 קאַטעגאָריעס. ריידענדיג וועגען די מצוות, וואָס בעדאַרפען ווירקען קעגען דער געצענדיענערי", בעמערקט דער רמב"ם, אַז דער קולט פון די קרבנות אין בית־המקדש איז געווען בלויז אַ צייטווייליגע הנהה דעם דעמאָלטיגען קינדישען צושטאַנד פונ'ם אידישען פאָלק, און דערפאַר טאַקע זיינען די שפעטערדיגע נביאים אַרויסגע־טראָטען קעגען די קרבנות. די דינים וועגען טרפות, טומאות וטהרות און עריות בעדאַרפען צוגעוויהנען צו ריינקייט און אַיינגעהאַלטענקייט. די ימים־טובים גיבען רוה פאַר'ן גוף און פאַר דער נשמה און פערפעסטיגען געוויסע היסטאָרישע זכרונות. די געזעצען וועגען אייגענטום און אָרימע לייט זיינען געגרינדעט אויף די יסודות פון גערעכטיגקייט און מענשען־ליעבע.

מען בעדאַרף בעמערקען, אַז דער רמב"ם שטעלט אומעטום העכער די אינטעלעקטועלע השתלמות, איידער די מאָראַלישע. ער אונטערשיידט פיער מינים פון „קנינים": א) מאַטעריעלע רייכטימער — דאָס איז די נידעריגסטע מדרגה, וואָרום זיי ווירקען ניט אויף דער אויסבעסערונג פונ'ם מענשענס טבע און דערצו ווערען זיי גיך פערשוואונדען; ב) פיזישע געזונדהייט — דאָס איז אַן אייגענס, וואָס גלייך מיט'ן מענשען האָבען עס אויך די נידעריגע ברואים; ג) די השתלמות פון די גוטע מדות — דאָס איז אַ העכערער מין אייגענס, וואָס אויף איהם צו דערגרייכען איז געווענדעט דער גרעסטער טייל פון די רעליגיעזע געבאָטען; נאָר זי גופא איז ניט קיין ציעל פאַר זיך, וואָרום זיטליכע מעלות זיינען וויכטיג אין די בעציהונגען צווישען אַ מענשען מיט זיין חבר אָדער מיט דער געזעלשאַפט; ווען מען זאָל זיך אָבער פאָרשטעלען אַ מענשען אויסער־האַלב דער מענשליכער סביבה, אויסערהאַלב דער געזעלשאַפט, דעמאָלט זיינען אַלע די דאָזיגע גוטע מעלות אומנוציג; הייסט עס, אַז עס איז פאַראַן אַ העכער און אַבסאָלוט גוטס, דאָס איז ד) די השתלמות פון די אינטעלעקטו־עלע תכונות, וואָס בעשטייהט אינ'ם ערקענען די אוניווערסאַלע אמת'ען וועגען דער גאָטהייט און וועגען דער וועלט דורך אַ שטענדיגער פאָרשונג און פילאָסאָפישער בעקלערונג. זאָל דער „המון" הויך שאַצען די השתלמות פון די ערשטע דריי מינים, — דער חכם ווייס, אַז אמת ווערטפול איז די פערטע, די העכסטע מדרגה. די השתלמות פונ'ם אינטעלעקט אָדער ערקענטעניש איז אַ סימן פאַר אַ מענשען פון העכסטען טיפ, פון אַן איבערמענשען, וואָס וועגען איהם זאָרגט בעזונדערס די השגחה פרטית און וואָס ער דערגרייכט צו דער פולקומענער אומשטערבליכקייט.

צוויי הויפט־פונקטען זיינען די כאַראַקטעריסטישע שטריכען פון רמב"ם'ס פילאָסאָפיע: א) וואָס דער פערשטאַנד שטייהט ביי איהם העכער פאַר'ן געפיהל, די ערקענטעניש העכער פון דער עמאָציע אין דעם געביט פון דער רעליגיע, ב) אינטעלעקטועלער אַריסטאָקראַטיזם אינ'ם געביט פון עטיק. דער רמב"ם שטייהט אינ'ם קרייז פון די ווינציג אויסדערוויילטע, אויף די ליכטיגע, אָבער קאַלטע העכסטע שפיצען פונ'ם געדאַנק, וואו דער געפיהל ווערט פערפרוירען

און וואו בלויז דער מעטאַפיזישער ערקענטעניש איז געעפענט אַן אונענדליכע ווייטקייט. ער פערגעסט, אַז די רעליגיע איז אַ בעדערפעניש ניט בלויז פונ'ם שכל, נאָר אויך פונ'ם געמיט, ניט נאָר פון ליכטיגקייט, נאָר אויך פון וואַרימקייט, ניט בלויז פון דעם אָביעקטיווען „אמת", נאָר אויך פון דער סוביעקטיווער „וואָרהאַפטיגקייט". ער איגנאָרירט דעם טיעפען דעמאָקראַטישען יסוד אין דער אַלטער עטיק פון דער יהדות, וואָס מאַכט אַן אונטערשייד צווישען מענשען לויט דער מדרגה פון זיטליכער השתלמות, וואָס אַלע קאָנען דערגרייכען, און ניט לויט דער מדרגה פון אינטעלעקטועלער ענטוויקלונג, וואָס ניט אַלע האָבען די גלייכע מעגליכקייט צו קומען דערצו.

דעם רמב"מ'ס אידעאַל פון „דיינקענדען איבערמענש" איז נעהענטער צו דער העלענישער, איידער צו דער אידישער וועלט-אַנשויאונג. און אויך אין פערשיידענע פרטים פון זיין סיסטעם זאָגט זיך דער רמב"ם אָב פון די היסטאָרישע יסודות פון דער יהדות צוליעב אַריסטאָטעלעס'עס אַנשויאונגען. פונקט ווי אַלע מיטעלאַלטערליכע סכאָלאַסטיקער, האָט ער ניט קיין היסטאָרישע פערספעקטיוו, קיין פאָרשטעלונג וועגען עוואָלוציע, און אַלצדינג איז געגרינדעט ביי איהם אויף אַ קייט פון רעגעלמעסיג געבויטע סילאָגיזמען און פאָרמאַלע מסקנות.

פונדעסטוועגען האָט די פילאָסאָפישע סיסטעם, וואָס איז בעאַרבייט אין „מורה נבוכים", געמאַכט אַ גאַנצע איבערקעהרעניש אין דער ענטוויקלונג פונ'ם אידישען געדאַנק. פון איהר האָט זיך אַ גאָס געטאָן אין אידישען אינטעלעקטועלען לעבען אַ שטראָם פון אַזאַ העלער ליכטיגקייט, אַז אַ סך, וואָס זיינען פערבלענדט געוואָרען דורך איהרע שטראַלען, זיינען דערשראָקענע אָבגעשפרונגען אויף אַהינטער. די זון פון דער פילאָסאָפיע, דער רמב"ם, האָט פערטונקעלט דורך זיין גלאַנץ אַלע פריהערדיגע פילאָסאָפען, פון רב סעדיה גאון ביז ר' אברהם אבן-דאוד. פאַר אַ סך, וואָס האָבען זיך געקווייקעלט צווישען וויסענשאַפט און גלויבען, צווישען פריידיינקעריי און דאָגמע און האָבען ניט געוואוסט, וואוהין זיך צו קעהרען — איז דעם רמב"מ'ס ספר באמת טאַקע געוואָרען אַן עמוד האש. פאַר אַנדערע ווידער איז ער געוואָרען אַ סימבאָל פון אַפיקורסות און כפירה. אינ'ם קאַמף פאַר און קעגען איהם איז שפעטער מאָביליזירט געוואָרען אַ גאַנצע אַרמיי פון דיינקער; ער איז געוועזען די סיבה פון דער אינטעלעקטועלער שפאַלטונג אין דער נאָהענטסטער תקופה.

פאַר אַ קורצער צייט האָט דער „מורה נבוכים" בעקומען אַ ניט-געוויהנליכען נאָמען. איהם האָבען שטודירט אידישע, מוסעלמאַנישע און קריסטליכע טעאָלאָגען. דער אָרטאָדאָקסאַלער מוסעלמאַנישער שריפטשטעלער אַבדו-'ל-לאַטיף, וואָס איז פערזענליך בעקאַנט געוואָרען אין מצרים מיט'ן רמב"ם, האָט זיך אָבגערופען וועגען זיין „מורה", ווי וועגען אַ „שלעכטען ספר, וואָס אונטער'ן אויסרייד צו פערפעסטיגען די יסודות פון דער רעליגיע קאָן ער נאָר זיי אונטערגראָבען". אַן אַנדער אַראַבישער שריפטשטעלער האָט דערקלערט, אַז דער רמב"ם קאָן פערמעהרען אַטעאיסטען צווישען אידען. דעם רמב"ם האָט מען צוגעגלי-

כען צו זיין בן-דוד, דעם אראבישען אריסטאטעליקער אבן-ראשד, וואס מען האט איהם ערקלערט פאר א צעשטערער פון קאראן און מען האט איהם גע-רודפ'ט, ווי אן אפיקורס.

פון דער אנדער זייט האבען די קריסטליכע סכאלאסטיקער פון XIII-טען יאהרהונדערט, און זייער ראש — אלבערטוס מאגנוס, ארויסגענומען א סך זאכען פון דער לאטיינישער איבערזעצונג פונ'ם „מורה" און האבען בעריהמט געמאכט זיין מחבר'ס נאמען.

דעם רמב"מ'ס לעצטע יאהרען.

§ 112. דעם רמב"מ'ס ווערק זיינען פערשפרייט געווארען אין קאפיעס און איבערזעצונגען וואונדערבאר גיך לויט דער מאס פון יענער צייט און האבען ארויסגערופען א ניט-געוויינהליכען אינטערעס אין די קרייזען פון די גע-לערנטע. צום מחבר פלעגען זיך ווענדען סיי אנהיינגער און סיי געגנער מיט דער בקשה צו געבען צו פערשטייהן די אדער יענע פונקטען פון זיין שיטה. עטליכע געלערנטע — צווישען דעם אויך דעם רמב"מ'ס ליעבלינגס-תלמיד, ר' יוסף אבן עקנין, וואס איהם איז געווידמעט דער „מורה" — האבען געפאדערט פונ'ם רמב"ם אן ערקלערונג, פארוואס ער האט אזוי ווי פערשוויגען די דאגמע ועגען תחית-המתים, אין דער צייט וואס די פילאסאפישע אידייע וועגען דער אומשטערבליכקייט פון דער נשמה האט ער גענוי דערוויזען.

דערויף האט דער רמב"ם געענטפערט אין א בעזונדער אויספארשונג („מאמר תחית המתים" אין דער העברייאישער איבערזעצונג, אן ערך אין יאהר 1191), אז ער געפינט טאקע ניט קיין פילאסאפישען בעוויז פאר דער דאגמע פון דער קערפערליכער תחית המתים, נאר ער רעכענט דאס פאר איינעם פון יענע „פאראויסגעזעהענע ניסים", וואס דורך זיי צעשטערט גאט טיילמאלס דעם געזעצמעסיגען גאנג פון דער וועלטס לעבען.

דעם פילאסאף האט אויפגערעגט דאס, וואס מען איז אויף אזא אופן איהם חושד אין זיין אמונה, און אפשר אויך דאס, וואס איהם איז אוממעגליך ארויס-צוזאגען אפען זיין מיינונג איבער עטליכע פראגען פון דער דאגמאטיק. אין זיינע בריעף צו נאהענטע מענשען רעדט ער מיט ביטערניש וועגען די „טפשים און אלטע ווייבער", וואס פאר זיי איז הייליג איטליכע אלטע טראדיציע, וואס שטעלען זיך פאר גאט שיער ניט מיט אויגען און אויערן. ער איז מתרה זיין זוהן, ער זאל ניט לערנען די ספרים פון די פראנצויזישע תלמודיסטען, וואס האבען קיין שום ידיעה ניט אין דער רעליגיאנס-פילאסאפיע, און גיט איהם אן עצה צו לערנען דעם טיעפזיניגען פירוש אויף תנ"ך פון ר' אברהם אבן-עזרא, וואס האט געזאגט דעם אמת און „האט ניט מורא געהאט פאר קיינעם און קיינעם ניט געשוינט". בשעת די מארסעלער געלערנטע האבען געבעטען דעם רמב"ם, ער זאל ארויסזאגען זיין מיינונג וועגען אסטראלאגיע, האבען זיי

בעקומען פון איהם אַ בריעף, וואו עס ווערט שאַרף געטאַדעלט דער „אָבער-גלויבען פון די שטערנזעהערס", וואָס האָט קיין שום שייכות ניט צו דער וויסענשאַפטליכער אַסטראָנאָמיע, וואָס זי איז דער יסוד פון דער מעטאַפיזיק (1194).

פון מאַרסעל, לונעל און פון אַנדערע שטעדט פון דער פראָוואַנס פלעגט דער רמב"ם בעקומען בעגייסטערטע בריעף. מען האָט איהם צוגעגליכען צו משה רבינו, צו רב אשי און צו די גרויסע בויער פון דער יהדות. דער פּאָעט אלחריזי האָט איהם בעזונגען בלשון גוזמא אויף אַזאַ אופן: „אַ סך חכמים פון דער ערד האָבען זיך דערהויבען אויף די הויכקייטען פון שכל, נאָר משה (רמב"ם) האָט אַרויפגעשטייגט צו גאָט".

אַ בעזונדערס פייערדיגען אָנהייגער האָט דער רמב"ם געפונען אין דעם בעוואוסטען איבערזעצער ר' שמואל אבן-תבון (§ 107), וואָס האָט איבערזעצט פון אַראַביש אויף העברייאיש דעם „מורה נבוכים". ר' שמואל האָט איבערזעצט דעם דאָזיגען ספר מיט דערזעלביגער יראת הכבוד, ווי מען איבערזעצט הייליגע ספרים. ער האָט צוגעשיקט צום מחבר דעם כתב-יד און האָט געבעטען, ער זאָל איהם געבען צו פערשטייהן די האַרבע ערטער. אבן-תבון האָט אַפילו אויסגעדריקט דעם פערלאַנג צו אונטערנעמען די ווייטע נסיעה קיין מצרים, בכדי זיך צו זעהן פנים אל פנים מיט'ן טייערן רבי'ן. נאָר דער רמב"ם האָט איהם אָבגעראָטען פון צו פאָהרען; דערביי ווייזט ער איהם אָן אויף זיינע פיעל אַרבייטען, וואָס לאָזען איהם ניט אָבגעבען גענוג צייט אויף צו שמועסען מיט די נאָהענטסטע מענשען. דערביי בעשרייבט ער זיין אַרט לעבען אין יענער צייט (דער בריעף איז אָנגעשריבען אין יאָהר 1199, אין זעקס יאָהר אַרום נאָך סאַלאַדינ'ס טויט, בשעת דער רמב"ם איז געווען הויף-דאָקטאָר ביי זיין זוהן אל-אפדאל).

„איך וואוין אין מצרים (פוסטאַט), און דער סולטאַן אין אַל-קאַ-אירא (אין דער נייער), אויף אַ מהלך פון צוויי תחום-שבת (אַן ערך אַ דריטעל מייל). אַלע טאָג אין דער פריה מוז איך קומען צום סולטאַן; אויב ער גופא ווערט קראַנק אָדער עמיצער פון זיינע קינדער אָדער פרויען, קאָן איך ניט אָבקומען פון קאַאיראָ און פערברייננ אין פּאַלאַץ דעם גרעסטען טייל פון טאָג. טייטמאָל קומט מיר אויס צו היילען בע-אַמטע, וואָס ווערען קראַנק. נאָר אויך אין אַזעלכע טעג, ווען אַלצדינג גייהט כשורה, קאָן איך זיך אומקעהרען קיין פוסטאַט ערשט נאָך האַלבען טאָג, אַן אויסגעהונגערטער. דאָרט געפין איך שוין אין פּירהויז פון מיין שטוב אַ סך מענשען (חולאים) — מוסעלמאַנער און אידען, אָנגעזעהענע פערזאָנען און מענשען פון המון, ריכטער און בעאַמטע, שונאים און גוטע פריינד, וואָס וואַרטען אויף מיין קומען. איך קריך אַראָב פון מיין אייזעל, וואַש זיך און גייה אַרויס צו זיי, בעטען ביי זיי מחילה, זיי זאָלען וואַרטען, ביז איך וועל עפּיס אָבעסען. דערנאָך גייה איך אַרויס צו די קראַנקע, בכדי זיי צו היילען, שרייב צעטלעך און פאָרמעלן פון

רפואות פאַר זייערע קראַנק. אַזוי גייהען אַוועק פון מיר מענשען און עס קומען אָן נייע ביז'ן אָבענד. אַן אַנדערשמאַל זיך איך ביז צוויי אַ זייגער ביי-נאַכט ביי אַ שמועס איבער וויסענשאַפטליכע ענינים, איך רייד און גיב ערקלערונגען, און בעת מעשה ליג איך פאַר מידקייט... שבת קומען צו גייהן צו מיר נאָכ'ן דאַוונען די מיטגלידער פון דער קהילה, און איך וויז זיי אָן, וואָס צו טון אין משך פון אַ גאַנצער וואָך".

ווייטער גיט דער רמב"ם זיין איבערזעצער אָנווייזונגען בנוגע צו דער איבערזעצונג, רעקאָמענדירט פילאָסאָפישע ביכער צום לייענען (אַריסטאָ-טעלעס אין אַראַבישע בעאַרבייטונגען, אַל-פאַראַבי, אבן-סינא און אבן-ראָשד) און בעמערקט, אַז די העכסטע מענשליכע קענטעניש, נאָך דער געטליכער אַנט-פלעקונג, קאָן מען געפינען ביי אַריסטאָטעל'ן.

לויט דעם סולטאַנס בקשה האָט דער רמב"ם אָנגעשריבען אויף אַראַביש אַ ספר וועגען געזונדהייט און לאַנג לעבען (היגיענע). פון די איבעריגע קליינע ספרים דעם רמב"מ'ס בעדאַרף מען נאָך בעמערקען דעם מערקווירדיגען טראַק-טאַט איבער לאָגיק, וואָס איז שפּעטער געוואָרען איבערזעצט אויף העברייאיש אונטער'ן נאָמען „מלות ההגיון".

די אונאויפהערליכע אַרבייט האָט איינגעבראָכען דעם אָרגאַניזם פונ'ם גרויסען דיינקער. אין די לעצטע יאָהרען האָט ער אָפט געקרענקט און האָט זיך בעקלאָגט אויף מידקייט. דער רמב"ם איז געשטאָרבען, נאָך ניט אַלט קיין זיבעציג יאָהר, דעם 13 דעצעמבער (20 טעג אין טבת) אין יאָהר 1204. אין פוסטאַט האָבען געהאַלטען נאָך איהם טרויער סיי אידען און סיי קריסטען. אין ירושלים האָט די אידישע קהילה גוזר געווען אַ תענית און תפילה איבער דעם שווערער אַבידה, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט אָנגעוואָרען דורך זיין טויט. דעם רמב"מ'ס ארון האָט מען אַריבערגעפיהרט קיין ארץ-ישראל און מקבר געווען אין טבריא.

דעם רמב"מ'ס איינציגער זוהן, ר' אברהם, האָט נאָך איהם גע'ירש'עט די שטעל פון אַ הויף-דאָקטאָר און פון אַ „נגיד" איבער די עגיפּטישע אידען. דער טיטעל „נגיד" איז איבערגעגאַנגען בירושה אין רמב"מ'ס משפחה ביז'ן XIV יאָהרהונדערט.

זיבעטער קאפיטעל.

די אידישע קאָלאָניעס אין לאַנד פון די רוסען און אין פוילען.

די מזרח'דיגע קאָלאָניזאַציע: דאָס לאַנד פון די כאַזאַרען און קיעוו. — די מערב-דיגע קאָלאָניזאַציע: פוילין.

די מזרח'דיגע קאָלאָניזאַציע: דאָס לאַנד פון די כאַזאַרען און קיעוו.

§ 113. אין דער געשיכטע פון די אידען פון מערב-אייראָפּע איז דער ערשטער קאָלאָניזאַציאָנס-פּעריאָד שוין לאַנג פערביטען געוואָרען דורך דעם קולטור-אָרגאַניזאַציאָנס-פּעריאָד, — אין דער צייט, וואָס דער אידישער קבוץ אין מזרח-אייראָפּע האָט איבערגעלעבט ערשט דעם ערשטען פון די דאָזיגע פּעריאָדען. דאָ האָבען נאָך אַלץ עקסיסטירט פונאַנדערגעוואָרפענע אידישע קאָלאָניעס, וואָס האָבען זיך געהאַלטען דער עיקר דורך איינוואַנדערער פון אַנדערע לענדער, אָבער עס זיינען ניט געווען קיין קולטורעלע און גייסטליכע צענטרען, וואָס זאָלען זיין פערבונדען אין אַן אווטאָנאָמער געמיינדע-אָרגאַניזאַציע. אין יענער צייט, בשעת דער קריסטענטום איז פערשפּרייט געוואָרען אין לאַנד פון די רוסען און אין פוילען (X — XII יאָהרה.), האָבען אין פערשיידענע פונקטען פון זייערע טעריטאָריעס עקסיסטירט אַלטע אידישע ישובים, אָדער האַנדעלס-פאַקטאָריעס, און עס זיינען געגריגדעט געוואָרען נייע. די געשיכטע פון די דאָזיגע קאָלאָניעס איז פונקט אַזוי טונקעל, ווי די געשיכטע פון די אומקולטיווירטע פעלקער און שבטים, וואָס צווישען זיי האָבען זיי זיך געפונען. אָבער דעם אַלגעמיינעם פּראָצעס פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין מזרח-אייראָפּע קאָן מען ארויסגעפינען אויפ'ן יסוד פון די פערבליבענע מאָנומענטען.

אויף דער טעריטאָריע פונ'ם רוסען-לאַנד האָט די דאָזיגע קאָלאָניזאַציע פונקט אַזו ווי פריהער, זיך געהאַלטען אויף די שטראָמען פון צוויי רעזערוואַרען: פון די לענדער פונ'ם באַגדאַדער חאַליפאַט און פון ביזאַנץ (אויבען, § 77). די האָט זיך קאָנצענטרירט אין די לענדער פון די חאַזאַרען — אויף די צפון'דיגע ברעג-לענדער ביים קאַספּישען, אַזאָווען און שוואַרצען ים, און דערנאָך האָט

זיך אויפגעהויבן צום באַסיין פון דניעפּר און צום געביט פון קיעוו. אין פּוילין איז די אידישע קאָלאָניזאַציע געגאַנגען דער עיקר פון מערב: פון דייטש-לאַנד און בעהמען. ביז די קרייץ-צוגען איז די איינוואַנדערונג פון דאָרט גע-גאַנגען פּאַמעליך און האָט געטראָגן אַ האַנדעלס-כאַראַקטער, שפּעטער איז די דאָזיגע איינוואַנדערונג פערשטאַרקט געוואָרען אַ דאַנק די רדיפות און פּורעניות. די ערשטע וואַנדערונגס-בעוועגונג וועלען מיר אָנרופען „מזרח'דיגע קאָלאָניזאַציע" און די צווייטע — „מערב'דיגע".

אין אָנהויב פונ'ם פעריאָד, וואָס ווערט דאָ בעשריבען, האָבען די שפּע-טערדיגע דרום-רוסישע געגענדען זיך נאָך געפונען אינ'ם ווירקונגס-קרייז פונ'ם האַלב-אידישען חאַזאַרישען קיניגרייך, וואָס האָט געדיענט סיי אַלס אַ וועג פאַר'ן טראַנזיט-האַנדעל צווישען קאַווקאַז און ביזאַנץ און סיי אַלס אַ בעהעלטעניש פאַר די אידען, וואָס זיינען געוואָרען אונטערדריקט אין ביזאַנץ (§ 77). אַן ערך אין יאָהר 960 דערגייהן נאָך צו אונז אָבקלאַנגען פונ'ם חאַזאַרען-לאַנד, אינ'ם בריעף פון איהר לעצטען קיניג אָדער כאַגאַן יוסף צום שפּאַנישען שר חסדאי אבן-שפּרוט (§ 85). אינ'ם דאָזיגען בריעף דערציילט יוסף, אַז די הויפּטשטאָדט פון זיין קיניגרייך ליגט אין יענעם אָרט, וואו דער טייך איטיל (וואָלגאַ) פאַלט אַריין אין ים דזשאָר-דזשאַן (קאַספּישען ים) און אַז דאָרט וואויגען אידען און ישמאלים (אַראַבער); אַז די אַרומיגע שבטים פון אַ גרויסען שטח צאָהלען צינז די חאַזאַרען; אַז די לעצטע היטען דעם אַריינגאַנג אינ'ם טייך איטיל און לאָ-זען ניט אַריין אין קאַספּישען ים די „רוסען", וואָס זיינען גרייט „חרוב צו מאַכען דאָס גאַנצע לאַנד פון ישמעאל ביז באַגדאַד".

אַז די מורא, וואָס דער קיניג יוסף האָט אַרויסגעזאָגט אין זיין בריעף בנוגע צו די רוסען, איז געווען גוט בעגרינדעט, האָט זיך אַרויסגעוויזען גאָר אין גיכען. נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך פעראייניגט אונטער דער אָנפיהרונג פון נאָרמאַנישע, אָדער וואַריאַגישע, פירשטען, האָבען די סלאַווישע שבטים, , וואָס האָבען פריהער געצאָהלט צינז די חאַזאַרען, לא די וואָס אַראָבגעוואָרפען זייער יאָך, נאָר דורך מלחמה-אָנפאַלען האָבען זיי צעשטערט דעם חאַזאַרישען צענטער ביים אויסגוס פון דער וואָלגאַ. דער קיעווער פירשט. סוויאַטאָסלאַוו האָט פערוויסט די חאַזאַרישע לענדער ביים איטיל און גייהענדיג ווייטער טיעף אין לאַנד אַריין האָט ער אַרויסגעשטופּט די חאַזאַרען פון דער געגענד ביים קאַספּישען ים (אין יאָהר 966 אָדער 969). די חאַזאַרען זיינען אַוועק אין זייערע לענדער ביים שוואַרצען ים און האָבען זיך בעזונדערס איינגעפעסטיגט אין דער געגענד פון טאַחריס אָדער קרימער האַלב-אינזעל, וואָס האָט דערנאָך נאָך אַ לאַנגע צייט געהייסען „חאַזאַריען".

דאָס קליינע קיניגרייך פון די חאַזאַרען אין טאַווריס, דער רעשט פון דער גרויסער מאָנאַרכיע, האָט זיך געהאַלטען אַן ערך נאָך אַ האַלבען יאָהרהונ-דערט; אין XI-טען יאָהרהונדערט איז עס אַריינגעפאַלען אין די הענד פון די רוסען און ביזאַנטינער (1016). לויט ווי די טראַדיציע דערציילט, זיינען די מיטגלידער פון דער משפּחה פונ'ם לעצטען כאַגאַן אַנטלאָפען געוואָרען קיין

שפּאַניעז. די חאַזאַרען פון אידישער אמונה, וואָס זיינען פערבליבען אין קרים, האָבען זיך צונויפגעמישט מיט די אָרטיגע אידען אָדער קאַראַאימען.

אויף אַזאַ אופן זיינען די אַלטע אידישע ישובים אויפ׳ן קרימער האַלב-אינזעל מיט אַ מאָל בעדייטענד אויסגעוואַקסען. חוץ דעם האָט זיך אויך ניט אָבגעשטעלט דער שטרוים פון די אידישע וואַנדערער, וואָס זיינען אינאיינעם מיט די גריכען געגאַנגען צו די צפון׳דיגע ברעגען פון שוואַרצען ים, דערביי איז אויך דאָ אַ טייל פון די אויסוואַנדערער בעשטאַנען פון קאַראַאימען, וואָס זיינען געווען בעזונדערס פיעל אין דער ביזאַנטינישער מלוכה.

די ממשלה פון די פּעטשענעגען און פּאָלאָווצעס, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט אין טאַווריס נאָכ׳ן פאַלען פון די חאַזאַרען, האָט ניט אויסגעוואָרצעלט די אַלטע טראַדיציעס, און דאָס לאַנד הייסט נאָך אין די מאָנומענטען פון XII יאָהרהונדערט „חאַזאַריאַ". דער רייזענדער ר׳ פּתחיה פון רעגענסבורג האָט בעזוכט אַן ערך אין יאָהר 1175 „די לענדער פון די קדרים און חאַזאַרען, וואָס זיינען אָבגעטיילט פון אַנאַנד דורך אַ ים-צונג", ד. ה. דעם קאָנטינענטאַלען טייל פון טאַווריס, וואו עס האָבען אַרומגעוואַנדערוועט די פּאָלאָווצעס (קדרים), און דעם קרימער האַלב-אינזעל, וואָס צווישען זיי ליגט דעם פּערעקאָפּער אויסגוס און דער ערד-פּאַס מיט׳ן זעלביגען נאָמען. ער האָט געפונען אינ׳ם לאַנד פון די קדרים ניט אמת׳ע אידען, נאָר „מינים", ד. ה. אַפּקורסים אָדער סעקטאַנטען, וואָס „גלויבען ניט אין די מסורות פון די חכמים, עסען די שבת׳דיגע סעודה אין דער פינסטער, ווייסען ניט קיין תפילות און ברכות לויט׳ן תלמוד און האָבען אַפילו קיין מאָל ניט געהערט וועגען תלמוד". לויט דער שילדערונג איז צו זעהן, אַז דאָ גייהט די רייד וועגען די קאַראַאימער.

נאָר דער ראַיאָן פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע איז ניט געווען בעגרעניצט דורך די ברעגען פון שוואַרצען ים און דורך קרים. אין דער מאָס וואָס עס איז געשאַפען געוואָרען דאָס קיעווער פירשטענטום, וואָס האָט בעקומען זיין פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פון די וואַריאַגישע פירשטען און זיין קירכליכע פון די גריכישע מאָנאַכען, — זיינען אידישע וואַנדערער געגאַנגען אויך אַהין. זיי זיינען געגאַנגען סיי פון דרום, פון „חאַזאַרען-לאַנד", סיי פון ביזאַנץ נאָך די גריכען.

אַ לעגענדע, וואָס איז אַריינגענומען געוואָרען אין דער אַלטער רוסישער כראָניק און וואָס איז בעלויכטען אין ביזאַנטיניש-קירכליכען גייסט, לאָזט אויך אידען נעמען אַן אָנטייל אין דער „אויספּרובונג פון די אמונות", וואָס עס האָט געמאַכט דער קיעווער פירשט וולאַדימיר (986). בשעת וולאַדימיר האָט געוואָלט זיך אָבזאָגען פון הייזדענטום, זיינען צו איהם געקומען „חאַזאַרישע אידען („жидове козарстїи") און האָבען געזאָגט: „מיר האָבען געהערט, אַז עס זיינען געקומען קריסטען און פריידיגען זייער אמונה; נאָר זיי גלויבען אין דעם, וועמען מיר האָבען געקרייציגט, מיר אָבער גלויבען אין איין איינציגען גאָט, דעם גאָט פון אַברהם, יצחק און יעקב". האָט וולאַדימיר געפרעגט די אידען:

„אין וואָס זשע בעשטייהט אײַער תּורה?" — און האָט בעקומען אַן ענטפער: „דיך זאָל זיין, ניט עסען קיין חזיר-פלייש אָדער האָזען-פלייז און היטען שבת". — „און וואו איז אײַער לאַנד?" — האָט געפרעגט דער פירשט. „אין ירושלים", האָבען געענטפערט די אידען. „און איהר וואוינט דאָרט?" — האָט ער געפרעגט. „ניין — האָבען געענטפערט די אידען — וואָרום גאָט איז דערצאָרענט געוואָרען איבער אונזערע עלטערן און האָט אונז צעזייהט איבער די לענדער פאַר אונזערע זינד, און אונזער לאַנד האָט ער אָבגעגעבען די קריסטען".

דעמאָלט האָט וולאַדימיר געזאָגט: „ווי אַזוי זשע לערנט איהר אַנדערע, בשעת גאָט האָט אײַך פערוואָרפען און צעזייהט? אויב גאָט וואָלט אײַך ליעב געהאַט, וואָלט איהר דאָך ניט געווען צעוואָרפען איבער פרעמדע לענדער. שוין זשע ווילט איהר אונז אויך אָנטון אַזאַ בייז?"

דאָס, וואָס די אידען האָבען זיך בעזעצט אין קיעוו גראָד אין דערזעלביגער צייט, בשעה די רוסען האָבען אָנגענומען די גריכיש-קריסטליכע אמונה, איז געוועזן סימפּאַטאָמאַטיש פאַר דער ווייטערדיגער געשיכטע. שוין גאָר אין דער אַלטער קולטור פון קיעווער פירשטענטום ווייזט זיך אַרויס דער ביזאַנטינישער גייסט בנוגע צום אידישען פאָלק. פעאָדאָסי דער גרינדער פון דער פּעטשערסקע לאַווראַ (1057 — 1174) האָט געלערנט די קיעווער אײַנוואוינער צו לעבען בשלום מיט גוטע פריינד און שונאים, „אָבער נאָר מיט אייגענע שונאים, און ניט מיט גאָטס שונאים"; גאָטס שונאים אָבער זיינען די אידען און די אפּיקורסים, „וואָס האַלטען אַ קרומען גלויבען". אינ'ם „לעבען" פונ'ם פּעטשערער פעאָדאָסי, וואָס עס האָט פערפאַסט דער כראָניק-שרייבער נעסטאָר, ווערט דערציילט, אַז דער דאָזיגער מאָנאַך האָט געהאַט אַזאַ מנהג: ער פלעגט אויפשטייהן ביינאַכט און גייהן בעהאַלטענערהייד צו אידען, בכדי זיך מתוכּח צו זיין מיט זיי וועגען קריסטוס'ן; ער האָט זיי געמאַכט פאָרוואורפען, אָנגערופען זיי געזעצלויזע און אָבטריניגע, און האָט מיט אַ כּיון זיך גערייצט מיט זיי, בכדי זיי זאָלען איהם טויטען פאַר'ן „גלויבען אין קריסטוס'ן" און מאַכען איהם אויף אַזאַ אופן פאַר אַ קדוש. קעגען אידען און אידישקייט האָבען געפּריידיגט אויך די קיעווער מיטראָפּאָליטען אילאַריאָן און יאָאַן, וואָס האָבען געלעבט אין איין צייט מיט פעאָדאָסי (אַן ערך אין די יאָהרען 1050 און 1080).

די דאָזיגע פּריידיגט פון אומטאָלעראַנץ איז ניט געבליבען אָהן רעזולטאַטען. אין אָנהויב פון XII יאָהרהונדערט האָט די קיעווער אידישע קאָלאָניע איבערגעלעבט דעם ערשטען פּאָגראָם. אונטער דעם גרויספירשט סוויאַטאָפּאָלק II (1093 — 1113) האָבען די קיעווער אידען גענאָסען פולע פרייהייט צו פערנעמען זיך מיט האַנדעל און מלאכות. דער פירשט האָט געשיצט אידען און אָנגעטרויט עטליכע פון זיי צונויפקלייבען די אָבצאָהלונגען אויף די סחורות און די איבעריגע הכנסות פונ'ם פירשט. פאַר דער דאָזיגער פרייהייט האָבען זיי בעדאַרפט אָבקומען נאָך סוויאַטאָפּאָלק II-טענס טויט (1113). די קיעווער אײַנוואוינער האָבען אַיינגעלאַדען אויפ'ן גרויספירשטליכען טראָן וולאַדימיר מאָנאָמאַך, נאָר אַזוי ווי יענער איז ניט אַזוי גיך געקומען, זיינען אין שטאָדט פּאַר-

בעקומען אוםאָרדענונגען. דער קיעווער המון איז אױפגעשטאַנען, האָט צעראַבירט דעם הויף פונ'ם טיסיאַצקי פּוטיאַטאַ, און דערנאָך האָט ער זיך אַלאָז געטאָן קעגען די אידען און צערויבט זייער אייגענס. די גוטגעזינטע אײַנוואױנער פון קיעוו האָבען אַוועקגעשיקט אַ צווייטע געזאַנדשאַפט צו מאָנאָמאַכ'ן מיט דער ערקלערונג, אַז אויב ער וועט זיך נאָך זאַמען, וועט דער פּאָגראָם נאָך גרעסער ווערען. דעמאָלט איז מאָנאָמאַך געקומען און האָט אײַנגעשטעלט רוה אין דער הויפּטשטאָדט.

די אידען זײַנען געבליבען וואוינען אין קיעוו. אין יאָהר 1124 האָבען זיי שטאַרק געליטען פון אַ שרפה, וואָס האָט פערוויסט אַ בעדייטענדען טייל פון שטאָדט. אין די כראָניקען פון יענער צייט (1146 — 1151) ווערט דערמאָנט אַ „אידישער טויער" אין קיעוו. קיעוו האָט צוגעצויגען אידישע סוחרים, אַלס דער גרעסטער צענטער, וואָס דורך איהם איז געגאַנגען דער האַנדעל פון מערב-אײראָפּע מיט די געגענדען פון שוואַרצען ים און מיט אַזיען.

וועגען קיעוו דערמאָנען די דעמאָלטיגע אידישע רייזענדע ר' בנימין פון טודילא און ר' פתחיה פון רעגענסבורג (1160 — 1190). דער ערשטער רעדט וועגען קיניגרייך „רוס", וואָס ציהט זיך פון די טויערן פון פּראָג ביז די טויערן פון קיעוו, אַ גרויסער שטאָדט ביים גרעניץ פון דער מלוכה". דער צווייטער דערציהלט, אַז ער איז אַרויסגעפאָהרען פון רעגענסבורג און איז אַוועק פון דאָרט קיין פּראָג, די הויפּטשטאָדט פון בעהמען; פון פּראָג איז ער אַוועק קיין פּוילין, פון דאָרט — קיין „קיעוו, וואָס אין מדינת רוסיה", און דערנאָך איז ער געגאַנגען זעקס טעג ביז'ן טייך דניעפּר, איז אַריבער דעם דניעפּר און איז געקומען צום ברעג פון שוואַרצען ים און אין קרים.

נאָך די קרייץ-צוגען, ווען אין פּוילין זײַנען אויפגעקומען בעדייטענדע אידישע קאָלאָניעס פון דייטשע אויסוואַנדערער (ז. דעם ווייטערדיגען §), איז אַ טייל פון די דאָזיגע אויסוואַנדערער אָנגעקומען אין קיעווער פירשטענטום. די דייטשע רבנים פון XII יאָהרה. דערמאָנען אין זייערע חיבורים וועגען די נסיעות פון דייטשע אידען מיט סחורות קיין „רוסיא" אָדער „סקלאַוואָניאַ" (סלאַוואָניע, סלאַווישע לענדער). די אידען פון רוסען-לאַנד, וואָס האָבען ניט געהאַט קיין אייגענע רבנים בר-סמכא'ס, פלעגען זיך ווענדען מיט שאלות צו די רבנים פון דייטשלאַנד, אָדער זיי פלעגען שיקען יונגע לייט צו בעקומען תלמודישע בילדונג אין מערב. אין דער אידישער ליטעראַטור פון XII יאָהרהונדערט ווערען דערמאָנט די נעמען פון „ר' יצחק פון טשערניגאָוו און ר' משה פון קיעוו"; דער לעצטער האָט זיך איין מאָל געווענדט מיט אַ שאלה צו בעוואוסטען באַגדאַדער גאון ר' שמואל בן עלי.

די מערב'דיגע קאָלאָניזאַציע: פּוילין.

§ 114. אין יענער עפּאָכע הויבען אָן אַרויסצוטרעטען פון דער היסטאָרישער פינסטערניש אויך די אידען פון פּוילין. די סלאַווישע לענדער אויף די גרענעצן פון ווייכסעל און וואַרטע, וואָס זײַנען נעהענטער צו מערב-אײראָפּע,

האָבען געמוזט נאָך אין אַ פריהער עפּאָכע צוציהען פון דאָרט אידען, אַלס טוער פונ׳ם אינטערנאַציאָנאַלען האַנדעל. מען מוז משער זיין, אַז די אידען פון די דייטשע פראָווינצען פון קאַרל דעם גרויסענס אימפּעריע האָבען נאָך אין IX-טען יאָהרהונדערט געפיהרט אַ האַנדעל מיט די שכנישע סלאַווישע לענדער און זיינען געקומען צו פאָהרען מיט סחורות קיין פוילין. אַזעלכע סוחרים פלעגען טיילמאָלס זיך סוף-כל-סוף בעזעצען אויף שטענדיג אין די נייע מדינות.

ידיעות וועגען אידען אין דער פאָרקריסטליכער פוילין זיינען דערגאַנגען צו אונז אין דער פאָרם פון טונקעלע לעגענדעס. נאָכ׳ן טויט פונ׳ם פוילישען פירשט פּאָפּעל — דערציילט איין לעגענדע — האָבען די פוילען זיך צונויפגעקליבען אויף אַ פאָלקס-פערזאַמלונג אין קרושעוויץ, בכדי אויסצוקלייבען אַ נייעם פירשט (אַן ערך אַרום דער העלפט פון IX יאָהרה.). לאַנג האָבען זיי געשטריטען, וועמען אויסצוקלייבען, און צולעצט האָבען זיי בעשלאָסען, אַז דער, וועמען עס וועט אַריין דער ערשטער אין שטאָדט אויפ׳ן אַנדערן טאָג, יענער וועט זיין פירשט. האָט געטראָפען, אַז דער ערשטער איז געקומען אין שטאָדט אויף מאָרגען אין דער פריה אַ איד אברהם פאָרכאָווניק; האָט מען איהם גענומען און פראָקלאַמירט פאַר אַ פירשט; נאָר ער האָט זיך אָבגעזאָגט פונ׳ם דאָזיגען כבוד און איז בעשטאַנען דערויף, אַז פאַר אַ פירשט זאָל ווערען אויסגעקליבען דער קלוגער פּאָליאַק פּיאַסטאַ, וואָס איז געוואָרען דער שטאַם-פאָטער פון דער דינאַסטיע פּיאַסטען.

אַן אַנדער לעגענדע בעהויפּטעט, אַז צום סוף פון IX יאָהרהונדערט זאָלען אידישע דעפּוטאַטען פון דייטשלאַנד זיין געקומען צום פוילישען פירשט לעשעק מיט דער שתדלנות, ער זאָל אַריינלאָזען זייערע פאָלקסברידער אין פוילין. דערויף האָט לעשעק, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעפרעגט באריכות וועגען דער אידישער רעליגיע און מאָראַל, געגעבען זיין הסכמה. דעמאָלט האָבען אידען אָנגעהויבען מאַסענווייז צו קומען פון דייטשלאַנד קיין פוילין (894) און האָבען דאָ בעקומען בעזונדערע שריפטליכע פּריווילעגיעס (905). וואָס זאָלען שפּעטער זיין פערלאָרען געגאַנגען אָדער צעשטערט געוואָרען.

די דאָזיגע טונקעלע לעגענדעס, וואָס האָבען ניט קיין שום פאַקטישע ריכטיגקייט און וואָס זיינען משמעות ערשט שפּעטער פאַבריצירט געוואָרען, ענטהאַלטען דאָך אין זיך אַ קערנדיל פון היסטאָרישען אמת אין דעם זין, וואָס זיי ווייזען אָן, אַז עס האָבען עקסיסטירט אידישע קאָלאָניעס אין דער היידנישער פוילין און אַז זיי שטאַמען פון דייטשלאַנד.

דאָס, וואָס אין פוילין האָט זיך פערשפּרייט דער לאַטיינישער קריסטענטום (זינט דעם יאָהר 966), וואָס מחמת דעם איז פוילין געוואָרען אָבהייניג פון די דייטשע קיסרים און פון די גרויסע גלחים, האָט געמוזט בעלעבען די האַנדעלס-פערבינדונגען צווישען ביידע לענדער, און אַלס, פועל יוצא דערפון, פערשטאַרקען דעם צופלוס פון אידישע סוחרים און קאָלאָניסטען. נאָר די דאָזיגע פאַמעליכדיגע האַנדעלס-קאָלאָניזאַציע וואָלט ניט געבראַכט צו קיין ממשות׳דיגע

רעזולטאַטען, איבּ אויסערגעוויהנליכע געשעהעניששען וואָלטען ניט אַ טריב געטאָן קיין פּוילין מיט אַמאָל גרויסע מאַסען אידען.

אַזאַ פערשטאַרקטע אימיגראַציע האָט זיך אָנגעהויבען זינט דער צייט פונ׳ם ערשטען קרייץ-צוג. מיר האָבען שוין געזעהן (§ 97), אַז דער ערשטער געדאַנק פון די בעהמישע אָדער טשעכישע אידען נאָכ׳ן אָנפאַל פון די קרייץ-פאָהרער — איז געווען צו לויפען אין דער שכנישער פּוילין, וואו עס האָט ניט געגרייכט די צעשטערונגס-קראַפט פון „קריסטוס׳עס חייל״. דער בעהמישער פירשט ווראַטיסלאַוו האָט אָבּגענומען ביי די אימיגראַנטען, וואָס זיינען שוין געשטאַנען אויפ׳ן וועג, זייער אייגענס, נאָר דאָס האָט מסתמא ניט געשטערט אַ סך פון זיי אויסצוואַנדערן פון לאַנד, וואו סיי דאָס פאָלק און סיי די רעגירונג זיינען געווען פיינדליך קעגען זיי (1098).

זינט יענער צייט איז די אימיגראַציע פון אידען קיין פּוילין פון די געגענדען ביים ריין און ביי דער דאָנוי געגאַנגען אָהן אַן אויפהער, שטאַרקער ווערענדיג אין מאָמענטען, בשעת די רדיפות פלעגען זיך פערשאַרפען (1146 — 1047, 1196). די דאָזיגע אימיגראַציע איז געגאַנגען צום טייל איבער בעהמען, לויט׳ן מאַרשרוט, ווי עס איז געפאָהרען דער רייזענדער פון יענער צייט ר׳ פתחיה. אין דער צייט פונ׳ם אונטערנעמונגסלוסטיגען פּוילישען פירשט באָלעסלאַוו קריוואָאוסטי (1102 — 1039), וואָס האָט געהאַט בעציהונגען מיט׳ן רוסישען פירשט סוויאַטאָפּאָלק דעם II-טען, דעם בעשיצער פון אידען, זיינען אידישע סוחרים געגאַנגען מיט סחורות פון גאַליציען קיין קיעוו.

אין דער צווייטער העלפט פון XII יאָהרהונדערט לאָזען זיך מערקען אין פּוילין, וואָס איז דעמאָלט געווען פונאַנדערגעפאַלען אויף עטליכע פירשטענטימער, די ערשטע סימנים פון צוזאַמענשטויסונגען צווישען קריסטען און אידען. דאָס איז צו זעהן דערפון, וואָס דער גרויספּוילישער פירשט מיעטשיסלאַוו III דער אַלטער (1173), וואָס האָט געזאָרגט פאַר איינשטעלען די געזעצליכע אָרדענונג, האָט געהאַלטען פאַר נויטיג צו פערבאָטען, מען זאָל ניט בעגייהן קיין געוואַלדטאַטען קעגען אידען, בעזונדערס, אַז די ווילדע פּוילישע שילער זאָלען ניט מאַכען קיין אָנפאַלען אויף זיי; די, וואָס האָבען זיך פערשולדיגט אין אַזעלכע אָנפאַלען, האָבען געמוזט צאָהלען אַ גרויסען קנס.

בכלל האָבען די רעגירער על-פי-רוב געשיצט אידען. אין דער רעגירונגס-צייט פון מיעטשיסלאַוו דעם אַלטען, קאַזימיר דעם גערעכטען און לעשעק דעם ווייסען (1205) האָבען אידען געהאַלטען אין אַרענדע דעם גיסען פון די מטבעות אין גרויס-און קליין-פּוילין. אויף די דאָזיגע מטבעות, וואָס זיינען פערבליבען ביז היינטיגען טאָג, זיינען די נעמען פון די פירשטען בעצייכענט מיט העברייאישע אותיות. גאָר אין אָנהויב פון XIII יאָהרהונדערט האָבען די אידען געהאַט ערד און מאַיאָנטקעס אין פּוילישער שלעזיען (1207— 1203).

אויף אַזאַ אופן זיינען פערשפּרייט געוואָרען אידישע קאָלאָניעס אין פּוילין. די האַנדעלס-פערבינדונג צווישען די דאָזיגע קאָלאָניעס מיט מערב-איי-

ראָפּע האָט פעסטגעשטעלט אויך אַ געוויסען גייסטיגען צוזאַמענהאַנג צווישען זיי און צווישען די אידישע קולטור-צענטרען אין איירָאָפּע. לויט ווי עס זאָגט עדות אַ בעהמישער געלערנטער פון יענער צייט, ר׳ אליעזר, האָבען די אידען פון פוילין, רוסלאַנד און בעהמען, וואָס האָבען ניט געהאַט ביי זיך קיין אייגענע ידעי-תורה, גערופען צו זיך געלערנטע פון אַנדערע לענדער (מסתמא פון דייטש-לאַנד). די דאָזיגע אויסלענדישע געלערנטע פלעגען דיענען ביי זיי אַלס רבנים, חזנים אין די שולען און מלמדים פאַר אַ בעשטימטער שכירות. פון דער אַנדער זייט, פלעגען אידען פון פוילין פאָהרען קיין אויסלאַנד, בכדי צו לערנען תורה, אַזוי ווי דאָס פלעגען טון די אידען פון רוסלאַנד. די פוילישע אידען האָבען איבערגענומען ביי די דייטשע אידען זייער שפּראַך—אַ דייטשען דיאַלעקט, וואָס האָט זיך שפּעטער אויסגעבילדעט אַלס די אידישע שפּראַך — ווי אויך זייער גייסטליכע קולטור און זייער געמיינדע-אָרגאַניזאַציע. דאָס אַלץ האָט זיך נאָך געפונען אין עמבריאָנאַלען צושטאַנד און האָט זיך ענטוויקעלט בהדרגה אין דעם שפּעטערדיגען היסטאָרישען פעריאָד.